STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10602

# GANTS AMERIKE

Ph. Krantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# גאנץ אמעריקא

## דיא געשיכטע פון אלע לענדער אין דער נייער וועלט

פון

## פיליפ קראנץ

פערפאסער פון „קולטור געשיכטע“, „אמעריקא בעפאר קאלומבוס“, „געשיכטע פון דער
גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן“, א. ז. וו.

---

## אין צוויי בענדער

מיט 125 בילדער און לאנדקארטען, מיט אן אינדעקס און מיט אן הקדמה פון
אלכסנדר הארקאווי

---

## צווייטער באנד

דיא געשיכטע פון דיא רעפובליקען פערו, באליוויא, טשילי, עקוואדאר,
קאלאמביא, ווענעצועלא, ארגענטינא, אורוגוואי, פאראגוואי,
בראזיליען, האיטי, סאן דאמינגא און קובא.

---

ארויסגעגעבען פון
עדיוקיישאנאל קאמיטע פון ארבייטער רינג
175 איסט בראדוויי
ניו יארק
1915

TRADES UNION LABEL COUNCIL 46

# ALL AMERICA

## HISTORY OF ALL THE COUNTRIES IN THE NEW WORLD

By

**PHILIP KRANTZ**

IN TWO VOLUMES.



COPYRIGHT, 1915
BY THE

EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY,
New York.

# אינהאַלט פון צווייטען באנד


## די געשיכטע פון פערו:

זייט

ערשטער קאפיטעל:

די אינקאַ אימפעריע ........................ 325

צווייטער קאפיטעל:

די שפּאַנישע עראָבערונג ........................ 338

דריטער קאפיטעל:

די מחלוקות, שלאַכטען און אויפשטאַנדען פון די שווערד־העלדען ...... 346

פערטער קאפיטעל:

די קאָלאָניאַלע צייט ........................ 355

פינפטער קאפיטעל:

דער קאַמפּף פאַר אונאַבהענגיגקייט ........................ 361

זעקסטער קאפיטעל:

די ערשטע פופציג יאָהר פון אונאבהענגיגקייט ................ 367

זיעבעטער קאפיטעל:

די אורזאַכען און רעזולטאַטען פון דער מלחמה מיט טשילי .......... 376

די געשיכטע פון באָליוויא ........................ 387

## די געשיכטע פון טשילי:

ערשטער קאפיטעל:

די שפּאַנישע עראָבערונג און הערשאַפט ........................ 399

צווייטער קאפיטעל:

פון דעם אויפשטאַנד געגען שפּאַניען ביז דעם קריעג מיט פערו ...... 407

דריטער קאפיטעל:

דער לעצטער בירגער־קריעג און די לעצטע גרענעץ־שטרייטען ........ 416

די געשיכטע פון עקוואַדאָר ........................ 429

די געשיכטע פון קאָלאָמביא ........................ 445

## די געשיכטע פון ווענעצועלא:

ערשטער קאפיטעל:

די שפּאַנישע הערשאַפט און דער קאַמפּף פאַר אונאבהענגיגקייט ...... 463

צווייטער קאפיטעל:

דיקטאַטורען און בירגער־קריעגען ........................ 477

## די געשיכטע פון אַרגענטינאַ:

ערשטער קאַפּיטעל:
די שפּאַנישע בעזעצונגען און הערשאַפט אין די לאַ פּלאַטאַ געגענדען .... 487
צווייטער קאַפּיטעל:
דער קאַמפף געגען ענגלאַנד און די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג ........ 499
דריטער קאַפּיטעל:
שפּאַלטונגען און בירגער־קריעג ........................ 510
פערטער קאַפּיטעל:
די בערוהיגונג און אויפבליהונג פון לאַנד .................. 521
אידישע איינוואַנדערער און קאָלאָניעס אין אַרגענטינאַ ............ 530

## די געשיכטע פון אורוגוואַי ........................ 535

## די געשיכטע פון פּאַראַגוואַי:

ערשטער קאַפּיטעל:
די אינדיאַנער און די יעזואיטישע רעפּובליק ............... 551
צווייטער קאַפּיטעל:
אויסערגעוועהנליכע דיקטאַטורען ........................ 560

## די געשיכטע פון בראַזיליען:

ערשטער קאַפּיטעל:
די ענטדעקונג און די ערשטע פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס ............ 575
צווייטער קאַפּיטעל:
דער קאַמפף מיט פראַנצויזען און האָלענדער ................. 586
דריטער קאַפּיטעל:
די קאָלאָניעס אין 18־טען יאהרהונדערט .................. 598
פערטער קאַפּיטעל:
די מאָנאַרכיע און דאָם פּעדראָ דער ערשטער ................. 607
פינפטער קאַפּיטעל:
די אימפּעריע אונטער דאָם פּעדראָ דעם צווייטען ................ 618
זעקסטער קאַפּיטעל:
די רעפּובליק און די ערשטע פּרעזידענטען ................. 624

## די געשיכטען פון די רעפּובליקען אין וועסט אינדיען:

די אַנטילען .................................. 637
די רעפּובליק האַיטי ............................ 640
די רעפּובליק סאַן דאָמינגאָ ........................ 646
די קובאַנער רעפּובליק ........................... 648

אינדעקס פון די נעמען און ענינים אין ביידע בענדער .............. 663

# בילדער און לאַנד־קאַרטען פון צווייטען באַנד

זייט

פראַנציסקאָ פּיזאַראָ ..... 326
אַ וואַנד פונ׳ם זונען־טעמפעל אין קוזקאָ ..... 329
חורבות פון אַ זונען־טעמפעל אויף אַן אינזעל פון טיטיקאַקאַ ..... 330
דער קלויסטער פון די בתולות פון דער זון ..... 332
פערואַנערד קריעגער אונטער די אינקאַס ..... 334
אינקאַ הואַסקאַר דער 13־טער ..... 335
די אינקאַ קעניגין קאַיאַהואַנאַ ..... 335
פערואַנער מומיעס ..... 336
שטאָפען איינצואוויקלען די מומיעס ..... 337
גענעראַל ראַמאָן קאַסטילאַ ..... 371
די קאַרטע פון די ניטראַט־געגענדען ..... 377
גענעראַל קאַסערעס ..... 381
גענעראַל בערנאַרדינאָ אָ׳היגינס ..... 409
טשיליאַנער קאַסטיומען אין 1840 ..... 412
פּרעזידענט באַלמאַסעדאַ ..... 418
אינדיאַנער אין עקוואַדאָר ..... 430
קאַסטיומען פון די איינגעבאָרענע לעבען קוויטאָ ..... 437
אַ וועג איבער די אַנדעס־בערג ..... 446
די אַנדעס־בערג לעבען באָגאָטאַ ..... 448
אַ שיפעל פון אינדיאַנער אויף׳ן מאַגדאַלענאַ טייך ..... 451
פּרעזידענט ראַפאַעל נוניעז ..... 459
סימאָן באָליוואַר, ליבעראַטאָר ..... 471
א ווענעצועלער סאָלדאַט אין 1870 ..... 481
גענעראַל כאָזע דע סאַן מאַרטין ..... 505
באַרטאָלאָמע מיטרע ..... 519
דר. כאָזע ראָדריגעז גאַספּאַר פראַנסיאַ ..... 562
פראַנציסקאָ לאָפּעז ..... 556
אַ דאָרף פון טופּי־אינדיאַנער ..... 582
דאָם פּעדראָ דער ערשטער ..... 612
זשאָזע באָניפאַציאָ דער אַנדראַדאַ ..... 614
דאָם פּעדראָ דער צווייטער אין 1835 ..... 619

דאָם פּעדראָ דער צווייטער אין 1889 ........ 621
קרוינפּרינצעסין איזאַבעלאַ ........ 622
גענעראַל בענדזשאַמין קאָנסטאַנט ........ 625
פּרעזידענט קאַמפּאָס סאַלעס ........ 632
פּרעזידענט טאָמאַס עסטראַדאַ פּאַלמאַ ........ 656
פּרעזידענט באָזע מיגועל גאָמעץ ........ 657
פּרעזידענט מאַריאָ מענאָקאַל ........ 659

# פערו

# Peru

## ערשטער קאפיטעל.

# דיא אינקא אימפעריע

מיר וועלען יעצט נאָכפאָלגען דיא וועגען פון דיא שפּאַנישע קאוואליערען און אוואַנטוריסטען, וועלכע ווערען געוועהנליך גערופען קאָנקוויסטאַדאָרעס (ערָאָבערער), נאָך זיד־אַמעריקא. דער ערשטער און דער וויכטיגסטער פון דיזע וועגען פאַנגט זיך אָן אין דער שטאָדט פּאַנאַמאַ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען, וויא מיר ווייסען עס שוין, אין 1519. פון דאָרטען האָט זיך עס פראַנציסקאָ פּיזאַראָ אַ לאָז געטהאָן, אַ יאָהר צעהן נאָך דעם אויבען־בעשריבע־נען טראַגישען טויט פון באַלבאָאַ, צו פּערו, וואו עס האָט זיך געפונען דיא גרעסטע און ציוויליזירטעסטע פון אַלע אינדיאַנער מלוכות.

דיזער גרעסטער פון דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס נאָך הערנאַנדאָ קאָרטעז, דעם ערָאָבערער פון מעקסיקאָ, וועמען ער האָט געזוכט נאָכצואַהמען, וויא ווייט ער האָט עס געקענט, איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ יאָהר צוואַנציג פאַר דיא ענטדעקונג פון אַמעריקאַ אין דער שפּאַנישער פּראָווינץ עסטראַמאַדורא, וואו עס זיינען אויך געבאָרען געוואָרען באַלבאָאַ און פיעלע אַנדערע שווערד־העלדען. פון זיינע יונגע יאָהרען ווייסט מען כמעט גאָר ניט. ער איז געווען דער אונ־געזעצליכער זוהן פון אַן אַדעלמאַן מיט'ן נאָמען גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס פּאָלקאָווניק (קאָלאָנעל) אין שלאַכטען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם בעריהמטען שפּאַנישען גענעראַל גאָנסאַלוואָ דע קאָרדאָוואַ אין זיד־איטאַליען. נור זיין פּאָטער האָט זיך אפנים גאַנץ וועניג געזאָרגט וועגען איהם. מען דערצעהלט, אַז פראַנציסקאָ איז אין זיינע אינגעלשע יאָהרען געוועזן אַ פּאַסטוך. יעדענפאַלס איז עס זיכער, אַז ער האָט קיין בילדונג גע־קראָגען. ער האָט אפילו ניט געקענט לעזען און אונטערשרייבען זיין אייגענעם נאָמען. אָבער אַלס שווערד־העלד האָט ער געהאַט וועניג גלייכע צו זיך אין זיין צייט.

ער האָט אפנים געהערט צו דיא ערשטע גליקזוכער אין דער נייער וועלט. מען ווייס, אַז ער האָט אַנטהייל גענומען אין דיא עקספּעדיציעס פון אַלאָנזאָ דע אָבעדאָ און פון באַלבאָאַ. אונטער פּעדראָ אַריאַס דע אַווילאַ, דעם גובערנאַ־

טאָר פון דאריען און גרינדער פון דער שטאָדט פאַנאמאַ, האָט פיזאראָ געקראָגען אַ "רעפּאַרטימענטאָ" און האָט אָנגעפאַנגען צו בעשעפטיגען זיך מיט פיה־צוכט. אָבער ער איז ניט געשאַפען געוואָרען צו אַזאַ פריעדליכע בעשעפטיגונג און איבערהויפט צו בלייבען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט. ער האָט זיך

פראַנציסקאָ פיזאראָ

אַרומגעטראָגען נאָך באַלבאָאַ'ס טויט מיט פלענער צו ערָאָבערען דיא געהיימ־ניספאָלע זידליכע על־דאראדאָס. אָבער ער איז געווען צו אָרים זיי דורכצו־פיהרען. ערשט אין 1522 האָט ער געקראָגען אין פאַנאמאַ צוויי מיטהעלפער, אַ גלח מיט'ן נאָמען הערנאַנדאָ דע לוק און אַן אַדעליגען שווערד־העלד מיט'ן נאָמען דיעגאָ דע אַלמאַגראָ. זיי האָבען געשלאָסען אַ קאָנטראַקט, אַז זיי זאָלען

זיך צוטהיילען גלייך מיט אַלעם. וואָס עס וועט זיי געלינגען צו עראָבערען אין זיד־אַמעריקאַ. זייערע ערשטע פערזוכען האָבען זיך אָבער טרויעריג געענדיגט. אַלע צוזאַמען האָבען זיי ניט געהאַט גענוג מיטעל צו אָרגאַניזירען אַזאַ עקספּע־דיציע, וואָס זאָל קענען צוציהען אַ היבשע צאָהל פון דיא שווערד־העלדען, וועל־כע האָבען אַלץ מעהר אויסגעוואַנדערט פון שפּאַניען צו זוכען גאָלד אין דער נייער וועלט. ניט אַכטענדיג אויף אונגעהייערע שווירינקייטען, אויף שרעק־ליכע געפאַהרען און אויף הונגער, האָט פּיזאַראָ דאָך דערגרייכט אין 1527 מיט אַ הייפעלע אַוואַנטוריסטען ביז צום פּאָרט טומבעץ אין נאָרד פון פּערו, וואו ער האָט שוין געקענט קריגען גענויערע בעריכטען וועגען דיא גרויסע און רייכע אימפּעריע פון דיא אינקאַס, דיא "זונען־קינדער".

דיא אויסקינפטע וואָס פּיזאַראָ האָט געקראָגען אין טומבעץ האָבען איהם געצייגט, אַז אָהן גרעסערע מיטעל און מעהר מיטהעלפער וועט ער גאָר נישט קענען אויפטהאָן אין אַזאַ גרויסער אימפּעריע. אַזוי וויא דער גובערנאַטאָר פון פּאַנאַמאַ האָט זיך ענטזאָגט צו שטיצען דיזע אונטערנעהמונג, האָט פּיזאַראָ בעשלאָסען צו ווענדען זיך דירעקט צום קעניג נאָך הילפע. אין זומער פון 1528 איז ער דאַרום אָבגעפאָהרען פון פּאַנאַמאַ נאָך שפּאַניען, וואו ער האָט ניט נור געהערט זעהר פיעל וועגען דיא העלדענטהאַטען פון הערנאַנדאָ קאָרטעץ ביי דער עראָבערונג פון מעקסיקאָ, זאָנדערן האָט אויך געהאַט אַ געלעגענהייט צו זעהען דיזען גרויסען קאָנקוויסטאַדאָר, וועלכער איז אָנגעקומען מיט טרי־אומף אין שפּאַניען ענדע 1527, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דער געשיכטע פון מעקסיקאָ. אַזוי האָט עס צופעליג פּאַסירט, אַז דיא צוויי גרעסטע קאָנקוויס־טאַדאָרעס האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין זייער פּאַטערלאַנד, איינער אין פולען גלאַנץ נאָך דער צערשטערונג פון דער גרעסטער אינדיאַנער אימפּעריע אין נאָרד־אַמעריקאַ, דער אַנדערער אין דער ערוואַרטונג צו צושטערען דיא גרעס־טע אינדיאַנער אימפּעריע אין זיד־אַמעריקאַ.

דער קעניג, קאַרל דער פינפטער, האָט גראַדע גינסטיג אויסגעהערט פּיזאַ־ראָ'ס פּלאַן, און אין 1529 איז אונטערגעשריעבען געוואָרען אין טאָלעדאָ, וואו עס האָט זיך דאַמאָלס געפונען דער קעניגליכער הויף, דער בעריהמטער קאָנ־טראַקט, וועלכער האָט בעשטימט דיא פּליכטען און פּריווילעגיעס פון פּיזאַראָ. מיט דער געשריעבענער קעניגליכער ערלויבניס אין האַנד האָט פּיזאַראָ שוין געקענט אָרגאַניזירען אַ שטאַרקע עקספּעדיציע. אַ סך שווערד־העלדען זיינען דאַן צוגעשטאַנען צו איהם, דאַרונטער אויך זיינע ברידער, וועלכע האָבען גע־שפּיעלט זעהר וויכטיגע ראָלען אין דער צייט פון דער עראָבערונג פון פּערו.

פּיזאַראָ האָט געהערעכענט, אַז עס וועלען גענוג זיין עטליכע הונדערט שווערד־העלדען מיט אייניגע קאַנאָנען און פּערד איינצונעהמען דיא אינקאַ־אימפּעריע אַזוי וויא דאָס איז גענוג געווען פאַר קאָרטעץ'ן איינצונעהמען דיא אַצטעקען־

אימפּעריע. דיא רעזולטאַטען האָבען געצייגט, אַז ער האָט קיין טעות ניט געהאַט אין דיזע רעכנונגען. ווען ער איז אָנגעקומען אין 1530 צוריק פון שפּאַ־ניען נאָך פּאַנאַמאַ, איז עס בעשלאָסען געוואָרען צווישען דיא דריי שותפים, אַז ער זאָל גלייך אָבפאָהרען נאָך פּערו מיט דיא אַוואַנטוריסטען, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים און וועלכע ער האָט צוגעצויגען אין פּאַנאַמאַ און דאַריען, און אַז אַלמאַגראָ זאָל נאָכפאָלגען אַזוי שנעל, וויא עס וועט איהם גע־לינגען צו קריעגען נאָך שווערד־העלדען אין ניקאַראַגואַ און אין אַנדערע פּונקטען פון צענטראַל אַמעריקאַ.

דיא ווינטען זיינען געווען אַזעלכע גינסטיגע, ווען פּיזאַראָ מיט אונגעפעהר אַ פּאָאָר הונדערט שווערד־העלדען האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אויף עטליכע שוואַכע און קליינע זעגעל־שיפען, וועלכע מען האָט דאַן געקענט אויפבויען אין פּאַנאַמאַ, אַז אין דרייצעהן טעג איז עס זיי געלונגען פאַרבייצושווימען דיא געפעהרליכע ברעגען וואָס ציהען זיך כמעט אָהן האַפענס אַ מייל 700 צום זיד פון פּאַנאַמאַ ביז צו דער היינטיגער רעפּובליק עקוואַדאָר, וועלכע איז דאַן געווען אַ טהייל פון דער אינקאַ־אימפּעריע. אין 1531 האָבען זיי געלאַנדעט אין טומ־בעץ און זיינען אַזוי צוגעקומען צו דער נאָרדליכער פּראָווינץ פון פּערו גופא.

דיא אינקאַ־אימפּעריע האָט צו דער צייט פון קאָלומבוס'עס רייזע דער־גרייכט איהר העכסטע שטופע. זיא האָט זיך געצויגען איבער דיא העכסטע פּלאַטאָס פון זיד־אַמעריקאַ אַ מייל 3000 אין דער לענג, מייסטענס צום זיד פון עקוואַטאָר. נור אין קיין פּונקט איז זיא ניט ברייטער געווען פון 400 מייל. איהר שטח, אונגעפעהר אַ מיליאָן סקווער מייל, איז היינט פערנומען פון דיא רעפּובליקען פּערו, באָליוויאַ, עקוואַדאָר און טהיילווייז פון דיא רעפּובליקען טשילי און אַרגענטינע. דיא בעפעלקערונג איז דאַן געווים געווען גרעסער, וויא היינט אויף דעם זעלבען שטח. היסטאָריקער פון פּערו שאַצען דיא בע־פעלקערונג פון דער אינקאַ־אימפּעריע צווישען 10 און 20 מיליאָן נפשות. איהר אַלטע הויפּט־שטאָדט מיט'ן נאָמען קוזקאָ האָט זיך געפונען אויף אַ פּלאַטאָ וואָס איז 13,000 פוס הויך איבער'ן ים.

דער צענטער פון דער פּערואַנער ציוויליזאַציאָן איז געווען אַרום טיטיקאַקאַ, דיא גרעסטע לעיק (אָזערע) אין זיד־אַמעריקאַ און איינע פון דיא העכסטע אויף דעם ערד־קוגעל. ווען אייגענטליך דיזע ציוויליזאַציאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען, ווייס מען ניט און מען וועט עס וואהרשיינליך קיין מאָל ניט דער־געהען. מען האָט געפונען חורבות פון זעהר אַלטע טעמפּלען און אויסגעגראָבען פערשיעדענע זאַכען, וועלכע זיינען שטומע עדות פון אַ גרוי־אַלטע קולטור אויף דיא פּלאַטאָס פון דיא אַנדעסען־בערג, וואו דיא שפּיצען זיינען בעדעקט מיט אייביגען אייז אפילו אונטער דעם סאַמע עקוואַטאָר. עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ פערהעלטניסמעסיג הויך־ציוויליזירטע מלוכה, וויא דיא שפּאַניער האָבען

געפונען אין פערו בשעת זיי זיינען צוגעקומען צו איהרע ברעגען (אין מאנכע הינ־
זיכטען איז דיא קולטור פון דיא אינקאס געווען א העכערע זאגאר פאר דיא שפא־
נישע און בכלל פאר דיא אייראפעאישע איז מיטעלאלטער), איז געווען דער רע־



א וואנד פון דעם זונען־טעמפעל אין קוצקא.

זולטאט פון א קולטורעלער ענטוויקלונג אין פערלויף פון יאהרהונדערטע. מלוכות
זיינען דארטען אויפגעקומען און געפאלען, נייע קריעגערישע שטאמען און פעל־
קער האבען בעהערשט אדער פעריאגט דיא אלטע, וועלכע זיינען ביסלעכווייז

געוואָרען פריעדליכע אַקערבויער. אַזוי האָט עס פּאַסירט אין דער אַלטער וועלט אויך אין היסטאָרישע צייטען און אַזוי איז עס געוויס געווען דער פאַל אין דער נייער וועלט, נור אין אַ קלענערער מאָס, ווייל ניט נור זיינען דאָ דיא בעפעלקערונגען געווען קלענער, זאָנדערן דיא געגענדען וואו ווילדע שטאַמען האָבען געקענט שטייגען אויף אַ קולטור־לייטער און וואו עס האָבען געקענט אויפקומען מלוכות, זיינען געווען זעהר בעשרענקטע צוליעב קלימאַטישע און בכלל פיזישע בעדינגונגען, וויא מיר וויסען עס שוין פון דיא ערשטע קאַפּיטלעך אין דיזען בוך.



חורבות פון אַ זונען־טעמפּעל אויף אַן אינזעל פון לעיק טיטיקאַקאַ.

מאַנכע פון דיא חורבות פון דיא אַלטע טעמפּלען אַרום טיטיקאַקאַ ציינען, אַז זיי האָבען געקענט געבויט ווערען נור אויף'ן בעפעהל פון הערשער מיט אַזאַ אונבעשרענקטער מאַכט וויא דיא פּרעה'ס. ווען מען נעהמט נאָך אין בעטראַכט, אַז ביז צו זייער צוזאַמענשטויס מיט דיא שפּאַניער האָבען דיא פּערואַנער גאָר ניט געוואוסט פון אייזען און גאַנץ ווייניג פון קופּער, קען מען זיך פאָרשטעלען, וויא פיעל שקלאַווען עס האָבען געמוזט צוזאַמענגעטריעבען ווערען צו בויען אַזעלכע טעמפּלען און פּאַלאַצען.

דיא אינקאַס זעלבסט האָבען געהערט צו אַ קריעגערישען שטאַם, וואָס האָט

זיך אריינגעריסען אין דיא געגענדען אַרום טיטיקאַקאַ און קוצקאָ ניט זעהר לאַנג צוריק פאַר דיא לעצטע הערשער דאָרטען — דיא שפּאַניער. אייניגע בעריכטען וועגען דיא אינקאַ־אימפעריע פיהרען צום שלוס, אַז זיא איז געגרינדעט געוואָרען אויף דעם פּלאַץ פון אַ פריהערער אונגעפעהר אַ יאָהר 400 פאַר דיא ערשיינונג פון דיא שפּאַניער דאָרטען. דער אָנפאַנג פון דיזער אימפעריע איז אַרומגערינגעלט, וויא געוועהנליך, מיט וואונדער און לעגענדען, פון וועלכע מען קען אַרויסקריגען עפּעס אַ קערענדעל פון אַ ווירקליכע פּאַסירונג ערשט נאָך לאַנגע און גרינדליכע פאָרשונגען פון געלעהרטע אַרכעאָלאָגען, לינגוויסטען און היסטאָריקער.

דיא מיטגליעדער פון דעם הערשענדען אינקאַ־שטאַם האָבען זיך געהאַלטען פאַר דיא "קינדער פון דער זון" און זיינען אַלס אַזעלכע פערעהרט געוואָרען פון דיא מאַסען אַקערבויער אויף דעם גרונד פון אַ לעגענדע וועגען אַ הימלישע פּאָאָר, מאַנקאָ קאַפּאַק און מאַמאַ עלאָ, ברודער און שוועסטער און צוגלייך אויך מאַן און פרוי, וואָס דיא זון, ריכטיגער דער זונען־גאָט, האָט אַרונטערגעשיקט אויף דער ערד צו בעלעהרען און ציוויליזירען דיא ווילדע מענשען. דיזע פּאָאָר, פון וועלכע דיא אינקאַס האָבען עס געפיהרט זייער אָבשטאַמונג, האָט צוערשט געגרינדעט דיא שטאָדט קוצקאָ, וואָס בעדייטעט "נאָפּעל" און וואָס דיא פּערואַנער האָבען אָנגענומען פאַר דעם מיטעלפּונקט פון דער ערד. אַזוי וויא דער פונדאַמענט פון דער רעליגיאָן דאָרטען איז בעשטאַנען אין אַ פערגעטערונג פון דער זון אַלס דעם אָנפאַנג פון לעבען, האָט מען אויך פערגעטערט איהרע קינדער און שטעלפערטרעטער אויף דער ערד אין דיא פּערזאָנען פון דיא קעניגע און פון דער גאַנצער פאַמיליע פון אינקאַס.

דיא פּערואַנער אימפעריע איז בכלל געווען אַ טהעאָקראַטישע. דיא מערקווירדיגע קאָמוניסטישע איינפיהרונגען וועגען דיא פערטהיילונג און בעאַרבייטונג פון פעלדער זיינען אייגענטליך געווען אַ רעזולטאַט פון דער הערשאַפט פון דיא פּריעסטער, וועלכע האָבען אַלע געהערט און געמוזט געהערען צום אינקאַ־שטאַם. אין דיא הענד פון דיא מיטגליעדער פון דיזען שטאַם זיינען געווען קאָנצענטרירט דיא פּאָליטישע מאַכט, דיא עקאָנאָמישע מאַכט און דיא רעליגיעזע מאַכט. אין דער אַלטער וועלט האָבען אויך עקזיסטירט טהעאָקראַטישע מלוכות, דאַרונטער ספּעציעל דיא אידישע מיט איהרע כהנים און מיט דיא קאָמוניסטישע איינפיהרונגען פון שמיטה און יובל, אָבער אין ערגעץ, מיט אויסנאַהמע סיידען פון דער יעזואיטישער הערשאַפט אין פּאַראַגוואַי, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען, איז וואַהרשיינליך דיא טהעאָקראַטיע ניט געווען אַזוי שטאַרק וויא אין פערו אונטער דער הערשאַפט פון דיא אינקאַס. עס איז ניט איבערטריבען צו זאָגען, אַז יעדער שריט פון אַ פּערואַנער איז געווען רעגולירט

פון זייער רעליגיאָן, וועלכע האָט זיך ביסלעכווייז דערהויבען פון דער געוועהנלי־כער פערעהרונג פון נאַטור־קרעפטע, פון אַ גראָבען געצענדיענסט, ביז צום בע־גריף פון איין גאָט אַלס שעפּפער פון דער וועלט.

דאָס לאַנד איז בעטראַכט געוואָרען אַלס קהל'שע אייגענטהום. פּאַקטיש האָט עס געהערט צום אינקאַ־קעניג אַלס פערטרעטער פון דעם זונען־גאָט אויף דער ערד און אַלס פּאָטער פון פאָלק. דיא פעלדער זיינען פון צייט צו צייט פערטהיילט געוואָרען צווישען שטאַמען און פאַמיליען נאָך אַ געוויסער סיסטעם און מאָס. יעדער איינער האָט געמוזט אַרבייטען נאָך זיינע קרעפטע און פע־



דער קלויסטער פון דיא בתולות פון דער זון.

היגקייטען אונטער דער אויפפּאַסונג פון דיא בעאַמטע, פּריעסטער און עלטסטע פון דיא געמיינדען גופא. דיא פּראָדוקטען, סאַי פון אַקערבוי, סאַי פון פיה־צוכט, זיינען ווידער פערטהיילט געוואָרען נאָך אַ געוויסער סיסטעם. איין חלק האָט געהערט צום קעניג און זיינע בעאַמטע, אַ צווייטער חלק — צו דיא פּריעסטער אַלס מעשר און אַ דריטער חלק — צום פאָלק. ווען עס פלעגט טרעפען אַן אונגערעטעניס אין איין אָרט, פלעגט מען אַהין צושטעלען דיא נויטיגע פּראָדוקטען פון דיא זאַפּאַסען אין אַנדערע ערטער, פון דיא רעגיערונגס־שפּייכלער. אַנשטאָט שריפטען (פון אַן אַלפאַבעט און שריפטקונסט בכלל האָ־

בען דיא פערואַנער גאָר ניט געוואוסט) פלעגען זיך דיא בעאַמטע און פריעסטער בענוצען מיט קאָלירטע שנירלעך און קניפלעך, דיא זאָ־גענאַנטע קוויפוס.

דיא בעאַמטע, וועלכע האָבען אויפגעפאַסט, אַז דיא חלוקה פון דיא פעלדער און פראָדוקטען זאָל אויסגעפיהרט ווערען לויט דיא מנהגים, פאָרשריפטען און דיא אינטערעסען פון כלל, האָבען אויך געזאָרגט, אַז מען זאָל בעאַרבייטען וואָס בעסער אַלע שטיקער לאַנד אין דיא טהאָלען לעבען טייכען און אויף דיא בערג, וועלכע האָבען נור געטויגט פאַר אַקערבוי, און אַז מען זאָל אויך גראָבען קאַנאַלען פאַר דיא איריגאַציאָן (קינסטליכע בעוואַסערונג) פון פעלדער און וועגען און בריקען פאַר דעם פערקעהר צווישען דיא שטעדט און פראָווינצען. פון דיא טהאָלען, וואו עס האָט זיך געפונען א פעטער באָדען, פלעגען דיא פערואַנער אַקערבויער שלעפּען ערד אין קערב צו בעדעקען דיא זייטען פון שטיינערנע בערג. זיי האָבען געזוכט צו אוטיליזירען יעדען אָרט ניט בלויז פאַר אַקערבוי בכלל, זאָנדערן אויך פאַר דיא פאַסענדסטע פּראָדוקטען. זיי האָבען אויפגעטהאָן וואונדער אויף דיא הויכע פּלאַטאָס, וואו דער קלימאַט איז אַ מעסיגער אונטער דעם עקוואַטאָר, און אין דיא טהאָלען פון דיא שטראָמען, וועלכע רייסען זיך אַרונטער פון דיא בערג, וואָס זיינען אייביג בעדעקט מיט אייז, אין אָבגרונדען און שניידען דורך דיא הייסע און זאַמדיגע ברעגען ביים פּאַסיפישען אָקעאַן, דיא וויסטעניסען, וואו עס פאַלט נאָך וועניגער רעגען וויא אין זאַהאַראַ. ביז היינט צו טאָג בענוצען זיך דיא שפּאַניער מיט דיא וועגען, קאַנאַלען און רעזערוואואַרען, וואָס זיינען נאָך געבליבען פון דיא אינקאַ־צייטען.

דיא פערשפּרייטונג פון דער הערשאַפט פון דיא אינקאַס פון קוצקאָ צום זיד און נאָרד האָט זיך געצויגען אין פערלויף פון דריי הונדערט יאָהר פאַר דיא שפּאַנישע עראָבערונג. דיא גרעסטע פון דיא אינקאַ־קעניגע זיינען געווען: יופאַנקווי, וועלכער האָט בעזיעגט אין 13טען יאָהר־הונדערט דיא פערבונדענע טשאַנקאַ־שטאַמען אין דיא טהיילען פון פערו, וואָס ציהען זיך צום נאָרד פון קוצקאָ, און וועלכער האָט געקראָגען דעם טיטול פאַטשאַקוטעק, וואָס עס מיינט "רעפאָרמאַטאָר פון דער וועלט", און נאָך איהם הואַינאַ קאַפאַק, וועלכער האָט איינגענומען דיא מלוכה פון דיא קאַראַ־שטאַמען אין דיא געגענדען, וואו עס געפינט זיך היינט דיא רעפובליק עקוואַדאָר מיט דער אַלטער הויפּט־שטאָדט קוויטאָ.

הואַינאַ קאַפאַק, וועלכער האָט פערשפּרייט זיין מלוכה צום נאָרד ביז קאָלאָמביאַ און צום זיד ביז דיא קאַלטע געגענדען פון טשילי און אַרגענטינאַ, איז געשטאָרבען אין 1526 אין קוויטאָ, אונגעפעהר מיט אַ יאָהר פאַר דער ערשטער לאַנדונג פון פּיזאַראָ אין דעם פאָרט פון טומבעז. פאַר זיין טויט האָט ער

צוטהיילט זיין ריזיגע אימפעריע צווישען צוויי פון זיינע זיהן מיט דיא נעמען הואסקאר און אטאהואלפא. הואסקאר איז געוועזן דער עלטעסטער זוהן און אויך דער געזעצליכער יורש נאך אלע דינים פון דיא אינקאס, ווייל זיין מוטער



פערואנער קריעגער אונטער דיא אינקאס.

איז געוועזן א אינקא־פרינצעסין. אטאהואלפא'ס מוטער איז אבער געוועזן דיא טאכטער פון דעם בעזיעגטען קעניג פון קוויטא. הואסקאר האט דערפאר גע־קראגען ניט נור דעם גרעסטען און עלטערען חלק פון דער אימפעריע מיט דער

הויפט־שטאָדט קוצקאָ, זאָנדערן איז אייך בעטראַכט געווען פאר דעם אויבער־
האַר אין די נאָרדליכע פּראָ־
ווינצען מיט דער הויפּט־
שטאָדט קוויטאָ, וועלכע הו־
אינאַ קאַפּאַק האָט איבערגע־
לאָזען פאר אַטאַהואַלפּאַ.

אינקאַ הואַסקאַר דער דרייצעהנטער.

דיא ברידער האָבען זיך אָבער ניט געקענט אויסגלייכען וועגען דיא ירושה. אַ מחלוקה וועגען דיא פּראָווינצען ביי דיא גרענעצען האָט געפיהרט צו אַ לאַנגען און בלוטיגען בירגער־קריעג, וואָס האָט זיך געענדיגט צו גונסטען פון אַטאַהואַלפּאַ, וועמעס הויפּט־קאָמאַנדיר קוויז־קוויז האָט אין אַלע שלאַכטען בעזיעגט דיא מחנות, וואָס הואַסקאַר האָט געגען איהם אַרויסגעשיקט אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין אינגערען ברודער הואַנקאַ אַוקוי. שליסליך, נאָך אַ שלאַכט לעבען קוצקאָ, וואו הואַסקאַר'ס גענעראַלען האָבען צוזאַמענגעקליבען אַן אַרמעע פון 70,000 מאַן, איז דיזער אינקאַ אַליין געפאַנגען געוואָרען. דאַן האָט זיך דיא אַלטע הויפּט־שטאָדט גלייך אונטערגעגעבען צו אַטאַהואַלפּאַ'ס זיעגרייכען גענעראַל קוויזקוויז און דיא וויכטיגע אַנהענגער פון הואַסקאַר, וועלכע האָבען געהאַט דעם

דיא אינקאַ־קעניגין קאַיאַ הואַנאַ.

שלים־מזל אַריינצופאַלען אין דיא הענד פון דיא זיעגער, זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען.

אטאהואלפא אליין איז אין פערלויף פון דיא פיער יאהר, וואס דיזער בירגער־קריעג האט זיך געצויגען, פערבליבען אין דיא נארדליכע פראווינצען. ווען ער האט געקראגען דיא נאכריכט, אז זיין גענעראל קוויזקוויז האט געפאנגען הואסקאר׳ן און איינגענומען דעם צענטער פון דער אינקא־מלוכה, האט ער זיך א לאז געטהאן מיט א קליינער ארמעע פון קוויטא נאך קוצקא, אום זיך צו קרוינען אלס דער הערשער איבער דער גאנצער פערואנער אימפעריע. נור ווען



פערואנער מומיעס.

ער איז צוגעקומען צו דער שטאדט קאכאמארקא, האט ער געקראגען דיא ערשטוינענדע בשורה, אז א פאאר הונדערט ווייסע מענשען מיט בערד, מיט אונגעהייערע חיות צום רייטען און מיט אויסערארדענטליכע געוועהר האבען געלאנדעט ביי דיא ברעגען פון טומבעז. מען קען זיך פארשטעלען, וואס פאר אן איינדרוק דיזע בשורה האט געמאכט אויף דעם אינקא הערשער מיט זיינע ראטהגעבער. מען האט זיך דאן דערמאנט אן דיא געשיכטען, אז מיט עטליכע

יאָהר פריהער איז אַ שיף געשוואומען לעבען דיא ברעגען פון עקוואַדאָר און נאָרד־פערו מיט אונבעקאַנטע מענשען, וואָס האָבען זיך אָבגעשטעלט אין איי־ניגע ערטער צו בעטען שפייז און צו שטעלען פראַגען. נאָך אַ בעראַטהונג פון



שטאָפען איינצואוויקלען דיא פערואנער מומיעס.

דעם אינקאַ מיט זיינע מיניסטאָרען און גענעראַלען איז עס געבליבען צו שיקען שלוחים אויסצופרעגען די פרעמדע, וואס זיי ווילען און צו וואָס זיי זיינען געקומען.

## צווייטער קאפיטעל.

# דיא שפּאַנישע עראָבערונג

מיר ווייסען שוין, ווער דיזע פרעמדע זיינען געווען. אטאהואַלפּא האָט בעשלאָסען צו ווארטען אין קאַכּאַמאַרקאַ אויף אַן אַנטוואָרט פון דיזע פרעמדע צו זיינע שלוחים. ווען עס איז אָנגעקומען דיא אַנטוואָרט פון פּיזאַראָ, אַז ער דאַנקט פאר דיא פריינדליכע אויפנאַהמע און אַז ער וועט באַלד אַליין קומען אין קאַכּאַמאַרקאַ צו זעהען דעם גרויסען אינקאַ, האָט אַטאַהואַלפּאַ, וועלכער איז נאַטירליך געוועזן נייגעריג צו זעהען אַזעלכע אויסערגעוועהנליכע מענשען, בעשלאָסען ווייטער צו ווארטען דאָרטען. איהם האָט זיך געווים ניט גע'חלומ'ט אַז דיזע בעגעגעניס וועט זיך ענדיגען מיט זיין געפאַנגענשאַפט און היגריכטונג און אַז אַנשטאָט איהם מיט זיין זיעגרייכער אַרמעע וועלען אריינקומען אין דער הויפּט־שטאָדט קוזקאָ אַ הייפעלע שפּאַניער אונטער דער קאָמאַנדע פון פּיזאַראָ.

דער פּלאַן וואָס פּיזאַראָ האָט אויסגעארבייט, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען זיין בעריהמטען מאַרש פון דעם פּאָרט פּאַיטאַ נאָך קאַכּאַמאַרקאַ (אַ שטרעקע פון אַ 200 מייל) איז געווען אַזאַ געוואַגטער, אַז עס גלויבט זיך גאָר ניט וויא אַזוי מען האָט איהם געקענט אויספיהרען. דעם 15טען נאָוועמבער 1532, ווען פּיזאַראָ איז אָנגעקומען אין קאַכּאַמאַרקאַ, איז זיין "אַרמעע" בעשטאַנען פון 183 מאַן מיט 62 פערד און 2 קליינע קאַנאָנען. אָט מיט דיזער הייפעלע שווערד־העלדען האָט ער עס בעשלאָסען צו פאַנגען דעם אונבעשרענקטען און פערגעטערטען הערשער פון אַ ריזיגער אימפּעריע!

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז פּיזאַראָ צוזאַמען מיט דע סאָטאָ און אַנ־דערע זיינע אַדיוטאַנטען, וועלכע האָבען איהם מוטהיג געהאָלפען אין דיזער געוואַגטער אונטערנעהמונג, האָבען ניט איבערלעגט און אַרומגעטראַכט יעדען שריט זייערען פון דעם מאָמענט, ווען זיי האָבען אָנגעפאַנגען דעם מאַרש נאָך קאַכּאַמאַרקאַ ביז זיי איז געלונגען צו פאַנגען אַטאַהואַלפּאַ'ן און דורך דעם צו בעהערשען פּאַקטיש דיא פּערואַנער אימפּעריע. פּיזאַראָ איז גראַדע געווען אַ זעהר פּראַקטישער מאַן, ניט ווענינער אויסגערעכענט, וויא העלדענמוטהיג. ער האָט זיך זעהר געשיקט בענוצט מיט דיא אינערליכע שטרייטען און פיינד־

ליכקייטען פון דיא פערואנער נאך א זעהר בלוטיגען בירגער־קריעג, וויא אויך מיט דעם צוטרויען און דיא נאכלעסיגקייטען פון אטאהואלפא, נור בעזאנדערס מיט דער פערגעטערונג פון אן אינקא. זיין רעכנונג, אז וויא נור עס וועט איהם געלינגען צו פאנגען אטאהואלפא'ן, וועט ער ניט נור געזיכערט זיין געגען דיא אטאקעס פון דיא פערואנער, זאנדערן ער וועט אויך קענען בעקומען מאסען גאלד און זילבער און געווינען שליסליך פאר זיין פאטערלאנד דיזע אימפעריע, וועלכע איז געוועזען גרעסער און רייכער פאר דיא אצטעקישע — האט זיך ארויס־געוויזען א גאנץ ריכטיגע.

וויא נור אטאהואלפא האט געלאזט וויסען, אז ער וועט אריינקומען אין שטאדט און אויפנעהמען דיא פרעמדע, האט פיזארא זיך גענומען צוגרייטען איהם צו פאנגען. דיא שפאניער האבען געקראגען פאר זייער לאגער אן אפע־נעם פלאץ, ארומגערינגעלט מיט סאלידע ווענט און הייזער פון שטיינער. ווען אטאהואלפא איז געבראכט געווארען אויף א טראגבעטעל, ארומגערינגעלט פון פרינצען, גענעראלען און דיענער, אלע אונבעוואפענט, אין דיזען פלאץ אזוי וויא אין א פאסטקע, איז ער בעגעגענט געווארען בלויז פון פיזארא און עטליכע אנדערע שווערד־העלדען. אלע איבריגע זיינען געוועזען אויסגעשטעלט אין זייער פולער בעוואפנונג, מיט זייערע פאנצירען, שווערדען און ביקסען, הינטער דיא ווענט און אין דיא הייזער, אז זיי זאלען זיך ניט ווארפען אין דיא אויגען. דיא פערד זיינען געשטאנען אנגעזאטעלט לעבען דיא געפאנצירטע רייטער, און דיא קאנאנען זיינען געוועזען אנגעלאדען.

דער ערשטער פון דיא שפאניער, וואס איז צוגעגאנגען צום אינקא, איז געוועזען א גלח מיט'ן נאמען וואלווערדע. אטאהואלפא איז געלעגען אנגעבויגען אויף דעם טראגבעטעל, וואס איז אויפגעהויבען געווארען אויף דיא פלייצעס פון דיא טרעגער, און האט מיט נייגיריגקייט געווארט, וואס דיא פרעמדע וועלען האבען צו זאגען. דער גלח האט זיך געשטעלט אנטקעגען איהם מיט א צלם אין איין האנד און מיט דער ביבעל אין דער אנדער האנד און האט אנגעהויבען צו ריידען, וויא עס איז געוועזען אבגעמאכט אויף דעם קריעגס־ראטה פון פיזארא און זיינע לייטענאנטען. אן אינדיאנער יונגע האט איבערזעצט דעם גלח'ס ווערטער, וויא פיעל ער האט עס געקענט. ווען דער אינקא האט פון איינִיגע ווערטער פערשטאנען, אז דיא פרעמדע פערלאנגען גאר פון איהם, דעם אלמעכ־טיגען הערשער אויף דער ערד, אז ער זאל אנערקענען אלס אויבערהאר א פרעמ־דען קעניג און זאל אננעהמען א פרעמדען גלויבען, איז ער נאטירליך געווארען איבערראשט און האט מיט פעראכטונג א שליידער געטהאן דיא ביבעל, וועלכע דער גלח האט איהם געשפארט אין האנד.

דאן האט דער גלח געגעבען דעם סיגנאל צו דער אטאקע מיט דעם אויס־רוף: "פאלט אן, קאסטיליאנער — איך נעהם פון אייך אראב דיא זינד!"

א בעטויבענדע שיסעריי האט גלייך פערהילכט דעם פלאץ. דיא אינדיאנער זיינען געבליבען צוטומעלטע און דערשראקענע. זיי האבען אבער ניט פער־לאזען זייער אינקא. ווען דיא שווערד־העלדען האבען זיך ארייננעשניטען מיט זייערע פערד אין דער אונבעוואפענטער סוויטע, וועלכע האט ארומגערינגעלט דעם אינקא, האבען דיא אינדיאנער זיך געווארפען אין פערצווייפלונג אויף דיא שפאנישע רייטער און זיך אנגעשטרענגט ארונטערצושלעפען זיי. דיא פערואנער סאלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען ארום דיזען פלאץ, האבען פרו־בירט זיך ארייננרייסען, ווען זיי האבען דערהערט דיא שיסעריי און דיא פער־צווייפעלטע געשרייען אינוועניג; אבער דיא קאנקוויסטאדארעס האבען זיך אויך פערזארגט פון דיזער זייט. דיא קאנאנען און ביקסען האבען געפייערט גלייך אין דיא געדיכטע מאסען און געטויטעט הונדערטע. דיא וואס האבען געהאט פיס, זיינען זיך דאן צולאפען אין טויטשרעק.

אט אזוי איז עם אטאהואלפא פלוצלונג ארייננעפאלען אין פיזארא׳ס הענד. וויא פיעל פערואנער עם זיינען אומגעקומען ביי דיזער פעררעטהערישער אטא־קע פון דיא גאטספארכטיגע שפאנישע שווערד־העלדען מיט דער בענטשונג פון א גלח אין נאמען פון דער "רעליגיאן פון ליעבע" — דאם בלייבט אונבעקאנט. דיא אפפער דארף מען צעהלען אין דיא הונדערטע, ווייל דיא שפאניער האבען געשאסען און געשניטען רעכטס און לינקס, אום ארויפצוזאגען וואס מעהר שרעק אויף דיא אינדיאנער און צו צייגען זייער מערדערישע גבורה. דער רע־זולטאט איז יעדענפאלס געווען, אז דיא פערואנער האבען גאר מורא געהאט צו פרובירען ארויסרייסען מיט געוואלט זייער געפאנגענען אינקא פון דיא שפאנישע הענד.

אום צו קענען ארויסקריעגען וואס מעהר גאלד און צו האלטען לייכטער אין צוים אטאהואלפא׳ן און זיינע גענעראלען און אנהענגער, האט פיזארא אנ־געפאנגען צו פיהרען א זעהר קונציגען דיפלאמאטישען שפיעל. דער אונוויי־סענדער שווערד־העלד, וואס האט ניט געקענט אונטערשרייבען זיין אייגענעם נאמען, האט ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אויף אלם דיפלאמאט. אין זיינע געשפרעכען מיט דעם געפאנגענעם אינקא, ווען ער האט העפליך בע־האנדעלט אלם קעניג און צו וועמען ער האט צוגעלאזען זיינע מיניסטארען, גענעראלען און העפלינגע, האט פיזארא געגומען אריינווארפען ווערטער מכח אן אויסגלייך און שלום מיט הואסקאר׳ן. אטאהואלפא האט זיך דאן אזוי דערשראקען, טאמער וועט זיין ברודער, וואס איז געבליבען אין געפאנגשאפט אין קוצקא אונטער דער אויפפאסונג פון זיינע גענעראלען און וועכטער, זיך ארויסדרייסען פון געפענגנים און זיך ארויפכאפען צוריק אויף׳ן טראן מיט דער הילפע פון דיא שפאניער, אז ער האט געשיקט אין געהיים א בעפעהל איהם צו טויטען.

ווען דיזער מערדערישער בעפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרען, האָט פּי־זאַראָ אַנגעפאַנגען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון אַ מאַן, וואָס קען גאָר ניט פער־טראָגען אַזעלכע פערברעכען, און אַטאַהואַלפּאַ, וועלכער האָט אַנגעפאַנגען צו שרעקען זיך אַליין מעהר פאַר זיין אייגענעם טויט דורך שפּאַנישע הענד, האָט איין מאָל אין אַ געשפּרעך מיט פּיזאַראָ'ן אויסגערופען: "איך וועל אָנפילען דיזען צימער מיט גאָלד אַזוי הויך, וויא איך קען עס דערגרייכען, אויב איהר וועט מיך נור פריי לאָזען". אין זיין טרויעריגער בעקאַנטשאַפט מיט דיא שפּאַניער האָט דער אינקאַ גלייך בעמערקט, וויא זיי זיינען געווען גייציג און וויא פאַר גאָלד זיינען זיי געווען קאַפּאַבל צו ריזיקירען אַלעס אין דער וועלט. פּיזאַראָ האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דיזען פאָרשלאַג, אָבער ער האָט געשטעלט דיא בעדינגונג, אַז דאָס גאָלד זאָל צוגעשטעלט ווערען פאָרויס אין קאַכאַמאַרקאַ.

אַטאַהואַלפּאַ, וועלכער האָט נאָך אַליין געטרויט פּיזאַראָ'ן אויף'ן וואָרט און האָט אויך קיין בעסערע ברירה ניט געהאַט, האָט אָנגענומען דיזע בעדינ־גונג. זיי האָבען דאַן געשלאָסען אַ פאָרמעלען קאָנטראַקט, און דער אינקאַ האָט געהייסען אויפהערען אַלע פאָרבערייטונגען צו אַ קריעג מיט דיא שפּאַניער און צוזאַמענקלייבען וואָס שנעלער גאָלד אין דיא טעמפּלען און פּאַלאַצען פאַר זיין אויסקויפונג.

פּיזאַראָ האָט זיך בענוצט דערמיט, אום צו שיקען עקספּעדיציעס אין לאַנד און אונטערצוזאָגען דיא פערואַנער צו זאַמלען דעם געלען מעטאַל. ארום דער צייט (אין פעברואַר 1533, ארום דריי מאָנאַט נאָך פּיזאַראָ'ס איינטריט אין קאַכאַמאַרקאַ) איז אָנגעקומען אַלמאַגראָ מיט אונגעפעהר אַזוי פיעל שווערד־העלדען, וויא פיעל פּיזאַראָ האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע. דיא שפּאַנישע קרעפטע זיינען אַזוי פערדאָפּעלט געוואָרען.

עס האָט גענומען לענגער, וויא אַטאַהואַלפּאַ האָט עס גערעכענט, אָנצו־פילען דעם צימער מיט גאָלדענע זאַכען ביז דעם בעשטימטען צייכען אויף דער וואַנד דאָרטען, אָבער שליסליך האָבען דיא פערואַנער געבראַכט נאָך קאַכאַמאַרקאַ דיא בעשטימטע מאָס. דאָס האָט בעטראָפען אין מאָדערנע געלד ארום פיער און אַ האַלב מיליאָן פונט סטערלינג. אַ פינפטעל דערפון איז גע־שיקט געוואָרען צום קעניג אין שפּאַניען, און דאָס איבריגע איז צוטהיילט גע־וואָרען צווישען דיא שווערד־העלדען לויט זייער אָבמאַך צווישען זיך. יעדער איינער פון זיי האָט געקראָגען גענוג צו זיין גערעכענט פאַר אַ רייכען מאַן זיין גאַנצען לעבען.

אָבער אַטאַהואַלפּאַ איז אַליין געבליבען אַ געפאַנגענער. פּיזאַראָ האָט גאָר ניט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען האַלטען וואָרט און אַרויסלאָזען פון שטייג אַזאַ גאָלדענעם פויגעל. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז וויא נור אַטאַהואַלפּאַ

וועט קריעגען פרייע פליגעל, וועלען זיך צוזאמענקלייבען אונטער זיין קאמאנדע ריזיגע מחנות צו פעריאגען דיא פרעמדע. אבער אזוי וויא פיזארא האט ניט געקענט און אויך ניט געוואלט האלטען דעם אינקא לענגער אין געפאנגענשאפט, האט ער בעשלאסען צו שיקען איהם אויף יענער וועלט. צו דיזען צוועק האט ער זיך בענוצט מיט דער ערמארדונג פון דעם אינקא הואסקאר. אטאהואלפא איז איבערגעגעבען געווארען צו א געריכט פון פיזארא'ס אדיוטאנטען אויף דיא קלאגען, דאס ער האט געהייסען ערמארדען זיין ברודער און האט קאנספירירט געגען דיא שפאניער, און איז גלייך פעראורטהיילט געווארען צום טויט. דיזער טויט־אורטהייל איז אויך באלד אויסגעפיהרט געווארען אויף אן עפענטליכען פלאץ אין קאכאמארקא, ארום ניין מאנאט נאך דעם פאטאלען טאג, ווען אטא־הואלפא איז געפאנגען געווארען דארטען.

אזוי איז פיזארא פטור געווארען פוןביידע שטרייטענדע אינקאס. עס זיינען נאך אבער פערבליבען זייערע ברידער און אנדערע מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע. אום ניט צו געבען צייט דיא פערואנער אויסצוקלייבען א נייעם אינקא און צו ארגאניזירען שטארקע ארמעען, האבען זיך דיא שפאניער א לאז געטהאן צו פערכאפען וואס שנעלער דיא הויפט־שטאדט קוצקא. דאס איז זיי געלונגען, נאכדעם וויא אטאהואלפא'ס גרעסטער גענעראל קוויזקוויז האט ניט געקענט זיי איבערהאקען דעם וועג, דעם 15טען נאוועמבער 1533, פונקט א יאהר נאך זייער אנקומען אין קאכאמארקא.

מאנקא קאפאק, דער נעכסטער ברודער פון הואסקאר און דער געזעצליכער טראנפאלגער, איז געקומען מיט זיינע העפלינגע און ראטהגעבער אין שפאנישען לאגער לעבען קוצקא, אום צו שליסען א בונד מיט פיזארא'ן געגען אטאהואל־פא'ס פארטיי און ארמעע. פיזארא האט איהם אויפגענומען מיט גרויסען אויסווערטיגען רעספעקט און האט איהם נאך פערזיכערט, אז דער גאנצער צוועק פון זיין מארש פון קאכאמארקא נאך קוצקא איז גאר געווען צו פערטיליגען דיא געגנער פון דעם געזעצליכען קעניג.

דיזער לעצטער אינקא האט אזוי טהייער בעצאהלט פאר זיין גלויבען אין פיזארא'ס פערשפרעכונגען, וויא אטאהואלפא. ווען ער האט מורא געהאט פאר דעם אלטען גענעראל קוויזקוויז, וועלכער האט אונערמידליך צוזאמענגעקליבען מחנות געגען דיא שפאניער און האט עטליכע מאל פרובירט זיי אבשניידען דעם וועג צוריק צום ים (אין איין האפען האט פיזארא איבערגעלאזען א געוויסע צאהל שווערד־העלדען, אום צו בעשיצען זיין צוריקטריט אין פאל פון א נידער־לאגע אויף'ן וועג פון קאכאמארקא נאך קוצקא), האט ער אנגענומען אלע בע־דינגונגען פון דיא שפאניער, דארונטער אויך דיא אנערקענונג פון דעם שפא־נישען קעניג פאר זיין אויבערהאר; אבער ווען דיזער גענעראל האט זיך געמוזט

צוריקציהען אַלץ ווייטער צום נאָרד ביז קוויטאָ, האָט דער אינקא זיך אַרומגע־זעהען, אַז ער איז נור אַ ווערקצייג אין פּיזאַראָ'ס הענד.

דיא שפּאַניער האָבען גלייך גענומען קאָמאַנדעווען אַזוי וויא עס וואָלט גאָר קיין אינקאַ ניט עקזיסטירט. זיי האָבען אומגעוואַנדעלט דיא זון־טעמפּלען אין קירכען און קלויסטערס, האָבען ניט געאַכטעט אפילו אויף דיא הייליגסטע קברים פון דיא פּערואַנער אין זייער יאָגענים אַרויסצוקריעגען וואָס מעהר גאָלד. זיי האָבען אויך פערכאַפּט דיא פּאַלאַצען פון דיא מיטגליעדער פון אינקאַ־שטאַם. זיי האָבען פערלאַנגט אינדיאַנער טרעגער, דיענער און סאָלדאַ־טען אין דיא עקספּעדיציעס, וואָס זיי האָבען אַלץ מעהר אָרגאַניזירט, אום וואָס שנעלער און בעסער אויסצופיהרען זייערע ערָאָבערונגס־פּלענער אין דיא ווייטעסטע פּראָווינצען פון דער פּערואַנער אימפּעריע.

פּיזאַראָ האָט אַרויסגעצייגט אויך אַדמיניסטראַטיווע פעהיגקייטען. אום צו פערשטאַרקען זיינע פּאָזיציעס און צו זיין אין שטענדיגע פערבינדונגען מיט פּאַנאַמאַ, דעם צענטראַל־פּונקט פון זיין פערקעהר מיט שפּאַניען און מיט דער אויסערער וועלט בכלל, האָט ער אויסגעקליבען אַ טהאָל ביי דיא ברעגען אין מיטעלסטען טהייל פון פּערו און האָט דאָרטען געגרינדעט דיא שטאָדט לימאַ, וועלכע איז געוואָרען דער צענטער פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין זיד־אַמעריקאַ און וועלכע בלייבט עד היום דיא הויפּט־שטאָדט פון דער פּערואַנער רעפּובליק. פון דיזען פּאָרט האָבען דיא שפּאַניער געקענט צוקומען פערהעלט־ניסמעסיג לייכט און שנעל צום טהאָל פון כאַאוכאַ אויף דעם פּלאַטאָ, פון וואַ־נען עס האָט זיך געצויגען דער אַלטער פּערואַנער וועג נאָך קוצקאָ. זיצענדיג אין לימאַ, וואוהין עס זיינען אָנגעקומען אַלץ מעהר שווערד־העלדען פון שפּאַניען און פון דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס ביי דיא אַטלאַנטישע ברעגען, וואָס ווייטער עס זיינען פערשפּרייטעט געוואָרען בעריכטען וועגען דיא גרויסע אינדיאַנער אימ־פּעריע מיט איהרע אויסערָאָרדענטליכע גרויסע אוצרות, האָט פּיזאַראָ געקענט בעהערשען דיא וויכטיגסטע טהיילען פון דיזער אימפּעריע.

דיא פּערואַנער, וועלכע האָבען זיך ניט נור אויסגעצייכענט מיט דער אייזערנער געדולד פון דער רויטהויטיגער ראַסע, זאָנדערן זיינען אויך אין פערלויף פון דור־דורות געוועהנט געוואָרען צו בלינדע געהאָרכזאַמקייט, האָבען געפּאָלגט דיא בעפעהלען פון זייערע נייע הערשער און האָבען געשלעפּט דעם נייען יאָך. אָבער מאַנקאָ קאַפּאַק און דיא העכסטע אַריסטאָקראַטיע פון דעם אינקאַ־שטאַם האָבען זיך אַלץ מעהר אַרומגעזעהען, אַז זייער אייגענע מלוכה געהט שנעל צו גרונד אונטער דער קאָמאַנדע פון דיא שפּאַנישע שווערד־העלדען, און זיי האָבען

גענומען זוכען מיטעל, וויא אזוי מען קען פטור ווערען פון דיא פרעמדע. אין 1536 האָט זיך מאנקאָ קאפאק ארויסגע'גנב'עט פון זיין פאלאץ אין קוצקאָ און האָט ארויסגעלאָזען א סיגנאל צו אן אלגעמיינען אויפשטאנד.

דער מאָמענט איז גראדע געווען א גינסטיגער פאר דיזען אויפשטאנד. פראנציסקאָ פיזאראָ האָט זיך דאן געפונען אין לימא, און אלמאגראָ, וועלכער האָט זיך מיט איינינע מאָנאטען פריהער א לאָז געטהאָן מיט א קאָמפּאניע פון א 500 אוואנטוריסטען צו פערנעהמען דעם זידליכען טהייל פון דער פערואנער אימפעריע לויט זיין פריהערדיגען אָבמאך מיט פיזאראָ'ן אין פאנאמא, האָט אליין געזוכט גאָלד אין דיא ווילדערניסען פון טשילי. אין קוצקאָ זיינען בלויז פערבליבען א פאָאָר הונדערט שפאניער אונטער דער קאָמאנדע פון פיזאראָ'ס דריי ברידער. דיזע הייפעלע שווערד־העלדען האָבען ניט נור אויסגעהאַלטען דיא אטאקעס פון דיא מאסען אינדיאנער, וועלכע האָבען פלוצלונג ארומגערינגעלט און בעלאגערט דיא הויפּט־שטאָדט, זאָנדערן האָבען אויך צוריק געפאנגען א וויכטיגע פּאזיציע און פעריאָגט דיא בעלאגערער אזוי ווייט, אז זיי (דיא שפאניער) האָבען געקענט בעקומען פּראָוויאנט אין דיא ארומיגע דערפער. דיא אינדיאנער, וועלכע האָבען געזעהען, וויא הילפלאָז זיי זיינען געגען דיא פרעמדע מיט זייערע פייערשיסענדע געוועהר און פערד, האָבען דאן פערלאָרען דעם מוטה. דער אינקא האָט אָבער דאך ניט אויפגעגעבען דיא בעלאגערונג פון קוצקאָ אין דער האָפנונג אויסצוהונגערען דיא שרעקליכע פרעמדע. אין פערלויף פון עטליכע מאָנאט זיינען דיא שפאניער געבליבען אזוי איינגעשלאָסען אין קוצקאָ.

פראנציסקאָ פיזאראָ האָט אליין ניט געקענט קומען צו הילפע זיינע ברידער, פון וועלכע איינער איז געטויטעט געוואָרען אין א שלאכט מיט דיא פערואנער. ער האָט ניט געהאט גענוג קרעפטע דערצו. דיא פערואנער האָבען זאָגאר פּרובירט צו בעפאלען לימא גופא; אָבער דיא שפאנישע קאוואלעריסטען האָבען געמאכט א קורצען סוף פון זייער מחנה אויף'ן וועג. פיזאראָ האָט זיך געווענדעט נאך הילפע אין פאנאמא און אין אלע שפאנישע קאָלאָניעס פון צענטראל אמעריקא. אין לימא האָט ער קוים געקענט צוזאמענקלייבען א קאָמפאניע פון 250 שווערד־העלדען. מיט דיזער הייפעלע האָט ער פון דעסטוועגען זיך א לאָז געטהאָן צו בעפרייען דיא בעלאגערטע אין קוצקאָ.

אין דעם מאָמענט, ווען דיא לאגע פון דיא שפאניער אין פערו איז געווען אזא געפעהרליכע, האָט פיזאראָ געקראָגען הילפע פון אן אונערוואַרטעטער זייט. אלמאגראָ האָט זיך צוריקגעקעהרט אין 1537 פון טשילי, ווייל ער האָט דאָרטען

גאָר קיין גאָלד ניט געפונען. ווען מאַנקאָ קאַפּאַק האָט דערהערט, אַז פון צוויי זייטען מאַרשירען געגען איהם שפּאַנישע שווערד־העלדען, האָט ער אין פערצוויפלונג אויפגעגעבען דעם קאַמפּף און איז אַנטלאָפען מיט אַ קליינער צאָהל פון זיינע טרייעסטע דיענער אין דיא ווילדעסטע בערג־געגענדען צום נאָרד פון קוצקאָ, וואו ער האָט זיך געקענט פיהלען זיכער מיט זיין לעבען.

דאָס איז געוועזען דער סוף פון דער אינקאַ אימפּעריע. דיא פּערואַנער האָבען דאַן אויפגעגעבען אפילו דיא האָפנונגען צו געווינען צוריק זייער אונאַבהענגיגקייט און צו פערטרייבען דיא פרעמדע הערשער, וועלכע זיינען געוועזען אַזוי גרויזאַם וויא מוטהיג און גייציג און וועלכע זיינען שנעל געוואַקסען אין צאָהל דורך איינוואַנדערונג.

## דריטער קאַפּיטעל.

# דיא מחלוקות, שלאַכטען און אויפשטאַנדען פון דיא שווערד־העלדען

ווען דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען צושטערט דיא הערשאַפט פון דיא אינקאַס, האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין זייערע אייגענע רייהען ביטערע שטרייטען, וועלכע האָבען געפיהרט צו מאָרדען, שלאַכטען, אויפשטאַנדען און בירגער־קריעג. דיא שטרייטען האָבען זיך אָנגעהויבען, ווען אַלמאַגראָ און זיינע אַנהענגער האָבען זיך אַרומגעזעהען, אַז זייער חלק פון דער פּערואַנער אימפּעריע איז ניט נור אַ גאָלדלאָזער, זאָנדערן פּשוט אַ זעהר אָרימער און ווענינ בע־פעלקערטער. קיינער האָט ניט געוואוסט אויף ריכטיג, וואו עס פאַנגען זיך אָן און וואו עס ענדיגען זיך דיא טעריטאָריעס, וועלכע קאַרל דער פינפטער האָט איבערגעגעבען צו פּיזאַראָ'ן און אַלמאַגראָ'ן.

אַלמאַגראָ האָט בעהויפּטעט, אַז דיא געגענדען צווישען קוצקאָ, אַרעקווי־פּאַ און לעיק טיטיקאַקאַ דאַרפען אריינגערעכענט ווערען אין זיין חלק, אָבער פּיזאַראָ האָט גאָר ניט געוואָלט הערען דערפון. זיינע אַנהענגער האָבען איהם דאָן געהייסען פערכאַפּען מיט געוואַלט דיא פּרוכטבאַרע און געדיכט בעפעל־קערטע טהאָלען דאָרטען. נאָך דער פּליטה פון דעם לעצטען אינקאַ איז אַל־מאַגראָ גראַדע צוגעקומען צו קוצקאָ פריהער פאַר פראַנציסקאָ פּיזאַראָ. אַזוי וויא דיא פּאָאָר הונדערט שווערד־העלדען אונטער דער קאָמאַנדע פון הערנאַנדאָ פּיזאַראָ אין קוצקאָ זיינען געווען אויסגעמאַטערט נאָך דעם לאַנגען קאַמפּף געגען דיא פּערואַנער מחנות, האָבען זיי זיך ניט געקענט וועהרען געגען אַן אַטאַקע פון אַלמאַגראָ'ס קאָמאַנדע פון אונגעפעהר 500 אַוואַנטוריסטען. דערצו נאָך איז דער אָנפאַל פון דיא לעצטע געווען אַ פּלעצליכער. פראַנציסקאָ פּי־זאַראָ'סביידע ברידער זיינען אַזוי געפאַנגען און איינגעשפּאַרט געוואָרען, און אַלמאַגראָ האָט זיך באַלד אַ לאָז געטהאָן געגען פּיזאַראָ'ס אַנהענגער, וועלכע האָ־בען מאַרשירט פון לימאַ נאָך קוצקאָ, און האָט זיי בעזיעגט נאָך אַ קורצען צוזאַ־מענשטויס. דיזע אַטאַקעס האָבען נאַטירליך אויפגעבראַכט אין העכסטען

גראַד דיא פּיזאַראָס און זייערע אַנהענגער, און פראַנציסקאָ פּיזאַראָ האָט געשוואָרען זיך אָבצורעכענען דערפאַר מיט אַלמאַגראָ'ן ביי דער ערשטער געלעגענהייט. אָבער זאָ לאַנג אַלמאַגראָ האָט געהאַלטען אין געפאַנגענשאַפט פראַנציסקאָ'ס צוויי ברידער, האָט דער לעצטער מורא געהאַט אָנצופאַנגען אַ קריעג און האָט בעשלאָסען אָבצונאַרען זיינע געגנער מיט צוזאָגונגען. פראַנציסקאָ פּיזאַראָ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דיא שווערד־העלדען אונטער אַלמאַגראָ'ס קאָמאַנדע זיינען אַזוי גרויזאַם, וויא ער אַליין, און אַז זיי וועלען אָהן שום צערעמאָניעס אומברייננגען זיינע ברידער, ווען נור זיי וועלען עס ווינשען אָדער געפינען פאַר צוועקמעסיג. דאַרום האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען פריהער אַרויסצוקריגען זיינע ברידער פון אַלמאַגראָ'ס הענד. דאַרום האָט ער זיך ניט געדונגען לאַנג, ווען אַלמאַגראָ האָט פערלאַנגט ניט נור קוצקאָ, זאָנדערן אויך אַלע פּערואַנער פּראָווינצען צום זיד פון לימאַ. אָבער וויא נור זיינע ברידער זיינען בעפרייט געוואָרען, האָט פּיזאַראָ צוזאַמענגעקליבען אַלע זיינע קרעפטע אין לימאַ און האָט זיך ענטזאַגט פון זיין אָבמאַך מיט אַלמאַגראָ'ן. זיינע שווערד־העלדען האָבען זיך ווידער אַ לאָז געטהאָן אויף דעם וועג פון לימאַ נאָך קוצקאָ, וואוהין אַלמאַגראָ האָט זיך צוריקגעצויגען. דיא פּיזאַריסטען זיינען געווען עטוואָס וועניגער אין צאָהל פאַר דיא אַלמאַגריסטען, וועלכע זיינען נאָך געשטיצט געוואָרען פון מחנות פּערואַנער, וואָס האָבען בעזאָנדערס געהאַסט פּיזאַראָ'ן, אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען בעסער בעוואַפענט און דיסציפּלינירט. ווען עס איז געקומען אין אַפּריל 1538 צו אַ שלאַכט לעבען קוצקאָ, האָבען דיא פּיזאַריסטען געזיעגט. דיא פערביסענסטע פון אַלמאַגראָ'ס אונטערשטיצער, וועלכע האָבען געקעמפּפט מיט אַ ווילדער פערצווייפלונג, זיינען דאַן אויסגעשלאַכטעט געוואָרען. אַלמאַגראָ אַליין איז אַנטלאָפען מיט אַ טהייל פון זיין קאַוואַלעריע. אָבער ער איז באַלד געפאַנגען געוואָרען. מען האָט איהם איינגעשפּאַרט אין דער זעלבער געפענגניס, וואו ער האָט געהאַלטען הערנאַנדאָ און גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ און וואו מען האָט איהם אין אַ פּאָאַר מאָנאַט אַרום דערשטיקט.

פראַנציסקאָ פּיזאַראָ איז דאַן ווידער אַריין אין קוצקאָ אַלס טריאומפאַטאָר. ער איז פאַקטיש געוואָרען דער זעלבסטהערשער איבער דער גאַנצער פּערואַנער אימפּעריע, וואו נור דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען געקענט דערגרייכען אין זייער יאָגעניס נאָך גאָלד און זילבער. זיין ברודער גאָנזאַלאָ איז אַוועק נאָך קוויטאָ, אום צו זוכען דיא עלדאָראַדאָ אין דיא געגענדען, וועלכע ציהען זיך פון דיא אַנדעסען אַרונטער צו דיא שטראָמען פון דעם ריזיגען טייך אַמאַזאָן און וועלכע בלייבען עד היום אין זייער אורשפּרונגליכער ווילדקייט, בעוואָהנט פון אייניגע פון דיא ווילדעסטע שטאַמען פון זיד־אַמעריקאַ. דיזע עקספּעדיציע האָט זיך געענדיגט זעהר טרויעריג פאַר דיא געוואַגטע אַוואַנטור־

ריסטען, אָבער זיא האָט געפיהרט צו דער ענטדעקונג פון אמאזאָן און צו דער בעריהמטער רייזע פון עטליכע שפּאניער אונטער דער ליטונג פון איינעם מיט'ן נאָמען אָרעלאנא איבער דיזען טייך ביז זיין מינדונג אָדער אריינגום אין אַט־לאַנטישען ים. הערנאנדאָ פיזאראָ איז אַוועק זוכען דיא עדעלע מעטאַלען אין דיא הויכע געבירגיגע געגענדען צום זיד־אָסט פון קוצקאָ און טיטיקאקא, וועלכע בילדען היינט דיא רעפּובליק באָליוויא און וועלכע זיינען בעזאָנדערס רייך אין זילבער־מינען. איינער פון פיזאראָ'ס אדיוטאַנטען מיט'ן נאָמען וואלדיוויא האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אויף אַלמאגראָ'ס וועג צו עראָבערען טשילי.

פראַנציסקאָ פיזאראָ, אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט ארומעגרייזט איבער די פּראָווינצען פון דער ריזיגער אימפּעריע און האָט געגרינדעט שטעדט אין סטראַ־טעגישע פּונקטען לעבען דיא פּרוכטבאַרע טהאָלען און אין דיא דורכגענגע צווי־שען דיא בערג. ער האָט אויך אויפגעפּאַסט, אַז דיא פערטהיילונג פון דיא גיטער זאָל אויסגעפיהרט ווערען מיט וואָס וועניגער רייסערייען צווישען זיינע אַנהענגער. דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען איינגעפיהרט אין פּערו דיא סיס־טעם פון רעפּאַרטימיענטאָס אַזוי וויא אין מעקסיקאָ און בכלל אין אַלע שפּאַ־נישע קאָלאָניעס. דיא בעסערע, דאָס הייסט דיא פּרוכטבאַרערע און מעהר בע־פעלקערטע געגענדען פון דער אינקאָ אימפּעריע, זיינען צוטהיילט געוואָרען צווישען דיא שווערד־העלדען, און דיא אינדיאַנער זיינען מעהר אָדער וועניגער פערשקלאַווט געוואָרען. עס איז אַזוי דאָרטען געשאַפען געוואָרען אַ פעאָדאַלע סיסטעם, וועלכע איז נאָך פּאַקטיש ניט אָבגעשאַפט געוואָרען אין גאַנצען ביז היינט צו טאָג. דיא קרעאָלען בעזיצען אַלץ מאַסען לאַנד, און דיא אינדיאַנער זיינען פּאַקטיש פּעאָנען (קנעכט), אָבוואָהל אין טהעאָריע, על פּי קאָנסטיטוציאָן זיינען זיי פרייע און פולבערעכטיגטע בירגער.

אַלמאגראָ'ס אַנהענגער זיינען אָבער געבליבען ניט נור אָהן רעפּאַרטי־מיענטאָס, זאָנדערן האָבען פּשוט געליטען נויט. זייער האַס צו פיזאראָ איז דאָרום אַלץ געשטיעגען. אייניגע פון זיי האָבען זיך אָבגעטראָגען נאָך שפּאַניען, אום ניט נור צו רעטען זייערע אייגענע ביינער, זאָנדערן אויך צו פערקלאָגען דיא פיזאראָס פאַר דעם קעניג. דיזע קלאַגען האָבען געפיהרט דערצו, אַז קאַרל דער פינפטער האָט געשיקט אַ הויכען בעאַמטען מיט'ן נאָמען וואַקאָ דע קאַסטראָ אַלס גובערנאַטאָר צו אונטערזוכען, וואָס עס טהוט זיך אין ניי־קאַסטיליען, וויא מען האָט דאַן אָנגעפאַנגען צו רופען פּערו. אָבער איידער דיזער קעניגליכער שליח איז אָנגעקומען אין לימאַ, איז שוין פיזאראָ געוועזען טויט. דאָס האָט פּאַסירט אין 1541. אַלמאגראָ'ס אַנהענגער האָבען ענדליך גענומען ראַכע פון זייער הויפּט־שונא. אונטער דער פיהרונג פון איינעם פון אַלמאגראָ'ס אדיוטאַנ־טען מיט'ן נאָמען כואַן דע לאַ ראדאַ, וועלכער איז אויך געוואָרען דער אַפּעקון און ראַטהגעבער פון אַלמאגראָ'ס יונגען זוהן, זיינען דיזע אַוואַנטוריסטען,

וועלכע זיינען געוועזן אויסער זיך, וואס דיא פיזאריסטען האבען אלע רייכטהי־מער פערכאפט פאר זיך און זיי איבערגעלאזען אין ארמוטה, פלוצלונג בעפאלען דאס הויז אין לימא, וואו פיזארא איז געזעסען מיט א צוואנציג פון זיינע נעהנטסטע אונטערשטיצער ביי א מיטאגשפייז, און האבען איהם ערמארדעט נאך א קורצען געפעכט. אייניגע פון פיזארא׳ס פריינד, וועלכע האבען פרובירט פערטרייבען דיא אנגרייפער, זיינען אויך ערמארדעט געווארען.

אזוי האט געענדיגט זיין לעבען דער עראבערער פון פערו, וואס האט גע־בראכען זיינע שבועות, ווען ער האט געהייסען אומברענגען דעם אינקא אטא־הואלפא און זיין אלטען פריינד אלמאגרא. אבער דיזער מארד האט ערשט געפיהרט צו א רייהע פון נייע מארדען, בלוטיגע צוזאמענשטויסען און אויפ־שטאנדען. וויא נור עס איז בעקאנט געווארען, אז פיזארא איז דער׳הרג׳עט געווארען פון דיא אלמאגריסטען אדער וויא מען האט זיי גערופען אין לימא "דיא חברה פון טשילי", האבען זיך זיינע אדיוטאנטען און נעהענטערע פריינד געזוכט צו בעהאלטען. אנדערע אונצופריעדענע זיינען צוגעשטאנען צו דיא פערשווע־רער, וועלכע האבען צוטהיילט צווישען זיך אלע אוצרות, וואס זיי האבען נור געקענט געפינען אין דיא הייזער פון זייערע שונאים, און וועלכע האבען אויך פערכאפט אלע שיפען אין פארט, אום מען זאל ניט קענען גלייך אריבערשיקען דיא נאכריכט נאך פאנאמא.

דער יונגער אלמאגרא, וועמעס מוטער איז געוועזן אן אינדיאנערין, האט זיך דאן ערקלערט פאר דעם גובערנאטאר פון פערו און האט זיך א לאז געטהאן מיט א טהייל פון זיינע אנהענגער נאך קוצקא, וואו ער האט געהאפט צו בעקומען געגוג קרעפטע געגען פיזארא׳ס אנהענגער. אבער צו דער צייט איז שוין דער קעניגליכער שליח, וואקא דע קאסטרא, וועלכער האט געליטען שיפברוך לעבען דיא ברעגען פון קאלאמביא און האט געהאט איבערצוקומען זעהר גרויסע שוויי־ריגקייטען ביז ער האט געקענט דערגרייכען קוויטא און דיא נארדליכע פרא־ווינצען פון דער פערואנער אימפעריע, אויך געוועזן אויף׳ן וועג נאך קוצקא. אלע אנהענגער פון דיא פיזאראס זיינען צוגעשטאנען צו דיזען געזעצליכען פער־טרעטער פון דער שפאנישער קרוין. אין גואמאנגא, א שטאדט ניט וייט פון קוצקא, האבען זיךביידע מחנות צוזאמענגעטראפען אין 1542. דיזע שלאכט האט זיך געענדיגט מיט א שרעקליכער נידערלאגע פאר דיא אלמאגריסטען. פון דיא צוועלף הונדערט שווערד־העלדען אונטער דער קאמאנדע פון דעם 22־יעהריגען אלמאגרא האבען קוים פינף הונדערט געקענט זיך אבטראגען פון שלאכטפעלד מיט גאנצע ביינער. אלמאגרא׳ן איז געלונגען צו אנטלויפען נאך קוצקא, אבער מען האט איהם דארטען שנעל געפאנגען און געקעפט אלס מורד במלכות אויף דעם בעפעהל פון וואקא דע קאסטרא, וואס האט פערנומען פראנ־ציסקא פיזארא׳ס פלאץ אלס גענעראל־גובערנאטאר.

דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס זיינען גאָר ניט געווען צופריעדען, וואָס דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט ניט ערנאַנט איינעם פון זיי, ספּעציעל איינעם פון פּיזאַראָ'ס ברידער, פאַר דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר; אָבער זיי האָבען וויא עס איז געדולדעט דעם קעניגליכען שליח. עס קען זיין, אַז עס וואָלט שוין ניט געקומען צו נייע שלאַכטען און אויפשטאַנדען, ווען קאַרל דער פינפטער וואָלט ניט אַרויסגעלאָזען אין 1542 דעם בעריהמטען בעפעהל וועגען ענקאָמיענדאַס אָדער רעפּאַרטימיענטאָס, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "נייע געזעץ". דער צוועק פון דיזען בעפעהל איז געווען צו שיצען און רעטען פון אונטערגאַנג דיא פערשקלאַווטע אינדיאַנער. דיא צורופען פון דעם בעריהמטען גלח לאַס קאַזאַס (זעה דיא געשיכטע פון מעקסיקאָ) אין נאָמען פון מענשליכקייט געגען דיא שרעקליכע האַנדלונגען פון דיא שווערד־העלדען און אוואַנטוריסטען האָבען געפונען אַ סימפּאַטישען אָבקלאַנג אין גאַנץ שפּאַניען און בעוואָגען דיא רעגיערונג צו נעהמען שטרענגע מיטעל צו בעשיצען דיא אונגליקליכע אינדיאַנער. וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען דיא שפּאַנישע רעגיערונג אין יענע צייטען, נור דאָס מוז מען צוגעבען, אַז זיא האָט, אויף'ן פּאַפּיער וועניגסטענס, געהייסען מענשליך בעהאַנדלען דיא איינגעבאָרענע אין דער נייער וועלט. שוין ווען קאָלומבוס האָט אונטערנומען זיין צווייטע רייזע, האָט איהם דיא שפּאַנישע רעגיערונג געהייסען "בעהאַנדלען דיא אינדיאַנער גוט און ליעבליך". דיא אוואַנטוריסטען זיינען אָבער געווען אַזוי גרויזאַם וויא גייציג. זיי האָבען גאָר ניט געדענקט וועגען פאָלגען דיא גוטע און פרומע רעקאָמענדאַציאָנען פון דער רעגיערונג און פון דער קירכע. דערצו נאָך האָבען זיי געוואוסט, אַז דיא רעגיערונג איז צו ווייט און איז ניט אין שטאַנד צו קאָנטראָלירען זייערע האַנדלונגען אין דיא קאָלאָניעס. זיי האָבען זיך דאַרום אויך ערלויבט צו פערשקלאַוען, צו בערויבען און אויסצושלאַכטען דיא אינדיאַנער עפּעס אַזוי וויא דיא שפּאַנישע רעגיערונג וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט.

אום דורכצופיהרען דיא "נייע געזעץ" אין פּערו, האָט דיא רעגיערונג געשיקט אַן אַלטען, זעהר שטרענגען און עהרליכען ביוראָקראַט מיט'ן נאָמען בלאַסקאָ נוניעץ דע וועלאַ מיט דער פאָלמאַכט פון אַ וויצע־קעניג. אָבער אין 1544, נאָך איידער ער איז אָנגעקומען אין קוצקאָ, האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון די שווערד־העלדען אונטער דער קאָמאַנדע פון גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ. זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען אונטער קיינע אומשטענדען ניט אָבגעבען דיא גיטער, וועלכע זיי האָבען ערוואָרבען מיט זייערע שווערדען, און ניט פריי לאָזען דיא אינדיאַנער, וועלכע זיי האָבען אַלץ מעהר געיאָגט אין דיא זילבער־מינען.

פון זיין זייט האָט דער נייער וויצע־קעניג געהאַנדעלט צו שטרענג און צו ראַש. ער האָט ניט נור געסטראַשעט מיט שטרענגע שטראָפען יעדען איינעם,

וואָס וועט צווינגען אַן אינדיאַנער צו אַרבייטען געגען זיין ווילען, זאָנדערן האָט אויך געוואָלט אָרונטערזעצען דיא מיטגליעדער פון דער קעניגליכער אודי־ענציאַ (העכערער געריכט) און זאָגאַר איינגעשפּאַרט אין געפענגניס זיין פאָר־גענגער, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר וואַקאַ דע קאַסטראָ, אויף דעם פערדאַכט, דאָס דער לעצטער האָט אין געהיים אונטערשטיצט דיא רעבעליאָן אין קוצקאָ. שליסליך האָט דע וועלאַ אַזוי ווייט אויפגעבראַכט געגען זיך דיא מעסיגע פּאַרטיי און אפילו דיא רעגיערונגס־בעאַמטע, אַז דיא ריכטער האָבען ענטשיעדען איהם צו אַרעסטירען און צוריקשיקען נאָך שפּאַניען. דאַן האָט גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ געקראָגען אַלץ מעהר אונטערשטיצער און איז פּאַקטיש געוואָרען דער אויבער־האַר, אָבוואָהל אַלע האָבען געפיהלט, אַז דאָס שמעקט מיט האָכפעררעטה און אַז קיין פערוואַלטונג אין דיא קאָלאָניעס קען ניט עקזיסטירען אַ לענגערע צייט אָהן דער אַנערקענונג פון דער שפּאַנישער רעגיערונג.

דיא קאַפּיטאַנען פון דיא שיפען האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט דעם אַרעסטירטען וויצע־קעניג, ווענמען זיי האָבען געזאָלט אוועקפיהרען אַהיים. זיי האָבען זיך געפונען צווישען צוויי פייערען. זיי האָבען דאַרום איהם אַרונ־טערגעלאָזען אין טומבעץ, פון וואַנען ער איז צוגעקומען מיט דער הילפע פון פּיזאַראָ'ס געגנער ביז קוויטאָ. דאָרטען האָט דע וועלאַ געקראָגען שטיצע פון דעם גובערנאַטאָר פון קאָלאָמביאַ, וועלכער האָט איהם צוגעשיקט אַ פינף הונ־דערט שווערד־העלדען. אָבער גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ האָט איהם ניט געגעבען גענוג צייט צוזאַמענצוקלייבען מעהר קרעפטע און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן נאָך קוויטאָ אַזוי שנעל, וויא דאָס איז נור מעגליך געווען. אין אַ שלאַכט ניט ווייט פון קוויטאָ אין יאַנואַר 1546 איז דיא מחנה פון וויצע־קעניג ניט נור בעזיעגט גע־וואָרען, זאָנדערן ער אַליין איז געטויטעט געוואָרען.

דריי יאָהר האָט נאָכדעם געדויערט דיא הערשאַפט פון גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ. דאָס זיינען געווען גאָלדענע יאָהרען פאַר דיא אַוואַנטוריסטען. זיי האָבען גע־קענט טהאָן מיט דיא אינדיאַנער וואָס זייערע גרויזאַמע הערצער האָבען נור געגלוסט. דיא יעניגע וואָס זיינען געבליבען טריי צום קעניג, דיא לאָיאַליסטען, זיינען אונבאַרמהערציג אויסגעראָטעט געוואָרען פון דיא רעבעלען, ספּעציעל פון גאָנזאַלאָ'ס בעריהמטען אַדיוטאַנט קאַרבאַכאַל. אין דיזער צייט זיינען ענטדעקט געוואָרען דיא זילבער־מינען פון פּאָטאָזי אין באָליוויאַ, דיא רייכסטע אין דער וועלט, און דיא גאָלד־פעלדער אין עקוואַדאָר. דיא פּיזאַריסטען האָבען געטריעבען דיא אונגליקליכע אינדיאַנער אין דיא מינען, וואו זיי פלעגען פאַלען פשוט וויא פליעגען.

אָבער, עס פערשטעהט זיך, אַז דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט ניט געקענט דולדען אַזעלכע האַנדלונגען, אָבוואָהל פּיזאַראָ אַליין און אויך דיא מייסטע פון זיינע אַדיוטאַנטען האָבען געלייקענט, אַז זיי ווילען ניט אַנערקענען דיא הער־

שאַפט פון זייער קעניג און אַז זיי בלייבען ניט טריי צו זייער פאַטערלאַנד. עס איז יעדענפאַלס אַ פאַקט, אַז גאָנזאַלאָ פיזאַראָ האָט ענטזאַגט צו ערקלערען זיך פאַר אַ קעניג פון פערו, וויא אייניגע פון זיינע אַדיוטאַנטען האָבען עס איהם געראַטהען צו טהאָן. אַ גלח מיט'ן נאָמען פעדראָ דע לאַ גאַסקאַ איז דאַן אויסגעקליבען געוואָרען פון דער שפּאַנישער רעגיערונג צו מאַכען אַ סוף פון דער רעבעליאָן און איינצופיהרען דיא "נייע געזעץ". דאָס איז געווען אַן אויסעראָרדענטליכער מענש. ער האָט זיך פריהער אויסגעצייכענט אַלס אינקוויזיטאָר. ווען ער איז אָנגעקומען אין פּאַנאַמאַ, האָט ער ערקלערט, אַז ער איז נור געשיקט געוואָרען צו אונטערזוכען, וואָס עס טהוט זיך אין פערו און צו פיהרען צו פריעדען. ער האָט פאַנאַנדערגעלאָזען בעריכטען, אַז ער וועט רעקאָמענדירען דיא אָבשאַפונג פון דיא "נייע געזעץ", און האָט פערזיכערט, אַז ער האָט דיא ערלויבניס אָבצולעגען זייער דורכפיהרונג אויף אַ צייט. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער צוזאַמענגעקליבען קרעפטע אין דיא קאָלאָניעס פון צענטראַל־אַמעריקאַ.

דורך זיינע פערזיכערונגען און פערשפּרעכונגען איז עס איהם געלונגען צוצוציהען ניט נור דיא שווערד־העלדען, וועלכע האָבען געוואָלט בלייבען טריי צו דער שפּאַנישער רעגיערונג, זאָנדערן אויך אַזעלכע, וואָס האָבען מורא געקראָגען פאַר דיא רעזולטאַטען פון דער רעבעליאָן אונטער דער פיהרונג פון גאָנזאַלאָ פיזאַראָ. דיא אַלמאַגריסטען און אַלע אַנדערע שונאים פון דיא פיזאַראָס האָבען דאַן אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דיא רייהען פון דיא פיזאַריסטען זיינען דאַרום אַלץ קלענער געוואָרען. פעדראָ דע לאַ גאַסקאַ האָט ארויסגעשיקט פון פּאַנאַמאַ שיפען מיט בריעף צו דיא קאָמאַנדירען און איינוואָהנער פון דיא שטעדט ביי דיא ברעגען פון פערו, אַז אַלע וועלען אַמניסטירט און בעלוינט ווערען, אויב זיי וועלען בלייבען טריי צום קעניג.

איידער דער שלויער גלח איז צוגעקומען צו קוצקאָ האָבען דיא לאָיאַליסטען און אַנטי־פיזאַריסטען צוזאַמענגעקליבען זייערע קרעפטע אין דיא געגענדען אַרום טיטיקאַקאַ, אונגעפעהר אַ טויזענד מאַן, און האָבען זיך בעריהמט, אַז זיי אַליין וועלען אין שטאַנד זיין צו בעזיעגען דיא פינף הונדערט רעבעלען, וועלכע זיינען אַלץ געבליעבען טריי צו גאָנזאַלאָ פיזאַראָ. דאָס איז זיי אָבער ניט געלונגען. זיי זיינען גאָר בעזיעגט געוואָרען פון דיא פיזאַריסטען אין אַ פערצווייפעלטער שלאַכט ניט וויט פון דיא זידליכע ברעגען פון טיטיקאַקאַ. דיא מחנה פון פעדראָ דע לאַ גאַסקאַ איז אַלץ מעהר געוואַקסען, וואָס נעהנטער ער איז צוגעקומען צו קוצקאָ. אייניגע פון גאָנזאַלאָ פיזאַראָ'ס אַדיוטאַנטען האָבען דאַן געראַטהען אָבצוטרעטען נאָך דיא ווייטערע געגענדען פון באָליוויאַ און דאָרטען אויסוואַרטען און זיך בעפעסטיגען. אָבער ער האָט זיך ענטזאַגט דערפון און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן מיט זיין געוועהנליכען מוטה געגען דיא

פיעל מאָל גרעסערע רעגיערונגס־אַרמעע. ער האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבען דיא האָפנונג צו בעזיעגען זיינע געגנער. אָבער דיזעס מאָל האָבען איהם דיא מייסטע פון זיינע אַנהענגער פערלאָזען אויף'ן שלאַכט־פעלד. מען דערצעהלט, דאָס ווען ער האָט דערזעהן, וויא פיעלע פון זיינע אָפיציערען האָבען דעזערטירט און וויא זיינע סאָלדאַטען האָבען זיך אונטערגעגעבען אָהן אַ שאָס, האָט ער אַ פרעג געטהאָן איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטען: "וואָס זאָלען מיר יעצט טהאָן, ברודער כואַן?" — "לאָמיר אָנפאַלען אויף אונזערע שונאים און שטאַרבען וויא רוימער", האָט יענער געענטפערט. — "ניין, לאָמיר בעסער שטאַרבען וויא קריסטען!" האָט גאָנזאַלאָ אויסגערופען און האָט גענומען רייטען צו דער פאָזיציע פון דיא לאָיאַליסטען, וואו ער האָט זיך אַליין אונטערגעגעבען.

דער אַלטער אינקוויזיטאָר האָט דאַן אַרויסגעצייגט זיין גרויזאַמקייט. ער האָט געהייסען איבערגעבען אַלע אָנפיהרער פון דיזער רעבעליאָן צו אַ פעלדגעריכט, וואָס האָט זיי גלייך פעראורטהיילט צום טויט. גאָנזאַלאָ פיזאַראָ, וועלכער איז אַלט געוועזען 46 יאָהר און איז געוועזען איינער פון דיא מוטהיגסטע און פעהיגסטע קאָנקוויסטאַדאָרעס, איז הינגעריכטעט געוואָרען צוזאַמען מיט זיינע קאַפיטאַנען אויף'ן שלאַכטפעלד ניט ווייט פון קוזקאָ אין 1548.

מיט איהם איז געפאַלען דיא הערשאַפט פון דיא פיזאַראָס און פון דיא ערשטע קאָנקוויסטאַדאָרעס. זייערע גיטער, דיא ענקאָמיענדאָס, צוליעב וועלכע דיא רעבעליאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען, זיינען קאָנפיסצירט געוואָרען. דיא געפענגניסע זיינען איבערפילט געוואָרען מיט פיזאַריסטען, פון וועלכע אייניגע זיינען הינגעריכטעט געוואָרען, אַנדערע זיינען פערקריפעלט געוואָרען און מאַנכע פערשמיסען געוואָרען ביז'ן טויט. אָבער דאָך האָט דער גרויזאַמער גלח ניט געוואַגט אויסצופיהרען דיא "נייע געזעץ". ער האָט געזוכט אַלערליי תירוצים, אום צו געווינען צייט. ווען דיא שווערד־העלדען, וועלכע האָבען איהם פון אָנפאַנג אָן געהאָלפען צו אונטערדריקען פיזאַראָ'ס אויפשטאַנד, האָבען גענומען פערלאַנגען דיא פערשפּראָכענע גיטער אַלס בעלוינונג, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט זיך פשוט אַרויסגע'גנב'עט פון קוזקאָ און איז אַוועק דורך אַ זייטיגען וועג נאָך לימאַ, וואו ער האָט זיך געפיהלט זיכערער מיט זיין אייגענעם לעבען. ווען ער האָט ערהאַלטען פון מאַדריד אַ בעפעהל, אַז ער זאָל מעהר ניט אָבלייגען דיא דורכפיהרונג פון דיא "נייע געזעץ" און אַז יעדע געצוואונגענע אַרבייט פון אינדיאַנער מוז אויפהערען, האָט ער עס געהאַלטען אין געהיים אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געקענט רעזיגנירען, איבערלאָזען דיא פערוואַלטונג צו דיא מיטגליעדער פון דער אַודיענציאַ און זיך אָבטראָגען אויף אַ שיף.

פאַר זיין אָבפאָהרען אין 1550 האָט ער אָנגעזאָגט, אַז דער לעצטער קעניגליכער בעפעהל זאָל פערעפענטליכט ווערען, ווען ער אַליין וועט זיך שוין געפינען ווייט פון דיא פערואַנער ברעגען. ער האָט אַזוי איבערגעלאָזען פערו

וויא אַ שיף אָהן אַ רודער. דיא געזעץ געגען דיא פערשקלאַוואונג פון אינדיאַ־נער זיינען אַלץ געבליבען טויטע בוכשטאַבען. דיא שווערד־העלדען האָבען ניט אויפגעהערט צו טרייבען אונבאַרמהערציג דיא איינגעבאָרענע אין יאָך. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט דאַן געשיקט דאָן אַנטאָניא דע מענדאָזאַ אַלס וויצע־קעניג, אָבער אין עטליכע מאָנאַט נאָך זיין אָנקומען אין לימאַ אין 1551 איז ער געשטאָרבען, און עס האָבען זיך ווידער אָנגעפאַנגען אויפשטאַנדען, וועלכע האָבען זיך געצויגען אַ יאָהר פינף. דער גרעסטער פון דיזע אויפשטאַנדען איז געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון איינעם פון דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס מיט'ן נאָמען זשיראָן. אין 1554 האָבען דיא שווערד־העלדען, וועלכע האָבען גע־קעמפּפט פאַר זייערע פּריווילעגיעס און רעכטע פון עראָבערער איבער דיא אינ־דיאַנער, בעזיעגט דיא מחנה, וואָס דיא מיטגליעדער פון דער קעניגליכער אודי־ענציאַ האָבען צוזאַמענגעקליבען, אָבער עטליכע מאָנאַט שפּעטער איז זשיראָן ניט נור בעזיעגט געוואָרען, זאָנדערן אויך געפאַנגען געוואָרען. ענדע 1554 איז זשיראָן היינגעריכטעט געוואָרען אין לימאַ צוזאַמען מיט זיינע וויכטיגסטע אַדיוטאַנטען. דאָס האָט אָבגעשוואַכט דיא רעבעלען און געהאָלפען דעם נייען וויצע־קעניג, מארקיז דע קאַניעטע, וועלכער איז אָנגעקומען אין לימאַ אין 1555, צו רעגיערען אין פערלויף פון זעקס יאָהר מיט אַן אייזערנער האַנד.

## פערטער קאפיטעל.

# דיא קאָלאָניאַלע צייט

אַזוי זיינען פּאַריבער דיא ערשטע צוואַנציג יאָהר פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין פּערו. פון דיא ערשטע קאָנקוויסטאַדאָרעס זיינען כמעט אַלע אומגעקומען אין זייערע בלוטיגע שטרייטען. עס זיינען אָבער בּיסלעכווייז צו־געקומען נייע אַוואַנטוריסטען, נייע גאָלד־זוכער און נייע אונטערדריקער פון דיא אינדיאַנער. ווען מארקיז דע קאַניעטע, איינער פון דיא העכסטע שפּאַנישע אַריסטאָקראַטען און, מען מעג זאָגען, איינער פון דיא נאָבעלסטע מענער פון זיין צייט, איז געשיקט געוואָרען נאָך פּערו אַלס וויצע־קעניג, האָבען זיך שוין דאָרטען געפונען אַרום אַכט טויזענד שפּאַניער, פון וועלכע אַרום פינף הונדערט האָבען בעזעסען גרויסע רעפּאַרטימיענטאָס און געהערשט איבער דיא אינדיאַ־נער וויא אונבעשרענקטע טיראַנען.

דיזער וויצע־קעניג האָט געזוכט צו בעשיצען דיא פּערואַנער וויא ווייט נור מעגליך. ער האָט פּערבאָטען דיא ווייטערע איינוואַנדערונג פון שפּאַניער און האָט אַרויסגעשיקט דיא אונרוהיגע אַוואַנטוריסטען. ער האָט אויך אָר־גאַניזירט עקספּעדיציעס נאָך טשילי און אַנדערע ווייטע פּראָווינצען, אום פּטור צו ווערען פון דיא אונצופריעדענע און ניט־בעשעפטיגטע שווערד־העלדען. פון דער אַנדער האַנד האָט ער געזאָרגט, אַז דיא אינקאַ־אַריסטאָקראַטען און קאַסיקעס זאָלען וואָס שנעלער איבערנעהמען דיא שפּאַנישע קולטור צוזאַמען מיט'ן קאַ־טאָליציזם און זאָלען בלייבען פּערוואַלטער און ריכטער פון דיא אַקערבויער אין זייערע דיסטריקטען. ער האָט עס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז סאַירי טופּאַק, דער געזעצליכער יורש פון דעם לעצטען אינקאַ מאַנקאָ קאַפּאַק, האָט אונטער־שריעבען, אַז ער ענטזאַגט זיך פון זיין קרוין און אַז ער נעהמט דערפאַר אַן אַ פּענסיע און אַ שטיק לאַנד אין דעם טהאָל פון יוקאַי, וואו ער איז אין אַ יאָהר צוויי נאָכדעם געשטאָרבען פון אַ געבראָכענע האַרץ. אָבער אין גאַנצען דורכ־פיהרען דיא "נייע געזעץ" האָט דיזער וויצע־קעניג ניט געקענט און אויך ניט געוואָגט. דיא אינדיאַנער זיינען אַלץ געבליבען לייבקנעכט, פּאַנסטשיזניקעס.

איינער פון דיא רעזולטאַטען פון דיזער ליבעראַלער פּאָליטיק איז געווען,

אז דער שטראָם פון דיא ערדלע מעטאַלען וואָס האָט זיך געצווינגען זייט דיא עראָבערונג פון פערו נאָך שפּאַניען, איז אַלץ שוואַכער געוואָרען. אויף'ן טראָן איז דאַן געזעסען פיליפּ דער צווייטער, וועלכער איז געוועזן אַזוי שטאָלץ, איינגעשפּאַרט און פאַנאַטיש וויא גייציג. פאַר זיינע מלחמות מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָס האָבען רואינירט שפּאַניען, האָט ער בעדאַרפט האָבען מאַסען גאָלד. ער האָט דאַרום בעשלאָסען צו שיקען אַן אַנדער וויצע־קעניג. שליסליך האָט ער געפונען אין דער פּערזאָן פון דאָן פראַנציסקאָ דע טאָלעדאָ איינעם וואָס איז געוועזן נאָך זיין האַרץ. דיזער וויצע־קעניג, וואָס איז אָנגעקומען אין לימאַ אין 1569, האָט עס איינגעפיהרט דיא סיסטעם פון קאָלאָניאַלע פערוואַלטונג, וועלכע האָט בעזאָנדערס פיעל בייגעטראָגען צו דער אָבשאַפונג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין דער נייער וועלט. זיין סיסטעם איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "ליבראָ דע טאַסאַס", וואָס עס מיינט: דאָס בוך פון רעגולאַציאָנען.

נאָך דיזע רעגולאַציאָנען זיינען דיא שפּאַניער פאַקטיש געבליבען אַ פּריווילעגירטע קאַסטע און דיא אינדיאַנער — זייערע לייבקנעכט. פּערו איז צוטהיילט געוואָרען אין אַ פופציג אַדמיניסטראַטיווע דיסטריקטען אונטער דער הערשאַפט פון קליינע שפּאַנישע טיראַנען מיט דעם נאָמען קאָרעזשידאָר. יעדער ערוואַקסענער אינדיאַנער האָט געמוזט צאָהלען אַ בעשטימטען קאָפּשטייער. דערפאַר זיינען זיי בעפרייט געוואָרען פון אַ בעדייטענדען טהייל פון זייער אַרבייט פאַר זייערע הערשער. דיא קאַסיקס זיינען געוועזן פעראַנטוואָרטליך פאַר דיא קאָלעקציאָן פון דיזען שטייער. זיי האָבען אָבער אויך געמוזט שיקען אַ זיבעטען טהייל פון דיא אינדיאַנער נאָך דיא שטעדט, וואו יעדער איינער פון דיא שפּאַניער האָט געהאַט דאָס רעכט זיי צו נעהמען צו דער אַרבייט. אין דיא געגענדען, וואו עס האָבען זיך געפונען מינען, האָבען דיא קאַסיקס געמוזט אויסקלייבען אַ געוויסען טהייל פון דיא אינדיאַנער און זיי שיקען אין דיזע מינען, פון וואַנען זיי פלעגען זיך שוין לעבעדיגע ניט צוריקקעהרען. דיא קאָרעזשידאָרס און דיא אַריסטאָקראַטישע לאַנד־בעזיצער פלעגען אין דער פּראַקטיק נאָך איבערשטייגען דיזע גרוזאַמע רעגולאַציאָנען. מאַסען אינדיאַנער פלעגען געטריעבען ווערען מיט געוואַלט אין דיא מינען אויף פאַלשע בעשולדיגונגען, אַז זיי בעהאַלטען זיך און אַז דיא קאַסיקס שטעלען ניט אויס ריכטיג דיא ליסטען פון דיא אונגליקליכע, וואָס פלעגען אויסגעקליבען ווערען פאַר דיזע שרעקליכע אַרבייט.

אויף דעם גרונד פון דיזע שטייער און ליסטען האָט מען אויסגערעכענט, אַז אין אַ יאָהר פערציג נאָך דער שפּאַנישער עראָבערונג איז דיא צאָהל פּערואַנער געוועזן אַרום אַכט מיליאָן. מען ווייס, אַז אין דער אומגעגענד פון פּאָטאָזי האָבען דיא קאַסיקס צוגעשטעלט אין 1573 עלף טויזענד פּעאָנען פאַר דיא

זילבער־מינען; אָבער מיט א הונדערט יאָהר שפּעטער האָט מען שוין ניט גע־קענט צוזאַמענטרייבען דאָרטען מעהר פון א זעכצעהן הונדערט אונגליקליכע פאַר דיא זעלבע גיהנם'דיגע ארבייט. אין דיא פּראָווינצען, וואו עס האָבען זיך, צום גליק פון דיא איינגעבאָרענע, ניט געפונען מינען, איז דיא בעפעלקע־רונג ניט אַזוי שנעל אויסגעשטאָרבען, וויא אין דער מינען־געגענד פון פּאָטאָזי, אָבער טאָלעדאָ'ס שרעקליכע סיסטעם האָט עס געפיהרט דערצו, אַז אין פּערו גופא האָבען זיך געפונען מיט צוויי הונדערט און צוואַנציג יאָהר שפּעטער (לויט א פּאָלקס־צעהלונג וואָס איז געמאַכט געוואָרען דאָרטען אין 1793) בלויז 1,076,977 נפשות, פון וועלכע 617,700 זיינען געווען ריינע אינדיאַנער, 241,255 מעסטיזאָס, 136,311 שפּאַניער, 40,337 נעגער און 41,404 מולאַטען. אין דער גאַנצער אינקאַ־אימפּעריע, וועלכע האָט געצעהלט אין איהרע גוטע צייטען אַרום צוואַנציג מיליאָן נפשות, האָבען זיך צו ענדע פון דער שפּאַנישער הערשאַפט געפונען אַרום פיער מיליאָן נפשות! דיזע ציפער זאָגען מעהר פאַר אַלע פּירושים איבער דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער סיסטעם.

ווען טאָלעדאָ איז אָנגעקומען אין קוצקאָ, האָט ער בעשלאָסען אויסצוראָ־טען צוזאַמען מיט דער קעניגליכער אינקאַ־פאַמיליע אויך אַלע פעסטליכקייטען און רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועלכע דיא פריהערע גובערנאַטאָרען און וויצע־קעניגע האָבען געדולדעט. ער האָט געהאַנדעלט פונקט פערקעהרט וויא מאַרקיז דע קאַניעטע. ער האָט געהייסען פאַנגען דיא אינקאַ־פּרינצען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעשלעפּט אין דיא וועלדער פון ווילקאַבאַמבאַ. ווען דיא שפּאַניער האָבען געפאַנגען דעם לעצטען זוהן פון דעם לעצטען אינקאַ, א אינגעל מיט'ן נאָמען טופּאַק אַמאַרו, האָט טאָלעדאָ געהייסען איהם קעפּען אויף אַן עפענטלי־כען פּלאַץ אין קוצקאָ גופא. אויך האָט ער געהייסען אַרויפשטעקען דיזען קרוינ־פּרינץ'ס קאָפּ אויף א פּיקע לעבען דעם עשאַפאָט אום וואָס מעהר איינצושרע־קען דיא פּערואַנער, וועלכע האָבען שוין סיי וויא סיי אויפגעגעבען יעדע האָפ־נונג אַראָבצושליידערען פון זיך דעם שרעקליכען שפּאַנישען יאָך. אַלע צערע־מאָניעס, וואָס האָבען נור געקענט דערמאָנען אָן דיא רעליגיאָן און פיהרונג פון דיא אינקאַס, זיינען שטרענג פערבאָטען געוואָרען, און פיעלע מיטגליעדער פון דיא אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען זיינען אומגעבראַכט געוואָרען.

צווישען טאָלעדאָ'ס נאָכפאָלגער, דיא וויצע־קעניגע, וועלכע דיא שפּאַנישע רעגיערונג פלעגט ניט לאָזען זיך אָנוואַרעמען לאַנג אויף זייערע פּלעצער, האָבען זיך געפונען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געזוכט צו פערבעסערען דיא לאַגע פון דיא אינדיאַנער, אָבער זיי האָבען שוין ניט געקענט אָבשאַפען דיזע פערניכ־טענדע סיסטעם און האָבען בכלל ניט געקענט איינפיהרען גוטע און דויערענדע רעפאָרמען. עס איז געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. יעדער נייער וויצע־קעניג פלעגט מיטברענגען זיינע פערוואַנדטע און פריינד, וועלכע האָבען נור געזוכט

וואָס שנעלער אָנצוזאַמלען רייכטהימער. זיי פלעגען ניט נור פערכאַפּען דיא בעסטע רעגיערונגס־פּלעצער, זאָנדערן אויך קוקען פון אויבען אַראָב אויף דיא קרעאָלען. עס איז אַזוי ענטשטאַנען אַ פיינדשאַפט צווישען דיא הערשער גופא. דיא איינגעבאָרענע ווייסע, דיא קינדער פון דיא פריהערע שפּאַנישע איינוואָהנער, זיינען געוואָרען אַלץ מעהר אונצופריעדען מיט זייער מוטערלאַנד און ספּעציעל מיט דיא נייע שפּאַנישע איינוואַנדערער. דיזע אונצופריעדענהייט איז עס געווען דיא וויכטיגסטע אורזאַכע פון דיא אויפשטאַנדען געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפט אין אָנפאַנג פון נייגצעהנטען יאָהרהונדערט, וויא מיר האָבען עס שוין געזעהען אין מעקסיקאָ און וויא דאָס האָט זיך מעהר אָדער ווע־ניגער ווידערהאָלט אין פּערו און בכלל אין זיד־אַמעריקאַ.

דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט איינגעפיהרט אין איהרע קאָלאָניעס אַזאַ האַנדעלס־סיסטעם, וואָס האָט זיי אַלץ מעהר פעראָרימט און געמאַכט דיא שטייער־לאַסט אונערטרעגליך. יעדער האַנדעל מיט אויסלאַנד איז געווען שטרענג פערבאָטען. מען האָט איינגעפיהרט אָבצאָהלונגען אויף אַלערליי סחורות, אויף עקספּאָרטס אַזוי וויא אויף אימפּאָרטס. דיא קאָמפּאַניע פון קאַדיקס וואָס האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אין דעם האַנדעל צווישען שפּאַניען און דיא קאָלאָניעס, ספּעציעל פון זיד־אַמעריקאַ, פלעגט שרעקליך בערייסען דיא קרעאָלען. אונטער אַזאַ עקאָנאָמישער סיסטעם וואָלטען דיא קאָלאָניעס ניט געקענט זיך ענטוויקלען און וואַקסען, ווען אפילו דיא פּאָליטישע סיסטעם וואָלט געווען אַ בעסערע און פרייערע. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט נור געזוכט אַרויסצוקריעגען וואָס מעהר גאָלד פאַר זיך פון דיא קאָלאָניעס. זיא האָט זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען געבען עפּעס צוריק דערפאַר. אַ פינפטעל פון דיא פּראָדוקטען פון דיא מינען און אַ צעהנטעל פון דיא פּראָדוקטען פון אַקערבוי האָבען געהערט צו דער קרוין. דאָס איז געווען אויסער פערשיעדענע אָבצאָהלונגען און שטייער אויף יעדער זאַך, אויף יעדער אונטערנעהמונג, אויף יעדען געשעפט.

לימאַ איז אויך געוואָרען דער צענטער פון האַנדעל צווישען זיד־אַמעריקאַ און שפּאַניען. אַלע סחורות וואָס פלעגען געשיקט ווערען צוערשט דורך פּאַנאַמאַ פלעגען נאָכהער געבראַכט ווערען נאָך לימאַ, פון וואַנען מען פלעגט זיי שוין טראַנספּאָרטירען ווייטער נאָך דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס ניט נור ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן, זאָנדערן אויך איבער דיא אַנדעסען־בערג נאָך פּאַראַגוואַי און אפילו נאָך בוענאָס ערעס.

צו אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צרות זיינען נאָך צוגעקומען רעליגיע־זע. דיא גלחים האָבען זיך אַ נעהם געטהאָן צו דיא נשמות פון דיא אונגליקליכע אינדיאַנער, וועלכע מען האָט מיט געוואַלט בעקעהרט צום קריסטענטהום און געטריבען אין דיא קירכען, וואו מען פלעגט זיי צווינגען צו צאָהלען וואָס מעהר

פאַר יעדען גאָטעסדיענסט און פאַר יעדע זאַך. די פראַנציסקאַנער און יעזו־איטען האָבען עס ״געבילדעט״ דאָס פאָלק. זיי האָבען געריסען פון טויטע און לעבעדיגע, אַלץ לשם שמים. זיי האָבען אויך איינגעפיהרט די אינקוויזי־ציאָן נאָך דעם היימישען מוסטער. מען ווייס בעשטימט, אַז צווישען 1581 און 1776 האָט מען אין לימאַ פערברענט 59 ״אפּיקורסים״. פון דער אינקווי־זיציאָן האָבען אָבער מייסטענס געליטען די שפּאַניער. די אינקוויזיטאָרען האָבען צו גוט געוואוסט, אַז צווישען די אינדיאַנער קענען זיך ניט געפינען אפּיקורסים. די פערואַנער האָבען אַזוי בלינד געגלויבט די קאַטאָלישע גלחים וויא פריהער די אינקאַ־פּריעסטער.

ענדערונגען צום בעסערען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין פערו און אין די אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אָנפאַנג פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען אַ צווייג פון די בורבאָנען (די פראַנצויזישע קעניגליכע פאַמיליע) איז אַרויף אויף דעם שפּאַנישען טראָן. ענגלישע און פראַנצויזישע האַנדעלס־שיפען האָבען דאַן געקראָגען די ערלויבניס אַריינצוקומען אין די פּאָרטען פון די שפּאַנישע קאָלאָניעס אונטער געוויסע בעדינגונגען. די שפּאַנישע רעגיערונג האָט ענד־ליך איינגעזעהען, אַז זיא פערליערט אַלץ מעהר דורך די מאָנאָפּאָלען און פערשיעדענע האַנדעלס־בעשרענקונגען, ווייל פון איין זייט האָט עס געשטערט די קאָלאָניעס זיך צו ענטוויקלען און פון דער אַנדער זייט האָט עס געפיהרט צו אַ פערמעהרונג פון שמוגלעריי.

זיא האָט אויך אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט איינגעזעהען, אַז עס איז זעהר שווער, פּשוט אונמעגליך צו פערוואַלטען פון לימאַ גרויסע און ווייטע געגענדען אין זיד־אַמעריקאַ. אין 1740 איז דאַרום געשאַפען געוואָרען דאָס וויצע־קעניגטהום פון ניי־גראַנאַדאַ, צו וועלכער עס האָבען געהערט די טעריטאָריעס פון די יעצטיגע רעפּובליקען קאָלאָמביאַ, ווענעצועלאַ און עק־וואַדאָר. די הויפּט־שטאָדט פון דיזען וויצע־קעניגטהום איז געווען באָגאָטאַ, וועלכע איז פערבליבען די הויפּט־שטאָדט פון קאָלאָמביאַ. אין 1776 איז געשאַפען געוואָרען דאָס וויצע־קעניגטהום פון בוענאָס ערעס, וואָס איז בע־שטאַנען פון די טעריטאָריעס צווישען די אַנדעסען אין מערב, טיטיקאַקאַ אין נאָרד און דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן אין מזרח (היינט געפינען זיך דאָרטען אַרגענטינאַ, באָליוויאַ און פּאַראַגוואַי). דורך דיזע ענדערונגען איז דאָס וויצע־קעניגטהום פון פערו געבליבען אונגעפעהר אַזוי גרויס וויא היינט די רע־פּובליקען פערו און טשילי.

אַלס צייכענס פון אויפלעבונג אין פערו גופא, אין דיזען צענטער פון דער שפּאַנישער הערשאַפט, אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט דאַרפען אויך בעטראַכט ווערן: די אויסווייזונג פון יעזואיטען אין 1767 און דער אויפשטאַנד פון פערואַנער אין 1780 אונטער דער פיהרונג פון אַ געווי־

סען טופאק אמארו, וועלכער האט געשטאמט פון דער קעניגליכער אינקא־פאמי־ליע. וויא רייך דיא יעזואיטען זיינען דארטען געוועז, קען מען שליסען פון דעם פאקט, דאס בלויז אין דער נאכבארשאפט פון לימא האבען זיי בעזעסען 5000 נעגער־שקלאווען און גיטער, וואס זיינען געשאצט געוועזן העכער פון צוויי מיליאן דאלאר און וואס זיינען קאנפיסצירט געווארען בשעת מען האט זיי פערטריבען.

טופאק אמארו׳ס אויפשטאנד האט זיך געצויגען א יאהר דריי. דאס איז געוועזן דיא לעצטע און אויך דיא גרעסטע אנשטרענגונג פון דיא אינדיאנער ארונ־טערצושליידערען פון זיך דעם שפאנישען יאך. אין פערו גופא, אין דיא מי־טעל־פונקטען פון דער אינקא־אימפעריע, זיינען דיא אינדיאנער שוין געוועזן אזוי נידערשלאגען, אז זיי האבען גאנץ וועניג אנטהייל גענומען אין דיזען אויפשטאנד. דיא שפאנישע קאמאנדירען האבען זאגאר געברויכט דיזע אינ־דיאנער אלס סאלדאטען צו אונטערדריקען דיא רעבעלען, וועלכע האבען זיך נור געקענט האלטען א לענגערע צייט אין דיא ווילדע בערג־געגענדען פון באלי־וויא. דיא קרעאלען האבען זיך דערשראקען פאר דעם אויפשטאנד פון דיא אינדיאנער אזוי וויא דיא שפאניער און זיי האבען דארום מיטגעהאלפען צו מאכען א קורצען סוף פון טופאק אמארו׳ס נאכפאלגער.

דיזער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געווארען מיט ווילדע גרויזאמקייטען. אבער דאס בלוט פון דיזע אינדיאנער איז דאך ניט פערגאסען געווארען אומ־זיסט. דיא שפאנישע רעגירונג האט געשיקט א פעהיגען וויצע־קעניג איינצו־פיהרען וויכטיגע רעפארמען. טאלעדא׳ס אויסצעהרענדע סיסטעם איז כמעט אין גאנצען אבגעשאפט געווארען א יאהר צעהן נאך טופאק אמארו׳ס רעבעליאן. מען האט טאקע אנגעפאנגען צו זארגען אויך פאר דיא אינטערעסען פון דיא אינדיאנער. וואס אנבעלאנגט צו דיא קרעאלען, האט מען זיי בעוויליגט מעהר זעלבסט־פערוואלטונג אין דיא שטעדט און פראווינצען.

אבער עס איז שוין געוועזן צו שפעט. דאס איז געוועזן דיא צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן, וועלכע האט געפונען אן אבקלאנג אין אלע שפאנישע קאלאניעס. אידעען פון פרייהייט האבען זיך געטראגען אין דער לופטען. צווישען דיא קרעאלען, וועלכע זיינען שוין לאנג געוועזן אונצו־פריעדען מיט דער הערשאפט פון דיא שפאניער, האט זיך אנגעפאנגען אזא רעוואלוציאנערע בעוועגונג, וועלכע האט געפיהרט און האט געמוזט פיהרען צו פאלשטענדיגע פאליטישע אונאבהענגיגקייט, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען.

פינפטער קאפיטעל.

# דער קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט

דער רעוואָלוציאָנערער שטורם, וואָס האָט אויסגעבראָכען מיט אַ גוואַלדי־גער קראַפט אין דער קאָלאָניאַלער אימפעריע פון שפאַניען אַלס רעזולטאַט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און פון דיא נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, האָט געטראָפען פערו מיט עטליכע יאָהר שפעטער וויא דיא אַנדערע קאָלאָניעס אין זיד־אַמעריקאַ. אין פערו האָט זיך אויך דיא שפאַנישע הערשאַפט געהאַל־טען לענגער און פעסטער וויא אין דיא אַנדערע קאָלאָניעס, און מען מעג זאָגען, אַז דער סוף פון דיזער הערשאַפט איז געקומען, ווען דיזע עלטעסטע שפאַנישע קאָלאָניע האָט געוואונען איהר אונאַבהענגיקייט מיט דער הילפע פון דיא רע־וואָלוציאָנערע פיהרער און סאָלדאַטען פון דיא אַנדערע קאָלאָניעס.

דיא שפאַניער האָבען נאַטירליך קאָנצענטרירט זייערע קרעפטע אין לימאַ. דערצו נאָך איז דער וויצע־קעניג אַבאַסקאַל, וועלכער איז אָנגעקומען אַהין אין 1806, געווען אַ זעהר פעהיגער און ענערגישער קאָמאַנדיר. ער האָט אָרגאַני־זירט אַן אַרמעע, וועלכע איז בעשטאַנען ניט נור פון שפאַניער, זאָנדערן אויך פון קאָנסערוואַטיווע און לאָיאַלע קרעאָלען און מעסטיזאָס, ניט רעכענענדיג דיא אינדיאַנער, וועלכע מען פלעגט פון אַלע זייטען טרייבען מיט געוואַלט צו פערגיסען זייער בלוט אין דיא שלאַכטען פון זייערע הערען. ער האָט אויך בע־צייטענס אַרעסטירט דיא רעוואָלוציאָנערע אָנפיהרער, פון וועלכע אייניגע זיינען היינגעריכטעט געוואָרען און דיא אַנדערע איינגעשפאַרט געוואָרען אין געפענג־ניסע און פערשיקט געוואָרען אין דיא קאַלטע און פייכטע געגענדען פון טשילי. דיא אויפשטאַנדען, וועלכע האָבען אויסגעבראָכען אין דיא אומגעגענדען פון קוצקאָ און טיטיקאַקאַ, זיינען אונטערדריקט געוואָרען נאָך אַ שרעקליכער אויס־שלאַכטונג אין 1816.

אַבאַסקאַל האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין טאַקע געמאַכט אַ סוף פון יעדען ווידערשטאַנד אין פערו. דיא לאַגע פון דיא רעוואָלוציאָנערען אין זיד־אַמעריקאַ איז איבערהויפט געווען אַ זעהר טרויעריגע אין 1816. זייערע אָנ־שטרענגונגען האָבען זיך געענדיגט אונגליקליך. מיט אויסנאַהמע פון אייניגע

פונקטען אין ארגענטינא, ספעציעל אין בוענאס ערעס, און אין באליוויא און וועגעצועלא, האבען דיא קעמפפער געגען דיא שפאנישע הערשאפט איבעראל פערלארען. אבאסקאל האט דארום זיך צוריקגעצויגען נאך שפאניען. זיין פלאץ האט פערנומען א פעהיגער גענעראל מיט'ן נאמען פענזועלא, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט ביי דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד אין באליוויא און האט געמאכט פארבערייטונגען צו א לאנגען און שווערען מארש איבער דיא אנדעסען, אום צו דערשטיקען דיא רעוואלוציאנערען אין זייער שטארקסטען און וויכטיגסטען נעסט: אין בוענאס ערעס גופא. אבער אין דעם איז ער געשטערט געווארען דורך א פאסירונג, וועלכע האט שליסליך געפיהרט צום זיעג פון דיא רעוואלוציאנערען. דאס איז נעמליך געוועזן דער בעריהמטער מארש פון דער ארגענטינער רעוואלוציאנערער ארמעע נאך טשילי אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל סאן מארטין, וועלכער פערנעהמט דעם נעכסטען פלאץ נאך דעם ליבעראטאר באליוואר, דעם זא־גענאנטען וואשינגטאן פון זיד־אמעריקא, און וועלכער פערדיענט דעם ערשטען פלאץ אין דער געשיכטע פון דעם קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט אין זיד־אמעריקא.

אין פערלויף פון צוויי יאהר האט דיזער ארגענטינער העלד געקליבען און מושטירט א רעוואלוציאנערע ארמעע, וואס זאל זיין אין שטאנד צו פיהרען שלאכטען מיט רעגעלמעסיגע שפאנישע סאלדאטען. סאן מארטין איז געוועזן דער זוהן פון א קאפיטאן פון דער שפאנישער ארמעע און האט געקראגען א מיליטערישע בילדונג אין מאדריד גופא. ער האט זיך אזוי אויסגעצייכענט אין דעם קריעג געגען נאפאלעאן, דאס דיא שפאנישע רעגיערונג האט איהם דערפאר בעלוינט מיט דעם ראנג פון א לייטענאנט־קאלאנעל. דאס האט אבער ניט געענדערט זיינע ליבעראלע מיינונגען. אין 1812, ווען ער האט זיך צוריק געפונען אין זיין געבורטס־לאנד, האט ער אנגעבאטען זיין שווערד אין דיענסט פון דער רעוואלוציאנערער כונטא אין בוענאס־ערעס. ער איז דאן געווארען דער קאמאנדיר פון דער רעוואלוציאנערער ארמעע, וועלכע האט געקעמפפט געגען דיא שפאניער און לאיאליסטען אין דיא טהיילען פון פערו, וואס געהערען יעצט צו דער רעפובליק באליוויא. דיזע ערפאהרונג האט איהם אבער געפיהרט צום שלוס, אז דיא רעוואלוציאן קען זיין ערפאלגרייך נור אין דעם פאל, ווען מען וועט צוערשט קענען פערדריאגען דיא שפאניער פון טשילי און נאכהער דארטען ארגאניזירען אן עקספעדיציע געגען לימא און אנדערע פארטען און פעסטונגען פון דיא שפאניער ביי דיא ברעגען פון פערו.

אום דורכצופיהרען דיזען גרויסען מיליטערישען פלאן, האט סאן מארטין גע'פועל'ט ביי דער רעוואלוציאנערער רעגיערונג אין בוענאס ערעס, אז מען זאל איהם בעשטימען פאר דעם גובערנאטאר פון דער פראווינץ קויא, וועלכע ציהט זיך ביי דיא גרענעצען פון טשילי. דארטען האט ער געדולדיג געקליבען

סאָלדאַטען און געזאַמעלט מאַטעריאַלען פאַר אַן אָנפאַל אויף דיא שפּאַניער אין טשילי. אין אָנפאַנג פון 1817, ווען ער האָט שוין געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע אַ געשולטע און דיסציפּלינירטע אַרמעע פון אַ פיער טויזענד אַרגענטינער און טשיליאַנער רעוואָלוציאָנערען מיט אַ טויזענד פערד און אויך מיט אַרטילעריע, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן איבער דיא אַנדעסען־בערג, וואו אפילו דיא דורכגענגע זיינען אַרום 13 טויזענד פוס הויך איבער דער אָבערפלעכע פון ים. דיזער היסטאָרישער מאַרש איז געווען אַזאַ שנעלער, טראָץ דיא גרויסע און געפעהרליכע שוויריגקייטען אויף אַ וועג איבער אַזעלכע הויכע און וויסטע בערג מיט שרעקליכע אָבגרונדען, אַז דיא שפּאַנישע קאָמאַנדירען האָבען ניט געהאַט געגוג צייט אַרויסצושיקען אַנטקעגען אַ שטאַרקערע אַרמעע. אין אַ שלאַכט לעבען טשאַקאַבוקאָ אין טשילי זיינען דיא שפּאַניער אַזוי בעזיעגט געוואָרען פון סאַן מאַרטין׳ס אַרמעע, אַז אַ רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג האָט שוין געקענט עטאַבלירט ווערען אין דער הויפּט־שטאָדט סאַנטיאַגאָ דע טשילי. סאַן מאַרטין איז דאַן געוואָרען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דיא רעוואָלוציאָנערע קרעפטע פון טשילי און אַרגענטינאַ און האָט אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען זיין לאַנג־געפּלאַנעווועטע עקספּעדיציע נאָך פּערו. אַלס פעהיגער קריעגס־פיהרער האָט ער בעצייטענס איינגעזעהען, אַז דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף וועט זיין אַ געוואונענער, וויא נור עס וועט געלינגען צו ברעכען דיא מאַכט פון דיא שפּאַניער אין פּערו און ספּעציעל טאַקע אין לימאַ און אַז דאָס קען מען דער־גרייכען נור דאַן, ווען מען וועט אויך קענען בעהערשען דאָרטען דעם ים אָדער וועניגסטענס אָבהאַקען דעם וועג פון שפּאַנישע שיפען צו פּערואַנער פּאָרטען.

אָבער גענעראַל פּענזועלאַ, וועלכער האָט פערנומען אַבאַסקאַל׳ס שטעלע אַלס וויצע־קעניג פון פּערו, האָט אויך ניט געדרעמעלט. ער האָט אָרגאַניזירט אַ נייע אַרמעע געגען סאַן מאַרטין. לעבען דעם טייך מאַיפּאָ איז אין אַפּריל 1818 פאָרגעקומען צווישען דיזע צוויי אַרמעען אַ שלאַכט, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגען זיעג פאַר דיא רעוואָלוציאָנערען און האָט גע־פיהרט צו דער גרינדונג פון דער רעפּובליק טשילי.

נאָך דער שלאַכט ביי מאַיפּאָ האָט שוין סאַן מאַרטין געקענט פאָרטזעצען אָהן בעזאָנדערע שטערונגען זיינע פּאָרבערייטונגען צו אַן אַטאַקע אויף פּערו. דיא רעגיערונגען פון אַרגענטינאַ און טשילי האָבען בעוויליגט געוויסע סומען צו קויפען שיפען און אויך צו דינגען ערפאַהרענע מאַטראָזען אין אייראָפּאַ און אין יונייטעד סטייטס. אין דער פּערזאָן פון לאָרד קאָטשרעין, אַן אַדעליגען אַוואַנטוריסט פון שאָטלאַנד, האָט סאַן מאַרטין געפונען אַ טיכטיגען אַדמי־ראַל. אָבוואָהל דיא שפּאַניער האָבען געהאַט אין פּערו 17 שיפען מיט 330 קאַנאָנען געגען אַ האַלב דוצענד שיפען מיט 180 קאַנאָנען, וואָס סאַן מאַרטין און לאָרד קאָטשרעין האָבען געקענט צוזאַמענקלייבען נאָך אַלע זייערע אָנ־

שטרענגונגען, דאָך האָט סאַן מארטין געקענט לאַנדען אַן אַרמעע פון 4500 אַרגענטינער און טשיליאַנער אין סעפּטעמבער 1820 אַ הונדערט מייל צום זיד פון לימאַ. לאָרד קאָטשרעין האָט אַרויפגעיאָגט אַזאַ שרעק אויף די שפּאַנישע שיפס־קאַפּיטאַנען מיט זיינע געוואַגטע און געשיקטע אַטאַקעס, אַז זיי האָבען געהאַלטען זייערע שיפען אונטער דעם שוץ פון די קאַנאָנען אין קאַלאַאָ, דעם פּאָרט פון לימאַ. די רעוואָלוציאָנערע אַרמעע האָט דאַרום געקענט לאַנדען אָהן שום שטערונגען פון די שפּאַנישע שיפען.

סאַן מארטין האָט אָבער ניט געוואָגט צו מאַרשירען גלייך נאָך לימאַ, וואו דער וויצע־קעניג האָט אַלץ פערגרעסערט זיין אַרמעע. אונטער דער קאָמאַנדע פון שפּאַנישע אָפיציערען האָבען זיך דאַן געפונען אין פּערו וועניגסטענס אַ צוואַנציג טויזענד סאָלדאַטען. אָבער די אינדיאַנער, וועלכע מען האָט געצוואונגען צו דינען אין די רייהען פון די ראַיאַליסטען, האָבען נור געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו אַנטלויפען. די רעוואָלוציאָנערען אין פּערו האָבען פון זייער זייט זיך אַ הויב געטהאָן געגען די שפּאַניער, וויא נור עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז סאַן מארטין'ס אַרמעע האָט געלאַנדעט. ווען סאַן מארטין האָט געשיקט אַן אָבטהיילונג פון זיין אַרמעע, אום אָבצושניידען די שפּאַניער איינינע וועגען נאָך לימאַ, זיינען צוגעשטאַנען ניט נור אונצופריעדענע קרעאָלען, זאָנדערן אויך אינדיאַנער, וועלכע האָבען בכלל מעהר סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערען וויא מיט די ראַיאַליסטען. סאַן מארטין מיט דעם הויפּטטהייל פון זיין אַרמעע האָט זיך דערווייל אַריבערגעצויגען אויף שיפען נאָך הואַטשאָ, אַ פּאָרט אונגעפעהר 70 מייל צום נאָרד פון לימאַ, וואו ער האָט בעשלאָסען צו וואַרטען ביז דער אויפשטאַנד וועט ווערען אַזוי שטאַרק, אַז דער וויצע־קעניג וועט געצוואונגען זיין אָבצוטרעטען פון לימאַ און צו בעפעסטיגען זיך אין מיטען לאַנד. אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט אין עטליכע מאָנאַט אַרום. ווען דער וויצע־קעניג האָט דערזעהען, וויא ער ווערט אַלץ מעהר אַרומגערינגעלט אין לימאַ, וואו די אונצופריעדענע מיט דער שפּאַנישער הערשאַפט זיינען אויך אַלץ צאָהלרייכער געוואָרען, האָט ער בעשלאָסען צוזאַמענצוקלייבען אַלע זיינע קרעפטע, אום צו מאַרשירען איבער די בערג און צו האַלטען זיך אין מיטען לאַנד אַזוי לאַנג, וויא עס וועט נור מעגליך זיין. וויא ריכטיג עס זיינען געוועזען סאַן מארטין'ס רעכנונגען, אַז וויא נור דער וויצע־קעניג וועט ניט קענען קריעגען הילפע דורך'ן ים, וועט מוזען קומען אַ סוף צו דער שפּאַנישער הערשאַפט, האָט זיך אַרויסגעוויזען וויא נור אַדמיראַל קאָטשרעין האָט פערױאָגט די שפּאַנישע שיפען און בעהערשט דעם וועג פון פּאַנאַמאַ נאָך לימאַ און אַנדערע פּאַסיפישע פּאָרטען פון זיד־אַמעריקאַ.

דעם 6טען יולי 1821 האָבען די שפּאַניער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל לאַ סערנאַ פערלאָזען לימאַ, דעם גרעסטען צענטער פון זייער

הערשאַפט אין זיד־אַמעריקאַ, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט צו בלייבען דאָרטען אין גאַנצען אָבגעשניטען פון דער וועלט און זיך דאַרום מוזען אונטערגעבען פשוט צוליעב הונגער. זיי זיינען אַוועק אויף׳ן וועג נאָך קוזקאָ, איבערלאָזענדיג אַ גאַרניזאָן בלויז אין דער פעסטונג פון פאָרט קאַלאַאָ אין פאַל טאָמער וועט דאָך קענען אָנקומען אַ פלאָטע מיט פערשטערקונגען פון שפאַניען.

אַ פאָאָר טעג נאָך דיזער צוריקציהונג פון דיא שפאַניער איז דיא רעוואָלוציאָנערע אַרמעע אונטער סאַן מאַרטין׳ס קאָמאַנדע אַריין מיט טריאומף אין לימאַ. אַ פראָוויזאָרישע רעגיערונג איז גלייך עטאַבלירט געוואָרען אונטער דער דיקטאַטור פון סאַן מאַרטין מיט דעם טיטול פראָטעקטאָר. דעם 28טען יולי 1821 איז פראָקלאַמירט געוואָרען דיא אונאַבהענגיגקייט פון פערו. אָבער דיא לאַגע פון דיא רעוואָלוציאָנערען בכלל און פון זייער רעגיערונג אין לימאַ בפרט איז דאָך געווען אַ זעהר ביטערע. דיא שפאַניער האָבען ניט נור פערשטאַרקט זייערע פאָזיציעס אין דיא געגענדען אַרום קוזקאָ און טיטיקאַקאַ, וואו זיי האָבען געצוואונגען, וויא געוועהנליך, דיא אינדיאַנער צו שפייזען זיי און אויך צו דיענען מיליטעריש, זאָנדערן האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען פון דיא בערג צו בעפאַלען לימאַ גופא. סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען צווישען פערשיעדענע פייערן. די קרעאָלען פון פערו האָבען געקוקט אויף איהם ווי אויף אַן אויסלענדער. זיי האָט פערדראָסען, וואָס אַרגענטינער און טשיליאַנער האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען דיא רעדעל אין זייער לאַנד. עס האָבען זיך דאַרום אָנגעפאַנגען אינערליכע רייסערייען.

סאַן מאַרטין האָט זיך דאַן געווענדעט צו דער הילפע פון דיא רעוואָלוציאָנערען אין נאָרד, נעמליך פון קאָלאָמביאַ, ווענעצועלאַ און עקוואַדאָר אונטער דער קאָמאַנדע פון באָליוואַר, דעם גרעסטען פיהרער אין דעם קאַמפף געגען דיא שפאַנישע הערשאַפט אין זיד־אַמעריקאַ. צו דער צייט איז באָליוואַר שוין געווען זיעגרייך אין ניי־גראַנאַדאַ און ווענעצועלאַ, וויא מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען איבערגעבען דיא געשיכטע פון דיזע צוויי רעפובליקען. צוזאַמען מיט זיין בעסטען לייטענאַנט, גענעראַל סוקרע, האָט ער אין 1822 אויך בעזיעגט דיא שפאַניער און לאָיאַליסטען אין עקוואַדאָר, זאָ דאָס ער האָט שוין געקענט קומען מיט אַ טהייל פון זיין קאָלאָמביאַנער אַרמעע צו העלפען דעם אַרגענטינער גענעראַל געגען דיא שפאַניער אין פערו, וועלכע האָבען זיך דאַן געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ זעהר פעהיגען פראַנצויזישען גענעראַל מיט׳ן נאָמען קאַנטעראַק. ווען באָליוואַר איז אָנגעקומען אין לימאַ, האָט ער ניט נור איבערגענומען אין גאַנצען דיא קאָמאַנדע איבער אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטע דאָרטען, זאָנדערן אויך דיא רעגיערונג. דיזער ליבעראַטאָר האָט געהאַט אַ ריזיגע אַמביציע. ער האָט געשטרעבט צו פערבינדען אַלע שפאַניש־שפרעכענדע לענדער אין זיד־אַמעריקאַ אין איין רעפובליק אונטער זיין דיק-

טאטור. סאן מארטין וועלכער האָט ניט געקענט שטימען מיט באָליוואר׳ן און האָט אויך ניט געוואָלט שטערען דעם בעפרייאונגס־קאמפף, האָט ניט נור פרייוויליג רעזיגנירט פון זיין אמט, זאָנדערן האָט זאָגאר פערלאָזען פערו. דערמיט האָט ער געצייגט א נאָבעלען ביישפיעל, אז דיא אינטערעסען פון פאָלק שטעהען ביי איהם העכער פאר זיינע אייגענע. ליידער איז דיזער ביישפיעל ניט נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון אנדערע גענעראלען און פיהרער אין דעם בע־פרייאונגס־קאמפף געגען שפאניען, אויך ניט פון באָליוואר׳ן.

ערשט א יאָהר נאָך זיין אָנקומען אין פערו האָט באָליוואר געקענט אָר־גאניזירען אזא שטארקע ארמעע, וואָס זאָל קענען אטאקירען דיא שפאניער אונטער גענעראל קאנטעראק׳ס קאָמאנדע אין דיא געגענדען ארום קוצקאָ און טיטיקאקא. דיא לעצטע און בלוטיגסטע פון דיא שלאכטען וואָס זיינען גע־פאָכטען געוואָרען אין פערו צווישען דיא רעוואָלוציאָנערע און שפאנישע אר־מעען, איז פאָרגעקומען אין איאקוטשאָ (א שטאָדט אונגעפעהר אין מיטען צווי־שען לימא און קוצקאָ) דעם 9טען דעצעמבער 1824. ניט נור זיינען דאָרטען דיא שפאניער בעזיעגט געוואָרען, זאָנדערן דער וויצע־קעניג גופא איז פער־וואונדעט און געפאנגען געוואָרען. פון דער לאָיאליסטישער ארמעע זיינען 1400 מאן געפאלען טויט אויף דעם בעריהמטען שלאכטפעלד פון איאקוטשאָ, 700 זיינען פערוואונדעט געוואָרען און ארום 4000 געפאנגען געוואָרען, דא־רונטער 14 גענעראלען צוזאמען מיט גענעראל קאנטעראק און 568 אָפיצירען. פון דער רעוואָלוציאָנערער זייט זיינען דאן געטויטעט געוואָרען 300 און פער־וואונדעט געוואָרען 600.

דיזע נידערלאגע איז געווען דער טויטקלאפ פאר דיא שפאנישע הערשאפט אין פערו, וואו דער קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט האָט זיך געצויגען ארום צוואנציג יאָהר, לענגער וויא אין אירגענד וועלכער אנדערער שפאנישער קאָלאָניע אין זיד־אמעריקא. גענעראל סוקרע, וועלכער האָט קאָמאנדירט דיא רעוואָלו־ציאָנערע ארמעע אין דער שלאכט ביי איאקוטשאָ, איז אריין אין קוצקאָ, פון וואנען ער האָט זיך א לאָז געטהאָן צו פעריאָגען דיא לעצטע שפאנישע באטא־ליאָנען אין דעם זידליכען טהייל פון באָליוויא.

זעקסטער קאפּיטעל.

# דיא ערשטע פופציג יאָהר פון אונאבהענגיגקייט

נאָך דער זיעגרייכער שלאכט ביי איאקוטשא איז באָליוואר געוואָרען אויך דער דיקטאַטאָר פון פּערו. ער איז דאַן געווען זעהר פּאָפּולער ביי דיא מאַסען אין גאַנץ זיד־אַמעריקאַ. דיא קרעאָלען פון פּערו זיינען אפילו גאָר ניט געווען צופריעדען, וואָס איבער זייער לאַנד הערשט ווידער אַ פרעמדער, אָבער זיי האָבען גאָר נישט געקענט אויספיהרען געגען איהם ביז 1826, ווען ער האָט געפונען פאר נויטיג צוריקצוקעהרען זיך נאָך קאָלאָמביאַ. דער ליבעראַטאָר האָט זיך אָלץ ארומגעטראָגען מיט זיין גראַנדיאָזען און טרוימערישען פּלאַן צו גרינדען דיא פעראייניגטע שטאאטען פון גאַנץ זיד־אַמעריקאַ ניט רעכנענדיג דיא פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס אין בראַזיליען. איהם איז שוין געלונגען צו פערבינדען ווענעצועלאַ, ניי־גראַנאַדאַ און עקוואַדאָר אונטער דעם נאָמען דיא פעראייניגטע שטאאטען פון קאָלאָמביאַ, פון וועלכע ער איז געוואָרען דער ערשטער פרעזידענט, פאַקטיש דער דיקטאַטאָר.

אום אויך צוצוציהען פּערו, האָט ער צוזאַמענגערופען אין 1825 אַ קאָנגרעס אין לימאַ. דאָס איז נור געווען אַ צערעמאָניע פון זיין זייט. ער האָט זאָגאָר פּאָרגעשלאָגען צו רעזיגנירען פון זיין אַמט אַלס דיקטאַטאָר; אָבער אזוי וויא דיא אַרמעע איז געווען אין זיינע הענד, האָבען דיא מיטגליעדער פון דיזען קאָנגרעס מורא געהאַט איינצורייסען זיך מיט איהם און האָבען איהם אָפּיציעל געבעטען צו פערבלייבען וויטער דער הויפּט פון דער פּערוּאַנער רעפּובליק. ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט אַרומגערייזט איבער'ן לאַנד, וואו ער איז איבעראַל אויפגענומען געוואָרען מיט פריידע. ווען ער איז צוגעקומען צום פּלאַטאָ וואָס ציהט זיך צום זיד־אָסט פון טיטיקאַקאַ, אין דער געגענד וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען אויבערשטע פּערו, האָט ער דאָרטען געשאַפען אַ נייע רעפּובליק און אַ נייע נאַציאָן. דאָס איז דיא רעפּובליק באָליוויאַ (דאָס לאַנד פון באָליוואר). דיזער טהייל פון דער אינקאַ אימפּעריע האָט אזוי פערעווינגט דעם נאָמען פון דעם ליבעראַטאָר, וועלכער האָט אַליין אָנגעשריעבען

איהר קאָנסטיטוציאָן און האָט אָנגעשטעלט גענעראַל סוקרע אַלס איהר פּרעזידענט.

באָליוואַר האָט דאַן דערגרייכט דיא העכסטע שטופּע פון זיין גדולה. דיזער וואַשינגטאָן פון זיד־אַמעריקאַ האָט גערעכענט, אַז ער וועט באַלד ווערען דער הערשער איבער אַן אימפּעריע, וואָס וועט זיך ציהען פון ווענעצועלאַ און קאָלאָמביאַ אין נאָרד ביז טשילי און אַרגענטינאַ אין זיד. אָבער דיא שטרעבונג פון דיא קרעאָלען, וועלכע זיינען געוואָרען דיא הערשער אויף דעם פּלאַץ פון דיא שפּאַניער, זיינען גראַדע געווען געגען אַ גרויסע רעפּובליק מיט אַ צענטראַליסטישער רעגיערונג, וויא באָליוואַר האָט עס פּרוביר'ט דורכפיהרען. אין יעדער פון דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס, וועלכע זיינען געווען פערוואַלטעט אין פערלויף פון צוויי און אַ האַלב יאָהרהונדערטע פון וויצע־קעניגע אָדער גענעראַל־גובערנאַטאָרען, איז ענטשטאַנען, מעג מען זאָגען, אַ בעזונדערע נאַציאָן, וואָס האָט פערלאַנגט זעלבסטפערוואַלטונג און געוואָלט בלייבען אונאַבהענגיג. דיא שפּראַך און דיא רעליגיאָן זיינען געווען דיא זעלבע אין דער ריזיגער קאָלאָניאַלער אימפּעריע פון שפּאַניען, אָבער צו דער צייט פון דעם קאַמפּף פון אַלע קאָלאָניעס פאַר פּאָליטישע אונאַבהענגיגקייט, האָבען זיך דיא איינוואָהנער פון פּערו, טשילי, עקוואַדאָר, אַרגענטינאַ, ווענעצועלאַ, קאָלאָמביאַ א. ז. וו. אַזוי וויט אונטערשיידעט איינע פון דיא אַנדערע, אַז אונטער איין רעגיערונג האָבען זיי שוין אויף קיין פאַל ניט געקענט בלייבען.

באָליוואַר'ס פּאָליטישע געביידע איז דאַרום צופאַלען געוואָרען נאָך איידער זיא איז פערטיג געוואָרען. דער ליבעראַטאָר האָט געמוזט פערלאָזען פּערו, וויל עס האָבען זיך אין 1826 אָנגעפאַנגען אַזעלכע רייסערייען צווישען ווענעצועלאַ און ניי־גראַנאַדאַ, וואָס האָבען זיך טאַקע געענדיגט שפּעטער מיט זייער אָבזונדערונג אין צוויי רעפּובליקען. ער האָט זיך געאיילט אָנצוקומען אין באָגאָטאַ, דיא הויפּט־שטאָדט פון קאָלאָמביאַ, אום צו קענען ווייטער אָנהאַלטען זיין הערשאַפט דאָרטען. אָבער אין עטליכע מאָנאַט נאָך זיין אָברייזע פון לימאַ האָט זיך אויך געמוזט צוריקציהען זיין גענעראַל לאַראַ, וועמען ער האָט דאָרט איבערגעלאָזען אַלס קאָמאַנדיר איבער זיינע קאָלאָמביאַנער סאָלדאַטען. די אינערליכע שטרייטען צווישען די פּערואַנער פּאַרטייען און פיהרער זיינען אַלץ העפטיגער און ביטערער געוואָרען. באַלד נאָך דער אָברייזע פון די קאָלאָמביאַנער סאָלדאַטען אין 1827 האָט אויסגעבראָכען אַ קאַמפּף צווישען דיא גענעראַלען סאַנטאַ קרוץ און לאַמאַר וועגען דיא פּרעזידענטשאַפט. געזיעגט האָט לאַמאַר. דער קאָנגרעס וואָס איז צוזאַמענגערופען געוואָרען צו בעשטימען דיא קאָנסטיטוציאָן פון דער פּערואַנער רעפּובליק און צו ערוועהלען אַ פּרעזידענט, האָט אין אַוגוסט 1827 געשטימט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט פאַר גענעראַל לאַמאַר, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט ביי איאַקוטשאָ. אָבער ער

איז ארונטערגעזעצט געוואָרען אין צוויי יאָהר ארום נאָך דער מלחמה, וועלכע ער האָט פערפיהרט מיט קאָלאָמביא און וועלכע האָט זיך געענדיגט זעהר אונ־גליקליך פאר פערו.

דאָס איז געווען, מעג מען זאָגען, דער אָנהייב פון דיא פערוויסטענדע מלחמות, וועלכע פלעגען אויסברעכען פון צייט צו צייט צווישען דיא יונגע רע־פובליקען אין זיד־אמעריקא וועגען דיא גרענעצען פון זייערע טעריטאָריעס. פרעזידענט לאַמאר האָט געשיקט אַן ארמעע צו פערכאַפּען באָליוויא, אום דער־מיט ניט נור צו פערגרעסערען און פערשטארקען פערו, זאָנדערן אויך אָבצו־שוואכען קאָלאָמביא און בעזאָנדערס צו צערשטערען באָליוואר'ס אמביציעזע פּלענער צו בעהערשען גאַנץ זיד־אמעריקא. אָבער וויא נור דער ליבעראַטאָר האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער געשיקט אַן ארמעע נאָך עקוואדאָר, וועל־כע האָט בעזיעגט לאַמאר'ס ארמעע.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַ בירגער־קריעג, וואָס האָט זיך געצויי־גען ביז 1844. נאָך לאַמאר'ס נידערלאַגע האָט איינער פון זיינע גענעראַלען מיט'ן נאָמען גאַמאַרא, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט ביי איאַקוטשאָ, פערכאַפּט דיא רעגיערונג אין זיינע שטארקע הענד. עס האָט געהייסען, אַז ער איז אויסגעוועהלט געוואָרען פון אַ קאָנגרעס אין לימאַ אין 1829 אַלס פּרעזידענט, אָבער ער האָט אַזוי ווענינ געוואוסט פון אַ קאָנסטי־טוציאָנעלער רעגיערונג, וויא דיא אַנדערע גענעראַלען פון זיין צייט אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ, און איז פּאַקטיש געווען דיקטאַטאָר. זיינע געגנער און אַלע אַנדערע אַמביציעזע גענעראַלען האָבען אָבער ניט געוואָלט דולדען זיין דיקטאַטור. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען אויפשטאַנדען און פּראָנונסיאַ־מענטאָס. זאָ־גענאַנטע פּרעזידענטען האָבען זיך געביטען כמעט יעדעס יאָהר ביז 1845, ווען גענעראַל ראַמאָן קאַסטילאַ איז געוואָרען דער דיקטאַטאָר. דיא אָפיציערען און גענעראַלען, וועלכע האָבען אַנטהייל גענומען אין דער שלאַכט ביי איאַקוטשאָ, האָבען געהאַלטען, אַז נור זיי האָבען פערדיענט צו פיהרען דיא גרענדע אין דער רעפּובליק און צו פערנעהמען דיא בעסטע רעגיערונגס־פּלעצער. אין דיזער בעזאָנדערס אונרוהיגער צייט פון דער פּערואַנער רע־פּובליק, וועלכע האָט זיך נאָך אייגענטליך עד היום ניט בערוהיגט אין גאַנצען, איז דער קאַמפּף פאר דיא דיקטאַטור געפיהרט געוואָרען בעזאָנדערס צווישען דיא גענעראַלען גאַמאַרא, סאַנטאַ קרוז און סאַלאַווערי. אין דיזע בירגער־קריעגען האָבען זיך געוועהנליך בעטהייליגט דיא קרעאָלען. דיא אינדיאַנער, וועלכע בילדען אויך היינט דעם בויערן־קלאַס, האָבען זיך פּריינוויליג ניט גע־מישט אין דיא שטרייטען און שלאַכטען פון זייערע ווייסע העררן און האָבען אין אַלגעמיינען קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דער פּערוואַלטונג פון לאַנד.

די קרעלען פלעגען אָבער צווינגען מיט געוואלט די אינדיאַנער צו דיענען אין זייערע אַרמעען.

גענעראַל סאַנטאַ קרוז, וועלכער איז געוואָרען דער דיקטאַטאָר אין באָלי־וויא, האָט אין 1836 בעזיעגט כמעט אַלע זיינע געגנער, דאַרונטער אויך גענע־ראַל גאַמאַרא. ער האָט זיך דאַן ערקלערט פאַר דעם פּראָטעקטאָר פון פּערו און באָליוויא צוזאַמען. אָבער צו זיין הערשאַפט איז געקומען אַ שנעלער סוף דורך אַן אַטאַקע פון טשילי. די אַריסטאָקראַטיש־קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, וועלכע האָט דאַן געפיהרט די גרענדע אין טשילי, האָט געוואָלט צייגען איהר מאַכט אויך אין פּערו און בכלל אין אַלע לענדער ביי די ברעגען פון פּאַסי־פישען אָקעאַן. ווען מיר וועלען קומען צו דער געשיכטע פון טשילי, וועלען מיר זעהען, אַז אין 1831 איז די ליבעראַלע פּאַרטיי דאָרטען בעזיעגט געוואָ־רען און אַז איהר פיהרער פרעירע איז אַנטלאָפען נאָך פּערו, וואו ער האָט גע־זוכט הילפע ביי די ליבעראַלען. די טשיליאַנער רעגיערונג האָט העפטיג פּראָטעסטירט געגען די האַנדלונגען פון דער פּערואַנער רעגיערונג צו גונסטען פון די ליבעראַלע רעבעלען אין טשילי און האָט געשיקט אָהן שום וואַרנונג שיפען, וועלכע האָבען געפאַנגען די פּערואַנער שיפען אין קאַלאַאָ. עס האָט זיך אַזוי אָנגעפאַנגען די ערשטע מלחמה צווישען דיזע צוויי רעפּובליקען, וועלכע זיינען, וויא מיר וועיסען עס, געוועזען טהיילען פון דער אינקאַ־אימפּעריע און האָבען זיך אויך אַ לענגערע צייט געפונען אונטער דער פערוואַלטונג פון די זעלבע שפּאַנישע וויצע־קעניגע.

די טשיליאַנער רעגיערונג האָט דאַן געשיקט סאָלדאַטען צו שטיצען די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי אין פּערו און די געגנער פון סאַנטאַ קרוז, וועלכער האָט זיך קוים געקענט רעטען מיט גאַנצע ביינער. גענעראַל גאַמאַרא איז דאַן (אין 1839) ווידער געוואָרען פּרעזידענט, אָבער פון אַלע זייטען האָבען זיך אויפגעהויבען גענעראַלען, וועלכע האָבען געקליבען מחנות צו מאַכען פּראָנונ־סיאַמענטאָס. די אַנהענגער פון גענעראַל סאַנטאַ קרוז, וועלכער האָט זיך אָבגעטראָגען נאָך אייראָפּאַ, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין באָליוויא, פון וואַנען זיי האָבען געוואָלט זיך אַ לאָז טהאָן נאָך קוצקאָ. גענעראַל גאַמאַרא, וועלכער האָט בעשלאָסען ניט צו געבען זיי צייט אויסצופיהרען זייער פּלאַן, האָט אין איילענעס אָנגעפאַנגען אַ מאַרש נאָך באָליוויא, אָבער אין אַ זעהר בלוטיגער שלאַכט אין 1841 איז ער געטויטעט געוואָרען און די מייסטע פון זיינע אָפיצירען זיינען געפאַנגען געוואָרען.

נאָך גענעראַל גאַמאַרא'ס טויט איז די לאַגע אַלץ ערגער געוואָרען. פּרע־זידענטען און דיקטאַטאָרען האָבען זיך נאָך שנעלער געביטען וויא פריהער. נור ענדליך איז אויפגעקומען אַ דיקטאַטאָר, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט ניט בלויז אַלס אַ מוטהיגער גענעראַל, זאָנדערן אויך אַלס אַ פעהיגער אַדמיניסטראַ־

טאָר און שטאַטס־מאַן. דאָס איז געווען גענעראַל ראַמאָן קאַסטילאַ, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט ביי איאַקוטשאַ, נור ער האָט זיך אַלץ צוריקגעהאַלטען פון מאַכען אַ פּראָנונסיאַמענטאָ אין זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט זיך ערוואָרבען אַ נאָמען אַלס אַן ענערגישער און עהרליכער מאַן. דאַרום זיינען צו איהם צוגעשטאַנען פיעלע, וויא נור ער איז ארויסגע־טראָטען צו מאַכען אַ סוף פון דעם אונענדליכען בירגער־קריעג און איינצופיה־רען אָרדנונג. אויך דיזעס מאָל האָט ער אייגענטליך געשטיצט דעם גזעצליך ערוועהלטען פּרעזידענט מענדעץ געגען זיינע געגנער. נאָכדעם וויא קאַסטילאַ

גענעראַל ראַמאָן קאַסטילאַ

האָט בעזיעגט אין 1844 דיזע געגנער און איז אריין מיט טריאומף אין קוזקאָ, האָט ער צוערשט ערקלערט אַלגעמיינע אַמניסטיע און באַלד נאָכדעם אַרויפ־געזעצט צוריק גענעראַל מענדעץ אויף דעם פּרעזידענטען־שטוהל, אָבער אין צעהן מאָנאַט ארום, ווען מענדעץ'עס געזעצליכער טערמין האָט זיך געענדיגט, איז גענעראַל קאַסטילאַ כמעט איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען פון קאָנגרעס אַלס פּרעזידענט.

דיזער גרויסער מאַן פון פּערו האָט געהערשט מיט אַן אייזערנער, אָבער אויך מיט אַן עהרליכער האַנד. מען האָט פאַר איהם מורא געהאַט, אָבער מען האָט איהם אויך געאַכטעט. ער האָט געהאַלטען אין צוים דיא אַמביציעזע

גענעראלען, וועלכע האבען אלץ אויסגעקוקט אויף א געלעגענהייט צו מאכען א פראנונסיאמענטא, און האט אויך איינגעפיהרט רוהע און ארדנונג, וויא וויית דאס איז דאן מעגליך געווען נאך אזוי פיעל רעוואלוציאנען און קאנטער־רעוואלוציאנען. דיא מאסען פון פאלק האבען איהם געשטיצט געגען דעם מי־ליטערישען טהייל פון דיא קרעאלען, וואס האט ארויסגערופען און געפיהרט דיא אויפשטאנדען אין דיא צוואנציג יאהר נאך דער שלאכט ביי איאקוטשא.

דערצו נאך איז גענעראל קאסטילא זעהר פיעל געהאלפען געווארען דורך דיא מיליאנען, וועלכע האבען אנגעפאנגען צו פליסען אין זיין רעגירונגס־קאסע פון דיא גואנא און ניטראטען מינען, מיט וועלכע עס זיינען אויסער־ארדענטליך רייך דיא וויסטעסטע געגענדען פון זיד־אמעריקא ביי דיא ברעגען פון פאסיפישען אקעאן. ווען מען האט אויסגעפונען, וואס פאר טהייערע מאטעריאלען עס געפינען זיך דארטען פאר דיא בעמיסטיגונג פון פעלדער, האבען זיך אהין א לאז געטהאן שיפען פון אייראפא. דיא וויסטעסטע און כמעט גאר ניט בעוואהנטע טהיילען פון פערו זיינען מיט אמאל געווארען דיא טהייערסטע. דיא ניטראטען און גואנא האבען צוגעשטעלט און שטעלען צו מעהר געלד וויא אפילו רייכע גאלד־מינען. דיא טאקסע אויף דיזע בעמיסטי־גונגס־מאטעריאלען האט געהאלפען גענעראל קאסטילא ניט נור צו דעקען אלע קאסטען פון א בעדייטענדער ארמעע און פון דער רעגירונג, זאנדערן אויך צו ערלייכטערען דיא שטייער־לאסט פון דיא אינדיאנער אקערבויער, צו צאהלען רעגעלמעסיג דיא שטאאטס־שולדען, צו בויען דיא ערשטע אייזענבאהן צווישען לימא און קאלאא און צו עטאבלירען א ליניע פון דאמפף־שיפען ביי דיא ברע־גען פון פאסיפישען אקעאן.

גענעראל קאסטילא האט רעגיערט וויא א דיקטאטאר, נור ווען זיין גע־זעצליכער 6־יעהריגער טערמין האט זיך געענדיגט, האט ער פרייוויליג רעזיג־נירט. אויף זיין פלאץ איז ערוועהלט געווארען גענעראל עטשעניק, וועלכער האט אבער ניט לאנג זיך געהאלטען. דיזער גענעראל האט זיך אזוי געפיהרט, אז עס האט אויסגעבראכען אן אויפשטאנד געגען איהם, און קאסטילא האט זיך ווידער געמוזט אריינמישען, אום צו עטאבלירען ארדנונג און פריעדען. נאך עטליכע שלאכטען, וועלכע האבען זיך געענדיגט צו גונסטען פון גענעראל קאסטילא, האט גענעראל עטשעניק געמוזט מאכען פליטה פון פערו. קאס־טילא איז דאן ווידער געווארען דיקטאטאר. אין דער צייט פון זיין צווייטער דיקטאטור, פון 1855 ביז 1862, ווען ער האט זיך צוריקגעצויגען פון פאלי־טישען לעבען, האט ער אלץ מעהר געשטעלט אויף א פעסטען באדען דיא רע־פובליק. אין 1860 האט ער דורכגעפיהרט א קאנסטיטוציאן, וועלכע פער־בלייבט עד היום אין קראפט. דיא רעגיערונג, וואס ער האט איינגעפיהרט, איז א צענטראליסטישע. דער פרעזידענט האט א צו גרויסע מאכט. דאס

לאַנד איז צוטהיילט אין פּראָווינצען, וועלכע ווערען פערוואַלטעט פון פּרעפעק־טען אָדער גובערנאַטאָרען, וואָס ווערען ערנאַנט פון פּרעזידענט. נור אַזעלכער וואָס קען לעזען און שרייבען און וואָס צאָהלט געוויסע שטייער אָדער בעזיצט אייגענטהום, איז בערעכטיגט צו שטימען. דאָס מיינט, אַז דער גרעסטער טהייל פון דיא פּערואַנער בלייבען אָהן שטימרעכט. שקלאַווערייא און אַלע ספּעציעלע אָבצאָהלונגען פון אינדיאַנער זיינען פערבאָטען געוואָרען (אין פּערו האָט עקזיסטירט שקלאַווערייא ביז 1855).

קאַסטילאַ'ס פּלאַץ האָט פערנומען גענעראַל סאַן ראַמאָן, זיינער אַן אַל־טער פריינד. ער איז אָבער געשטאָרבען אין זעקס מאָנאַט נאָך זיין ערוועהלונג אַלס פּרעזידענט, און דער וויצע־פּרעזידענט פּעזעט האָט אָהן שום שטערונגען געקענט זיך זעצען אויף דעם פּרעזידענטען־שטוהל. גענעראַל פּעזעט האָט אָבער ניט געקענט ענדיגען דעם געזעצליכען טערמין צוליעב אַ צוזאַמענשטויס מיט שפּאַניען. אין דער צייט פון זיין לאַנגער הערשאַפט האָט קאַסטילאַ אויך גע־זוכט צוצוציהען עמיגראַנטען פון אייראָפּאַ און פון אַזיען (אַ סך כינעזער זיינען דאַן אריבערגעבראַכט געוואָרען צו אַרבייטען אויף דיא בוימוואָל און צוקער־פּלאַנטאַציעס אין דיא טהאָלען). גראָדע האָט עס פּאַסירט, אַז אייניגע פון דיא שפּאַנישע איינוואַנדערער זיינען בעפאַלען און געטויטעט געוואָרען פון פּערואַנער אין אַ שטרייט אויף אַ פּלאַנטאַציע. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט דאַן פערלאַנגט, אַז דיא מערדער זאָלען בעשטראָפט ווערען און אַז דיא פּע־רואַנער רעגיערונג זאָל ניט נור בעטען ענטשולדיגונג, זאָנדערן אויך בעצאָה־לען דריי מיליאָן דאָלאַר שאַדענערזאַץ. ווען דיא פּערואַנער רעגיערונג האָט צוריקגעוויזען אַזעלכע פאָדערונגען, האָט שפּאַניען געשיקט קריעגס־שיפען, וועלכע האָבען פערכאַפּט דיא בעסטע גואַנאָ אינזלען. פּרעזידענט פּעזעט האָט זיך דאַן געווענדעט צו דער הילפע פון טשילי, אָבער דיא שפּאַניער האָבען געסטראַשעט צו באָמבאַרדירען דיא פּאָרטען, און ער האָט זיך דערשראָקען און נאָכגעגעבען אַלע שפּאַנישע פאָדערונגען. דאָס האָט אַרויסגערופען אַזעלכע פּראָטעסטען אין גאַנצען לאַנד, אַז גענעראַל פּעזעט האָט געמוזט רעזיגנירען. גענעראַל פּראַדאָ איז דאַן געוואָרען דיקטאַטאָר און האָט פון איין זייט ער־קלערט קריעג צו שפּאַניען און פון דער אַנדער זייט געשלאָסען אַ בונד מיט טשילי, וועלכע האָט בעשלאָסען צו העלפען דיא פּערואַנער געגען דיא שפּאַנישע אַטאַקע. אין 1866, ווען אַ שפּאַנישע פלאָטע האָט גענומען באָמבאַרדירען קאַלאַאָ, האָבען דיא קאַנאָנען פון דיזער פעסטונג אַזוי גוט געענטפערט, אַז אייניגע שיפען זיינען שטאַרק צושעדיגט געוואָרען און קיין לאַנדונג פון שפּאַ־נישע סאָלדאַטען האָט ניט געקענט געמאַכט ווערען. דיא שפּאַנישע פלאָטע האָט זיך דאַן אָבגעטראָגען, און דאָס איז געווען דער סוף פון דיזער קורצער מלחמה,

ביי דער באָמבאַרדירונג פון קאַלאַאָ זיינען אָבער ביז 2000 פּערואַנער געטוי־טעט און פערוואונדעט געוואָרען.

ווען דיא געפאהר פון דער שפּאַנישער אַטאַקע איז פאַריבער, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ רייסעריי וועגען דעם, וואָס גענעראַל פּראַדאָ איז ניט געווען דער געזעצליכער פּרעזידענט. נאָך דיא פאַרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן האָט דער צווייטער וויצע־פּרעזידענט, אַ גענעראַל מיט'ן נאָמען קאַנסעקאָ, בעדאַרפט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ פּרעזידענט. קאַסטילאַ האָט דאַן ווידער אָרגאַניזירט אַן אַרמעע צו שטיצען דיא קאָנסטיטוציאָן און דעם גע־זעצליכען פּרעזידענט, אָבער דיא אָנשטרענגונג איז געווען צו שטאַרק פאַר זיינע יאָהרען (ער איז שוין אַלט געווען 70 יאָהר) און ער איז געשטאָרבען אויף'ן וועג. גענעראַל פּראַדאָ האָט פון דעסטוועגען געמוזט אָבטרעטען דעם פּלאַץ צו גענעראַל קאַנסעקאָ. ווען עס האָט זיך געענדיגט קאַנסעקאָ'ס גע־זעצליכער טערמין, האָט דער קאָנגרעס אויסגעקליבען פאַר פּרעזידענט אין 1868 אַ גענעראַל מיט'ן נאָמען באַלטאַ, וועלכער האָט טהיילווייז נאָכגעפאָלגט דעם גוטען ביישפּיעל פון גענעראַל קאַסטילאַ און האָט בעזאָנדערס געזאָרגט פאַר דיא אויפבויאונג פון אייזענבאהנען. דיא גרויסע איינקינפטע, וואָס דיא פּערואַנער רעגיערונג האָט געהאט פון דיא גואַנאָ און ניטראַטען מינען, האָט גענעראַל באַלטאַ פערברויכט אויף אייזענבאהנען און אַנדערע גרויסע און קאָסט־באַרע אונטערנעהמונגען. אייזענבאהן־ליניעס, וואָס האָבען צוזאַמען זיך גע־צויגען 2000 מייל, זיינען אויפגעבויט געוואָרען, וואָס עס האָט געקאָסט אַרום 40 מיליאָן פונט סטערלינג. אונטער זיין אַדמיניסטראַציאָן איז ערעפענט גע־וואָרען אין לימאַ אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג. דאָס לאַנד האָט אויפ־געלעבט, אָבער איז אויך אַריינגעקראָכען אין אַזעלכע גרויסע חובות, וועלכע האָבען געפיהרט און געמוזט פיהרען צו אַ באַנקראָט. דיא אויסגאַבען האָבען וויית איבערגעיאָגט דיא איינגאַהמען, און דיא פריינדע פון פּרעזידענט און דיא בעאַמטע בכלל האָבען אין אַ קורצער צייט אָנגעזאַמעלט גרויסע עשירות דורך דיזע קאָסטבאַרע אונטערנעהמונגען.

אין 1872, ווען עס האָט זיך געענדיגט גענעראַל באַלטאַ'ס געזעצליכער טערמין, איז אויסגעוועהלט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון פּערו אַ ציווילנער פּרעזידענט אין דער פּערזאָן פון דאָן מאַנועל פּאַרדאָ, וועלכער האָט געלייסטעט זיין בעסטעס אויסצומיידען אַ באַנקראָט דורך אַ פערקלענערונג פון דיא אויסגאַבען און דורך בעסערע רעכנונגען און פיהרונגען אין דער רע־גיערונג. ער האָט אויך געזוכט צו פערשפּרייטען בילדונג אין פאָלק. דיא פי־נאַנציעלע לאַגע איז אָבער אַלץ ערגער געוואָרען דורך דיא אויסצעהרונג פון דיא גואַנאָ פעלצער. עס איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו צאָהלען אפילו

די פראַצענטען פון די שטאַאטס־שולדען, און אין 1876 איז פּאַרדאַ, וועלכער ווערט גערעכענט פאַר דעם בעסטען פרעזידענט וואָס פערו האָט געהאַט, געצוואונגען געוועזן צו רעזיגנירען.

דאַן איז געקומען דער פינאַנציעלער קראַך, און באַלד נאָכדעם האָט געפאָלגט די מלחמה מיט טשילי, וועלכע האָט זיך געענדיגט זעהר אונגליקליך פאַר פערו, וויא מיר וועלען עס זעהען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

## זיעבעטער קאפּיטעל.

# דיא אורזאכען און רעזולטאַטען פון דער מלחמה מיט טשילי

דעם 5טען אַפּריל 1879 איז טשילי אַרויס מיט אַן אָפּיציעלער קריעגס־ערקלערונג געגען פּערו. איהר אויסרייד פאַר דיא וועלט איז געווען, אַז פּערו האָט זיך פערבונדען מיט באָליוויאַ געגען איהר. דער אמת איז אָבער געווען, אַז זיא האָט שוין אַ לענגערע צייט פריהער געזוכט אַ געלעגענהייט צו פערכאַפּען דיא פּערואַנער פּראָווינץ טאַראַפּאַקאַ, וועלכע איז אונערמעסליך רייך מיט איהרע ניטראַטען. פון דיא וויסטעניסען ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן, וויסטעניסען וואו עס פאַלט גאָר קיין רעגען ניט, איז אַ שמאָלער פּאַס, וואָס ציהט זיך אַרום 350 מייל, אונגעהייער וויכטיג פאַר דיא גאַנצע מענשהייט און אַן אונערשעפּפליכער קוואַל פון רייכטהום פאַר זיינע בעזיצער דערמיט, וואָס דאָרטען געפינען זיך אַזעלכע ניטראַט־זאַלצען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר דיא בעמיסטיגונג פון פעלדער און פאַר פערשיעדענע אינדוסטריען.

דער נאָרדליכער טהייל פון דיזער ניטראַט־געגענד, אונגעפעהר 150 מייל לאַנג, האָט געהערט צו פּערו און טראָגט דיא נעמען טאַראַפּאַקאַ און טאַקנאַ. דער זידליכער טהייל, דיא געגענד מיט'ן נאָמען אַטאַקאַמאַ, איז פערנומען געוואָרען פון באָליוויאַ, אום צו האָבען אַ צוטריט צום אָקעאַן. מען וואָלט זיך היינט אזוי ווייניג געקימערט וועגען דיזע רעגענלאָזע מדבריות וויא פריהער, ווען מען וואָלט דאָרטען ניט ענטדעקט אַזעלכע טהייערע מינעראַלען וויא דיא ניטראַטען. נאָך דיזער ענטדעקונג זיינען דיזע וויסטעניסען געוואָרען ניט נור טהייערער פאַר אַלע פּרוכטבאַרע פּראָווינצען פון דער אינקאַ־אימפּעריע, זאָנדערן אויך טהייערער פאַר דיא גאָלד און זילבער־מינען, וועלכע געפינען זיך אין אַלע קאָרדילערען און אַנדעסען. דיא ענערגישע און אינדוסטריעלע טשיליאַנער, דיא זאָ־גענאַנטע "יענקים" פון זיד־אַמעריקאַ, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אַהין און אָנגעפאַנגען צו עקספּלואַטירען דיא ניטראַט־מינען, וועהרענד דיא באָליוויאַנער זיינען זיך געבליבען אויף זייערע הויכע בערג־געגענדען. דיא רעגירונג

פון טשילי האָט גענומען פערלאַנגען דיא פראָווינץ אַטאַקאמאַ. זיא האָט ער־קלערט, אַז איהר טעריטאָריע דאַרף זיך ציהען צום נאָרד ביז פערו. באָליוויאַ




דיא שווארצע פלעקען אויף דיזער לאַנדקאַרטע פון דיא וויסטע נאָרדליכע טשיליאַנער פראָווינצען, וועלכע האָבען פריהער געהערט צו פערו און באָליוויאַ, שטעלען פאָר דיא ערטער, וואו עס געפינען זיך דיא ניטראַט־מינען. וואָס פאַר אַ טהייל פון גאַנץ זיד־אַמעריקאַ עס פער־נעהמען דיזע פראָווינצען, ווערט פאָרגעשטעלט אויף דער לאַנדקאַרטע פון זיד־אַמעריקאַ (אויבען צו דער רעכטער האַנד) דורך שטריכעלעך.

האָט זיך געפונען איז אַזאַ לאַגע, אַז אין 1866 האָט זיא ניט ווילענדיג אָבגע־טראָטען אַ טהייל פון איהרע ניטראַט־געגענדען צו טשילי. אַזוי וויא דיא שטרייטען צווישען דיזע צוויי רעפובליקען האָבען זיך אַלץ ניט געענדיגט, און טשילי האָט אַלץ מעהר געפאָדערט און פערכאַפּט אויף דעם פשוט'ן גרונד, דאָס זיא איז שטאַרקער, האָט באָליוויאַ געזוכט שמיצע ביי פּערו, וועלכע האָט אויך אָנגעפאַנגען צו שרעקען זיך פאַר טשילי'ס מאַכט. אַזוי איז עס פּערו, וועלכע האָט אַליין געוואָלט קאָנטראָלירען דיא ניטראַט־מינען, אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דיא רייסערייען און אין דער מלחמה צווישען פּערו און באָ־ליוויאַ אין 1879.

ווען דיא טשיליאַנער רעגיערונג האָט זיך דערוואוסט, אַז אין 1872 האָבען פּערו און באָליוויאַ געשלאָסען אַ געהיימען בונד, האָט זיא אָנגעפאַנגען זיך צו־צוגרייטען צו אַ מלחמה מיט זיי און האָט זיך בעזאָנדערס אַ נעהם געטהאָן צו פערשטאַרקען איהר פלאָטע, ניט אַכטענדיג אויף אַלע קאָסטען. אין אָנפאַנג פון 1879, ווען דער קאָנגרעס פון באָליוויאַ האָט פערגרעסערט דיא טאַקסע אויף דיא ניטראַטען, טראָץ אַלע פּראָטעסטען פון דיא טשיליאַנער קאָמפּאַניעס אין אַטאַקאַמאַ, האָט דיא טשיליאַנער רעגיערונג געשיקט קריעגס־שיפען, וועל־כע האָבען אָהן שום צערעמאָניעס פערכאַפּט אַלע באָליוויאַנער פּאָרטען. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דעם זאָ־גענאַנטען ניטראַטען־קריעג, וואָס האָט זיך געצויגען ארום דריי יאָהר און האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגען זיעג פון טשילי.

דיא באָליוויאַנער און אויך דיא פּערואַנער האָבען פערלאָרען כמעט אַלע שלאַכטען, פון וועלכע אייניגע זיינען געווען שרעקליך בלוטיגע. צוערשט האָט טשילי, אַ דאַנק איהר אויבערמאַכט אויף'ן ים, ניט נור פערכאַפּט אַלע פּאָרטען אין דיא ניטראַטען־פּראָווינצען פון באָליוויאַ און פּערו, זאָנדערן האָט אויך בלאָ־קירט ערפאָלגרייך דיא ברעגען פון גאַנץ פּערו, אפילו דעם הויפּט־פּאָרט קאַלאַאָ. אין דיזער מלחמה האָט זיך ווידער ארויסגעוויזען, אַז ווער עס בעהערשט דיא ים־וועגען צו פּערו, דער האַלט אין זיינע הענד דיזע מדינה. וויא נור דיא בעסטע און גרעסטע פּערואַנער שלאַכט־שיף "הואַסקאַר", וועלכע האָט זיך בע־זאָנדערס אויסגעצייכענט אין דער ערשטער ים־שלאַכט מיט אַ טשיליאַנער פלאָטע, איז צושטערט געוואָרען עטליכע מאָנאַט שפּעטער אין אַן אַנדער ים־שלאַכט, האָבען דיא טשיליאַנער געקענט לאַנדען סאָלדאַטען, וואו נור זיי האָבען געוואָלט, און באָמבאַרדירען אונגעשטערט אַלע פּערואַנער פּאָרטען.

וואָס אַנבעלאַנגט צו באָליוויאַ, איז זיא פון אָנפאַנג אָן געווען הילפלאָז אויף'ן ים געגען טשילי. איהרע פּאָרטען זיינען סאַי וויא סאַי געווען בעזעצט פון טשיליאַנער אַרבייטער אין דיא ניטראַט־מינען. דערצו נאָך איז עס איבער־הויפּט זעהר שווער צוצוקומען פון דיא אַנדעסען אין באָליוויאַ צו דיזע ניטראַט־

געגענדען. דיא טשיליאַנער וואָלטען דארום געקענט האַלטען אונגעשטערט דיא באָליוויאַנער פּאָרטען און ניטראַט־מינען אין אַטאַקאַמאַ, ווען מען וואָלט ניט געקענט צוקומען אַהין פון דיא פּערואַנער ניטראַט־געגענדען אין נאָרד. נור אין אָנפאַנג פון 1880 האָט געלאַנדעט אַן אַרמעע פון 14 טויזענד טשיליאַנער אין פּערו צום נאָרד פון דיא פּערואַנער פּאָזיציעס אין דער ניטראַט־פּראָווינץ טאַקנאַ, אום אָבצושניידען דעם וועג דיא פּערואַנער אַרמעען. מיט דער הילפע פון זייערע קרופּ־קאַנאָנען האָבען דיא טשיליאַנער שנעל בעזיעגט דיא אַרמעען פון דיא פּערואַנער און באָליוויאַנער לעבען דעם פּאָרט אַריקאַ און האָבען פער־נומען אויך דיא ניטראַט־געגענדען פון פּערו. דיא לאַגע פון פּערו איז געוואָרען אַ פערצווייפעלטע. אַלע איהרע פּאָרטען זיינען געוועזן בלאָקירט, דיא ניטראַט־פּראָווינצען האָבען זיך געפונען אין דיא הענד פון טשיליאַנער, וועלכע האָבען אויך געשיקט סאָלדאַטען צו בעפאַלען דיא שטעדט אין מיטען לאַנד און צו פערוויסטען דיא פּרוכטבאַרע טהאַלען ביי דיא ברעגען פון דיא טייכען.

דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האָט אָנגעבאָטען צו העלפען מאַכען שלום; אָבער אַזוי וויא טשילי האָט פערלאַנגט ניט נור דיא פּערואַנער ניטראַט־פּראָווינצען טאַקנאַ און טאַראַפּאַקאַ, זאָנדערן אויך אַ קאָנטריבוציע, האָט זיך דיא פּערואַנער רעגיערונג ענטזאַגט, און דיא מלחמה איז ווייטער פּאָרטגעזעצט געוואָרען. אום צו צווינגען דיא פּערואַנער רעגיערונג, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אונטער דער דיקטאַטור פון גענעראַל פּיעראָלאַ, נאָכצוגעבען, האָט דיא רעגיערונג פון טשילי בעשלאָסען צו אַטאַקירען לימאַ גופא. ענדע 1880 האָט געלאַנדעט אַ גוט אָרגאַניזירטע און שטאַרק בעוואָפענטע אַרמעע פון 26 טויזענד טשיליאַנער ניט ווייט פון לימאַ. געגען דיזער אַרמעע, וועלכע האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צו דער הויפּט־שטאָדט פון פּערו, האָט גענעראַל קאַסערעס, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער פּערואַנער אַרמעע, געקענט צוזאַמענקלייבען נור אַ קליינע צאָהל רעגעלע באַטאַליאָנען. דיא בעפעלקערונג האָט זיך אָבער אויפגעהויבען אין מאַסען געגען דעם פרעמדען שונא און האָט אין איילענים זיך בעפעסטיגט אין געוויסע סטראַטעגישע פּונקטען. דיזע מיליץ האָט אָבער ניט געקענט אויס־האַלטען דיא אַטאַקעס פון דער רעגעלער טשיליאַנער אַרמעע. אין דער שלאַכט ביי טשאָרילאָס, אַ פּלאַץ עטליכע מייל צום זיד פון לימאַ, זיינען 4000 פּערואַנער אומגעקומען און עבען זאָ פיעל געפאַנגען געוואָרען. דיא טשיליאַנער אַרמעע האָט דאַן אויך פערלאָרען 3000 מאַן. נאָך דעם איז שוין דער וועג צו לימאַ געוועזן אָפען פאַר דיא זיעגרייכע טשיליאַנער אַרמעע, וועלכע איז אַהין אריין דעם 17טען יאַנואַר 1881.

דיא איינוואָהנער פון לימאַ, וועלכע האָבען געמוזט צאָהלען אַ מיליאָן דאָ־לאַר אַ מאָנאַט קאָנטריבוציע צו זייערע זיעגער, האָבען דאַן, מיט דער צושטי־מונג פון דער טשיליאַנער רעגיערונג, אויסגעקליבען גענעראַל גאַרסיאַ קאַלדעראָן

פאַר דעם פּראָוויזאָרישען פּרעזידענט, אום צו פערהאַנדלען וועגען דיא פריע־דענס־בעדינגונגען. נור ווען דיא טשיליאַנער האָבען דיא ערשטע זאַך פערלאַנגט דיא ניטראַט־געגענדען און ער האָט מורא געהאַט נאָכצוגעבען, האָבען זיי איהם גאָר געשיקט אַלס געפאַנגענעם נאַך זייער הויפּט־שטאָדט און גענומען אַליין ווירטהשאַפטען אין לימאַ און אין אַנדערע פּערואַנער פּאָרטען, וואו זיי האָבען פערכאַפּט דיא צאָל־אַמטען (קאָסטאָם־האַוזעס) און קאָנפיסצירט אַלע אָבצאָהה־לונגען אויף אימפּאָרטירטע סחורות. אַזוי האָט עס זיך געצויגען אַ יאָהר צוויי ביז גענעראַל איגלעזיאַס איז געוואָרען פּרעזידענט פון דער פּערואַנער רעפּובליק און אַ פריעדענס־אָבמאַך, וואָס טראָגט דעם נאָמען טראַקטאַט פון אַנקאָן, איז אונטערשריעבען געוואָרען אין 1883.

נאָך דיזען טראַקטאַט האָט פּערו אָבגעטראָטען אין גאַנצען דיא פּראָווינץ טאַראַפּאַקאַ צו טשילי. וואָס אַנבעלאַנגט צו דער פּראָווינץ טאַקנאַ מיט דעם פּאָרט אַריקאַ, איז עס אָבגעמאַכט געוואָרען, אַז אין פערלויף פון צעהן יאָהר זאָל זיא זיך געפינען אונטער דער פערוואַלטונג פון טשילי און נאָכהער זאָלען דיא איינוואָהנער דאָרטען ענטשיידען דורך אַן אָבשטימונג, צו וועלכער רעפּוב־ליק זיי ווילען בעלאַנגען. אַזאַ אָבשטימונג איז נאָך עד היום ניט פּאָרגעקומען און וועט וואַהרשיינליך ניט פּאָרקומען אויך אין דער צוקונפט. שוין דרייסיג יאָהר זיינען פּאָריבער נאָך דעם טראַקטאַט פון אַנקאָן, און טשילי בעהערשט נאָך אַלץ דיא פּראָווינץ טאַקנאַ, וועלכע ווערט אַלץ מעהר בעזעצט פון טשיליאַ־נער אַרבייטער און הענדלער.

דיזע מלחמה, וועלכע האָט געקאָסט אַלע דריי רעפּובליקען זעהר פיעל בלוט און געלד, האָט זיך אַזוי געענדיגט מיט אַ גרויסען נצחון פאַר טשילי. באָליוויאַ איז אין גאַנצען אָבגעשניטען געוואָרען פון ים, און פּערו האָט פער־לאָרען איהרע ניטראַט־אוצרות. טשילי האָט ניט נור בעדייטענד פערגרעסערט איהר טעריטאָריע, זאָנדערן האָט אויך פערנומען דיא גאַנצע ניטראַט־טעריטאָ־ריע, פון וועלכער זיא שעפּט אונגעהייערע רייכטהימער. 75 פּראָצענט פון טשי־לי'ס עקספּאָרט בעשטעהט פון סאָדיום ניטראַט (אין דער האַנדעלס־וועלט טראָגט דיזע זאַלץ דעם נאָמען טשיליאַנער ספּיאַלטער) און ברענגט איין דער רעגיערונג איבער 20 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

וויא נור דיא טשיליאַנער סאָלדאַטען האָבען אין 1885 פערלאָזען פּערו, האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד געגען פּרעזידענט איגלעזיאַס. דיזער אויפ־שטאַנד האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס איגלעזיאַס האָט געמוזט רעזיגנירען און וואָס גענעראַל קאַסערעס איז אין 1886 רעגעלמעסיג אויסגעוועהלט געוואָ־רען פאַר פּרעזידענט אויף פיער יאָהר. דיזער דיקטאַטאָר האָט געהאַט אַ זעהר שווערע אויפגאַבע. דיא שטאַאַטסקאַסע איז געוועזען פּוסט. דיא בעפעלקערונג איז פעראָרימט און פערקלענערט געוואָרען דורך דיא שרעקליכע מלחמה מיט

טשילי. דיא דערפער און פלאנטאציעס אין דיא פרוכטבארע טהאלען זיינען פערברענט און צושטערט געווען. דיא איינקינפטע פון דיא גואנא און ניטראט־מינען זיינען פערשוואונדען, און דיא חובות האבען געדריקט דאס פאלק און געסטראשעט מיט דער אריינמישונג פון אויראפעאישע רעגירונגען, וועלכע האבען נאטירליך געשטיצט דיא פאדערונגען פון זייערע בירגער וואס האבען אלץ דרינגליכער געפאדערט וועניגסטענס פראצענטען אויף זייערע קאפיטא־לען. וויא ווייט ער האט נור געקענט, האט גענעראל קאסערעס איינגעפיהרט

גענעראל קאסערעס

עקאנאמיעס אין דער פערוואלטונג און האט אנגעהאלטען ארדנונג אין לאנד. דיא קרעדיטארען, בעזאנדערס דיא ענגלישע, זיינען טהיילווייז בערוהיגט גע־ווארען דערמיט, וואס מען האט זיי איבערגעגעבען דיא נאציאנאלע אייזענבאהן־ליניעס און געגעבען פעטע קאנצעסיעס אויף מינען, גואנא־אינזלען, וועלדער און פעלדער.

דער טערמין פון גענעראל קאסערעס האט זיך פריעדליך געענדיגט, און אין 1890 איז אויסגעוועהלט געווארען פאר פרעזידענט סעניאר בערמודעץ,

וועלכער האט פארטגעזעצט דיא פאליטיק פון זיין פארגענגער. ער איז אבער געשטארבען אין 1893, און זיין פלאץ איז פערכאפט געווארען פון דעם צווייטען וויצע־פרעזידענט, וועלכער איז געשטיצט געוועז פון געגעראל קאסערעס. דאס האט אויפגעבראכט דעם ערשטען וויצע־פרעזידענט, וועלכער איז בערעכטיגט געוועז צו דער פרעזידענטשאפט אויף דעם גרונד פון דער קאנסטיטוציאן, און דער רעזולטאט דערפון איז געוועז א נייער שרעקליכער בירגער־קריעג, וואס האט זיך געצויגען ארום צוויי יאהר. דער קאמפף איז געפיהרט געווארען צווישען דיא אנהענגער פון דעם געוועזענעם דיקטאטאר־פרעזידענט פיעראלא און פון דעם נייען דיקטאטאר־פרעזידענט קאסערעס, וועלכער האט צוזאמענגערופען א קאנגרעס אין לימא אין 1894 און האט זיך "געלאזט" אויסוועהלען פאר פרעזידענט נאך דעם שטייגער פון אלע דיקטאטארען אין דיא לאטיינישע רעפובליקען. ווען זיינע געגנער האבען זיך אריינגעריסען אין לימא, זיינען דארטען פארגעקומען אין פערלויף פון צוויי טעג אזעלכע בלוטיגע געשלעגען אין די גאסען, אז ארום 3000 נפשות זיינען געפאלען טויט אדער פערוואונדעט פון ביידע זייטען. אזעלכע שוידערליכע סצענען האט אפילו דיא פיעל־געפרופטע הויפט־שטאדט פון פערו ניט געזעהן, וויא אין דער נאכט פון 18טען מערץ 1895, ווען דיא אנהענגער פון ביידע פארטייען האבען זיך געפיהרט וויא ווילדע חיות. ענדליך האבען זיך דיא אויסלענדישע געזאנדטע אריינגעמישט צו מאכען א סוף פון דיזער שוידערליכער בלוטפערגיסונג און צו בעוועגען גענעראל קאסערעס צו רעזיגנירען און צו פערלאזען פערו.

דאן איז פיעראלא געווארען דער גזעצליך־ערוועהלטער פרעזידענט. ער האט געזעהען צו בערוהיגען דאס לאנד און דורכצופיהרען ליבעראלע רעפארמען, דארונטער אויך וועגען ציוויל־הייראטען, וואס עס האט אויפגערודערט דיא קאטאלישע קירכע דארטען געגען איהם.

אין 1899, ווען זיין געזעצליכער טערמין האט זיך געענדיגט, איז אויסגעוועהלט געווארען רעגעלמעסיג סעניאר ראמאניא, א ציוויל־אינזשעניר, וואס האט געזארגט פאר דיא אינטערעסען פון פאלק און וואס האט ווידער פריעדליך געקענט אבטרעטען זיין אמט אין יאהר 1903 צו סעניאר קאנדאמא, וועלכער איז געשטארבען דעם נעכסטען יאהר. דאן איז אויסגעוועהלט געווארען אהן רוהעשטערונגען אלס פרעזידענט סעניאר כאזע פארדא, וועלכער האט אויך געענדיגט פריעדליך זיין טערמין, אבוואהל זיינע געגנער האבען געמאכט אין 1908 א פערזוך איהם צו ערמארדען.

דאס לאנד בערוהיגט זיך אפילו אלץ מעהר, און דיא לאגע פון פאלק פערבעסערט זיך אויך מיט יעדען יאהר. אבער פאליטישע אויפשטאנדען און פראנונסיאמענטאס האבען נאך פון דעסטוועגען אין גאנצען ניט אויפגעהערט. אין מאי 1909 האבען זיך אנגעפאנגען אונרוהען אין דער הויפט־שטאדט גופא.

סעניאָר ליגיאַ, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען פאַר פּרעזידענט אין סעפּטעמ־בער 1908, איז געצוואונגען געווען, אום צו רעטען זיין לעבען, צו אונטערשרייבען אַ דאָקומענט, אַז ער גיט איבער דיא קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע צו זיינע פּאָליטישע געגנער. אין 1912, ווען עס איז געקומען צו דיא וואַהלען פון אַ נייעם פּרעזידענט, איז דער פּאַרטיי־קאַמפּף געוואָרען אַזוי שאַרף און געפעהרליך, דאָס מען האָט זיי נאָך אַ בעשלוס פון קאָנגרעס אָבגעלייגט אויף איינינע מאָ־נאַטען. סעניאָר גילערמאָ עדוארדאָ בילינגהוירסט, וועלכער איז געווען וויצע־פּרעזידענט אין 1908 און בירגערמייסטער פון לימאַ זייט 1909, איז ערשט אין אויגוסט 1912 ערוועהלט געוואָרען אויף 4 יאָהר אַלס פּרעזידענט.

אין דיא לעצטע פּאָאָר יאָהר האָט פּערו פריעדליך געשליכטעט איהרע גרענעץ־שטרייטען מיט קאָלאָמביאַ און בראַזיליען און אויך מיט עקוואַדאָר. דיא בעציהונגען מיט טשילי ווערען אויך פריעדליכער. וויכטיגע אינערליכע רעפאָרמען ווערען אַלץ מעהר דורכגעפיהרט, און דיא פינאַנציעלע לאַגע פער־בעסערט זיך אַזוי, אַז דער לעצטער בודזשעט פון דער רעגיערונג האָט זיך גע־שלאָסען מיט אַן איבערשוס פון אַרום אָנדערטהאַלב מיליאָן דאָלאַר — אַ זעל־טענע פּאַסירונג ניט נור אין פּערו, זאָנדערן אויך אין דיא מייסטע אַנדערע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען. דאָס גיט זעהר גוטע האָפנונגען אויף אַ גוטער צוקונפט פאַר דיזע פיעל־געפּרופטע רעפּובליק, וועלכע איז געבליבען מיט אונ־געפעהר אַ דריטעל פון דער טעריטאָריע פון דער פּערואַנער אימפּעריע אונטער דיא לעצטע אינקאַס.

* * *

ווען איך האָב אַזוי געשלאָסען דיזע געשיכטע האָט גאַנץ אונערוואַרטעט פּאַסירט אַ פּראָנונסיאַמענטאָ אין לימאַ נאָך דעם גאַנץ אַלטען מוסטער. אַ טויזענד מיליטערישע פערשווערער אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ קאָלאָנעל מיט'ן נאָמען בענאַווידעס זיינען פּלוצלונג בעפאַלען אין מיטען פון דער נאַכט פון 4טען פעברואַר 1914 דעם פּרעזידענט'ס פּאַלאַץ און נאָך אַ קורצען קאַמפּף מיט דער וואַך דאָרטען, איז זיי געלונגען צו פאַנגען פּרעזידענט בילינגהוירסט און צו צווינגען איהם צו רעזיגנירען. גלייך נאָך דעם האָט מען איהם אוועקגעפיהרט אין דער מיליטערישער פעסטונג פון דעם פּאָרט קאַלאַאָ, וואו מען האָט איהם געהאַלטען געפאַנגען ביז דעם 18טען פעברואַר, און מען האָט איהם אַרויפגע־זעצט אויף אַ שיף און טראַנספּאָרטירט נאָך פּאַנאַמאַ, אום ער זאָל ווייטער אַליין מאַכען אַ רייזע נאָך אייראָפּאַ אויף דעם שטייגער פון פיעלע אַנדערע געפאַלענע דיקטאַטאָרען, דאַרונטער אויך דעם עקס־פּרעזידענט ליגיאַ, וועמען ער האָט מיט עטליכע מאָנאַט פריהער געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס פאַטערלאַנד.

דיזע איבערקעהרענים איז אויסגעפיהרט געוואָרען ניט נור זעהר שנעל, בלויז אין איין שטונדע, זאָנדערן אויך פערהעלטניסמעסיג בלוטלאָז. סך הכל

זיינען אין דעם געשלעג געטויטעט געוואָרען אַ 25 פּערזאָן, דאַרונטער אויך גע־נעראַל וואַרעלאַ, וועלכער איז צוגלייך געווען פּרעמיער, קריעגס־מיניסטער און פלאָטען־מיניסטער. אַזוי וויא דער קאָנגרעס אין לימאַ האָט גלייך אַנערקענט דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאַ אונטער דער פיהרונג פון קאָלאָנעל בענאַווידעס אַלס דיא פּראָוויזאָרישע רעגיערונג, ביז דיא נייע וואַהלען, איז עס ניט געקומען צו רוהעשטערונגען און בלוטפערגיסונגען אין לאַנד. בענאַווידעס בלייבט דער־ווייל דיקטאַטאָר און ער וועט שוין וואַהרשיינליך אויסגעוועהלט ווערען אַלס פּרעזידענט, אויב עס וועט איהם נור געלינגען צו האַלטען דעם רעגיערונגס־רודער אין זיינע הענד ביז נאָך דיא נעכסטע וואַהלען. נור ווער קען איבערהויפּט פאָרויסזאָגען, וואָס עס קען פּאַסירען מיט אַ רעגיערונג אין פּערו אָדער אין אַן אַנדער שפּאַניש־שפּרעכענדער רעפּובליק?

# באָליוויאַ

# Bolivia

# דיא געשיכטע פון באָליוויא

מען רעכענט, אַז צו דער צייט פון דער שפּאַנישער ערָאבערונג האָבען זיך אויף דיא הויכע פּלאַטאָס פון דיא אנדעסען צום זיד־אָסט פון טיטיקאַקאַ געפונען זועניגסטענס אַכט מיליאָן אונטערטאַנען פון דיא אינקאס. היינט געפינען זיך דאָרטען העכסטענס אַ פיערטעל פון דיעזער צאָהל. דיעזע פּלאַטאָס זיינען דיא בעוואָהנטעסטע טהיילען פון דער גרויסער אינלענדישער רעפּובליק, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון איהר גרינדער, דעם ליבעראַטאָר באָליוואַר, וויא מיר וויסען עס שוין פון דער געשיכטע פון פּערו. אין דיא קאָלאָניאַלע צייטען זיינען דיעזע געבירגיגע געגענדען געוועזען אַ טהייל פון פּערו אונטער דעם נאָמען טשאַרקאַס (נאָך דעם נאָמען פון דער גרעסטער אינדיאַנער שטאָדט דאָרטען) אָדער אויבערסטע פּערו. זייער געשיכטע איז דאַרום פערבונדען מיט דער געשיכטע פון דער אינקא־אימפּעריע און פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין פּערו ביז נאָך דעם קאַמפף פאַר אונאַבהענגיגקייט.

אין דיא אויגען פון דיא שפּאַניער האָבען דיעזע געגענדען געקראָגען אַ גרויסע בעדייטונג נאָך דער ענטדעקונג פון דיא בעריהמטע פּאָטאָזי זילבער־מינען אין דער נאַכבארשאַפט פון טשאַרקאַס אין 1545. פון דיא פּאָטאָזי־מינען האָט שפּאַניען ארויסגעשלעפּט צוויי ביליאָן אונצעס זילבער. פון אַלע זייטען האָבען זיך געריסען אַהין שפּאַניער, אום וואָס שנעלער רייכער צו ווערען דורך דיא ארבייט פון דיא אונגליקליכע אינדיאַנער, וועלכע מען האָט געטריבען וויא בהמות צו גראָבען אין דיא בערג. מען האָט נאַכהער געפונען אַנדערע גרויסע מינען פון זילבער און אויך פון גאָלד און בליי אין דער פּראָווינץ, וואָס טראָגט עד היום דעם נאָמען אָרוראָ, און אין דער נאַכבארשאַפט פון טיטיקאַקאַ. וויא פיעל שפּאַניער עס האָבען דאָרטען געזוכט זייער גליק און וויא פיעבערהאַפט מען האָט געגראָבען דאָרטען אין דיא בערג, קען מען שליסען פון דיא אונגעפעהר צעהן טויזענד מינען, וועלכע זיינען געבליבען אַלס שטומע עדות פון דער אַמאָליגער טהעטיגקייט.

אין פערלויף פון דיא צוויי און אַ האַלב יאָהרהונדערטע פון דער שפּאַנישער הערשאַפט האָבען דיא אינדיאַנער פון באָליוויא געשלעפּט געדולדיג דעם שווערען יאָך, מיט אויסנאַהמע בלויז וועהרענד דעם אויפשטאַנד אונטער דער פּיה־

רונג פון טופאק אמארו, וועלכער האט געשטאמט פון דער קעניגליכער אינקא פא־מיליע. וועגען דיעזען אויפשטאנד, וועלכער האט זיך געצויגען פון 1780 ביז 1782, איז שוין געשריעבען געווארען אין דער געשיכטע פון פערו. דא וועלען מיר נור צוזעצען, אז ער האט זיך בעזאנדערס פערשפרייט אין באליוויא. נאך דער גרויליכער היגריכטונג פון דיעזען לעצטען אינקא, וואס איז געפאנגען געווארען פון א שפאנישער מחנה, איז דער אויפשטאנד פון דיא אינדיאנער פארטגעזעצט געווארען אונטער דער פיהרונג פון טופאק אמארו'ס א שוועסטער־קינד, וועלכער האט זיך נאכהער אונטערגעגעבען, פערלאזענדיג זיך אויף דעם צוזאג פון דיא שפאנישע בעאמטע, אז מען וועט איהם בעגנאדיגען. אבער דיא שפאניער האבען ניט געהאלטען זייער ווארט און האבען איהם געשמידט אין קייטען און געטריבען צוזאמען מיט 90 מיטגליעדער פון דיעזער אינקא־פאמיליע, פרויען און קינדער אריינגערעכענט, איבער דיא בערג פון באליוויא נאך לימא, פון וואנען מען האט זיי אריבערגעשיקט נאך שפאניען, וואו זיי זיינען אויסגעשטארבען אין א געפענגניס.

דיא רעזולטאטען פון דיעזען אויפשטאנד זיינען געוועזען פון איין זייט, אז דיא שפאנישע רעגיערונג האט גענומען איינפיהרען דיא רעפארמען, פאר וועל־כע טופאק אמארו האט געאפפערט זיין לעבען, און פון דער אנדער זייט, אז דער האס צו דיא שפאניער איז נאך ביטערער געווארען. פון דעסטוועגען האבען זיך דיא שפאניער לענגער געהאלטען אין באליוויא געגען דיא רעוואלוציא־נערען, וויא אפילו אין פערו. אהן דער הילפע פון דיא ארגענטינער רעוואלו־ציאנערען וואלטען דיא קרעאלען פון באליוויא געבליבען הילפלאז געגען דיא שפאנישע סאלדאטען. פון 1809 ביז 1825 איז באליוויא געוועזען דאס הויפט שלאכטפעלד פאר און געגען דיא שפאנישע הערשאפט אין זיד־אמעריקא. אין דיעזער צייט, מעג מען זאגען, האבען שלאכטען גאר ניט אויפגעהערט דארטען, ספעציעל אין דיא געגענדען ארום טיטיקאקא. ניט נור יעדע שטאדט, זאנדערן אפילו יעדעס דערפעל איז דארטען געפאנגען און בערויבט אדער פערברענט גע־ווארען פון דיא רעוואלוציאנערען אדער פון דיא שפאניער מיט דיא לאיאליס־טען, וועלכע פלעגען אויסשלאכטען איינע דיא אנדערע מיט שוידערליכע גרויזאמקייטען. דיא אינדיאנער האבען דאן מייסטענס געזוכט צו בלייבען נייטראל אין דיעזען קאמפף צווישען זייערע ווייסע הערשער; אבער פון ביידע זייטען פלעגט מען זיי פאנגען אלס רעקרוטען און צווינגען צו נעהמען אנטהייל אין דיא שלאכטען. א טהייל פון דיא אינדיאנער, ספעציעל דיא מעסטיזאס, פלעגען העלפען דיא רעוואלוציאנערען אין דער האפנונג, אז נאך דער אבשאפונג פון דער שפאנישער הערשאפט וועט אויך זייער לאגע פערבעסערט ווערען.

דיא אורזאכען פון דער רעוואלוציאן אין באליוויא זיינען געוועזען דיא זעלבע וויא אין פערו און אין אלע אנדערע שפאנישע קאלאניעס. דיא קרעאלען

דאָרטען האָבען שוין אין 1809, אַ קורצע צייט נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער איבערקעהרעניס אין שפּאַניען, פערכאַפּט דיא רעגיערונגס געביידען אין דער הויפּט־שטאדט לאַ פּאַז און אויך אין טשאַרקאַס און ארונטערגעזעצט דיא שפּאַנישע בעאַמטע. אָבער דיא וויצע־קעניגע פון לימאַ און בוענאָס ערעס האָבען שנעל צוגעשיקט שפּאַנישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען דערשטיקט אין בלוט דיעזען אויפשטאַנד. נור אַזוי שנעל וויא דיא רעוואָלוציאָנערען פון ארגענטינע האָבען געקענט ארונטערזעצען דעם וויצע־קעניג אין בוענאָס ערעס, האָבען זיי געשיקט אין 1810 אַ מחנה נאָך באָליוויאַ אונטער דער קאמאנדע פון גענעראַל באַלקאַרסע. אָנפאַנגס האָט דאָרטען דיא רעוואָלוציאָנערע ארמעע בעזיעגט דיא שפּאַנישע אַרמעע, אָבער נאַכהער האָבען זיך אָנגעפאַנגען שטרייטען צווישען דיא רעוואָלוציאָנערען, ספּעציעל צווישען דיא אַרגענטינער, וועלכע האָבען געוואָלט איינפיהרען אַ צענטראַליסטישע רעגיערונג און קאמאנדעווען איבער באָליוויאַ און דיא באָליוויאַנער, וועלכע האָבען אַליין געוואָלט פערוואַלטען זייער לאַנד, און דיעזע שטרייטען האָבען געבראַכט דערצו, אַז ניט נור האָבען דיא שפּאַניער געזיעגט אין אַ שלאַכט לעבען טיטיקאַקאַ אין 1811, זאָנדערן, אַז דיא אַרגענטינער אַרמעע האָט געמוזט זיך אָבטראָגען פון באָליוויאַ.

דיא זיעגרייכע שפּאַנישע ארמעע האָט זיך דאַן א לאָז געטאָן נאָך אַרגענטינע צו פערכאַפּען בוענאָס ערעס. ווען דאָס וואָלט געלונגען דיא שפּאַניער, וואָלט עס געווען אַ טויט קלאַפּ פאר דיא רעוואָלוציאָן אין גאַנץ זיד־אמעריקאַ, נור אויפ׳ן וועג, אין דער שלאַכט לעבען טוקומאַן, איז דיא שפּאַנישע אַרמעע בעזיעגט געוואָרען פון דיא אַרגענטינער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל מאַנועל בעלגראַנאָ, וועלכער פערנעהמט איינע פון דיא העכסטע פּלעצער אין דער געשיכטע פון דער אַרגענטינער רעפּובליק.

אין 1813 האָבען דיא אַרגענטינער וויעדער געשיקט אַן ארמעע צו שטיצען דיא באָליוויאַנער, וועלכע האָבען אַלץ ניט אויפגעגעבען דעם קאמפּף געגען דיא שטאַרקערע שפּאַנישע באַטאַליאָנען. אָבער אין דער געגענד פון פּאָטאָזי איז דיעזע אַרמעע וויעדער בעזיעגט געוואָרען פון דיא שפּאַניער. דיא פיהרער פון דער רעוואָלוציאָן אין אַרגענטינע האָבען דאַן גענומען אָרגאַניזירען א נייע אַרמעע צו אַטאַקירען דיא שפּאַניער אין זייערע שטאַרקסטע פעסטונגען אויף דיא פּלאַטאָס פון באָליוויאַ. אַזוי וויא באָליוויאַ געפינט זיך צווישען אַרגענטינע און פּערו, האָבען דיא רעוואָלוציאָנערען זיך געפונען אין שטענדיגער געפאַהר בעפאַלען צו ווערען פון דיא שפּאַניער, וועלכע האָבען דאָרטען צוזאַמענגעקליבען זייערע קרעפטע. נור אויך אין 1815, ווען אַן אַרגענטינער אַרמעע האָט דערגרייכט ביז צו דער הויפּטשטאָדט פון באָליוויאַ און האָט זיך פעראייניגט מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע קעמפּפער דאָרטען, האָבען דיא שפּאַניער געהאַט אַזאַ זיעג, אַז גאַנצע זיעבען יאָהר נאָכדעם האָבען דיא באָליוויאַנער

רעוואָלוציאָנערען ניט געקענט אויפהייבען א קאָפּ געגען זייערע אונטער־דריקער.

אין 1816 האָט עס אויסגעזעהען אזוי וויא דיא בעוועגונג אין זיד־אמעריקא געגען דיא שפּאַנישע הערשאפט איז אינגאַנצען אונטערדריקט געוואָרען. דאָס איז געווען דיא ערגסטע און פינסטערסטע צייט פאר דיא רעוואָלוציאָנערען ניט נור אין באָליוויא, אין פּערו און אין אַלע לענדער פון דער אינקא־אימפּעריע, זאָנ־דערן אויך אין אַרגענטינע, אורוגוואי, ווענעצועלא און קאָלאָמביא, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען. אָבער מיר ווייסען שוין פון דער פּערואַנער געשיכ־טע, וואָס פאר אַן ענדערונג עס איז פאָרגעקומען נאָך דעם זיעג פון סאַן מארטין'ס אַרמעע ביי טשאקאבוקאָ אין טשילי. אונטער דער קאָמאַנדע פון דיעזען אַרגענטינער העלד האָבען דיא אַרגענטינער רעוואָלוציאָנערען דאָך אויסגעפיהרט צו ברעכען דיא מאכט פון דיא שפּאַניער אין זייערע גרעסטע נעס־טען פון אונטערסטע און אויבערסטע פּערו.

נאָך דער גרויסער שלאַכט ביי איאַקוטשאַ, וועלכע האָט אין גאַנצען גע־בראָכען דיא שפּאַנישע קרעפטע אין פּערו, וויא מיר ווייסען עס שוין פון א פּאָריגען קאַפּיטעל, האָט גענעראַל סוקרע, איינער פון דיא וויכטיגסטע און פעהיגסטע גענעראַלען פון דעם ליבעראַטאָר באָליוואַר, זיך א לאָז געטהאָן מיט זיין זיעגרייכער אַרמעע נאָך דער הויפּטשטאָדט פון באָליוויא, אום צו פעריאָגען דיא לעצטע שפּאַנישע קרעפטע, וועלכע האָבען זיך נאָך געהאַלטען אין אייניגע באָליוויאַנער שטעדט און בעזאָנדערס אין דער פּראָווינץ פּאָטאָזי אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל אָלאַניעטאָ, וועלכער האָט זיך דאָרטען געהאַלטען מיט א 2000 מאַן ביז מערץ 1825, ווען ער איז טויטליך פערוואונדעט געוואָרען אין א צוזאַמענשטויס מיט אייניגע פון זיינע אייגענע סאָלדאַטען.

גענעראַל סוקרע איז פאַקטיש געוואָרען דער דיקטאַטאָר דאָרטען. ער האָט צוזאַמענגערופען פערטרעטער פון דיא פּראָווינצען פון אויבערסטע פּערו צו בע־שטימען, אויב זיי ווילען בלייבען פערבונדען מיט אַרגענטינע, אָדער עטאַבלירען א בעזונדערע רעפּובליק. אין אויגוסט 1825 האָבען זיך דיעזע פערטרעטער פער־זאַמעלט אין דער שטאָדט טשוקוויסאַקא און האָבען געשטימט צו גונסטען פון אַן אייגענער רעפּובליק. אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך בעשלאָסען צו געבען זייער רעפּובליק א נאָמען באָליוויא לכבוד דעם בעפרייער באָליוואַר, וועלכער האָט פאַר איהר פערפאַסט א קאָנסטיטוציאָן נאָך זיין געשמאַק, וויא דאָס איז ערקלערט אין דער געשיכטע פון פּערו.

דיעזע קאָנסטיטוציאָן האָט זיך אָבער אַזוי ווייניג געהאַלטען, וויא גענע־ראַל סוקרע, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט אויף זיין גאַנ־צען לעבען. אויפשטאַנדען האָבען אויסגעבראָכען געגען זיין דיקטאַטור אין פערשיעדענע ערטער. ער האָט זיך אייגענטליך געהאַלטען מיט דער הילפע פון

זיינע 2000 קאָלאָמביאַנער סאָלדאַטען. צו ענדע פֿון 1827 האָט ער געמוזט פֿערלאָזען באָליוויאַ צוזאַמען מיט זיינע קאָלאָמביאַנער סאָלדאַטען, און עטליכע מאָנאַט שפּעטער איז צוזאַמענגערופֿען געוואָרען אַ קאָנגרעס, וואָס האָט געענדערט באָליוואַר'ס צענטראַליסטישע קאָנסטיטוציע און אויסגעקליבען פֿאַר פּרעזידענט גענעראַל סאַנטאַ קרוץ, וועלכער האָט אָנגעשטרענגט זיינע קרעפֿטע צו עטאַבלירען רוהע און אָרדנונג אין דיעזען לאַנד, וואָס האָט בעזאָנדערס געליטען אין דער צייט פֿון דעם לאַנגען און שרעקליך־בלוטיגען קאַמפֿף געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפֿט.

ביז 1835 האָט באָליוויאַ געלעבט אין פֿריעדען אונטער דער דיקטאַטור פֿון דיעזען פֿעהיגען גענעראַל, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אלס אַדמיניסטראַטאָר. אָבער אין דיעזען יאָהר האָט ער זיך אריינגעמישט אין דעם אינערליכען קאַמפֿף פֿון פּערו און האָט דערמיט אריינגעשלעפּט באָליוויאַ אין אַ נייע רייהע פֿון אויפֿשטאַנדען און שלאַכטען. ווען ער האָט בעזיעגט אין 1836 דעם פּערואַנער דיקטאַטאָר, גענעראַל גאַמאַראַ, און האָט זיך ערקלערט פֿאַר דעם פּראָטעקטאָר פֿון פּערו, איז טשילי ארויסגעטראָטען צו גונסטען פֿון גענעראַל גאַמאַראַ, וויא מיר וויסען עס שוין פֿון דער פּערואַנער געשיכטע. נאָך אַ קאַמפֿף וואָס האָט זיך געצויגען דריי יאָהר איז גענעראַל סאַנטאַ קרוץ בעזיעגט און פֿעריאָגט געוואָרען, און גענעראַל גאַמאַראַ איז געבליבען פּרעזידענט פֿון פּערו, וועהרענד אַ גענעראַל מיט'ן נאָמען וועלאַסקאָ איז געוואָרען דער הויפּט פֿון אַ פּראָוויזאָרישער רעגיערונג אין באָליוויאַ.

דיא אַנהענגער פֿון גענעראַל סאַנטאַ קרוץ זיינען אָבער געבליבען גענוג שטאַרק אין באָליוויאַ צו געווינען צוריק דורך אַ רעוואָלוציאָן דיא פּאָליטישע איבערמאַכט און צו מאַכען איינעם פֿון זייערע פֿיהרער, גענעראַל באַליוויאַן, פֿאַר דעם פּרעזידענט. דער פּערואַנער דיקטאַטאָר, גענעראַל גאַמאַראַ, האָט זיך געוואָלט בענוצען מיט דיעזע אינערליכע אונרוהען אין באָליוויאַ, אום צו פֿערכאַפּען דיא רייכע באָליוויאַנער פּראָווינץ לאַ פּאַז; אָבער אין 1841 ווען ער האָט בעלאַגערט דיא הויפּטשטאָדט פֿון באָליוויאַ, איז זיין אַרמעע בעזיעגט געוואָרען פֿון גענעראַל באַליוויאַן'ס אַרמעע און ער אַליין האָט דערביי פֿערלאָרען זיין לעבען. גענעראַל באַליוויאַן, וועלכער איז געוואָרען דער דיקטאַטאָר און האָט געהערשט אין באָליוויאַ ביז 1848, האָט דאַן געוואָלט בעפֿאַלען פּערו. אָבער פֿון איין זייט איז טשילי ארויסגעטראָטען געגען דיעזע אַטאַקע און פֿון דער אַנדער זייט האָט דער פֿעהיגער פּערואַנער דיקטאַטאָר־פּרעזידענט, גענעראַל קאַסטילאַ, אונטערגעהעצט באַליוויאַן'ס געגנער צו אַן אויפֿשטאַנד, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט זייער זיעג און מיט דער דיקטאַטור פֿון גענעראַל בעלזו, וועמען עס איז געלונגען צו פֿערבלייבען אין מאַכט גאַנצע זיעבען יאָהר.

דיעזער דיקטאַטאָר איז געוועזען אַ טיראַן אָהן שום בילדונג. ער האָט זיך

געשטיצט אויף דיא נידריגסטע טהיילען פון דיא מאסען, פון וועלכע ער האט געשטאמט, און האט געקוקט צווישען דיא פינגער אויף דיא באנדיטען, וועל־כע האבען זיך שרעקליך פערמעהרט דורך דיא שטענדיגע אונרוהען און מלחמות. ער האט זיך אויך גאר ניט געקימערט וועגען דיא זיכערהייט פון אויסלענדער און האט זיך אויסגעלאכט פון אלע אינטערנאציאנאלע געזעצע און פון דיא פראטעסטען פון דיא אויסלענדישע פערטרעטער. ער האט זאגאר געהאט דיא חוצפה צו הייסען אלע געזאנדטע און קאנסולען זיך אבטראגען פון זיין לאנד, פיהלענדיג זיך זיכער געגען אלע גרויסמעכטע דערמיט, וואס עס איז אזוי שוועהר צו צוקומען צו דיעזע הויכע בערג־געגענדען. דיא ענגלישע רעגיערונג האט דאן ערקלערט, אז זיא קוקט גאר ניט אויף באליוויא וויא אויף א ציוויליזירטע מדינה.

אין 1857 האט אבער גענעראל בעלזו געפונען פאר נויטיג אליין צו רעזיג־נירען, נור ער האט איבערגעלאזען אויף זיין פלאץ זיין איידים, א גענעראל מיט'ן נאמען קארדאווא, געגען וועמען עס האט באלד אויסגעבראכען א רעװאלוציאן, וועלכע האט זיך געענדיגט מיט א נידערלאגע פאר איהם. דאקטאר כאזע לינארעס, א געלערנטער און ענערגישער מאן, וועלכער האט אנגעפיהרט א ביטערן קאמפף געגען דיא גענעראלען בעלזו און קארדאווא, איז דאן געווארען דער דיקטאטאר; אבער ער האט געהאנדעלט ניט פיעל בעסער פאר זיינע פארגענגער. ער האט אויך צוטהיילט דיא בעסטע פלעצער אין דער רעגיערונג צווישען זיינע פריינד און נאכשלעפערס. אנפאנגס האט ער פרובירט דורכפיה־רען איניגע פון דיא פערשפראכענע רעפארמען, אבער ער האט דערמיט קיינעם ניט צופרידענגעשטעלט און האט אויפגערעגט געגען זיך דיא ארמעע און אפילו זיינע אייגענע מיניסטארען. איידער ער האט געענדיגט זיין געזעצליכען טערמין אלס פרעזידענט האט אויסגעבראכען אן אויפשטאנד, וואס האט געפיהרט צו א שרעקליכען בירגער־קריעג אין פערלויף פון דריי יאהר. ווען לינארעס איז ארונטערגעזעצט געווארען אין 1861, האבען דיא פיהרער פון דעם אויפשטאנד אויסגעקליבען אלס פרעזידענט א גענעראל מיט'ן נאמען מאריא דע אטשא. באלד אבער האט זיך צוברענט אזא שרעקליכער קאמפף צווישען דיעזע פיהרער, אז דיא רעגיערונגען פון פערו און פון טשילי האבען גענומען פערהאנדלען וועגען א צוטהיילונג פון באליוויא.

נור דיא דיקטאטור איז אין 1865 אריינגעפאלען אין דיא הענד פון א גע־נעראל מיט'ן נאמען מעלגארעכא, וועלכער האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיינע טיראנישע פיהרונגען, אבער וועלכער האט דאך געקענט אויסהאלטען אלע אטאקעס פון זיינע געגנער ביז 1871 און אויך פערבעסערען דיא פינאנציעלע לאגע און לאזען בויען אן אייזענבאהן־ליניע ביז צו דער אזערע טיטיקאקא. גענע־ראל מעלגארעכא האט זיך אנפאנגס געפיהרט אזוי וויא עס וואלט גאר קיין

קאָנסטיטוציע ניט עקזיסטירט, אָבער נאָכהער האָט ער איינגעפיהרט זיין אייגענע קאָנסטיטוציע. ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט שפּיאָנען און מיט אַזאַ לייב־גוואַרדיע, וואָס האָט בלינד געפאָלגט אַלע זיינע ווילדע קאַפּריזען. מען דערצעהלט וועגען איהם, אַז איין טאָג, ווען ער איז געווען בעזאָפען, וויא געוועהנליך, האָט ער געהייסען דיא סאָלדאַטען אין זיין פּאַלאַץ שפּרינגען פון דיא פענסטער, אום צו צייגען אַ געזאַנדטען, וויא גוט זיי זיינען דיסציפּלינירט און וויא בלינד זיי פיהרען אויס יעדען בעפעהל זיינעם. דיא סאָלדאַטען האָבען טאַקע געפאָלגט, און פיעלע פון זיי האָבען זיך צובראָכען דיא הענד און דיא פיס, שפּרינגענדיג; אָבער דעם דיקטאַטאָר האָט עס געריהרט וויא דיא וואַנד.

ענדליך האָט אַ רעוואָלוציאָן אונטער דער לייטונג פון גענעראַל מאָראַלעס געמאַכט אַ סוף פון מעלגאַרעכאָ'ס דיקטאַטור. אָבער דיעזער גענעראַל איז ערמאָרדעט געוואָרען דעם נעכסטען יאָהר נאָך זיין ערוועהלונג אַלס פּרעזידענט, און ווידער האָבען זיך אָנגעפאַנגען בלוטיגע געשלעג און פּראָנונסיאַמענטאָס, וועלכע האָבען זיך געצויגען ביז 1876, ווען גענעראַל דאַזאַ איז געוואָרען דיקטאַטאָר.

צו דיעזער צייט זיינען דיא בעציהונגען צווישען טשילי פון איין זייט און באָליוויא מיט פּערו פון דער אנדער זייט געוואָרען אַלץ פיינדליכער. געגען דיא שטייגענדע פאָדערונגען און פּשוט פערכאַפּונגען פון טשילי אין דיא ניטראַט־געגענדען פון באָליוויא האָבען דיא באָליוויאַנער פּרעזידענטען געפונען פאַר נויטיג צו זוכען דיא שטיצע פון פּערו. ווען גענעראַל דאַזאַ איז געוואָרען דיקטאַטאָר, האָט ער ארויפגעלעגט אַ טאַקסע פון 10 סענט אויף יעדע 100 קילאָגראַם פון ניטראַטען, וועלכע זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען פון דער פּראָווינץ אַטאַקאַמאַ. ער האָט ערקלערט, אַז אויב דיא עקספּאָרטערס וועלען זיך ענטזאָגען צו צאָהלען דיעזע טאַקסע, וועט ער קאָנפיסצירען אַלע זייערע זאַפּאַסען פון דיא ניטראַטען. אַלס אַנטוואָרט אויף דיעזע פאָדערונגען פון דעם באָליוויאַנער דיקטאַטאָר האָט דיא טשיליאַנער רעגיערונג געשיקט אין 1879 אַ פלאָטע, וואָס האָט פערכאַפּט אַנטאָפאַגאַסטאַ און דיא אַנדערע פּאָרטען פון באָליוויא.

גלייך נאָך דער ערשטער נידערלאַגע פון דער באָליוויאַנער אַרמעע אין דיעזער ניטראַטען־מלחמה, וועלכע האָט זיך געענדיגט זיעגרייך פאַר טשילי, וויא מיר וויסען עס שוין פון דער פּערואַנער געשיכטע, האָט גענעראַל דאַזאַ געמוזט אָבטרעטען פּלאַץ צו אַן אַנדער דיקטאַטאָר, צו גענעראַל נאַרציסאָ קאַמפּעראָ, וועלכער איז נאָכהער אויסגעוועהלט געוואָרען געזעצליך אַלס פּרעזידענט. אַזוי וויא דיא ניטראַטען־מלחמה איז אין 1880 געפיהרט געוואָרען מייסטענס אויפ'ן ים צווישען טשילי און פּערו, האָט באָליוויא, וועלכע האָט ניט געהאַט אַ פלאָטע, ניט געקענט נעהמען אַן אַנטהייל. דאָס האָט געהאָלפען אָבי־

סעל דעם פּרעזידענט קאַמפּעראַ צו אָרגאַניזירען אַ נייע לאַנד־אַרמעע און אויך דורכצופיהרען אייניגע רעפאָרמען. ווען פּערו האָט פערלאָרען די שלאַכט ביי טשאָריליאָס אין 1881 און די זיעגרייכע טשיליאַנער זיינען אריין אין לימאַ, האָט באָליוויאַ געמוזט זיך אונטערגעבען און זיך געזעגענען אין גאַנצען מיט איהר ניטראַט־פּראָווינץ אַטאַקאַמאַ און אפילו מיט איהר צוטריט צום ים.

באָליוויאַ איז אַזוי געוואָרען אַן אינלענדישע רעפּובליק. עס איז פאַראַן בלויז נאָך איין רעפּובליק אין דער נייער וועלט, וואָס האָט קיין דירעקטען צו־טריט צום ים — דאָס איז פּאַראַגוואַי, אָבער זי האָט פון אָנפאַנג אָן קיינע פּאָרטען ניט געהאַט. עס בלייבט אַ פראַגע אויב באָליוויאַ האָט זעהר פיעל פער־לאָרען דורך דעם, וואָס זי איז אַזוי מיט געוואַלט אָבגעשניטען געוואָרען פון ים. עס איז גראָדע געוואָרען רוהיגער דאָרטען, און די פּרעזידענטען בייטען זיך רעגעלמעסיג, יעדענפאַלס אָהן פּראָנונסיאַמענטאָס און בלוטפערגיסונגען. דער קאַמפּף צווישען קלעריקאַליזם און ראַדיקאַליזם, וואָס האָט זיך אַרויסגע־וויזען אויך אין באָליוויאַ אַזוי ביטער און בלוטיג וויא אין אַלע אַנדערע שפּאַני־שע קאָלאָניעס, איז אַלץ שוואַכער געוואָרען. די קאָנסטיטוציאָן איז געענ־דערט געוואָרען אין אַ דעמאָקראַטישער ריכטונג, און די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אויך פערבעסערט. די פּראָדוקציאָן פון זילבער, וועלכע איז עד היום די וויכטיגסטע אינדוסטריע אין דיעזער רעפּובליק (באָליוויאַ פערנעהמט דעם דריטען פּלאַץ צווישען די זילבער־פּראָדוצירענדע לענדער אין דער וועלט) איז געשטיגען און האָט געגעבען דער רעגיערונג מיטעל צו בויען אייזענבאַהנען ביז צו איהרע מערב׳דיגע גרענעצען, פון וואַנען זי האָט אייגענטליך אַ פרייען האַנדעלס־וועג צום פּאַסיפישען אָקעאַן דורך איינעם פון די פּאָרטען אין אטא־קאַמאַ, וואָס טשילי האָט פערכאַפּט, און ביז צו איהרע מזרח׳דיגע גרענעצען, פון וואַנען זי האָט ווידער אַ פרייען האַנדעלס־וועג צום אַטלאַנטישען אָקעאַן דורך בראַזיליען (נעמליך דורך דעם טייך מאַדעיראַ, וואָס פאַלט אַריין אין אַמאַזאָן).

די פּרעזידענטען פון באָליוויאַ האָבען אַלץ געזוכט צו קומען צו אַן אויס־גלייך מיט טשילי וועגען אַ פּאָרט. אין 1895 איז געשלאָסען געוואָרען אַ האַנ־דעלס־אָפּמאַך צווישען ביידע רעפּובליקען, און אום צו פערבעסערן זייערע בעציהונגען, האָט די רעגיערונג פון טשילי שליסליך פערשפּראָכען צו געבען באָליוויאַ אַ פּאָרט, ווען עס וועט זיך ענדיגען די שטרייטפראַגע צווישען טשילי און פּערו וועגען די פּראָווינצען טאַקנאַ און אַריקאַ. אָבער דאָס איז גע־בליבען אַ פּאַפּירענער צוזאָג. די רעגיערונג פון טשילי האָט זיך ענטזאָגט אָפּ־צוטרעטען אירגענד וועלכען פּאָרט צו באָליוויאַ, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז באָליוויאַ און אַרגענטינע האָבען געשלאָסען אַ געהיימען אָפּמאַך. דיעזע רע־פּובליקען האָבען אַלע געהאַט לאַנגע און ביטערע שטרייטען וועגען זייערע גרע־

נעצען. ניט איין מאָל האָט עס געהאַלטען ביי א מלחמה צווישען טשילי און אַרגענטינע וועגען געוויסע גרענעץ־טעריטאָריעס, וויא מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען קומען צו זייערע געשיכטען. אָבער וויא נור דיעזע גרענעץ־שטרייטען זיינען געשליכטעט געוואָרען דורך א שיעדס־געריכט, האָט שוין באָליוויא ניט געקענט האָפען אויף דער שטיצע פון אַרגענטינע און געמוזט נאָכ־געבען אַלעס וואָס טשילי האָט פערלאַנגט. נאָך זייער לעצטען אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין 1905, האָט באָליוויא זיך ענטזאַגט פון אירגענד וועלכע פרעטענזיעס אויף א פּאָרט ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן, נור דערפאַר האָט דיא רעגיערונג פון טשילי פערשפּראָכען צו בויען אויף איהרע קאָסטען אַן אייזענבאַהן־ליניע פון דעם פּאָרט אַריקאַ ביז לאַ פּאַז (דיא הויפּט־שטאָדט פון באָליוויא) און צו געבען דיא באָליוויאַנער א פרייען האַנדעלס־וועג צו געוויסע טשיליאַנער פּאָרטען.

דיעזען פערשפּרעך האָט דיא רעגיערונג פון טשילי געהאַלטען, און ביידע רעפּובליקען לעבען דערווייל אין פריעדען. דיא בעפעלקערונג פון באָליוויא, וועלכע בעשטעהט מייסטענס פון אינדיאַנער (א העלפט זיינען ריינע אינדיאַנער, וואָס געברויכען אויך זייער אייגענע שפּראַך, און א פיערטעל זיינען געמישטע אינדיאַנער, מעסטיזאָס), בעשעפטיגט זיך מיט אַקערבוי און פיהצוכט, ספּעציעל פון די היימישע לאַמאַס און אַלפּאַקאַס און פון ציגען און שעפּסען, וואָס די שפּאַ־ניער האָבען אימפּאָרטירט באַלד נאָך דער עראָבערונג פון דער אינקאַ־אימפּעריע. די קרעאָלען, וועלכע בילדען אונגעפעהר צוועלף פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג, בלייבען אַלץ דיא רעגיערער און הערשער. זיי וואַקסען אָבער ניט אין פּראָ־פּאָרציע צו דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג, ווייל דיא איינוואַנדערונג פון אייראָפּאַ איז א זעהר שוואַכע נאָך דיעזע הויכע בערג־לענדער, צו וועלכע עס איז נאָך אַלץ שווער צוצוקומען. שטאַרקער ווערט אַלץ אין צאָהל און אויך אין איינפלוס דער קלאַס פון מעסטיזאָס אָדער בכלל דער געמישטער, וואָס ווערט מיט דער צייט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דיא ווייסע און פון וועלכען עס ווערט זיך אויסבילדען א נייע און קרעפטיגע נאַציאָנאַליטעט.

# משירי

# Chili

ערשטער קאפיטעל.

# דיא שפּאַנישע ערָאבערונג און הערשאַפט

אין קיין טהייל פון דער נייער וועלט האָבען דיא שפּאַניער ניט אַנגעטראָפען אַזא הארטנעקיגען און לאַנגען ווידערשטאַנד פון דיא אינדיאַנער וויא אין טשילי. דיא זידליכע געגענדען פון טשילי זיינען אייגענטליך קיין מאָל ניט איינגענומען געוואָרען פון דיא שפּאַניער, אָבוואָהל זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו שיקען אהין ארמעען געגען דיא אַראוקאַניער און דיא אַנדערע קריעגערישע שטאַמען, וועלכע האָבען זיך פערבונדען געגען דיא ווייסע.

דער נאָמען טשילי שטאַמט פון א וואָרט, וואָס בעדייטעט אין דער קוויטשוא־שפּראַך (דאָס איז געווען דיא פערשפּרייטעסטע און ענטוויקעלטעסטע שפּראַך אין דער אינקאַ־אימפּעריע, דיא שפּראַך פון דיא אינקאַס גופא, וועלכע ווערט נאָך עד היום געשפּראָכען פון פיעלע אינדיאַנער שטאַמען אין באָליוויא און פּערו): שנעע. מיט דיעזען נאָמען האָבען דיא אינקאַס בעצייכענט דיא קעלטערע געבירגיגע געגענדען צום זיד, וואו מען זעהט פון אַלע זייטען שפּיצען מיט אייביגען אייז. דיא טעריטאָריע וואָס דיא רעפּובליק טשילי פערנעהמט יעצט, נאָך איהר זיעגרייכער מלחמה מיט פּערו און באָליוויא, ציהט זיך וויא א לענטע ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן. איהר לענג, אָנפאַנגענדיג פון איהרע גרענעצען מיט פּערו אין נאָרד, ביז קעיפ האָרן, דעם זידליכסטען פּונקט פון דער נייער וועלט, איז 2661 מייל, וועהרענד איהר ברייט איז פון 46 ביז 228 מייל. אין דיעזער הינזיכט האָט טשילי קיין גלייכען צו זיך ניט אין דער וועלט.

דיעזע לאַנגע און שמאָלע מדינה איז קלימאַטיש צוטהיילט אין דריי גאַנץ פערשיעדענע געגענדען: דיא נאָרדליכע, וועלכע איז א הייסע רעגענלאָזע וויסטענים און וועלכע איז אַזוי וואונדערבאַר רייך אין ניטראַטען; דיא צענטראַלע, וועלכע ענטהאַלט זעהר פרוכטבארע און געדיכט־בעפעלקערטע טהאָלען מיט דער הויפּטשטאָדט סאַנטיאַגא און דעם הויפּט פּאָרט וואַלפּאַראַיזאָ, און דיא זידליכע, וועלכע איז שוין א צופיעל רעגענדיגע און קאַלטע און דערפאַר זעהר וועניג בעפעלקערטע עד היום. דער הויפּט רייכטהום פון דער זידליכער

פייכטער געגענד בעשטעהט אין וועלדער, וועלכע האָבען אויסגעצייכענט געדיענט דיא ווילדע אינדיאַנער שטאַמען אין זייער שטענדיגען קאַמפף געגען דיא שפּאַניער. מען האָט אויסגעמאָסטען, אַז בלויז 40 טויזענד סקווער מייל פון טשילי, וואָס דאָס איז אונגעפעהר אַ זיעבעטעל פון איהר גאַנצע טערריטאָריע, טויג פאַר אַקערבוי. דאָס איבעריגע בעשטעהט פון בערג, וואָס זיינען מייסטענס נאַקעטע, פון וויסטעניסען (ספּעציעל דיא ניטראַט־פּראָווינצען אַטאַקאַמאַ, טאַראַפּאַקאַ און טאַקנאַ, וואָס טשילי האָט פערכאַפּט ביי באָליוויאַ און פּערו, וויא מיר וויסען עס שוין פון דיא פאָריגע קאַפּיטלעך), און פון וועלדער, אָזערעס און אייז־פעלדער אין דיא קאַלט־פייכטע געגענדען צום זיד. אַרום דריי־פינפטעל פון דער טערריטאָריע פון טשילי איז זעהר געבירגיג, מיט מאַסען שפּיצען, וועלכע זיינען אייביג בעדעקט מיט אייז.

מיט אַ הונדערט יאָהר פאַר דער שפּאַנישער ערעאָבערונג איז טופּאַק יופּאַנקווי, איינער פון דיא גרעסטע און פעהיגסטע אינקאַ־הערשער, צוגעקומען מיט זיינע אַרמעען ביז צו דיא פרוכטבאַרע צענטראַלע טהיילען פון טשילי. ווייטער צום זיד, אין דיא רעגענדיגע געגענדען, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף דיא ווילדע קריעגערישע שטאַמען, וועלכע האָבען שפּעטער אויך פערצאַמט דעם וועג דיא שפּאַנישע קאָנקוויסטאַדאָרעס. טופּאַק יופּאַנקווי'ס זוהן האָט געשיקט עקספּעדיציעס צו פערשפּרייטען און צו בעפעסטיגען דיא אינקאַ־הערשאַפט דאָרטען, אָבער דאָס איז איהם און זיינע נאָכפאָלגער געלונגען נור ביז דעם טייך מאַולע, וואו עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דיא טעריטאָריע פון דיא ווילדע און זעהר קריעגערישע אַראוקאַניער שטאַמען. דיא צענטראַלע געגענדען פון טשילי, וואָס זיינען אויך דאַמאָלס געווען געדיכט בעפעלקערט און קולטיווירט פון אַקערבויער, האָבען שנעל איבערגענומען דיא ציוויליזאַציאָן פון דיא אינקאַס, אָבער זיי זיינען געבליבען אונטער דער פערוואַלטונג פון דיא איינגעבאָרענע קאַסיקס. דיא קאָמוניסטישע פערואַנער סיסטעם איז קיין מאָל ניט איינגעפיהרט געוואָרן אין טשילי און דיא אַקערבויער דאָרטען זיינען מייסטענס געווען קליינע און פרייע לאַנדבעזיצער.

ווען אַלמאַגראָ האָט זיך נאָך דער ערעאָבערונג פון פּערו אַ לאָז געטאָן נאָך טשילי אין דער האָפנונג צו געפינען דאָרטען עלדאָראַדאָס, האָט ער אַנשטאָדט גאָלד און זילבער געפונען אויפ'ן וועג אַלץ ווייטער צום זיד קריעגערישע שטאַמען, וועלכע האָבען איהם געצוואונגען צו פערקירעווען צוריק. דיא רעזולטאַטען פון אַלמאַגראָ'ס צוריק־קומען נאָך קוצקאָ ווייסען מיר שוין פון דער פּערואַנער געשיכטע. ווען פּיזאַראָ איז געוואָרן דער הערשער פון פּערו, האָט ער געשיקט אין 1540 דעם בעריהמטען שווערד־העלד פּעדראָ דע וואַלדיוויאַ צו ערעאָבערן און צו בעזעצען טשילי. וואַלדיוויאַ'ס עקספּעדיציע איז בעשטאַנען פון אַ פּאָאַר

הונדערט שפּאַניער און פון אַ גרויסער צאָהל אינדיאַנער, וועלכע זיינען מייס־טענס געווען די לאַסט־טרעגער.

ווען וואַלדיוויאַ איז צוגעקומען צום גרויסען טהאָל פון טשילי, די בעסטע, פרוכטבאַרסטע און געדיכט־בעפעלקערטסטע אַקערבוי־געגענד, האָט ער דאָרט געגרינדעט די שטאָדט סאַנטיאַגאָ, וועלכע איז געוואָרן און בלייבט די הויפּטשטאָדט פון דיזער מדינה. די פרידליכע אַקערבויער, וועלכע זיינען געוועהנט געוואָרן צו דער אינקאַ־הערשאַפט, האָבען זיך ניט געוועהרט גענגען די נייע עראָבערער. אָבער ווען וואַלדיוויאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער צום זיד, איז דער ווידערשטאַנד פון די אינדיאַנער אַלץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרן. אום אָנצוהאַלטען די שפּאַנישע הערשאַפט האָט ער געגרינדעט שטעדט אין געוויסע סטראַטעגישע פּונקטען ביי די ברעגען פון ים, וועלכע זיינען געוואָרן וויכטיגע פּאָרטען פון טשילי, אונטער די נעמען לאַ סערענאַ, קאָנסעפּסיאָן, ווילאַ ריקאַ, וואַלדיוויאַ און אַנגאָל. אָבער אין 1553 האָבען זיך די אַראוקאַניער שטאַמען פעראייניגט מיט אַנדערע און האָבען ניט נור צו־שטערט די מייסטע פון די זידליכע שפּאַנישע בעזעצונגען, זאָנדערן האָבען אויך בעזיעגט און אויסגעשאָכטען די שפּאַניער נאָך אַ גרויסער שלאַכט.

מיט עטליכע מאָנאַט פאַר דיעזער נידערלאַגע האָט וואַלדיוויאַ, וועלכער האָט אַלץ געקראָגען פערשטערקונגען פון פּערו און אויך פון שפּאַניען, אַזוי פעסט געגלויבט, דאָס איהם איז שליסליך געלונגען אויך איינצונעהמען די וואַלד־געגענדען פון די אַראוקאַניער, אַז ער האָט געשיקט איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטען נאָך מאַדריד מיט אַ ביטע צו בעעהרען איהם מיט דעם טיטול מאַרקיז און צו בעלוינען מיט דעם אַמט פון גובערנאַטאָר אויף זיין גאַנצען לעבען. אַרום דיזער צייט האָט ער אויך אַרויסגעשיקט אַן עקספּעדיציע צו ערא͏ָבערן די לענדער אויף דער מזרח זייט פון די אַנדעסען. דיזע עקספּע־דיציע האָט עס געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע מענדאָזאַ, וועלכע האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין די גע־גענדען פון אַרגענטינאַ. ער האָט אויך אויסגעשטאַטעט אַן עקספּעדיציע צו דעם וואַסער־דורכגאַנג פון מאַגעלאַן, אום צו קומען אין דירעקטע פערבינדונגען דורך׳ן אָקעאַן מיט שפּאַניען.

אָבער די אַראוקאַניער, וועלכע האָבען ביסלעכווייז געלערנט וויא צו פיהרען אָהן ביקסען שלאַכטען מיט די שפּאַניער, האָבען זיך פערבונדען אונטער אַ נייעם טאָקווי (הויפּט קאָמאַנדיר אויף זייער שפּראַך), וועלכער האָט צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה פון צעהן טויזענד מאַן. ווען וואַלדיוויאַ איז אַרויס מיט אייניגע הונדערט שפּאַניער און אַ 5000 אינדיאַנער (מייסטענס פון די שטאַמען וואָס זיינען געווען בלוטיגע שונאים פון די אַראוקאַניער) האָט דער אַראוקאַניער נאַפּאָלעאָן זעהר געשיקט מאַנעווורירט צו צוקומען וואָס נעהענ־

טער צו דיא שפאניער אזוי, אז וואס וועניגער פון זיינע סאלדאטען זאלען פאלען פון דיא שפאנישע קאנאנען און ביקסען. וויא נור דאס איז איהם געלונגען, האבען דיא אראוקאניער געמאכט א קורצען סוף מיט זייערע לאנגע פיקעס און העק פון דער שפאנישער מחנה. זעהר וועניגע פון דיא שפאנישע שווערד־העלדען האבען געקענט זיך רעטען דורך אנטלויפען רייטענדיג אויף זייערע פערד. וואלדיוויא אליין איז געפאנגען געווארן, ווען ער האט פרובירט אנטלויפען. אז מען האט איהם געבראכט צושלעפען פאר דעם טאקווי, האט ער געבעטען צו שענקען איהם דאס לעבען און געשווארען, אז דערפאר וועט ער זיך צוריקציהען מיט אלע שפאניער פון טשילי, אבער אן אינדיאנער פיהרער האט איבערגעשניטען זיינע רייד מיט א האק אין קאפ.

דיא שפאנישע קאלאניסטען האבען דאן געזוכט רעטונג אין צוויי פארטען, וועלכע זיי האבען בעפעסטיגט און וועלכע דיא אינדיאנער האבען ניט געוואוסט וויא איינצונעהמען. אונטער דער פיהרונג פון א יונגען טאקווי מיט'ן נאמען לאוטארא, וועלכער איז פריהער געפאנגען געווארן און מיט געוואלט געטויפט געווארן פון וואלדיוויא אליין און וועלכער איז צוריק אנטלאפען צו זיינע לאנדסלייט, האבען דיא אראוקאניער בעזיעגט און אויסגעשלאכטעט עטליכע עקספעדיציעס, וואס דיא שפאניער האבען ארויסגעשיקט פון סאנטיאגא און פון לימא. דיזער לאוטארא איז שפעטער געפאלען טויט אין איינער פון דיא שלאכטען מיט דיא שפאניער, אבער זיינע מחנות האבען ניט אויפגעהערט צו קעמפפען ווייטער מיט א ווילדען מוטה פאר זייער פרייהייט און דיא אונאבהענגיגקייט פון זייער לאנד.

פערציג יאהר נאך דעם טויט פון וואלדיוויא האבען זיך געצויגען שרעקליך ווילדע און בלוטיגע שלאכטען צווישען דיא אראוקאניער און דיא שפאניער, וועלכע פלעגען אלץ געשיקט ווערן פון דיא וויצע־קעניגע אין לימא. נאך יעדער נידערלאגע האבען דיא אראוקאניער אלץ מעהר געלערנט, וויא צו אטאקירען און צו בעזיעגען דיא שפאנישע סאלדאטען. ווען דיזע אינדיאנער פלעגען פערלירען א שלאכט, פלעגען זיי זיך צולויפען אין דיא וועלדער און אויסווארטען אויף א געלעגענהייט צו בעפאלען פלעצליך א שפאנישע קאלאניע אדער אן אבטיילונג פון דער שפאנישער ארמעע. קיין מאל זיינען דיא שפאניער ניט זיכער געווען אפילו אין דיא בעפעסטיגטע פארטען צום זיד פון טייך מאולע געגען אן אטאקע פון דיא ווילדע אינדיאנער. צו ענדע פון 16טען יאהרהונדערט, נאך אלע מיליטערישע אנשטרענגונגען פון דעם וויצע־קעניג מענדאזא און פון זיין זוהן, וועלכער האט עטאבלירט פארטען און פעסטונגען אזוי ווייט צום זיד, וויא דער גרויסער און וויכטיגער אינזעל טשילאע, האבען זיך דיא אראוקאניער ווידער ארגאניזירט אונטער דעם טאקווי פאילאמאטשו, וועלכער האט ניט נור בעלאגערט און צושטערט אלע שפאנישע

בעזעצונגען אין אראוקאניא גופא, זאנדערן האט אויך פערברענט קאנסעפ־ סיאן און א פאאר אנדערע שטעדט און פארטען הונדערטע מיילען צום נארד פון דיזער געגענד. דיא שפאניער זיינען דאן ניט זיכער געווען אפילו אין זייער הויפטשטאדט סאנטיאגא. פאילאמאטשו האט נאך בעוויזען צו נעהמען מיט שטורם דיא שטאדט וואלדיוויא, וואו ער האט געפאנגען אויסער דיא איינוואהנער, אויך ביקסען, קאנאנען און פערשיעדענע זאכען, וואס זיינען ווערטה געווען מיליאנען. אין 1603 זיינען דיא שפאניער געבליבען אין דיא געגענדען צום זיד פון טייך ביא־ביא (דאס איז געווען דער נארדליכער גרע־ נעץ פון אראוקאניא) בלויז מיט דער ציטאדעל פון פארט וואלדיוויא.

אזוי וויא דיזער קאמפף האט אויך געמאכט א חורבן אין דער קאסע פון וויצע־קעניגטהום אין לימא, האט דיא שפאנישע רעגיערונג בעשלאסען צו זוכען פרידליכע וועגען צו קומען צו אן אויסגלייך מיט די מוטהיגע אראוקאניער. אין 1612 האט מען געמאכט א פערזוך צו שיקען אין אראוקאניא יעזואיטישע מיסיאנערען, אום אויך צו פערהאנדלען וועגען פריעדען; אבער ערשט אין 1640 איז אונטערגעשריעבען געווארן דער זאגענאנטער אפמאך פון קווילין, נאך וועלכען דער טייך ביא־ביא איז געווארן דער גרענעץ צווישען דיא שפא־ נישע פאסעסיעס אין טשילי און דיא געגענד פון דיא אראוקאניער שטאמען, וועלכע האבען אזוי פאקטיש געוואונען זייער אונאבהענגיגקייט.

ביז צו דער צייט פון דעם אלגעמיינען קאמפף געגען דיא שפאנישע הער־ שאפט אין זיד־אמעריקא אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט איז דער פריע־ דענס־אפמאך פון קווילין געבראכען געווארען נור דורך מלחמות אין 1655, אין 1723 און אין 1766. דיא לעצטע מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א פריעדענס־אפמאך, אז דיא אראוקאניער האבען געקראגען זאגאר דאס רעכט צו האבען זייערן א געזאנדטען און פערטרעטער אין דער הויפטשטאדט סאנ־ טיאגא.

נור דאס וואס דיא ווייסע האבען ניט געקענט אויספיהרען מיט זייערע שווערדען און קאנאנען, דאס האבען זיי שליסליך אויסגעפיהרט מיט זייער ציוויליזאציאן. ביסלעכווייז האבען אויך דיעזע ווילדע, אבער זעהר קרעפטיגע און פעהיגע אינדיאנער איבערגענומען דיא פיהרונגען און זיטען פון דיא שפאניער און האבען זיך אויך צומישט מיט דיא ווייסע, זא דאס זיי זיינען שליסליך צוגעשטאנען צו דער טשיליאנער נאציאן. ערשט אין 1882 זיינען דיא אראוקאניער געווארן בירגער פון טשילי.

אזוי וויא פון איין זייט האט מען אלץ געהאט צו פיהרען קריעג מיט דיא ווילדע אינדיאנער און פון דער אנדער זייט האט מען אין טשילי ניט געפונען גאלד אדער זילבער, האבען דיא שווערד־העלדען און גאלד־זוכער קיין חשק ניט געהאט צו קומען אהין. דאס האט געלעגט א בעזונדערן שטעמפעל

אויף דעם כאראקטער פון דיא טשיליאנער און אויף דער געשיכטע פון זייער לאנד. דיא יעניגע פון דיא איינוואנדערער, וואס זיינען דארטען פערבליבען, האבען זיך טאקע געמוזט בעשעפטיגען מיט אקערבוי. דער צענטראלער טהייל פון טשילי, וואס איז בעריהמט מיט זיינע פראכטפאלע און פרוכטבארע טהאלען, איז וויא צוגעמאסטען פאר איירא פעאישע קאלאניסטען. דארטען געפינען זיך אויך היינט דריי פערטעל פון דער בעפעלקערונג פון טשילי.

דיא שפאנישע רעגיערונג, וועלכע האט, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דער געשיכטע פון פערו, פערוועהרט דיא איינוואנדערונג אפילו פון איהרע אייגענע אונטערטאנען אין פערו, באליוויא און עקוואדאר, האט געהאנדעלט גאנץ אנדערש וועגען טשילי. זיא האט גאר אליין אויפגעמונטערט און אונ־טערשטיצט דיא באסקען און אנדערע ענערגישע בויערן פון נארד־שפאניען צו עמיגרירען נאך טשילי, און צו גרינדען דארטען אמת'ע אקערבוי־קאלאניעס. אזוי איז אין טשילי געשאפען געווארן א קלאס פון איירא פעאישע פארמערס, וועלכע האבען ענטוויקעלט דאס לאנד און נאטירליך אויך געווירקט אויף דער גאנצער בעפעלקערונג.

דיא רואינירענדע קאלאניאלע סיסטעם, וואס דיא שפאנישע רעגיערונג האט אנגעהאלטען אונגעפעהר 200 יאהר אין דער נייער וועלט, איז אויך פערבליבען אין קראפט אין טשילי. מען האט ניט ערלויבט שיפען צו מאכען דיא רייזע פון טשיליאנער פארטען ארום קעיפ הארן אדער דורך דעם מאגעלאן וואסערוועג. דער האנדעל צווישען טשילי און שפאניען (אירגענד וועלכע קאמערץ מיט אנדערע נאציאנען איז בכלל פערבאטען געווארן) האט געמוזט געפיהרט ווערן דורך פערו אדער ארגענטינע. דער האנדעל איז דאן יעדענ־פאלס געווען זעהר קליין דארטען. דער הויפט־רייכטהום פון טשילי איז בע־שטאנען אין אקערבוי־פראדוקטען, וועלכע האבען אויך ניט געפעהלט אין דיא אנדערע קאלאניעס און אין שפאניען גופא. דיא שפאנישע רעגיערונג האט פערבאטען אפילו צו קולטיווירען אליוו־בוימער און וויינגערטנער. דיא אינ־דיאנער אקערבויער, וועלכע זיינען פערשקלאווט געווארן (אין אייניגע ערטער פלעגט מען זיי פשוט פערקריפלען, אז זיי זאלען ניט קענען אנטלויפען...), האבען גאר ניט געברויכט איירא פעאישע ארטיקלען, אבער אויך דיא שפאנישע גוטבעזיצער און קאלאניסטען האבען זיך מייסטענס בעגנוגענט מיט דיא זאכען, וועלכע מען פלעגט שאפען אויפ'ן ארט. דיא קינדער פון דיא קאנ־קוויסטאדארעס און פון דיא הויכע שפאנישע בעאמטע, וועלכע האבען פער־כאפט גרויסע גיטער אין דיא פרוכטבארע געגענדען און האבען איינגעפיהרט דיא זעלבע רעפארטימיענטא־סיסטעם, וויא אין פערו און אין אלע אנדערע שפאנישע קאלאניעס מיט א געדולדיגער אינדיאנער בעפעלקערונג, און וועל־כע בילדען אויך היינט דיא אריסטאקראטיע אין דיזער רעפובליק, זיינען

מייסטענס פערבליבען אין לאַנד און זיינען דאַרום געקומען אין נעהענטערע בעציהונגען מיט דיא אַנדערע קלאַסען, וועלכע האָבען זיך אַלץ מעהר צוזאַמענגעמישט און צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין נאַציאָנאַליטעט.

דיא צאָהל פון פול־בלוטיגע אינדיאַנער איז היינט זעהר קליין אין טשילי, סך הכל א 50,000, דאַרונטער אויך דיא ווילדע פון דעם גרויסען אינזעל טיערא דעל פועגאָ (פייערלאַנד). דיא ווייסע, וואָס זייער צאָהל איז אַלץ פערגרעסערט געוואָרען דורך איינוואַנדערונג פון אייראָפּעאישע לענדער, אויסער שפּאַניען, זיינען ניט נור דיא הערשער, זאָנדערן אויך, מעג מען זאָגען, דיא מאַיאָריטעט. דיא מעסטיזאָס בילדען אונגעפעהר א העלפט פון דער בעפעלקערונג אין טשילי.

ווען מען נעהמט דאָס אין אַנבעטראַכט, זעהט מען, וואָרום דיזע פערהעלטניסמעסיג קליינע און וועניג בעפעלקערטע רעפּובליק האָט געקענט אַזוי שנעל און ענטשיעדען בעזיעגען פּערו און באָליוויא צוזאַמען און ווערן, זאָ צו זאָגען, א גרויסמאַכט אין זיד־אַמעריקא.

אין 18טען יאָהרהונדערט, זייט אויפ׳ן שפּאַנישען טראָן זיינען אַרויף דיא בורבאָנען, איז דיא עקאָנאָמישע לאַגע אין טשילי געוואָרן אַלץ בעסער. מען האָט דאַן ערלויבט האַנדעלס־שיפען צו פאָהרען דירעקט אַרום קעיפּ האָרן, און פראַנצויזען האָבען געקראָגען דיא פּריווילעגיע צו לאַנדען און צו האַנדלען אין טשיליאַנער פּאָרטען. דיא גובערנאַטאָרען וועלכע האָבען שוין ניט געהאַט צו פיהרען שטענדיג א בלוטיגען קאַמפּף מיט דיא אַראַוקאַניער און אַנדערע ווילדע אינדיאַנער שטאַמען, האָבען זיך געקענט אָבגעבען צו א פערשפּרייטונג פון האַנדעל און אינדוסטריע און אויך פון בילדונג. עס זיינען אויפגעקומען נייע שטעדט און פּאָרטען. אין 1747 איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַן אוניווערסיטעט אין סאַנטיאַגאָ. אין דיא ערשטע קאָלאָניאַלע יאָהרען האָט מען אַפילו פערבאָטען צו אימפּאָרטירען ביכער פון שפּאַניען. דיא בילדונג איז געלעגען אויסשליסליך אין דיא הענד פון גלחים, ספּעציעל פון יעזואיטען, און זיי האָבען נור געזאָרגט צו פערגרעסערן זייער איינפלוס און צו מאַכען רייכער און מעכטיגער דיא קירכע.

דיא שטעדט האָבען ביסלעכווייז געקראָגען זעלבסטפערוואַלטונג. אין דיא קאַבילדאָס (דער שפּאַנישער וואָרט פאַר מוניציפּאַליטעטען אָדער שטאָדט־פערוואַלטונגען) האָבען געהערשט דיא קרעאָלען; אָבער דיא אַלגעמיינע פערוואַלטונג איז געלעגען אין דיא הענד פון געבאָרענע שפּאַניער, וועלכע פלעגען זיך נאָכשלעפּען נאָך יעדען נייען גענעראַל־גובערנאַטאָר און וועלכע האָבען געוועהנליך נור געהאַט איין צוועק: צו ווערען וואָס שנעלער רייך אויף דער רעכנונג פון דיא קאָלאָניעס. דיא קרעאָלען, וועלכע זיינען געווען בעזאָנדערס

שטאַרק און צאָהלרייך אין טשילי צוליעב דיא אויבען־געבראַכטע אורזאַכען, האָבען אַלץ פּראָטעסטירט געגען אַזאַ אָרדנונג. זיי האָט נאַטירליך פערדראָסען, וואָס דיא בעסטע און פעטסטע רעגיערונגס־פּלעצער ווערן פערטהיילט צווישען געבאָרענע שפּאַניער, און זיי האָבען זיך יעדענפאלס געהאלטען פעסט צוזאַמען אין דיא קאַבילדאָס, וועלכע זיינען אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס געוואָרן דיא צענטערס פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהר־הונדערט.

## צווייטער קאַפּיטעל.

# פון דעם אויפשטאַנד געגען שפּאַניען ביז דעם קריעג מיט פּערו

צו דער צייט פון דעם אויפשטאַנד געגען דיא שפּאַנישע רעגירונג האָט טשילי געצעהלט אַרום אַ האַלבען מיליאָן נפשות. דיא אורזאַכען פון דיזען אויפשטאַנד, וואָס האָט געפיהרט און געמוזט פיהרען צו אַ קאַמפף פאַר פאָלשטענדיגע פּאָליטישע אונאַבהענגיגקייט, זיינען שוין ערקלערט געוואָרן אין דיא געשיכטען פון מעקסיקאָ און פּערו, דיא וויכטיגסטע און גרעסטע צענטערס פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין דער נייער וועלט. דיזע אורזאַכען זיינען געוועזן דיא זעלבע אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס, אָבער ניט אין יעדער פון זיי איז דיא רעוואָלוציאָנערע שטימונג אָדער דער קלאַס פון דיא קרעאָלען געוועזן גלייך שטאַרק. אין טשילי איז גראַדע דיא רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי ניט געוועזן זעהר שטאַרק אין אָנפאַנג. אַ בעדייטענדער טהייל פון דיא קאָלאָניסטען איז געוועזן צוגעבונדען צו דער שפּאַנישער קרוין. דיא שפּאַניער זיינען אויך זעהר פיעל געשטיצט געוואָרן פון דיא אַריסטאָקראַטישע לאַנדבעזיצער אין טשילי. זיי האָבען צוזאַמען געבילדעט דיא לאָיאַליסטישע פּאַרטיי, מיט וועלכער דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט צו פיהרען אַ לאַנגען און ביטערן קאַמפף. דיא פאָלקס־מאַסען, וועלכע זיינען געוועזן אונגוויסענד און אָבגעשניטען איינע פון דיא אַנדערע דורך לאַנגע שטרעקען איבער הויכע בערג און טיעפע טהאָלען, זיינען מייסטענס געוועזן גלייכגילטיג צו דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

דאַרום האָט דיא רעוואָלוציאָן אויסגעבראָכען אין טשילי עטוואָס שפּעטער וויא אין דיא מייסטע אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס, ערשט נאָכדעם וויא עס איז אָנגעקומען אַ פערטרעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער כונטאַ פון בוענאָס ערעס און האָט אויפגעפאָדערט דיא בירגער פון סאַנטיאַגאָ צו פאָלגען דעם ביישפּיעל פון זייערע אַטלאַנטישע ברידער און אַרונטערזעצען זייער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דעם 18טען סעפּטעמבער 1810 האָט טאַקע דער גע-

נעראַל־גובערנאַטאָר רעזיגנירט, וויא דיא קאַבילדאָ פון סאַנטיאַגאָ האָט עס פערלאַנגט, און דיזער טאָג ווערט געפייערט אַלס א נאַציאָנאַלער יום טוב אין טשילי, אַלס דער אָנפאַנג פון אונאַבהענגיגקייט, אַזוי וויא דער 4טער דזשולאַי אין יונייטעד סטייטס.

א כונטאַ פון זיעבען אָנגעזעהענע בירגער פון סאַנטיאַגאָ האָט יענעם טאָג איבערגענומען דיא פערוואַלטונג פון לאַנד אין נאָמען פון קעניג פערדי־נאַנד דעם זיעבעטען, ועמען נאַפּאָלעאָן האָט אַרונטערגעזעצט פון טראָן, וויא מיר ווייסען עס שוין פון פאָריגע קאַפּיטלעך אין דיזען בוך. איינער פון דיא ערשטע און וויכטיגסטע אַקטען פון דיזער כונטאַ איז געווען צו עפענען דיא פּאָרטען פאַר דיא האַנדעלס־שיפען פון אַלע נאַציאָנען, וואָס עס האָט נאָך דעם ערשטען יאָהר איינגעבראַכט פיער מאָל מעהר איינקונפט וויא פריהער. דער קאָנגרעס וואָס איז צוזאַמענגערופען געוואָרן אין אַפּריל 1811 האָט אָבגעשטימט אַ גאַנצע רייהע פון רעפאָרמען, וויא דיא אָבשאַפונג פון שקלאַ־ווערײַ, דיא רעאָרגאַניזירונג פון דיא געריכטען, דיא זעלבסטפערוואַלטונג פון שטעדט, דיא פרייהייט פון האַנדעל, א. ז. וו.

אָבער דאָס האָט באַלד געפיהרט צו אַ ביטערן קאַמפּף צווישען דיא ראַדי־קאַלען, וועלכע זיינען שטאַרקער געווען אין דיא זידליכע פּראָווינצען מיט זייער הויפּטשטאָדט קאָנסעפּסיאָן, און דיא קאָנסערוואַטאָרס, וועלכע זיינען מייסטענס בעשטאַנען פון דיא אַריסטאָקראַטישע לאַנדבעזיצער אין דיא צענט־ראַלע פּראָווינצען מיט דער הויפּטשטאָדט סאַנטיאַגאָ. מיט דיזען אינערליכען קאַמפּף, וואָס איז געפיהרט געוואָרן אין פערלויף פון אַ פּאָאַר יאָהר בעזאָנ־דערס צווישען דיא ראַדיקאַלע כונטאַ פון קאָנסעפּסיאָן אונטער דער לייטונג פון דר. ראָזאַס, און דיא קאָנסערוואַטיווע כונטאַ אונטער דער לייטונג פון גענעראַל קאַררעראַ, וועלכער איז געוואָרן דער מיליטערישער דיקטאַטאָר, האָט זיך בענוצט גענעראַל אַבאַסקאַל, דער פעהיגער און ענערגישער וויצע־קעניג פון פערו, וויא נור איהם איז געלונגען צו אונטערדריקען דיא רעוואָלוציאָנערען אין פערו און אין באָליוויא. ער האָט געשיקט אַן אַרמעע פון 4000 סאָלדאַטען, וועלכע איז צוערשט צוריקגעשטויסען געוואָרן פון 12,000 פּאַטריאָטען אונ־טער דער קאָמאַנדע פון דעם דיקטאַטאָר קאַררעראַ, אָבער וועלכע האָט שליסליך אַזוי געזיעגט אין דער שלאַכט ביי ראַנקאַגוּאַ אין 1814, אַז גענעראַל קאַררעראַ האָט געמוזט אַנטלויפען פון סאַנטיאַגאָ און זוכען רעטונג מיט אַ הייפעלע פון זיינע נאַכפאָלגער אין אַרגענטינע און אַז גענעראַל בערנאַרדינאָ אָ'היגינס, איינער פון דיא וויכטיגסטע קעמפפער פאַר דיא אונאַבהענגיגקייט פון טשילי, האָט אויך געמוזט זיך אָבטראָגען מיט אַנדערע פּאַטריאָטען נאָך מענדאָזאַ, אַרגענטינע, וואו זיי האָבען פערשטאַרקט דיא אַרמעע, וועלכע סאַן מאַרטין האָט אָרגאַניזירט, וויא מיר ווייסען עס שוין, צו פעריאָגען דיא שפּאַניער פון

טשילי און פון פּערו גופא. גענעראַל אָ'היגינס, דער טשילּיאַנער פּאַטריאָט מיט אַן אירלענדישען נאָמען, איז געווען דער זוהן פון אַן איינגעוואַנדערטען אָרימען אירלענדער, וועלכער איז אָנפאַנגס רייך געוואָרען פון האנדעל אין

גענעראַל בערנאַרדינאָ אָ'היגינס

טשילי, האָט זיך נאָכהער אויסגעצייכענט אין אַן עקספּעדיציע געגען דיא אַראַוקאַניער און האָט שליסליך זיך דערדיענט צו ווערן דער גענעראַל גובער־נאַטאָר פון טשילי און זאָגאַר דער וויצע־קעניג פון פּערו.

אָרום דריי יאָהר נאָך דער נידערלאַגע פון דיא טשילּיאַנער רעוואָלוציאָ־

נערען ביי ראַנקאַגואַ האָבען דיא שפּאַנישע גענעראַלען געהערשט אין טשילי מיט אייזערנע הענד. דיא אַלטע אָרדנונג איז צוריק איינגעפיהרט געוואָרען און אַ סך פּאַטריאָטען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען. אָבער אויף דער מזרח־זייט פון דיא אַנדעסען, סך הכל אַ 150 מייל פון סאַנטיאַגאָ, האָט סאַן מאַר־טין זיך אַלץ בעסער צוגעגרייט צו אַן אַטאַקע אויף דיא שפּאַניער אין טשילי. בערנאַרדינאָ אָ'היגינס איז געוואָרען זיין רעכטע האַנד און האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט אין דער בעריהמטער שלאַכט ביי טשאַקאַבוקאָ, וועלכע האָט ענטשיעדען דעם שיקזאַל פון טשילי און דערלאַנגט אַ טויטקלאַפּ דיא שפּאַניער אין גאַנץ זיד אַמעריקאַ, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דער געשיכטע פון פּערו.

ווען סאַן מאַרטין איז אַריין אין סאַנטיאַגאָ מיט זיין זיעגרייכער אַרמעע פון אַרגענטיניער און טשיליאַנער רעוואָלוציאָנערען, האָט ער צוזאַמענגערופען אַן אסיפה פון דיא אָנגעזעהענע בירגער, וועלכע האָבען איהם איינשטימיג אויסגעקליבען פאַר דעם גובערנאַטאָר פון טשילי. ער האָט זיך אָבער ענטזאַגט פון דיזען כבוד. זיין אַמביציע איז געווען, וויא מיר ווייסען עס שוין, צו ברעכען דיא שפּאַנישע מאַכט אין פּערו גופא. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער מאַן אין זיינע שטרעבונגען און אויך האַנדלונגען. ער איז געשטאַנען מיט פיעלע קעפּ העכער פאַר אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערען און גענעראַלען אין זיד־אַמעריקאַ, אפילו פאַר דעם ליבעראַטאָר באָליוואַר. נור ווען ער האָט זיך ענטזאַגט, האָט ער אָנגעוויזען אויף זיין פריינד און אַדיוטאַנט בערנאַרדינאָ אָ'היגינס אַלס דעם ריכטיגען מאַן אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ. זיין ראַטה איז אָנגענומען געוואָרען, און אָ'היגינס איז געוואָרען דער הויפּט פון דער טשיליאַנער רעפּובליק, מען מעג זאָגען, איהר ערשטער דיקטאַטאָר.

אָבער זיין דיקטאַטור האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. דיא אַנהענגער פון קאַררעראַ האָבען אויסגעקוקט אויף אַ געלעגענהייט צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן נאָך דעם אַלגעמיינעם מוסטער אין דער שפּאַניש־שפּרעכענדער אַמעריקאַ. אָ'היגינס איז שנעל פערהאַסט געוואָרען פאַר זיינע דיקטאַטאָרישע האַנדלונגען. דיא קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט שטענדיג אינטריגירט געגען איהם, אָבער אפילו דיא ליבעראַלען און ראַדיקאַלען, וועמעס פיהרער ער איז פריהער געווען, זיינען אַרויסגעטראָטען געגען איהם אין 1823 אונטער דער קאָמאַנדע פון גע־נעראַל פרעירע, זאָ דאָס ער איז געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען.

אין פערלויף פון זיבען יאָהר נאָך דיזער פּאַסירונג האָבען זיך געביטען צעהן רעגיערונגען מיט נאָך מעהר גרעסערע און קלענערע דיקטאַטאָרס אין דיא פּראָווינצען און מיט דריי קאָנסטיטוציעס. שטרייטען און קאָנפליקטען זיינען פאָרגעקומען ניט נור צווישען דיא פּאַרטיי־פיהרער און אַמביציעזע גע־נעראַלען, זאָנדערן אויך צווישען פערשיעדענע פּראָווינצען און שטעדט. דיא גאַנצע רעפּובליק האָט זיך דאַן געהאַלטען אויף היהנערשע פיסלעך. דער אַלטער

קאמפף צווישען דיא צענטראלע געגענדען, וואו דיא אַריסטאָקראַטישע פאַמי־ליען און גרויסע גרונדבעזיצער האָבען געפיהרט דיא גרענדע און האָבען אָר־גאַניזירט אַ שטאַרקע קאָנסערוואטיווע פאַרטיי מיט דער הילפע פון דיא גלחים, און דיא זידליכע געגענדען, וואו עס איז אויפגעקומען אַ קלאַס פון קליינע גרונד־בעזיצער, קאָלאָניסטען און הענדלער, וואָס האָבען געקעמפפט פאַר ליבעראַלע רעפאָרמען און פאַר אַ דעמאָקראַטישע רעפובליק — דיזער קאמפף איז געוואָרען אַלץ שאַרפער, און מען מעג זאָגען, אַז ער האָט זיך נאָך עד היום ניט גע־ענדיגט. דערצו נאָך האָבען דיא ווילד־געבליבענע אינדיאַנער זיך אויפגעהויבען געגען דיא ווייסע, און דיא אַנהענגער פון דער שפּאַנישער הערשאַפט, דיא לאָיאַליסטען, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויף דעם גרויסען און פרוכט־באַרען אינזעל טשילאָע און דאָרטען אָנגעפאַנגען אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָן.

גענעראַל פרעירע, וועלכער האָט פערנומען אָ׳היגינס׳עס פּלאַץ, האָט גע־פיהרט אַ ביטערן קאמפף מיט דיא קלעריקאַלען און אַריסטאָקראַטען. ער האָט געזוכט דורכצופיהרען ראַדיקאַלע רעפאָרמען דורך דעם קאָנגרעס, וואָס ער האָט צוזאַמענגערופען און בעהערשט. אין 1824 האָט ער פערטריבען דעם ביסקופ פון סאַנטיאַגאָ און אַרויסגעלאָזען בעפעהלען צו קאָנפיסצירען דיא גיטער פון דער קאַטאָלישער קירכע. דאָס האָט אַלץ מעהר אויפגערעגט דיא קאָנסער־וואַטיווע פאַרטיי, וועלכע האָט געפונען אַ זעהר פעהיגען פיהרער אין דער פערזאָן פון פּאָרטאַלעס וואָס איז פאַקטיש געוואָרען דער דיקטאַטאָר נאָך אַ גרוי־סער נידערלאַגע פון דיא ליבעראַלען אין דער שלאַכט ביי לירקאַי אין אַפּריל 1830, ווען אַרום צוויי טויזענד מאַן זיינען געפאַלען פון ביידע זייטען. גענע־ראַל פריעטאָ, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, איז דאַן אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס דער פּרעזידענט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג, און גענעראַל פרעירע איז אַנטלאָפען נאָך פּערו צוזאַמען מיט איי־ניגע אַנדערע גענעראַלען און פיהרער פון דער בעזיעגטער ליבעראַלער פאַרטיי.

דיא רעזולטאַטען פון דעם זיעג פון דער קאָנסערוואַטיווער אַרמעע אין דער בלוטיגער שלאַכט ביי לירקאַי זיינען געווען זעהר וויכטיגע פאַר טשילי און, מען מעג זאָגען, פאַר גאַנץ זיד־אַמעריקאַ. גענעראַל פּריעטאָ און זיינע קאָנסער־וואַטיווע נאָכפאָלגער, מאַנועל בולנעס און מאַנועל מאָנט, האָבען זיך אַרויס־געוויזען פאַר זעהר פעהיגע רעגיערער. יעדערער פון זיי איז אויסגעוועהלט גע־וואָרען צו צוויי טערמינען פון פינף יאָהר. צוזאַמען האָבען זיי געפיהרט דיא רעפובליק אין רוהע און אָרדנונג, וויא ווייט דאָס האָט זיך נור געלאָזען אין 19טען יאָהרהונדערט אין אַ שפּאַניש־שפּרעכענדער רעפּובליק. גאַנצע דרייסיג יאָהר. דיא ליבעראַלען, וועלכע האָבען נאַטירליך געזוכט צו מאַכען אַ סוף פון דער הערשאַפט פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, האָבען אין דיזער צייט דריי מאָל אַרויסגערופען אויפשטאַנדען, אָבער זיי זיינען יעדעס מאָל

שנעל און ענטשיעדען בעזיעגט געוואָרען. דאָס לאַנד האָט זעהר פיעל פּראָגרעסירט דורך דיזע רוהע. דיא בעפעלקערונג איז געוואקסען אויך דורך איינוואנדערונג פון נאָרדליכע אייראָפּעאישע לענדער, ספּעציעל פון דייטשלאַנד. דער האַנדעל איז געשטיגען און אינדוסטריען האָבען זיך אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען. דורך דעם זיינען אויך געוואקסען דיא איינקינפטע פון דער רעגיערונג, וועלכע האָט ניט נור געקענט צאָהלען דיא שולדען אין אויסלאַנד, זאָנדערן אויך בויען אייזענבאַהנען, פּאָרטען און שיפען.

אונטער דער אדמיניסטראַציאָן פון גענעראל פּריעטאָ מיט זיין הויפּט-



טשיליאנער קאָסטיומען אין 1840

מיניסטער פּאָרטאלעס איז אויסגעארבייט און אָנגענומען געוואָרען דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז פערבליבען אין קראפט מיט וועניגע ענדערונגען ביז היינט צו טאָג אין טשילי. דאָס איז א זעהר קאָנסערוואטיווע, צענטראליסטישע און אריסטאָקראטישע קאָנסטיטוציאָן; אָבער מען מוז צוגעבען, אז זיא האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען צו פערבעסערן און צו פערשטאַרקען דיזע רעפּובליק. אלגעמיינעס שטימרעכט עקזיסטירט נאָך דאָרטען אלץ ניט. דיא פּאָליטישע מאַכט ליגט מייסטענס אין דיא הענד פון גרונדבעזיצער. אָבוואָהל גענעראל פּריעטאָ איז געוואָרען פּרעזידענט דורך א מיליטערישע רעוואָלוציאָן, האָט ער פון דעסטוועגען ניט געוואָלט זיך פיהרען וויא א דיקטאַטאָר. דער

קאָנגרעס האָט איהם דארום אויסגעוועהלט אין 1836 פאר פרעזידענט א צוויי־טען מאָל.

אין דיעזער צייט האָט גענעראל פרעירע בעקומען שטיצע פון דיא ליבע־ראלען אין פערו און באָליוויא, ספּעציעל פון גענעראל סאַנטאַ קרוץ; וועלכער איז א קורצע צייט געווען דער דיקטאַטאָר פון דיעזע צוויי רעפּובליקען, וויא דאָס איז געשילדערט אין דער אָביגער געשיכטע פון פערו. איהם איז געלונגען צו אָרגאַניזירען אן עקספּעדיציע אין פערו און צו לאַנדען מיט געוועהר אויף דעם אינזעל טשילאָע; אָבער דער אויפשטאַנד דאָרטען איז שנעל אונטער־דריקט געוואָרען פון דער טשיליאַנער רעגיערונג, וועלכע האָט דערפאר אָנגע־פאַנגען געגען סאַנטא קרוץ א קריעג, וואָס האָט זיך געענדיגט אונגליקליך ניט נור פאר דיעזען דיקטאַטאָר, זאָנדערן אויך פאר פערו. שוין דאַן האָט זיך ארויס־געוויזען, אז טשילי איז שטאַרקער פאר איהרע צוויי נאָרדליכע שכנות—פערו און באָליוויא צוזאַמען.

אונטער דער אדמיניסטראַציאָן פון גענעראל בולנעס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה געגען סאַנטאַ קרוץ און וועלכער האָט רעגיערט צעהן יאָהר אָהן אינערליכע אונרוהען, איז דער אויסלענדישער האַנדעל מערק־ווירדיג שנעל געוואַקסען, וואָס עס האָט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט ניט נור צו דעקען דיא קאָסטען פון דיעזער מלחמה, זאָנדערן אויך צו שטעלען דיא פינאַנצען אויף א פעסטען באָדען און צו פערגרעסערן דיא אויסגאַבען אפילו אויף פאָלקסבילדונג. דיא ענטדעקונגען פון גאָלד אין קאַליפאָרניא און אין אויסטראַליען זיינען געווען א גוטע זאַך פאר טשילי דערמיט, וואָס עס איז דאָרטען געעפענט געוואָרען א מאַרקעט פאר טשיליאַנער ווייץ. אין דער זעל־בער צייט האָבען דיא זילבער־מינען פון קאָפּיאַפּאָ אין טשילי גופא געליפערט מיליאָנען. וואַלפּאַראַיזאָ איז דאַן געוואָרען א זעהר גרויסער און וויכטיגער האַנדעלס־פּאָרט, און דיא ערשטע ליניע פון דאַמפף־שיפען אויף דעם פּאַסיפי־שען אָקעאַן איז דאָרטען אָרגאַניזירט געוואָרען פון דעם אמעריקאַנער אינזשע־נער וויליאַם ווהילרייט.

נאָך גרעסערע פאָרטשריטע האָט טשילי געמאַכט אונטער דער צעהן־יעה־ריגער אדמיניסטראַציאָן פון פרעזידענט מאַנועל מאָנט, וועלכער איז פריהער געווען מיניסטער אונטער פרעזידענט בולנעס און וועלכער איז אויך געווען דער פעהיגסטער פיהרער פון דער הערשענדער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. אָבער באַלד נאָך זיין ערשטער וואהל אין 1851 האָבען ליבעראַלען אָנגעפאַנגען א רעוואָלוציאָן אין זייער אַלטען צענטער, אין דער פּאָרט־שטאָדט קאָנסעפּסיאָן, אָבער זיא האָט זיך שנעל געענדיגט נאָך דער זעהר בלוטיגער שלאַכט ביי לאָנקאָמילא, ווען דיא קאָנסערוואַטיווע ארמעע האָט געזיעגט. אזוי וויא פּרע־זידענט מאָנט האָט ניט נור ערקלערט אַן אַלגעמיינע אמניסטיע נאָך דיעזען

זיעג, זאָנדערן ער האָט אויך געזוכט צו געווינען אויף זיין זייט דיא מעסיגערע ליבעראַלען דורך אייניגע רעפאָרמען, האָט מען אין א קורצער צייט ארום פערגעסען אָן דיזען אויפשטאַנד, דורך וועלכען עס זיינען אומגעקומען פיער טויזענד מאַן און מיליאָנען דאָלאַרס זיינען פערלאָרען געגאַנגען.

צו ענדע פון זיין צווייטען טערמין האָט פרעזידענט מאָנט אָנגעפאַנגען צו האַנדלען אַלץ מעהר דיקטאַטאָריש און איז אויך געקומען אין א צוזאַמענשטויס מיט'ן קאָנגרעס. דיא ליבעראַלע פאַרטיי איז דאַרום אַלץ שטאַרקער געוואָרען, און אין דיא זידליכע פראָווינצען האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן. אין פערלויף פון פיער מאָנאַט האָט זיך דאַן געצויגען א בירגער־קריעג, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ נייער נידערלאַגע פאר דיא ליבעראַלען. אָבער דיא זיעגרייכע אריסטאָקראַטען האָבען זיך דאַן ארומגעזעהען, אז זייערע בעזיעגטע געגנער געפינען דאָך אַלץ מעהר אַנהענגער אין לאַנד און אז עס איז דאַרום נויטיג צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט זיי, אום אויסצומיידען ווייטערע אויפשטאַנדען און בלוטפערגיסונגען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס ווען מאָנט'ס צווייטער טערמין האָט זיך געענדיגט אין 1861, איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאר פרעזידענט אַן אונפאַרטייאישער מאַן אין דער פערזאָן פון א זעהר אנגעזעהענעם אַריסטאָקראַט מיט'ן נאָמען כאָזע פערעז, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען זיין אַדמיניסטראציאָן מיט אַן ערקלערונג פון אַלגעמיינע אַמניסטיע און האָט געזוכט צו מאַכען פשרות צווישען דיא קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלען אַפילו וועגען דיא קאַטאָלישע קירכע. אונטער זיין צעהן־יעהריגער אַדמיניסטראַציאָן, וויא אויך פון זיינע נאָכפאָלגער, דיא פרעזידענטען פעדעריקאָ עראזוריץ און אַניבאַל פינטאָ, וועלכע האָבען שוין געדיענט בלויז צו איין טערמין, ווייל דיא ליבעראַלען האָבען דורכגעפיהרט אן אַמענדעמענט צו דער קאָנסטיטוציאָן, אַז מעהר וויא איין טערמין זאָל קיינער ניט קענען זיין פרעזידענט פון דער רעפובליק, — איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען דיא מעסיגע ליבעראַלע פאַרטיי, וועלכע האָט צוגעצויגען אויך אַ סך פון דיא מעסיגע קאָנסערוואַטיווע און יונגע אַריסטאָקראַטען. דיא ליבעראַלען האָבען אויך, נאָך אַ לאַנגען קאַמפף מיט דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי אין קאָנגרעס, דורכגעפיהרט, אַז ווער עס קען נור לעזען און שרייבען זאָל האָבען שטימרעכט.

אין 1865 איז טשילי אַריינגעשלעפט געוואָרען אין אַ מלחמה מיט שפאַניען, וויא דאָס איז ערקלערט אין דער געשיכטע פון פערו. דיא שפאַנישע רעגיערונג האָט געשיקט אַ פלאָטע, וועלכע האָט בלאָקירט דיא פאָרטען פון טשילי און האָט באָמבאַרדירט דעם פאָרט וואַלפאַראַיזאָ און צושטערט דאָרט כמעט דיא גאַנצע שטאָדט. דיא רעגיערונג פון טשילי, וועלכע האָט זיך מוטהיג אָנגענומען פאַר פערו געגען שפאַניען, האָט פון דעסטוועגען ניט נאָכגעגעבען דיא שפאַנישע פאָרדערונגען. דאָס איז בכלל געווען אַן אונזינניגע מלחמה, בע־

זאָנדערם פון דער שפּאַנישער זייט, און שפּאַניען האָט שליסליך גאָר נישט אויסגעפיהרט מיט איהרע קריעגסשיפען, אויסער דיא פערניכטונג פון אייגענטהום און דיא פערגיסונג פון בלוט אין דיא פּאָרטען פון פערו און טשילי.

ארום דיעזער צייט האָט שוין טשילי געצעהלט איבער צוויי מיליאָן נפשות. די דייטשע קאָלאָניזאַציאָן אין די זידליכע פּראָווינצען איז אַלץ גרעסער געוואָרען, ווייל דיא רעגיערונג האָט ניט נור געגעבען גענוג לאַנד אונענטגעלטליך צו איינוואַנדערער, זאָנדערן האָט אפילו געצאָהלט זייערע רייזע־קאָסטען. דיא שנעלע פערמעהרונג פון ווייסע קאָלאָניסטען אין דיא זידליכע פּראָווינצען האָט אַרויסגערופען אַן אויפשטאַנד פון דיא אַראַוקאַניער אין 1868. דיעזע ווילדע שטאַמען האָבען אָנגעהויבען צו בעפאַלען דיא בעזעצונגען פון דיא ווייסע אין דיא ערטער אַרום זייער אַלטע טעריטאָריע. נור נאָך עטליכע נידערלאַגעם און צוזאַמענשטויסען מיט דיא ווייסע, האָבען זיי געבעטען צו שליסען וויעדער פריעדען מיט דער רעגיערונג, וועלכע האָט יעדענפאַלס אויסגעבויט קליינע פעסטונגען ביי דיא גרענעצען פון אַראַוקאַניא, אום צו האַלטען אין צוים דיא ווילדע אינדיאַנער.

נאָך דער מלחמה מיט שפּאַניען האָט דיא רעגירונג פון טשילי זעהר ענערגיש זיך אַ נעהם געטאָהן צו שאַפען אַ גרויסע פלאָטע, אום צו פערטהיידיגען די לאַנגע ברעגען פון לאַנד. דיא אויפבויאונג פון אייזענבאַהן־ליניעס צו פערבינדען דיא פּאָרטען מיט דיא וויכטיגסטע שטעדט איז פאָרטגעזעצט געוואָרען אַלץ ווייטער. אין אָנפאַנג פון דיא זיעבעציגער יאָהרען, ווען עראזוריץ איז געווען פרעזידענט, האָט מען אויך אַלץ פערמעהרט דיא צאָהל פון קריעגסשיפען און פון ים־סאָלדאַטען פאַר דיא מלחמה מיט פערו צוליעב דיא ניטראַט־געגענדען.

דריטער קאפיטעל.

# דער לעצטער בירגער־קריעג און דיא לעצטע גרענעץ־שטרייטען

דיא אורזאכען און דיא רעזולטאטען פון דער ניטראט־מלחמה זיינען שוין ערקלערט געווארען אין דיא געשיכטען פון פערו און באליוויא. מיר וועלען עס דא ניט ווידערהאלען. דיעזע מלחמה, וועלכע האט גרעסער געמאכט טשילי מיט א טעריטאריע פון אונגעפעהר 100,000 סקוועיר מייל, וואו עס געפינען זיך דיא אויסערגעוועהנליך רייכע ניטראט־מינען, איז געפיהרט געווארען אונטער דעם פרעזידענט אניבאל פינטא, וועלכער איז רעספעקטירט געוועזען פון אלע פארטייען. זיין טערמין האט זיך געענדיגט אין 1881, ווען דיא מלחמה מיט פערו איז נאך ניט געווען אין גאנצען צו ענדע, און זיין פלאץ האט געזעצליך פערנומען סעניאר דאמינגא סאנטא מאריא, אויך א ליבעראל. אונטער דער אדמיניסטראציאן פון דיעזען פרעזידענט איז געשלאסען געווארען פריעדען מיט פערו און באליוויא, אבער עס האבען זיך אנגעפאנגען אינערליכע שטרייטען.

די ליבעראלע רעפארמען, וועלכע ער האט גענומען דורכפיהרען אלץ מעהר, האבען ארויסגערופען א פייערדיגע אפאזיציע פון דער קאנסערוואטיווער פאר־טיי און בעזאנדערס פון דיא קלעריקאלען אדער קירכען־פארטיי. דיא גלחים הא־בען געדונערט געגען איהם, ווייל ער האט געוואלט דורכפיהרען א ליבעראלען געזעץ וועגען ציוויל־הייראטהען, ציוויל־שיידונגען, ציוויל־מעטריקעס, א. ז. וו. אונטער דער לאנגער הערשאפט פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי האט דיא קאטאלישע קירכע אנגעהאלטען אלע איהרע אלטע פריווילעגיעס. קיין חתונה האט ניט געקענט זיין א געזעצליכע, אויב א רעליגיעזע צערעמאניע איז ניט פארגעקומען אין א קאטאלישער קירכע. דיא קאטאלישע גלחים האבען געפיהרט דיא רייסטערס פון געבורטען און טויטען, וויא אונטער דער שפאנישער הער־שאפט. זיי האבען אויך קאנטראלירט אלע בעערדיגונגס־פלעצער. אין 1865 האט פרעזידענט פערעז דורכגעפיהרט אפילו אן אמענדעמענט צו דער קאנסטיטוציאן וועגען פרייהייט פון עפענטליכען גאטעסדיענסט פאר ניט־קאטאליקען; אבער

דאס איז פאקטיש געבליבען א טויטער בוכשטאב ביז דער ליבעראלער פּרעזי־דענט סאנטא מאריא האט אנגעפאנגען א ביטערן קאמפּף מיט דער קאטאלישער קירכע, אום צו געווינען אויף זיין זייט דיא ראדיקאלע און אנטי־קלעריקאלע פּארטייען. דער הויפּט־קעמפּפער פאר דיזע וויכטיגע ציוויל־רעפארמען, וועל־כע זיינען שטענדיג פערלאנגט געווארען פון דיא ליבעראלען, איז געוועזן דער פּרעמיער באלמאסעדא, א פייערדיגער ראדיקאל און בריליאנטענער רעדנער, וועלכער איז געווארען פּרעזידענט, ווען סאנטא מאריא׳ס טערמין האט זיך גע־ענדיגט אין 1886.

דיא ליבעראלע פּארטיי איז דאן צושפּאלטען געווארען צוליעב דיזע רע־פארמען. דיא מעסיגע ליבעראלען האבען זיך ארומגעריסען מיט דיא ראדיקא־לען און אנטי־קלעריקאלען און האבען אונטערשטיצט דיא מעסיגע קאנסערוואַ־טיווע פּארטיי אין קאנגרעס. דיזע רייסערייען האבען שליסליך געפיהרט צו איינער פון דיא מערקווירדיגסטע רעוואלוציאנען אין דער געשיכטע פון טשילי און, מען מעג אויך זאגען, פון אלע זיד־אמעריקאנישע רעפּובליקען. ווען באלמאסעדא האט פערנומען סאנטא מאריא׳ס פּלאץ, טראָץ דער שטארקער און ביטערער אפּאזיציע פון דיא קאנסערוואטארס, קלעריקאלען און א טהייל פון דיא ליבעראלען אין קאנגרעס, האט ער געזוכט צו קריעגען א מאיאריטעט דורך פּשרות מיט זיינע געגנער. איהם איז טאקע געלונגען צוזאמענצושטעלען א מי־ניסטעריום פון דיא פיהרער פון כמעט אלע פּארטייען, וואס מען רופט אויף דעם פּארלאמענטארישען לשון א קאאליציאנס־מיניסטעריום.

דיא גלחים האבען אבער געקעהרט וועלטען געגען דיא ״אפּיקורסים״, וועל־כע האבען געוואגט איינצופיהרען ציוויל־הייראטהען און דערצו נאך אוועקצו־נעהמען ביי זיי דיא ווירטהשאפט איבער דיא בית־עולם׳ס. זיי האבען אריינ־געלעגט אין חרם דעם פּרעזידענט מיט אלע זיינע מיניסטארען. זיי האבען זיך ענטזאגט צו פּראווען דיא רעליגיעזע צערעמאניעס פאר אזעלכע, וואס האבען חתונה געהאט נאך דעם ציוויל־געזעץ אדער האבען פערשריעבען דיא געבורטען פון קינדער אין דיא ציוויל־רייסטערס. זיי האבען אויפגעהעצט דיא פּרויען, אויף וועלכע דיא קאטאלישע קירכע שטיצט זיך בעזאנדערס אין אלע לענדער. דער קאטאליציזם איז אזוי שטארק איינגעווארצעלט געווארען אין טשילי, וויא אין אלע אנדערע שפּאניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען. אלע אנדערע געזעלשאפט־ליכע פראגען זיינען דאן פערגעסען געווארען. מען האט נור געשטריטען און געשטורמט וועגען דיא בעציהונגען צווישען שטאאט און קירכע בכלל און וועגען דיא נייע ״גאטלאזע״ געזעץ בפרט.

באלמאסעדא, דער הויפּטפיהרער פון דיא אנטי־קלעריקאלען, איז ערקלערט געווארען פון דיא גלחים פאר דעם אנטי־קריסט, פאר דעם טייפעל אליין. ווען אבער דיעזער ענערגישער קעמפּפער פאר ליבעראלע רעפארמען און פאר א דע־

מאָקראַטישער קאָנסטיטוציאָן האָט זיך פערזיכערט מיט אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס האָט ער אָנגעפאַנגען צו פיהרען זיך אַלץ מעהר וויא אַ דיקטאַטאָר. דערצו נאָך האָט ער גענומען שטיצען זיינע נעהענטערע פריינד און טרייעסטע אנהענגער ניט נור מיט דיא בעסטע אַמטען, זאָנדערן אויך מיט זעהר פעטע

פרעזידענט באַלמאַסעדא

קאָנטראַקטען צו בויען אייזענבאַהנען, דאַקס, שיפען, פאָלקסשולען און נייע פעסטונגען אין פערשיעדענע פאָרטען. דיא עקאָנאָמישע לאַגע פון טשילי איז גראַדע געווען אַ זעהר גוטע. דיא רעגיערונגס־קאַסע איז געווען פול. דיא איינ־קינפטע פון דער רעגירונג זיינען פערדאָפּעלט געוואָרען דורך דיא עראָבערונג פון דיא ניטראַט־געגענדען. באַלמאַסעדא האָט דאַרום געקענט שליידערן מיט

מיליאָנען און דורך דעם אויך קריעגען אַלץ אַ גרעסערע דיקטאַטאָרישע מאַכט. פון דער אַנדער האַנד האָט עס נאַטירליך אַלץ מעהר אויפגעבראַכט זיינע שונאים, וועלכע זיינען געוואָרען שטאַרקער אויך אין קאָנגרעס.

טראָץ דעם וואָס באַלמאַסעדאַ האָט אַנגעשרויפט אַלע מאַשינען פון דער רעגירונג צו געווינען אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס ביי דיא וואַהלען אין 1888, איז דאָס איהם ניט געלונגען. דעם נעכסטען יאָהר איז דיא פּאָליטישע לאַגע געוואָרען אַזוי געפעהרליך, אַז עס האָט געהאַלטען ביי אַן אויסברוך פון אַ בירגער־קריעג. דיא אָפּאָזיציע האָט געהאַט אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס, און באַלמאַסעדאַ האָט ניט געקענט צוזאַמענשטעלען אַ מיניסטעריום נאָך דיא פאָר־שריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן. דאַן איז באַלמאַסעדאַ ענטשיעדען אַרויס־געטראָטען געגען דעם קאָנגרעס. ער האָט ערקלערט, אַז אַלס פּרעזידענט האָט ער גאָר דאָס רעכט אַנצושטעלען פאַר אַ מיניסטער, וועמען ער וויל נור, און אַז דער קאָנגרעס האָט אין דעם גאָר קיין דעה ניט צו זאָגען. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז ער האָט בעשלאָסען אָבצושאַפען מיט זיין דיקטאַטאָרי־שער מאַכט דיא סיסטעם פון אַ פעראַנטוואָרטליכעם מיניסטעריום, וויא דאָס איז איינגעפיהרט דאָרטען נאָך דעם אַלגעמיינען קאָנסטיטוציאָנעלען מוסטער פון אייראָפּאַ.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז דער קאָנגרעס האָט פייערדיג פּראָטעסטירט געגען דיעזע דיקטאַטור. ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט דיא אָפּאָזיציע דערפאַר אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל לאָזען דיא רעגיערונג אָהן געלד פאַר דיא אויסגאַבען. אין 1890 האָט זיך דער קאָנגרעס ענטזאָגט אָבצושטימען דעם ביודזשעט. דאַן האָט באַלמאַסעדאַ ווידער פּרובירט מאַכען אַ פּשרה מיט זיינע פּאָליטישע געגנער און האָט אויסגעקליבען אַזעלכע מיניסטאָרען, וועלכע האָבען געקענט רעכענען אויף דער שטיצע פון דער מאַיאָריטעט פון קאָנגרעס. אָבער דיעזעס מיניסטעריום איז אין עטליכע מאָנאַט אַרום צופאַלען געוואָרען צוליעב אינערליכע רייסערייען. אַזוי וויא באַלמאַסעדאַ האָט געוואָלט, אַז זיין פריינד קלאַודיאָ וויקוניאַ זאָל פערנעהמען זיין פּלאַץ, ווען זיין טערמין וועט זיך ענדיגען, האָט ער איהם געמאַכט פאַר דעם פּרעמיער גאָר אָהן דער צושטימונג פון קאָנגרעס. דערצו נאָך האָט באַלמאַסעדאַ אַרויסגעלאָזען אַ בע־פעהל, אַז דער ביודזשעט פון 1900 זאָל זיין גילטיג פאַר דעם נעכסטען יאָהר.

דיעזע דיקטאַטאָרישע האַנדלונגען האָבען שוין אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפשטאַנד. דיא פּרעזידענטען פון סענאַט און פון דער דעפּוטירטען־קאַמער האָבען אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אין וועלכער זיי האָבען ערקלערט, אַז מען דאַרף ניט פאָלגען דעם פּרעזידענט, ווייל ער האַנדעלט ניט קאָנסטיטוציאָ־נעל, און האָבען ערנאַנט קאַפּיטאַן מאָנט פאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער

פלאָטע, וועלכע האָט אויך רעבעלירט. עס האָט זיך אזוי אָנגעפאַנגען א קורצער, אָבער שרעקליך בלוטיגער בירגער־קריעג.

דיא הויפּטמאַכט פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער אָדער קאָנגרעסיסטישער פּאַרטיי איז בעשטאַנען אין דער פלאָטע. באַלמאַסעדאַ האָט דערפאַר זיך געשטיצט אויף דער אַרמעע. ער האָט ערקלערט דיא פּיהרער פון דער אָפּאָזיציע אין קאָנגרעס און קאַפּיטאַן מאָנט פאַר פעררעטהער און האָט צוזאַמענגעקליבען אַן ארמעע פון 40,000 מאַן. אין יוני 1891 האָט ער מיט זיין דיקטאַטאָרישער מאַכט בעפוילען אויסצו־וועהלען א פּרעזידענט, און דיא אויסוואַהל איז נאַטירליך געפאַלען אויף דעם מאַן, וואָס ער האָט גשטיצט, נעמליך אויף זיין פריינד און הויפּט־מיניסטער וויקוניא. מיט זיין שטאַרקער ארמעע האָט ער אָבער נור געקענט הערשען אויף דער יבשה. אויף'ן ים איז ער געבליבען מאַכטלאָז, ווייל דיא מייסטע קריעגסשיפען זיינען קאָמאַנדירט געווען פון זיינע געגנער, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין דער ניטראַט־פּראָווינץ טאַראַפּאַקאַ. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט גענוג געוועהר. אום צו קריעגען געוועהר אין יונייטעד סטייטס, האָבען זיי געשיקט דיא שיף "איטאַטאַ" נאָך קאַליפאָרניאַ. אויף דעם בעפעהל פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג אין נאָמען פון נייטראַליטעטס־געזעצע איז אָבער דיעזע שיף פערהאַלטען געוואָרען אין סאַן דיעגאָ. נור איהר איז דאָך געלונגען זיך ארויסצוגנב'ענען מיט א לאַדונג פון געוועהר. דאַן האָט דיא וואַשינגטאָנער רעגירונג געהייסען ארויסשיקען א קרייצער נאָכצויאָגען און צו פאַנגען דיעזע שיף, וועלכע האָט אזוי געבראָכען דיא נייטראַליטעט פון יונייטעד סטייטס. דיא "איטאַטאַ" איז טאַקע געפאַנגען געוואָרען פון דעם אַמעריקאַנער קרייצער און צוריק געבראַכט געוואָרען נאָך סאַן דיעגאָ, קאַליפאָרניאַ.

דיא קאָנגרעסיסטען האָבען אָבער אין דיעזער צייט געקראָגען געוועהר פון אייראָפּאַ אויף ענגלישע קאָנטראַבאַנדע שיפען, זאָ דאָס אין אויגוסט 1891 האָבען זיי שוין אויך געקענט צוזאַמענקלייבען אַן אַרמעע פון צעהן טויזענד מאַן אין דעם גרויסען ניטראַט־פּאָרט איקוויק, וואו עס האָט זיך געפונען זייער פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אונטער דער לייטונג פון קאַפּיטאַן מאָנט. דיעזע אַרמעע האָט געלאַנדעט אין א פּלאַץ א מייל צוואַנציג צום נאָרד פון וואַלפּאַראַיזאָ און האָט זיך א לאָז געטהאָן צום אָרט, וואו דיא אַרמעע פון דעם דיקטאַטאָר האָט זיך בעפעסטיגט. אין דער זעהר בלוטיגער שלאַכט דאָרטען, וואָס טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען דיא שלאַכט ביי קאָנקאָן, האָבען געזיעגט דיא קאָנגרעסיסטען. באַלמאַסעדאַ איז אזוי צוקאָכט געוואָרען נאָך דיעזער נידערלאַגע פון זיין אַרמעע, אז ער האָט געהייסען ארעסטירען יעדען איינעם, וואָס מען האָט נור געקענט פערדעכטיגען אין סימפּאַטיע מיט זיינע פּאָליטישע געגנער. דערמיט האָט ער זיך, זעלבסטפערשטענדליך, אלץ

מעהר פערהאסט געמאכט ביים פאלק, אפילו צווישען אנטי־קלעריקאלען. דיא זיעגרייכע ארמעע פון דיא קאנגרעסיסטען איז גלייך אוועק אויף'ן וועג צו דער הויפטשטאדט סאנטיאגא. באלמאסעדא האט צוזאמענגעקליבען זיינע לעצטע קרעפטע אין א פלאץ מיט'ן נאמען פלאסילא, און דארטען איז דעם 28טען אויגוסט געפאכטען געווארען דיא לעצטע שלאכט פון דיעזען בירגער־קריעג. דיא קאנגרעסיסטען האבען ווידער געזיעגט און זיינען דריי טעג שפעטער אריין מיט טריאומף אין סאנטיאגא.

נאך זיין נידערלאגע ביי פלאסילא, ווען זיינע בעסטע קאמאנדירען זיינען געטויטעט געווארען, האט באלמאסעדא פערלארען אירגענד וועלכע האפנונג צו געווינען דעם קאמפף. ער איז דאן אוועק זוכען שוץ אין דעם אמבאסאד פון ארגענטינע. דארטען איז ער געבליבען אין בעהעלטעניס ביז דעם 18טען סעפ־טעמבער, ווען עס האט זיך געזאלט ענדיגען דער געזעצליכער טערמין פון זיין פרעזידענטשאפט. אין יענעם טאג האט ער זיך דערשאסען נאכדעם וויא ער האט אנגעשריבען א בריעף, אז ער האט בעשלאסען צו ענדיגען זיין לעבען מיט זיינע אייגענע הענד, ווייל ער קען ניט ערווארטען אן אונפארטייאישען געריכט פון זיינע געגנער. מיט דיעזען זעלבסטמארד האט זיך געענדיגט דער בלוטיגס־טער בירגער־קריעג אין דער געשיכטע פון טשילי. אין דיזע שלאכטען זיינען 10,000 לעבענס פערלארען געגאנגען, און דיא קאסטען האבען איבערשטיגען פופציג מיליאן דאלאר.

צו דיזער צייט איז עס שיער ניט געקומען צו א מלחמה צווישען טשילי און יונייטעד סטייטס. גראדע האט עס בעדארפט פאסירען, אז דיא מאטראזען פון דער אמעריקאנער קריעגסשיף "באלטימאר", וועלכע האט זיך געפונען אין פארט פון וואלפאראיזא צו בעשיצען אמעריקאנער בירגער אין פאל פון נויט, האבען זיך צושלאגען, ווען מען האט זיי ארונטערגעלאזען אויפ'ן ברעג, מיט טשיליאנער מאטראזען אין א שענק. אין דיזען געשלעג פון בעזאפענע מאט־ראזען איז איינער פון דיא אמעריקאנער דער'הרג'עט געווארען און עטליכע אנ־דערע זיינען שווער פערוואונדעט געווארען. דיא וואשינגטאנער רעגיערונג האט געפונען נאך דיא בעריכטען פון דעם קאפיטאן פון "באלטימאר" און פון דעם קאנסול דארטען א בעליידיגונג פאר יונייטעד סטייטס אין דיזען געשלעג און האט געפאדערט שאדענערזאץ פאר דיא אפפער. דיא טשיליאנער רע־גירונג האט זיך אנפאנגס ענטשיעדען ענטזאגט נאכצוגעבען דיעזע פאדערונג פון דער אמעריקאנער רעגיערונג. זיא האט ערקלערט, אז דאס איז געווען א גאנץ געוועהנליכער געשלעג צווישען בעזאפענע מאטראזען און אז קיין נאציא־נאלע בעליידיגונג אדער אויסברוך פון האס צו אמעריקאנער איז דערביי גאר ניט פארגעקומען. אבער שליסליך, ווען דיא וואשינגטאנער רעגירונג האט זיך ענטשיעדען ענטזאגט אויסצוהערען אירגענד וועלכע ערקלערונגען און תירוצים

וועגען דיזע מעשה, האט דיא רעגירונג פון טשילי בעצאהלט דיא 75,000 דאלאר ענטשעדיגונג, וואס מען האט פון איהר פערלאנגט. נור א געפיהל פון פיינדשאפט צו יונייטעד סטייטס, צו דיא "יענקים", איז לוידער דאן בעזאנדערס שטארק איינגעווארצעלט געווארען אין טשיליאנער פאלק. אין דער גאנצער לאטיינישער אמעריקא קוקט מען אלץ מיט פיינדליכע און פערדעכטליכע אויגען אויף יונייטעד סטייטס, ווייל מען גלויבט דארטען, דאס דיא מעכטיגע נארד־אמעריקאנישע רעפובליק זוכט נור אונטער דער מאסקע פון דער מאנראָ־דאקטרין צו פערכאפען דיא טעריטאריעס און יעדענפאלס צו בעהערשען דיא פעלקער פון דיא שוואכע רעפובליקען פון צענטראל און זיד־אמעריקא. אבער אין טשילי איז דער האס צו דיא "יענקים" שטארקער וויא אין דיא אנדערע שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען.

ווען דיא זיעגרייכע קאנגרעסיסטישע פארטיי האט ארגאניזירט אין סאנטיאגא א פראוויזארישע רעגירונג, האבען זיך אנגעפאנגען דיא וואהלען פאר א נייעם קאנגרעס און פאר א נייעם פרעזידענט. קאפיטאן מאנט, וועלכער איז אויך געווארען דער הויפט פון דיעזער פראוויזארישער רעגירונג, האט זיך ענטשיעדען ענטזאגט צו געברויכען אירגענד וועלכען רעגירונגס־איינפלוס אין דיעזע וואהלען. ער האט ערקלערט, אז ער ווינשט צו הערען דיא אונאבהענגיגע און פרייע שטימע פון פאלק. עס קען אבער זיין, אז ער האט אין דיזען פאל אזוי גרויסמוטהיג געהאנדעלט, ווייל ער האט געוואוסט, אז ער וועט סאי וויא סאי קריעגען דיא מאיאריטעט, וויא עס האט זיך טאקע ארויסגעוויזען. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון טשילי איז דאן פארגעקומען אן אמת פרייע אויסוואהל פון א פרעזידענט.

קאפיטאן מאנט האט בעוויזען, אז ער איז ניט בלויז א פעהיגער קריעגספיהרער, זאנדערן אויך א פעהיגער אדמיניסטראטאר. ניט נור האט ער זיך ענטזאגט צו פערפאלגען דיא באלמאסעדיסטען, ער האט נאך אייניגע פון זיי גענוצט אריבערציהען אויף זיין זייט, וואס עס איז איהם אויך געלונגען. ער האט ערקלערט אלגעמיינע אמניסטיע, און דיא אנטלאפענע אפיצירען פון דער באלמאסעדיסטישער ארמעע האבען זיך באלד בענוצט דערמיט. עס איז אזוי שנעל איינגעפיהרט געווארען ארדנונג אין גאנצען לאנד. אבוואהל געזיעגט האט אייגענטליך דיא קאנסערוואטיווע פארטיי, פון וועלכער קאפיטאן מאנט איז געווען איינער פון דיא הויפטפיהרער, דאך האט ער דורכגעפיהרט אזא וויכטיגע דעמאקראטישע רעפארמע, וויא האום־רול (זעלבסטפערוואלטונג) אין דיא שטעדט.

אונטער דער אדמיניסטראציאן פון דיזען פרעזידענט זיינען פארטגעזעצט געווארען דיא אלטע און אנגעפאנגען געווארען נייע עפענטליכע ארבייט, וויא דיא בויאונג פון אייזענבאהנען, דאקס, שיפען א. ז. וו. ער האט אויך רעאר־

גאניזירט דיא ארמעע און דיא פינאנצען. אין 1895 האט ער איינגעפיהרט דעם גאלד־סטענדערד און געשטעלט דעם קרעדיט פון דער רעפובליק אויף א פעסטען פונדאמענט (דאן האט זיך גראדע בעזאנדערס געקאכט אין יונייטעד סטייטס וועגען דיא זאגענאנטע "פרייע זילבער געלד"). ווען זיין געזעצליכער טערמין האט זיך געענדיגט דעם 18טען סעפטעמבער 1896, איז זיין פלאץ פערנומען געווארען פון סיניאר פעדעריקא עראזוריז, וועלכער איז אויסגעוועהלט גע־ווארען מיט דריי מאנאט פריהער לויט דיא פארשריפטען פון דער קאנסטיטור־ציאן. דיזער זוהן פון א פריהערען פרעזידענט האט ארויסגעצייגט גרויסע פעהיג־קייטען אלס אדמיניסטראטאר און שטאאטסמאן. ער האט שוין ניט געהאט איבערצוקומען גרויסע שוועריגקייטען אין אינערליכע אנגעלעגענהייטען. אבער דערפאר זיינען אויפגעקומען אויסלענדישע שוויריגקייטען. צו דיא סכסוכים מיט פערו וועגען דיא ניטראט־פראווינצען טאקנא און אריקא (זעה דיא געשיכטע פון פערו) זיינען צוגעקומען מחלוקות מיט ארגענטינע וועגען אנדערע געגענדען. אין 1896 האבען אפילו טשילי און ארגענטינע געשלאסען אן אפמאך, אז דיא שטרייטען וועגען זייערע גרענעצען זאלען געשליכטעט ווערען דורך א שיעדס־געריכט; אבער דיזער אפמאך איז פאקטיש געבליבען א טויטער בוכשטאב. פון ביידע זייטען האט מען גאר גענומען זיך צוגרייטען צו א קריעג.

דיזער גרענעץ־שטרייט, וויא דיא מייסטע אנדערע צווישען דיא רעפוב־ליקען פון זיד־אמעריקא, איז געווען דער רעזולטאט פון דיא שלעכטע לאנד־קארטען פון דיא פראווינצען אין דיא צייטען פון דער שפאנישער הערשאפט. לאנד איז געווען איבערגענוג פאר אלע קאלאניעס, און מען האט זיך ווייניג געקימערט אפילו וועגען גאנץ גרויסע שטרעקען. אין קאלאניאלע צייטען האט עס, נאטירליך, ניט אויסגעמאכט, אויב, *למשל*, דיא געגענדען פון פא־טאגאניע וועלען צוגערעכענט ווערען צו ארגענטינע אדער צו טשילי. אבער ווען דיזע צוויי קאלאניעס זיינען געווארען זעלבסטשטענדיגע רעפובליקען, איז עס געווען נאטירליך, אז יעדע פון זיי זאל פערלאנגען א גרעסערען טהייל פון אזעלכע געגענדען, וואס זיינען פריהער ניט געווען גענוי בעשטימט און אב־געגרענעצט.

ענדליך, נאך דיפלאמאטישע פערדרעהעניסען אין פערלויף פון צוויי יאהר, ווען עס האט זיך אויך אנגעפאנגען א פינאנציעלער קריזיס אין דיעזע צוויי פארטגעשריטענסטע רעפובליקען פון זיד־אמעריקא (ניט רעכענענדיג דיא פארטוגעזישע בראזיליע) צוליעב דיא קריעגס־געפאהר, האט דיא טשיליאנער רעגיערונג געשטעלט אלס אן אולטימאטום דיא פארדערונג, אז דער אבמאך פון 1896 וועגען א שיעדס־געריכט זאל טאקע אויסגעפיהרט ווערען אין דער פראקטיקע. דאן האט דיא ארגענטינער רעגירונג ניט געוואלט ארויסטרעטען

פאַר דער וועלט אַלס אַזעלכע, וואָס זוכט נור קריעג און ענטזאַגט זיך פון אַרביטראַציאָן, און האָט אָנגענומען דעם אולטימאַטום פון טשילי.

זייער שטרייט וועגען דיא מזרח־גרענעצען פון דער געוועזענער באָליוויאַנער פּראָווינץ אַטאַקאַמאַ איז איבערגעגעבען געוואָרען צום שיעדס־געריכט פון דעם אַמעריקאַנער געזאַנדטען אין בוענאָס־ערעס. זיין ענטשיידונג איז אָנגענומען געוואָרען אָהן שום טענות פון ביידע צדדים אין 1899. אָבער זייער שטרייט וועגען דיא זידליכע גרענעצען אין פּאַטאַגאָניע, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען צום שיעדס־געריכט פון ענגלאַנד, האָט זיך ניט געענדיגט אַזוי שנעל און רוהיג. אַן ענגלישע קאָמיסיע האָט צוערשט געהאַט צו אונטערזוכען אַלע זייערע שטרייטפּונקטען. דאָס האָט נאַטירליך גענומען צייט, און אין דיזער צייט האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַזאַ רייסעריי צווישען ביידע רעפּובליקען, אַז זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו מאָביליזירען זייערע אַרמעען און עס האָט געהאַלטען גאַנץ נאָהענט פון אַ מלחמה. שליסליך האָבען זיי בעשלאָסען צו פערלאָזען זיך אויף דער ענטשיידונג פון ענגלישען קעניג לויט דעם רעפּאָרט פון דער ענגלישער אונטערזוכונגס־קאָמיסיאָן. אין 1902 האָט דער ענגלישער קעניג בעקאַנט געמאַכט זיין ענטשיידונג, און ביידע רעפּובליקען האָבען איהר ניט נור אַנערקענט, זאָנדערן האָבען אויך געשלאָסען אַ נייעם אָבמאַך, אַז אין דער צוקונפט, ווען עס וועט ווידער פאָרקומען עפּעס אַ שטרייט צווישען זיי, זאָל עס איבערגעגעבען ווערען צו אַ שיעדס־געריכט פון ענגלאַנד אָדער פון דער שווייץ. דאָס האָט פערזיכערט און וועט אויך אין דער צוקונפט פערזיכערן דעם פריעדען צווישען דיזע צוויי פאָרטגעשריטענסטע און שטאַרקסטע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען אין זיד־אַמעריקאַ.

איהרע גרענעץ־שטרייטען מיט באָליוויאַ און פּערו האָט טשילי אויך געענדיגט אָהן ווייטערע שטערונגען פון פריעדען, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דיא אָביגע געשיכטען פון דיזע צוויי רעפּובליקען. אין 1900 האָט עס געהאַלטען דערביי, אַז עס זאָל געשלאָסען ווערען אין זיד־אַמעריקאַ אַ בונד פון עטליכע רעפּובליקען געגען דיא אַמביציעס פון טשילי; אָבער דיא רעגיערונג פון טשילי האָט ערקלערט, אַז זיא מיינט ניט ביי קיינעם צו כאַפּען און קיינעם ניט אָנצוגרייפען, און אויך דיזע קריעגס־וואָלקענס אויף דיא אַנדעסען זיינען צערשטרייט געוואָרען.

אין דיא לעצטע יאָהרען מאַכט טשילי זעהר שנעלע און גרויסע פאָרטשריטע. פריעדען הערשט אינערליך און אויסערליך. דיא וואַהלען פון פרעזידענטען קומען פאָר רעגעלמעסיג און רוהיג. עס זעהט אויס, אַז אין דיזער רעפּובליק פון די "זידליכע יענקים" איז מען שוין אין אמת'ן פּטור געוואָרען פון דיא דיקטאַטורען, אויפשטאַנדען און פּראָנונסיאַמענטאָס, וועלכע זיינען געווען דיא גרעסטע צרה פון דער גאַנצער לאַטיינישער אַמעריקאַ אין 19טען

יאָהרהונדערט און פון וועלכע פיעלע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען (בע־זאָנדערס דיא פון צענטראַל אַמעריקאַ) ליידען נאָך עד היום.

דיא פּרעזידענטען אין טשילי האָבען פערלאָרען זייער פריהערע מאַכט. זיי זיינען מעהר בעשרענקט פון דער קאָנסטיטוציאָן און, וואָס עס איז וויכ־טיגער, זיי זיינען געצוואונגען אַלין מעהר צו פאָלגען איהרע פאָרשריפטען און צו רעכענען זיך מיט דער מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס און מיט דער עפענטליכער מיינונג.

היינט איז וואַלפּאַראַיזאָ, דער גרעסטער פּאָרט פון טשילי, אויך פער־בונדען מיט בוענאָס־ערעס, דעם גרעסטען פּאָרט אין דער נייער וועלט נאָך ניו יאָרק, דורך איין אייזענבאַהן־ליניע, וועלכע שניידט דורך דיא אנדעסען־בערג און פערבינדעט דיא געגענדען ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן מיט דיא געגענדען ביי דיא ברעגען פון אַטלאַנטישען ים. דיזע טראַנס־אַנדעסען־אייזענבאַהן, אַ וואונדער פון דער היינטיגער אינזשענער־קונסט, איז פון בי־זאָנדערס גרויסער וויכטיגקייט פאַר דיא עקאָנאָמישע און אויך פּאָליטישע ענט־וויקלונג פון טשילי.

# עקוואַדאָר
# Ecuador

# דיא געשיכטע פון עקוואַדאָר

צו דער צייט פון דער שפאַנישער עראָבערונג זיינען דיא געבירגיגע געגענדען פון עקוואַדאָר געוועזן אַ טהייל פון דער אינקאַ־אימפעריע (זעה דיא געשיכטע פון פערו). אַטאַהואַלפאַ, וועלכער איז געווען דער זוהן פון דעם זיעגרייכען אינקאַ הואַינאַ־קאַפאַק און פון דער טאָכטער פון דעם בעזיעגטען קעניג פון קוויטאָ, איז געוואָרען דער הערשער פון דיעזע געגענדען. אָבער לאַנגלאַנג פאר דיא אויבער־הערשאַפט פון דיא אינקאַס האָבען עקזיסטירט דאָרטען מלוכות. עס זיינען געבליבען אויף דיא פלאַטאָס שטומע עדות פון דיזע מלוכות אין דיא חורבות פון טעמפלען, פּאַלאַצען און פעסטונגען. מען איז דערגאַנגען נאָך פאָרשונגען פון אַרכעאָלאָגען, אז דיא מלוכה וואָס דיא אינדיאַנער שטאַמען מיט'ן נאָמען קוויטוס האָבען געגרינדעט אין דער געגענד ארום דער שטאָדט קוויטאָ, האָט עקזיסטירט ניט וועניגער פון צוועלף הונדערט יאָהר.

דער גרעסטער טהייל פון דער היינטיגער בעפעלקערונג פון דיזער רעפובליק, וועלכע האָט געקראָגען איהר נאָמען צוליעב איהר געאָגראַפישע פּאָזיציע (קוויטאָ ליגט אונגעפעהר אַ מייל פופצעהן צום זיד פון עקוואַטאָר), בעשטעהט פון אינדיאַנער, וואָס שטאַמען פון דיא קוויטוס און קאַראַס, דיא אמאָליגע הערשער דאָרטען. אַ גענויע פאָלקסצעהלונג איז נאָך עד היום ניט געמאַכט געוואָרען אין דיזער רעפובליק. מען נעהמט געוועהנליך אָן, אז דאָרטען געפינען זיך אַרום אַנדערהאַלבען מיליאָן נפשות, פון וועלכע עכט־ווייסע זיינען בלויז הונדערט טויזענד. דיזע מינאָריטעט הערשט אָבער היינט און האַלט פאַקטיש אין קנעכטשאַפט דיא מאַסען אינדיאַנער אזוי וויא אין דיא קאָלאָניאַלע צייטען. דיא צאָהל פון נעגער איז דאָרטען אַ גאַנץ קליינע. זיי געפינען זיך נור אין דיא הייסע און פייכטע געגענדען ביי דיא ברעגען פון פאַסיפישען אָקעאַן, וואו זיי האָבען זיך טהיילווייז צוזאַמענגעמישט מיט אינדיאַנער.

דיא טעריטאָריע פון עקוואַדאָר בלייבט צוטהיילט צווישען אַ געוויסע צאָהל ווייסע פאַמיליעס, וועלכע בילדען דאָרט דיא הערשענדע אריסטאָקראַטיע אזוי וויא אין דיא צענטראַלע טהיילען פון טשילי. זיי שטאַמען פון דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס און פון דיא שפאַנישע בעאַמטע, וועלכע האָבען פערכאַפט דיא בעסטע טהיילען פון לאַנד און פערשקלאַווט דיא אינדיאַנער. דיא שפאַנישע קאָלאָ־

ניאַלע סיסטעם, מיט וועלכער מיר זיינען שוין בעקאַנט פון דיא פריהערע קאַפּיטלעך, איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען אין עקוואַדאָר. דיא שפּאַניער האָבען אָבער געקענט זיך בעזעצען נור אויף דיא האָכלענדער, וואו דאָס קלימאַט איז מעסיג אפילו אונטער דער עקוואַטאָריאַלער זון, ספּעציעל אויף דעם פּלאַטאָ ארום קוויטאָ, וואו עס געפינט זיך אויך היינט דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג. דיא פאַסען לאַנד צווישען דיא אַנדעסען און דיא ברעגען פון פּאַסיפיק זיינען זעהר פרוכטבאַרע, אָבער צו פייכטע. דיא רעגענלאָזע און וויסטע ברעגען הייבען זיך אָן צום זיד פון עקוואַדאָר און ציהען זיך ביז וואַלפּאַראַיזאָ, טשילי. דיא אורזאַכען דערפון ליגען אין דעם קאַלטען שטראָם

אינדיאַנער אין עקוואַדאָר.

אויף דעם פּאַסיפישען אָקעאַן, אין דיא טרוקענע ווינטען און אין דיא הויכע בערג, וועלכע שניידען איבער דעם וועג דיא וואַרימע און פייכטע ווינטען, וואָס בלאָזען פון אַטלאַנטישען ים און לאָזען אַרונטער זייער פייכטקייט אין דיא געגענדען צום מזרח פון דיא אַנדעסען. דיא ברעגען פון עקוואַדאָר זיינען זעהר געדיכט בעוואַקסען מיט טראָפּישע וועלדער. אַזוי וויא דיא אַנדעסען הייבען זיך דאָרט אָן זעהר נאָהענט פון ים און עס געפינען זיך ביי דיזע ברעגען זעהר ווענינ האַפענס פאר שיפען, בלייבען זיי עד היום זעהר שיטער בעפעלקערט. מען מעג זאָגען, אז פון פּאַנאַמאַ ביז פּערו איז פאַראַן נור איין גוטער האַפען, און דאָס איז גוואַיאַקוויל, דער גרעסטער פּאָרט פון עקוואַדאָר. ניט רעכענענדיג דעם גאָלף פון גוואַיאַקוויל, זיינען דיא ברעגען פון עקוואַדאָר אַזוי

שיעף און ניט־צוגענגליך, וויא דיא פּאַסיפישע ברעגען פון קאָלאָמביא, וועלכע האָבען נאָך אַלץ ניט קיין גוטע האַנדעלס־פּאָרטען. אין פּיזאַראָ'ס צייט זיינען דיזע ברעגען גאָר ניט געווען בעוואָהנט, מיט דיא אויסנאַהמע פון איינינע גאַנץ ווילדע שטאַמען. פּיזאַראָ האָט דארום געקענט לאַנדען און קריגען שפּייז ערשט אין דער נאַכבאַרשאַפט פון דעם גאָלף פון גוואַיאַקוויל.

דאָס גיט אונז אַ נאַטירליכע און איינפאַכע ערקלערונג, ווארום דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען אויסגעלאָזען אויף זייער וועג פון פּאַנאַמאַ צום זיד דיא ברעגען פון קאָלאָמביא און פון עקוואדאָר און האָבען אָנגעפאַנגען דיא ער־אָבערונג פון דיזע לענדער ערשט נאָכדעם, וויא זיי האָבען צושטערט דיא אינקא־אימפּעריע און איינגענומען פּערו. אונטער דער הערשאַפט פון דיא אינקאַס זיינען אויך אויסגעלעגט געוואָרען וועגען איבער דיא טהאָלען און בערג, וואָס ציהען זיך פון דיא שטעדט אין פּערו ביז צו דיא שטעדט אין עקאוודאָר. מיט דיעזע וועגען האָבען זיך עס דיא שפּאַניער בענוצט אין זייערע עקספּע־דיציעס.

דער נעהענטסטער און לייכטסטער וועג צו צוקומען פון ים ביז קוויטאָ איז איבער דיא בערג וואָס ציהען זיך פון דעם פּאָרט גוואַיאַקוויל. היינט איז דיזער זעהר וויכטיגער פּאָרט פערבונדען דורך אַן אייזענבאַהן מיט קוויטאָ און מיט אַנדערע שטעדט אויף דיא פּלאַטאָס, וואָס צושפּרייטען זיך אויף אַ הויכקייט פון אַכט ביז צעהן טויזענד פוס איבער דער פלעכע פון ים און וואָס זיינען ארומ־גערינגעלט מיט שפּיצען, וועלכע בלייבען אייביג בעדעקט מיט אייז אונטער דער עקוואַטאָריאַלער זון. פריהער אָבער האָט מען אהין געקענט פאָהרען נור אויף מוילטהיערען.

דיא ערשטע שפּאַניער, וואָס האָבען דורכגעשניטען אַ וועג צווישען דיא געדיכט־בעוואַקסענע בערג פון גוואַיאַקוויל ביז דיא פּלאַטאָס, האָבען זיך גע־פונען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם קאָנקוויסטאַדאָר אַלוואַראַדאָ, מיט וועמען מיר האָבען זיך בעקענט אין דער געשיכטע פון מעקסיקאָ. דיזער וויכטיגסטער אַדיוטאַנט פון הערנאַנדאָ קאָרטעז האָט זיך אויף זיין אייגענער רעכנונג אַ לאָז געטאָהן פון פּאַנאַמאַ נאָך זיד־אַמעריקאַ, ווען מען האָט געקראָגען נאַכריכטען וועגען פּיזאַראָ'ס העלדענטהאַטען און אוצרות אין פּערו. ער האָט געלאַנדעט ניט ווייט פון גוואַיאַקוויל און האָט אָנגעפאַנגען אַ מאַרש איבער דיא אַנדעסען ביז ער האָט זיך דורכגעהאַקט אַ וועג צום פּלאַטאָ ארום דער אַלטער אינדיאַנער שטאָדט ריאָבאַמבאַ.

אָבער ווען אַלוואַראַדאָ איז אַהין צוגעקומען, האָט ער זיך שוין צוזאַמענגע־שטויסען מיט אַנדערע קאָנקוויסטאַדאָרעס, וועלכע האָבען דערגרייכט פון פּערו אַלץ ווייטער צום נאָרד ביז קוויטאָ. דער ערשטער שפּאַנישער עראָבערער פון דער אַלטער קוויטאָ־מלוכה איז געווען סעבאַסטיאַן דע בענאַלקאַזאַר, איינער

כון פיזאראָ׳ס לייטענאַנטען. נאָך דער הינריכטונג פון אטאהואלפּאַ (זעה דיא געשיכטע פון פּערו) האָט דאָרטען אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער קאַמפף צווישען איינגע אינדיאַנער שטאַמען וועגען דיא אויבערהערשאַפט. איינער פון דיזע שטאַמען האָט גערופען צו הילפע דיא שפּאַניער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אַ נאָרדליכען פּאָרט פון פּערו אונטער דער קאָמאַנדע פון בענאַלקאַזאַר. אַנשטאָט צו העלפען איין אינדיאַנער קאַסיק געגען אַן אַנדערן האָבען דיא שפּאַניער פערנומען דאָס גאַנצע לאַנד. צו ענדע פון 1533 איז בענאַלקאַזאַר געוואָרען דער אויבערהאַר אין קוויטאָ. אַלמאַגראָ האָט זיך אין דער זעלבער צייט אויך אַהין אַ לאָז געטאָהן מיט זיינע שווערד־העלדען, אָבער אויפ׳ן וועג האָט ער אָנגעטראָפען אַלוואַראַדאָ׳ס עקספּעדיציע. אום פּטור צו ווערען פון דיזען גאַנץ אונערוואַרטעטען קאָנקורענט, האָט אַלמאַגראָ איהם אָנגעבאָטען אַ סומע פון הונדערט טויזענד דאָלאַר, אום ער זאָל זיך צוריקציהען פון זיד־אַמעריקאַ. אַלוואַראַדאָ האָט זיך ניט געלאָזט פיעל בעטען, און דיעזער מסחר איז געשלאָסען געוואָרען. דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס פון פּערו זיינען אַזוי פּטור געוואָרען פון אַ ווירקליך געפעהרליכען קאָנקורענט, וועלכער איז דאַמאָלס געוועזען דער גובערנאַטאָר פון גוואַטעמאַלאַ.

אין עקוואַדאָר האָבען אָבער דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס קיין גאָלד און אפילו קיין זילבער־מינען ניט געפונען. דיא אַנדעסען דאָרטען זיינען גראַדע אָרעמער אין מעטאַלען, וויא אין אַנדערע טהיילען פון זיד־אַמעריקאַ. דיא פּלאַטאָס זיינען אָבער וויא צוגעמאַסטען פאַר קאָלאָניעס פון אייראָפּעער. בענאַלקאַזאַר האָט צוטהיילט דיזע פּרוכטבאַרע געגענדען צווישען זיינע סאָלדאַטען און האָט פערשקלאַפט דיא אינדיאַנער אַקערבויער. ער האָט אויך געשיקט עקספּעדיציעס צו פערנעהמען דיא וויטערע געגענדען. מיט אַ מחנה פון 150 שפּאַניער און 4000 אינדיאַנער האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזען פון דיא אַנדעסען און זיך דורכגעשניטען אַ וועג דורך דיא טראָפּישע וועלדער ביז צום ברעג, וואו ער האָט געגרינדעט דעם פּאָרט גוואַיאַקוויל. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך קוויטאָ און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן פון דאָרטען וויטער צום נאָרד, אום צו ערא̈בערן דיא געגענדען, וועלכע בילדען יעצט דעם זידליכען טהייל פון דער רעפּובליק קאָלאָמביאַ, זיינען אינדיאַנער בעפאַלען גוואַיאַקוויל און האָבען צו־שטערט דאָרטען דיא שפּאַנישע קאָלאָניע. פּיזאַראָ האָט דאַן געשיקט פערשטערקונגען אויף שיפען פון לימאַ, און אַ נייער שפּאַנישער פּאָרט איז אויפגעבויט געוואָרען אין גוואַיאַקוויל; אָבער דיא אינדיאַנער האָבען ווידער חרוב געמאַכט דיא שפּאַנישע בעזעצונג. ערשט ווען פּיזאַראָ האָט געשיקט נאָך אַמאָל פערשטערקונגען אין 1537 אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין אַדיוטאַנט אָרעלאַנאַ, האָבען דיא שפּאַניער געקענט פערבלייבען אין דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך היינט דער גרעסטער און בעסטער פּאָרט צווישען פּאַנאַמאַ און לימאַ.

אין דער האָפנונג צו געפינען אַזאַ עלדאָראַדאָ וויא פּערו אין דיא אונבעקאַנטע געגענדען צום מזרח פון קוויטאָ, האָט גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ, וועלכער איז געשיקט געוואָרען פון זיין ברודער אַלס דער גובערנאַטאָר פון דיא פּראָווינצען צום נאָרד פון פּערו, אָרגאַניזירט אין 1541 איינע פון דיא גרעסטע און שטאַרקסטע עקספּעדיציעס פון אַוואַנטוריסטען אין יענע צייטען. אָבער וואָס ווייטער זיי האָבען מאַרשירט, ארונטערלאָזענדיג זיך פון דיא אַנדעסען־בערג אין מזרח־זייט, אַלץ שווערער איז עס געוואָרען דורכצושניידען אַ וועג דורך דיא טראָפּישע וועלדער. עס איז געוואָרען אַלץ הייסער און פייכטער. עס האָט גערעגענט כמעט אָהן אויפהער, און אויסער אונענדליכע וועלדער אויף דיא בערג און אין דיא טיעפע טהאָלען, וואו עס האָבען געשטראָמט טייכען פון דיא בערג, האָט מען גאָר נישט געזעהען ארום זיך. דיא רעגענדיגע און געדיכט־בעוואַקסענע געגענדען, וועלכע ציהען זיך אין מזרח־זייט פון דיא אנדעסען, וואו עס פאַנגען זיך אָן דיא טייכען, וועלכע פאַלען אַריין אין דעם מעכטיגען אַמאַזאָן־טייך, טראָגען אויף שפּאַניש דעם נאָמען מאָנטאַניאַס. טהיילען פון דיעזע ריזיגע טראָפּישע געגענדען זיינען נאָך עד היום אונבעקאַנט. אין מאַנכע ערטער דאָרטען האָט נאָך אַ פוס פון א ווייסען ניט געטראָטען. אין דיא מאָנטאַניאַס שלעפען זיך אַרום אינדיאַנער שטאַמען, וואָס זיינען היינט אַזוי ווילד וויא לאַנג־לאַנג פאַר קאָלומבוס'עס רייזע. דיעזע אינדיאַנער זיינען צוטהיילט אין קליינע שבטים, וועלכע שטעהען אויף דער נידריגסטער שטופע און פון וועלכע איניגע זיינען נאָך קאַניבאַלען (מענשענפרעסער). דיא מייסטע פון זיי געפינען זיך אין דיא סילוואַסען, וויא מען רופט דיא וואַלדיגע געגענדען אין דעם טהאָל פון אַמאַזאָן און פון דיא טייכען, וואָס פאַלען אין איהם אַריין.

ווען גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ מיט זיינע שווערד־העלדען זיינען צוגעקומען צו דיא סילוואַסען, זיינען זיי געוועזען אויסגעמאַטערט, אָבגעריסען און אויך אויסגעהונגערט. זייער געוועהר איז פערראָסט געוואָרען פון דער פייכטקייט, זייערע קליידער זיינען צוריסען געוואָרען אויפ'ן וועג צווישען דיא טראָפּישע וועלדער, זייערע שפּייז־זאַפּאַסען זיינען אויסגעגאַנגען און נייע האָבען זיי ניט געקענט קריעגען, ווייל אין ערגיץ האָבען זיי ניט געטראָפען אַפילו א סימן פון אינדיאַנער דערפער. גאָנזאַלאָ האָט דאַרום בעשלאָסען צו שיקען פאָראויס איניגע שווערד־העלדען אונטער דער קאָמאַנדע פון אָרעלאַנאַ צו קריעגען שפּייז. אָרעלאַנאַ האָט זיך געהאַלטען ביי דיא ברעגען פון אַ שטראָם, וואָס איז אַלץ ברייטער געוואָרען ביז מען האָט שוין געקענט זיך שיפען אויף איהם. זיי האָבען דאַן אויפגעבויט שיפלעך, אויף וועלכע זיי זיינען געשוואומען אַלץ ווייטער מיט'ן שטראָם. אָבער זיי האָבען אַלץ ניט געטראָפען אירגענד וועלכע בעזעצונגען ביי דיא ברעגען. זיי זיינען אַזוי זעהר ערווייטערט געוואָרען פון דעם אָרט, וואו גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ האָט געוואַרט אויף זיי. אויסרעכענענדיג,

אז ער וועט שוין ניט זיין אין שטאנד צוריקצוקעהרען זיך געגען דעם שטראָם, האָט אָרעלאַנאַ בעשלאָסען צו שווימען ווייטער אויף גאָט׳ס בעראָטה, ביז עס וועט איהם ענדליך געלינגען אַנצוטרעפען עפּעס אַ שטאָדט אָדער צו דערגרייכען דעם ים.

דער טייך, אויף וועלכען ער איז אזוי געשוואומען ארום טויזענד מייל, טראָגט היינט דעם נאָמען נאפּאָ און דיענט אַלס גרענעץ צווישען עקוואדאָר און קאָלאָמביא. דיעזער טייך פאַלט שליסליך אריין אין אמאזאָן, און ווען אָרעלאַנאַ מיט זיין הייפעלע אוואנטוריסטען, וועלכע האָבען, זעלבסטפערשטענדליך, זעהר פיעל געליטען אויף דיזען לאַנגען וועג אין רעכטען מיטען פון דיא סילוואסען, זיינען ווייטער געשוואומען מיט׳ן שטראָם פון דיזען מעכטיגסטען פון אַלע טייכען אויף דעם ערד־קוגעל, זיינען זיי צוגעקומען צו דיא ברעגען פון אטלאַנטישען אָקעאַן, וואו זיי האָבען אויפגעבויט אַ זעגעל־שיף, אויף וועלכער זיי זיינען ענדליך געקומען נאָך שפּאַניען. אזוי איז עס דער אמאזאָן־טייך ענטדעקט געוואָרען.

וואָס אַנבעלאַנגט צו גאָנזאַלאָ פּיזאַראָ, האָט ער געוואַרט עטליכע טעג אויף אָרעלאַנאַ. נאָכהער האָט ער אָנגעפאַנגען צו שלעפּען זיך מיט דיא לעצטע כחות צוריק צום פּלאַטאָ, וואו ער האָט שוין געקראָגען גענוג שפּייז ביי דיא אינדיאַנער. אַ סך פון זיינע בעגלייטער זיינען אומגעקומען אויף׳ן וועג פון קראַנקהייטען און הונגער. ווען גאָנזאַלאָ איז צוגעקומען צו קוויטאָ, האָט ער זיך דערוואוסט, אז זיין ברודער פראַנציסקאָ איז ערמאָרדעט געוואָרען אין לימאָ פון דיא אַלמאַגריסטען. ער האָט גלייך זיך אַ לאָז געטאָהן נאָך פּערו. וואָס עס האָט מיט איהם ווייטער פּאַסירט, דאָס ווייסען מיר שוין פון דער פּערואַנער געשיכטע.

אין פערלויף פון דיא צווייא און אַ האַלב יאָהרהונדערטע, וואָס עקוואדאָר האָט זיך געפונען אונטער דער שפּאַנישער הערשאַפט, זיינען דאָרטען פאָרגעקומען זעהר ווייניג בעמערקענסווערטהע ענדערונגען. עקוואדאָר איז געווען אַ טהייל פון דעם פּערואַנער וויצע־קעניגטהום. דיא הייפעלעך שפּאַניער, וואָס האָבען פערנומען דיא פעלדער פון דיא אינדיאַנער און אומגעוואַנדעלט דיא אינדיאַנער אין קנעכט, האָבען איינגעפלאַנצט דאָרטען אזוי וויא אין אַנדערע טהיילען פון דער אינקאַ־אימפּעריע זייער רעליגיאָן, שפּראַך און ציוויליזאַציאָן, וויא וויית נור זיי האָבען עס געקענט. דיא בעסטע זאַך, וואָס דיא שפּאַניער האָבען געטאָהן פאַר עקוואדאָר און בכלל פאַר זייערע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט איז געווען דיא איינפיהרונג און קולטיווירונג פון דיא ניצליכע פּלאַנצען און חיות פון דער אַלטער וועלט. דיא הויכע פּלאַטאָס זיינען אויסגעצייכענט פאַר אַלע אייראָפּעאישע תבואות און פרוכטען. אין דיזע לענדער, וואו מען מאַכט דורך אַלע קלימאַטען אין פערלויף פון עטליכע שטונדען, ווען מען הויבט

זיך פון די הייסע טהאָלען ביי דיא ברעגען פון ים ביז דיא אייז־בעדעקטע שפּיצען פון דיא אַנדעסען, וואַקסען פלאַנצען פון דיא טראָפּישע, מעסיגע און אייז־קאַלטע געגענדען.

אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט זיינען דיא מייסטע פּראָווינצען פון דער היינטיגער רעפּובליק עקוואדאָר געוואָרען אַ טהייל פון דעם וויצע־קעניג־טהום פון ניי־גראַנאַדאַ (היינט מייסטענס דיא געגענדען פון דער רעפּובליק קאָלאָמביאַ) מיט דער הויפּטשטאָדט באָגאָטאַ. דיזע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונג איז געמאַכט געוואָרען, ווייל פון קוויטאָ ביז באָגאָטאַ איז אַ העלפט וועג וויא פון קוויטאָ ביז לימאַ (דער אַלטער אינקאַ־וועג צווישען דיזע צוויי שטעדט איז אַרום צוועלף הונדערט ענגלישע מייל). דער נאַטירליכער און בעסטער האַנדעלס־וועג פאַר קוויטאָ און דיא אַנדערע שטעדט אויף דיא פּלאַטאָס פון עקוואַדאָר איז אָבער ביז צום פּאָרט גוואַיאַקוויל. דיא לאַגע פון אַלע איינוואָהנער אין דיזע פּערוואָרפענע געגענדען, פון דיא קרעאָלען און מעסטיזאָס אַזוי וויא פון דיא אינדיאַנער, האָט זיך גאָר ניט געביטען דורך אירגענד וועלכע אדמיני־סטראַטיווע ענדערונגען. דיא אַריסטאָקראַטישע גוטבעזיצער און גלחים האָבען געהערשט. דיא מאַסען זיינען געבליבען אַזוי אונוויסענד און פּערגרעבט וויא אין דיא צייטען פון דיא אינקאַס. נור אַ קליינער טהייל פון דיא קרעאָלען האָט געקענט לעזען און שרייבען.

דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז דאָרום דאָרטען געווען שוואַכער וויא אין אַנדערע זיד־אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס. דער אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין קוויטאָ, ווען מען האָט בעקומען דיא נאַכריכט וועגען דיא אַרונטערזעצונג פון פּערדינאַנד דעם זיבעטען אין 1809, אַזוי וויא דאָס האָט דאַן פּאַסירט אין דיא הויפּטשטעדט פון אַלע אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס, האָט געפונען אַ זעהר שוואַכען אָפּקלאַנג אפילו צווישען דיא קרעאָלען, וועלכע זיינען געווען און בלייבען עד היום דיא פיהרער פון אַלע רעוואָלוציאָנען אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ. עס איז ניט געווען שווער פאַר דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאַ אין קוויטאָ אויסצופיהרען דעם פּלאַן אַרונטערצוזעצען דעם שפּאַנישען גובערנאַטאָר און צו אַרעסטירען דיא שפּאַנישע בעאַמטע; אָבער דיא שפּאַניער צוזאַמען מיט אַ טהייל פון דיא קרעאָלען אין אַנדערע שטעדט פון עקוואַדאָר, דאַרונטער אויך פון גוואַיאַקוויל, האָבען זיך פּערבונדען און האָבען נאָך איינינגע בלוטיגע צוזאַמענשטויסען בעזיעגט דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאַ פון קוויטאָ. אַלע וויירערע פּערזוכען פון דיא פּאַטריאָטען צו עטאַבלירען זייער איינענע רעגיערונג זיינען דורכגעפאַלען. דיא לאָיאַליסטען צוזאַמען מיט דיא שפּאַניער האָבען געזיעגט כמעט אויף אַלע פונקטען. דיא אינדיאַנער זיינען געבליבען אַזוי גלייכגילטיג אין עקוואַדאָר, וויא אין באָליוויאַ, פּערו און בכלל אין אַלע אַנדערע טהיילען פון דער אינקאַ אימפּעריע. פון ביידע זייטען פלעגט

מען זיי אָבער טרייבען מיט געוואַלט צו דיענען אין דיא אַרמעען פון זייערע ווייסע הערען.

דיא שפאַנישע גענעראַלען האָבען קאָמאַנדעוועט און גרויזאַם פערפאָלגט די פאַטריאָטען אין גאַנצען לאַנד. אין פערלויף פון ניין יאָהר איז קוויטאָ געוועזען א צענטער פון דער שפאַנישער הערשאַפט. פון דאָרטען פלעגט דער שפאַנישער גובערנאַטאָר ארויסשיקען עקספעדיציעס צו פעריאָגען דיא רעוואָלוציאָנערען פון פערשיעדענע ערטער, וואו זיי האָבען זיך נאָך געקענט האַלטען וויא עס איז. דיא לאַגע פון דיא רעוואָלוציאָנערען איז אין דיזער צייט געוועזען א פערצווייפעלטע אין גאַנץ זיד־אַמעריקא, וויא מיר ווייסען דאָס שוין פון דיא געשיכטען פון פערו, באָליוויא און טשילי.

ביז דעם בעריהמטען מאַרש פון דיא אַרגענטינער און טשיליאַנער רעוואָלוציאָנערען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל סאַן מאַרטין איבער דיא אַנדעסען און זייער זיעג ביי טשאַקאַבוקאָ אין טשילי האָט עס אויסגעזעהען אַזוי וויא שפאַניען וועט ווייטער הערשען. ווען סאַן מאַרטין האָט אויסגעפיהרט אין 1820 זיין פּלאַן צו ברעכען דיא מאַכט פון שפאַניען אין לימאַ גופא (זעה דיא געשיכטע פון פערו), איז ער אויך געקומען אין פערבינדונגען מיט דיא רעוואָלוציאָנערען אין עקוואַדאָר, וועלכע האָבען דאַן, נאַטירליך, געקראָגען מעהר מוטה צו קעמפפען ווייטער. אין אָקטאָבער 1820 איז דיא פּאַטריאָטען געלונגען צו פערכאַפּען גוואַיאַקוויל און צו שיקען אויך א מחנה צו העלפען זייערע ברידער אין קוויטאָ. דיא שפאַניער האָבען דאַן אפילו ווידער געזיעגט, אָבער דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען שוין געקענט קריגען הילפע פון קאָלאָמביא, וואו באָליוואַר האָט געוואונען אין 1819 דיא וויכטיגע שלאַכט ביי באָיאַקאָ, וויא מיר וועלען עס זעהען אין א נעכסטען קאַפּיטעל.

סאַן מאַרטין פון איין זייט און באָליוואַר פון דער אַנדער זייט האָבען אויך אַרויסגעריסען עקוואַדאָר פון שפאַנישע הענד. גענעראַל סוקרע, דער פעהיגסטער פון דיא רעוואָלוציאָנערע גענעראַלען נאָך סאַן מאַרטין, האָט געלאַנדעט אין 1821 אין גוואַיאַקוויל מיט 1700 פון דיא בעסטע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געקעמפּפט אין באָליוואַר'ס אַרמעען אין קאָלאָמביא און ווענעצועלאַ. אין דער זעלבער צייט האָט באָליוואַר אַליין אָנגעפאַנגען א מאַרש איבער דיא בערג פון באָגאָטאַ נאָך קוויטאָ. סאַן מאַרטין האָט צוגעשיקט 1200 סאָלדאַטען צו העלפען גענעראַל סוקרע צו מאַרשירען פון גוואַיאַקוויל נאָך קוויטאָ, אום צו אַטאַקירען דיא שפאַניער דאָרטען פון אַלע זייטען. אין אַן אָרט לעבען דעם גרויסען וואולקאַן פּיטשינטשאַ, אויף א הויכקייט פון 10,200 פוס איבער דער אָבערפלעכע פון ים, האָבען זיך דיזע רעוואָלוציאָנערע אַרמעען צוזאַמענגעשטויסען מיט דער שפאַנישער, און דעם 24טען מאַי 1822 איז עס געקומען צו א שלאַכט,

וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען זיעג פאר דיא רעוואָלוציאָנערען און וועלכע האָט אויך געפיהרט צו דער אונאַבהענגיגקייט פון עקוואַדאָר.

ביז 1830 איז אָבער עקוואַדאָר געווען אַ טהייל פון דער רעפּובליק קאָלאָמביא, וועלכע האָט דאַן איינגעשלאָסען אונטער דער דיקטאַטור פון באָליוואַר אויך ווענעצועלאַ און ניי־גראַנאַדאַ. דער ליבעראַטאָר צוזאַמען מיט זיין גענעראַל סוקרע האָבען געקענט אויספיהרען אַלעס וואָס זיי האָבען געוואָלט אין עקוואַדאָר אַזוי וויא אין באָליוויאַ (זעה די געשיכטע פון באָליוויאַ). עס האָט זיך אָבער שנעל אַרויסגעוויזען, אז מען קען ניט צוזאַמענשמעלצען דיזע קאָלאָניעס אין איין רעפּובליק. באָליוואַר׳ס פּאָזיציע איז געוואָרען אַלץ שוואַכער אפילו אין זיין געבורט־לאַנד ווענעצועלאַ, וועלכע האָט זיך אָבגעטהיילט אין 1830 פון ניי־גראַנאַדאַ. דיא אַמביציעזע פּלענער פון דעם ליבעראַטאָר צו גרינדען אַ גרויסע זיד־אַמעריקאַנישע אימפּעריע זיינען צופאַלען געוואָרען דורך דיא שטרעבונגען פון דיא קרעאָלען צו אָטאָנאָמיע און אונאַבהענגיגקייט אין דיא קאָלאָניעס, וועלכע שטעלען צוזאַמען היינט דיא טעריטאָריעס פון דיא שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען אין זיד־אַמעריקאַ.


קאָסטיומען פון דיא איינגעבאָרענע לעבען קוויטאָ

דיא געשיכטע פון עקוואַדאָר אַלס אַן אונאַבהענגיגע רעפּובליק פאַנגט זיך אייגענטליך אָן פון 1830, ווען זיא האָט זיך אָבגעטהיילט פון קאָלאָמביא. דיזע

געשיכטע איז אזוי פול מיט רעוואָלוציאָנען און דיקטאטורען, וויא דיא געשיכטען פון דיא אנדערע שפּאניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען. איהר ערשטער פּרעזידענט, גענעראל כואן כאָזע פלאָרעס, איז פאקטיש געווען איהר דיקטאטאָר א יאָהר פופצעהן. ער האָט געהאט צו קעמפּפען מיט אנדערע אמביציעזע גענעראלען, וועלכע האָבען פערכאפּט אייניגע שטעדט און פּרובירט איינפיהרען זייערע רעגיערונגען. אויסער דעם איז דאָרטען אלץ אָנגעפיהרט געוואָרען דער זעלבער ביטערער קאמפּף צווישען דיא קלעריקאלען און ליבעראלען, וויא אין אלע אנדערע לאטיינישע רעפּובליקען.

אונטער דער לייטונג פון זייער בעסטען און געבילדעטסטען פּאָרקעמפּפער ראָקאפוּענטע האָבען דיא ליבעראלען געמאכט אין 1835 אַן אויפשטאנד, וועלכער האָט שליסליך געפיהרט צו דער פּעריאָגונג פון דעם דיקטאטאָר פלאָרעס. ראָקאפוּענטע, וועלכער איז דאַן געוואָרען פּרעזידענט, האָט איינגעפיהרט א ליבעראלע קאָנסטיטוציאָן און האָט אויך פּרובירט האנדלען וויא א קאָנסטיטוציאָנעלער פּרעזידענט. אָבער ווען זיין געזעצליכער טערמין האָט זיך געענדיגט אין 1839, איז גענעראל פלאָרעס ווידער געוואָרען דיקטאטאָר און האָט זיך געלאָזט אויסוועהלען א דריטען מאָל אין 1843. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געצוואונגען דעם קאָנגרעס אָנצונעהמען א נייע קאָנסטיטוציאָן—פון 1830 ביז 1909 האָט מען דאָרטען פאבריצירט ניט וועניגער פון עלף קאָנסטיטוציאָנען—אום צו פערלענגערען דעם טערמין פון א פּרעזידענט אויף אכט יאָהר.

דיעזע דיקטאטאָרישע האנדלונג האָט ארויסגערופען א פערצווייפעלטען אויפשטאנד פון דיא ליבעראלען, וועלכע האָבען צוזאמענגעקליבען זייערע קרעפטע אין גוואיאקוויל. גענעראל פלאָרעס האָט זיך דאַן ארונטערגעלאָזען פון דיא בערג מיט אַן ארמעע צו פּעריאָגען דיא ליבעראלען, אָבער ער איז בעזיעגט געוואָרען און איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען דאָס לאנד. דער מולאט ראָמאַן ראָקאַ, וועלכער איז דאַן געוואָרען פּרעזידענט, האָט געזוכט צו מאכען פּשרות צווישען דיא פערביטערטע ליבעראלען און קלעריקאלען, אָבער דאָס איז איהם וועניג געלונגען. אונטער זיין אדמיניסטראציאָן איז געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאך מיט קאָלאָמביא וועגען זייערע גרענעצען, אַן אָפּמאך מיט ענגלאנד וועגען דיא אָבשאפונג פון שקלאווערייי און א האנדעלס־אָפּמאך מיט בעלגיען.

אין 1849, ווען עס איז געקומען דיא צייט צו ערוועהלען א פּרעזידענט נאָך אלע פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן, האָבען זיך אָנגעפאנגען ביטערע שטרייטען, וועלכע האָבען געפיהרט צו א נייעם אויפשטאנד. נאָך א פּראָנונסיאַמענטאָ פון גענעראל אורבינאַ, וועלכער האָט ארויסגעשטעלט א געוויסען דיעגאָ נאָבאָאַ אלס זיין קאנדידאט פאר פּרעזידענט, איז דער לעצטער טאקע אויסגעוועהלט געוואָרען פון קאָנגרעס אין 1850. אָבער ווען ער האָט, צו דער ערגערניס און ערשטוינונג פון דיא ליבעראלען, צוריקגערופען דיא פּעריאָגטע יעזואיטען

און אויך געשיקט סאָלדאַטען צום גרענעץ פון קאָלאָמביא צו העלפען דאָרטען דיא בעזיעגטע קאָנסערוואַטאָרס, האָט גענעראַל אורבינא געמאַכט א נייע פראָנונסיאַמענטאָ, דיזעס מאָל שוין דירעקט פאר זיך אַליין און האָט פעריאָגט נאָבאָאַ׳ן. דיזער דיקטאַטאָר האָט איינגעפיהרט א נייע ליבעראַלע קאָנסטיטוציאָן — דיא זעקסטע אין דיא ערשטע 22 יאָהר פון דער אונאַבהענגיגקייט פון עקוואַדאָר — און האָט טאַקע געהאַנדעלט וויא אַ ראַדיקאַל און אַנטי־קלעריקאַל. ווען זיין טערמין האָט זיך געענדיגט אין 1856, האָט ער אויסגעפיהרט, אז זיין פריינד פראַנסיסקא ראָבלעס זאָל פערנעהמען זיין פלאַץ און פאָרטזעצען זיין ליבעראַלע פאָליטיק. צוזאַמען האָבען זיי אויסגעהאַלטען אלע קאָנסערוואַטיווע אַטאַקעס ביז 1859, ווען עס איז געקומען צו אַ קריעג מיט פערו. אין דער צייט ווען זיי האָבען זיך געפונען לעבען דיא גרענעצען פון פערו מיט אַן ארמעע, האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון זייערע פאָליטישע געגנער אין דער פראָווינץ קוויטאָ. דיא גלחים האָבען ניט נור געהעצט דעם עולם געגען דיזע אפיקורסים, וואָס האָבען געוואָלט איינפיהרען רעפאָרמען נאָך דעם פראַנצויזישען מוסטער (ראָבלעס האָט טאַקע איינגעפיהרט דיא פראַנצויזישע אָדער מעטרישע סיסטעם פון וואָגען און מאָסען), זאָנדערן האָבען אויך געשאַפען געלד און געוועהר פאר דיא קאָנסערוואַטיווע ארמעע.

אונטער דער פיהרונג פון דר. מאָרענאָ, א פראָפעסאָר פון כעמיע, איז עס נאָך איניגע שלאַכטען געלונגען דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי צו זיעגען און צוזאַמענצורופען אין 1861 אַ קאָנגרעס, וועלכער האָט נאַטירליך אויסגעפיהרט דעם וואונש פון דיא זיעגער. דר. מאָרענאָ איז דאַן געוואָרען פרעזידענט, אָבער אויסער דעם וואָס ער האָט אויפגערייצט אפילו דיא מעסיגע פון ביידע פאַרטייען מיט זיינע רעאקציאָנערע האַנדלונגען צו גונסטען פון דיא גלחים, וו'א דיא צוריקרופונג פון יעזואיטען און דיא פאָלשטענדיגע אונאַבהענגיגקייט פון דער קאַטאָלישער קירכע אין פאָלקסשולען (זיין אָפמאַך מיט דעם פאַפסט וועגען פאָלקסבילדונג האָט ארויסגערופען אונצופריעדענהייט און פראָטעסטען אין גאַנץ זיד־אמעריקאַ), האָט ער זעהר פיעל פערלאָרען אפילו אין זיין אייגענער פאַרטיי, ווען מען איז דערגאַנגען, אַז אין א קאָרעספאָנדענץ מיט אַ פראַנצויזישען דיפלאָמאַט האָט ער זיך ערקלערט צו גונסטען זאָגאר פון אַ פראַנצויזישען פראָטעקטאָראַט איבער עקוואַדאָר. מען האָט איהם דאַן פון אַלע זייטען פערדאַמט אַלס אַ פעררעטהער, און דיא ליבעראַלען פון קאָלאָמביא, וועלכע האָבען געזיעגט אין דעם בירגער־קריעג דאָרטען אין 1863, האָבען געפונען פאַר נויטיג צו שיקען אַן אַרמעע צו "בעפרייען זייערע ברידער אין עקוואַדאָר פון דעם טהעאָקראַטישען יאָך פון פראָפעסאָר מאָרענאָ".

דיזער זעהר פעהיגער מאַן האָט דאַן גענומען זיך פיהרען וויא אַ דיקטאַטאָר און האָט געשיקט אַן אַרמעע געגען זיינע אינלענדישע און אויסלענדישע

שונאים, אָבער אין 1865, ווען דיזע אַרמעע איז בעזיעגט געוואָרען, האָט ער רעזיגנירט. זיין איינפלוס איז אָבער נאָך אַלץ געווען גענוג גרויס, אז איינער פון זיינע אַנהענגער איז געוואָרען פּרעזידענט. אין פערלויף פון פופצעהן יאָהר, ביז 1875, ווען ער איז ערמאָרדעט געוואָרען, האָט ער געשפּיעלט דיא הויפּט־ראָלע אין עקוואדאָר. אין 1869 האָט ער געמאַכט אַ פּראָנונסיאַמענטאָ און האָט ווידער פערכאַפּט דיא רעגירונג אין זיינע הענד, און דעם נעכסטען יאָהר האָט ער "זיך געלאָזט אויסוועהלען" פון קאָנגרעס אויף אַ טערמין פון זעקס יאָהר. זיין פּאָליטיק איז דיא גאַנצע צייט געבליבען אַ קלעריקאַלע. ער האָט אַלץ גע־זוכט צו פערשטאַרקען דיא מאַכט פון דער קאַטאָלישער קירכע און זיין אייגענע דיקטאַטור.

דר. מאָרענאָ'ס לאַנגע הערשאַפט האָט אַזוי געבראַכט אין פערצווייפלונג דיא ליבעראַלען, אז איינינע פון זיי האָבען בעשלאָסען פטור צו ווערען פון איהם איינפאַך דורך אַ מאָרד. אָבער נאָך דיזען מאָרד, וועלכער איז בעגאַנגען געוואָרען פון עטליכע יונגע קרעאָלען אין מיטען העלען טאָג אויף אַ הויפּט פּלאַץ פון קוויטאָ, האָט זיך ניט געפונען אַן ענערגישער פיהרער וואָס זאָל קענען פער־נעהמען זיין פּלאַץ. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ביטערער קאַמפּף צווישען דיא אַמביציעזע גענעראַלען פון ביידע פּאַרטייען. אין 1877 איז גענעראַל ווענטע־מילאַ, אַ פיהרער פון דיא ראַדיקאַלען, ערקלערט געוואָרען פאַר דעם פּרעזי־דענט. ער האָט גלייך געענדערט דיא קאָנסטיטוציאָן אין אַ ליבעראַלען גייסט און האָט זיך אַ נעהם געטאָהן צו פערפאָלגען דיא קלעריקאַלען. אָבער ווען זיין געזעצליכער טערמין האָט זיך געענדיגט, האָט ער געוואָלט הערשען אַלס דיק־טאַטאָר. דאָס האָט אַרויסגערופען אַן אויפשטאַנד געגען איהם פון אַלע זייטען. דיא מעסיגע קאָנסערוואַטאָרס און מעסיגע ליבעראַלען האָבען זיך פערבונדען געגען איהם און האָבען געזיעגט אין 1883, ווען ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון גוואַיאַקוויל נאָך פּערו. דר. קאַמאַניאָ, אַ ליבעראַל, איז דאַן ערוועהלט גע־וואָרען אַלס פּרעזידענט. איהם איז וויא עס איז געלונגען צו ענדיגען דעם גע־זעצליכען טערמין פון פיער יאָהר און אויך איבערצולאָזען זיין אָרט אָהן רוהע־שטערונגען צו זיין נאָכפאָלגער דר. אַנטאָניאָ פלאָרעס, וועלכער האָט ווידער פריעדליך געענדיגט זיין טערמין אין 1892.

דאָס זיינען געווען יאָהרען פון פערהעלטניסמעסיגע רוהע אין עקוואדאָר. אונטער דער אדמיניסטראַציאָן פון דר. לואי קאָרדעראָ, וועלכער איז אויסגע־וועהלט געוואָרען פאַר פּרעזידענט אין 1892, האָבען זיך אָבער אָנגעפאַנגען שטרייטען און בלוטפערגיסונגען, וועלכע האָבען זיך נאָך אייגענטליך ניט גע־ענדיגט ביז היינט צו טאָג. דער אָנפאַנג פון דיזע אונרוהען איז געקומען דורך אַן אויסלענדישע פּאַסירונג. אין 1894, ווען יאַפּאַן האָט געפיהרט מלחמה מיט כינאַ און האָט זיך גענויטיגט אין קריעגסשיפען, האָט זיא געקויפט ביי

טשילי דעם קרייצער "עסמעראַלדאַ". די טשיליאַנער רעגיערונג האָט אָבער געוואָלט אָנהאַלטען נייטראַליטעט לפנים און אויסמיידען אירגענד וועלכע אינטערנאַציאָנאַלע פערדרעהעניסען דורך אַזאַ מסחר. זיא האָט דאַרום טראַנספערירט דעם קרייצער צו דער רעגירונג פון עקוואַדאָר, און ווען ער איז אָנגעקומען אין אַ פּאָרט פון דיא גאַלאַפּאַגאָס אינזלען, וועלכע געהערען צו עקוואַדאָר (זייער נאָמען קומט פון דיא ריזיגע טשערעפּאַכעס דאָרטען; זיי ליגען אויפ'ן פּאַסיפישען אָקעאַן 580 מייל צום וועסט פון דיא ברעגען פון עקוואַדאָר, פערנעהמען צוזאַמען קנאַפּע 3000 סקווער מייל, אָבער צעהלען העכסטענס 2000 נפשות), האָבען יאַפּאַנעזער אויפגעהאַנגען זייער פלאַג און זיינען אָבגעשוואָרמען נאָך יאַפּאַן.

פּרעזידענט קאָרדעראָ האָט דאָ געהאַנדעלט איינפאַך אַלס אַן אַגענט צווישען צוויי רעגירונגען, נאַטירליך ניט אומזיסט, און דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטורם פון פּראָטעסטען געגען איהם אין גאַנצען לאַנד, וואָס האָט באַלד געפיהרט צו אַן אויפשטאַנד אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם ליבעראַלען גענעראַל אַלפּאַראָ, וועלכער האָט אין 1883 געמוזט אַנטלויפען נאָך אַן אונגעלונגענעם אויפשטאַנד און בלייבען נאָכדעם אין אויסלאַנד. ווען דיא אַרמעע, וועלכע פּרעזידענט קאָרדעראָ האָט געקענט צוזאַמענקלייבען, איז בעזיעגט געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעטראָגען פון עקוואַדאָר, און גענעראַל אַלפּאַראָ איז געוואָרען דיקטאַטאָר.

דיא קלעריקאַלען האָבען אָבער ניט נור אינטריגירט געגען גענעראַל אַלפּאַראָ, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען דורכצופיהרען ליבעראַלע רעפאָרמען, זאָנדערן האָבען אויך אָרגאַניזירט אויפשטאַנדען. נור איהם איז דאָך געלונגען צו ענדיגען זיין געזעצליכען טערמין אין 1901 און אויך איבערצוגעבען זיין אַמט צו גענעראַל לעאָנידאַס פּלאַזאַ, וועלכער האָט נאָך ענערגישער פאָרטגעזעצט דיא אַנטי־קלעריקאַלע פּאָליטיק. אונטער דער אַדמיניסטראַציאָן פון גענעראַל פּלאַזאַ זיינען ענדליך דורכגעפיהרט געוואָרען אַזעלכע ליבעראַלע רעפאָרמען וויא ציוויל הייראַטהען און שיידונגען. דיא גרינדונג פון נייע קלויסטערס איז אין גאַנצען פערבאָטען געוואָרען, און דיא גיטער פון דיא אַלטע קלויסטערס זיינען ערקלערט געוואָרען פאַר נאַציאָנאַלעס אייגענטהום.

ווען דער געזעצליכער טערמין פון גענעראַל פּלאַזאַ האָט זיך געענדיגט אין 1905, האָבען דיא קאָנסערוואַטיווע און קלעריקאַלע פּאַרטייען אויסגעפיהרט מיט דער הילפע פון דיא מעסיגע ליבעראַלען, אַז איינער פון זייערע רייהען, דער באַנקיר ליזאַראָ גאַרציאַ, זאָל ערוועהלט ווערען אַלס פּרעזידענט; אָבער גענעראַל אַלפּאַראָ האָט באַלד געמאַכט אַ נייעם אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס ער איז ווידער געוואָרען דיקטאַטאָר.

דער קאַמפּף צווישען דיא קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלע פּאַרטייען, וועלכער האָט געפיהרט צו אַזוי פיעל רעוואָלוציאָנען און בלוטפערגיסונגען, איז נאָך אַלץ ניט צו ענדע אין דער גאַנצער לאַטיינישער אַמעריקאַ און בעזאָנדערס אין אַזעלכע רעפּובליקען, וויא עקוואַדאָר, וואו דיא גרויסע מאַיאָריטעט בעשטעהט פון אינדיאַנער, וועלכע ווערען אָנגעפיהרט פון דיא גלחים. אָבער דער ליבעראַליזם זיעגט בּיסלעכווייז און דיא רעדער פון פּראָגרעס דרעהען זיך אויך אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון דער אינקא אימפּעריע.

# קאָלאָמביִא

# Colombia

# דיא געשיכטע פון קאלאמביא

דיא טעריטאריע פון דער היינטיגער רעפובליק קאלאמביא, א טעריטאריע וואס איז נאך אלץ צוויי און א האלב מאל גרעסער פאר שפאניען, ליגט אין דעם נארד־וועסטליכען ווינקעל פון זיד־אמעריקא, צווישען עקוואדאר צום זיד־וועסט און איהר פריהערע פראווינץ און היינטיגע רעפובליק פאנאמא צום נארד־וועסט. איהרע נארדליכע ברעגען, וועלכע ווערען בעשווענקט פון דעם קאריבעאישען ים (דאס איז א גרויסער בוזים פון אטלאנטישען ים, אייגענטליך דיא זידליכע העלפט פון מעקסיקאנער גאלף), זיינען בעזוכט געווארען פון קאלומבוס'ן אליין אין 1502 (זעה דיא געשיכטע פון צענטראל אמעריקא). דיא ערשטע שפא־נישע בעזעצונג לעבען דיזע ניעדריגע, פייכטע און זעהר אונגעזונדע ברעגען איז געווען אין דעם גאלף פון דאריען, פון וואנען באלבאא איז צוגעקומען צום גאלף פון פאנאמא (זעה דיא געשיכטע פון פאנאמא) און האט דערמיט געעפענט א וועג פאר פראנציסקא פיזארא און פאר דיא אנדערע קאנקוויסטאדארעס אין זיד־אמעריקא.

צו דיא געבירגיגע געגענדען, דיא פלאטאס פון דיא אנדעסען־בערג אין קאלאמביא, האבען דיא שפאנישע שווערד־העלדען געקענט צוקומען מיט א יאהר צוואנציג שפעטער דורך דעם טייך מאגדאלענא, וואס דיענט אויך אלס א וועג צום ים פאר דיא הויפטשטאדט באגאטא. אויף דיזע האכלענדער, וועל־כע זיינען זעהר פרוכטבארע און זיינען אויסגעצייכענט פאר אייראפעאישע קאלאניסטען, האבען דאן געלעבט אינדיאנער שטאמען, וועלכע האבען זיך געפונען אונגעפעהר אויף דער זעלבער שטופע פון קולטור וויא דיא אצטעקען און פערואנער. דיא וויכטיגסטע פון דיזע שטאמען, דיא טשיבטשאס, האבען געלעבט אין שטעדט און בעארבייטעט דיא פעלדער אויף דיא הערליכע פלאטאס פון באגאטא און טונכא, וואו עס איז געווארען דער צענטער פון דיא שפא־נישע ערא בערער אין דיזען טהייל פון זיד־אמעריקא. מאנכע פון דיזע שטאמען זיינען נאך ניט אונטערגעגאנגען, אנדערע האבען זיך כמעט אין גאנצען צו־מישט מיט דיא שפאניער און בילדען היינט דעם קלאס פון מעסטיזאס, פון וועלכע עס בעשטעהט דיא מאיאריטעט פון דער קאלאמביאנער בעפעלקערונג. דער פראצענט פון דיא ווייסע איז דארטען פערהעלטניסמעסיג א קליינער. מען

רעכענט, אז ניט מעהר וויא איינער פון צעהן איז טאָקע א ווייסער אין דער קאָלאָמביאַנער רעפובליק. אזוי וויא קאָלאָמביאַ האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַן איינוואַנדערונגס־לאַנד אַפילו פאר שפּאַניער און דיא ראַסען־מישונגען גיהען דאָרטען אָן אָלץ מעהר אָהן שום שטערונגען, מעג מען אָננעהמען, אז מיט דער צייט וועט דיא קאָלאָמביאַנער נאַציאָנאַליטעט בעשטעהען פון מעסטי־זאָס, וועלכע וועלען זיין נעהענטער צום טיפּ פון אינדיאַנער, וויא צום טיפּ פון אייראָפּעער.

דער ערשטער פון דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס, וואָס האָט דערגרייכט ביז באָגאָטאַ, איז געוועזן כימענעץ דע קוועזאַדאַ. מיט אַ קאָמפּאַניע פון 800



א וועג איבער דיא אַנדעסען־בערג.

אוואַנטוריסטען און מיט 100 פערד איז ער אין 1536 ארויס פון דעם פאָרט סאַנטאַ מארטא, ניט ווייט פון דער דעלטאַ פון מאגדאַלענא, דעם גרעסטען און וויכטיגסטען פון דיא קאָלאָמביאַנער טייכען, און האָט אָנגעפאַנגען אַ זעהר שווערען מאַרש איבער דיא בערג. עס האָט גענומען מאָנאַטען ביז דיזע אוואַנ־טוריסטען האָבען זיך דורכגעהאַקט אַ וועג אין דיא געדיכטע טראָפּישע וועלדער דאָרטען. אַ סך פון זיי זיינען אומגעקומען פון מיעדקייט, פיעבערס, הונגער און אויך פון שטענדיגע געשלעג מיט דיא ווילדע אינדיאַנער אין דיזע וועלדער. ווען זיי האָבען זיך דערשלאָגען צום טהאָל פון דעם טייך אָפּאָן, וואָס פאַלט אריין אין מאגדאַלענא אַ מייל 300 פון דיא ברעגען פון ים, האָבען זיי בעשלאָסען צו הייבען זיך ווייטער איבער דיא בערג ביז זיי האָבען ענדליך דערגרייכט דיא

פלאַטאָס אַרום באָגאָטאַ. וויא שווער עס איז געווען דורכצובורעכען זיך א וועג אין דיזע פערוואָרפענע ערטער אויף דיא אַנדעסען, קען מען זיך פאָרשטעלען פון דעם בייליעגענדען בילד פון א בערג-וועג דאָרטען אין אונזערע צייטען.

ווען קוועזאַדאַ איז צוגעקומען צום פּלאַטאָ, וואו עס האָט זיך געפונען דיא מלוכה פון דיא טשיבטשאַס, איז ער געבליבען בלויז מיט א פערטעל פון זיין קאָמפּאַניע. דיא אַנדערע זיינען אומגעקומען אויף דעם שרעקליכען און געפעהרליכען וועג. אָבער מיט דיזער הייפעלע שווערד-העלדען האָט ער אין עטליכע מאָנאַט איינגענומען דיזע מערקווירדיג פּרוכטבאַרע און וואונדערשעהנע האָכלענדער און בעהערשט דיא האַלב-ציוויליזירטע אינדיאַנער, וועלכע זיינען געווען אזוי ווייניג קריעגעריש, אז זיי האָבען גאָר קיין אַרמעע ניט געהאַט. דיא שפּאַניער האָבען געהאַט צו פיהרען א לאַנגען און ביטערן קאַמפּף גראָדע מיט דיא ווילדע אינדיאַנער, ספּעציעל מיט דיא שטאַמען, וועלכע האָבען זיך ארומגעשלעפּט אין דיא טראָפּישע וועלדער, אין דיא טיעפע טהאָלען פון דיא טייכען און ביי דיא ברעגען פון ים. אין אַן אָרט, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען דיא הויפּטשטאָדט פון דיא טשיבטשאַס, האָט קוועזאַדאַ געגרינדעט אין 1538 דיא שטאָדט באָגאָטאַ, וועלכע איז געוואָרען ניט נור דיא הויפּטשטאָדט פון דיעזער געגענד, זאָנדערן אויך א גרויסער צענטער פון שפּאַנישער קולטור אין זיד-אַמעריקאַ.

באָגאָטאַ, צו וועלכער עס איז נאָך אַלץ זעהר שווער צו צוקומען, ווייל זיא איז נאָך ניט פערבונדען דורך אַן אייזענבאַהן מיט אירגענד וועלכען פּאָרט, ליגט אויף א פּלאַטאָ, וואָס איז אַרום 9000 פוס הויך איבער דער אָבערפלעכע פון ים און ציהט זיך 60 מייל אין דער לענג און 30 מייל אין דער ברייט (דיזע שטיק פלאַכע לאַנד איז דער גרונד פון אַן אַמאָליגער אָזערע, וואָס איז מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק אויסגעטריקענט געוואָרען). היינט לעבען דאָרטען אַרום 150,000 נפשות. אין דיא צייטען, ווען קוועזאַדאַ האָט זיך אַהין אַריינגעריסען, האָט דאָרטען זיך געפונען, רעכענט מען, א בעדייטענד גרעסערע בעפעלקערונג.

עטליכע מאָנאַט נאָך קוועזאַדאַ'ס ערָאָבערונג זיינען אָנגעקומען אין באָגאָטאַ צוויי אַנדערע שפּאַנישע עָקספּעדיציעס: איינע אונטער דער קאָמאַנדע פון בענאַלקאַזאַר, דעם ערָאָבערער פון קוויטאָ (זעה דיא געשיכטע פון עקוואַדאָר), און דיא אַנדערע פון ווענעצועלאַ. פון דריי פערשיעדענע זייטען זיינען אזוי דיא גאָלד-זוכער און קאָנקוויסטאַדאָרעס אָנגעקומען כמעט גלייכצייטיג אין איינעם פון דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון דיא אַנדעסען, ווייל זיי האָבען געהערט פון דער מלוכה פון דיא טשיבטשאַס און האָבען ערוואַרטעט צו געפינען דאָרט אזא עלדאָראַדאָ וויא אין פּערו.

אזוי וויא קוועזאַדאַ איז אָנגעקומען אהין דער ערשטער און ער האָט פאַרשלאָגען זיינע קאָנקורענטען גרויסע סומען, אז זיי זאָלען איהם לאָזען אליין

אויף׳ן פעלד אין דיזען לאַנד, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען נײ־גראַנאַדאַ לכבוד דיא שפּאַנישע פּראָווינץ גראַנאַדאַ, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען,



דיא אנדעסען לעבען באַגאָטא

זיינען זיי פריעדליך געקומען צו אַן אויסגלייך. קוועזאַדאַ האָט דאַן איבערגע־לאָזען זיין ברודער אַלס גובערנאַטאָר פון נײ־גראַנאַדאַ, און ער אַליין איז צוזאַמען

מיט בענאַלקאַזאַר און פעדערמאַן (דעם אַנפיהרער פון דיא אַוואַנטוריסטען, וועלכע זיינען געקומען אויף אַ געוויסען וועג פון ווענעצועלאַ) אַוועקגעפאָהרען אויף איין שיף נאָך שפאַניען, מיטפיהרענדיג אַ מאַסע גאָלד, וואָס זיי האָבען אָנגערויבט אין דיא אינדיאַנער מלוכות.

אין 1539 האָט עס פאַסירט, אַז אַ פּאָרטוגעזער קאַפּיטאַן מיט'ן נאָמען מעלאָ איז צוגעקומען צו דער מינדונג פון מאַגדאַלענא און איז געפאָהרען אַלץ ווייטער אויף דיזען טייך, אום אויסצופאָרשען דיא געגענד און אויסצוגע־פינען נייע וועגען. דיזע רייזע איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר ניי־גראַנאַדאַ, ווייל זיא האָט געצייגט, אַז מאַגדאַלענא קען דיענען אַלס אַ גוטער און זיכערער וועג פאַר שיפען ביז אַ פונקט ניט ווייט פון באָגאָטאַ. דיא שפאַניער האָבען זיך באַלד בענוצט מיט דיזער ענטדעקונג. פון דיא הויכע פלאַטאָס האָבען זיי אין געוויסע ערטער אויסגעלעגט וועגען אַרונטער דיא בערג ביז צו דיא ברעגען פון דיזען טייך, אויף וועלכען זיי פלעגען שוין קענען שיפען ביז דיא פּאָרטען פון קאַריבעאישען ים. דאָס איז אויך היינט דער וויכטיגסטער האַנדעלס-וועג פון קאָלאָמביאַ. דער מאַגדאַלענאַ־טייך מיט זיינע צופלוסען, ספּעציעל מיט דעם גרויסען צופלוס קאַוקאַ, דיענט אַלס אַן ארטעריע פאַר דיא פרוכטבאַרע פלאַטאָס, וועלכע זיינען אָבגעטהיילט איינע פון דיא אַנדערע דורך טיעפע טהאָלען און צו וועלכע עס איז אַזוי שווער צוצוקומען.

פון אַלע זייטען האָבען זיך אַ לאָז געטאָהן אַוואַנטוריסטען צו זוכען גאָלד אין דיזע פרוכטבאַרע געגענדען, וואו דיא איינגעבאָרענע האָבען בעזאָנדערס געדולדיג געטראָגען דעם יאָך און וואו דער קלימאַט איז איינער פון דיא אַנגענעהמסטע און געזינדעסטע אין דער וועלט פאַר אייראָפּעער. צו דיזער צייט זיינען נאָך דיא גאָלד־פעלדער פון האַאיטי ניט געווען אויסגעשעפּט און עס האָבען געפעהלט שקלאַווען אפילו פאַר דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס דאָרטען. דיא שוואַכע אינדיאַנער שטאַמען אין דיא וועסט־אינדישע אינזלען זיינען אויס־געשטאָרבען מיט אַ שוידערליכער שנעלקייט אונטער דיא בייטשען פון דיא שפאַנישע גאָלד־זוכער, וויא מיר ווייסען עס שוין פון פריהערע קאַפּיטלעך. דיא אַוואַנטוריסטען זיינען דאַרום געצוואונגען געווען ניט נור צו זוכען נייע גאָלד־מינען אַנדערשוואו, זאָנדערן אויך נייע שקלאַווען פאר דיא אַלטע מינען.

דיא ערשטע שפאַנישע בעזעצונגען ביי דיא ברעגען פון קאָלאָמביאַ און אויך פון ווענעצועלאַ זיינען אייגענטליך געווען פונקטען פאַר עקספּעדיציעס צו פאַנגען אינדיאַנער און זיי צו פערקויפען אַלס שקלאַווען אין האַאיטי און קובאַ. דיזע עקספּעדיציעס האָבען נאַטירליך געמוזט אריינדרינגען אַלץ טיעפער אין לאַנד, אום צו קענען פאַנגען נייע אָפּפער. דיא קאַריבען און דיא אַנדערע ווילדע אינדיאַנער שטאַמען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעשלעפּט אין דיא געגענדען ביי דיא ברעגען פון קאַריבעאישען ים, פלעגען זיך צולויפען וואו

דיא אויגען האָבען זיי געטראָגען. ווען נור זיי פלעגען דערשמעקען, אז דיא שרעקליכע ווייסע מענשען מיט זייער פייערשיסענדען געוועהר דערנעהענטערן זיך. וואָס טיעפער דיא שפּאַנישע יעגער נאָך אינדיאַנער שקלאַווען פלעגען אריינ־קריעכען אין דיא וועלדער און בערג פון קאָלאָמביאַ און ווענעצועלאַ, אַלץ מעהר האָבען זיי געהערט וועגען דיא האַלב־ציוויליזירטע אינדיאַנער שטאַמען אויף דיא הויכע פּלאַטאָס.

דיא ערָאָבערונג פון דיזע פּלאַטאָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען בעזאָנדערס פון צוויי פּאָרטען, נעמליך: סאַנטאַ מאַרטאַ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען ניט וויט פון מאַגדאַלענאַ טייך אין 1525 טאַקע מיט דעם צוועק צו פאַנגען אינדיאַנער פאַר דיא גאָלד־מינען אין האאיטי, און קאַרטאַגענאַ, וואָס ליגט אויך ניט וויט פון מאַגדאַלענאַ טייך און וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1533. אַזוי וויא מען האָט גראַדע געפונען גאָלד ניט וויט פון דעם פּראַכט־פאָלען פּאָרט פון קאַרטאַגענאַ, האָבען זיך אַהין אַ שאָט געטאָהן אוואַנטוריסטען פון אַלע זייטען. אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ שווערד־העלד מיט'ן נאָמען הערעדיאַ האָבען זיך דיא גאָלד־זוכער אַ לאָז געטאָהן פון קאַרטאַגענאַ צו דיא ווילדע ערטער, וואו דער טייך קאוקאַ פאַלט אריין אין מאַגדאַלענאַ און פון וואַנען זיי האָבען נאָך גרויסע געפאַהרען און שווערינקייטען דערגרייכט ביז צו די אונגעהייער רייכע גאָלד־מינען פון דער געגענד, וועלכע בילדעט היינט דיא פּראָווינץ אַנטיאָקוויאַ פון דער קאָלאָמביאַנער רעפּובליק. פון דיא מינען אין אַנטיאָקוויאַ האָט מען ארויסגעצויגען גאָלד אין ווערטה פון הונדערטע מיליאָ־נען. מען האָט דערצעהלט, אַז יעדער איינער, וואָס האָט אַנטהייל גענומען אין הערעדיאַ'ס עקספּעדיציע, האָט געקראָגען אויף זיין חלק מעהר גאָלד, וויא דיא קאָנקוויסטאַדאָרעס פון מעקסיקאָ און פּערו.

אַרום דעם מיטען פון 16טען יאָהרהונדערט, אַ יאָהר זעכציג נאָך דער ענט־דעקונג פון אַמעריקאַ, זיינען דיא פּלאַטאָס פון ניי־גראַנאַדאַ געווען פערנומען און צוטהיילט צווישען דיא שפּאַנישע אוואַנטוריסטען, און דיא האַלב ציווילי־זירטע אינדיאַנער זיינען פערשקלאַוט געוואָרען, וויא אין פּערו און מעקסיקאָ. דיא ווילדע אינדיאַנער שטאַמען, וועלכע האָבען זיך ניט געלאָזט פערשקלאַ־ווען, זיינען מעהרסטענטהיילס אויסגעראָטעט געוואָרען אין צוזאַמענשטויסען מיט דיא שפּאַניער אָדער זיינען זיך צולאָפען אַלץ ווייטער אין דיא טראָפּישע וועלדער און זומפּען, וואו דיא שפּאַניער האָבען זיי ניט געקענט דערגרייכען און וואו זיי בלייבען נאָך עד היום אין זייער ווילדער אונאַבהענגיגקייט.

דיא אַנפיהרער פון דיזע אוואַנטוריסטען אין דיא פערשיעדענע בעזעצונ־גען אויף דיא פּלאַטאָס און אין דיא פּאָרטען האָבען אָבער באַלד אָנגעפאַנגען ארומצורייסען זיך וועגען דיא חלוקה, וועגען דיא גרענעצען פון זייערע טערי־טאָריעס. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דעם קאַמפּף פאַר לאָקאַלע אַטאָ־



א שיפעל פון אינדיאַנער אויף'ן מאַגדאַלענאַ-טייך,

נאָמיע, פאַר די אונאָבהענגיגקייט פון די פראָווינצען, וואָס האָט געקאָסט אזוי פיעל בלוט אין 19טען יאָהרהונדערט, זייט מען האָט דאָרטען אָבגעשאַפט די שפּאַנישע הערשאַפט. אין 1545 האָט די שפּאַנישע רעגירונג געשיקט אַ הויכען בעאַמטען צו אונטערזוכען די לאַגע אין דיזע פּערוּאַרפּענע ערטער. זיא האָט אויך געזוכט איינצופיהרען אַזעלכע געזעצע וויא אין פּערו צו בעשיצען די אונגליקליכע אינדיאַנער, וועלכע די קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען אונ־באַרמהערציג געיאָגט אין די מינען. אָבער דיזע הומאַנע געזעצע זיינען אויך אין ניי־גראַנאַדאַ געבליבען טויטע בוכשטאַבען. די קאַבילדאָס (שטאָדט־פערוואַלטונגען) האָבען געקענט טאָהן, וואָס זיי האָבען געוואָלט אין דיזע גע־גענדען, צו וועלכע עס איז אויך היינט שווער צוצוקומען. די מאַכט פון דעם שפּאַנישען קעניג מיט זיינע גובערנאַטאָרען איז מייסטענס געווען אויף'ן פּאַפּיר.

אום צו האָבען מעהר קאָנטראָל איבער דיזע געגענדען, האָט די שפּאַנישע רעגירונג בעשלאָסען צו שיקען אַהין אַ בעזונדערן גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט דער מאַכט פון אַ וויצע־קעניג. די הויפּטשטאָדט פון ניי־גראַנאַדאַ איז גע־וואָרען באָגאָטאַ. ביז 1731 זיינען אויך מאַנכע פּראָווינצען, וועלכע געהערען היינט צו דער רעפּובליק ווענעצועלאַ, געווען אַ טהייל פון ניי־גראַנאַדאַ, נור אזוי וויא עס איז זעהר שווער צו צוקומען פון די ווענעצועלער ברעגען צו באָגאָטאַ, האָט די שפּאַנישע רעגיערונג געפונען פאַר נויטיג צו לאָזען די מזרח'דיגע פּראָווינצען פון ניי־גראַנאַדאַ אונטער אַ בעזונדערער אדמיניסטראַ־ציאָן מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען ווענעצועלאַ.

וועגען די שפּאַנישע הערשאַפט אין ניי־גראַנאַדאַ אין פערלויף פון די צוויי און האַלב הונדערט יאָהר ביז דעם קאַמפּף פאַר אונאָבהענגיגקייט איז ניטאָ וואָס ספּעציעלעס צו זאָגען. די זעלבע רואינירענדע עקאָנאָמישע סיסטעם, די זעלבע פּאָליטישע אונטערדריקונגען, די זעלבע שלעכטע אדמיניסטראַ־ציאָן, די זעלבע מאַכט פון דער קאַטאָלישער קירכע, די זעלבע פערשקלאַ־וואונג פון די אינדיאַנער אין ניי־גראַנאַדאַ וויא אין פּערו, באָליוויאַ, עקוואַ־דאָר א. ז. וו. די אורזאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען אויפשטאַנדען אין אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס באַלד נאָך דער איבערקעהרענים אין שפּאַניען גופא דורך די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, האָבען אויך גלייכצייטיג געווירקט אין ניי־גראַנאַדאַ. צוערשט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען רעוואָלוציאָנערע כונטאַס אין קאַרטאַגענאַ און אין אַנדערע פּאָרט־שטעדט און נאָכהער אין באָגאָטאַ, וואו עס האָבען זיך נאַטירליך געפונען מעהר שפּאַנישע בעאַמטע און וואו דער וויצע־קעניג אַמאַר איז גראָדע געווען זעהר פּאָפּולער.

דער ערשטער קאָנגרעס וואָס איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אין באָגאָטאַ

אויף דער איינלאַדונג פון דער דאָרטיגער רעוואָלוציאָנערער כונטא אין 1811, האָט נור פערטראָטען אַ קליינעם פראָצענט אַפילו פון דער ווייסער בעפעלקערונג. קאַרטאַגענאַ און אַנדערע פראָווינצען האָבען זיך ענטזאַגט צו שיקען פערטרעטער צו דיזען קאָנגרעס. צווישען דיא פיהרער פון דיא פערשיעדענע שטעדט און פראָווינצען האָבען זיך אָנגעפאַנגען שטרייטען, וועלכע האָבען געפיהרט צום ערשטען בירגער־קריעג צווישען דיא קרעאָלען. דער קאַמפף האָט זיך בעזאָנדערס צופלאַקערט צווישען די צענטראַליסטען, וואָס זיינען געוועזען בעזאָנדערס שטאַרק אין באָגאָטאַ אונטער דער לייטונג פון אַ יונגען און זעהר פעהיגען קרעאָל מיט'ן נאָמען נאַרינאָ, און דיא פעדעראַליסטען, וועלכע זיינען געוועזען בעזאָנדערס שטאַרק אין קאַרטאַגענאַ. נאַרינאָ, וועלכער מעג גערעכענט ווערען פאַר דעם ערשטען דיקטאַטאָר פון ניי־גראַנאַדאַ, איז אָנפאַנגס בעזיעגט געוואָרען אין אַ שלאַכט מיט דיא פעדעראַליסטען, אָבער נאַכהער האָט ער זיי בעזיעגט, ווען זיי האָבען בעלאַגערט באָגאָטאַ.

ווען דיא שפּאַנישע גענעראַלען, וועלכע האָבען זיך נאַטירליך בענוצט מיט דיזע אינערליכע רייסערייען און זיינען אויך געשטיצט געוועזען פון דיא לאָיאַליסטען אין דיא רייהען פון דיא קרעאָלען, זיינען צוגעקומען פון קוויטאָ ביז צו אַנטיאָקוויאַ און האָבען אָנגעפאַנגען אַ מאַרש צום פּלאַטאָ פון באָגאָטאַ, האָבען זיך דיא שטרייטענדע פּאַרטייען פעראייניגט געגען דעם אַלגעמיינעם שונא. דיא רעוואָלוציאָנערע אַרמעע, וועלכע נאַרינאָ האָט צוזאַמענגעקליבען, האָט בעזיעגט אין יאַנואַר 1814 דיא שפּאַנישע אַרמעע, אָבער ווען דיא שפּאַניער האָבען געקראָגען פערשטערקונגען, האָבען דיא רעוואָלוציאָנערן געליטען אַ שטאַרקע נידערלאַגע; נאַרינאָ אַליין איז געפאַנגען געוואָרען. צו דיזער צייט איז דיא רעוואָלוציאָנערען אין ניי־גראַנאַדאַ געקומען צו הילפע דער גרעסטער העלד פון דעם בעפרייאונגס־קאַמפף, באָליוואַר אַליין, וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפען פון זיין געבורטס־לאַנד ווענעצועלאַ נאָך דיא זיעגען דאָרטען פון דיא שפּאַניער מיט דיא לאָיאַליסטען אין 1813. ער האָט אָבער דאַן ניט געקענט פיעל העלפען דיא פּאַטריאָטען געגען דיא שפּאַניער און אויך ניט פערבינדען ענגער דיא צענטראַליסטען פון באָגאָטאַ מיט דיא פעדעראַליסטען פון קאַרטאַגענאַ. ער איז זאָגאַר געצוואונגען געוועזען אוועקצופאָהרען נאָך דעם אינזעל דזשאַמאַיקא אונטער דעם ענגלישען שוץ, וואו ער האָט אויסגעוואַרט אויף אַ גינסטיגערע צייט צו אַטאַקירען ווידער דיא שפּאַניער.

דאָס זיינען בכלל געוועזען דיא ערגסטע יאָהרען פאַר דיא רעוואָלוציאָנערען אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דיא געשיכטען פון פּערו, טשילי, באָליוויאַ און עקוואַדאָר. ביז 1819 האָבען דיא שפּאַניער געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנד אויך אויף דיא פּלאַטאָס פון ניי־גראַנאַדאַ.

אין פריהלינג פון 1815 איז מאַרשאַל מאָרילאָ, איינער פון דיא פעהיגסטע שפּאַנישע גענעראַלען אין זיין צייט, אָנגעקומען מיט צעהן טויזענד וועטעראַ־נען פון שפּאַניען. ער האָט צוערשט געלאַנדעט אין ווענעצועלאַ, וואו ער האָט געקראָגען פערשטערקונגען פון דיא לאָיאַליסטען, און נאָכהער האָט ער מיט אן אַרמעע פון 8000 מאַן און מיט פיעלע קריעגסשיפען אַטאַקירט מאַגדאַלענאַ, וואו עס האָט זיך געפונען דיא עלטעסטע און שטאַרקסטע פעסטונג אין זיד־אַמעריקאַ. נאָך אַ בעלאַגערונג, וועלכע האָט זיך געצויגען איבער פיער מאָנאַט און וועלכע האָט אומגעוואַנדעלט דיזע האַנדעלס־שטאָדט אין אַ בית עולם, זיינען דיא שפּאַניער אַריין אין פּאָרט און אין דער פעסטונג פון קאַרטאַגענאַ. נאָך דיא רעכנונגען פון דיא קאָלאָמביאַנער היסטאָריקער זיינען ביי דיזער בעלאַגערונג אומגעקומען ביז 6000 פּערזאָן פון הונגער און קראַנקהייטען.

דיא שפּאַנישע קאָמאַנדירען, וועלכע זיינען אין דיזער צייט געווען זיעג־רייך כמעט אויף אַלע פּונקטען אין זיד־אַמעריקאַ, האָבען געזוכט צו פאַנגען דיא פיהרער, וועלכע זיי פּלעגען אָהן שום צערעמאָניעס אומברענגען. מאַרשאַל מאָרילאָ האָט בעפוילען, אז מען זאָל קיין גנאָדע ניט צייגען צו דיא העכערע רעוואָלוציאָנערע אָפיצירען און אויך צו דיא פיהרער פון דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאָס. ווען ער איז אַריין מיט טריאומף אין באָגאָטאַ, האָט מען אויף זיין בעפעהל הינגעריכטעט 125 פּאַטריאָטען, דאַרונטער אויך דעם בעוואוסטען געלעהרטען קאַלדאַס, מיט וועמען ניי־גראַנאַדאַ האָט בעזאָנדערס שטאָלצירט. אָפילו פרויען האָבען דיא בלוטיגע שפּאַנישע קאָמאַנדירען ניט געשאָנעוועט. איינע פון זיי מיט'ן נאָמען פּאָליקאַרפּאַ סאַלאַבריעטאַ, וועלכע איז בעריהמט ניט אַזוי מיט איהר רעוואָלוציאָנערען מוטה וויא מיט איהר שעהנהייט, איז הינגעריכטעט געוואָרען צוזאַמען מיט זיעבען מענער. דאָס איז דיא נאַציאָ־נאַלע העלדין פון קאָלאָמביאַ. זיא ווערט בעזונגען אין פיעלע פאָלקסליעדער אונטער דעם נאָמען לאַ פּאָלאַ.

נור אין 1819, ווען מאַרשאַל מאָרילאָ צוזאַמען מיט זיינע לייטענאַנטען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכענט גענעראַל סאַמאַנאָ מיט זיינע מי־ליטערישע פעהיגקייטען אַזוי וויא מיט זיין גרויזאַמקייט, האָבען געגלויבט, אז זיי האָבען שוין אונטערדיקט דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונגען אין ניי־גראַנאַדאַ, וויא אויך אין עקוואַדאָר און ווענעצועלאַ, האָבען זיי געקראָגען דיא נאַכריכט, אז באָליוואַר האָט געלאַנדעט מיט אַ נייער אַרמעע אין אַ פּאָרט פון ווענעצועלאַ. דיא אַרמעע פון דעם ליבעראַטאָר איז דיזעס מאָל בעשטאַנען ניט בלויז פון רעוואָלוציאָנערע קרעאָלען, זאָנדערן אויך פון געדונגענע ענג־לישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געקענט אויסהאַלטען דיא אַטאַקעס פון דיא בעסטע שפּאַנישע וועטעראַנען. צוזאַמען האָבען זיי געצעהלט אַרום דריי טוי־

זענד מאַן. מיט דיזער אַרמעע האָט עס באָליוואַר בעשלאָסען אויסצופיהרען זיין געוואַגטען פּלאַן ארויפצוקלעטערן אויף דיא בערג, וואָס ציהען זיך פון װענעצועלאַ ביז דעם פּלאַטאָ פון באָגאָטאַ, און דאָרטען צו אטאַקירען דיא שפּאַניער, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל סאַמאַנאָ. דיזער וועג איז געוועזען אַ זעהר שווערער און געפעהרליכער, אָבער באָליוואַר האָט דערגרייכט זיין ציעל. מיט זיינע שנעלע בעוועגונגען האָט ער צומישט דעם שפּאַנישען קאָמאַנדיר, וועמען גענעראַל סאַמאַנאָ האָט אַרויסגעשיקט אַנטקעגען מיט אַ מחנה פון 3000 מאַן, מייסטענס לאָיאַליסטען. אין אַ פּלאַץ מיט'ן נאָמען באָיאַקאַ האָבען זיך ביידע אַרמעען צוזאַמענגעשטויסען אין אויגוסט 1819, און דיא רעוואָלוציאָנערן האָבען געהאַט דאָרט אַ גרויסען זיעג.

דיא שלאַכט ביי באָיאַקאַ האָט ענטשיעדען דעם שיקזאַל ניט נור פון ניי־גראַנאַדאַ, זאָנדערן אויך פון וועגעצועלאַ און עקוואַדאָר. גענעראַל סאַמאַנאָ, וועלכער איז דאַן געבליבען מיט אַ הייפעלע סאָלדאַטען אין באָגאָטאַ, האָט זיך אָבגעטראָגען פון דאָרטען מיט אזא איילעניס, אז ער האָט זאָגאַר איבערגעלאָזען דיא אַרכיוען און אויך געלד אין שאַצאַמט. ער איז אַוועק צוריק נאָך קווינאָ. באָליוואַר איז אַריין מיט טריאומף אין באָגאָטאַ נאָך אַ שנעלען דרייטעגיגען מאַרש פון דעם שלאַכטפעלד פון באָיאַקאַ. ער איז געוואָרען דער פּרעזידענט, פאַקטיש דער דיקטאַטאָר פון גאַנץ ניי־גראַנאַדאַ, מיט אויסנאַהמע בלויז פון דער פּראָווינץ פּאַסטאָ, וועלכע האָט זיך דיא גאַנצע צייט אויסגעצייכענט מיט איהר טרייהייט צו שפּאַניען.

אָבוואָהל באָליוואַר איז אַליין געוועזען אַ צענטראַליסט און האָט געפּלאַנעוועט זאָגאַר צו פערבינדען אַלע שפּאַניש־שפּרעכענדע לענדער אין איין רעפּובליק אונטער זיין דיקטאַטור, דאָך איז ער געצוואונגען געוועזען צו מאַכען קאָמפּראָמיסען מיט דיא פעדעראַליסטען. אין דער שטאָדט קוקוטאַ ביים גרענעץ פון וועגעצועלאַ איז אין אָנפאַנג פון 1821 צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ קאָנגרעס פון פערטרעטער פון דיא פּראָווינצען פון ניי־גראַנאַדאַ און פון וועגעצועלאַ. דיא מאַיאָריטעט איז דאָרט געוועזען געגען דיא צענטראַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע באָליוואַר האָט געוואָלט איינפיהרען. מען האָט איהם אַפילו אויסגעוועהלט פאַר פּרעזידענט, אָבער מען האָט פון איהם פערלאַנגט, אז ער זאָל איבערגעבען דיא אַדמיניסטראַציאָן צו אַן אַנדערן, ווען נור ער וועט איבערנעהמען דיא קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע. דערמיט האָבען דיא פיהרער אין דיזען קאָנגרעס געוואָלט אויסמיידען אַ מיליטערישע דיקטאַטור.

באָליוואַר האָט אָבער ניט געקענט פערבלייבען אַ לענגערע צייט אין באָגאָטאַ. ער האָט געמוזט קומען צו הילפע דיא רעוואָלוציאָנערען אין וועגע־

צועלא, אין עקוואדאר און אויך אין פערו (זעה דיא געשיכטע פון פערו). אין 1821 האט ער געוואונען דיא וויכטיגע שלאכט ביי קאראבאבא אין ווענעצועלא און דעם נעכסטען יאהר האט ער אנגעפאנגען א מארש צום זיד איינצונעהמען דיא לאיאליסטישע פראווינץ פאסטא און פון דארטען ווייטער צום זיד נאך קוויטא און אנדערע שטעדט פון עקוואדאר, וואו זיין גענעראל סוקרע האט געוואונען דיא וויכטיגע שלאכט לעבען דעם וואולקאן פיטשינטשא (זעה די געשיכטע פון עקוואדאר).

אין דער צייט וואס דער ליבעראטאר האט געפיהרט שלאכטען געגען דיא שפאניער, איז דיא רעגירונג פון נייי־גראנאדא געלעגען אין דיא הענד פון דעם וויצע־פרעזידענט סאנטאנדער, וועמען ער האט אליין אויסגעקליבען און געלאזען אויף זיין פלאץ אין באגאטא. דיזער שטעלפערטרעטער איז אבער געוועזן א ליבעראל און האט אויך געזוכט דיא שטיצע פון דיא פעדעראליסטען, אום צו צושטערען דיא צענטראליסטישע און דיקטאטארישע פלענער פון דעם ליבעראטאר. דיא ליבעראלע פארטיי איז דאן אלץ אפענער ארויסגעטראטען געגען באליוואר'ן, וועלכער האט גענומען שטיצען דיא גלחים און האט ניט דערלאזען דורכצופיהרען אזעלכע רעפארמען, וויא דיא אבשאפונג פון שקלאווערייי און פון טויט־שטראף. דיא אנהענגער פון סאנטאנדער, מייסטענס פעדעראליסטען און ליבעראלען, האבען געזוכט פערשיעדענע מיטעל וויא פטור צו ווערען פון באליוואר'ס דיקטאטור. אבער דאס איז זיי ניט געלונגען ביז 1829, ווען ווענעצועלא האט זיך אבגעטהיילט פון פערבאנד, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דער געשיכטע פון דיזער רעפובליק.

נאך באליוואר'ס טויט אין 1830, ווען עקוואדאר האט זיך אויך אבגעריסען פון פערבאנד, איז נייי־גראנאדא געבליבען אליין און האט זיך קאנסטיטואירט צו ענדע פון 1831 אלס א בעזונדערע רעפובליק. דער קאנגרעס וואס איז צוזאמענגערופען געווארען דעם נעכסטען יאהר אין באגאטא, האט אויסגעארבייט א פעדעראליסטישע קאנסטיטוציאן און ערוועהלט פאר פרעזידענט פראנציסקא סאנטאנדער, וועלכער איז געוועזן דער פעהיגסטער ליבעראלער פיהרער און דערצו אויך אן אויסגעצייכענטער אדמיניסטראטאר. ער האט געזוכט צו פערקלענערען דיא חובות פון לאנד און דיא ארמעע, וועלכע איז זעהר פערמעהרט געווארען אונטער באליוואר'ס קאמאנדע. ער ווערט גערעכענט פאר דעם אמת'ן גרינדער פון דער רעפובליק נייי־גראנאדא, וועלכע האט מיט א יאהר דרייסיג שפעטער געקראגען דעם נאמען "דיא פעראייניגטע שטאאטען פון קאלאמביא", דעם נאמען וואס זיא טראגט אויך היינט.

ווען סאנטאנדער האט געענדיגט זיין געזעצליכען טערמין פון פיער יאהר, האט אויסגעבראכען אזא ביטערער קאמפף צווישען דיא פעדעראליסטען און

צענטראַליסטען, אז עס איז געקומען צו א בירגער־קריעג, וואָס האָט זיך גע־צויגען ביז 1841 און האָט זעהר פיעל אָבגעשוואַכט די יונגע רעפּובליק. אין דער צייט פון דיזען בירגער־קריעג האָט אויך די פּראָווינץ פּאַנאַמאַ רעוואָל־טירט און זיך ערקלערט אונאַבהענגיג. שליסליך האָבען געזיעגט די צענטראַ־ליסטען אונטער דער פיהרונג פון גענעראַל מאָסקוועראַ און זיין אידים, גענע־ראַל הערּאַן, וועלכע האָבען אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד אויך אין פּאַנאַמאַ און זיינען געוואָרען דיקטאַטאָרס. אונטער דער אדמיניסטראַציאָן פון גענעראַל מאָסקוועראַ האָט מען אין 1849 אָנגעפאַנגען צו בויען די פּאַנאַמאַ אייזענ־באַהן און איינגעפיהרט דאַמפּף־שיפען אויף דעם מאַגדאַלענאַ טייך.

אָבער אזוי וויא אונטער די דיקטאַטורען פון דיזע צוויי גענעראַלען האָט מען ניט נור צוריקגערופען די יעזואיטען און איבערגעגעבען די פאָלקס־בילדונג אין גלח׳שע הענד, זאָנדערן מען האָט אויך איינגעפיהרט א בעזאָנדערס צענטראַליסטישע קאָנסטיטוציאָן, האָבען די פעדעראַליסטען, וועלכע זיינען אויך געוואָרען אַלץ הייסערע ליבעראַלען און אַנטי־קלעריקאַלען, ארויסגערופען אונרוהען און שליסליך אויסגעפיהרט, אז דער קאָנגרעס זאָל אויסוועהלען פאַר פּרעזידענט גענעראַל כאָזע לאָפּעץ, איינעם פון די ליבעראַלע פיהרער.

ווידער האָט מען דאַן געענדערט די קאָנסטיטוציאָן אין א פעדעראַ־ליסטישען גייסט. דאָס לאַנד איז צוטהיילט געוואָרען אין קלענערע אָטאָנאָמע פּראָווינצען נאָך די פאָדערונגען פון די לאָקאַלע פיהרער. די פּראָווינצען, וועלכע זיינען אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין סטייטס לויט דעם מוסטער פון יונייטעד סטייטס, האָבען זאָגאַר געקראָגען דאָס רעכט ארויסצוטרעטען פון נאַציאָנאַלען פערבאַנד און זיך ערקלערן אונאַבהענגיג. מיט דיזען רעכט האָ־בען זיך טאַקע בענוצט די פּראָווינצען פּאַנאַמאַ און אַנטיאָקוויאַ אין 1856 און זיינען אויף א קורצער צייט געוואָרען זעלבסטשטענדיגע רעפּובליקען.

אונטער דער ראַדיקאַלער אַדמיניסטראַציאָן פון גענעראַל לאָפּעץ זיינען אויך דורכגעפיהרט געוואָרען וויכטיגע אינערליכע רעפאָרמען, וויא די גענצ־ליכע אָבשאַפונג פון שקלאַווערייִ, די איינפיהרונג פון ציוויל הייראַטהען און וועלטליכע פאָלקסשולען, די אַבטהיילונג פון שטאַאַט און קירכע, די אָב־שאַפונג פון טויטשטראַף פאַר פּאָליטישע פערברעכער, א. ז. וו. ווען די גלחים האָבען אָנגעפאַנגען צו העצען די פערפינסטערטע מאַסען געגען די ״גאָט־לאָזע״ ליבעראַלען, האָט פּרעזידענט לאָפּעץ פערטריבען פון לאַנד איינינגע ביסקופּען.

אין 1857 האָט אָבער די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי אויסגעפיהרט, אז דער קאָנגרעס זאָל אויסקלייבען פאַר פּרעזידענט איהר קאַנדידאַט, אן אַד־וואָקאַט מיט׳ן נאָמען מאַריאַנאָ אָספּינאָ; אָבער די ליבעראַלען האָבען פּראָ־

טעסטירט, אז דיא וואהלען זיינען ניט געווען געזעצליכע, און האָבען ארויס־גערופען אַן אויפשטאַנד אין איינינע פּראָווינצען. דיזער אויפשטאַנד האָט גע־פיהרט צו אַ נייעם בירגער־קריעג, וועלכער האָט זיך געצויגען ביז 1861, ווען דיא ליבעראַלען האָבען געשטורמט און געפאַנגען באָגאָטאַ. גענעראַל מאָסקווערא, וועלכער האָט זיך דאַן ערקלערט פאַר אַ מעסיגען ליבעראַל, איז ווידער גע־וואָרען דיקטאַטאָר. ער האָט צוזאַמענגערופען אַ קאָנגרעס ווידער צו ענדערן דיא קאָנסטיטוציאָן. נאָך דיזער קאָנסטיטוציאָן זיינען עס אָרגאַניזירט געוואָרען "דיא פעראייניגטע שטאַאַטען פון קאָלאָמביא".

אָבער אין דיא זיד־וועסטליכע פּראָווינצען האָבען געזיעגט דיא קאָנסער־וואַטאָרס און קלעריקאַלען, און זייער פיהרער ארבאָלעדאָ האָט זיך פערבונדען מיט דר. מאָרענאָ, דעם קאָנסערוואַטיווען דיקטאַטאָר פון עקוואַדאָר (זעה דיא געשיכטע פון דיזער רעפּובליק). אין 1862 איז אָבער ארבאָלעדאָ ערמאָרדעט געוואָרען, און זיין נאָכפאָלגער האָט בעשלאָסען צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט דעם דיקטאַטאָר מאָסקווערא. דעם נעכסטען יאָהר איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ קאָנווענציאָן פון דיא פיהרער פון אַלע פּאַרטייען, און עס איז אויס־געאַרבייט געוואָרען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן, אָבער גענעראַל מאָסקווערא איז פערבליבען דיקטאַטאָר. ער איז אָבער ניט אין שטאַנד געווען איינצופיהרען רוהע און אָרדנונג אין דיא פּראָווינצען, וועלכע האָבען אַלץ ניט אויפגעהערט צו רעבעלירען. אין איין פּראָווינץ האָבען געפיהרט דיא רעדעל דיא ליבעראַלען און פעדעראַליסטען, און אין אַן אַנדערער האָבען געהערשט דיא צענטראַליסטען און קלעריקאַלען. גענעראַל מאָסקווערא אַליין איז אַרעסטירט געוואָרען פון זיינע זיעגרייכע געגנער און איז פערשיקט געוואָרען נאָך אויסלאַנד אויף צוויי יאָהר. אַלס פּרעזידענט איז דאַן אויסגעקליבען געוואָרען דער ליבעראַלער פיהרער גוטיערעץ, וועלכער האָט קוים אויסגעהאַלטען אַ פּאָר יאָהר. איין דיקטאַטאָר האָט געפאָלגט נאָך אַן אַנדערן ביז 1876, ווען עס איז רעגעלמעסיג אויסגעוועהלט געוואָרען אַ פּרעזידענט מיט'ן נאָמען פּאַרא, וועלכער האָט גע־קענט אָבטרעטען זיין פּלאַץ געזעצליך צו גענעראַל טרוכילאָ.

אין 1880 איז אַרויף אויפ'ן פּרעזידענטען שטוהל אַ מאַן וואָס האָט גע־שפּיעלט אַ בעזאָנדערס וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דיא ווייטערע רעוואָלוציאָנען און קאָנטר־רעוואָלוציאָנען אין דיזער בעזאָנדערס פיעל געפּלאָג־טער רעפּובליק. דאָס איז געווען סעניאָר ראַפאַעל נוניעץ, וועלכער האָט אָנ־געפאַנגען אַלס ליבעראַל און געענדיגט אַלס קאָנסערוואַטאָר. ער איז געווען עטליכע מאָל דיקטאַטאָר. אין 1892 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרע־זידענט אויף אַ טערמין פון 6 יאָהר, אָבער ער איז געשטאָרבען אין 1895, ווען דיא ליבעראַלען האָבען אַרויסגערופען אַ נייעם אויפשטאַנד געגען זיין רעגיערונג.

צו דיא אינערליכע צרות דורך דיא אונאויפהערליכע אויפשטאַנדען און בירגער־קריעגען אין פערלויף פון גאַנצען 19טען יאָהרהונדערט, זיינען נאָך צוגע־קומען אויסערליכע צוליעב דיא גרענעצען (מאַנכע פון דיא גרענעץ־שטרייטען פון קאָלאָמביא האָבען זיך נאָך עד היום ניט געענדיגט) און ספּעציעל צוליעב דיא פערדרעהעניסען מיט דעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל. זייט דיא פראַנצויזען האָבען געקראָגען אַ קאָנצעסיע צו גראָבען אַ קאַנאַל דורך דעם איסטהמוס פון פּאַ־

פּרעזידענט ראפאעל נוניעז.

נאַמאַ, האָבען זיך אָנגעפאַנגען ביטערע רייסערייען צווישען דיא פיהרער פון די פערשיעדענע פּאַרטייען אויף מכח דיא מיליאָנען, וואָס קאָלאָמביאַ האָט דער־פאַר געקראָגען. דאָס איז געווען אַ זעהר פעטער ביסען פאַר דיעזע פיהרער; אָבער ער האָט זיך שליסליך אין גאַנצען ארויסגעגליטשט פון זייערע הענד דורך זייערע שטרייטען.

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דיזען קאַנאַל, איז שוין דערצעהלט געוואָרען אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס און אויך פון דער ניי־געשאַפענער

רעפובליק פאנאמא. מיר וועלען עס דא ניט ווידערהאלען. עס זעהט אבער אויס, אז דער פערלוסט פון דיעזער וויכטיגסטער פראווינץ, פון אזא שמאלץ־גרוב וויא דיא אייזענבאהן און דער קאנאל אין דעם איסטמוס פון פאנאמא, האט גראדע געווירקט צום גוטען פאר קאלאמביא. דיא שטרייטענדע פארטייען זיינען געלאסענער געווארען. מען קען ניט זאגען, אז דיא צייט פון רעוואלוציאנען איז שוין דארטען אין גאנצען פאריבער, אבער זייט 1904, ווען גענעראל ראפאעל רעיעס איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט, איז דיא אינערליכע רוהע נאך ניט געשטערט געווארען. דיעזער גענעראל האט געכאפט דעם שניט ביי דעם בעריהמטען מעקסיקאנער דיקטאטאר פארפיריא דיאץ וויא צו פיהרען דיא פיעל־געפרופטע רעפובליק און האט זיך ארויסגעוויזען פאר א גוטען אדמיניסטראטאר.

# ווענעצועלא

# Venezuela

ערשטער קאפיטעל.

# דיא שפאנישע הערשאפט און דער קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט

ווען אלפאנסא דע אכעדא איז פארבייגעשוואומען אין 1499 דיא נארד־ליכע ברעגען פון זיד־אמעריקא, צו וועלכע קאלומבוס איז צוגעקומען אין דער צייט פון זיין דריטער רייזע אין 1498, האט ער, פאהרענדיג אלץ וייטער אויף דעם קאריבעאישען ים צו מערב־זייט, פערקירעוועט צום זיד אין דעם גרויסען גאלף פון מאראקאאיבא, וואו ער האט געפונען רייהען הייזער, וועלכע דיא אינדיאנער האבען געבויט אויף סוואיעס אדער פאליעס לעבען דיא זומפיגע ברעגען. ער האט דארום דיזען ארט א נאמען געגעבען ווענעצועלא, וואס עס מיינט "קליינע ווענעציע", און דיזער נאמען איז נאכהער פערבליבען פאר דיא גאנצע געגענד צווישען דעם גאלף פון מאראקאאיבא אין מערב און דיא מינדונג פון דעם גרויסען טייך ארינאקא אין מזרח.

דער וועסטליכער טהייל פון דער רעפובליק ווענעצועלא ווערט דורכגע־שניטען פון א צווייג פון די אנדעס־בערג, וועלכע ציהען זיך פון קאלאמביא און דערגרייכען ערטערווייז כמעט ביז דיא סאמע ברעגען פון קאריבעאישען ים. דיזע רייהע בערג, וואס טראגען דעם נאמען סיערא נעוואדא דע מערידא, ענטהאלט אייניגע זעהר פרוכטבארע פלאטאס, וואו עס געפינען זיך אייניגע פון דיא עלטעסטע שפאנישע בעזעצונגען אין זיד־אמעריקא. איינע פון אזעל־כע שטעדט, מערידא, ליגט דארטען אויף א פלאטא, וואס איז 5400 פוס הויך איבער דער אבערפלעכע פון ים און וואס געפינט זיך לעבען א שפיץ 15,420 פוס הויך איבער דער אבערפלעכע פון ים. פון דיזע בערג שטראמען פיעלע צופלוסען צום ארינאקא און עס ציהען זיך אויך צווייגען צו מזרח און צו מערב. אויף איינער פון דיזע מזרח'דיגע צווייגען, וועלכע ציהען זיך גאנץ נאהענט און פאראלעל צו דיא ברעגען פון קאריבעאישען ים, געפינט זיך אויך קאראקאס, דיא הויפטשטאדט פון ווענעצועלא. דיזע געבירגיגע געגענדען, וועלכע ענטהאלטען הערליכע און העכסט פרוכטבארע פלאטאס און טהאלען, זיינען געווען בעפעלקערט פון אייניגע האלב־ציוויליזירטע אינדיאנער שטאמען

אין קאָלומבוס'עס צייט און זיינען אויך היינט פיעל געדיכטער בעוואָהנט פאַר די אַנדערע געגענדען פון ווענעצועלאַ.

וואָס ווייטער צום מזרח פון דער סיעראַ נעוואַדאַ דע מערידאַ ווערט דאָס לאַנד אַלץ פלאַכער ביז עס ווערט אומגעוואַנדעלט אין די בעריהמטע סטעפּעס, גענאַנט ליאַנאָס, אין דעם טהאָל פון אָרינאָקאָ און פון זיינע הונדערטע צופלוסען, וועלכע שניידען דורך דעם גרעסטען טהייל פון ווענעצועלאַ אין אַלע ריכטונגען. דער זידליכער טהייל פון ווענעצועלאַ, וואָס נעהענטער ער קומט צו די גרענעצען פון בראַזיליען, ווערט ווידער איבערגעהאַקט מיט רייהען בערג, וועלכע זיינען בעוואַקסען מיט געדיכטע טראָפּישע וועלדער.

די ערשטע פּערמאַנענטע שפּאַנישע בעזעצונגען ביי די ברעגען פון ווענעצועלאַ זיינען ענטשטאַנען אַזוי וויא אין קאָלאָמביאַ דורך די פּיראַטען, וואָס האָבען זיך געיאָגט נאָך אינדיאַנער, אום זיי צו פערקויפען פאַר שקלאַווען אין האאיטי און קובאַ. די וויכטיגסטע פון דיזע בעזעצונגען איז געוועזען קאָראָ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1527 אויף אַ שמאָלען פּאַס לאַנד, וועלכער טהיילט אָפּ דעם קאַריבעאישען ים פון דעם מאַראַקאַאיבאַ גאָלף. די פּאָזיציע פון דיזען פּאָרט איז אַ זעהר סטראַטעגישע. די פּיראַטען און אַוואַנ־טוריסטען, וועלכע האָבען איהר אויסגעקליבען, האָבען פון דאָרטען לייכט געקענט צוקומען ניט נור צו אַנדערע פּאָרטען, זאָנדערן אויך אַריינדרינגען טיעף אין לאַנד און דערגרייכען ביז צו די פּלאַטאָס פון די אַנדעסען. עס איז געראָדע פיעל לייכטער אַרויפצושטייגען פון די ווענעצועלער ברעגען ביז צו די האָכלענדער און אַלע פּלאַטאָס אויף דער סיעראַ נעוואַדאַ דע מערידאַ, וויא פון די ברעגען פון קאָלאָמביאַ צו די פּלאַטאָס פון די אַנדערע אַנדעסען־צווייגען.

דער פּאָרט קאָראָ איז דאַרום געוואָרען דער קאָלאָניזאַציאָנס־פּונקט פון די שפּאַניער אין ווענעצועלאַ. פון דאָרטען האָבען זיי זיך צושפּרייט אַלץ ווייטער און האָבען אַרום דעם מיטען פון 16טען יאָהרהונדערט פערנומען די בעסטע און שעהנסטע געגענדען און פערשקלאַווט דאָרטען די אינדיאַנער אָקערבויער, וויא אין פּערו, קאָלאָמביאַ א. ז. וו. אין 1567 איז געגרינדעט געוואָרען קאַראַקאַס אויף אַ פּלאַטאָ, וואָס ציהט זיך לעבען די ברעגען פון קאַריבעאישען ים אויף אַ הויכקייט פון אונגעפעהר 3000 פוס און וואָס איז באַלד געוואָרען די הויפּטשטאָדט פון ווענעצועלאַ צוליעב איהר זיכערערע פּאָזיציע געגען אַטאַקעס פון ענגלישע, פראַנצויזישע און האָלענדישע פּיראַטען, וועלכע זיינען אַלץ געפעהרליכער געוואָרען פאַר די שפּאַנישע שיפען און אַטלאַנטישע פּאָרטען אין דער נייער וועלט, וויא אויך צוליעב די זעלטענע פּרוכטבאַרקייט פון דער אומגעגענד. פון דעסטוועגען איז עס אין 1595 גע־לונגען אַ באַנדע פּיראַטען אָדער, וויא מען האָט זיי געוועהנליך גערופען, בוקאַ־

נירען אונטער דער קאָמאַנדע פון אַן ענגלישען קאַפּיטאַן צו דערגרייכען ביז צו דיא בערג דאָרטען און צו בערויבען אויף קאַראַקאַס.

דיא בעפעלקערונג פון ווענעצועלאַ איז אַ בעזאָנדערס געמישטע. דער פּראָצענט פון ווייסע, מייסטענס פון שפּאַנישער אָבשטאַמונג, איז אַ זעהר קליינער. דער פּראָצענט פון אינדיאַנער און פון נעגער, אַריינגערעכענט זייערע מישונגען, איז בעדייטענד גרעסער אין ווענעצועלאַ, וויא אין קאָלאָמביאַ. דיא מאַיאָריטעט בעשטעהט פון מעסטיזאָס. מען רעכענט, אַז דיא קרעאָלען בילדען העכסטענס אַ צעהנטעל פון דער ווענעצועלער בעפעלקערונג און אַז דיא איבעריגע זיינען געמישטע פון פערשיעדענע ראַסען. צווישען דיא מעסטיזאָס פון ווענעצועלאַ פערנעהמען דיא איינוואָהנער פון דיא סטעפּעס, דיא ליאַנעראָס, אַ בעזונדערן פּלאַץ. זיי צייכנען זיך אויס אַלס רייטער און יעגער און בעשעפטיגען זיך מיט פיהצוכט. זיי זיינען עהנליך צו דיא קאָזאַקען פון דיא רוסישע סטעפּעס, צו די קאַובאָיס פון טעקסעס און פון נאָרד־אַמעריקאַנישע פּרעירים, און צו דיא גאַוטשאָס פון דיא אַרגענטינער פּאַמפּאַסען. דיא שפּאַנישע אַוואַנטורים־טען און דיא קרעאָלען האָבען זיך ביסלעכווייז אַלץ ווייטער צושפּרייט איבער דיא פלאַכע געגענדען און ליאַנאָס אין דעם טהאָל פון אָרינאָקאָ, וואו עס האָבען זיך וואונדערשנעל פערמעהרט דיא פערד און בהמות, וואָס מען האָט אימפּאָרטירט פון שפּאַניען און וואָס מען האָט איבערגעלאָזען זיך פּיטערן פריי. ריזיגע סטאַדעס פלעגען זיך אַרומשלעפּען איבער דיא ליאַנאָס פון ווענעצועלאַ אַזוי וויא איבער דיא פּאַמפּאַסען פון אַרגענטינאַ. דיא ליאַנעראָס פלעגען זיך יאָגען נאָך דיזע סטאַדעס אויף זייערע פלינקע פערד און האָבען געפיהרט אַ האַלב ווילדען לעבען.

דיא שפּאַנישע רעגירונג האָט זיך נאָך וועניגער געקימערט וועגען דיזע יעגער, פון וועלכע זיא האָט קיין איינקונפט ניט געקענט ציהען, וויא וועגען דיא איינוואָהנער אין דיא שטעדט אויף דיא פּלאַטאָס און אין דיא פּאָרטען. דיא ליאַנעראָס זיינען אַלץ מעהר פערגרעבט געוואָרען. קיין איינציגער פון זיי האָט געקענט לעזען. דיא שפּאַנישע רעגירונג האָט איבערהויפּט געהאַלטען, אַז בילדונג איז ניט נויטיג פאַר איהרע אונטערטהאַנען אין דער נייער וועלט. ערשט צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט איז געעפענט געוואָרען אַ גלח׳שע שול אין דער הויפּטשטאָדט קאַראַקאַס. ווען דיא שטאָדט מערידאַ האָט געשיקט נאָך מאַדריד אַ ביטע צו עפענען דאָרטען אַן עהנליכע שול, האָט דיא רעגירונג עס ענטזאַגט מיט דיא ווערטער: ”זיין קאַטאָלישע מאַיעסטעט האַלט ניט פאַר צוועקמעסיג, אַז בילדונג זאָל ווערען אַלגעמיין אין אַמעריקא״... עס זיינען פאָריבער אַנדערהאַלב יאָהרהונדערט פון שפּאַנישער הערשאַפט אָהן איין איינציגע פאָלקסשולע אין ווענעצועלאַ!

זיין קאַטאָלישע מאַיעסטעט האָט אָבער שטאַרק געזאָרגט, אַז דיא קאַ־

לאָניעס זאָלען וואָס מעהר און שנעלער אָנפילען זיין קאַסע. דיא שטייערלאַסט איז געוואָרען אַלץ דריקענדער. אין ווענעצועלאַ זיינען איינגעפיהרט געוואָרען רעגירונגס־מאָנאָפּאָלען אויף טאַבאַק, זאַלץ און אנדערע אַרטיקלען. דער האַנדעל מיט אַנדערע לענדער איז פערבאָטען געוואָרען אין ווענעצועלאַ, אַזוי וויא אין אַלע אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס. דיא בעריהמטע קאַדיקס קאָמפּאַניע האָט אויך געהאַט אַ מאָנאָפּאָל אויף אַלע אימפּאָרטירטע אַרטיקלען אין ווענעצועלאַ. מען פלעגט צוערשט בריינגען סחורות פון שפּאַניען, אייגענטליך נור פון דעם פּאָרט קאַדיקס, נאָך דעם איסטמוס פון פּאַנאַמאַ, און פון דאָרטען פלעגט מען זיי פּאַנאַנדערשיקען אויף ברעג־שיפען צו אַלע קאָלאָניעס פון זיד־אַמעריקאַ. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז דער רעזולטאַט פון אַזאַ משונה׳דיגער עקאָנאָמישער סיסטעם איז געווען פון איין זייט, דאָס אַלע אימפּאָרטירטע אַרטיקלען האָבען געקאָסט צו טהייער, און פון דער אַנדער זייט, דאָס שמוגלעריי איז געוואָרען זעהר פערשפּרייטעט. אין דער קאָנטראַבאַנדע האָבען זיך בעטהייליגט בעזאָנדערס ענגלישע, פראַנצויזישע און האָלענדישע פּיראַטען־שיפען. דיא בוקאַנירען זיינען געווען ים־רויבער און אויך קאָנטראַבאַנדיסטען. צו ענדע פון 17טען יאהרהונדערט זיינען זיי געווען בעזאָנדערס צאָהלרייך און שטאַרק. אַ געוויסע צייט האָבען זיי פּאַראַליזירט דעם פערקעהר פון שפּאַניען מיט איהרע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. אין 1654 האָבען פראַנצויזישע בוקאַנירען אַטאַקירט דעם ווענעצועלער פּאָרט קומאַנאַ; אין 1669 האָט דער בעריהמטער ענגלישער פּיראַטען־קאַפּיטאַן מאָרגאַן בערויבט מאַראַקאַאיבאָ; אין 1679 איז קאַראַקאַס גופא איינגענומען און בערויבט געוואָרען פון אַ פראַנצויזישער באַנדע ים־רויבער.

אין 18טען יאָהרהונדערט, ווען דיא שפּאַנישע רעגירונג האָט זיך ענדליך אַרומגעזעהען, וויא זיא רואינירט איהר גאַנצע קאָלאָניאַלע אימפּעריע מיט איהר עקאָנאָמישער סיסטעם, האָט זיא איבערגעגעבען דעם האַנדעל מיט ווענעצועלאַ צו אַ גרויסער פּריוואַט קאָמפּאַניע אויף געוויסע בעדינגונגען. דיזע קאָמפּאַניע האָט געטראָגען דעם נאָמען גויפּוזקאָאַ און האָט געהאַט בעזאָנדערס דעם צוועק צו פערגרעסערען דעם האַנדעל מיט פעל אין דיא ליאַנאָס. אָבער עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייסערייען צווישען דיא אַגענטען פון דיזער קאָמפּאַניע מיט דיא קליינע היימישע הענדלער, מיט דיא גוטסבעזיצער און מיט דיא ליאַנעראָס. דיזע רייסערייען האָבען געפיהרט צו אַן אויפשטאַנד אין 1749 אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ קרעאָל מיט׳ן נאָמען לעאָן. ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה פון 6000 מאַן און האָט געסטראַשעט צו בעפאַלען קאַראַקאַס, אויב דיא רעגירונג וועט ניט אָבשאַפען דיא גויפּוזקאָאַ קאָמפּאַניע. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון ווענעצועלאַ האָט פערשפּראָכען אויסצופיהרען דיזען פערלאַנג; אָבער וויא נור דיא רעבעלען זיינען זיך צוגאַנגען, האָט ער פער־

געסען אָן זיין צוזאָג. ערשט אין 1778 האָט דיא שפּאַנישע רעגירונג אָבגעשאַפט אויף דעם מאָנאָפּאָל פון דיזער קאָמפּאַניע און האָט געעפענט דיא פּאָרטען פאַר האַנדעלס־שיפען פון אַנדערע נאַציאָנען.

דאָס איז שוין געווען אַרום דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציאָן, וועלכע האָט איבערגעקעהרט אַ וועלט אויך אין אַמעריקאַ, וויא מיר וויסען עס שוין פון דיא געשיכטען פון מעקסיקאָ, פּערו א. ז. וו. דיזע רעוואָלוציאָן האָט געפונען איהר ערשטען אָפּקלאַנג אין דער לאַטיינישער אַמע־ריקאַ גראַדע אויף דעם באָדען פון ווענעצועלאַ. דאָס איז אָבער געקומען ניט דורך דעם, וואָס דיא איינוואָהנער פון דיזער קאָלאָניע זיינען געשטאַנען העכער אין בילדונג אָדער וואָס זיי האָבען מעהר געליטען פון די שפּאַנישע בעאַמטע, וויא דיא איינוואָהנער פון דיא אַנדערע קאָלאָניעס, נור דורך דעם, וואָס דיא ווענעצועלער פּאָרטען זיינען געווען נעהענטער צו דיא ענגלישע, פראַנצויזישע און האָלענדישע קאָלאָניעס אין וועסט־אינדיען און האָבען געהאַט מעהר און עפטער פערקעהר מיט שיפען פון דיא פּאָרטגעשריטענע אייראָפּעאישע נאַ־ציאָנען, און טהיילווייז אויך, מעג מען זאָגען, דורך אַ צופאַל. דער צופאַל איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דיא שפּאַנישע רעגירונג האָט גראַדע פערשיקט נאָך לאַ גוּאַירא (דאָס איז דער נעהענטסטער פּאָרט פאַר קאַראַקאַס) דיא פיה־רער פון אַ רעפּובליקאַנישער פערשווערונג, וועלכע איז ענטדעקט געוואָרען אין שפּאַניען אין 1796 (דיזע פערשווערונג איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון שפּאַ־נישע פרייהייטס־קעמפּפער אונטער דעם איינפלוס פון דיא פראַנצויזישע רע־וואָלוציאָנערען). דיזע ערשטע שפּאַנישע רעפּובליקאַנער האָט מען געהאַלטען פערשפּאַרט אין דער פעסטונג פון לאַ גוּאַירא; אָבער מען האָט ניט פערוועהרט דיא קרעאָלען פון דיזען פּאָרט און פון קאַראַקאַס זיי צו בעזוכען. דער רעזול־טאַט פון דיזע וויזיטען איז געווען וואָס איינינע פון דיזע קרעאָלען זיינען אויך אָנגעשטעקט געוואָרען מיט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. דיא זריעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז אַזוי איינגעפלאַנצט געוואָרען אויף דעם באָדען פון ווענעצועלאַ נאָך פאַר דעם אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט.

אונטער דעם איינפלוס פון דיא פערשיקטע שפּאַנישע רעפּובליקאַנער איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אַ רעפּובליקאַנישע פערשווערונג פון קרעאָלען אין קאַראַקאַס; אָבער דיא שפּיאָנען פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר האָבען איהר בעצייטענס ענטדעקט, און דער סוף דערפון איז געווען, וואָס איינער פון דיא הויפּטפיהרער האָט דערפאַר בעצאָהלט אין 1798 מיט זיין לעבען אויפ׳ן עשאַפּאָט און וואָס איינינע יונגע קרעאָלען זיינען אַרעסטירט געוואָרען. אַנדערע האָבען זיך געראַטעוועט דורך פלטה נאָך טרינידאַד, דזשאַמאַיקאַ, קוראַסאַאָ און אַנדערע ענגלישע און האָלענדישע אינזלען אין וועסט־אינדיען.

צווישען דיא ערשטע פרייהייטס־קעמפּפער אין ווענעצועלאַ, און מען מעג

אויף זאָגען, אין גאַנץ זיד־אַמעריקאַ, פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ פראַנ־ציסקאָ מיראַנדאַ, א קרעאָל פון קאַראַקאַס. ער האָט געקעמפפט אין דער אמע־ריקאַנער רעוואָלוציאָן אונטער דזשאָרדזש וואשינגטאָן און האָט זיך נאָכהער אויסגעצייכענט אין דיא בעריהמטע שלאַכטען פון דיא פראַנצויזישע רעוואָלו־ציאָנערע אַרמעען אין וואַלמי (פראַנקרייך) און זשעמאַפּ (בעלגיען) אין 1792. ער האָט אויסגעאַרבייט א פּלאַן צו לאַנדען אַן אַרמעע אין איינעם פון דיא פּאָרטען ניט ווייט פון קאַראַקאַס. אום אויסצופיהרען דיזען פּלאַן איז ער אוועק נאָך ניו יאָרק, וואו ער האָט געקראָגען דריי שיפען מיט געוועהר און אויך מיט אַמעריקאַנער אַוואַנטוריסטען אָדער פיליבוסטערס אין 1806. איהם איז אָבער דאָן ניט געלונגען צו לאַנדען אין ווענעצועלאַ. דיא שפּאַנישע רעגי־רונג האָט זיך דערוואוסט פון דיזער עקספּעדיציע בעצייטענס און האָט אַרויסגעשיקט שיפען איהר צו פאַנגען. אין א ים־שלאַכט ניט ווייט פון דיא ברעגען פון ווענעצועלאַ האָבען דיא שפּאַניער געזיעגט, און 60 פון מיראַנדאַ'ס פיליבוסטערס זיינען געפאַנגען געוואָרען. צעהן פון דיזע אַמעריקאַנער אוואַנ־טוריסטען זיינען פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט פון א מיליטערישען גע־ריכט און דערשאָסען געוואָרען אין דעם פּאָרט פּוערטאָ קאַבעלאָ, וואו זייערע נעמען בלייבען אויסגעקריצט אויף א מאָנומענט, וואָס מען האָט דאָרטען ניט לאַנג צוריק געשטעלט צו זייער אַנדענקען.

פאַר מיראַנדאַ'ס קאָפּ האָט דער גענעראַל גובערנאַטאָר אַנגעבאָטען דרייסיג טויזענד דאָלאַר; אָבער ער האָט זיך געראַטעוועט אין דזשאַמאַיקאַ, וואו ער האָט מיט דער הילפע פון דיא ענגלישע בעאַמטע אָרגאַניזירט אַן עקספּעדיציע פון א פינף הונדערט אַוואַנטוריסטען פון פערשיעדענע נאַציאָנען. דיזעס מאָל איז איהם ניט נור געלונגען צו לאַנדען, זאָנדערן אויך צו פאַנגען דעם אַלטען און וויכטיגען ווענעצועלער פּאָרט קאָראָ. אָבער דיא בעפעלקערונג דאָרטען און אין דער אומגעגענד איז געווען גלייכגילטיג און זאָגאַר פיינדליך צו דיא רע־וואָלוציאָנערען, זאָ דאָס מיראַנדאַ איז געצוואונגען געווען אָבצוטרעטען.

צו דיזער צייט איז שוין אָבער פאָרגעקומען אַזאַ פּאָליטישע איבערקעה־רענים אין שפּאַניען גופא, וויא דיא אַראָנטערזעצונג פון דעם בורבאָנישען קעניג פערדינאַנד דעם זיעבעטען אויף דעם בעפעהל פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן. ווען פראַנצויזישע קאָמיסאַרען זיינען אָנגעקומען אין 1808 אין ווענעצועלאַ מיט דער נאַכריכט, אַז יאָזעף, נאַפּאָלעאָן'ס א ברודער, איז געוואָרען קעניג פון שפּאַ־ניען אויף פערדינאַנד'ס פּלאַץ, און האָבען פערלאַנגט א שבועה פון טרייהייט צום נייעם קעניג, האָט דער גענעראַל גובערנאַטאָר אין קאַראַקאַס ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן און צו טהאָן, און ער האָט צוזאַמענגערופען דיא אַנגע־זעהענסטע בירגער, אום אויסצוהערען זייערע מיינונגען. דיזע בירגער האָבען

איינשטימיג ענטשיעדען געגען דעם נייעם קעניג, אזוי וויא דאס האט פאסירט אין אלע אנדערע שפאנישע קאלאניעס, און האבען ארגאניזירט א כונטא.

* * *

דאס איז געווען דער אנפאנג פון דער בעוועגונג פאר א זעלבסטשטענדיגע רעפובליק. אין אפריל 1810, ווען דער גענעראל־גובערנאטאר האט ווידער צוזאמענגערופען אן אסיפה פון דיא אנגעזעהענסטע בירגער, אום אויסצוהערען בעריכטען איבער דיא פאסירונגען אין שפאניען, האט מען שוין פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל רעזיגנירען און איבערגעבען דיא פערוואלטונג פון דער גאנצער קאלאניע אין דיא הענד פון דיא מיטגליעדער פון א רעוואלוציאנערער כונטא, וועלכע איז עטאבלירט געווארען אין קאראקאס. דיא אגענטען, וואס דיזע כונטא האט ארויסגעשיקט איבערן לאנד, זיינען אבער ניט אויפגענומען געווארען פריינדליך אין אייניגע ערטער, דארונטער אויך אין קארא און מאראקאאיבא, וואס עס האט ארויסגערופען דארטען דעם ערשטען בירגער־קריעג. דיא כונטא פון קאראקאס האט זיך איבערהויפט געפונען אין א גרויסער פערלעגענהייט. איהרע פיהרער האבען ניט געוואוסט, וויא צו האנדלען געגענאיבער זייער מוטערלאנד. זיי האבען זיך געפונען צווישען עטליכע פייערן מיט אמאל. שליסליך האבען זיי, אונטער דעם איינפלוס פון מיראנדא, בעשלאסען ארויסצוטרעטען אפען מיט אן ערקלערונג פון אונאבהענגיגקייט. אין 1811 איז צוזאמענגערופען געווארען א קאנגרעס, וואס האט ארויסגעלאזען א פראקלאמאציאן פון אונאבהענגיגקייט און האט אויך אנגענומען א בעזאנדערס ראדיקאלע קאנסטיטוציאן.

ווענעצועלא איז אזוי געווארען דיא ערשטע אונאבהענגיגע רעפובליק אין זיד־אמעריקא. אבער דיזע ערקלערונג האט ערשט געפיהרט ניט נור צו א קאמפף מיט דיא שפאניער, זאנדערן אויך מיט דיא לאיאלע און קאנסערוואטיווע קרעאלען, וועלכע זיינען אונטערגעהעצט געווארען פון דיא גלחים. אין קארא און אין אנדערע פלעצער, וועלכע האבען געוואלט בלייבען טריי צו שפאניען, האט מען ארגאניזירט באנדעס צו פעריאגען דיא רעפובליקאנישע כונטא פון קאראקאס. דיא רעוואלוציאנערע קרעפטע, וואס מיראנדא האט צוזאמענגעקליבען, זיינען בעזיעגט געווארען פון זייערע געגנער אונטער דער קאמאנדע פון דעם שפאנישען גענעראל מאנטעווערדע אין 1812.

דערצו נאך האט עס גראדע אין דיזען יאהר פאסירט אזא שרעקליכע ערדציטערנים אין דיא מייסטע געבירגיגע פראווינצען, וואו דיא ליבעראלען האבען געפיהרט דיא גרענדע, אז אין קאראקאס אליין זיינען אומגעקומען צוועלף טויזענד פערזאן. אין דיא מייסטע לאיאליסטישע פראווינצען איז אבער גראדע קיין ערדציטערנים ניט געווען, און דיא גלחים האבען זיך בענוצט דערמיט,

אום צו שרעקען דיא פערגרעבטע, אבערגלויביגע מאַסען, אַז דאָס האָט גאָט געשטראָפט דיא זינדיגע רעוואָלוציאָנערען. דיא לאָיאַליסטען און קלעריקאַלען זיינען דורך דיזען בייזען שפּיעל פון דער נאַטור שטארקער געוואָרען, און גענע־ראַל מאָנטעווערדע האָט איינגענומען פיעלע וויכטיגע שטעדט אויפ'ן וועג נאָך קאַראַקאַס. דיא רעפּובליקאַנישע כונטא אין קאַראַקאַס האָט דאַן אויסגעקלי־בען פראַנציסקאַ מיראַנדאַ פאַר דעם דיקטאַטאָר, אָבער דיא אַרמעע פון 5000 מאַן, וועלכע איהם איז געלונגען צוזאַמענצוקלייבען, האָט פערלאָרען דעם רעוואָלוציאָנערען מוטה (אַ טהייל איז זאָגאַר אַריבער אויף דער זייט פון דיא לאָיאַליסטען), און מאָנטעווערדע איז אַריין מיט טריאומף אין קאַראַקאַס.

צווישען דיא יונגע אָפיצירען, וועלכע זיינען געבליבען פעסט אויף דער זייט פון דיא בעזיעגטע רעפּובליקאַנער און אויף וועלכע מיראַנדאַ האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען, איז געווען סימאָן באָליוואַר. דיזער ליבעראַטאָר פון זיד־אַמעריקאַ איז געבאָרען געוואָרען אין קאַראַקאַס אין 1783 און האָט געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע פון ווענעצועלאַ. צו דריי יאָהר איז ער געבליבען אַ יתום, אָבער אַ רייכער יורש. ער האָט געקראָגען אַן אויסגעצייכענטע און אויך ליבע־ראַלע ערציהונג פאַר זיין צייט. מען האָט איהם געשיקט נאָך מאַדריד צו ענדיגען זיינע שטודיען. דאָרטען האָט ער פערבראַכט עטליכע יאָהר און האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַדעליגער פריילין, ווען ער איז אַלט געווען בלויז 18 יאָהר. ער האָט אויך אַרומגערייזט איבער אַנדערע אייראָפּאַישע לענדער און האָט בייגעוואָהנט רעוואָלוציאָנערע סצענען אין פּאַריז. אין 1809, אויף איינער פון זיינע רייזען פון אייראָפּאַ צוריק נאָך זיין געבורטסלאַנד, האָט ער אויך בעזוכט יונייטעד סטייטס, אום צו בעטראַכטען וויא אַזוי אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג פיהרט זיך. דעם נעכסטען יאָהר איז ער שוין אַרויסגעטראָטען אַלס אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפּפער אין זיין געבורטס־שטאָדט. ער איז געווען איי־נער פון דיא יעניגע, וואָס האָבען זיך גלייך אויסגעשפּראָכען פאַר אַן אונאַב־העננגיגע רעפּובליק.

ווען מאָנטעווערדע האָט פעריאָגט דיא רעפּובליקאַנישע כונטא פון קאַ־ראַקאַס, איז באָליוואַר אַנטלאָפען פון ווענעצועלאַ צוזאַמען מיט אַנדערע רע־וואָלוציאָנערען. ער איז אַ געוויסע צייט געבליבען אויף דעם אינזעל קוראַסאַאָ, וואָס געפינט זיך לעבען דיא ברעגען פון ווענעצועלאַ, נור געהערט צו האָלאַנד. וויא נור ער האָט דערהערט, אַז אין ניי־גראַנאַדאַ האָט אויפגעפלאַקערט דער רע־וואָלוציאָנערער קאַמפּף, האָט ער אָנגעבאָטען זיין שווערד דער כונטא אין קאַרטאַגענאַ, וויא דאָס איז שוין איבערגעגעבען געוואָרען אין דער געשיכטע פון קאָלאָמביאַ. נאָך זיינע העלדענטהאַטען אין ניי־גראַנאַדאַ האָט ער זיך אַ לאָז געטאָהן איבער דיא בערג און טהאָלען נאָך ווענעצועלאַ אום צו פיהרען ווידער דעם קאַמפּף מיט דיא שפּאַניער און לאָיאַליסטען אונטער דער קאָמאַנדע פון

גענעראל מאנטעווערדע. ווען ער איז צוגעקומען צו דער שטאדט מערידא אין דעם וועסטליכען טהייל פון ווענעצועלא, איז זיין "ארמעע" בעשטאנען בלויז פון 500 מאן, אבער באלד זיינען צו איהם צוגעשטאנען פאטריאטען פון פיעלע ערטער, זא דאס ער האט טאקע געקענט אויספיהרען זיין זעהר געוואגטען פלאן. נאך עטליכע צוזאמענשטויסען מיט דיא לאיאליסטען איז איהם אויך געלונגען צו בעזיעגען גענעראל מאנטעווערדע אליין, וועלכער האט זיך געמוזט אב-

סימאן באליוואר, דער ליבעראטאר פון זיד-אמעריקא.

טראגען פון קאראקאס נאך פוערטא קאבעלא אונטער דעם שוץ פון שפאנישע שיפען אוןווארטען אויף פערשטערקונגען פון שפאניען. באליוואר איז דאן (דעם 4טען אוגוסט 1813) אריין מיט גדולה אין זיין געבורטס-שטאדט, וואו ער איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס בעגייסטערונג. אין דער זעל-בער צייט האט אן אנדער העלד פון דער רעוואלוציאן אין ווענעצועלא, א יונגער קרעאל מיט'ן נאמען מארינא, פערכאפט איינינע וויכטיגע פונקטען ביי דעם

טייך ארינאקא און האט בעזיעגט דיא שפאניער און איינינע לאיאלע ליאנעראס אין דעם אסטליכען טהייל פון ווענעצועלא.

אבער אנשטאט צו קעמפפען ווייטער צוזאמען געגען דעם געמיינשאפט־ליכען שונא האבען דיזע צוויי רעוואלוציאנערע גענעראלען אנגעפאנגען ארומ־צורייסען זיך וועגען דיא פארם פון דער רעגירונג. יעדער פון זיי איז געווען דיקטאטאר אין זיין טהייל פון ווענעצועלא; אבער באליוואר האט ניט נור געוואלט בלייבען דער איינציגער דיקטאטאר פון גאנץ ווענעצועלא, זאנדערן אויך פון קאלאמביא, עקוואדאר און גאנץ זיד־אמעריקא, וויא מיר ווייסען עס שוין פון פריהערע קאפיטלעך. עס וואלט אויסגעבראכען א קריעג צווישען דיא אנהענגער פון באליוואר און דיא אנהענגער פון מארינא, ווען עס וואלטען ניט אנגעקומען פערשטערקונגען פון שפאניען און ווען דיא לאיאליסטען וואלטען ניט צוזאמענגעקליבען זייערע קרעפטע צו אטאקירען דיא רעוואלוציאנערען פון פערשיעדענע זייטען.

דאס ערגסטע פאר די רעוואלוציאנערען איז דאן געווען, וואס די ליאנעראס זיינען אריבער אויף דער זייט פון דיא שפאניער צוליעב א שוידערליכע גרוי־זאמקייט פון איינעם פון באליוואר'ס אדיוטאנטען. נאך א שלאכט מיט איי־ניגע פון דיזע ווילדע רייטער אונטער דער קאמאנדע פון זייער בעריהמטען פיהרער באוועס, ווען דיא רעוואלוציאנערן האבען געזיעגט, האט דער קאמאנדיר פון דער רעוואלוציאנערער מחנה געהייסען אויסשלאכטען ניט נור אלע געפאנ־גענע ליאנעראס, זאנדערן אויך אלע איינוואהנער פון דער שטאדט קאלאבאזא, ווייל אייניגע פון דיזע איינוואהנער האבען געהאלפען דיא לאיאליסטען. דאס גיט אונז א ביישפיעל, וויא פיעל בלוט עס איז פערגאסען געווארען אין דיזע בירגער־קריעגען.

אן אנדער ביישפיעל, נאך א שרעקליכערען, ליפערט באליוואר אליין. ווען ער איז אלץ מעהר צוריקגעשטויסען געווארן פון שפאניער און לאיאליסטען, זא דאס ער האט זיך געקענט האלטען מיט זיין נידערשלאגענער ארמעע בלויז אין קאראקאס און אין דיא ארומיגע טהאלען, איז ער געווארען אזוי ווילד פון פער־צווייפלונג און צארן, אז ער האט געהייסען אויסשלאכטען דיא 860 שפאניער, וועלכע זיינען געהאלטען געווען אין געפאנגעשאפט אין דעם פארט לא גואירא! נאכהער, ווען דיא ליאנעראס אונטער דער קאמאנדע פון זייער פעהיגען פיה־רער באוועס זיינען צוגעקומען צו דיא בעפעסטיגונגען לעבען קאראקאס, און דער קאמאנדיר פון דיא רעוואלוציאנערען האט דערזעהען, אז ער וועט ניט אויסהאלטען דיא אטאקע פון דיזע ווילדע רייטער און וועט מוזען צוריקטרעטען, האט ער געהייסען זיינע סאלדאטען אנטלויפען אזוי שנעל וויא דיא פיס וועלען זיי טראגען, און אליין האט ער אריינגעווארפען א ברענענדע שוועבעלע אין דעם פולווער מאגאזין דארטען גראדע אין דעם מאמענט, ווען דיא לאיאליסטען

האבען זיך אריינגעריסען אין דער געביידע. אין דער עקספּלאָזיאָן איז ער אומגעקומען צוזאמען מיט 800 פון דיא לאָיאַליסטען.

דיא ענטשיידענדע שלאכט צווישען דיא רעוואָלוציאָנערען און דיא לאָיאַליסטען איז פאָרגעקומען אין יוני 1814. דיא רעוואָלוציאָנערען זיינען בעזיעגט געוואָרען נאכדעם וויא א העלפט פון זיי זיינען געבליבען טויט אויף דעם שלאכטפעלד. באָליוואר האט זיך קוים געראַטעוועט. ער איז אנטלאָפען נאך קאראקאס, וואו ער האט אין איילענים צוזאמענגעקליבען אזוי פיעל געלד און ציערונג, וויא פיעל ער האט נור געפונען אונטער דער האנד, און האט זיך א לאָז געטאָהן צוזאמען מיט אנדערע רעוואָלוציאָנערען צו דיא מזרח'דיגע געגענדען. לעבען א שטאָדט מיט'ן נאמען אראגוא זיינען זיי אָבער ווידער בעזיעגט געוואָרען. דאן האט זיך באָליוואר אָבגעטראָגען צום פּאָרט באַרצעלאָנאַ מיט דער אבזיכט צו אָרגאַניזירען אן עקספּעדיציע אויף שיפען צו דער מינדונג פון אָרינאָקאָ. אָבער דיא רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען איהם ערשט מיט א יאָהר פריהער, נאך זיין זיעג איבער גענעראל מאָנטעווערדע, בעעהרט מיט'ן טיטול "ליבעראַטאָר", האָבען ניט נור אויסגעקליבען אן אנדער קאָמאַנדיר, זאָנדערן האָבען איהם זאָגאר ערקלערט פאר א פעררעטהער.

דיזער גרויסער מאן האט אָבער ניט פערלאָרען זיין ווירקליך העלדישען מוטה נאך אזעלכע שרעקליכע נידערלאגעס און ביטערע ערפאהרונגען. ער האט דאן פערלאָזען ווענעצועלא, אָבער ער האט זיך באלד בעוויזען מיט א טהייל פון זיינע ווענעצועלער סאָלדאטען אין ניי־גראנאַדאַ, וואו ער האט פּאָרטגעזעצט דעם קאמפּף געגען דיא שפאנישע הערשאפט (זעה דיא געשיכטע פון קאָלאָמביא).

אין 1815, ווען פערדינאנד דער זיעבעטער האט זיך שוין געהאלטען אזוי פעסט אויף דעם שפאנישען טראָן, נאך נאפּאָלעאָן'ס נידערלאגע ביי וואַטערלאָאָ און נאך דעם וויענער קאָנגרעס, אז ער האט זיך ערלויבט אָבצושאפען דיא קאָנסטיטוציאָן פון 1812 און צו ערקלערן זיך פאר אן אבסאָלוטען מאָנארך, האט דיא שפאנישע רעגירונג בעשלאָסען צו שיקען א שטארקע ארמעע, אום צו אונטערדריקען דיא אויפשטאנדען אין דיא ערטער, וואו דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך נאך וויא עס איז געהאלטען, נעמליך אין ניי־גראנאַדאַ און אין ארגענטינע. ווען מארשאל מאָרילאָ האט צוערשט געלאנדעט אין א ווענעצועלער פּאָרט מיט זיין ארמעע פון 10,000 שפאנישע וועטעראנען, זיינען צו איהם צוגעשטאנען א מחנה פון ליאנעראָס, וועלכע האָבען זיך גאר קיין רעכנונג ניט אָבגעגעבען, וואָרום זיי שטיצען דיא שפאנישע הערשאפט געגען זייערע ברידער. דיא שפאנישע אָפיצירען האָבען אָבער געקוקט מיט פעראכטונג אויף דיזע שווארצליכע און האלב־ווילדע מענשען, און מארשאל מאָרילאָ האט עטאָב-

לירט אזא מיליטערישע א̈רדנונג, אז אפילו דיא הייסע לא̈יאליסטען זיינען אויפגעבראכט געווא̈רען.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז א סך ליאנערא̈ס און אנדערע לא̈יאליסטען הא̈בען זיך צוריקגעצויגען, ווען מא̈רילא̈ הא̈ט א̈נגעפאנגען זיין מארש נא̈ך ניי־גראנאדא. פון דער אנדער זייט הא̈בען דיא רעוואלוציא̈נערען זיך צושפרייט אין פערשיעדענע טהיילען פון לאנד אין קליינע קריגערישע באנ־דעס, זא̈גענאנטע גערילא̈ס (א שפאניש ווא̈רט וואס בעדייטעט: קליינער קריעג), און הא̈בען געקעמפפט געגען דיא שפאניער, וואו נור זיי הא̈בען עס געקענט. צווישען דיא קא̈מא̈נדירען פון דיא גערילא̈ס הא̈ט זיך בעזא̈נדערס אויסגעציי־כענט א יונגער ליאנערא̈ מיט'ן נא̈מען כא̈זע פאעז, וואס הא̈ט ניט געקענט לעזען און שרייבען, נור איז בעגאבט געווען פון דער נאטור מיט גבורה, קוראזש און אויך מיליטערישע פעהיגקייטען. ביי איין אטאקע אויף דיא שפאניער הא̈ט זיך פאעז אזוי אויסגעצייכענט מיט א באנדע פון 500 רעוואלוציא̈נערען, אז אנדערע גערילא̈־פיהרער הא̈בען געקרא̈גען מעהר מוטה צו פיהרען ווייטער דעם קא̈מפף, וואס עס הא̈ט ווידער בעוואגען בא̈ליוואר'ן צוריקצוקעהרען זיך נא̈ך ווענעצועלא̈.

צו ענדע פון 1816, ווען דעם ליבערא̈טא̈ר איז געלונגען צו לאנדען אין בארצעלא̈נא, איז ער אויסגעקליבען געווא̈רען פון דיא פיהרער פון דיא פער־שיעדענע גערילא̈־קא̈מפאניעס אלס דער הויפט־קא̈מא̈נדיר. ווען מא̈רשאל מא̈רילא̈ הא̈ט דערהערט, אז דיא רעוואלוציא̈נערען אין ווענעצועלא̈ זיינען ווי־דער שטארקער געווא̈רען, הא̈ט ער בעשלא̈סען צו מא̈רשירען צוריק פון ניי־גראנאדא נא̈ך ווענעצועלא̈ מיט א פערהעלטניסמעסיג שטארקער ארמעע. אין פערלויף פון דריי יא̈הר הא̈בען זיך דא̈ן געצויגען שלא̈כטען כמעט א̈הן א̈ן אויפ־הער. דא̈ הא̈בען געזיעגט דיא פאטריא̈טען, דא̈ דיא שפאניער מיט דיא לא̈יא־ליסטען. דיא ליא̈נערא̈ס, וועלכע זיינען א̈נפאנגס געווען א גרויסע שטיצע פאר שפאניען, זיינען ביסלעכווייז אריבערגעגאנגען, אונטער דעם איינפלוס פון פאעז און אנדערע פיהרער, אויף דער זייט פון דיא רעוואלוציא̈נערען. דיא הילפע פון דיזע מוטהיגע רייטער איז געווען זעהר וויכטיג פאר בא̈ליוואר'ן; א̈בער דיא ביטערע ערפאהרונג הא̈ט איהם געצייגט, אז געגען רעגעלע שפאנישע סא̈לדאטען אונטער דער קא̈מא̈נדע פון געשולטע א̈פיצירען קען מען ניט גע־ווינען מיט דיא רויהע היימישע סא̈לדאטען, אפילו ניט מיט דיא ליאנערא̈ס. דער ליבערא̈טא̈ר הא̈ט דארום גענומען דינגען אויסגעדיענטע איירא̈פעאישע סא̈לדא־טען, בעזא̈נדערס ענגלישע, וועלכע הא̈בען זיך געפונען אין דיא ענגלישע פא̈־סעסיעס אין וועסט־אינדיען. נא̈ך דיא נא̈פא̈לעא̈נישע מלחמות זיינען טויזענדע וועטערא̈נען געבליבען, זא̈ צו זא̈גען, א̈הן א קנעלונג, און זיי הא̈בען זיך ניט געלא̈זט לאנג בעטען צו נעהמען אנטהייל אין דיא שלא̈כטען פון דיא רעוואלו־

ציאָנערען געגען שפּאַניען אין זיד־אַמעריקאַ, ווען נור מען האָט זיי דערפאַר גוט געצאָהלט. באָליוואר האָט אָנגעבאָטען 80 דאָלאַר פאַר יעדען איינעם, ווען ער וועט זיך נור פערשרייבען, און האָט פערשפּראָכען אַ בעלוינונג פון 500 דאָלאַר, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען. אויף דיזע בעדינגונגען האָט ער געקראָגען עטליכע הונדערט ענגלישע און אירלענדישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען דיא גרעסטע הילפע פאַר איהם און פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף בכלל אין זיד־אַמעריקאַ.

מיט אַ מחנה פון 2000 ווענעצועלער און 500 ענגלענדער האָט זיך באָליוואר אַ לאָז געטאָהן אין 1819 צו דיא בערג, וועלכע ציהען זיך צו ניי־גראַנאַדאַ, אום צו העלפען דיא רעוואָלוציאָנערען אין באָגאָטאַ (זעה דיא געשיכטע פון קאָ־לאָמביא). דאָס איז געווען אַ זעהר ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג, נור זיא האָט זיך גליקליכערווייזע געענדיגט צו גונסטען פון דיא רעוואָלוציאָנערען. אין דער שלאַכט לעבען באָיאַקאַ ניט ווייט פון פּלאַטאָ פון באָגאָטאַ האָט באָליוואר׳ס אַרמעע בעזיעגט דיא שפּאַנישע אַרמעע. דיזע שלאַכט איז געווען דיא וויכ־טיגסטע נאָך איהרע רעזולטאַטען פאַר דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף אין דיא נאָרד־ליכע געגענדען פון זיד־אַמעריקאַ, ספּעציעל אין קאָלאָמביאַ און ווענעצועלאַ. באָליוואר איז דאַן געוואָרען דער דיקטאַטאָר אין ניי־גראַנאַדאַ, וועלכע ער האָט אין אַ קורצער צייט אַרום פערבונדען מיט ווענעצועלאַ און עקוואַדאָר אין איין רעפּובליק אונטער דעם נאָמען קאָלאָמביאַ, מיט דער האָפנונג צו ווערען נאָכ־הער דער הערשער איבער גאַנץ זיד־אַמעריקאַ.

אין דער צייט, ווען באָליוואר האָט געקלעטערט מיט זיין קליינער אַרמעע איבער דיא אַנדעסען אין קאָלאָמביאַ, אום וואָס שנעלער צו דערגרייכען ביז באָגאָטאַ, האָבען איהם דיא רעוואָלוציאָנערען אין ווענעצועלאַ פערדאַמט פּשוט אַלס פעררעטהער, פאַר וואָס ער האָט פערלאָזען זיין פאָטערלאַנד אָהן דער ערלויבנים פון קאָנגרעס. אָבער וויא נור עס איז אָנגעקומען אין קאַראַקאַס דיא פרעהליכע בשורה וועגען באָליוואר׳ס גרויסען זיעג ביי באָיאַקאַ, האָט מען איהם ווידער ערקלערט פאַר דעם ליבעראַטאָר. דעם נעכסטען יאָהר האָט ער אָרגאַני־זירט אַ שטאַרקערע אַרמעע געגען דיא שפּאַניער. ווען ער האָט געקראָגען אַ טויזענד אירלענדער פאַר אַ בעשטימטען געהאַלט, האָט ער ארויסגעשיקט אָב־טהיילונגען געגען דיא שפּאַניער אין פערשיעדענע פּונקטען. מאַרשאַל מאָרילאָ האָט אין 1820 ניט געקענט פיעל אויפטאָהן געגען דיא רעוואָלוציאָנערען, וועל־כע האָבען אויפגעהויבען דיא קעפּ נאָך באָליוואר׳ס ערפאָלגען. ער האָט גע־וואַרט אויף פערשטערקונגען פון שפּאַניען, אָבער ער האָט זיי ניט געקראָגען צוליעב אָן איבערקעהרענים אין מאַדריד (דיא ערפאָלגרייכע רעוואָלוציאָן אין 1820 געגען דעם אַבסאָלוטיזם פון פערדינאַנד דעם זיעבעטען). דיא נייע ליבע־ראַלע רעגירונג אין שפּאַניען האָט גאָר בעשלאָסען צו שיקען פריעדענס־קאָמיסאַ־

רען, אום צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט דיא רעוואָלטירטע קאָלאָניעס. אין נאָוועמבער 1820 איז עס דאַרום געקומען צו אַ וואַפענשטילשטאַנד אין פערלויף פון זעקס מאָנאַט ביז דיא פריעדענס־קאָמיסאַרען וועלען אָנקומען. מאַרשאַל מאָרילאָ האָט דאַן רעזיגנירט און איז אוועקגעפאָהרען נאָך שפּאַניען, איבערלאָזענדיג גענעראַל לאַ טאָרע אויף זיין פּלאַץ.

באָליוואַר האָט אויסגענוצט דיזען וואַפענשטילשטאַנד צו אָרגאַניזירען אַזאַ שטאַרקע אַרמעע, אַז זיא זאָל קענען זיך מעסטען מיט דיא בעסטע שפּאַנישע סאָלדאַטען. זיינע אַדיוטאַנטען האָבען זיך איבערהויפּט ניט געקימערט וועגען דעם וואַפענשטילשטאַנד און האָבען געזוכט צו פערכאַפּען וואָס מעהר פּאָרטען און שטעדט. אין פריהלינג 1821, ווען דער וואַפענשטילשטאַנד האָט זיך געענדיגט אָפיציעל, האָט באָליוואַר געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע אַ צוואַנציג טויזענד מאַן, וועלכע זיינען צוטהיילט געווען אין פינף קאָרפּוסען אין פערשיעדענע געגענדען פון לאַנד. ער אַליין צוזאַמען מיט פּאַעץ'ן האָט זיך אַ לאָז געטאָהן מיט אַן אַרמעע פון 9000 מאַן צו אַטאַקירען דיא שפּאַניער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל לאַ טאָרע אין דער געגענד צווישען קאַראַקאַס און וואַלענציא. אין אַן אָרט מיט'ן נאָמען קאַראַבאָבאָ איז אין יוני 1821 פאָרגעקומען אַ וויכטיגע שלאַכט, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסען זיעג פון דיא רעוואָלוציאָנערען, אַ דאַנק דער הילפע פון דיא געדונגענע טויזענד ענגלישע און אירלענדישע וועטעראַנען, וועלכע האָבען אַטאַקירט מיט זייערע באַיאָנעטען דיא שפּאַניער. באָליוואַר איז דאַן ווידער אַריין מיט טריאומף אין קאַראַקאַס, דיזעס מאָל טאַקע אַלס דער ווירקליכער ליבעראַטאָר פון זיין געבורטסלאַנד. נאָך זייער נידערלאַגע ביי קאָראַבאָבאָ האָבען שוין דיא שפּאַניער געקענט זיך האַלטען נור אין אַ פּאָאַר פּאָרטען. דאָס לאַנד איז פּאַקטיש געווען אונאַבהענגיג. אין 1823, ווען דיא פּאַטריאָטען האָבען גענומען מיט שטורם פּוערטאָ קאַבעלאָ, וואו דיא שפּאַניער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען, איז שוין דיא לאַנגע מלחמה פאַר דיא אָפּשאַפונג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין ווענעצועלאַ געווען אין גאַנצען צו ענדע.

## צווייטער קאפיטעל.

# דיקטאטורען און בירגער־קריעגען

נור אין 1822 האט שוין דער ליבעראטאר פערלאזען װענעצועלא, וואו דיא רעוואלוציאן האט געזיעגט, און איז אוועק נאך עקוואדאר און פערו, וואו ער האט דערלאנגט צוזאמען מיט דעם ארגענטינער גענעראל סאן מארטין דיא לעצטע קלעפ דער שפאנישער הערשאפט אין זיד־אמעריקא (זעה דיא געשיכטע פון פערו). אלס הויפט־קאמאנדיר אין װענעצועלא איז דאן געבליבען פאעז, וועלכער איז געקומען גלייך אין קאנפליקטען מיט דיא שטאדט־פערוואלטונגען און האט אנגעפאנגען צו פיהרען זיך וויא א דיקטאטאר. אויסער דיא געוועהנליכע אינערליכע רייסערייען צווישען דיא צענטראליסטען און פעדעראליסטען, וויא אויך צווישען דיא ליבעראלען און קאנסערוואטארס, צווישען דיא אנטי־קלעריקאלען און דיא פערטהיידיגער פון דער קאטוילישער קירכע, רייסערייען, וועלכע האבען זיך ווידערהאלט גלייכצייטיג אין אלע ניי־געבאקענע שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען צוליעב דיא זעלבע אורזאכען, וועלכע זיינען שוין ערקלערט געווארען אין פאריגע קאפיטלעך פון דיזען בוך, זיינען אין װענעצועלא אויך פארגעקומען שטרייטען צוליעב דעם פערבאנד מיט ניי־גראנאדא און בכלל צוליעב באליוואר׳ס שטרעבונג צו שאפען א ריזיגע אימפעריע אונטער זיין הערשאפט.

אין 1826, ווען דיא פעדעראליסטען זיינען אלץ שטארקער געווארען און גענעראל פאעץ איז צוגעשטאנען צו זיי אפען געגען באליוואר׳ס צענטראליסטישע פארטיי, איז דער ליבעראטאר געקומען אין איילענים פון פערו, אום ווייטער אנצוהאלטען דעם פערבאנד פון װענעצועלא מיט ניי־גראנאדא. ער האט אויפגעלעזט דעם קאנגרעס, וואו זיינע געגנער האבען געהאט דיא מאיאריטעט, און האט זיך אפען ערקלערט פאר א דיקטאטאר. אין דער זעלבער צייט האט ער געשווארען, אז זיינע געגנער טראכטען אויף איהם אויס בלבולים און אז ער מיינט גאר ניט צו ווערען א קייזער, נור ער שטרעבט צו עטאבלירען א גרויסע און שטארקע רעפובליק. אלע זיינע טענות, אנשטרענגונגען און אויך פערפאלגונגען האבען אבער ניט אבגעהאלטען דעם שטייגענדען שטראם פון פעדע־

ראַליזם אין ווענעצועלאַ, ניי־גראַנאַדאַ, עקוואַדאָר א. ז. וו. דיא צאָהל פון אונ־צופריעדענע מיט דעם קאָלאָמביאַנער פערבאַנד און מיט דעם ליבעראַטאָר׳ס דיקטאַטור איז אַזוי שנעל געשטיעגען, דאָס צו ענדע פון 1829 האָט מען אויף אַן אסיפה פון אַ טויזענד פון דיא אָנגעזעהענסטע בירגער, דאַרונטער אויך אַ סך גענעראַלען און אָפיצירען, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין קאַ־ראַקאַס, דיא געבורטסשטאָדט פון דעם ליבעראַטאָר, בעשלאָסען ניט נור ארויס־צוטרעטען פון דיזען פערבאַנד, זאָנדערן אויך איבערצוגעבען דיא רעגירונג פון ווענעצועלאַ אין דיא הענד פון גענעראַל פּאַעץ.

באָליוואר האָט דאַן צוזאַמענגעקליבען אַן אַרמעע אין ניי־גראַנאַדאַ צו צווינגען דיא ווענעצועלער אריינצוטרעטען צוריק אין דעם קאָלאָמביאַנער פער־באַנד, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזען, אַז זיינע סאָלדאַטען האָבען מורא געהאַט אָדער ניט געוואָלט אַטאַקירען דיא אַרמעע, וועלכע האָט זיך בעפעס־טיגט אין אַ שטאַרקער פּאָזיציע לעבען גרענעץ אונטער דער קאָמאַנדע פון גע־נעראַל פּאַעץ. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף דעם ליבעראַטאָר, אַז ניט נור האָט ער רעזיגנירט אויפריכטיג, טאַקע מיט דער אבזיכט ניט צו זיין מעהר פּרעזידענט, זאָנדערן ער האָט זיך ווירקליך צוריקגעצויגען אַזאַ נידערשלאָגע־נער, אויסגעמאַטערטער, מיט אַ וועהטאָג אין הארצען, אַז עטליכע מאָנאַט שפּעטער איז ער געשטאָרבען.

פאַר׳ן טויט האָט ער אָנגעשריבען מיט אַ ווירקליך פּראָפעטישען בליק אויף דער צוקונפט פון דיא ניי־געשאַפענע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען: „אונזערע קאָנסטיטוציאָנען זיינען ביכער, אונזערע געזעצע — פּאַפּיער, אונזערע וואַה־לען — שלאַכטען, און דאָס לעבען גופא איז אַ פּייניגונג. מיר וועלען קומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז קיין אויסלענדישע נאַציאָן וועט ניט זוכען אונז צו עראָבערן, און מיר וועלען רעגיערט ווערען פון קליינע טיראַנען". עס קען זיין, אַז טאַקע דעריבער, וואָס ער האָט פאָראויסגעזעהען דיא פּראָנונסיאַמענטאָס, רעוואָלוציאָנען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנען פון אַמביציעזע גענעראַלען צו פער־כאַפּען דיא רעגיערונגס־מאַכט, וויא דיא שרעקליכע פּראַקטיקע האָט עס געצייגט אין דער גאַנצער לאַטיינישער אַמעריקאַ, האָט ער עס געשטרעבט צו עטאַב־לירען אַ שטאַרקע צענטראַליסטישע רעגירונג און צו האַלטען מיט אַ מיליטע־רישער מאַכט אַלע בעפרייטע שפּאַנישע קאָלאָניעס צוזאַמען.

קליינע טיראַנען האָבען אויך רעגירט אין ווענעצועלאַ, אָבער זייער צאָהל איז גראָדע געווען קלענער וויא אין דיא מייסטע אַנדערע זיד־אַמעריקאַנער רעפּובליקען. נאָך פאַר דעם טויט פון דעם ליבעראַטאָר, וועמעס אָנ־דענקען עס ווערט פערעהרט אין גאַנץ זיד־אַמעריקאַ, איז אין מאַי 1830 צו־זאַמענגערופען געוואָרען אַ קאָנגרעס, וואָס האָט אויסגעקליבען גענעראַל פּאַעץ

פאר פרעזידענט און האָט אָנגעקינדיגט דער רעגיערונג אין באָגאָטאַ, אַז ווענע־צועלאַ האַלט זיך פאר א פאַלשטענדיג אונאבהענגיגע רעפובליק. נאָך באָליוואר׳ס טויט, ווען דיא רעגירונג פון ניי־גראַנאַדאַ האָט פאקטיש אַנערקענט דיא אונ־אבהענגיגקייט פון ווענעצועלאַ, איז גענעראַל פּאַעז געבליבען דיקטאַטאָר ביז 1846. אין פערלויף פון דיזע פופצעהן יאָהר זיינען פאָרגעקומען עטליכע אויפ־שטאַנדען, אָבער פּאַעז האָט אַלץ טריאומפירט. דיזער אונוויסענדער ליאַ־נעראָ האָט אויך ארויסגעוויזען מערקווירדיגע אדמיניסטראַטיווע און דיפּלאָמאַ־טישע פעהיגקייטען. ער איז ווייט ניט געווען א גרויזאַמער דיקטאַטאָר. ווען עס פלעגט זיך ענדיגען דער געזעצליכער טערמין פון זיין פּרעזידענטשאַפט, פלעגט ער זאָגאַר פריעדליך אָבטרעטען זיין פּלאַץ צו געזעצליך־ערוועהלטע נאָכ־פאָלגער, אָבער ער פלעגט זיי נאָמינירען און אין דער פּראַקטיקע בלייבען דער דיקטאַטאָר. דיא יונגע רעפובליק האָט דערווייל געקענט זיך אָברוהען און מאַכען פאָרטשריטע.

אין 1846 האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון דיא פארביגע (מיים־טענס געמישטע פון ווייסע און אינדיאַנער מיט נעגערס) געגען דיא קרעאָלען. גענעראַל פּאַעז איז דאַן ווידער אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דיקטאַטאָר, אָבער ווען ער האָט אונטערדריקט דיזען אויפשטאַנד, האָט ער צוגעשטימט, אַז גענע־ראַל מאָנאַגאַס, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אין דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף געגען שפּאַניען, זאָל ווערען פּרעזידענט. נאָכהער אָבער, ווען מאָנאַ־גאַס, וועלכער איז אונטערשטיצט געווען אָנפאַנגס פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, האָט געוואָלט דורכפיהרען ליבעראַלע רעפאָרמען, האָט פּאַעז צו־זאַמענגעקליבען אַן ארמעע, אום איהם ארונטערצוזעצען. נור דיזעס מאָל האָט דער אַלטער דיקטאַטאָר פערלאָרען און האָט געמוזט אויסוואַנדערן.

ביז 1858 איז גענעראַל מאָנאַגאַס געבליבען דיקטאַטאָר. ער האָט זיך ארויסגעצייגט פאר א טרייען פעדעראַליסט. דיא צענטראַליסטען האָבען עט־ליכע מאָל אַרויסגערופען אויפשטאַנדען געגען איהם, אָבער זיי זיינען ניט געווען אין שטאַנד איהם ארונטערצוזעצען. דיא וויכטיגסטע פון דיא רעפאָרמען אונ־טער זיין דיקטאַטור איז געווען דיא אָבשאַפונג פון שקלאַווערייַ אין 1854.

דיא קאָנסטיטוציאָן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין דער צייט פון דער דיקטאַטור פון גענעראַל מאָנאַגאַס, איז געווען אַזאַ פעדעראַליסטישע, אַז עס האָט ניט פיעל געפעהלט, דאָס ווענעצועלאַ זאָל צושפּאַלטען ווערען אין עטליכע רעפובליקען. דורך דעם זיינען אויך אַרויסגעקומען שוועריגקייטען וועגען דיא שטייער פאר דיא צענטראַלע רעגירונג און פאר דיא פּראָווינצען און שטעדט. מיט דיזע שוועריגקייטען האָבען זיך בענוצט אין 1858 דיא צענטראַ־ליסטען, וועלכע זיינען געווען אונטערשטיצט פון דיא אַריסטאָקראַטישע גוטס־

בעזיצער און פון דיא גלחים, אום אַרויסצורופען אַ רעוואָלוציאָן אין קאַראַקאַס. גענעראַל פּאַעץ איז דאַן געקומען פון אויסלאַנד צו העלפען דיא צענטראַליסטען און איז פון דאָס נייע געוואָרען דיקטאַטאָר. אָבער אויך איהם איז ניט געלונגען צו עטאַבלירען אַ צענטראַליסטישע רעגירונג. דער קאַמפף צווישען דיא פערשיעדענע פּאַרטייען און אַמביציעזע פיהרער האָט זיך געצויגען ביז 1864, ווען גענעראַל פּאַעץ האָט געמוזט אָבטרעטען דיא דיקטאַטור צו גענעראַל פּאַלקאָן מיט זיין אַדיוטאַנט, דעם בעריהמטען גענעראַל גוצמאַן בלאַנקאָ, וועלכע האָבען געהערט צו דער פעדעראַליסטישער פּאַרטיי.

אונטער דער דיקטאַטור פון גענעראַל פּאַלקאָן איז ווענעצועלאַ צוטהיילט געוואָרען אין צוואַנציג האַלב־אונאַבהענגיגע שטאַאַטען. דער טערמין פון אַ פּרעזידענט איז פערקירצט געוואָרען אויף צוויי יאָהר און דיא פּרעסע האָט געקראָגען אַבסאָלוטע פרייהייט. אין יעדען פון דיא נייע־געשאַפענע שטאַאַטען זיינען באַלד אויפגעקומען אייגענע דיקטאַטאָרס מיט אייגענע אַנטי־דיקטאַטאָרס, און דיא לאַגע איז געוואָרען אַלץ ערגער. אין 1868 האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד אונטער דער לייטונג פון דעם עקס־דיקטאַטאָר מאָנאַגאַס, וואָס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז גענעראַל פּאַלקאָן האָט געמוזט זיך אָבטראָגען נאָך אויסלאַנד. נור דעם נעכסטען יאָהר איז דיא רעגירונגס־מאַכט אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון אַזאַ דיקטאַטאָר, וואָס האָט בעוויזען דעם קונץ צו הערשען גאַנצע צוואַנציג יאָהר.

דאָס איז געווען גוצמאַן בלאַנקאָ, וועלכער האָט געזיעגט אַלס דער פיהרער פון דער פעדעראַליסטישער פּאַרטיי, נור וועלכער האָט פּראַקטיש צענטראַליזירט דיא גאַנצע מאַכט אין זיינע שטאַרקע הענד. ער האָט ניט געענדערט דיא פּונקטען פון דער קאָנסטיטוציאָן, נור ער האָט זיי אויך ניט אויסגעפיהרט, ווען ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט אַפילו איבערגעלאָזען דעם פּונקט וועגען דיא וואַהלען פון אַ פּרעזידענט יעדע צוויי יאָהר. נור ער האָט פערזיכערט זיין דיקטאַטור אַזוי: ווען עס האָט זיך געענדיגט זיין אייגענער טערמין פון צוויי יאָהר, האָט ער שוין געהאַט אָנגעגרייט אַזאַ שטעל־פערטרעטער, וואָס האָט געמוזט טאַנצען נאָך זיין פייפעל. דער קאָנגרעס פלעגט אויסוועהלען דעם יענעם, וועמען ער פלעגט נאָמינירען. און וויא נור דער טערמין פון זיין געהאַרכזאַמען שטעל־פערטרעטער פלעגט זיך ענדיגען, פלעגט ער "זיך לאָזען אויסוועהלען" פון דאָס נייע. אין דיא האַלב־אונאַבהענגיגע שטאַאַטען האָט ער אויפגעפאַסט, אַז נור זיינע אַנהענגער זאָלען אויסגעוועהלט ווערען און פיהרען דיא גרענדע. מען מוז אָבער צוגעבען, אַז ער איז געווען אַ פעהיגער אַדמיניסטראַטאָר און אַז דאָס לאַנד האָט טאַקע אָבגערוהט און אויך זיך ענטוויקעלט אונטער זיין לאַנגער דיקטאַטור. אונטער זיין הערשאַפט זיינען אויך

אויפגעבויט געוואָרען עטליכע אייזענבאַהן-ליניעס. ער האָט זעהר פיעל אויפ-

א ווענעצועלער סאָלדאַט אין 1870.

געטאָהן צו מאַכען קאַראַקאַס פאַר איינע פון דיא שעהנסטע און בעסט-געבויטע

שטעדט אין זיד־אמעריקא. אקערבוי, פיה־פיטערונג און האנדעל האָבען אויפ־געבליהט.

אָבער דיא צאָהל פון זיינע פּאָליטישע שונאים און פון אונצופריעדענע מיט זיין לאנגער דיקטאטור, ספּעציעל מיט דער שטייגענדער לאַסט פון דיא שטייער, איז אויך אַלץ געוואַקסען. אין 1889 האָט אין קאראקאס אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד, וועלכער האָט געפיהרט צו אַ נייעם פערוויסטענדען בירגער־קריעג און האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס גוצמאַן בלאַנקאָ האָט אויך געמוזט אויסוואַנדערען נאָך דעם שטייגער פון דיא דורכגעפאַלענע דיקטאטאָרס, וועלכע בלייבען מיט גאַנצע ביינער און אָנגערויבטע מיליאָנען. (בלאַנקאָ האָט צייט גע־האָט אָנצוזאַמלען בעזאָנדערס גרויסע סומען אין אייראָפּעאישע באַנקען, אום צו קענען לעבען אַ גוטען טאָג, ווען עס וועט קומען אַ סוף צו זיין דיקטאטור).

אַלס פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט איז דאַן אויסגעוועהלט געוואָרען אַ גע־נעראַל מיט'ן נאָמען פּאַלאַסיאָס; אָבער ווען דיא קאָנסטיטוציאָן איז געענדערט געוואָרען אין מאַנכע פּונקטען, דאַרונטער אויך אַז דער טערמין פון אַ פּרע־זידענט זאָל פערלענגערט ווערען אויף פיער יאָהר, און ער האָט אָנגעצויגען דיא סטרונעס, אַז ער זאָל ווייטער בלייבען פּרעזידענט, האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד געגען איהם אין 1891. דיזער אויפשטאַנד האָט זיך, נאָך איי־ניגע שלאַכטען, געענדיגט דערמיט, וואָס פּאַלאַסיאָס מיט זיינע אדיוטאַנטען האָבען געמוזט אַנטלויפען נאָך אויסלאַנד, אום צו רעטען זייערע לעבענס, און וואָס גענעראַל קרעספּאָ איז געוואָרען דיקטאטאָר.

אונטער דער אדמיניסטראַציאָן פון גענעראַל קרעספּאָ, וועלכער האָט זיך געפיהרט אויף בלאַנקאָ'ס שטייגער, איז עס געקומען צו אַזאַ שטרייט צווישען ווענעצועלאַ און ענגלאַנד וועגען דיא גרענעצען פון גוויאַנאַ (דער ענגלישער טהייל פון גוויאַנאַ גרענעצט זיך אין מערב־זייט מיט ווענעצועלאַ), אַז פּרע־זידענט קליוולענד פון יונייטעד סטייטס האָט געפונען פאַר נויטיג אָנצונעהמען זיך פאַר דיזע שוואַכע רעפּובליק געגען דיא מעכטיגסטע אימפּעריע אין נאָמען פון דער מאָנראָו דאָקטרין. דיזער בעריהמט געוואָרענער שטרייט האָט זיך אָנגעפאַנגען דערמיט, וואָס ווענעצועלער בעאַמטע האָבען אַרעסטירט צוויי ענג־לישע פּאָליציי־אָפיציערען מיט עטליכע סאָלדאַטען אין אַ געוויסער געגענד אויף דער קלאַגע, אַז דיא ענגלענדער ווילען פערוואַלטען אַ טעריטאָריע, וועלכע געהערט צו ווענעצועלאַ. אָבוואָהל דיא וועגעצועלער רעגיערונג האָט געהייסען פריי לאָזען דיא אַרעסטירטע ענגלענדער, האָט דיא ענגלישע רעגיערונג דאָך פערלאַנגט שאַדענערזאַץ. גענעראַל קרעספּאָ האָט דאַן אַפּעלירט דורך זיין דיפּלאָמאַטישען פערטרעטער אין וואַשינגטאָן צו פּרעזידענט קליוולענד אויף דעם גרונד, דאָס ענגלאַנד האַנדעלט געגען דיא מאָנראָו־דאָקטרין. פּרעזידענט קליוולענד האָט אַנערקענט דיא קלאַגע פון וועגעצועלאַ געגען ענגלאַנד פאַר אַ

ריכטיגע, און דעם 18טען דעצעמבער 1895 האָט ער אין אַ מעסעדזש צום קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן ערקלערט, אַז אויב דיא ענגלישע רעגיערונג וועט זיך ענטזאַגען איבערצוגעבען דעם גרענעץ־שטרייט מיט ווענעצועלאַ צו אַ שיעדס־געריכט און וועט געברויכען איהר מיליטערישע מאַכט געגען ווענעצועלאַ, וועט עס דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס בעטראַכטען אַלס אַ casus belli (דאָס מיינט: אַ גרונד פאַר אַ מלחמה).

דאַן האָט זיך עס אָנגעפאַנגען אַ דיפּלאָמאַטישער סכסוך צווישען ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס וועגען ווענעצועלאַ. איין צייט האָט מען געמיינט, אַז עס וועט טאַקע אויסברעכען אַ מלחמה צווישען זיי; אָבער שליסליך האָט דיא ענגלישע רעגיערונג איינגעשטימט אין 1899 צו שליכטען איהר גרענעץ־מחלקה מיט ווענעצועלאַ דורך אַ שיעדס־געריכט און אָנצונעהמען אַ קליינע בעלוינונג פאַר דיא אַרעסטירטע פּאָליציסטען.

אין דיזער צייט איז אָבער פאָרגעקומען אין ווענעצועלאַ אַ נייע איבער־קעהרעניש. אין 1898 האָט דער דיקטאַטאָר קרעספּאָ אויסגעפיהרט, אַז סעניאָר אַנדראַדע, וועלכער איז געווען זיין דיפּלאָמאַטישער פערטרעטער אין וואַשינג־טאָן אין דער צייט פון דעם סכסוך צווישען ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס, זאָל אויסגעוועהלט ווערען פאַר פּרעזידענט. זיין אַבזיכט איז געווען צו קאָמאַנ־דירען ווייטער הינטער אַנדראַדע'ס רוקען. אָבער דיא אָפּאָזיציאָן האָט אָנ־געפאַנגען אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס גענעראַל קרעספּאָ איז שטערבליך פערוואונדעט געוואָרען אין איינער פון דיא שלאַכטען און וואָס אַנדראַדע האָט געמוזט אָבטרעטען דעם פּלאַץ אין 1900 צו אַ נייעם דיקטאַטאָר אין דער פּערזאָן פון גענעראַל טשיפּריאַנאָ קאַסטראָ, וועלכער האָט זיך באַלד בעריהמט געמאַכט מיט זיין קאַמפּף געגען, מעג מען זאָגען, דיא גאַנצע וועלט. ניט נור האָט קאַסטראָ זיך ענטזאַגט צו צאָהלען דיא חובות און דעם שאַדענערזאַץ, וואָס דיא רעגיערונגען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, אי־טאַליען, דייטשלאַנד און אויך יונייטעד סטייטס האָבען פערלאַנגט פאַר זייערע בירגער, וועלכע האָבען געליטען דורך דיא אָפטע רעוואָלוציאָנען און קאָנטר־רעוואָלוציאָנען, זאָנדערן ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען פערשיעדענע אויסלענדישע קאָמפּאַניעס און ספּעקולאַנטען, וועלכע האָבען אַרויסגעקראָגען זעהר וויכטיגע קאָנצעסיעס ביי דיא פריהערע דיקטאַטאָרס.

דיזע האַנדלונגען האָבען געפיהרט אין 1903 דערצו, אַז ענגלישע, דייטשע און איטאַליענישע קריעגס־שיפען האָבען בלאָקירט דיא פּאָרטען פון ווענעצועלאַ, אום צו צווינגען איהם נאָכצוגעבען זייערע פינאַנציעלע פאָדערונגען. ער האָט דאַן אַפּעלירט צו דער רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס זיך אַריינצומישען אין נאָמען פון דער מאָנראָו דאָקטרין. זיין ביטע איז אָבער פערוואָרפען געוואָרען

אין וואַשינגטאָן, ווייל ער האָט פונקט אַזוי שלעכט און קאַפּריזנע בעהאַנדעלט אַמעריקאַנער אונטערנעהמער און פינאַנסיסטען, וויא אויראָפּעאישע.

דער שטרייט איז דאַן איבערגעגעבען געוואָרען מיט דער צושטימונג פון אַלע צדדים צום אינטערנאַציאָנאַלען טריבונאַל אין האַאג, וועלכער האָט ענטשיעדען אין 1906, אַז ווענעצועלאַ דאַרף צאָהלען געוויסע סומען שאַדענערזאַץ צו דיא רעגיערונגען פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליען א. ז. וו.

דערמיט האָבען זיך אָבער ניט געענדיגט דיא אַטאַקעס פון דיקטאַטאָר קאַסטראָ אויף אויסלענדישע קאָמפּאַניעס און קאַפּיטאַליסטען. ער האָט אַלץ בעהויפּטעט, אַז ער קעמפּפט פאַר דיא אינטערעסען פון זיין פאָטערלאַנד געגען דיא פערכאַפּונגען און עקספּלואַטאַציעס פון אויסלענדישע ספּעקולאַנטען און אינטריגאַנטען. אין 1907 האָט ער זיך ענטזאַגט צו צאָהלען חובות צו בעלגישע קרעדיטאָרען און אויך צו געוויסע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען. דעם נעכסטען יאָהר האָט ער גאָר אַרויסגעיאָגט דעם האָלענדישען געזאַנדטען אויף דעם גרונד, דאָס אויף דעם האָלענדישען אינזעל קוראַסאַאָ ווערען געמאַכט פערשווערונגען און מען אָרגאַניזירט אַן עקספּעדיציע געגען זיין רעגיערונג. דיא האָלענדישע רעגיערונג האָט געענטפערט אויף אַזאַ ווילדען אַקט מיט קריעגס־שיפען, וועלכע האָבען בלאָקירט דיא ווענעצועלער פּאָרטען און פערניכטעט דיא ווענעצועלער פלאָטע.

אין פערלויף פון אַכט יאָהר האָט דיזער זאָנדערבאַרער מאַן אָנגעהאַלטען זיין דיקטאַטור, צום טראָץ פון אַלע זיינע צאָהלרייכע אינלענדישע שונאים און פון דיא רעגיערונגען פון אַלע האַנדעלס־נאַציאָנען. עס איז שווער צו זאָגען, אויב ער וואָלט זיך אַזוי ווייטער געקענט האַלטען, ווען ער וואָלט ניט געפונען פאַר נויטיג אין 1910 אַוועקצופאָהרען נאָך אויראָפּאַ. ער האָט ערקלערט, אַז ער מוז פאָהרען מאַכען אַ כירורגישע אָפּעראַציאָן, אום צו רעטען זיין לעבען, און האָט איבערגעלאָזען אויף זיין פּלאַץ דעם וויצע־פּרעזידענט כואַן גאָמעץ, אויף וועמעס טרייהייט ער האָט בעזאָנדערס געהאָפט.

אָבער אין דער צייט, ווען אַ שיף האָט געפיהרט קאַסטראָ'ן נאָך פראַנקרייך, האָט גאָמעץ געמאַכט אַ פּראָנונסיאַמענטאָ. קאַסטראָ'ס וויכטיגסטע אַנהענגער זיינען אַרעסטירט געוואָרען, און גאָמעץ איז ערקלערט געוואָרען פון דיא פערשווערער פאַר דעם פּרעזידענט. דיזע רעוואָלוציאָן איז דורכגעפיהרט געוואָרען אָהן בלוט־פערגיסונגען, אָבער קאַסטראָ, וועלכער האָט נאַטירליך פייערדיג פּראָטעסטירט געגען דיזען פעררעטה, איז געקומען אין אָנפאַנג פון 1913 צוריק פון אויראָפּאַ געזונד און פריש פאַר אַ נייע רעוואָלוציאָן. צו דער צייט, ווען דיזע געשיכטע ווערט געשלאָסען (מערץ 1914), זיצט נאָך גאָמעץ אויף'ן פּרעזידענטען־שטוהל אין קאַראַקאַס, און קאַסטראָ זוכט אַלץ צו ווערען ווידער דיקטאַטאָר.

# ארגענטינע

# Argentine

## ערשטער קאַפּיטעל.

# דיא שפּאַנישע בעזעצונגען און הערשאַפט אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען

אין 1516 האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג געשיקט אַן עקספּעדיציע אונטער דער קאָמאַנדע פון כואַן דיאַז דע סאָליס צו זוכען אַ זיד־וועסטליכען וועג נאָך אינדיען. דיזער קאַפּיטאַן איז פאָרבייגעפאָהרען דיא ברעגען פון בראַזיליען, וועלכע זיינען שוין ענטדעקט געוואָרען פון דעם פּאָרטוגעזישען קאַפּיטאַן פּעדראָ קאַבראַל מיט זעכצעהן יאָהר פריהער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער זעהר ברייטער מינדונג פון אַ טייך, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ (זילבער־טייך). אָנפאַנגס האָט ער געמיינט, אַז ער האָט טאַקע דער־גרייכט דעם זידליכען ענד פון דיזען לאַנד און אז ער האָט שוין ענטדעקט דעם פיעל געזוכטען נייען ים־וועג נאָך אינדיען. אָבער וואָס ווייטער ער איז געשוואומען, האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס וואַסער ווערט אַלץ ווענינער גע־זאַלצען, וואָס עס האָט איהם נאַטירליך געפיהרט צום שלוס, אַז ער שווימט גאָר אויף אַ ברייטען טייך.

דיזע רייזע איז אָבער געקומען צו אַ שנעלען סוף דורך דעם טראַגישען טויט פון קאַפּיטאַן דע סאָליס. אין איין אָרט ביי דיא נאָרדליכע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ, וואו ער האָט געלאַנדעט מיט עטליכע בעגלייטער, איז ער פּלוצלונג בעפאַלען און געטויטעט געוואָרען פון אַ באַנדע ווילדע אינדיאַנער. דיא עקס־פּעדיציע האָט זיך דאַן צוריקגעקעהרט נאָך שפּאַניען. ווען דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג איז געוואָהר געוואָרען, אַז שפּאַניער האָבען געלאַנדעט אין דער נאַכ־באַרשאַפט פון בראַזיליען, האָט זיא פּראָטעסטירט אויף דעם גרונד פון דעם אָבמאַך פון טאָרדעסילאַס*) אין 1494, נאָך וועלכען דיא ניי־ענטדעקטע לענדער 370 ליג (אַזאַ אַלטע מאָס אונגעפעהר דריי ענגלישע מייל) צו מערב פון דיא קאַפּ ווערדע אינזלען האָבען געהערט צו איהר. אָבער אָבגעזעהען דערפון, וואָס ניט נור דיא געגענדען אַרום לאַ פּלאַטאַ, וועלכע זיינען געבליבען שפּאַנישע קאָלאָניעס אונטער דיא נעמען אַרגענטינאַ און אורוגוואַי, זאָנדערן אפילו כמעט גאַנץ בראַזיליען געפינען זיך פיעל ווייטער צו מערב פון דיא דאָזיגע אינזלען, זאָ

*) זעה וועגען דעם דיא איינלייטונג אין דיזען בוך.

דאָס זיי האָבען טאַקע געהערט צו שפּאַניען, האָט פּאָרטוגאַל דאַן סאַי וויא סאַי קיין זאַך ניט געטהאָן צו פערנעהמען און בעפעסטיגען אירגענד וועלכען פּאָרט אין דיזע געגענדען.

דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט זיך אין יענער צייט איבערהויפּט גאַנץ וועניג געקימערט וועגען דיא פּראָטעסטען פון פּאָרטוגאַל. שפּאַניען איז דאָך געוועזען אין 16טען יאָהרהונדערט דיא גרעסטע און שטאַרקסטע מלוכה אין אוי־ראָפּאַ. אין 1519 האָט זיא יעדענפאַלס געשיקט אַ נייע עקספּעדיציע נאָך זיד־אַמעריקאַ צו זוכען אַלץ דעם זיד־וועסטליכען וועג נאָך אינדיען. דיזעס מאָל איז דער קאַפּיטאַן פון דער שפּאַנישער עקספּעדיציע געוועזען אַ פּאָרטוגע־זער, דער בעריהמטער פערנאַנדאָ מאַגעלאַן, וועלכער האָט טאַקע ענטדעקט דעם דאָזיגען וועג און דערצו נאָך געמאַכט דיא ערשטע רייזע אַרום דער ערד. ער איז אַריינגעטראָטען אין שפּאַנישען דיענסט, ווייל ער האָט ניט געפונען גענוג שטיצע פאַר זיינע פּלענער אין זיין פאָטערלאַנד. אין אָנפאַנג פון 1520, ווען ער האָט דערגרייכט לאַ פּלאַטאַ, האָט ער אויך אויסגעפאָרשט דיא געגענד, טאָמער וועט איהם דאָך געלינגען צו געפינען אַ וועג צו אָסט־אינדיען. נאָכהער האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן אַלץ ווייטער צום זיד, ביז ער האָט דערגרייכט אין אָקטאָבער פון דיזען יאָהר דעם וואַסער־וועג, וואָס טראָגט זיין נאָמען און וואָס פערבינדעט דעם אַטלאַנטישען מיט דעם פּאַסיפישען אָקעאַן (זעה איינ־לייטונג צו דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס אין דיזען בוך).

דיזער וועג איז אָבער וועניג בענוצט געוואָרען ספּעציעל דעריבער, ווייל ער איז זעהר אַ געפעהרליכער פאַר זעגעל־שיפען. דאָרטען בלאָזען כמעט שטענ־דיג צו שטאַרקע ווינטען. מאַגעלאַן האָט געהאַט מזל, וואָס ער איז דורכגע־שוואומען דאָרטען אָהן שום פערלוסט. דיא אַנדערע ים־פאָהרער, וואָס האָבען פּרובירט דיזען וועג, זיינען ניט געוועזען אַזוי גליקליך. זיי האָבען כמעט אַלע געליטען שיפּברוך צווישען דיא שאַרפע פעלזען אין דער צייט פון שטורמס. ערשט נאָך דער ערפינדונג פון דאַמפף־שיפען האָט דיזער ים־וועג אָנגעפאַנגען צו דיענען פאַר קאָמערציעלע צוועקען. דער פערקעהר צווישען שפּאַניען און איהרע קאָלאָניעס אויף דעם פּאַסיפישען אָקעאַן איז דאַרום אַלץ געפיהרט געוואָרען דורך דעם איסטמוס פון פּאַנאַמאַ.

דער ערשטער פערזוך אַריינצודרינגען טיעפער אין לאַנד דורך ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ מיט דעם צוועק צו גרינדען אַ קאָלאָניע איז געמאַכט געוואָרען אין 1526, ווען דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט געשיקט אַן עקספּעדיציע אונטער דער קאָמאַנדע פון סעבאַסטיאַן קאַבאָט, וועלכער האָט פריהער אָנטהייל גע־נומען אין דער בעריהמטער רייזע פון זיין פאָטער ביי דיא ברעגען פון נאָרד־אַמעריקאַ אונטער דעם ענגלישען פלאַג. אין 1519 האָט ער פערלאָזען דעם ענגלישען קעניג און איז אַריינגעטראָטען אין דיענסט ביי דעם שפּאַנישען קעניג,

וועלכער איז צופֿעליך געווען דער קייזער פֿון דייטשלאַנד אונטער דעם נאָמען קאַרל דער פֿינפֿטער. איינע פֿון דיא אויפֿגאַבען פֿון זיין עקספּעדיציע איז געווען צו בעשטימען דורך אַסטראָנאָמישע בעאָבאַכטונגען דיא גענויע גרענעץ־ליניע, לויט דעם אָבמאַך פֿון טאָרדעסילאַס, צווישען דיא פּאָסעסיעס פֿון שפּאַניען און פֿון פּאָרטוגאַל אין זיד־אַמעריקאַ. נור ווען ער איז אַריינגעשוואומען אין לאַ פּלאַטאַ, האָט ער זיך דערוואוסט פֿון דיא אינדיאַנער אין איין אָרט, אַז אין דער נאַכבאַרשאַפֿט געפֿינען זיך זילבער־מינען און אַז וויַיט־וויַיט אין מיטען לאַנד געפֿינט זיך אַ גרויסע און רייכע מלוכה. דאָס האָבען דיא אינדיאַנער געמיינט דיא אינקאַ־אימפּעריע אין פּערו. דיזע אינדיאַנער האָבען אויך געטראָגען זילבער־ציערונגען, וועלכע זיי האָבען געקראָגען פֿון דיא זילבער־מינען אין באָליוויאַ און פּערו דורך פֿערשיעדענע הענד. אָבוואָהל דיא אינקאַס האָבען זיך קיין מאָל ניט אַרונטערגעלאָזען פֿון דיא הויכע פּלאַטאָס אויף דיא אַנדעסען ביז צו דיא ערטער אין דיא טראָפּישע מזרח־געגענדען וואו עס פֿאַנגען אָן צו פֿליסען דיא טייכען, וועלכע פֿאַלען אַריין אין אַמאַזאָן און אין לאַ פּלאַטאַ, דאָך האָט עקזיסטירט אַ געוויסער פֿערקעהר צווישען דיא ווילדע אינדיאַנער דאָרטען און דיא פּערואַנער. וועגען דיא עקזיסטענץ פֿון דער אינקאַ־אימפּעריע האָט מען געהערט אין דער אינדיאַנער וועלט אַזוי וויַיט צום נאָרד וויא פּאַנאַמאַ (זעה דיא געשיכטע פֿון צענטראַל־אַמעריקאַ) און אַזוי וויַיט צום זיד, וויא דיא אַטלאַנטישע ברעגען פֿון אַרגענטינאַ.

ווען קאַבאָט און דיא אַוואַנטוריסטען, וועלכע האָבען איהם בעגלייטעט, האָבען דערהערט פֿון זילבער־מינען, האָבען זיי גלייך בעשלאָסען צו זוכען אַזוי לאַנג ביז זיי וועלען געפֿינען דאָס זילבער־לאַנד. דריי יאָהר האָבען זיי פֿערבראַכט אין אַזאַ זוכענעס. איין טהייל פֿון דיא אַוואַנטוריסטען האָט זיך אַוועקגעלאָזען אויף דעם טייך אורוגוואַי; אָבער דיא אינדיאַנער פֿון דעם שטאַם טשאַרואַס האָבען זיי געצוואונגען אָבצוטרעטען צוריק און אויך געטויטעט זייער קאַפּיטאַן. קאַבאָט אַליין, מיט דעם גרעסערען טהייל פֿון דיא אַוואַנטוריסטען, איז אַריינגעשוואומען אין דעם טייך פּאַראַנאַ און האָט אין דעם אָרט, וואו עס געפֿינט זיך היינט דיא שטאָדט סאַנטאַ פֿע, געגרינדעט אַ קאָלאָניע אונטער דעם נאָמען סאַן עספּיריטו (הייליגער גייסט). נאָכהער האָט ער פֿאָרטגעזעצט וויַיטער זיין רייזע איבער פּאַראַנאַ ביז ער איז צוריקגעקומען צום פּלאַץ אַפּיפּע, וואו שטיינער און אַ שנעלער שטראָם האָבען איהם איבערגעהאַקט דעם וועג. אויף זייערע רייזען האָבען דיא שפּאַניער צוזאַמענגעקליבען זילבער־ציערונגען, וועלכע דיא אינדיאַנער האָבען געטראָגען, און דאָס אַוועקגעשיקט נאָך שפּאַניען מיט אַ בעריכט איבער זייערע ענטדעקונגען. צוליעב דיזע שטיקלעך זילבער האָט עס דער ברייטער טייך, אין וועלכען עס פֿאַלען אַריין דיא גרויסע טייכען פּאַראַנאַ און אורוגוואַי, געקראָגען דעם נאָמען ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ. דערפֿון

שטאַמט אויך דער נאָמען ארגענטינא (פון דעם לאַטיינישען וואָרט ארגענטום, וואָס בעדייטעט זילבער).

אָבער קיין זילבער־מינען האָבען דיזע אוואַנטוריסטען ניט געפונען. דיא געגענדען פון לאַ פּלאַטאַ זיינען רייך אין פרוכטבארע פעלדער, אָבער ניט אין מינעראַלען. ערשט ווייטער צו מערב־זייט, וואו עס פאַנגען זיך אָן דיא אַנדעסען, געפינען זיך ערטער, וואָס זיינען רייך אין פערשיעדענע מעטאַלען. ווען קאבאַט איז, נאָך לאַנגע אומזיסטע זוכענעסען און אויך צוזאַמענשטויסען מיט ווילדע אינדיאַנער, צוגעשוואומען צוריק צו סאַן עספּיריטו, האָט ער אויסגעפונען, אַז דיא אינדיאַנער האָבען אַלעס צושטערט דאָרטען און אויסגעשלאַכטעט דיא עטליכע שפּאַנישע סאָלדאַטען אין דעם פאָרט. דיזער אונגליק האָט אַזוי ענט־מוטהיגט דיא אוואַנטוריסטען, אַז זיי האָבען בעשלאָסען צו פאָהרען צוריק נאָך שפּאַניען.

אין 1530 האָט קאבאַט זיך געווענדעט צו קאַרל דעם פינפטען מיט אַ ביטע צו געבען איהם דיא נויטיגע מיטעל פאַר אַ נייע עקספּעדיציע נאָך לאַ פּלאַטאַ. זיין פּלאַן איז געווען צו קומען אין פערבינדונגען מיט פּערו דורך דעם טייך בערמעכאָ, וועלכער איז אַ צופלוס פון פּאַראַנאַ און וועלכער פאַנגט זיך אָן אין דיא בערג לעבען באָליוויאַ. אָבער דער קעניג איז דאַן געווען פערנומען מיט דער מלחמה, וועלכע ער האָט געהאַט צו פיהרען מיט דעם פראַנצויזישען קעניג, און ער האָט איבערגעלאָזען דיא ווייטערע עקספּעדיציעס צו דיא רייכע גראַנדעס (הויכע אריסטאָקראַטען). צוויי יאָהר שפּעטער איז דיא ערשאָבערונג פון פּערו אויסגעפיהרט געוואָרען פון אוואַנטוריסטען, וועלכע זיינען געקומען אונטער דער קאָמאַנדע פון פראַנציסקאָ פּיזאַרא אויף שיפען פון פּאַנאַמאַ (זעה דיא געשיכטע פון פּערו).

וויא נור מען האָט געקראָגען צו וויסען אין שפּאַניען וועגען דיזע ערשאָבערונג, וועלכע האָט אויפגערודערט דיא גאַנצע אייראָפּעאי־שע וועלט אין העכסטען גראַד, כמעט אַזוי וויא קאָלאָמבוס'עס ענטדעקונג פון אַמעריקאַ, איז קאַרל דער פינפטער בעלאַגערט געוואָרען פון אַדעליגע, וועלכע האָבען געבעטען ערלויבנים צו קעמפּפען אין דער נייער וועלט פאַר דיא שפּאַנישע הערשאַפט. איינער פון זיי, אַ גראַנדע מיט'ן נאָמען פּעדראָ דע מענדאָזאַ, האָט געקראָגען ביים קעניג דיא פּריווילעגיע צו פערנעהמען אַ טערי־טאָריע פון 200 ליג ביי דיא ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן צום זיד פון דיא פּאָרטוגעזישע פּאָסעסיעס אין בראַזיליען (דיא קעניגע האָבען דאַן ניט גע־זשאַלעוועט ריזיגע שטיקער לאַנד, ניט וויסענדיג וויא גרויס דיא ניי־ענטדעקטע געגענדען זיינען). אויף זיין אייגענער רעכנונג האָט ער אָרגאַניזירט אַן עקס־פּעדיציע פון 2500 מאַן. דאָס איז געווען דיא גרעסטע און רייכסטע פון דיא עקספּעדיציעס וואָס זיינען געשיקט געוואָרען נאָך דער נייער וועלט. אין יאַ־

נואַר 1535 איז מענדאָזאַ אָנגעקומען אין לאַ פּלאַטאַ און אין אַן אָרט ביי דיא זידליכע ברעגען פון דיזען ברייטען טייך האָט ער געגרינדעט אַ קאָלאָניע, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען בוענאָס ערעס (בעדייטעט: גוטע לופט). נאָכהער האָט ער נאָכגעפאָלגט קאַבאָט'ס וועג איבער דעם טייך פּאַראַנאַ און ניט ווייט פון דעם צערשטערטען פּאָרט סאַן עספּיריטו האָט ער אויפגעבויט אַ פּאָרט מיט'ן נאָמען קאָרפּוס קריסטי.

אָבער דיא אינדיאַנער אין דער נאַכבאַרשאַפט פון בוענאָס ערעס זיינען געווען פייערדיגע קריעגער. זיי האָבען געהאַסט מיט זייער ווילדען צאָרן דיא ווייסע און געטהאָן אַלעס פון זייער זייט צו פערניכטען דיא אונגעבעטענע געסט. זיי האָבען געלעבט אין קליינע גרופּען אין אַזאַ ווילדען צושטאַנד, אַז ווען זיי וואָלטען אפילו געווען פריינדליך צו דיא שפּאַניער, וואָלטען זיי אויך ניט געקענט שאַפען גענוג שפּייז פאַר אַזוי פיעל נייע מיילער. ווען דיא פּראָוויזיע וואָס דיא שפּאַניער האָבען מיטגעבראַכט, איז אויסגעגאַנגען, האָבען אַלע געליטען הונגער. אין פערלויף פון אַ יאָהר זיינען פון קראַנקהייטען, הונגער און צוזאַמענשטויסען מיט אינדיאַנער אומגעקומען פיער־פינפטלעך פון דיא אַוואַנטוריסטען. דיא איבעריגע האָבען זיך קוים דערשלעפּט ביז צום פּאָרט קאָרפּוס קריסטי, וואו זיי האָבען זיך בעפעסטיגט געגען דיא אַטאַקעס פון אינדיאַנער. מענדאָזאַ, וועלכער איז אַליין אויך קראַנק געוואָרען, האָט אַרויסגעשיקט פון דיזען פּאָרט קליינע עקספּעדיציעס צו דערגרייכען ביז פּערו; אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען. בלויז איינע פון דיזע קליינע עקספּעדיציעס אונטער דער קאָמאַנדע פון דאָמינגאָס איראַלאַ האָט עפּעס אויסגעפיהרט. אין דעם אָרט, וואו דער טייך פּילקאָמאַיאַ פאַלט אַריין אין דעם טייך פּאַראַגוואַי, האָבען זיי אין 1536 געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ בעזעצונג, וועלכע זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען אַסונסיאָן לכבוד דעם דאָזיגען קאַטאָלישען יום טוב און וועלכע האָט געהאַט דעם מזל צו ווערען דיא ערשטע שטענדיגע שפּאַנישע קאָלאָניע אין מיטען לאַנד פון זיד־אַמעריקאַ. אַן אַנדערע פון דיזע עקספּעדיציעס האָט וואַהרשיינליך נאָך לאַנגע שלעפּעניסען און גרויסע מאַטערניסען דערגרייכט טאַקע ביז דיא בערג פון באָליוויאַ, לויט דיא בעריכטען פון איינעגע אינדיאַנער, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט דערלעבט צוריקצוקומען.

פון מענדאָזאַ'ס גרויסער עקספּעדיציע זיינען אַזוי געבליבען בלויז עטליכע אַוואַנטוריסטען, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין אַסונסיאָן, וואָס איז געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פון פּאַראַגוואַי, און האָבען אויסגעקליבען איינשטימיג זייער פיהרער איראַלאַ פאַר דעם גענעראַל־קאַפּיטאַן אין 1538. דער שרעקליכער סוף פון מענדאָזאַ'ס עקספּעדיציע האָט אָבער ניט אָבגעשראָקען אַנדערע אַוואַנטוריסטען צו מאַכען נייע פערזוכען צו עראָבערען און קאָלאָניזירען דיא געגענדען, וואו עס געפינען זיך היינט דיא רעפּובליקען אַרגענטינאַ, פּאַראַגוואַי

און אורוגוואַי. אין 1540 האָט קאַבעזאַ דע וואַקאַ, אַ גראַנדע און אַ בעוואוס־טער קאָנקוויסטאַדאָר, געקראָגען אַ קעניגליכע ערלויבניס צו קאָלאָניזירען דיא געגענדען אַרום לאַ פּלאַטאַ און צו זוכען אַ נייע עלדאָראַדאָ. ער האָט פון דאָס נייע געגרינדעט אַ קאָלאָניע אין דעם אָרט, וואו עס שטעהט היינט בוענאָס ערעס, דיא גרעסטע שטאָדט פון זיד־אַמעריקאַ און דער גרעסטער פּאָרט פון דער נייער וועלט נאָך ניו יאָרק.

דיזער צווייטער פערזוך איז אָבער געוועזען נאָך וועניגער ערפאָלגרייך פון דעם ערשטען. קאַבעזאַ דע וואַקאַ האָט זיך געאיילט צו דערגרייכען אַסונסיאָן. איין טהייל פון זיינע אַוואַנטוריסטען האָט ער געשיקט אויף שיפען איבער לאַ פּלאַטאַ און פּאַראַנאַ און מיט אַן אַנדער טהייל האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן איבער דער יבשה פון דעם פּאָרט סאַנטאַ קאַטאַרינאַ ביי דיא ברעגען פון בראַ־זיליען נאָך אַסונסיאָן. דאָס איז איהם געלונגען, טראָץ פערשיעדענע מאַטער־ניסען אויף'ן וועג, וואָס האָט זיך געצויגען אַ טויזענד מייל דורך טראָפּישע וועלדער, איבער בערג, טהאָלען און זומפּען. נור ער איז באַלד געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט איראַלאַ, וועלכער איז געשטיצט געוועזען פון אַלע קאָלאָ־ניסטען, און דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבען איהם אַרעסטירט און אַרויפגע־זעצט אויף אַ שיף, וועלכע האָט איהם אַוועקגעפיהרט נאָך שפּאַניען. דיא בע־זעצונג אין בוענאָס ערעס איז אין 1543 ווידער צושטערט געוואָרען פון דיא ווילדע אינדיאַנער.

נאָך דיזען דורכפאַל זיינען פּאָריבער אַ יאָהר פערציג ביז עס איז געלונגען דיא שפּאַניער צו עטאַבלירען אַ קאָלאָניע ביי דיא ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ. דיא גרינדער זיינען שוין אָבער ניט געווען געבאָרענע שפּאַניער, נור קרעאָלען, וועלכע זיינען געבאָרען און אויפגעוואַקסען געוואָרען אין פּאַראַגוואַי און וועלכע האָבען אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַ לעבען פון יעגער אויף דיא טאַבונעס פערד און סטאַדעס בהמות, וואָס האָבען זיך פערמעהרט מיט אַ וואונדערבאַרער שנעל־קייט פון דיא עטליכע פּאָארען, וועלכע מענדאָזאַ האָט מיטגעבראַכט צוזאַמען מיט דיא קאָלאָניסטען. אין אַ קורצער צייט האָבען זיך צושפּרייט איבער דיא פּאַמפּאַסען, וויא מען רופט דיא סטעפּעס פון אַרגענטינאַ, מיליאָנען פערד, אָקסען, שעפּסען, ציעגען א. ז. וו. דיא אַרגענטינער נאַציאָן האָט זיך אָנגע־פאַנגען פון דיא קרעאָלען און מעסטיזאָס, וועלכע האָבען געקראָגען דעם נאָמען גאַוטשאָ און וועלכע האָבען דעם גרעסטען טהייל פון זייער לעבען פערבראַכט רייטענדיג אויף פערד, אַזוי וויא דיא קאַו־באָיס אין ווילדען וועסט פון יונייטעד סטייטס. אין דיא סטאַדעס ווילדע בהמות האָבען דיזע קאָזאַקען פון דיא פּאַמ־פּאַסען, דיזע אַרגענטינער קאַו־באָיס, שטענדיג געהאַט אונטער דיא הענד אַן אונערשעפּפליכען זאַפּאַס פון שפּייז.

אונטער דער פיהרונג פון אַן אַוואַנטוריסט מיט'ן נאָמען כואַן דע גאַראַי,

וועלכער האָט אַנטהייל גענומען אין דער עראָבערונג פון פערו, האָבען זיך אַ באַנדע קרעאָלען אַ לאָז געטהאָן פון אַסונסיאָן אַרונטער מיט דיא טייכען פּאַראַגוואַי און פּאַראַנאַ ביז דעם אָרט, וואו עס זיינען געבליבען סמנים פון דיא ערשטע בעזעצונגען סאַן עספּיריטו און קאָרפּוס קריסטי און וואו זיי האָבּען געגרינדעט סאַנטאַ פּע, דיא ערשטע פון דיא שטעדט אויף דער טעריטאָריע פון דער אַרגענטינער רעפּובליק. ווען דיא בעזעצונג אין סאַנטאַ פּע איז שטאַרקער געוואָרען און האָט געקענט אויסהאַלטען דיא אַטאַקעס פון דיא אַרומיגע אינדיאַנער, האָט גאַראַי צוזאַמענגעקליבען אַ נייע באַנדע קרעאָלען אום צו גרינדען אויך אַ קאָלאָניע ביי דיא ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ. אין 1580 איז איהם טאַקע געלונגען, נאָך אַ זיעגרייכער שלאַכט מיט דיא אינדיאַנער, צו לייגען דעם פונדאַמענט פון בוענאָס ערעס. אום דיזע קאָלאָניע זאָל קענען עקזיסטירען אָהן אירגענד וועלכע הילפע פון שפּאַניען, האָט דיזער זעהר פעהיגער און ענערגישער אָנפיהרער אַרויסגעשיקט פון סאַנטאַ פּע עטליכע הונדערט פאַמיליעס פון דיא פריינדליכע אינדיאַנער־שטאַמען צוזאַמען מיט אַ טויזענד פערד, עטליכע הונדערט קיה, שעפּסען א. ז. וו. אונטער דעם שוץ פון גאַוטשאָס, וועלכע האָבען געהאַט דיא אויפגאַבע צו פערטרייבען דיא ווילדע אינדיאַנער אויף׳ן וועג. אויף שיפען האָט ער געשיקט פון סאַנטאַ פּע תבואות, געוועהר, אינסטרומענטען און אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען נויטיג געווען פאַר דיא גרינדונג פון אַ קאָלאָניע אין יענע צייטען. דיא וויכטיגסטע אורזאַכע, וואַרום גראַדע דער אָרט בוענאָס ערעס איז אויסגעקליבען געוואָרען פון מענדאָזאַ, דע וואַקאַ און גאַראַי פאַר דיא ערשטע בעזעצונג ביי דיא ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ, איז געווען, וואָס דאָרט געפינט זיך אַ קליינער טייכעל מיט׳ן נאָמען ריאַטשיעלאָ, וועלכער האָט געקענט דיענען אַלס האַפען פאַר קליינע שיפלעך.

גראַדע אין דעם זעלבען יאָהר, ווען סאַנטאַ פּע איז געגרינדעט געוואָרען, זיינען שפּאַניער צוגעקומען פון פּערו צו אַן אָרט, וואו עס געפינט זיך דיא אַרגענטינער שטאָדט קאָרדאָבאַ, וועלכע זיי האָבען דאַן געגרינדעט. דיא שווערד־העלדען אין פּערו האָבען ניט געקענט בלייבען רוהיג אויף איין אָרט. זיי האָבען אַלץ געזוכט נייע עלדאָראַדאָס און האָבען אַלץ געוואָלט זיך אויסצייכנען מיט נייע העלדענטהאַטען. אין 1553 האָבען אייניגע אַוואַנטוריסטען זיך אַרונטערגעלאָזען פון דיא אַנדעסען אין פּערו ביז צו דיא געגענדען פון אַרגענטינע, וואו עס געפינט זיך היינט דיא שטאָדט סאַנטיאַגאָ דעל עסטעוואָ. אין 1559 האָט אַן עקספּעדיציע, וועלכע איז אַרויס פון טשילי אונטער דער קאָמאַנדע פון גאַרסיאַ דע מענדאָזאַ, דורכגעקרייצט דיא אַנדעסען ביז צו דער געגענד, וועלכע בילדעט היינט דיא אַרגענטינער פּראָווינץ וואָס טראָגט זיין נאָמען און וואָס ציהט זיך ביי דיא גרענעצען פון טשילי.

אַזוי זיינען געשאַפען געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון 16טען יאָהר־

הונדערט עטליכע צענטראַל־פּונקטען פון שפּאַנישע הערשאַפט אין דיא זידליכע אַטלאַנטישע געגענדען פון זיד־אַמעריקאַ.

אין דעם יאָהר פון דער גרינדונג פון בוענאָס ערעס, וואו גאַראַי האָט איינגע־פיהרט אַ קאַבילדאָ אָדער שטאָדט־פערוואַלטונג נאָך דעם היימישען שפּאַנישען מוסטער, האָט שפּאַניען דערגרייכט דיא העכסטע שטופע פון איהר מאַכט, ווייל דאַן איז פּאָרטוגאַל מיט אַלע איהרע קאָלאָניעס אין אַזיען (איסט־אינדיען), אַפריקאַ און אַמעריקאַ געוואָרען אַ טהייל פון דער שפּאַנישער אימפּעריע. דער שפּאַנישער קעניג האָט אַזוי געהערשט איבער אַלע עקען וועלט. דער פּאַסיפי־שער אָקעאַן איז געווען דאַן וויא אַ שפּאַנישע אָזערע, ווייל אַלע בעקאַנטע וועגען צו איהם זיינען געווען אין שפּאַנישע הענד (ספּעציעל דער פּאַנאַמאַ־וועג און דער מאַגעלאַן־וועג). אָבער אין 1616 האָט דער האָלענדישער קאַפּיטאַן שאָוטען געפונען אַ נייעם וועג צום פּאַסיפישען אָקעאַן, נעמליך דעם וועג אַרום קעיפּ האָרן (דער וויטעסטער זידליכער פּונקט פון דער נייער וועלט) אויף דעם גרויסען אינזעל, וואָס טראָגט דעם נאָמען טיעראַ דעל פועגאָ (פייערלאַנד), אַבוואָהל דאָרטען איז זעהר קאַלט. דיזען אָפּענען וועג אויףביידע אָקעאַנען, וועלכע טרעפען זיך, זאָ צו זאָגען, צוזאַמען ביי קעיפּ האָרן, האָט שוין שפּאַניען ניט געקענט קאָנטראָלירען. ער איז ניט געווען אַזוי געפעהרליך פאַר זעגעל־שיפען, וויא דער וועג וואָס מאַגעלאַן האָט ענטדעקט מיט קנאַפּע הונדערט יאָהר פריהער. האָלענדישע, ענגלישע און פראַנצויזישע שיפען האָבען שוין געקענט צוקומען צו טשילי, פּערו און בכלל צו דיא לענדער ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפי־שען אָקעאַן און פיהרען דאָרטען אַזאַ האַנדעל, וויא דאָס איז נור מעגליך געווען אונטער דיא אומשטענדען.

דאָס איז געווען אַ קאָנטראַבאַנדע־האַנדעל. מיר ווייסען שוין פון פריהערע קאַפּיטלעך, אַז דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט פערבאָטען יעדען האַנדעל פון איהרע קאָלאָניעס מיט דער אויסערער וועלט. דיא שפּאַנישע קעניגע האָבען געקוקט אויף אַמעריקאַ, וויא אויף זייער פּריוואַט־אייגענטהום. זיי האָבען דאַרום געזוכט נור צו מאַכען פּראָפיטען פאַר זיך. דערביי האָבען זיי פערגעסען אַן דיא אינטערעסען ניט נור פון דיא קאָלאָניעס, זאָנדערן פון שפּאַניען גופא. דער האַנדעל מיט דיא קאָלאָניעס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו איין פּריוויליגירטער קאָמפּאַניע, צו דער קאָמפּאַניע פון קאַדיקס. נור דיא שיפען פון דיזער קאָמפּאַניע האָבען געמעגט טראַנספּאָרטירען סחורות צווישען שפּאַניען און אַמעריקאַ. דער מאַרשרוט פון דיא שיפען איז געווען פון קאַדיקס ביז דעם פּאָרט נאָמברע דע דיאָס אויף דעם איסטמוס פון פּאַנאַמאַ. פון דיזען פּאָרט פלעגט מען נאָכהער פּאַנאַנדערשיקען סחורות נאָך אַלע קאָלאָניעס, אפילו אַזעלכע וואָס האָבען געהאַט פּאָרטען ביי דיא ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן. עס פערשטעהט זיך, אַז אַלע אימפּאָרטירטע אַרטיקלען זיינען געווען בראַנד־טהייער

און אז צוליעב דעם האָט מען געקענט מאַכען אויסגעצייכענטע געשעפטען דורך קאָנטראַבאַנדע.

וויא רואינירענד און פשוט אונזיניג אזא האַנדעלס־סיסטעם איז געווען ווארפט זיך בעזאָנדערס אין דיא אויגען, ווען מען בעטראַכט ארגענטינא אין איבערהויפּט דיא לענדער ביי דיא טייכען, וואָס פאַלען אריין אין לאַ פּלאַטאַ. אזא אטלאַנטישער פּאָרט וויא בוענאָס ערעס האָט גאַר ניט געטאָרט האָבען דירעקטע האַנדעלס־פערבינדונגען מיט אירגענד וועלכע אַנדערע פּאָרטען, אפילו ניט מיט קאַדיקס. אַנשטאָט צו עפענען אזא נאַטירליכען האַנדעלס־וועג, וויא דורך לאַ פּלאַטאַ און איהרע צופלוסען ביז פּערו, אַ וועג אויף וועלכען סעבאַס־טיאַן קאַבאָט און אַנדערע ערשטע רייזענדע דאָרטען האָבען אָנגעצייגט דער שפּאַנישער רעגיערונג, האָט מען ניט נור אָנגעהאַלטען דעם קינסטליכען וועג פון דער קאַדיקסער מאָנאָפּאָל־קאָמפּאַניע, זאָנדערן מען האָט זאָגאַר עטאַבלירט אין קאָרדאָבאַ אַ קאָסטאָם־הויז (טאַמאָזשנע, צאָלהויז), וואו מען פלעגט צווינ־גען צו צאָהלען 50 פּראָצענט פאַר יעדע זאַך, וואָס פלעגט געשיקט ווערען פון פּערו נאָך ארגענטינאַ אָדער פערקעהרט. דיא פּראָטעסטען פון דיא קאָלאָניס־טען האָבען גאַנץ ווייניג געווירקט אויף דער רעגיערונג אין מאַדריד. קוים מיט צרות האָבען דיא איינוואָהנער פון בוענאָס ערעס ארויסגעקראָגען אין 1618 דיא ערלויבניס אין מאַדריד ארויסצושיקען איין מאָל אַ יאָהר צוויי שיפען מיט זייערע פּראָדוקטען. ווענען דיא קאָלאָניעס אין אַרגענטינאַ, אורוגוואַי און פּאַראַגוואַי האָט זיך דיא שפּאַנישע רעגיערונג געקימערט פיעל ווייניגער וויא ווענען דיא אַנדערע, ווייל זיא האָט פון זיי אפילו ניט ערוואַרטעט צו קריעגען דיא עדעלע מעטאַלען, אויף וועלכע זיא האָט ספּעציעל אויסגעקוקט. דיא מאָ־נאָפּאָליסטען פון קאַדיקס האָבען אָבער שטענדיג זיך געשראָקען, אַז דורך דיזע אטלאַנטישע קאָלאָניעס וועלען ענגלישע און האָלענדישע שיפען קענען פיהרען קאָנטראַבאַנדע אויך מיט דיא פּאַסיפישע קאָלאָניעס, און זיי האָבען דאָרום גאַנץ שטאַרק געזאָרגט, אַז דער וועג דורך לאַ פּלאַטאַ זאָל צוגעשלאָסען ווערען. דיא וויכטיגסטע האַנדעלס־פּראָדוקטען פון אַרגענטינאַ זיינען דאַן געווען, וויא אויך אין שפּעטערע צייטען, פעל און פערד־האָאָר. דיא מאַדרידער רעגיערונג וואָלט אייגענטליך ניט געשטערט דיזען האַנדעל, וואָס איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דיא גאַוטשאָס און פאַר דער וויטערער ענטוויקלונג פון דיא לאַ פּלאַטאַ קאָלאָניעס, ווען זיא וואָלט ניט מורא געהאַט, אַז מען וועט אריינשמוגלען אין דיזע אַרטיקלען פּעקלעך מיט גאָלד און זילבער פון פּערו, באָליוויאַ און טשילי, זאָ דאָס זיא וועט ניט נור פערלירען איהר חלק (דער קעניג פלעגט קריעגען אַ פינפטעל פון אַלע עדעלע מעטאַלען, וועלכע מען פלעגט בע־קומען פון דיא מינען אין דיא קאָלאָניעס), זאָנדערן אַז אַנדערע רעגיערונגען, אפילו איהרע ביטערסטע שונאים, וועלען בעקומען דיזען רייכטהום. דיא קעניגע

און מיניסטאָרען פון שפּאַניען און פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָבען אין יענע צייטען שטאַרק געגלויבט, אַז רייכטהום בעשטעהט נור אין גאָלד און אין זילבער. דיא שפּאַנישע רעגיערונג, וועלכע האָט אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט אַן אונציע פון דיא עדעלע מעטאַלען אַריינפּאַלען דורך שמוגלעריי אין דיא הענד פון איהרע שונאים, האָט זיך גאָר ניט ארומגעזעהן, וויא זיי, דיא עדעלע מעטאַלען, זיינען אַלץ מעהר אַרויסגערונען פון איהרע הענד דורך איהר משונה׳־דיגע האַנדעלס־סיסטעם און האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען דורך פערשיעדענע האַנדעלס־וועגען אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, ספּעציעל אין האָלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך.

דיא פּאָרטוגעזער, וועלכע האָבען זיך אַלץ ווייטער צושפּרייט איבער דיא ריזיגע געגענדען, וועלכע געהערען צו בראַזיליען, האָבען געקענט פיהרען אַ געהיימען האַנדעל מיט אַרגענטינאַ פיעל לייכטער פאַר דיא ענגלענדער און האָלענדער, ווייל זיי זיינען געווען נאָהענטע שכנים. אין 1680 האָבען דיא פּאָרטוגעזער עטאַבלירט אַ האַנדעלס־פּונקט אין אַ פּאָרט, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען קאָלאָניא און וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם נאָרדליכען ברעג פון לאַ פּלאַטאַ פּונקט געגענאיבער בוענאָס ערעס. דאָס איז היינט אַ פּאָרט פון דער רעפּובליק אורוגוואַי. פון דיזען פּאָרט פלעגט מען אַריבערשמוגלען סחורות דירעקט נאָך בוענאָס ערעס אָדער נאָך אַנדערע שפּאַנישע בעזעצונגען אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען. דיא אַריבערגעשמוגעלטע אַרטיקלען פלעגען דערגרייכען דורך געוויסע יבשה־וועגען אפילו ביז לימאַ.

אין 1715 האָט ענגלאַנד אַרויסגעקראָגען ביי שפּאַניען נאָך דעם בעריהמ־טען טראַקטאַט פון אוטרעכט אַן ערלויבניס צוצושטעלען נעגער־שקלאַווען פאַר דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. דיזע שקלאַווען־שיפען פלעגען זיך אָבער אויך בעשעפטיגען מיט קאָנטראַבאַנדע, בעזאָנדערס אין בוענאָס ערעס. אַלע אָנשטרענגונגען פון דיא שפּאַנישע בעאַמטע צו מאַכען אַ סוף פון דיזער שמוגלעריי האָבען ניט געהאָלפען, און אין 1739 האָט צוליעב דעם זאַגאַר אויס־געבראָכען אַ קריעג צווישען שפּאַניען און ענגלאַנד. נאָך דיזען קריעג האָט ענגלאַנד פערלאָרען דיא שענדליכע פּריווילעגיע צו אימפּאָרטירען שוואַרצע שקלאַווען אין דיא שפּאַנישע קאָלאָניע.

ערשט אין 1776 איז דיזע רואינירענדע האַנדעלס־סיסטעם אין גאַנצען אָבגעשאַפט געוואָרען, און אויך בוענאָס ערעס און אַנדערע פּאָרטען אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען זיינען געעפענט געוואָרען פאַר דעם האַנדעל פון אַלע נאַציאָנען. צו דער צייט האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג אויך בעשלאָסען צו עטאַבלירען אַ וויצע־קעניגטהום אין בוענאָס ערעס. אין דיזען וויצע־קעניגטהום זיינען אַריינגערעכענט געוואָרען דיא טעריטאָריעס פון אַרגענטינאַ, אורוגוואַי, פּאַראַגוואַי און באָליוויאַ. דער ערשטער וויצע־קעניג פון בוענאָס ערעס, דאָן

פעדראָ דע צעבאַלאָס, האָט מיטגעבראַכט אַ שטאַרקע מיליטערישע מחנה צו פעריאָגען דיא פּאָרטוגעזער פון זייער קאָנטראַבאַנדע־פּאָרט קאָלאָניא, וואָס עס איז איהם אויך געלונגען און וואָס עס האָט ענטשיעדען דעם שיקזאַל פון אור־רוגוואי אַלס אַ שפּאַנישע קאָלאָניע.

דיא זעלבע רעגיערונגס־סיסטעם איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אַרגענ־טינאַ אַזוי וויא אין דיא אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס. בוענאָס ערעס האָט גראַדע געהאַט דעם מזל, דאָס נאָך דעם טויט פון איהר גרינדער גאַראַי (ער איז פּלוצלונג בעפאַלען און געטויטעט געוואָרען פוןווילדע אינדיאַנער) איז דער אָנפיהרער געוואָרען אַ יונגער און זעהר פעהיגער קרעאָל מיט׳ן נאָמען הער־נאַנדאַריאַס סאַאוועדראַ, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען פון שפּאַנישע עלטערן אין אַסונסיאָן אין 1561. ער האָט געפיהרט אַ שווערען און ביטערען קאַמפּף מיט דיא אינדיאַנער און האָט זעהר פיעל בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פון דיא יונגע קאָלאָניעס אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען. פאַר זיינע גוטע לייס־טונגען האָט איהם דיא שפּאַנישע רעגיערונג געמאַכט זאָגאַר פאַר דעם גובער־נאַטאָר פון בוענאָס ערעס. טראָץ דעם וואָס ער האָט אַלץ געקעמפּפט מיט דיא אינדיאַנער און געזוכט זיי צו אונטערוואַרפען אונטער דער הערשאַפט פון דיא שפּאַניער, איז ער אָבער געווען זעהר שטאַרק געגען זייער פערשקלאַוואונג און בכלל געגען דיא סיסטעם פון ״רעפּאַרטימיענטאָס״ אָדער ״ענקאָמיענדאַס״ (זעה וועגען דיא דאָזיגע סיסטעם דיא געשיכטען פון מעקסיקאָ און פּערו).

אין 1610, ווען דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט אַרויסגעלאָזען געזעצע גע־גען דיא ווייטערע פערשקלאַוואונג פון אינדיאַנער, האָט דיזער מערקווירדיגער קרעאָל זעהר ענערגיש זיי דורכגעפיהרט. פון דער אַנדער זייט האָט ער אויך גע־זוכט צו בעשיצען דיא אינטערעסען פון דיא קרעאָלען, מעסטיזאָס און בכלל פון דיא געבאָרענע אין לאַנד געגען דיא שפּאַנישע אַריסטאָקראַטען און בעאַמטע. געוועהנליך האָבען דיא געבאָרענע שפּאַניער ניט דערלאָזען, אַז דיא קרעאָלען זאָלען פערנעהמען וויכטיגע רעגיערונגס־שטעלען, בפרט נאָך דעם אַמט פון אַ גובערנאַטאָר, נור הערנאַנדאַריאַס סאַאוועדראַ איז אין פיעלע פּרטים געווען אַן אויסנאַהמע פון כלל. אונטער זיין פערוואַלטונג האָבען טאַקע דיא קאָלאָניעס אין לאַ פּלאַטאַ געמאַכט זעהר שנעלע פאָרטשריטע. דער פערקעהר צווישען דיזע קאָלאָניעס און דיא ווייטע אינלענדישע קאָלאָניעס, וויא קאָרדאָבאַ, טוקו־מאַן און סאַנטיאַגאָ דעל עסטעוואָ ביי דיא מזרח׳דיגע זייטען פון דיא אַנדעסען, איז אויך אַלץ גרעסער געוואָרען.

ער האָט אָבער אויך, אַלס שילער פון אַ גלח׳שע שול אין אַ קלויסטער פון אַסונסיאָן, געהאָלפען דיא יעזואיטען צו פערשפּרייטען זייער הערשאַפט איבער דיא אינדיאַנער אַלץ ווייטער אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען. מיט דיא אויפ־טהואונגען פון דיא יעזואיטען דאַרטען וועלען מיר זיך פערנעהמען אין שפּעטערע

קאַפּיטעלעך, בעזאָנדערס אין דער געשיכטע פון פּאַראַגוואַי, אין וועלכער זיי האָבען געשפּיעלט דיא גרעסטע ראָלע. עס איז זיכער, אַז אין ערגעץ האָבען דיזע גלחים ניט דערגרייכט צו אַזאַ פּאָליטישע מאַכט, וויא אין דיא געגענדען צווישען דיא טייכען אורוגוואַי, פּאַראַנאַ און פּאַראַגוואַי. אָבער אין 1767 האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג געפאָלגט דעם ביישפּיעל פון פּאָרטוגאַל, וועלכע האָט דאַן בעזאָנדערס געקעמפּפט געגען דיא יעזואיטען, און אויך פון פראַנקרייך און האָט בעפוילען אַרויסצוטרייבען דיא יעזואיטען פון איהרע פּאָסעסיעס, וואו זיי האָבען ערוואָרבען אונשעצבאַרע רייכטהימער. איינע פון דיא טעריטאָריעס פון אַרגענטינאַ ווערט גערופען מיסיאָנעס. דער נאָמען קומט פון דיא מיסיאָנען, וואָס דיא יעזואיטען האָבען דאָרטען עטאַבלירט אום צו קאָמאַנדעווען איבער דיא פערשקלאַוטע אינדיאַנער.

אַרום דער צייט, ווען בוענאָס ערעס איז געוואָרען דיא הויפּט־שטאָדט פון אַ וויצע־קעניגטהום, האָבען זיך דאָרטען געפונען אַ צוואַנציג טויזענד נפשות; אָבער דיא בעפעלקערונג איז שנעל געוואַקסען דורך דיא פערגרעסערונג פון האַנדעל נאָך דער אָבשאַפונג פון דיא בעשרענקונגען און מאָנאָפּאָלען פון דער שפּאַנישער רעגיערונג. דיזע שטאָדט האָט געמוזט וואַקסען אַלס דער בעסטער פּאָרט פאַר ריזיגע פרוכטבאַרע געגענדען און פאַר אַ גרויסע סיסטעם פון טייכען, וואָס דרינגען אַריין זעהר ווייט צום נאָרד אויף דעם קאָנטינענט פון זיד־אַמעריקאַ.

צווייטער קאפיטעל.

# דער קאַמפף געגען ענגלאַנד און דיא רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג

צוזאַמען מיט דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג און מיט דער אויפ־בליהונג פון האנדעל אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט איז אין בוענאָס ערעס אויך געשטיגען דער גייסט פון פרייהייט און זעלבסט־שטענדיגקייט. אין דיזען גרעסטען פאָרט פון זיד־אַמעריקא, וואו שיפען פון אַלע לענדער פלעגען זיך אַלץ מעהר צוזאַמענטרעפען, איז דיא גייסטיגע ענט־וויקלונג, נאַטירליך, אויך אָנגעגאַנגען שנעלער וויא אין דיא אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס. דאַרום האָבען עס דיא דונערען פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציאָן געפונען אַ פיעל הילכיגערען און שטאַרקערען אָבקלאַנג אין בוענאָס ערעס וויא אין אַלע אַנדערע ערטער פון דער לאַטיינישער אַמעריקא. דאַרום האָט אויך דיא בעוועגונג פאַר דיא אָבשאַפונג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט געפונען דאָרט איהר גרעסטען און שטאַרקסטען צענטער.

נור גראַדע האָט עס געטראָפען, אַז מיט אַ יאָהר פיער פאַר דער גרינדונג פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער כונטאַ אין בוענאָס ערעס האָבען דיא איינוואָהנער דאָרטען אַרויסגעצייגט בעזאָנדערע טרייהייט צו זייער מוטער־לאַנד. דאָס איז געווען אין 1806, ווען שפּאַניען איז אַריינגעשלעפט געוואָרען פון נאַפּאָלעאָן'ען אין זיין קאַמפף מיט ענגלאַנד. דורך דיא זיעגען פון ענג־לאַנד אויפ'ן ים האָט אויך דער האנדעל צווישען שפּאַניען מיט איהרע קאָלאָ־ניעס זעהר פיעל געליטען. נאַפּאָלעאָן אַליין איז געווען הילפלאָז געגען דיא ענגלישע קריעגס־שיפען. מיט איהר אויבערמאַכט אויפ'ן ים האָט זיך דיא ענגלישע רעגיערונג בענוצט צו פערכאַפּען נייע קאָלאָניעס, בעזאָנדערס אין דיא לענדער מיט אַ מעסיגען קלימאַט. אין 1805 האָט ענגלאַנד פערכאַפּט דיא האָלענדישע קאָלאָניע קאַפּשטאַדט און אַנדערע געגענדען פון זיד־אַפריקא, וואו זיא איז געבליבען דיא הערשערין און וואו זיא האָט מיט קנאַפּע הונדערט יאָהר שפּעטער אויך צושטערט דיא בורען־רעפּובליקען טראַנסוואַאל און אָראַנזש.

דעם נעכסטען יאהר האט זיא געשיקט א פלאטע מיט 1500 סאלדאטען צו פערנעהמען דיא לא פלאטא געגענדען, אויף וועלכע זיא האט שוין לאנג געווארפען אן אויג.

ווען דיא ענגלישע סאלדאטען האבען געלאנדעט אין פארט פון בוענאס ערעס, האט דער וויצע־קעניג זיך אבגעטראגען אהן שום ווידערשטאנד. עס קען זיין, אז דיא ענגלענדער וואלטען טאקע אויסגעפיהרט זייער צוועק צו בעהערשען דיזע פראכטפאלע געגענדען, וואס זיינען אזוי גוט פאר אויראפעער, אויב עס וואלט זיך דאן ניט געפונען אין בוענאס ערעס א זעהר פעהיגער און ענערגישער פראנצויזישער אפיציער מיט'ן נאמען זשאק דע ליניע, וועלכע איז אריינגעטראטען אין שפאנישען דיענסט. ער האט שנעל צוזאמענגעקליבען אין מאנטעווידעא (היינט דער גרעסטער פארט און דיא הויפט־שטאדט פון אורוגוואי ביי דיא ברעגען פון לא פלאטא) ארום א טויזענד שפאנישע סאלדאטען מיט עטליכע קאנאנען און האט אויך אויפגעמונטערט דיא מיליץ פון בוענאס ערעס צו קעמפפען ענערגיש געגען דיא אויסלענדישע פיינד, וועלכע זיינען אויך ערקלערט געווארען פאר אפיקורסים פון דיא קאטאלישע גלחים צוליעב זייער פראטעסטאנטיזם. ווען ליניע איז צוגעקומען צו בוענאס ערעס מיט זיין מחנה, זיינען פון אלע זייטען צוגעשטאנען צו איהם וואלאנטירען. דער קליינער ענגלישער גארניזאן אין בוענאס ערעס איז ארומגערינגעלט געווארען און איז געצוואונגען געווען נאך א קורצען קאמפף אין דיא גאסען זיך אונטערצוגעבען. אין דעם נאציאנאלען מוזעאום פון ארגענטינא ציינט מען מיט שטאלץ דיא ענגלישע פלאגען, וועלכע דיא פאטריאטישע בירגער אונטער דער קאמאנדע פון א פראנצויז האבען דאן צוגענומען ביי דיא בעזיעגטע ענגלישע סאלדאטען.

דיזער דורכפאל האט אבער אויפגערייצט דיא ענגלישע רעגיערונג צו מאכען א נייע פראבע צו פערכאפען בוענאס ערעס, וואס עס האט אויך געמיינט דיא לא פלאטא געגענדען. אין 1807 האט זיא שוין געשיקט אן ארמעע פון 8000 מאן, אום איינצונעהמען בוענאס ערעס. אבער דיא איינוואהנער וועלכע האבען געקראגען מוטה נאך זייער זיעג איבער ענגלישע סאלדאטען, האבען זיך בעוואפענט און געמאכט גרויסע פארבערייטונגען צו בעשיצען זייער שטאדט געגען דיא נייע ענגלישע באטאליאנען. זייער פאטריאטיזם האט אויפגעפלאמט, און זייער שטאלץ, דאס זיי זיינען אליין, אהן שום הילפע פון שפאניען, געווען אים שטאנד צו. פיהרען א שלאכט מיט רעגעלע ענגלישע סאלדאטען, איז אויך אלץ גרעסער געווארען. נאך יענעם זיעג האבען דיא בירגער פון בוענאס ערעס צוזאמענגערופען אן אסיפה און אויסגעקליבען א קאבילדא (שטאדט־ראטה), וואס האט ארונטערגעזעצט דעם וויצע־קעניג פון זיין אמט פאר זיין פייגע פלטה נאך דער לאנדונג פון דיא ענגלענדער. נאכהער, ווען עס איז אנגעקומען דיא ארמעע פון 8000 ענגלישע סאלדאטען, האבען דיא

בירגער זיך ווידער פערזאמעלט און האבען אויסגעקליבען דעם פראנצויזישען אפיציער ליניע פאר דעם הויפט־קאמאנדיר.

דיא בעוואפענטע ארגענטינער האבען ניט געקענט איבערהאקען דעם וועג דער ענגלישער ארמעע, ווען זיא האט געלאנדעט און זיך א לאז געטהאן צו בוענאס ערעס, נור אין שטאדט, אין דיא שמאלע גאסען, וועלכע זיינען פערבאריקאדירט געווארען, האבען דיא ענגלענדער געקראגען אזא פייערדיגע אויפנאהמע, אז א פערטעל פון זיי זיינען געפאלען טויט און דיא איבריגע זיינען געצוואונגען געווען צו קאפיטולירען. אפילו פרויען און קינדער האבען אנטהייל גענומען אין דיזען פאטריאטישען קאמפף. זיי האבען געהאלפען דיא מענער אנלאדען דיא ביקסען און האבען אויך געווארפען שטיינער און ציעגעל פון דיא דעכער אויף דיא ענגלישע סאלדאטען. צוויי טעג האבען געדויערט דיזע שלאכטען אין דיא גאסען. דער ענגלישער גענעראל האט אויף קיין פאל ניט געקענט איינגעהמען דיא פעסטונג, וועלכע דיא בירגער האבען ארומגע־רינגעלט מיט גראבענס און באריקאדען, און ער האט דארום געמוזט זיך אונ־טערגעבען. גענעראל ליניע האט ערלויבט דיא ענגלענדער אבצופאהרען פון בוענאס ערעס מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאלען אויך זיך צוריקציהען פון מאנטעווידעא, וועלכע זיי האבען פריהער איינגענומען מיט אן ארמעע פון 4000 מאן.

נאך דיזער צווייטער נידערלאגע האט שוין דיא ענגלישע רעגיערונג מעהר ניט געשיקט נייע ארמעען נאך לא פלאטא. זיא איז דאן צו שטארק פערנומען געווען מיט אנדערע מלחמות. נאפאלעאן האט דערגרייכט ארום דיזער צייט דיא העכסטע שטופע פון זיין גדולה. אויך גאנץ שפאניען איז געלעגען אונטער זיינע פיס. ענגלאנד האט געמוזט מאכען דיא גרעסטע אנשטרענגונגען צו בע־קעמפפען נאפאלעאן׳ס אויבערמאכט אין אייראפא. צו גלייכער צייט האט אבער דיא ענגלישע רעגיערונג איינגעזעהן, אז עס איז איבערהויפט א זעהר שווערע און קאסטבארע אויפגאבע צו עראבערען דיא לא פלאטא געגענדען מיט זייער הויפט־שטאדט בוענאס ערעס.

וויא אונבעדייטענד עס שיינט פון ערשטען בליק דער זיעג פון דיא אר־גענטינער איבער עטליכע טויזענד ענגלישע סאלדאטען, זיינען אבער דיא רע־זולטאטען דערפון געווען פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט ניט נור פאר זיד־אמעריקא, זאנדערן אויך, מעג מען זאגען, פאר דיא גאנצע וועלט. ווען עס וואלט דאן געלונגען דיא ענגלענדער צו פערבלייבען אין בוענאס ערעס, וואלט דיא פאליטישע קארטע פון זיד־אמעריקא גאנץ אנדערש אויסגעזעהן וויא היינט. דיא לא פלאטא געגענדען, וועלכע זיינען אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט געווען בעזעצט פון העכסטענס 200,000 קרעאלען, שפאניער און אנדערע אוי־ראפעער, וואלטען אין א קורצער צייט אומגעוואנדעלט געווארען אין ענגלישע

קאָלאָניעס, אַזוי וויא דאָס האָט פּאַסירט מיט דיא האָלענדישע פּאָסעסיעס אין זיד־אַפריקאַ. דיא זיד־אַמעריקאַנישע געגענדען מיט אַ מעסיגען קלימאַט וואָלטען זיך געפונען אין ענגלישע הענד צוזאַמען מיט דעם מאַגעלאַן וואַסער־וועג און מיט דעם אינזעל פייערלאַנד, וואָס בעהערשען דעם זיד־וועסטליכען וועג צווישען דיא צוויי גרעסטע אָקעאַנען. דיא ענגלישע קולטור וואָלט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער שפּאַנישער ניט נור אין אַרגענטינאַ און אורוגוויי, זאָנדערן אויך אין אַ בעדייטענדען טהייל פון טשילי.

פון דער אַנדער זייט האָט דער דאָזיגער זיעג פון דיא אַרגענטינער אויך געפיהרט צו אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג געגען שפּאַניען. דיא קרעאָלען האָבען זיך אַרומגעזעהן אַז זיי קענען זיך אין גאַנצען בעגעהן אָהן דעם שוץ פון זייער מוטערלאַנד, וויא באַלד זיי האָבען געקענט פערהיטען זייער געבורטסלאַנד אפילו געגען אַן ענגלישע אַרמעע. דיא אַרגענטינער קרעאָלען, וועלכע האָבען שטענדיג געקוקט מיט אייפערזיכטיגע און פיינדליכע אויגען אויף דיא שפּאַניער און וועלכע האָבען געוואָלט אַליין פיהרען דיא גרענדע און פערנעהמען דיא רעגיערונגס־פּלעצער, וויא דאָס איז געווען דער פאַל אין אַלע אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס, האָבען דאַן אָנגעפאַנגען צו רופען דיא שפּאַנישע בעאַמטע און אַלע שפּאַניש־געבאָרענע מיט דעם פערעכטליכען נאָמען "גאַטהען" און זיך אַליין און בכלל אַלע געבאָרענע אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו רופען "אַרגענטינער".

ווען עס זיינען אָנגעקומען נאַכריכטען, אַז נאַפּאָלעאָן האָט פעריאָגט דעם קעניג פערדינאַנד דעם זיבעטען און אַרויפגעזעצט אויף'ן שפּאַנישען טראָן זיין ברודער יאָזעף, האָבען דיא איינוואָהנער פון בוענאָס ערעס זיך ענטזאָגט צו אָנערקענען דעם נייען קעניג. מיר ווייסען פון פריהערע קאַפּיטלעך, אַז אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס האָט מען ניט געוואָלט אָנערקענען נאַפּאָלעאָן'ס ברודער אַלס קעניג פון שפּאַניען און אַז מען האָט גלייך אָרגאַניזירט אייגענע פּראָוויזאָרישע רעגיערונגען, דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאַס, וועלכע האָבען געטריעבען צו אַ קאַמפּף פאַר פאָלשטענדיגע אונאַבהענגיגקייט. מיר ווייסען אויך, אַז עס האָבען זיך גלייך אָנגעפאַנגען שטרייטען צווישען דיא יעניגע, וועלכע האָבען געוואָלט בלייבען טריי צו זייער מוטערלאַנד און האָבען געבילדעט דיא לאָיאַליסטישע פּאַרטיי (זיא איז מייסטענס בעשטאַנען פון שפּאַנישע בעאַמטע, געבאָרענע שפּאַניער, גרויסע גוטסבעזיצער, גלחים און סתם קאָנסערוואַטאָרס), און דיא יעניגע, וועלכע האָבען געבילדעט דיא רעוואָלוציאָנערע אָדער פּאַטריאָטישע פּאַרטיי (זיא איז מייסטענס בעשטאַנען פון קרעאָלען און מעסטיזאָס).

דער וויצע־קעניג אין בוענאָס ערעס איז דאַן געווען דער פראַנצויזישער אָפיציער ליניע, ווען דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט אַזוי בעלוינט פאַר זיין

קאמפף געגען די ענגלענדער. ער האָט געהאַלטען מיט די קרעאָלען, וועלכע האָבען אויך געהאַט צוטרויען צו איהם; אָבער די שפּאַנישע כונטאַ, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין סעווילאַ און וועלכע איז אַרויסגעטראָטען פאַר דעם געזעצליכען קעניג פערדינאַנד דעם זיעבעטען און האָט געוואָלט רעגיערען אין זיין נאָמען אויך איבער די קאָלאָניעס, האָט געקוקט אויף איהם מיט פערדאַכט אַלס אַ פראַנצויז און האָט דארום געשיקט אין 1809 אויף זיין פּלאַץ איינעם פון איהרע מיטגליעדער מיט'ן נאָמען באַלטהאַזאַר דע סיסנעראָס. אָנפאַנגס האָט דיזער נייער וויצע-קעניג געוואונען פּאָפּולאַריטעט אין די לאַ פּלאַטאַ געגענדען מיט זיין בעפעהל וועגען פרייען האַנדעל מיט דער גאַנצער וועלט; אָבער נאָכהער, ווען ער האָט גענומען שטיצען אָפען די לאָיאַליסטען און האָט אויך געשיקט אַ טויזענד סאָלדאַטען צו אונטערדריקען אַן אויפשטאַנד פון קרעאָלען אין דער שטאָדט טשאַרקאַס (יעצט געהערט זיא צו דער רעפּובליק באָליוויאַ), האָט אויסגעבראָכען אין בוענאָס ערעס אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיך באַלד געענדיגט מיט דער עטאַבלירונג פון אַ פּראָוויזאָרישער רעגיערונג און מיט דער אַרונטערזעצונג פון דעם וויצע-קעניג.

דאָס האָט פּאַסירט דעם 25טען מאַי 1810. פון דיזען טאָג ווערט עס גערעכענט דער אָנפאַנג פון דער אַרגענטינער רעפּובליק. ער ווערט דאָרטען געפּייערט אַלס דער נאַציאָנאַלער יום טוב. דאַן אָבער האָט עס נאָך אָפיציעל געהייסען, אַז די כונטאַ אין בוענאָס ערעס רעגיערט אין נאָמען פון דעם לעגיטימען (געזעצליכען) קעניג פערדינאַנד דעם זיעבעטען, אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען אַן אונאַבהענגיגע רעגיערונג. די וויכטיגסטע פיהרער, וויא מאַנועל בעלגראַנאָ, מאַריאַנאָ מאָרענאָ, האָבען פון אָנפאַנג אָן געשטרעבט צו עטאַבלירען אַן אונאַבהענגיגע רעפּובליק. זיי האָבען אויך אָרגאַניזירט אַן אַרמעע צו פערנעהמען די שטעדט, וואו די בעפעלקערונגען זיינען נאָך ניט געווען אַזוי ענטשיעדען געגען די שפּאַנישע הערשאַפט בכלל, און צו אונטערשטיצען די פּאַטריאָטען אין די שטעדט, וואו עס האָבען אויסגעבראָכען אויפשטאַנדען.

אַ שרעקליכער בירגער-קריעג האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען. די לאָיאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען האָבען נידערגעשאָסען די געפאַנגענע מיט אַ ווילדער גרויזאַמקייט. זייערע שלאַכטען זיינען געווען שרעקליך בלוטיגע. אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַנועל בעלגראַנאָ איז אַן עקספּעדיציע אַרויסגעשיקט געוואָרען פון בוענאָס ערעס אויפצוהייבען די קרעאָלען פון פּאַראַגוואַי געגען שפּאַניען; אָבער אין אַ שלאַכט לעבען אַסונסיאָן זיינען די רעוואָלוציאָנערען בעזיעגט געוואָרען. אַן אַנדער עקספּעדיציע איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון בוענאָס ערעס אין אָנפאַנג פון 1811 נאָך אורוגוואַי, ספּעציעל אום אַרויסצורייסען פון שפּאַנישע הענד דעם פּאָרט מאָנטעווידעאָ, וואו דער פּעריאָגטער וויצע-קעניג האָט זיך בעפעסטיגט. די שפּאַנישע שיפען, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגע־

קליבען אין מאָנטעווידעאָ, האָבען בלאָקירט דעם אריינפאָהר אין ריאָ דע לא פּלאַטאַ. א מחנה גאוטשאָס, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין ענטרע ריאָס (דאָס איז דיא פּרוכטבארע געגענד צווישען דיא טייכען פּאראַנאַ און אורוגוואַי, דיא אַרגענטינישע מעסאָפּאָטאַמיע אָדער ארם נהרים), זיינען צוגעקומען צו דער געגענד ארום מאָנטעווידעאָ און האָבען בעלאַגערט דיא פעסטונג דאָרטען. נור זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען, ווען עס זיינען אָנגעקומען נאַכריכטען, אַז דער וויצע-קעניג פון פּערו האָט צוזאַמענגעקליבען אַ שטארקע אַרמעע און האָט בעזיעגט אַלע רעוואָלוציאָנערע מחנות אין פּערו, באָליוויאַ, טשילי א. ז. וו. (זעה דיא געשיכטע פון פּערו).

דיא שפּאַנישע אָדער לאָיאַליסטישע פּאַרטיי איז דארום שטארקער געוואָרען אין גאַנץ זיד-אַמעריקאַ. אין בוענאָס ערעס גופא האָבען דיא לאָיאַליסטען געמאַכט אַ פערשווערונג אין 1812 צו פערכאַפּען דיא רעגיערונג; נור דאָס איז זיי ניט געלונגען, און 38 פון זייערע פיהרער, מייסטענס רייכע קויפלייטע, זיינען דערפאַר פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט און הינגעריכטעט געוואָרען. עס האָט דאָן ניט פיעל געפעהלט, אַז דיא זיעגרייכע שפּאַנישע אַרמעע זאָל צוקומען פון פּערו און באָליוויאַ ביז צו בוענאָס ערעס. אָבער דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאַ פון בוענאָס ערעס האָט ניט פערלאָרען דעם מוטה אפילו אין דיזע טרויעריגסטע יאָהרען פאַר דיא קעמפּפער געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפט. זיא האָט אויך געשיקט אַן אַרמעע צו העלפען דיא פּאַטריאָטען אין דיא נאָרדליכע פּראָווינצען לעבען דיא גרענעצען פון באָליוויאַ. אַלס קאָמאַנדיר פון דיזער אַרמעע איז ווידער אויסגעוועהלט געוואָרען מאַנועל בעלגראַנאָ, אַ קרעאָל פון בוענאָס ערעס, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין שפּאַניען און איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. ער האָט קיין מיליטערישע שולע ניט דורכגעמאַכט און האָט וואהרשיינליך גאָר ניט געדענקט פון אַ מיליטערישער קאַריערע בשעת ער האָט שטודירט אין דער אַלטער וועלט, נור ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בעפרייאונגס-קאַמפּף האָט ער גענומען קאָמאַנדעווען און האָט געלערנט דיא קריעגס-קונסט פון דער פּראַקטיקע, וויא דאָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע גענעראַלען אין פערשיעדענע לענדער און אין פערשיעדענע צייטען.

מיט דער הילפע פון דיא גאוטשאָס, וועלכע זיינען געבאָרענע קאַוואַלעריסטען, האָט בעלגראַנאָ געהאַט דעם מזל צו בעזיעגען אַן אָבטהיילונג פון רעגולמעסיגע שפּאַנישע סאָלדאַטען לעבען דער שטאָדט טוקומאַן און דורך דעם אָבהאַלטען דיא שפּאַניער פון זייער וויטערען מארש דורך באָליוויאַ און דיא נאָרד-וועסטליכע פּראָווינצען פון אַרגענטינע, אום צו דערגרייכען ביז בוענאָס ערעס. אונטער דיא אומשטענדען, ווען דיא שפּאַניער צוזאַמען מיט דיא לאָיאַליסטען האָבען טריאומפירט אין גאַנץ זיד-אַמעריקאַ און האָבען בע-

זיעגט אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרמעען, האָט דער זיעג פון דיא אַרגענטינער פּאַטריאָטען אונטער בעלגראַנאָ'ס קאָמאַנדע געהאַט אַ זעהר גרויסע בעדייטונג. דיא רעוואָלוציאָנערע כונטאַ אין בוענאָס ערעס איז דאַן געוואָרען דער צענטער פון דעם בעפרייאונגס-קאַמפּף פאַר אַלע שפּאַניש-שפּרעכענדע קאָלאָניעס אין זיד-אַמעריקאַ. דער וויצע קעניג פון פּערו האָט שוין ניט געהאַט גענוג סאָל-דאַטען צו שיקען אַ נייע אַרמעע פון באָליוויאַ נאָך בוענאָס ערעס. דער פער-



גענעראַל כאָזע דע סאַן מארטין

לוסט פון דיא שפּאַניער אין דער שלאַכט מיט דיא אַרגענטינער לעבען טוקומאַן איז געווען אונטער דיא דאַמאָלסדיגע אומשטענדען אַן אונגעהייער גרויסער. דיא רעוואָלוציאָנערען אין אַרגענטינאַ, בעזאָנדערס אין בוענאָס ערעס, האָבען זיך נאָך בעלגראַנאָ'ס זיעג ניט נור אויפגעהערט צו שרעקען פאַר אַ שפּאַנישע אַטאַקע אויף דער יבשה, זאָנדערן האָבען נאָך געשיקט אַ מחנה צו בעלאַגערען מאָנטעווידעא און האָבען אויך געמאַכט פאָרבערייטונגען צו אַטאַקירען דיא שפּאַניער אין באָליוויאַ.

צו דער צייט איז שוין ארויסגעטראטען דער גרעסטער גענעראל פון זיד־אמעריקא, כאזע דע סאן מארטין, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אויראפא צו־זאמען מיט א פאאר אנדערע קרעאלען, וואס האבען אנטהייל גענומען אלס אפיציערען אין שלאכטען געגען דעם גרויסען נאפאלעאן. אין דער געשיכטע פון פערו איז איבערגעגעבען געווארען אין קורצען דיא לעבענס־בעשרייבונג פון דיזען ארגענטינער גענעראל און וואס ער האט אויפגעטהאן אין דעם קאמפף געגען דיא שפאנישע הערשאפט אין זיד־אמעריקא. זיין נאמען איז פערבונדען מיט דיא געשיכטען פון אלע זיד־אמעריקאנישע רעפובליקען, ווייל א דאנק זיין בעריהמטען מארש איבער דיא אנדעסען־בערג פון ארגענטינא נאך טשילי און זיין זיעג איבער דיא שפאניער ביי טשאקאבוקא אין 1817, איז עס געלונגען צו מאכען א סוף פון דער שפאנישער הערשאפט. נור בעזאנדערס איז ער, נא־טירליך, פערבונדען מיט דער געשיכטע פון זיין געבורטס־לאנד.

צו ענדע פון 1813, ווען בעלגראנא, וועלכער האט אויך געקראגען דיא קאמאנדע איבער דער רעוואלוציאנערער ארמעע, וואס האט זיך א לאז געטהאן צו שטיצען דיא פאטריאטען אין באליוויא, האט ערליטען צווי ביטערע ני־דערלאגען איינע נאך דער אנדערער אין צוזאמענשטויסען מיט א שפאנישער ארמעע, ווייל זיינע סאלדאטען, מייסטענס גאוטשאס, זיינען ניט געוואהנט געוועזען צו פיהרען קריעג אויף הויכע בערגלענדער, האט דיא כונטא פון בוענאס ערעס אנפערטרויט דיא קאמאנדע איבער דיא רעוואלוציאנערע קרעפטע צו גענעראל סאן מארטין. ער האט זיך גלייך א נעהם געטהאן מיט זיין גאנצער ענערגיע צו שאפען עטליכע באטאליאנען, וואס זאלען זיין אזוי דיסציפלינירט און געשולט אין דער קריעגס־קונסט וויא רעגעלע אויראפעאישע סאלדאטען. סאן מארטין איז געווען א מיליטעריסט, וואס האט זיך ניט געמישט אין פאליטי־שע אינטריגעם און פארטיי־שטרייטען. דערמיט איז ער געווען א זעלטענע אויס־נאהמע צווישען אלע קרעאלען. זיין אויפגאבע איז געווען צו ברעכען דיא שפאנישע מאכט ניט נור אין זיין געבורטס־לאנד ארגענטינא, זאנדערן אויך אין גאנץ זיד־אמעריקא. ער האט גלייך איינגעזעהן, ווען ער האט זיך צוריק־געקעהרט פון אויראפא נאך בוענאס ערעס אין 1812, אז דער וועג צו אונ־אבהענגיגקייט מוז פיהרען דורך א רעוואלוציאנערע ערא‌בערונג פון פערו. בעלגראנא'ס דורכפאל אין באליוויא האט איהם געפיהרט צום שלוס, אז מען מוז זוכען אן אנדער פלאן וויא צו אטאקירען דיא שפאניער אין דעם צענטער פון זייער מאכט — אין פערו. דיזער פלאן איז געווען, וויא מיר וויסען עס שוין פון דיא געשיכטען פון פערו, באליוויא און טשילי, צו ארגאניזירען א גוט־דיסציפלינירטע און גוט־בעוואפענטע ארמעע אין דיא געבירגיגע ארגענטינער פראווינצען. דיזע ארמעע איז בעשטאנען פון דיא באטאליאנען, וועלכע ער האט צוערשט מושטירט אין בוענאס ערעס, פון גאוטשאס און פון עטליכע

באטאליאנען נעגערס, וועלכע זיינען בעפרייט געוואָרען פון שקלאַווערייַ און וועלכע דיא כונטא פון בוענאָס ערעס האָט געשיקט מיטצוהעלפען אין דעם בעפרייאונגס-קאַמפף, וויא אויך פון טשיליאַנער רעוואָלוציאָנערען אונטער דער קאָמאַנדע פון אָ'היגינס (זעה דיא געשיכטע פון טשילי). אין פערלויף פון דריי יאָהר האָט סאַן מארטין אונערמידליך געאַרבייט און געקליבען קרעפטע געגען דיא שפּאַניער אין טשילי. זיין גאַנצע אַרמעע האָט, נאָך אַלע זיינע אָנשטרענגונגען, געצעהלט ניט מעהר פון 4000 מאַן, אָבער יעדער איינער פון זיי איז געווען ניט נור אַ מוטהיגער קעמפּפער פאַר פרייהייט, זאָנדערן אויך אַ גוטער סאָלדאַט. דיא רעזולטאַטען האָבען באַלד בעוויזען, וויא ריכטיג סאַן מארטין האָט אַלעס אויסגערעכענט און וואָס פאַר אַ גוט-דיסציפּלינירטע אַרמעע ער האָט שליסליך געשאַפען.

אין אָנפאַנג פון 1817, ווען דיא דורכגאַנגען צווישען דיא אַנדעסען, וועלכע טהיילען אָב דיא אַרגענטינער פּראָווינץ מענדאָזאַ פון דיא צענטראַלע פּראָווינצען פון טשילי, זיינען פריי געוואָרען פון שנעע (דאָרטען איז זומער ווען אין דיא נאָרד-לענדער איז ווינטער), האָט סאַן מארטין אָנגעפאַנגען זיין מאַרש איבער דיא הויכע בערג, אַ מאַרש וועלכער איז דורכגעפיהרט געוואָרען ערפאָלגרייך וויא ער האָט עס אויסגערעכענט. לעבען טשאַקאַבוקאָ האָט זיך דיזע רעוואָלוציאָנערע אַרמעע צוזאַמענגעשטויסען מיט אַ שפּאַנישער אַרמעע פון 2000 מאַן און האָט געוואונען דיא שלאַכט נאָך אַ פערלוסט פון בלויז 132 טויטע און פערוואונדעטע. אויף מאָרגען נאָך דיזער שלאַכט האָט דער שפּאַנישער גובערנאַטאָר פון טשילי זיך אָבגעטראָגען פון דער הויפּט-שטאָדט סאַנטיאַגאָ נאָך דעם פּאָרט וואַלפּאַראַיזאָ, און טשילי איז ערקלערט געוואָרען אַלס אַן אונאַבהענגיגע רעפּובליק.

דיא וויַיטערע מיליטערישע אויפטהואונגען פון גענעראַל סאַן מארטין זיינען פּאָרגעקומען אין טשילי און פּערו און זיינען שוין ניט געווען דירעקט פערבונדען מיט דער געשיכטע פון אַרגענטינאַ. אין דער צייט, ווען ער האָט דורכגעפיהרט זיין פּלאַן צו פערטרייבען דיא שפּאַניער אויך פון פּערו, האָבען זיך אין בוענאָס ערעס אָנגעפאַנגען אַזעלכע פּאַרטיי-רייסערייען, וועלכע האָבען געפיהרט צו אַ שרעקליכען בירגער-קריעג. דיא רעוואָלוציאָנערע פיהרער האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט פערשיעדענע פּאָליטישע פּלענער. איינינגע האָבען געוואָלט עטאַבלירען אַ מאָנאַרכיע, אַנדערע האָבען פּאָרגעשלאָגען צו אָנערקענען אַ פּראָטעקטאָראַט פון ענגלאַנד, דריטע האָבען געפּלאַנעוועט אַריבערצוברייננגען אַ פּרינץ פון דער פּאָרטוגעזישער קעניגליכער פאַמיליע, וועלכע האָט דאַן געמוזט זיך בעזעצען אין בראַזיליען. אין 1813 האָט דיא כונטא פון בוענאָס ערעס געשיקט צוויי געזאַנדטע (איינער פון זיי איז געווען מאַנועל בעלגראַנאָ) נאָך שפּאַניען, אום צו קומען צו אַ פערשטענדיגונג מיט דער מאַד-

רידער רעגיערונג וועגען אַ פּלאַן, אַז אַרגענטינאַ זאָל קריעגען אָטאָנאָמיע אָדער זאָל ווערען אַ מלוכה מיט אַ מיטגליעד פון דער קעניגליכער שפּאַנישער פאַמיליע אַלס קרוין־טרעגער. דיא מאַדרידער רעגיערונג האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערען און האָט פערלאַנגט ניט אַנדערס, אַז דיא קאָלאָניעס זאָלען זיך אונטערגעבען.

נור אין 1816 זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער שטאָדט טוקומאַן פערטרעטער פון דיא מייסטע פּראָווינצען, וועלכע זיינען געוועזן אַריינגערעכענט אין דעם וויצע־קעניגטהום פון בוענאָס ערעס, און האָבען אָנגענומען אַן ערקלערונג פון אונאַבהענגיגקייט און אויסגעקליבען דאָן מאַרטין פּועירעדאָן פאַר דעם הויפּט פון דער רעפּובליק. אַלס הויפּט־שטאָדט איז אַנערקענט געוואָרען בוענאָס ערעס, אָבער אַנדערע פּראָווינצען האָבען מורא געהאַט פאַר דער אויבערמאַכט פון דיזער שטאָדט, און דאָס האָט געפיהרט צו לאַנגע און בלוטיגע שטרייטען. נאָך דעם קאָנגרעס פון טוקומאַן איז שוין קיין רעדע ניט געוועזן וועגען אירגענד וועלכע אַנדערע רעגיערונגס־פאָרמע אויסער אַ רעפּובליקאַנישע אין אַלע אַרגענטינער פּראָווינצען, אָדער וויא מען האָט זיי דאַן אָפיציעל גערופען: „דיא פעראייניגטע פּראָווינצען פון לאַ פּלאַטאַ". אָבער דיזע פּראָווינצען זיינען געווען צו ווייט איינע פון די אַנדערע און זייערע איינוואָהנער זיינען געוועזן צו פיעל אָבגעזונדערט און האָבען געהאַט שטאַרקע סעפּאַראַטיסטישע שטרעבונגען. באָליוויאַ, פּאַראַגוואַי און אורוגוואַי האָבען זיך באַלד אין גאַנצען אָבגעריסען פון פערבאַנד און זיינען געוואָרען אונאַבהענגיגע רעפּובליקען, וועהרענד דיא אַנדערע פּראָווינצען, וועלכע זיינען שליסליך פערבליבען טהיילען פון דער גרויסער אַרגענטינער רעפּובליק, האָבען געקעמפּפט צווישען זיך און אַלע צוזאַמען געגען בוענאָס ערעס.

עס איז ניט איבערטריבען צו זאָגען, אַז קיינע פון דיא רעפּובליקען, וועלכע זיינען אויפגעקומען אויף דעם פּלאַץ פון דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט, האָט ניט דורכגעמאַכט אין דעם ערשטען האַלבען יאָהרהונדערט פון איהר אונאַבהענגיגקייט אַזוי פיעל שלאַכטען וויא אַרגענטינאַ. ביז 1860, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרען דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע פערבלייבט עד היום אין קראַפט מיט וועניגע צוזעצונגען און ענדערונגען, און ווען בוענאָס ערעס האָט געמוזט אַנערקענט ווערען פון אַלע אַנדערע פּראָווינצען פאַר דיא הויפּט־שטאָדט, האָט דער בירגער־קריעג טאַקע ניט אויפגעהערט אין אַרגענטינאַ. דער קאַמפּף איז געפיהרט געוואָרען, וויא אין דיא מייסטע אַנדערע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען, צווישען דיא צענטראַליסטען און פעדעראַליסטען, נור אַזוי וויא דיא פּראָווינצען פון דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען זיינען געוועזן בעזאָנדערס אייפערזיכטיג איינע אויף דיא אַנדערע און זיי האָבען זיך אַלע געשראָקען פאַר דיא אויבערמאַכט פון בוענאָס

ערעס, איז דאָרטען דיזער קאַמפּף געווען פיעל שטאַרקער, ביטערער און פייערדיגער וויא אַנדערסוואו.

דער איינציגער פון דיא אַרגענטינער גענעראַלען און פיהרער, וואָס האָט קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דיזען בירגער־קריעג, איז געווען סאַן מאַרטין. ווען דיזער מערקווירדיגער מאַן האָט געענדיגט זיין אויפגאַבע צו פערטרייבען דיא שפּאַניער פון פּערו, דיא אויפגאַבע פון זיין לעבען, און האָט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין געבורטס־לאַנד, האָט ער בעשלאָסען צו עמיגרירען נאָך אייראָפּאַ. ער האָט געזעהן, אַז זאָ לאַנג ער וועט בלייבען אין אַרגענטינאַ, וועט מען איהם ניט צו רוהע לאָזען פון פערשיעדענע זייטען. זיינע פריינד און פיינד וועלען אַלץ זוכען איהם אַריינצושלעפּען אין זייערע שטרייטען און שלאַכטען, און דאָס האָט ער געוואָלט אויסמיידען. יעדענפאַלס, וואָס פאַר גרינדע ער האָט ניט געהאַט צו פערלאָזען זיין פאָטערלאַנד (ער האָט עס ניט אויסגעזאָגט און איז בכלל געווען אַ גרויסער שוייגער), איז עס זיכער, אַז ער האָט דערמיט זיך אויפגעאָפּפערט און געמאַכט אַ קורצען סוף פון זיין גלענצענדער קאַריערע. ער האָט געענדיגט זיינע יאָהרען אין פראַנקרייך. ער האָט געלעבט אין פּאַריז אין אַרמוטה און פערגעסענהייט. ער איז געשטיצט געוואָרען פינאַנציעל גראַדע פון אַ גרויסמוטהיגען שפּאַניער. זיינע לאַנדסלייט האָבען אָן איהם גאָר פערגעסען אין פערלויף פון דיא דרייסיג יאָהר, וועלכע ער האָט פערבראַכט אין איינזאַמקייט און נויט. זיי האָבען איהם ניט פערשטאַנען בשעת ער האָט אָרגאַניזירט דיא אַרמעען, מיט וועלכע ער האָט געבראָכען דיא שפּאַנישע הערשאַפט אין גאַנץ זיד־אַמעריקאַ, און זיי האָבען אויך ניט געקענט אָבשאַצען דיא גרויסע בעדייטונג פון זיין מיליטערישער טהעטיגקייט פאַר זייער אייגענע אונאַבהענגיגקייט. צו אַלע זיינע צרות און וועהטאָגען אין דיא עלטערע יאָהרען איז ער נאָך בלינד געוואָרען. ער איז געשטאָרבען פון האַרץ־קראַנקהייט אין 1850, ווען ער איז אַלט געווען 72 יאָהר. דיא היינטיגע דורות אין זיד־אַמעריקאַ אַנערקענען זיין גרויסקייט. פיעלע רעכענען איהם פאַר דעם גרעסטען העלד פון דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף אין זיד־אַמעריקאַ און שטעלען איהם העכער אפילו פאַר דעם ליבעראַטאָר באָליוואַר. צו זיין אַנדענקען זיינען געשטעלט געוואָרען מאָנומענטען אין אַרגענטינאַ, טשילי און פּערו.

## דריטער קאפיטעל.

# שפאלטונגען און בירגער קריעג

אין יאנואר 1825, אונגעפעהר א מאנאט נאך דער בעריהמטער שלאכט ביי איאקוטשא און פערו, ווען דיא לעצטע שפאנישע כחות אין זיד־אמעריקא זיינען אויסגעגאנגען (זעה דיא געשיכטע פון פערו), האט זיך אין בוענאס ערעס געעפענט א קאנגרעס פון דיא פערטרעטער פון דיא ארגענטינער פראווינצען, אום אויסצוארבייטען א נאציאנאלע קאנסטיטוציאן און צו עטאבלירען א פער־איינירגטע רעפובליק. דאס איז געווען א זעהר שווערע אויפגאבע. מיר ווייסען שוין פון פאריגען קאפיטעל, אז דער צוזאמענהאנג צווישען דיזע פראווינצען איז געווען א זעהר שוואכער, אז זיי האבען אלע זיך געשראקען פאר דיא פראווינץ בוענאס ערעס, וועלכע איז געווען רייכער און אויך שטארקער פאר זיי, און אז דער קאמפף צווישען דיא צענטראליסטען און פעדעראליסטען איז געווען א בעזאנדערס ביטערער און בלוטיגער.

וועהרענד דעם קאמפף געגען דיא שפאניער זיינען דיזע פראווינצען געווען פאקטיש אונאבהענגיגע רעפובליקען. אין יעדערער פון זיי זיינען אויפגעקומען מיליטערישע קאמאנדירען, וועלכע האבען גענומען פיהרען דיא ראלע פון דיק־טאטארס. זייער אלגעמיינער נאמען איז געווען "קאודילאס". זיי האבען מייסטענס געהאט אונטער זייער קאמאנדע א געוויסע צאהל גאוטשאס און האבען געקעמפפט געגען דיא רעוואלוציאנערע כונטא פון בוענאס ערעס, וועלכע האט געשטרעבט צו בעהערשען אלע פראווינצען, וואס זיינען געווען אריינגע־רעכענט אין דעם וויצע־קעניגטהום פון בוענאס ערעס.

דער גרעסטער און שטארקסטער פון דיזע קאודילאס איז געווען כאזע ארטיגאס. ער איז געווארען דער דיקטאטאר פון געוויסע געגענדען, וועלכע זיינען שפעטער פערטהיילט געווארען צווישען אורוגוואי און ארגענטינא. ער ווערט גערעכענט פאר דעם גרינדער פון אורוגוואי אלס א בעזונדערע רעפוב־ליק. א געוויסע צייט האט ער אויסגעהאלטען אלע אטאקעס פון דיא ארמעען, וואס זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון בוענאס ערעס געגען איהם. ער האט שליסליך אויסגעפיהרט אז דיא פראווינצען ענטרע ריאס, קאריענטעס און

סאנטא פע, וויא אויך אורוגוואי, האָבען זיך אָבגעזאָגט פון א פערבאנד מיט בוענאָס ערעס אין 1818. דיא שטרעבונגען צו פּאָליטישער אָבזונדערונג, צו אַטאָנאָמיע און געגען צענטראַליזאציאָן זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז אייניגע פון דיא פּראָווינצען זיינען צושפּאָלטען געוואָרען אין עטליכע קלענערע, וועלכע האָבען אויך אָנגעפאנגען צו פיהרען א קאמפּף איינע געגען די אַנדערע אונטער דער קאָמאנדע פון זייערע קאודילאָס. פון דער אַלטער גרויסער פּראָווינץ קויאָ, וואו סאן מארטין האָט אָרגאַניזירט זיין ארמעע געגען דיא שפּאַניער, זיינען געוואָרען דריי נייע, וועלכע פערבלייבען עד היום אונטער זייערע נעמען מענ־דאָזא, סאן לואיז און סאן כואן. דיא טעריטאָריע פון דער אַלטער פּראָווינץ בוענאָס ערעס איז צוטהיילט געוואָרען אין פיער קלענערע, נעמליך אין סאנטא פע, קאָריענטעס, ענטרע ריאָס און דיא יעצטיגע פּראָווינץ בוענאָס ערעס, אויסער דיא טעריטאָריע פון דער רעפּובליק אורוגוואי.

דיא רייסערייען און צוזאַמענשטויסען צווישען דיא קאודילאָס, דיא שלאַכ־טען צווישען דיא אַרמעען פון בוענאָס ערעס און דיא גאַוטשאָס פון דיא אַנדערע פּראָווינצען האָבען אָבער שנעל געפיהרט צו אַזאַ אַנארכיע, אַז מען האָט אָנגע־פאנגען צו פערלאַנגען א פערבאנד און אַן אַלגעמיינע קאָנסטיטוציאָן. דיא בעוועגונג פאר א פעדעראַציאָן פון דיא פּראָווינצען האָט עס געפיהרט צו דער צוזאַמענרופונג פון דעם קאָנגרעס אין 1825.

לאַנג און פייערדיג זיינען געווען דיא דעבאַטען אויף דיזען קאָנגרעס. אויסער דעם קאמפּף צווישען דיא פערטרעטער פון בוענאָס ערעס, וועלכע האָבען געוואָלט האָבען דיא אויבערהאַנד, און דיא פערטרעטער פון אַלע אַנדערע פּראָווינצען, וועלכע האָבען פערלאַנגט גלייכבערעכטיגונג און אַטאָנאָמיע, האָט אויך אויסגעבראָכען א קאמפּף צווישען דיא פעדעראַליסטען, וועלכע האָבען געוואָלט אָרגאַניזירען דיא אַרגענטינער רעפּובליק נאָך דעם פעדעראַטיווען מוס־טער פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקא, און דיא צענטראַ־ליסטען, וועלכע האָבען געקראָגען דעם נאָמען יוניטאַריסטען און וועלכע האָבען געוואָלט אָרגאַניזירען דיא אַרגענטינער רעפּובליק נאָך דעם צענטראַליסטישען מוסטער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

שליסליך האָבען געוואונען דיא יוניטאַריסטען, און ריוואַדאַוויאַ, זייער גרעסטער און פעהיגסטער אָנפיהרער, וועלכער איז אויך געווען איינער פון דיא ערשטע קעמפּפער געגען שפּאַניען און א לייטענדער מיטגליעד פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער כונטא אין בוענאָס ערעס, איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאר דעם פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע אַרגענטינער פּראָווינצען אין 1826. דיא קאָנסטיטוציאָן איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין א צענטראַליסטישען גייסט, וויא וויט דאָס האָט זיך נור געלאָזען אונטער דיא דאַמאָלסדיגע בע־דינגונגען אין דיא פּראָווינצען. דיזער זעהר פעהיגער מאַן האָט דורכגעפיהרט

געזעצע, וועלכע זיינען געווען זעהר נויטיג און ניצליך פאר'ן גאנצען לאנד. ער האט אויך געגרינדעט דיא אוניווערזיטעט פון בוענאס ערעס, האספיטעלער, אנשטאלטען, שולען.

נור זיין אדמיניסטראציאן איז פון איין זייט געשטערט געווארען דורך דיא ביטערע אפאזיציאן פון דיא פעדעראליסטען, וועלכע האבען געפונען אין בוענאס ערעס גופא א זעהר פעהיגען פיהרער אין דער פערזאן פון מאנועל דארעגא, און פון דער אנדער זייט דורך א מלחמה מיט בראזיליען צוליעב אורוגוואי. צו דער צייט איז בראזיליען געווארען אן אונאבהענגיגע אימפעריע מיט דאם פעדרא, דעם קרוינפרינץ פון פארטוגאל, אלס קייזער (זעה דיא גע־שיכטע פון בראזיליען). אורוגוואי איז אריינגעפאלען אין פארטוגעזישע הענד אין 1817, ווייל איהר דיקטאטאר ארטיגאס האט געוואלט פערכאפען א געגענד, וועלכע דיא בראזיליאנער האבען געהאלטען פאר זייערע. נור אין 1825 האט אויסגעבראכען אן אויפשטאנד אין איינינע ערטער פון אורוגוואי געגען דיא הערשאפט פון בראזיליען. דיא ארגענטינער, וועלכע האבען געקוקט אויף אור־רוגוואי וויא אויף זייערע א פראווינץ און האבען איבערהויפט ניט געוואלט צולאזען דיא פארטוגעזער, ריכטיגער געזאגט, דיא בראזיליאנער, אלס שכנים לעבען דיא ברעגען פון ריא דע לא פלאטא, האבען אויפגענומען מיט גרויס פריידע דיא נאכריכט וועגען דיזען אויפשטאנד, און גאוטשאס האבען זיך א לאז געטהאן פון אלע זייטען צו העלפען זייערע אורוגוואיער ברידער אין זייער קאמפף געגען א פרעמדע הערשאפט. דער קאנגרעס אין בוענאס ערעס האט דאן אפען ערקלערט, אז אורוגוואי האט זיך צוריק פערבונדען מיט דער ארגענ־טינער רעפובליק. אלס אנטווארט דערויף האט דאם פעדרא דער ערשטער ער־קלערט קריעג צו ארגענטינא.

דיזע מלחמה האט זיך געצויגען ארום צוויי יאהר און האט שליסליך גע־פיהרט דערצו, אז אורוגוואי זאל בלייבען אן אונאבהענגיגע שפאניש־שפרעכענדע רעפובליק. דיא ארגענטינער זיינען געווען זיעגרייך אויף דער יבשה, אבער דיא בראזיליאנער זיינען געווען שטארקער אויף'ן ים און האבען ניט נור אנגעהאלטען מאנטעווידעא און דיא אנדערע אורוגוואיער פארטען, זאנדערן האבען אויך בלאקירט דיא פארטען פון ארגענטינא. איינינע ענגלישע און אמעריקאנישע קאפיטאנען פון פיראטען־שיפען זיינען דאן געקומען צו הילפע דיא ארגענטינער און האבען זעהר פיעל געשטערט דעם האנדעל פון בראזיליען. דער אירלענ־דישער אדמיראל וויליאם בראון, וועלכער האט זיך בעריהמט געמאכט אין דער צייט פון דעם קאמפף געגען שפאניען אלס קאמאנדיר פון דער ארגענטינער פלאטע, האט זיך אויך אויסגעצייכענט אין דיזען קאמפף געגען בראזיליען. איהם איז געלונגען צו צושטערען א גרויסען טהייל פון דער בראזיליאנער פלאטע אין א שלאכט.

צו ענדע פון 1826 האָט דיא ארגענטינער רעגיערונג צוזאַמענגעקליבען אַן אַרמעע פון 8000 מאַן צו בעפאַלען דיא בראַזיליאַנער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע דאָ סול, וועלכע גרענעצט זיך מיט אורוגוואַי. אין אַן אָרט מיט׳ן נאָמען איטוזאַינגאָ איז עס אין פעברואַר 1827 געקומען צו אַ שלאַכט צווישען דיזע ארגענטינער אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער בעסטען גענעראַל אַלוועאַר, וועלכער האָט געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע אין דעם קאַמפּף פאַר אונאַבהענגיגקייט (ער איז געווען אַ חבר פון סאַן מאַרטין און האָט אויך שטודירט אין שפּאַניען און גענומען אַנטהייל אין דיא נאַפּאָלעאָנישע מלחמות), און אַ בראַזיליאַנער אַרמעע. דיזע שלאַכט האָט זיך געענדיגט מיט אַ גרויסער נידערלאַגע פאַר דיא בראַזיליאַנער, וועלכע האָבען שוין נאָכדעם ניט געקענט אָנפאַנגען אַ נייע אַטאַקע אויף אורוגוואַי.

נור דיא אינערליכע לאַגע פון אַרגענטינאַ איז געווען אַזאַ טרויעריגע און געפעהרליכע דורך דיא אונאויפהערליכע צוזאַמענשטויסען צווישען דיא יוניטאַריסטען און פעדעראַליסטען אַז פּרעזידענט ריוואַדאַוויאַ האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ סוף פון דיזער מלחמה, וועלכע איז געווען זעהר קאָסטבאַר און האָט נאָך אַלע זיעגען ניט געפיהרט צו ניצליכע רעזולטאַטען פאַר דיא אַרגענטינער רעפּובליק. ער האָט דאַרום געהייסען זיין געזאַנדטען אונטערשרייבען אַ פריעדענס־אָבמאַך, נאָך וועלכען אורוגוואַי האָט געזאָלט בלייבען אַ טהייל פון דער בראַזיליאַנער אימפּעריע. זיינע געגנער האָבען איהם דערפאַר ערקלערט פּשוט פאַר אַ פעררעטהער. אַ שטורם מיט פּראָטעסטען האָט אויסגעבראָכען געגען דיזען אָבמאַך אין בוענאָס ערעס, און אָבוואָהל ריוואַדאַוויאַ האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון דיזען אָבמאַך און געוואָרפען דיא גאַנצע שולד אויף זיין געזאַנדטען, האָט ער דאָך געמוזט רעזיגנירען און אָבטרעטען פּלאַץ צום פעדעראַליסטישען פיהרער דאָרעגאָ. אָבער דיא דורכפיהרונג פון דער פּראָגראַם פון דיא פעדעראַליסטען האָט אַזוי צושפּאַלטען דיא אַרגענטינער רעפּובליק, אַז דאָרעגאָ איז אייגענטליך געווען דער פּרעזידענט בלויז פון דער פּראָווינץ בוענאָס ערעס. דיא אַנדערע פּראָווינצען האָבען זיך געהאַט זייערע דיקטאַטאָרס, און דער בירגער־קריעג האָט זיך בעזאָנדערס צופלאַקערט.

ווען פריעדען איז געשלאָסען געוואָרען אין 1828 צווישען בראַזיליען און אַרגענטינאַ דורך דיא פערמיטלונג פון ענגלאַנד מיט דער בעדינגונג, אַז אורוגוואַי זאָל ווערען אַן אונאַבהענגיגע רעפּובליק, איז דיא יוניטאַריסטישע פּאַרטייַ פערשטאַרקט געוואָרען פון דיא אָפיציערען פון דער אַרמעע, וועלכע האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אורוגוואַי. דיזע אַרמעע איז בכלל געווען אונצופריעדען מיט דאָרעגאָ׳ר הערשאַפט אין בוענאָס ערעס. אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל לאַוואַלע, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט מיט דיא בראַזיליאַנער ביי איטוזאַינגאָ, האָבען דיא יוניטאַריסטען געמאַכט אַ פּראָנונסיאַ־

מענטאָ. דאָרעגאָ האָט זיך געראַטעוועט דורך פּליטה, אָבער זיינע געגנער האָבען איהם געפאַנגען און דערשאָסען אָהן שום געריכטליכע צערעמאָניעס אויף דעם בעפעהל פון גענעראַל לאַוואַלע.

דער בירגער־קריעג איז דאַן נאָך שרעקליכער און בלוטיגער געוואָרען. געפאַנגענע פלעגען נידערגעשאָסען ווערען מיט אַ ווילדער רציחה. אַלע פּראָווינצען זיינען פערווילדעט און פערוויסטעט געוואָרען דורך דיא שלאַכטען צווישען דיא פעדעראַליסטען און יוניטאַריסטען וויא אויך צווישען דיא קאַודילאָס פון דיא פּראָווינצען. אַלס הויפּט־פיהרער פון דיא פעדעראַליסטען איז דאַן געוואָרען אַ זעהר מערקווירדיגער מאַן מיט'ן נאָמען כואַן ראָזאַס, וועלכער האָט בעוויזען דעם קונץ צו הערשען גאַנצע צוואַנציג יאָהר אין בוענאָס ערעס. ער איז אָנפאַנגס געוואָרען דער פיהרער פון דיא גאַוטשאָס אין דער פּראָווינץ בוענאָס ערעס, וועלכע זיינען געוואָרען פעדעראַליסטען, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט בעהערשט ווערען פון דיא יוניטאַריסטען אין דער שטאָדט בוענאָס ערעס. צום קאַמפּף צווישען בוענאָס ערעס מיט דיא אַנדערע פּראָווינצען איז נאָך צוגעקומען דער קאַמפּף אין בוענאָס ערעס גופא. אַ געוויסע צייט האָט דיא שטאָדט בוענאָס ערעס געהאַט צו קעמפּפען מיט גאַנץ אַרגענטינאַ.

מיט אַ מחנה גאַוטשאָס איז עס דיזען ענערגישען פעדעראַליסטישען פיהרער געלונגען צו בעזיעגען אין 1829 דיא בעסטע באַטאַליאָנען, וואָס גענעראַל לאַוואַלע האָט געקענט צוזאַמענקלייבען אין בוענאָס ערעס. נאָך דיזען זיעג האָט ראָזאַס פערכאַפּט דיא רעגיערונג פון בוענאָס ערעס. ביסלעכוויז האָט ער אַלץ ווייטער פערשפּרייט זיין דיקטאַטור איבער'ן לאַנד. דיא יוניטאַריסטען האָט ער פערפאָלגט מיט אַ ווילדער גרויזאַמקייט. אין דער פּראָווינץ קויאָ, וואו דער פעדעראַליסטישער קאַודילאָ קוויראָגאַ איז בעזיעגט געוואָרען פון גענעראַל לאַ פאַז, וועלכער איז געוואָרען דער יוניטאַריסטישער דיקטאַטאָר פון דער פּראָווינץ קאָרדאָבאַ, האָט ראָזאַס אַריינגעשיקט אַ שטאַרקע אַרמעע, וועלכע האָט געהאָלפען דיא פעדעראַליסטען צו פערניכטען דיא יוניטאַריסטישע אַרמעע. אַרגענטינער היסטאָריקער רעכענען, אַז איבער צוואַנציג טויזענד יוניטאַריסטען זיינען געפאַלען אין די שלאַכטען דאָרטען. אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון גענעראַל לאַ פאַז'עס יוניטאַריסטישע אַרמעע האָט זיך געראַטעוועט דורך פּליטה נאָך באָליוויאַ.

ראָזאַס האָט רעגיערט מיט אַן אייזערנער האַנד ניט נור אין בוענאָס ערעס, זאָנדערן אויך אין אייניגע אַנדערע פּראָווינצען, טראָץ דעם וואָס ער איז ארויסגעטראָטען אַלס דער פיהרער פון דיא פעדעראַליסטען. ער האָט געזוכט צו עטאַבלירען אין דיא פּראָווינצען אַזעלכע גובערנאַטאָרען, וואָס זאָלען איהם פאָלגען. זיינע אַנהענגער האָט ער בעלוינט מיט דיא בעסטע שטעלען און זיינע געגנער זיינען קיין מאָל ניט זיכער געווען מיט זייערע פערמעגענס (ער פלעגט אויך קאָנפיסצירען דיא גיטער פון דיא יוניטאַריסטען) און לעבענס. מען האָט

איהם נאַטירליך געהאַסט, אָבער מען האָט פאַר איהם געציטערט און מען האָט אויך אָנערקענט זיינע פעהיגקייטען. אין 1835 איז ער אָפיציעל געוואָרען דער דיקטאַטאָר אונטער דעם טיטול גענעראַל־גובערנאַטאָר און האָט אָנגעהאַלטען זיין הערשאַפט ביז 1852.

אויסער שלאַכטען מיט דיא יוניטאַריסטען און מיט איינינע קאַודילאָס אין דיא פּראָווינצען האָט ראָזאַס נאָך געהאַט צוזאַמענשטויסען מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע האָבען פערלאַנגט שוץ און שאַדענערזאַץ פאַר זייערע בירגער (דיא אויסלענדער האָבען נאַטירליך געליטען דורך דעם בירגער־קריעג). ער האָט זיך ענערגיש ענטזאַגט נאָכצוגעבען דיא פאָרדערונגען פון דיזע גרויס־מעכטע. זיי האָבען דערפאַר בלאָקירט דעם פּאָרט בוענאָס ערעס אין 1838. דיא יוניטאַריסטען, וועלכע האָבען געזוכט רעטונג אויסערהאַלב אַרגענטינאַ, ספּעציעל אין אורוגוואַי, האָבען אָנגעפאַנגען אַ נייעם אויפשטאַנד אין 1839 אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל לאַוואַלע. אָבער זיי זיינען ווידער בע־זיעגט געוואָרען, און גענעראַל לאַוואַלע איז שליסליך געפאַנגען און דערשאָסען געוואָרען אין 1841. דיא פעדעראַליסטען האָבען זיך אַזוי אָבגערעכענט מיט איהם פאַר דיא ערמאָרדונג פון דאָרעגאָ מיט 13 יאָהר פריהער.

אין 1845 איז בוענאָס ערעס ווידער בלאָקירט געוואָרען פון פראַנצויזישע און ענגלישע קריעגס־שיפען. דיזעס מאָל זיינען דיזע צוויי גרויסמעכטע אַרויס־געטראָטען געגען דעם דיקטאַטאָר ראָזאַס, ווייל ער האָט ניט נור געשיקט סאָלדאַטען צו העלפען זיינע אַדיוטאַנטען אָריבע און אורקוויזאַ צו בעלאַגערען מאָנטעווידעאָ, דיא הויפּט־שטאָדט פון אורוגוואַי, זאָנדערן האָט אויך ניט גע־לאָזען אויסלענדישע שיפען אַריינקומען אין דיא טייכען אורוגוואַי און פּאַראַנאַ. זיין צוועק איז געווען אָבצושליסען אורוגוואַי און אויך דיא פּראָווינץ ענטרע ריאָס פון אַ פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט און ספּעציעל ניט צו דערלאָזען, אַז דיא יוניטאַריסטען און אַלע זיינע געגנער, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט צו רעבעלירען און צו אָרגאַניזירען בעוואַפענטע מחנות, זאָלען קענען בע־קומען געוועהר פון אויסלאַנד. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען אָבער געפאָר־דערט פרייען צוטריט פאַר זייערע האַנדעלס־שיפען אין דיא טייכען פון דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען און זיי האָבען שליסליך געצוואונגען דעם אַרגענטינער דיקטאַטאָר אין 1849 נאָכצוגעבען, אַז אורוגוואַי זאָל בלייבען אַן אונאַבהענגיגע רעפּובליק און אַז דער טייך פּאַראַנאַ זאָל בלייבען אָפען פאַר דיא האַנדעלס־שיפען פון אַלע נאַציאָנען.

אַרום דיזער צייט האָבען זיך אַלץ מעהר און שטאַרקער צוזאַמענגעצויגען דיא שטורם־וואָלקענס פון דער רעבעליאָן געגען זיין דיקטאַטור. דיא צאָהל פון דיא אונצופריעדענע איז מיט יעדען יאָהר געוואַקסען אפילו אין בוענאָס ערעס גופא, ווייל ער האָט איינגעפיהרט אַ סאָלדאַטסקע הערשאַפט. אין אורוגוואַי

און אין טשילי האָבען זיך צוזאמענגעקליבען א סך עמיגראַנטען וואָס האָבען נור אויסגעקוקט אויף א געלעגענהייט צו ברעכען דיזע דיקטאטור, וועלכע איז געוואָרען פשוט אונערטרעגליך. צווישען דיזע עמיגראַנטען האָבען זיך געפונען דיא בעסטע פאָרשטעהער פון דער ארגענטינער אינטעליגענץ, וועלכע האָבען נאָכהער געשפיעלט וויכטיגע ראָלען אין דער געשיכטע פון דער רעפובליק.

אָבער ערשט ווען גענעראַל אורקוויזא, וועלכער איז געווען דיא רעכטע האַנד פון ראָזאס און איז געוואָרען דער דיקטאטאָר פון ענטרע ריאָס, איז ארויסגע־טראָטען געגען דעם טיראַן פון בוענאָס ערעס, האָבען דיא רעוואָלוציאָנערען גע־קענט רעכענען אויף א זיעג. דיא ערשטע אטאקעס פון גענעראַל אורקוויזא זיינען אָבער צוריקגעשטויסען געוואָרען פון דיא ארמעען, וועלכע ראָזאס האָט ארויסגעשיקט פון בוענאָס ערעס. דאָס האָט איהם געצוואונגען צו שליסען א בונד מיט בראַזיליען און אויך מיט דער ליבעראַלער פארטיי פון אורוגוואַי, וועלכע האָט סימפאטיזירט מיט דיא רעוואָלוציאָנערען.

אַן ארמעע פון 24,000 מאַן איז אין 1851 צוזאמענגעקליבען געוואָרען אין מאָנטעווידעאָ. דיא געגנער פון דעם טיראַן פון בוענאָס ערעס זיינען צו־געשטאַנען פון אַלע זייטען צו דער ארמעע, וועלכע גענעראַל אורקוויזא האָט אָרגאַניזירט. א בראַזיליאַנער פלאָטע איז אריינגעשוואומען אין דעם טייך או־רוגוואַי צו בעשיצען דעם אריבערפאָהר פון דיזער ארמעע, דיא גרעסטע וואָס איז ביז יענער צייט צוזאמענגעקליבען געוואָרען אין זיד־אמעריקא, איבער דיזען טייך. ראָזאס האָט אָרגאַניזירט אַן ארמעע אין בוענאָס ערעס, וועלכע איז בע־שטאַנען פון א 25,000 מאַן. ביידע ארמעען האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען דעם 3טען פעברואר 1852 אין מאָנטע קאזעראָס, א מייל צעהן פון בוענאָס ערעס, און דיא שלאַכט האָט זיך שנעל געענדיגט מיט א נידערלאַגע פאַר דעם דיקטאטאָר. א גרויסער טהייל פון זיין ארמעע האָט איהם פערלאָזען אויף'ן שלאַכטפעלד, און פיעלע פון זיינע הויפט־אָפיציערען האָבען איהם פערראַטהען. ער איז אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אין ענגלישען אמבאַסאַד, פון וואַנען מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט אויף אַן ענגלישער קריעגס־שיף נאָך אייראָפא. אזוי האָט זיך געענדיגט ראָזאס'עס לאַנגע הערשאַפט.

גענעראַל אורקוויזא האָט דאַן פערנומען דעם פלאַץ פון דעם פעריאָגטען דיקטאטאָר. ער האָט אָבער געזוכט צו עטאבלירען א קאָנסטיטוציאָנעלע רע־פובליק און האָט ניט געוואָלט שפיעלען דיא ראָלע פון א דיקטאטאָר. וויא נור ער איז געוואָרען דער הויפט פון דער פראָוויזאָרישער רעגיערונג אין בוענאָס ערעס, האָט ער צוזאמענגערופען דיא גובערנאטאָרס פון אַלע פראָווינצען, אום זיך צו בעראַטהען מיט זיי און צו קומען צו א פערשטענדיגונג מכח דיא פאָלי־טישע אָרגאַניזאציאָן פון גאַנצען לאַנד. זיי האָבען בעשלאָסען צוזאמענצורופען א קאָנגרעס, וואָס זאָל אויסאַרבייטען א נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציאָן. אום בעו־

נאָס ערעס זאָל ניט האָבען אַ צו גרויסע דעה, האָט מען אָבגעמאַכט, אַז יעדע פראָווינץ זאָל האָבען אַ גלייכע שטימע, ניט אַכטענדיג אויף דער גרויס פון איהר טעריטאָריע און בעפעלקערונג, און אַז דיא זיצונגען פון דיזען קאָנגרעס זאָלען געהאַלטען ווערען אין דער שטאָדט סאַנטאַ פע.

אַלע פראָווינצען האָבען געוואָלט וואָס ענגער און פעסטער זיך צוזאַמענשליסען, מיט אויסנאַהמע נור פון בוענאָס ערעס, וועלכע האָט ניט אַנדערש געוואָלט פיהרען דיא רעדעל. דורך דעם לאַנגען בירגער־קריעג און דיא שטענדיגע רייסערייען צווישען דיא יוניטאַריסטען און פעדעראַליסטען האָבען אַלע פראָווינצען זעהר פיעל געליטען; אָבער בוענאָס ערעס איז דאָך פיעל שנעלער געוואַקסען אין בעפעלקערונג פאַר אַלע אַנדערע. מאַנכע פראָווינצען זיינען גאָר פערוויסטעט געוואָרען. אונטער דער לאַנגער דיקטאַטור פון ראָזאַס איז דיא בעפעלקערונג פון בוענאָס ערעס דאָך פערדאָפעלט געוואָרען. ער האָט ספעציעל געזאָרגט פאַר זיין הויפט־שטאָדט, דעם צענטער פון זיין מאַכט, און האָט אויפגעפאַסט, אַז עס זאָל הערשען דאָרטען רוהע און אַז דער האַנדעלס־פערקעהר זאָל וואָס וועניגער געשטערט ווערען. אויף דעם פלאַץ פון דיא עטליכע יוניטאַריסטישע פיהרער, וועלכע האָבען געמוזט אַנטלויפען נאָך אורוגוואַי און טשילי, זיינען אָנגעקומען טויזענדע פון דיא אינלענדישע פראָווינצען, וויא אויך פון אויראָפאַ. דיא פראָווינץ בוענאָס ערעס איז אויך היינט דיא גרעסטע אין שטח (זיא פערנעהמט אַרום 118 טויזענד סקווער מייל) און זיא צעהלט אַ פערטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון אַרגענטינאַ. נאָך גרעסער און שטאַרקער אין פערגלייך מיט אַלע אַנדערע פראָווינצען איז בוענאָס ערעס געווען אין מיטען פון לעצטען יאָהרהונדערט. וואָס אַנבעלאַנגט צו דער שטאָדט בוענאָס ערעס צעהלט זיא היינט אַ פינפטעל פון דער אַרגענטינער בעפעלקערונג, און צום סוף פון ראָזאַס'עס הערשאַפט האָט זיא געצעהלט זאָגאַר נאָהענט פון אַ דריטעל פון דער בעפעלקערונג פון גאַנץ אַרגענטינאַ.

עס איז דאַרום געווען נאַטירליך, אַז דיא פראָווינצען, וועלכע האָבען געוואָלט אָנהאַלטען זייער אָטאָנאָמיע, זאָלען זיך שרעקען פאַר דיא אויבערמאַכט פון בוענאָס ערעס און אַז דיא פיהרער פון דיזער שטאָדט זאָלען שטרעבען צו אויבערהערשאַפט. דיא קאַודילאָס האָבען דאַרום געפאָדערט, אַז אַלע פראָווינצען זאָלען האָבען אַ גלייכע שטימע אין דעם נאַציאָנאַלען קאָנגרעס, אָבער דיא פיהרער פון בוענאָס ערעס האָבען עס בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען. דיזע פיהרער האָבען אויך געפאָדערט, אַז דיא הויפט־שטאָדט פון דער אַרגענטינער רעפובליק זאָל זיין נור בוענאָס ערעס. זיי האָבען ניט איינגעזעהן, אַז סאַי וויא סאַי וועט דיזע שטאָדט מוזען פערנעהמען דעם ערשטען פלאַץ אין דער רעפובליק, וואָס פאַר אַ פעדעראַליסטישע קאָנסטיטוציאָן מען זאָל ניט פערפאַסען. זיא איז דאָך שטענדיג געווען דער צענטער פון האַנדעל און אויך פון

בילדונג און קולטור אין די לאַ פּלאַטאַ געגענדען. אין פּראָפּאָרציע צו דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג פון לאַנד איז בוענאָס ערעס אַן אויסנאַהמע צווישען די הויפּט־שטעדט פון אַלע אַנדערע לענדער. ווען מען נעהמט אין אַנבעטראַכט די טעריטאָריע פון אַרגענטינאַ, וועלכע איז איבער פינף מאָל גרעסער פאַר די דייטשע אימפּעריע און וועלכע צעהלט היינט, נאָך דעם ריזעגען עמיגראַציאָנס־שטראָם אין די לעצטע פאָר צעהנדליג יאָהר, אַרום 6 מיליאָן נפשות, ווערט מען ערשטוינט, אַז דאָרטען האָט גאָר געקענט אויפקומען איין שטאָדט מיט אַ פינפטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג.

נור די פיהרער פון בוענאָס ערעס האָבען ניט געוואָלט הערען פון קיינע קאָמפּראָמיסען, און ווען דער קאָנגרעס האָט בעשטימט, אַז סאַנטאַ פּע זאָל ווערען די הויפּט־שטאָדט פון דיזע פעראייניגטע פּראָווינצען, האָבען זיי זיך ענטזאַגט דאָס צו אַנערקענען און האָבען זיך גאָר אָבגעריסען פון פערבאַנד.

אַרגענטינאַ איז דאַן צושפּאָלטען געוואָרען אין צוויי טהיילען: די פּראָווינץ בוענאָס ערעס אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון דאָקטאָר אַבליגאַדאָ און אַלע אַנדערע פּראָווינצען אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון גענעראַל אורקוויזאַ, וועלכער איז אויסגעוועהלט געוואָרען פון קאָנגרעס לויט די פאָרשריפטען פון דער פעדעראַטיווער קאָנסטיטוציאָן און וועלכער האָט אויסגעקליבען פּאַראַנאַ פאַר די הויפּט־שטאָדט (דיזע שטאָדט פון דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס צעהלט היינט בלויז אַרום 30,000 איינוואָהנער). ביז 1859 האָבען דיעזע צוויי רעפּובליקען געדולדעט איינע די אַנדערע. ביידע האָבען שנעל פּראָגרעסירט און זיינען געוואַקסען אין בעפעלקערונג. אונטער דער אַדמיניסטראַציאָן פון פּרעזידענט אורקוויזאַ האָבען די פּראָווינצען, ספּעציעל ענטרע ריאָס און קאָריענטע, געמאַכט וואונדערבאַרע פאָרטשריטע. די פרייהייט פון שיף־פערקעהר אויף די טייכען פּאַראַנאַ און אורוגוואַי האָט אונגעהייער פיעל בייגעטראָגען צו דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון די לאַ פּלאַטאַ געגענדען. עמיגראַנטען פון אייראָפּעאישע לענדער האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו בעזעצען זיך אין די פּראָווינצען ענטרע ריאָס, סאַנטאַ פע און קאָריענטע. די שטאָדט ראָזאַריאָ אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע ביי די ברעגען פון טייך פּאַראַנאַ איז שנעל געוואָרען אַ וויכטיגער פּאָרט, דער גרעסטער נאָך בוענאָס ערעס.

אָבער בוענאָס ערעס האָט זיך פון דעסטוועגען אָפיציעל ניט ערקלערט פאַר אַ גאַנץ בעזונדערע רעפּובליק און האָט אייגענטליך נור געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו קריעגען די אויבערמאַכט אין לאַנד. וואָס מעהר די פּראָווינצען האָבען פּראָגרעסירט, אַלץ מעהר האָבען די פיהרער פון בוענאָס ערעס, די זאָ־גענאַנטע פּאָרטעניאָס, איינגעזעהען די נוצען פון אַ פעראייניגונג. אין 1859 האָבען זיי בעשלאָסען צו שיקען אַן אַרמעע, אום צו פעריאָגען פון פּאַראַנאַ פּרעזידענט אורקוויזאַ מיט זיין רעגיערונג. אָבער זייער אַרמעע,

וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל באַרטאָלאָמע מיטרע, איז בעזיעגט געוואָרען פון גענעראַל אורקוויזאַ'ס אַרמעע, און דער רע־זולטאַט דערפון איז געווען, אַז בוענאָס ערעס האָט געמוזט אַריינטרעטען אין דעם פערבאַנד און אַנערקענען דיא פעדעראַטיווע קאָנסטיטוציאָן פון 1853 און אויך אַז פאַראַנאַ זאָל ווערען דיא הויפּט־שטאָדט פון דיא פעראייניגטע פּראָווינצען פון אַרגענטינאַ.

באַרטאָלאָמע מיטרע

צו דיזער צייט האָט אורקוויזאַ'ס קאָנסטיטוציאָנעלער טערמין אַלס פּרעזי־דענט זיך געענדיגט. אויף זיין פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען דאָקטאָר סאַנטיאַגאָ דערקווי, וועלכער איז באַלד געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט בוענאָס ערעס צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך אַריינגעמישט אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענ־הייטען פון דער פּראָווינץ סאַן כואַן, וואו דער גובערנאַטאָר איז ערמאָרדעט געוואָרען פון זיינע געגנער. דיזער צוזאַמענשטויס האָט זיך שוין געענדיגט

מיט אַ טריאומף פאַר בוענאָס ערעס. אין דער שלאַכט ביי פּאַוואָן אין סעפּטעמבער 1861 האָט גענעראַל מיטרע, וועלכער איז געווען גובערנאַטאָר פון בוענאָס ערעס, בעזיעגט דיא פעדעראַלע אַרמעע, און דר. דערקווי האָט געמוזט רעזיגנירען.

אָבער דיזער גענעראַל איז אויך געווען אַ פעהיגער און ליבעראַלער שטאַאַטסמאַן. ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דעם קאַמפּף געגען דעם טיראַן ראָזאַס און האָט זיך שפּעטער אויך ערוואָרבען אַ נאָמען מיט זיינע זעהר וויכטיגע און גרינדליכע ווערק איבער דער געשיכטע פון אַרגענטינע. ווען ער איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון אַלע פּראָווינצען און האָט עטאַבלירט דיא אַלגעמיינע רעגיערונג אין בוענאָס ערעס, האָט ער ניט נור געזוכט צו פערבלייבען אין דיא גרענעצען פון דער פעדעראַטיווער קאָנסטיטוציאָן פון 1853, וועלכע ער האָט ניט געענדערט, זאָנדערן צו לעבען בשלום מיט דיא קאַודילאָס און בכלל וואָס ווייניגער זיך צו מישען אין דיא אינערליכע פּראָווינציעלע אַנגעלעגענהייטען.

בעזאָנדערס האָט ער געזוכט ניט איינצורייסען זיך מיט גענעראַל אורקוויזאַ, וועלכער איז געבליבען דער דיקטאַטאָרישער גובערנאַטאָר פון זיין פּראָווינץ ענטרע ריאָס, ווען ער האָט אויפגעהערט צו זיין פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע פּראָווינצען. פון זיין זייט האָט אורקוויזאַ געדולדעט דיא אויבערמאַכט פון בוענאָס ערעס, זאָ לאַנג מען האָט איהם געלאָזען קאָמאַנדעווען אין זיין פּראָווינץ. דיא אַנדערע קאַודילאָס האָבען געפאָלגט זיין ביישפּיעל, און דאָס לאַנד האָט ענדליך דערלעבט אַ צייט אָהן בירגער־קריעג, אַ צייט פון רוהע.

פיערטער קאפיטעל.

# דיא בערוהיגונג און אויפבליהונג פון לאנד

אונטער דער אדמיניסטראציאָן פון בארטאָלאָמע מיטרע האָבען אָלע טהייל־לען פון אַרגענטינע געמאַכט אונגעהייער גרויסע פאָרטשריטע. עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָרטען, מעג מען זאָגען, אַ נייעס לעבען. דיא פּראָווינצען זיינען וואונדערבאר שנעל געוואַקסען אין בעפעלקערונג און אין רייכטהום. אָבער אין 1865 איז אַרגענטינע ניט ווילענדיג אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַ מלחמה, וועלכע האָט איהר זעהר טהייער געקאָסט. דאָס איז געווען דיא מלחמה, וועלכע פראַנציסקאָ לאָפּעז, דער זאָנדערבארער דיקטאַטאָר פון פּאַראַגוואַי, האָט אָנ־געפאַנגען גלייכצייטיג מיט בראַזיליען און מיט ארגענטינע און וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט זיין טויט און מיט אַ שרעקליכער רואינע פאַר פּאַראַגוואַי, וויא מיר וועלען עס זעהן, ווען מיר וועלען קומען צו דער געשיכטע פון דיזער רעפּובליק.

אין דער צייט ווען מיטרע האָט געפיהרט אין פערבינדונג מיט בראַזיליען דיא לאַנגע און שווערע מלחמה מיט דעם פּאַראַגוואַיער דיקטאַטאָר, האָבען אויסגעבראָכען אונרוהען אין איינינע אַרגענטינער פּראָווינצען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט בענוצען מיט דיזער געלעגענהייט צו ברעכען דיא אויבערמאַכט פון בוענאָס ערעס. דאָס האָט געצוואונגען פּרעזידענט מיטרע צוריקצוקעהרען זיך, אום צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד. אַזוי וויא גענעראַל אורקוויזאַ האָט זיך ענטזאָגט אַרויסצוטרעטען געגען פּרעזידענט מיטרע, איז דיזער אויפ־שטאַנד געווען אַ זעהר שוואַכער.

פּרעזידענט מיטרע האָט פריעדליך און געזעצליך אָבגעטראָטען זיין פּלאַץ צו דר. סאַרמיענטאָ, ווען זיין טערמין האָט זיך געענדיגט אין 1868. דיא וואהל פון דר. סאַרמיענטאָ, וועלכער איז בעקאַנט אין דער געשיכטע פון אַרגענ־טינע אונטער דעם נאָמען "שולמייסטער פּרעזידענט", ווייל ער האָט זעהר פיעל געזאָרגט פאַר פאָלקס־בילדונג, איז געווען אַ בעזאָנדערס פרייע, פריעדליכע און עהרליכע. ער האָט אויך פערדיענט דעם צוטרויען פון פאָלק צו איהם. אונטער זיין ליבעראַלער אַדמיניסטראַציאָן האָט דאָס לאַנד ווייטער פּראָגרעסירט מיט

אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט. מען האָט אויסגערעכענט, אַז קיין לאַנד אין דער וועלט, אפילו ניט דיא פּעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקאַ, איז אַזוי שנעל געוואַקסען אין בעפעלקערונג, אין רייכטהום און אין האַנדעל, וויא אַרגענטינע אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט. אין דיא ערשטע 45 יאָהר נאָך דער רעוואָלוציאָן געגען שפּאַניען איז דיא בעפעלקערונג פון דיא אַרגענטינער פּראָווינצען בלויז פערדאָפּעלט געוואָרען, וועהרענד אין דיא נעכסטע 45 יאָהר איז זיא געשטיגען אויף 450 פּראָצענט. אין 1869 האָט דיא שטאָדט בוענאָס ערעס געהאַט 180,000 איינוואָהנער און מיט דרייסיג יאָהר שפּעטער 850,000. דיזער אויסעראָרדענטליכער וואוקס איז געקומען ספּעציעל דורך דעם אַלץ שטייגענדען שטראָם פון איינוואַנדערער.

אָבער עס זיינען אַלץ געבליבען נאָכוועהעניסען פון דעם בירגער־קריעג. אין 1870 האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס אונטער דער פיהרונג פון דעם קאַודילאָ לאָפּעז כאָרדאַן, וועלכער האָט געוואָלט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם גובערנאַטאָר אורקוויזאַ. דיא רעבעלען האָבען געפאַנגען דיזען אַלטען קאַודילאָ און עקס־פּרעזידענט און האָבען איהם ערמאָרדעט. דיא לעגיסלאַטור פון דער פּראָווינץ האָט דאַן אויס שרעק פאַר דיא רעבעלען ערוועהלט דעם קאַודילאָ לאָפּעז כאָרדאַן פאַר דעם גובערנאַטאָר. אָבער פּרעזידענט סאַרמיענטאָ האָט ניט נור זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען אַזאַ אויסוואַהל, זאָנדערן האָט אויך געשיקט אַן אַרמעע צו אונטערדריקען דיא רעבעליאָן. דיזער פּראָווינציעלער בירגער־קריעג האָט געדויערט אַרום אַ יאָהר און איז געוועזן אַ זעהר קאָסטבאַרער און בלוטיגער. ענדליך זיינען דיא רעבעלען פעריאָגט און פערניכטעט געוואָרען, און לאָפּעז כאָרדאַן האָט זיך גערעטעט דורך פּליטה נאָך אויסלאַנד. צום אַנדענקען פון גענעראַל אורקוויזאַ האָט מען אין 1901 געשטעלט אַ מאָנומענט אין זיין אַלטער הויפּט־שטאָדט פּאַראַנאַ.

אין 1874, ווען סאַרמיענטאָ'ס טערמין האָט זיך געענדיגט, האָט זיך צופּלאַקערט דער אַלטער קאַמפּף צווישען דיא פיהרער פון דיא פּראָווינצען און דיא פּאָרטעניאָס פון בוענאָס ערעס. ווען דר. ניקאָלאָס אַוועלאַנעדאַ, דער קאַנדידאַט פון דיא פּראָווינצען, איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר פּרעזידענט, האָבען דיא פיהרער פון בוענאָס ערעס, וועלכע האָבען אַרויסגעשטעלט דעם עקס־פּרעזידענט מיטרע אַלס זייער קאַנדידאַט, פּראָטעסטירט, אַז דיא וואַהלען זיינען ניט אָנגעגאַנגען עהרליך, און האָבען איהם געוואָלט אַרונטערזעצען מיט געוואַלט. דאָס האָט געפיהרט צו אַ נייעם בירגער־קריעג, וועלכער האָט זיך אָבער גליקליכערווייזע געענדיגט שנעל. אין דיא צוויי שלאַכטען, וועלכע זיינען געפאָכטען געוואָרען צווישען דיא אַנהענגער פון פּרעזידענט אַוועלאַנעדאַ און פון עקס־פּרעזידענט מיטרע, זיינען דיא לעצטע בעזיעגט געוואָרען און האָבען זיך אונטערגעגעבען.

אין דיזע שלאכטען האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט גענעראל ראקא, דער קאמאנדיר פון דער פעדעראלער ארמעע, וועלכער איז געווארען צוערשט קריעגס־מיניסטער אין אווערלאנעדא'ס קאבינעט און נאכהער פרעזידענט און דיקטאטאר. דיזער גענעראל האט זיך אויך אויסגעצייכענט אין דער ערא‎בערונג פון דיא ריעזיגע געגענדען, וועלכע האבען געטראגען דעם אלגעמיינעם נאמען פאטאגאניע און וועלכע זיינען געווען בעזעצט פון זעהר שטארקע, הויכע און קריעגערישע אינדיאנער. דיא גרענעצען פון ארגענטינע זיינען דורך זיינע זיעגען איבער דיא אינדיאנער פערשפרייטעט געווארען ביז צו דיא ברעגען פון דעם מאגעלאן וואסער־וועג. נייע געגענדען, וואס פערנעהמען עטליכע הונ־דערט טויזענד סקווער מייל, זיינען געעפענט געווארען פאר דיא גאוטשאס און אייראפעער אין 1878. דיא פיהרער פון בוענאס ערעס האבען פערלאנגט גאנץ פאטאגאניע אלס א טהייל פון זייער פראווינץ, אבער דיא פיהרער פון דיא אנדערע פראווינצען און אויך פרעזידענט אווערלאנעדא האבען עס ניט געוואלט דערלאזען, ווייל דאן וואלט דיא פראווינץ בוענאס ערעס געווען אזוי גרויס, וויא אלע אנדערע 13 פראווינצען צוזאמען. מען איז שליסליך געקומען צו א קאמפראמיס, אז דיא פראווינץ בוענאס ערעס זאל בעקומען 63,000 סקווער מייל פון דיא געגענדען, וועלכע מען האט צוגענומען ביי דיא אינדיאנער, און אז פאטאגאניע זאל צוטהיילט ווערען אין טעריטאריעס אונטער דער פערוואל־טונג פון דער פעדעראלער רעגיערונג.

אין 1880, ווען עס איז געקומען דיא צייט פון וואהלען פאר א פרעזידענט, האט זיך ווידער פערשארפט דער אלטער שטרייט צווישען דיא פראווינצען און בוענאס ערעס. פרעזידענט אווערלאנעדא און זיין פארטיי האבען בעשטימט, אז גענעראל ראקא זאל ווערען דער הויפט פון דער פעדעראלער רעגיערונג. זיי האבען אנגעווענדעט דיא גאנצע רעגיערונגס־מאשין דורך דיא גובערנא־טארס, ארמעע און פאליציי אויסצופיהרען זייער בעשלוס. דיא פארטיי פון בוענאס ערעס, דיא פארטעניאס, דיא אנהענגער פון עקס־פרעזידענט מיטרע, האבען ארויסגעשטעלט דר. טעבעדאר אלס זייער קאנדידאט. דיזע פארטיי האט בעשלאסען צו קעמפפען מיט געוועהר אין דיא הענד געגען דיא וואהל פון גענעראל ראקא. דיא בעפעלקערונג פון דער שטאדט בוענאס ערעס, וועלכע האט שוין דאן דערגרייכט ביז 700,000 נפשות, איז געווען געגען דיא פעדע־ראלע רעגיערונג און האט מיט ענטהוזיאזם געשטיצט דיא פאדערונגען פון מיט־רע'ס פארטיי. זיי האבען געוואלט, אז זייער שטאדט זאל פיהרען דיא גאנצע רעפובליק. גרויסע פראטעסט־מיטינגען געגען פרעזידענט אווערלאנעדא און זיין רעגיערונג זיינען אבגעהאלטען געווארען אין שטאדט, און דיא מיליץ צו־זאמען מיט דער פאליציי האבען פאראדירט איבער דיא גאסען און געדראהט צו פעריאגען דיא רעגיערונג, וועלכע האט פון איהר זייט אויסגעשטעלט ארטי־

לעריע אין איינינע פּונקטען און האָט צוזאַמענגעקליבען סאָלדאַטען פון דיא פּראָווינצען.

פוןביידע זייטען האָט מען אָבער געוואָלט אויסמיידען בלוט־פערגיסונגען און קומען צו אַן אויסגלייך. פּרעזידענט אַוועלאַנעדאַ האָט געהייסען זיינע סאָלדאַטען אַרויסמאַרשירען פון שטאָדט, האָפּענדיג דערמיט איינצושטילען דיא רעבעלירענדע איינוואָהנער. דיא אונטערהאַנדלונגען צווישען דיא אַנפיהרער פון ביידע פּאַרטייען און אַרמעען האָבען אָבער ניט געפיהרט צו אַ פריעדליכען אָבמאַך. אין יוני 1880 האָט פּרעזידענט אַוועלאַנעדאַ געפונען פאַר נויטיג צו פערלאָזען בוענאָס ערעס צוזאַמען מיט אַלע זיינע מיניסטאָרען. דיא פּאָרטעניאָס האָבען עס אָנגענומען פאַר אַ קריעגס־ערקלערונג און האָבען גלייך בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען אַן אַרמעע פון 25,000 מאַן. אַרגענטינע איז דאַן צוטהיילט געווען אין צוויי פּאַרטייען: פון איין זייט דער פערבאַנד פון צוועלף פּראָווינצען, דיא זאָ־גענאַנטע "קאָרדאָבאַ ליגע", און פון דער אַנדער זייט דער פערבאַנד פון דער שטאָדט און פּראָווינץ בוענאָס ערעס מיט דער פּראָווינץ קאָריענטעס. דיא אַרמעע פון דיא צוועלף פּראָווינצען, דיא פעדעראַלע אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל ראָקאַ, איז געווען בעסער בעוואָפענט און דיסציפּלינירט פאַר דער אַרמעע פון בוענאָס ערעס. זיא איז אויך געווען געשטיצט פון דיא קריעגס־שיפען, וועלכע האָבען בלאָקירט דעם פּאָרט פון בוענאָס ערעס און ניט דערלאָזען אַריינפיהרען פון אויסלאַנד געוועהר, אין וועלכע דיא פּאָרטעניאָס האָבען זיך בעזאָנדערס גענויטיגט.

נאָך עטליכע צוזאַמענשטויסען און נאָך אַ שלאַכט לעבען בוענאָס ערעס, וועלכע האָט זיך געצויגען צוויי טעג, האָט דיא פעדעראַלע אַרמעע געזיעגט. גענעראַל ראָקאַ איז אריין אין בוענאָס ערעס אַלס טריאומפאַטאָר און איז נאָכהער ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט. דיא בעזיעגטע פּאַרטיי האָט זיך געפיהלט צו שוואַך אַרויסצושטעלען איהר קאַנדידאַט געגען דיזען ענערגישען און פעהיגען גענעראַל, וועלכער האָט באַלד בעוויזען, אַז ער איז אויך אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר. דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דעם זיעג פון דיא פּראָווינצען איז געווען, וואָס דיא שטאָדט בוענאָס ערעס איז אָבגעטהיילט געוואָרען פון דער פּראָווינץ בוענאָס ערעס און איז ערקלערט געוואָרען פאַר דיא פעדעראַלע הויפּט־שטאָדט. דיזע ענדערונג האָט געפיהרט ניט נור צו אַ שנעלען סוף פון דיא לאַנגע בלוטיגע שטרייטען צווישען דיא פּראָווינציאַלען און דיא פּאָרטעניאָס, זאָנדערן אויך צו אַן ענגערער פערבינדונג פון אַלע פּראָווינצען און צו אַ פערשטאַרקונג פון דער גאַנצער רעפּובליק.

אָהן איהר הויפּט־שטאָדט האָט דיא פּראָווינץ בוענאָס ערעס אויפגעהערט צו שרעקען דיא אַנדערע פּראָווינצען מיט איהר אויבערמאַכט. אין דער שטאָדט בוענאָס ערעס, אַלס דער צענטער פון דער אַלגעמיינער רעגיערונג, האָבען זיך

דיא פערטרעטער פון דיא פראווינצען אנגעהויבען צו פיהלען וויא ביי זיך אין דער היים. דיא פראווינצען האבען אנגעהאלטען זייער אלטע אטאנאמיע, אבער זיי האבען שוין געקוקט אויף בוענאס ערעס מיט שטאלץ וויא אויף זייער אלגעמיינע הויפט־שטאדט, דעם צענטער פון האנדעל, אינדוסטריע און קולטור פון דער ארגענטינער נאציאן. זיי האבען זיך אזוי אלץ ענגער און פריינדליכער פערבונדען אין איין פעדעראציאן. אין 1884 איז דיא רעגיערונג פון דער פראווינץ בוענאס ערעס אריבערגעפיהרט געווארען אין דער שטאדט לא פלאטא, ניט ווייט צום זיד פון דער שטאדט בוענאס ערעס. דאס איז אויסגעפיהרט געווארען אהן שום שטערונגען, און דיא פעדעראטיווע ארגאניזאציאן פון דער ארגענטינער רעפובליק איז דורך דעם נאך מעהר בעפעסטיגט געווארען.

אונטער דער אדמיניסטראציאן פון פרעזידענט ראקא האט דיא רעפובליק געמאכט וייטערע פארטשריטע אויף אלע וועגען. דיא געשעפטען האבען אויפגעבליהט, דער אויסלענדישער האנדעל איז געשטיגען פון 1875 ביז 1885 אויף 75 פראצענט. אין דערזעלבער צייט זיינען דריי מאל אזוי פיעל אייזענבאהנען אויפגעבויט געווארען וויא אין דיא פריהערע יאהרען. דיא איינקינפטע פון דער רעגיערונג האבען זיך אויך פערגרעסערט אויף 60 פראצענט; אבער נאך העכער האבען זיך געהויבען דיא אויסגאבען, און דאס האט געפיהרט צו א פינאנציעלען קריזיס. דיא פינאנסען פון ארגענטינע זיינען דיא גאנצע צייט געווען אין א שלעכטען צושטאנד, טראץ דיא אונגעהייערע ענטוויקלונג פון האנדעל. דער לאנגער בירגער־קריעג האט נאטירליך געפאדערט ריזיגע אויסגאבען אויף געוועהר. מען האט געזוכט צו דעקען דיא שטייגענדע אויסגאבען דורך אויסלענדישע הלוואות און דורך דרוקען מאסען אסיגנאציעס, וועלכע זיינען נאטירליך אלץ מעהר געפאלען אין פרייז.

ווען ראזאס איז געווארען דיקטאטאר, איז דער פאפיערענער דאלאר ווערטה געווען בלויז 15 סענט אין גאלד. אין 1846 איז מען געווען צופריעדען צו קריעגען 4 סענט פאר א פאפירענעם דאלאר. אונטער מיטרע'ס אדמיניסטראציאן אין 1866 האט מען געצוואונגען צו רעכנען א פאפירענעם דאלאר פאר 25 סענט אין גאלד. אבער אונטער סארמיענטא'ס אדמיניסטראציאן, ווען עס זיינען געמאכט געווארען זעהר גרויסע אויסגאבען, איז דער קורס פון פאפיער־געלד נאך ניעדריגער געפאלען. פרעזידענט ראקא האט אויך געוואלט רעפארמירען דיא פינאנסען און פעסטשטעלען דעם קורס פון פאפיער־געלד; אבער דאס איז איהם ניט געלונגען. דער רעזולטאט איז גאר געווען, אז דער פינאנציעלער קריזיס איז גרעסער געווארען און אז דער עולם איז געווארען אלץ מעהר אונצופריעדען מיט זיין רעגיערונג, וועלכע איז פאקטיש געווען א דיקטאטור, אבוואהל ער האט געזוכט זיך צו האלטען אין דיא גרענעצען פון דער

קאָנסטיטוציאָן און צו לעבען בשלום מיט דיא גובערנאַטאָרען און פיהרער אין דיא פראָווינצען.

אין 1886, ווען זיין טערמין האָט זיך געענדיגט, האָט גענעראל ראָקאַ אויסגעפיהרט, אז זיין שוואָגער, דר. מיגועל כוארעץ סעלמאַן, זאָל ווערען פּרעזידענט. באלד האָבען זיך אָבער אָנגעהויבען פּאָליטישע אונרוהען. סעלמאַן איז געווען אַ שוואַכער מאַן, אַ ווערקצייג אין דיא הענד פון דער הערשענדער פּארטיי. ער האָט געמאַכט הלואות און אויסגאַבען כמעט גאָר אָהן אַ רעכנונג. מען האָט צופיעל ספּעקולירט און מען האָט אויך געשווינדעלט אויף וואָס דיא וועלט שטעהט. אַלע וואַרנונגען וועגען דיא ביטערע רעזולטאַטען פון אַזעלכע פינאַנציעלע פיהרונגען האָבען וועניג געווירקט אויף דעם פּרעזידענט מיט דער באַנדע ספּעקולאַנטען און שווינדלער, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט און געזוכט צו מאַכען וואָס שנעלער מיליאָנען אויף דער רעכנונג פון פאָלק. סעלמאַן האָט אפילו ניט געפאָלגט דעם ראטה פון גענעראל ראָקאַ אויפצוהערען דיא צו גרויסע אויסגאַבען אויף אייזענבאַהנען און פערשיעדענע קהל'שע אונטערנעהמונגען. פון 1885 ביז 1891 זיינען דיא אויסלענדישע חובות כמעט פערדרייפאַכט געוואָרען דורך הלואות, פאַר וועלכע מען האָט געמוזט צאָהלען אַלץ העכערע פּראָצענטען.

אין 1889 איז ענדליך געקומען דער קריזיס, וועלכער האָט געפיהרט פּשוט צו באַנקראָט. דיא רעגיערונג האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָהלען איהרע דרינגענדסטע אויסגאַבען, און פיעלע באַנקען זיינען צוגעשלאָסען געוואָרען. דאַן האָט זיך געגרינדעט דיא זאָ־גענאַנטע "יוניאָן סיוויקאַ", אַ פעראיין פון פיהרער אין בוענאָס ערעס, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו זאַמלען קרעפטע פאַר אַן אויפשטאַנד. גרויסע פּראָטעסט־מיטינגען געגען דיא פעדעראלע רעגיערונג זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין בוענאָס ערעס און אויך אין אַנדערע שטעדט, וואו רעוואָלוציאָנערע קלובען זיינען געשאַפען געוואָרען. מיליאָנען פלוגבלעטער און פּראָקלאַמאַציעס זיינען פערשפּרייט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד צו ערקלערען דיא אורזאַכען פון דעם שרעקליכען פינאַנציעלען קריזיס און צו שילדערען דיא שווינדעל און גנבות פון פּרעזידענט סעלמאַן'ס רעגיערונג.

אין יולי 1890 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אויפשטאַנד אין בוענאָס ערעס אונטער דער לייטונג פון דיא מיטגליעדער פון דער "יוניאָן סיוויקאַ". באַריקאַדען זיינען שנעל אויפגעבויט געוואָרען אין דיא וויכטיגסטע גאַסען און פּלעצער. צו דיא רעוואָלוציאָנערען זיינען אויך צוגעשטאַנען אייניגע באַטאַליאָנען פון דער רעגיערונגס־ארמעע, אויף וועלכער פּרעזידענט סעלמאַן האָט געלייגט זיינע גרעסטע האָפנונגען. דיא קאָמאַנדירען פון דיא קריעגס־שיפען זיינען אויך ארויסגעטראָטען געגען דיא רעגיערונג און האָבען זאָגאַר אָנגעפאַנגען צו באָמבאַרדירען דיא רעגיערונגס־געביידעס. אָבער דיא קאַפּיטאַנען פון אויס־

לענדישע שיפען, וועלכע האבען זיך געפונען אין פארט, האבען זיך אריינגעמישט און האבען געפאָדערט, אז דיזע באמבארדירונג זאָל אויפהערען אויף דעם גרונד, דאָס אויך אויסלענדער און בכלל זייטיגע מענשען ליידען דערפון. ווען פרעזידענט סעלמאן האט זיך ארומגעזעהן, אז ער קען זיך ניט פערלאָזען אויף דער פעדעראלער ארמעע און אז דיא עפענטליכע מיינונג איז זעהר שטארק געגען איהם אליין און געגען זיינע מיניסטארען, האט ער געפאָלגט דעם ראטה פון גענעראל ראקא צו רעזיגנירען. זיין פלאץ איז דאן פערנומען געוואָרען פון דעם וויצע־פרעזידענט, דר. קארלאָס פעליגריני, וועלכער איז געוועזן קריעגס־מיניסטער אין דיא קאבינעטען פון דיא פרעזידענטען אוועלאנעדא און ראקא, און דיא איינוואָהנער פון בוענאָס ערעס האבען אויפגענומען דיזע ענדערונג מיט גרויס פריידע און געפייערט זייער זיעג גאנצע דריי טעג.

דיא פינאנציעלע שוויריגקייטען זיינען אָבער געוועזן אזעלכע גרויסע, אז טראָץ אלע זיינע גוטע אבזיכטען און אָנשטרענגונגען, האט פרעזידענט פעליג־ריני ניט געקענט פיעל אויפטהאן. דער קורס פון דער אונגעהייערער מאסע אסיגנאציעס איז אלץ ניעדריגער געפאלען. דורך דעם האט שליסליך אויך באנקראָטירט דיא בעריהמטע לאָנדאָנער פינאנץ־פירמע בארינג בראטהערס, וועלכע זיינען געוועזן פינאנציעלע אגענטען פון דער ארגענטינער רעגיערונג. דיזער באנקראָט האט געפיהרט צו קראכען אין דער גאנצער האנדעלס־וועלט. דיא גרעסטע באנקען אין בוענאָס ערעס, אפילו דיא נאציאנאל־באנק, האבען געמוזט צושליסען זייערע טהירען אין פריהלינג פון 1891. פאליטיש האט זיך דיא פיעל־געפרופטע רעפובליק גראדע אנגעהויבען צו בערוהיגען, ווייל דיא פיהרער פון דיא קעמפפענדע פארטייען, אפילו דיא גענעראלען ראקא און מיט־רע, האבען זיך פעראייניגט צו שטיצען פעליגריני'ס רעגיערונג און איינצושטי־לען דיא פראָווינצען. אום צו פערשטארקען דיזע רעגיערונג האט גענעראל ראקא זאָגאר איינגעוויליגט צו פערנעהמען דעם פאָסט פון מיניסטער פון אינ־לענדישע אנגעלעגענהייטען.

ווען עס איז געקומען אין 1892 צו וועהלען א נייעם פרעזידענט, האט גענעראל ראקא ארויסגעוויזען זאָגאר אזוי פיעל גרויסמוטה און פאטריאָטיזם צו שטיצען דיא קאנדידאטור פון זיין אלטען געגנער און פיהרער פון דיא פאָרטעניאָס, דעם אונז שוין בעקאנטען גענעראל מיטרע. אָבער דיא פראָ־ווינציאלען זיינען ענטשיעדען ארויסגעטראָטען געגען גענעראל מיטרע און האָ־בען פערלאנגט ניט אנדערש, אז זייער פיהרער, גענעראל ראקא, זאָל ווידער ווערען פרעזידענט. עס וואָלט ווידער געקומען צו א בירגער־קריעג — אין דער פראָווינץ קאָרדאָבא האט זיך שוין אָנגעפאנגען אן אויפשטאנד און אין בוענאָס ערעס האט מען געמאכט אן אטענטאט אויף גענעראל ראקא'ס לעבען —ווען ביידע פיהרער וואָלטען ניט אָבגעמאכט צווישען זיך אין דיא אינטערע־

סען פון פריעדען און פון דער גאַנצער רעפּובליק צוריקצוציהען זיך פון פּאָלי־טישען שלאַכטפעלד און העלפען אויסקלייבען פאַר פּרעזידענט דר. סאַענץ פּעניאַ, וועלכער האָט געוואונען אַ גרויסען שם אַלס אַ מיטגליעד פון העכסטען געריכט און וועלכער האָט זיך פריהער כמעט גאָר ניט געמישט אין דיא פּאַרטיי־שטרייטען.

ווען דיזער קאָמפּראָמיס־קאַנדידאַט איז ערוועהלט געוואָרען, האָבען דיא ראַדיקאַלען, וועלכע זיינען דערמיט גאָר ניט צופריעדען געווען, ניט נור גע־זוכט צו שטערען דיא רעגיערונג אין קאָנגרעס, זאָנדערן האָבען זאָגאַר אָנגע־פאַנגען צו מאַכען פּאָרבערייטונגען צו אַן אויפשטאַנד. אונרוהען זיינען פאָר־געקומען אין אייניגע פּראָווינצען, בעזאָנדערס אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פּע, וואו דר. אַלעם, דער פיהרער פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, האָט אָרגאַניזירט אַן אַרמעע און האָט פערכאַפּט דיא שטאָדט ראָזאַריאָ. דיזע רעבעליאָן איז אפילו שנעל אונטערדריקט געוואָרען; אָבער אַזוי וויא דער קאָנגרעס האָט דאָך ניט געהאַט גענוג צוטרויען צו דער רעגיערונג, איז פּרעזידענט פּעניאַ שליסליך געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען אין יאַנואַר 1895. זיין טערמין איז געענ־דיגט געוואָרען פון דעם וויצע־פּרעזידענט דר. כאַזע אוריבורו, וועלכער איז געווען אַ געניטער דיפּלאָמאַט און האָט זיך אויסגעצייכענט אין אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען, ספּעציעל אין דיא גרענעץ־שטרייטען, וועלכע האָבען זיך דאַן געצויגען מיט בראַזיליען און טשילי.

אין 1898, ווען עס איז געקומען דער טערמין פאַר אַ נייעם פּרעזידענט, האָט מען פון אַלע זייטען פערלאַנגט, אַז גענעראל ראָקאַ זאָל ערוועהלט ווערען. דאָס איז געשעהן אָהן אָפּאָזיציאָן, ווייל מען האָט דאַן מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה מיט טשילי און מען האָט גערעכענט, אַז ער איז דער פּאַסענדער פיה־רער און פעהיגסטער גענעראל. דאָס פאָלק האָט זיך טאַקע ניט גענאַרט אין איהם. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כחות אויסצומיידען אַ מלחמה. איי־נער פון זיינע ערשטע אַקטען אַלס פּרעזידענט איז געווען צוזאַמענצוטרעפען זיך מיט'ן פּרעזידענט פון טשילי און צו קומען צו אַ פריעדליכען אויסגלייך וועגען זייערע גרענעצען. מיר ווייסען שוין פון דער געשיכטע פון טשילי, אַזביידע רעפּובליקען, וועלכע האָבען יאָהרען לאַנג געמאַכט גרויסע פּאָרבערייטונגען צו אַ מלחמה, האָבען זיך צולעצט פערלאָזען אויף שיעדס־געריכטען און לעבען זייט דאַן בשלום.

פּרעזידענט ראָקאַ האָט אויך דורכגעפיהרט רעפאָרמען אין דער אַדמיניס־טראַציאָן, אין דער וואַהל־סיסטעם, אין דיא געריכטען און אין פינאַנצען. וויא אַ געניטער קאַפּיטאַן האָט ער דורכגעפיהרט אונבעשעדיגט דיא שיף פון דער רעפּובליק לעבען שטיינערדיגע ברעגען אין דער צייט פון שטורמווינדען און האָט איהר געאַנקערט אין אַ זיכערען האַפען. ער האָט ניט נור געענדיגט אין

1904 דעם געזעצליכען טערמין רוהיג און פריעדליך, זאָנדערן האָט אויך אָהן שטערונגען איבערגעגעבען זיין אַמט צו דר. מאַנועל קווינטאַנאַ, וועלכער איז געזעצליך אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר פרעזידענט מיט זיין צושטימונג.

די אַרגענטינער רעפובליק מאַכט אַלץ ווייטערע און גרעסערע פאָרטשריטע. זי שטייגט אין בעפעלקערונג, רייכטהום, האַנדעל, אינדוסטרי און אויך אין פאָליטישער ענטוויקלונג. דיא צייטען פון בירגער־קריעג זיינען שוין פאָריבער. פאָליטישע שטרייטען ווערען שוין ניט געפיהרט מיט געוועהר אין דיא הענד, נור אין קאָנגרעס, אין דער פרעסע און אויף פערזאַמלונגען, וויא אין אַלטע קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער.

דעם 25טען מאַי 1910 איז מיט גרויסע פאַראַדען און מיט פאַטריאָטישע בעגייסטערונג געפייערט געוואָרען אין גאַנצען לאַנד דער הונדערט־יעהריגער יובילעאום פון דער רעפובליק. דיא 14 פראָווינצען און דיא 10 טעריטאָריעס, פון וועלכע עס בעשטעהט יעצט דיא אַרגענטינער רעפובליק, זיינען שוין פעסט פערבונדען און בילדען איין נאַציאָן, דיא זעהר ענערגישע און פאָרטשריטליכע אַרגענטינער נאַציאָן, וועלכע וואַקסט זעהר שנעל דורך מאַסען עמיגראַנטען פון אַלע אויראָפעאישע לענדער, ספעציעל פון איטאַליען און שפאַניען. דיא איינ־דיאַנער און מעסטיזאָס זיינען שוין פון לאַנג אַ מינאָריטעט אין אַרגענטינע. דיא גרויסע מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג איז אַ ווייסע, וואָס שטאַמט מייסטענס פון דיא ראָמאַנישע אָדער לאַטיינישע לענדער אין אויראָפאַ. דיא הערשענדע שפראַך בלייבט אַ שפאַנישע, טראָץ דעם וואָס דיא מייסטע איינ־וואַנדערער זיינען דיא לעצטע צייטען איטאַליענער, נור דיא קולטור דאָרטען איז יעדענפאַלס אַ לאַטיינישע. דיא צענטערס פון בילדונג און קולטור זיינען בוענאָס ערעס און קאָרדאָבאַ, וואו עס געפינען זיך אוניווערזיטעטען, און אויך סאַנטאַ פע, לאַ פלאַטאַ, פאַראַנאַ, ראָזאַריאָ, וואו עס געפינען זיך פאַקולטעטען פון יוריספרודענץ און מעדיצין און אויך הויכע טעכנישע, קאָמערציעלע און קונסט־שולען. דיא פאָלקס־בילדונג ווערט אַלץ ווייטער פערשפרייט איבער׳ן לאַנד. דיא צאָהל פון אַנאַלפאַבעטען (וואָס קענען ניט שרייבען און לעזען) ווערט אַלץ קלענער. אין 1910 האָבען זיך געפונען 1,200,212 שילער אין דיא 5321 פאָלקס־שולען.

# אידישע איינוואַנדערער און קאָלאָניעס

זייט 1891 ציהט זיך אויך אַ אידישער עמיגראַציאָנס־שטראָם נאָך אַרגענ־טינע. בוענאָס ערעס איז שנעל געוואָרען דער גרעסטער אידישער צענטער אין זיד־אַמעריקאַ. מיט יעדען יאָהר וואַקסט דאָרט דיא אידישע בעפעלקערונג. מען דאַרף ניט זיין אַ נביא פאָרויסצוזאָגען, אַז מיט דער צייט וועט דיא הויפּט־שטאָדט פון אַרגענטינע ווערען דיא נעכסטע גרעסטע אידישע שטאָדט נאָך ניו יאָרק. דיא אידען האָבען דיא בעסטע אויסזיכטען צו פערשפּרייטען זיך אין גאַנץ אַרגענטינע.

דערווייל איז אַרגענטינע דיא איינציגע שפּאַניש־שפּרעכענדע מדינה מיט אַ בעדייטענדער אידישער בעפעלקערונג. אין אַלע אַנדערע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען, בראַזיליען אַריינגערעכענט, געפינען זיך נור אין דיא גרעסערע שטעדט איינצעלנע אידען. אַרגענטינע איז אַן אויסנאַהמע פון כלל אויך דער־מיט, וואָס אַ גרויסער טהייל, אונגעפעהר אַ דריטעל פון איהר אידישער בע־פעלקערונג, בעשטעהט פון קאָלאָניסטען, טאַקע אמת'ע קאָלאָניסטען, וועלכע פערנעהמען זיך מיט אַקערבוי און פיהצוכט. לויט דיא פאָלקס־צעהלונג פון 1910 האָבען זיך אין דיא 9 אידישע קאָלאָניעס דאָרטען געפונען 3777 פאַמי־ליען, וועלכע האָבען געצעהלט 21,115 נפשות. אַזוי וויא דיזע קאָלאָניעס מאַ־כען דיא לעצטע יאָהרען מערקווירדיג גרויסע פאָרטשריטע, וואַקסט דאָרטען דיא בעפעלקערונג אַלץ שנעלער. עס קען שוין היינט קיין צווייפעל ניט זיין, אַז דיזע קאָלאָניעס וועלען פערבלייבען צענטערס פון אידישער קאָלאָניזאַציאָן.

וויא בעוואוסט, זיינען דיזע קאָלאָניעס געגרינדעט געוואָרען פון באַראָן דע הירש, וועלכער האָט אויך געשאַפען דיא דזשואיש קאָלאָניזיישאָן אַסאָסיאיי־שאָן, דיא בעריהמטע יק"א, מיט אַ קאַפּיטאַל פון 9 מיליאָן פונט סטערלינג אין 1892. נאָך דעם טויט פון דיזען גרויסען פילאַנטראָפּ אין 1896 איז דיזעס קאַפּיטאַל פאַר אידישע קאָלאָניזאַציאָן און בכלל פאַר שטיצען פערפאָלגטע אי־דען פערגרעסערט געוואָרען ביז עלף מיליאָן פונט סטערלינג (אונגעפעהר 55 מיליאָן דאָלאַר). דיא וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון דיזער קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבייט צייגען זיך דערווייל אַרוים אין אַרגענטינע. דיא אידישע קאָלאָניעס געפינען זיך אין דיא פּראָווינצען בוענאָס ערעס, ענטרע ריאָס און סאַנטאַ פע.

זייערע נעמען זיינען: מאאיזוויל, קלארא, סאן אנטאניא, סאנטא איזאבעל, לוסיענוויל, מאוריציא, באראן דע הירש, נארסים לעווען (נאך דעם נאמען פון דעם אלטען פרעזידענט און איינעם פון די ערשטע גרינדער פון דער אליאנס איזראעליט אוניווערסעל אדער חברה כל ישראל חברים) און דארא.

די רייכסטע פון דיזע קאלאניעס איז מאוריציא אין דער פראווינץ בוענאס ערעס. אין 1910 האבען דארטען זיך געפונען 613 פאמיליען מיט 3097 נפשות. די קאלאניסטען האבען דאן געהאט פערזעעט דארטען 24,518 העקטאר (אין ארגענטיניען איז איינגעפיהרט געווארען די מעטרישע מאס וויא אין אלע אנדערע לאטיינישע לענדער; א העקטאר איז אונגעפעהר 2 און א האלב ענגלישע אקער), מייסטענס מיט ווייץ, האבער און לוצערן אדער אלפאלפא. זיי האבען דאן פערמאגט צוזאמען 15,668 קיה און אקסען און איבער 7000 פערד, עזלען און מויל-עזלען. אין אלע 9 קאלאניעס זיינען אין 1910 קולטיווירט געווארען 205,097 העקטאר, כמעט א העלפט פון דעם לאנד וואס די יק"א האט געהאט איינגעקויפט אין ארגענטינע, און די צאהל פון בהמות האט דערגרייכט ביז 60,000 (דארונטער 23,300 קיה) און פון פערד און מויל-עזלען ביז 61,000.

די קאלאניסטען קויפען אליץ מעהר אויס זייערע חלקים לאנד ביי דער יק"א, ווייל זייער עקאנאמישע לאגע פערבעסערט זיך שנעל. די פרייזען פון לאנד ווערען אליץ העכער, ווייל די בעפעלקערונג פערמעהרט זיך זעהר שנעל ארום און ארום, בעזאנדערס טאקע אין די ערטער, וואו די מייסטע אידישע בעזעצונגען געפינען זיך, און אויך ווייל עס ווערען דארטען געבויט אליץ מעהר אייזענבאהנען. די אידישע קאלאניעס פראגרעסירען אין אלגעמיינען צוזאמען מיט גאנץ ארגענטינא, וועלכע איז שוין געווארען אזא מקום מנוחה פאר אידישע איינוואנדערער אין זיד-אמעריקא, וויא יונייטעד סטייטס אין נארד-אמעריקא.

# אורוגוואי

## Uruguay

# די געשיכטע פון אורוגוואי

צו דער צייט ווען די שפאניער האבען ענטדעקט ריא דע לא פלאטא, וויא דאס איז בעשריעבען אין דער געשיכטע פון ארגענטינע, זיינען די נארד־ליכע ברעגען פון דיזען טייך, וועלכע געהערען צו דער רעפובליק אורוגוואי, גע־ווען בעזעצט פון בעזאנדערס קריעגערישע שטאמען מיט דעם אלגעמיינען נאמען טשארוא. אין קיין אנדער טהייל פון דער נייער וועלט, אראוקאניא אין טשילי און פאטאגאניא אין ארגענטינע אריינגערעכענט, האבען די שפאניער ניט גע־האט צו פיהרען אזא לאנגען קאמפף מיט די איינגעבארענע, וויא גראדע אויף די סטעפעס פון אורוגוואי. עס האט גענומען גאנצע צוויי יאהרהונדערטע ביז די שפאניער האבען געקענט אנהאלטען א קאלאניע דארטען. עס זיינען פאריבער הונדערט און פופציג יאהר נאך דער גרינדונג פון בוענאס ערעס, און די שפאניער צוזאמען מיט די ארגענטינער גאוטשאס האבען אלץ ניט גע־קענט פעריאגען די מוטהיגע אינדיאנער, וועלכע האבען זיך צושפרייט אויף דער אורוגוואיער זייט פון ריא דע לא פלאטא.

די פאמפאסען (סטעפעס) פון אורוגוואי זיינען אלץ געבליבען אבגעשני־טען פאר אייראפעער, וועלכע האבען זיך אהין געריסען פון צוויי זייטען, פון בראזיליען אין נארד און פון ארגענטינע אין זיד, ביז עס איז געגרינדעט גע־ווארען אין 1726 מאנטעווידעא, וועלכע איז געווארען די הויפט־שטאדט און דער הויפט־פארט פון אורוגוואי. די טשארואס האבען אויף קיין פאל ניט גע־וואלט לאזען די ווייסע זיך בעזעצען אויף זייער לאנד. זיי האבען ערמארדעט דעם ענטדעקער פון ריא דע לא פלאטא, כואן דע סאליס, ווען ער האט געלאנדעט מיט עטליכע בעגלייטער אין אן ארט לעבען דעם אורוגוואיער פארט קאלאניא, וואס געפינט זיך אנטקעגען בוענאס ערעס (וועגען די רייזען און עראבערונגען פון די שפאניער אין די לא פלאטא געגענדען זעה דעם ערשטען קאפיטעל פון דער געשיכטע פון ארגענטינע). אין זייערע צוזאמענשטויסען מיט די שפאניער, וועלכע האבען אלץ געזוכט צו בעפעסטיגען זיך ערגעץ־וואו אויף דעם נארדליכען ברעג פון לא פלאטא, האבען דיזע אינדיאנער שטאמען געלערנט די אייראפעאישע קריעגס־קונסט. מיט די פערד און אקסען, וועלכע האבען זיך מיט א וואונדערליכער שנעלקייט פערמעהרט אויף די פאמפאסען פון די

עטליכע פאָר, וואָס דיא ערשטע שפּאַניער קאָלאָניסטען אין אַרגענטינע האָבען מיטגעבראַכט און איבערגעלאָזען זיך פיטערן אָהן שום אויפפּאַסונג, האָבען זיך דיא טשאַרואַס בענוצט פונקט וויא דיא אַרגענטינער קרעאָלען און גאַוטשאָס. זיי זיינען געוואָרען אויסגעצייכענטע רייטער און יעגער.

אין 1573 האָבען דיא שפּאַניער אָרגאַניזירט אין בוענאָס ערעס אַן עקספּעדיציע פון 350 גוט־בעוואָפּענטע אַוואַנטוריסטען מיט דעם צוועק צו עטאַבלירען אַ קאָלאָניע אויף דער אורוגוואַיער זייט פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ. פּיזאַראָ האָט איינגענומען דיא ריזיגע פּערואַנער אימפּעריע מיט אַ קלענערע צאָהל שווערד־העלדען; אָבער דיא טשאַרואַס האָבען ניט נור אויסגעהאַלטען דיא שפּאַנישע אַטאַקע, זאָנדערן האָבען אויך אויסגעשלאַכטעט אַ דריטעל פון דיא אָנגרייפער. דיא איבריגע האָבען זיך קוים געראַטעט אויף אַן אינזעל. דרייסיג יאָהר שפּעטער האָבען דיא קרעאָלען פון בוענאָס ערעס און פון פּאַראַגוואַי געמאַכט אַ נייע פּראָבע צו בעזעצען זיך אין דיא געגענדען, וואָס האָבען צוערשט געקראָגען דעם נאָמען באַנדאַ אָריענטאַלע (דאָס לאַנד צו מזרח זייט פון דעם טייך אורוגוואַי) און נאָכהער אורוגוואַי. אַרום 500 מאַן פון דיא אַרגענטינער געגענדען האָבען זיך אַריינגעריסען אַהין אונטער דער קאָמאַנדע פון הערנאַנדאַריאַס סאַאַוועדראַ, דעם גובערנאַטאָר פון בוענאָס ערעס, אָבער זעהר ווענים פון זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט. דיא טשאַרואַס האָבען פּשוט פערניכטעט דיא אָנגרייפער אין אַ שלאַכט. אין דיא נעכסטע פופציג יאָהר האָבען דיא שפּאַניער דריי מאָל פּרובירט איינצונעהמען דיא אינדיאַנער שטאַמען אין אורוגוואַי, אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען.

דיא טשאַרואַס האָבען זיך אייגענטליך קיין מאָל ניט אונטערגעגעבען צו דיא שפּאַניער. ווען זיי זיינען אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט שליסליך בעזיעגט און צוריקגעשטויסען געוואָרען פון דיא ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ, האָבען זיי זיך צושפּרייט אין מיטען לאַנד ביז צו דיא גרענעצען פון בראַזיליען, וואו זיי האָבען נאָך אַ לענגערע צייט אָנגעהאַלטען זייער אונאַבהענגיגקייט. דיא נידערלאַגען, וועלכע דיא שפּאַניער האָבען געהאַט אין אורוגוואַי, האָבען אויך געפיהרט דערצו, אַז דיא האַנדעלס־שיפען פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָבען גאָר מורא געהאַט צוצוקומען צו דיא נאָרדליכע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ. דיא איינציגע ווייסע, וואָס האָבען געוואָגט אין 17טען יאָהרהונדערט אַריינצודרינגען אין דיא אינערליכע געגענדען פון אורוגוואַי זיינען געווען דיא יעזואַיטען, וועלכע האָבען צוערשט געגרינדעט דיא מיסיאָן מיט'ן נאָמען סאָריאַנאַ אין 1650 אויף אַן אינזעל אין דעם טייך אורוגוואַי. דיא קריעגערישע טשאַרואַס האָבען פון זיך געיאָגט אויך דיא יעזואיטישע מיסיאָנערען, אָבער אַנדערע אינדיאַנער שטאַמען האָבען זיך געלאָזט אַלץ מעהר טויפען, און דורך דעם זיינען נאָכהער געעפענט געוואָרען וועגען פאַר פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע קאָלאָניס־

טען. איינינע פון דיא וועניגער קריעגערישע שטאַמען האָבען זיך אויף אָנגע־פאַנגען צו מישען מיט דיא קרעאָלען, זאָ דאַס עס איז ענטשטאַנען אַ קלאַס מעסטיזאָס אויף אין אורוגוואי. אַנדערע אינדיאַנער שטאַמען האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען האַנדעל מיט דיא ווייסע, וועלכע האָבען דאַרום אויף געקענט זיך עטאַבלירען דאָרטען אין געוויסע פונקטען.

צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט האָט זיך אויף אָנגעפאַנגען אַ קאַמפף צווישען דיא שפּאַניער און פּאָרטוגעזער צוליעב דיא פּאָסעסיע פון אורוגוואי. דיא פּאָרטוגעזער זיינען אַהין צוגעקומען פון זייערע בעזעצונגען אין בראַזיליען. אין 1680 האָט דער גובערנאַטאָר פון ריאָ דע זשאַנעיראָ ארויסגעשיקט עטליכע שיפען מיט סאָלדאַטען צו פערנעהמען אַ פּונקט ביי דיא נאָרדליכע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ אין נאָמען פון דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל. זיי האָבען געלאַנדעט אין אַ האַפען גראַדע געגענאיבער בוענאָס ערעס און האָבען דאָרטען געגרינדעט דיא שטאָדט, וועלכע טראָגט עד היום דעם נאָמען קאָלאָניאַ. פּאָרטוגאַל האָט פערלאַנגט אויף דעם גרונד פון דעם אָבמאַך פון טאָרדעסילאַס דיא געגענדען צום זיד־וועסט ביז צו דער מינדונג פון אורוגוואי, וועהרענד שפּאַניען האָט פערלאַנגט אויף דעם גרונד פון דעם זעלבען אָבמאַך דיא געגענדען צום נאָרד־אָסט ביז צו דער בראַזיליאַנער פּראָווינץ סאַאון פּאַאולאָ. אָבער אַזוי וויא דיא טשאַרואַס האָבען דאָרטען קיינע אויראָפּעער ניט צוגעלאָזען, איז דער דאָזיגער גרענעץ־שטרייט געבליבען אַ פּאַפּיערענער ביז דיא פּאָרטוגעזער האָבען אויסגעפיהרט דעם פּלאַן צו בעפעסטיגען זיך אין קאָלאָניאַ.

דיא איינוואָהנער פון בוענאָס ערעס האָבען גלייך בעשלאָסען, גאָר ניט וואַרטענדיג אויף בעפעהלען פון מאַדריד, צו פעריאָגען דיא פּאָרטוגעזער פון אַזאַ נאָהענטער נאַכבאַרשאַפט. אַ מחנה פון 250 קרעאָלען און 3000 פריינד־ליכע אינדיאַנער זיינען פּלוצלונג בעפאַלען דיא פּאָרטוגעזער, וועלכע זיינען גע־ווען פערנומען מיט בעפעסטיגען זייער פּלאַץ געגען דיא ערוואַרטעטע אַטאַקעס פון דיא טשאַרואַס. דער קאָמאַנדיר פון דיא פּאָרטוגעזער האָט אָנפאַנגס צור־ריקגעשטויסען דיא אַטאַקע פון דיא שפּאַניער, אָבער ער האָט שליסליך געמוזט זיך אונטערגעבען. דיא שפּאַניער האָבען גלייך צושטערט אַלעס וואָס דיא פּאָרטוגעזער האָבען געהאַט צייט אויפצובויען אין קאָלאָניאַ. דיא פּאָרטוגעזי־שע רעגיערונג האָט פּראָטעסטירט געגען אַזאַ האַנדלונג אין אַ צייט פון פריעדען און האָט ערקלערט, אַז זיא האָט אַ רעכט געהאַט צו גרינדען אַ קאָלאָניע דאָר־טען, ווייל דיא געגענדען ביי דיא נאָרדליכע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ זיינען גאָר ניט פערנומען געוואָרען פון דיא שפּאַניער און זיינען דאַרום געבליבען אַ פרייע טעריטאָריע. דיא שפּאַנישע רעגיערונג, וועלכע האָט דאַן ניט געוואָלט איינ־רייסען מיט פּאָרטוגאַל און האָט זיך אויף וועניג געקימערט וועגען סטעפּעס און פּלאַכע געגענדען, וואו מען האָט גאָר ניט געקענט ערוואַרטען צו געפינען דיא

ערעלע מעטאַלען, האָט צוגעגעבען, אַז דער גובערנאַטאָר פון בוענאָס ערעס האָט ניט ריכטיג געהאַנדעלט, אָבער זיא האָט דערביי ערקלערט, אַז דיא נאָרדליכע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ געהערען דאָך צו איהר.

דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט נאָכדעם וויעדער געשיקט שיפען מיט סאָלדאַטען צו פערנעהמען קאָלאָניא. אין 1683 האָבען דיא פּאָרטוגעזער אַרומ־גערינגעלט דיזען פּאָרט מיט אַ גראָבען און מיט וועגט געגען דיא אַטאַקעס פון דיא טשאַרואַס. דיזער פּאָרט איז גלייך געוואָרען אַ צענטער פאַר קאָנטראַבאַנ־דיסטען. פון דאָרטען איז עס לייכט געווען אַריינצושמוגלען סחורות אין בוע־נאָס ערעס, פון וואַנען מען פלעגט זיי שוין טראַנספּאָרטירען נאָך דיא אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס, אפילו אַזוי וויט וויא פּערו און לימאַ גופא. דיזער פּאָרטוגעזער פּאָרט איז געוואַקסען שנעל נור אַ דאַנק דעם קאָנטראַבאַנדע־האַנ־דעל מיט דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס.

אין 1705, אין דער צייט פון אַ מלחמה צווישען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, האָט דער גובערנאַטאָר פון בוענאָס ערעס געשיקט אַן עקספּעדיציע, וועלכע האָט איינגענומען קאָלאָניא. דיא שפּאַניער האָבען אָבער וויעדער געמוזט צו־ריק אָבטרעטען דיזען פּאָרט צו דיא פּאָרטוגעזער אַ יאָהר דריי נאָך דעם בע־ריהמטען פריעדענס־אָבמאַך פון אוטרעכט אין 1713. אין דיזער צייט אָבער האָבען דיא שפּאַניער זיך אַרומגעזעהן, אַז זיי קענען שוין גרינדען אַן אייגענע קאָלאָניע ביי דיא נאָרדליכע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ, ניט אַכטענדיג אויף דיא טשאַרואַס און אַנדערעווילדע אינדיאַנער. דורך דעם האַנדעל מיט פעל און פערדישע האָאָר פון איין זייט און דורך דיא מיסיאָנערסקע טהעטיגקייט פון דיא יעזואיטען פון דער אַנדער זייט זיינען אפילו דיא טשאַרואַס מילדער גע־וואָרען. דאַרום האָבען דיא שפּאַניער בעשלאָסען צו פּרובירען בעזעצען זיך אין אַן אַנדער פּאָרט פון אורוגוואַי. זיי האָבען אויסגעקליבען איינעם פון דיא בעסטע פּאָרטען דאָרטען, נעמליך מאָנטעווידעאָ. אין 1723, ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין בוענאָס ערעס, אַז פּאָרטוגעזער האָבען געלאַנדעט אין דיזען פּאָרט, אום צו גרינדען אַ נייע קאָלאָניע, האָט דער גובערנאַטאָר געשיקט אַ מחנה צו פעריאָגען זיי, וואָס עס איז איהם געלונגען אויסצופיהרען אויף זיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט. נאָכהער האָט דיזער גובערנאַטאָר אַריבערגע־שיקט אַהין עטליכע פאַמיליען פון בוענאָס ערעס, און אַזוי איז ערשט מיט 214 יאָהר נאָך דער ענטדעקונג פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ געגרינדעט געוואָרען אַ שפּאַ־נישע קאָלאָניע ביי דיא נאָרדליכע ברעגען פון דיזען טייך.

דיא גרינדונג פון מאָנטעווידעאָ, אַ 100 מייל צו מזרח זייט פון דעם פּאָרט קאָלאָניא, איז געווען דער אָנפאַנג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין אורוגוואַי. אַ יאָהר פיער שפּעטער איז אויך געגרינדעט געוואָרען פון דיא שפּאַניער דער צווייטער וויכטיגסטער פּאָרט פון אורוגוואַי מיט'ן נאָמען מאַלדאָנאַדאָ. אין

דערזעלבער צייט האָבען דיא קרעאָלען פון דער ארגענטינער פראָווינץ סאַנטאַ פע זיך אריינגעריסען אין דיא געגענדען צום מזרח פון טייך פאַראַנאַ נאָך אַ זיעג איבער דיא טשאַרואַס דאָרטען און האָבען אַלץ ווייטער זיך צושפּרייט איבער ענטרע ריאָס און באַנדאַ אָריענטאַלע.

אַ קורצע צייט נאָכדעם וויא דיא שפּאַניער האָבען זיך בעזעצט און בע־פעסטיגט אין מאָנטעווידעאָ, האָבען דיא פּאָרטוגעזער געשיקט אַן עקספּעדיציע צו פעריאָגען זיי פון דאָרטען. אָבער דאָס איז דיא פּאָרטוגעזער ניט געלונגען און זיי האָבען דאַן זיך אַוועקגעלאָזען אויף זייערע שיפען ווייטער צו מזרח און צפון ביי דיא ברעגען פון אורוגוואי, אום צו לאַנדען ערגעץ אין אַן אַנדער גוטען האַפען. דיזע ברעגען זיינען זעהר אָרים אין גוטע און זיכערע האַפענס. אפילו מאָנטעווידעאָ איז ניט גענוג טיעף פאַר גרויסע דאַמפף־שיפען. אַ זיכערען האַ־פען האָבען דיא פּאָרטוגעזער ערשט געפונען אַזוי ווייט צום נאָרד ביי דיא ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן, וויא ריאָ גראַנדע דאָ סול, וואו זיי האָבען אין 1735 אויפגעבויט אַ פעסטונג און געגרינדעט אַ שטאָדט. דיזע געגענד איז געוואָרען דער זידליכער גרענעץ פון בראַזיליען.

אַזוי איז עס נור דער פּאָרט קאָלאָניאַ געבליבען אין דער ערשטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט דיא איינציגע פּאָרטוגעזישע פּאָסעסיע אין אורוגוואי. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט אָבער געזוכט אַ וועג וויא אַזוי אויך פּטור צו ווערען פון דיא פּאָרטוגעזער אין קאָלאָניאַ, וואָס איז געווען וויא אַ דאָרן אין די אויגען פון די איינוואָהנער פון בוענאָס ערעס. אין 1750 האָט שפּאַניען אָנגע־נומען אַ פאָרשלאָג אויסצובייטען דיזען פּאָרט אויף אַ גאַנצע געגענד אין מיטען לאַנד ביי דיא ברעגען פון טייך אורוגוואי, דיא געגענד, וואו דיא יעזואיטען האָ־בען קאָמאַנדעוועט איבער בעקעהרטע אינדיאַנער שטאַמען און וואָס האָט גע־טראָגען דעם נאָמען "זיעבען מיסיאָנען". דיא פּאָרטוגעזער, וועלכע האָבען דאַן געיאָגט דיא יעזואיטען, און בעזאָנדערס דיא קאָלאָניסטען פון דער בראַזיליאַנער פּראָווינץ סאַאָן פּאַאולאָ, וועלכע האָבען געמאַכט אַ תל פון אַלע יעזואיטישע מיסיאָנען אויף זייער וועג, וויא מיר וועלען עס זעהן אין דער געשיכטע פון בראַזיליען, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין דיזער טעריטאָריע, וואו זיי האָבען צושטערט דיא יעזואיטישע מיסיאָנען און אינדיאַ־נער דערפער. דיא יעזואיטען האָבען דאַן געמאַכט אַזעלכע גוואַלדען געגען דיא פערפאַלגונגען פון דיא פּאָרטוגעזער אין דיא "זיעבען מיסיאָנען", אַז דיא שפּאַ־נישע רעגיערונג האָט געמוזט נאָכגעבען דיא פאָדערונג וועגען אָבשאַפען דעם דאָזיגען אָבמאַך מיט פּאָרטוגאַל.

קאָלאָניאַ איז אַזוי ווייטער פערבליבען אין פּאָרטוגעזישע הענד. נור אין 1762, ווען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען ווידער געפיהרט אַ מלחמה, האָט דער גובערנאַטאָר פון בוענאָס ערעס געשטורמט דיזען פּאָרט מיט אַ מחנה פון

קנאַפּע 4000 מאַן און האָט געצוואונגען דיא פּאָרטוגעזער זיך אונטערצוגעבען נאָך אַ ביטערען קאַמפּף. נור דעם נעכסטען יאָהר האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג נאָך אַמאָל צוריקגעגעבען קאָלאָניאַ צו פּאָרטוגאַל. אָבער אין 1777, ווען דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען זיינען געוואָרען אַ וויצע־קעניגטהום מיט בוענאָס ערעס אַלס דיא הויפּט־שטאָדט, האָט דער וויצע־קעניג פּעדראָ דע צעבאַלאָס מיטגעפיהרט אַ גרויסע פלאָטע מיט אַ גרויסער אַרמעע, אום אין גאַנצען צו פערטרייבען דיא פּאָרטוגעזער פון אורוגוואַי. דאָס איז איהם געלונגען. דיא פּאָרטוגעזער האָבען ניט געהאַט גענוג קרעפטע זיך צו װעהרען געגען דיא שטאַרקע שפּאַנישע אַרמעע, וועלכע האָט צוערשט איינגענומען קאָלאָניאַ און נאַכהער זיך אַ לאָז געטהאָן זיי צו פערטרייבען אויך פון דער בראַזיליאַנער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע דאָ סול.

נור אויף דעם בעפעהל פון דער מאַדרידער רעגיערונג האָט דער וויצע־קעניג געמוזט אויפהערען זיין מאַרש געגען דיא פּאָרטוגעזער אין בראַזיליען, און נאָך אַן אָבמאַך צווישעןביידע מלוכות, דער אָבמאַך פון אילדעפאָנסאָ, איז עס געבליבען, אַז יעדע פון זיי זאָל אָנהאַלטען דיא טעריטאָריעס, וועלכע זיינען פערנומען געווען צו דער צייט פון זייערע בירגער. קאָלאָניאַ איז אַזוי געוואָרען אַ שפּאַנישע פּאָסעסיע כמעט נאָך אַ גאַנצען יאָהרהונדערט פון פּאָרטוגעזישער הערשאַפט דאָרטען. כמעט דיא גאַנצע טעריטאָריע פון דער היינטיגער אורוגוואַי איז דאַן איבערגעגאַנגען צו שפּאַניען, און דיא געגענד פון ריאָ גראַנדע דאָ סול איז פערבליבען אין פּאָרטוגעזישע הענד.

אין דיא נעכסטע פופציג יאָהר נאָך דעם אָבמאַך פון אילדעפאָנסאָ איז אורוגוואַי אייגענטליך געוועזען אַ טהייל פון אַרגענטינע. מאָנטעווידעאָ איז געוואָרען דיא שטאַרקסטע שפּאַנישע פעסטונג ביי דיא ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן. דאָרטען האָט זיך געפונען אַ בעזונדערער מיליטערישער גובערנאַטאָר. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט אַלץ מעהר בעפעסטיגט דיזען פּאָרט, אום צו קאָנטראָלירען דעם אַריינפאָהר אין לאַ פּלאַטאַ. דאָס איז געוואָרען דער צענטער פון דיא שפּאַניער און פון לאָיאַליסטען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. אויסער דיא אָפיציערען פון דעם גאַרניזאָן אין דער פעסטונג און דיא בעאַמטע פון דער פּראָווינץ אורוגוואַי האָבען זיך אין מאָנטעווידעאָ געפונען אַ סך אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען אויך פון בוענאָס ערעס. ווייטער אין לאַנד, אויף דיא פּאַמפּאַסען, האָבען זיך אַלץ צושפּרייט דיא גאַוטשאָס פון ענטרע ריאָס און פון אַנדערע אַרגענטינער פּראָווינצען.

אורוגוואַי איז דיא קלענסטע פון אַלע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען אין שטח (איהר טעריטאָריע איז פון דעסטוועגען איבער צוויי מאָל גרעסער פאַר דיא טעריטאָריע אין פּאָרטוגאַל), אָבער דערפאַר דיא געדיכטעסטע אין בעפעלקערונג, וויי״ל איהרע פרוכטבאַרע פעלדער און זעהר געזונדער קלימאַט ציהען

צו א סך איינוואנדערער טראָץ אלע אונרוהען און רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען נאָך דאָרטען אלץ ניט אויפגעהערט אין גאנצען. די בעפעלקערונג פון מאָנטע־ווידעאָ האָט זיך בעזאָנדערס שנעל פערמעהרט. די מייסטע פון די אויסלענ־דער אין אורוגוואי זיינען איטאליענער, וועלכע וואנדערען אין אלץ גרעסערע צאָהלען אין אלע לא פלאטא געגענדען. נאכהער פאלגען די שפאניער, ענג־לענדער, פראנצויזען און דייטשען. אין די נאָרדליכע טהיילען פון אורוגוואי, לעבען די גרענעצען פון ריאָ גראנדע דאָ סול, געפינען זיך אויך א סך בראזיליא־נער. אין אלגעמיינען זיינען די אורוגוואיער עהנליך צו די ארגענטינער, נור זיי זיינען אביסעל מעהר געמישט מיט די אינדיאנער שטאמען.

אין 1806, ווען אן ענגלישע ארמעע האט געפאנגען בוענאָס ערעס (זעה די געשיכטע פון ארגענטינע), זיינען פיעלע שפאנישע אָפיציערען און בעאמטע אנטלאָפען נאָך מאָנטעווידעאָ, פון וואנען עס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען רעגעלע שפאנישע סאָלדאטען און וואָלאָנטירען צו העלפען די קרעאָלען און גאוטשאָס פון בוענאָס ערעס צו פעריאָגען די פרעמדע. דעם נעכסטען יאָהר האָט די ענגלישע רעגיערונג, וועלכע האָט געוואָלט פערכאפען דיזע פרוכטבארע געגענדען פון זיד־אמעריקא מיט א מעסיגען קלימאט אזוי וויא זיא האָט עס אויסגעפיהרט אין זיד־אפריקא, וואו זיא האָט צוערשט איינגענומען קאפ־שטאט (קעיפ אָוו גוד האָופ אויף ענגליש), געשיקט א שטארקע עקספעדיציע צו פערנעהמען מאָנטעווידעאָ גופא. דאָס איז געלונגען די ענגלענדער נאָך א באָמבארדירונג אין פערלויף פון אכט טעג און נאָכדעם וויא די שפאניער האָ־בען פערלאָרען א העלפט פון דעם גארניזאָן.

אָבער ניט לאנג זיינען די ענגלענדער פערבליבען אין מאָנטעווידעאָ. זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען נאָכדעם וויא זייער צווייטער פערזוך איינצונעהמען בוענאָס ערעס איז דורכגעפאלען, וויא דאָס איז בעשריעבען אויבען אין דער געשיכטע פון ארגענטינע. אלע געגענדען ארום ריאָ דע לא פלאטא זיינען אזוי געבליבען אין שפאנישע הענד א דאנק דעם מוטהיגען ווידערשטאנד פון די ארגענטינער קרעאָלען געגען די פאָרטוגעזער און ענגלענדער. מאָנטעווידעאָ האָט גראדע אויפגעלעבט אלס א האנדעלס־פאָרט אין דער קורצער צייט, ווען די ענגלענדער האָבען דאָרטען געהערשט און איינגעפיהרט פריי־האנדעל.

* * *

אָבער די טעג פון דער שפאנישער הערשאפט זיינען שוין דאַן געוועזען געצעהלטע אין אורוגוואי אזוי וויא אין ארגענטינע און אין אלע אנדערע שפא־נישע קאָלאָניעס. ווען עס איז בעקאנט געוואָרען אין מאָנטעווידעאָ, אז נאפאָ־לעאָן האָט ארויפגעזעצט אויף'ן שפאנישען טהראָן זיין ברודער יאָזעף באָנא־פארטע און אז אין סעווילא איז געגרינדעט געוואָרען א כונטא אָדער פראָוויזאָ־רישע רעגיערונג פון שפאנישע פאטריאָטען, האט דער גובערנאטאָר עליאָ גלייך

געשוואָרען טרייהייט צו דיזער כונטא. אונטער דעם איינפלוס פון דיזען גו־בערנאטאָר זיינען דיא איינוואָהנער פון מאָנטעווידעאָ געבליבען געטריי צו זייער מוטערלאנד אפילו נאָך דעם וויא בוענאָס ערעס האט פעריאָגט דעם וויצע־קעניג און אָנגעפאנגען א קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט. ער האָט ניט נור שנעל אונטערדריקט אין מאָנטעווידעאָ א קליינעם אויפשטאנד פון דיא קרעאָלען, וועלכע האָבען סימפאטיזירט מיט זייערע ברידער אין בוענאָס ערעס, זאָנדערן ער האָט ערקלערט קריעג צו דיא רעוואָלוציאָנערען אין ארגענטינע און האָט גענומען ארעסטירען רעכטס און לינקס דיא אורוגוואיער, וועלכע ער האָט פער־דעכטיגט אין אונטרייהייט צו דער שפאנישער קרוין.

דיא רעוואָלוציאָנערען פון מאָנטעווידעאָ האָבען זיך גערעטעט דורך פליטה אין בוענאָס ערעס, וואו זיי זיינען צוגעשטאנען צו דער ארמעע, וועלכע דיא רעוואָלוציאָנערע כונטא האָט ארויסגעשיקט אין 1811 אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל בעלגראנאָ צו פעריאָגען דעם גובערנאטאָר עליאָ מיט זיינע סאָל־דאטען. צווישען דיזע אנטלאָפענע האָט זיך אויך געפונען כאזע ארטיגאס, וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם גרינדער פון דער אורוגוואיער רעפובליק. ער איז געבאָרען געוואָרען אין מאָנטעווידעאָ, נור האָט פון קינדרווייז אָן געפיהרט א לעבען פון א גאוטשאָ און איז נאכהער געוואָרען דער אָנפיהרער פון דיא גאוטשאָס אין דער פראָווינץ באנדא אָריענטאלע.

נאָך א זיעגרייכער שלאכט מיט דיא שפאניער אין א פלאץ מיט'ן נאָמען לאס פיעדראס, אין וועלכער ארטיגאס האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט, איז דיא רעוואָלוציאָנערע ארמעע צוגעקומען צו מאָנטעווידעאָ. נור דיא פעס־טונג דאָרטען האָבען זיי ניט געקענט אייננעהמען, און דיא בעלאגערונג, וועלכע זיי האָבען אָנגעפאנגען, האָבען זיי געמוזט אויפגעבען, ווייל פון איין זייט האָבען דאָן דיא שפאניער געוואונען א וויכטיגע שלאכט אין באָליוויא און האָבען זיך געקליבען צו מארשירען פון דאָרטען נאָך בוענאָס ערעס (זעה דיא געשיכטע פון פערו און באָליוויא) און פון דער אנדער זייט איז א פּאָרטוגעזישע ארמעע ארויסגעשיקט געוואָרען פון בראזיליען צו פערנעהמען מאָנטעווידעאָ און גאנץ אורוגוואי. דיא כונטא פון בוענאָס ערעס האָט זיך גענויטיגט אין אלע איהרע קרעפטע צו בעשיצען זיך אליין און האָט דארום צוריקגערופען איהרע סאָלדאטען פון אורוגוואי.

אָבער אין 1812, ווען דיא ענגלישע רעגיערונג האָט געצוואונגען דעם קע־ניג פון פּאָרטוגאל צוריקצוציהען זיינע סאָלדאטען פון אורוגוואי, האָט דיא רע־וואָלוציאָנערע רעגיערונג פון בוענאָס ערעס ווידער געשיקט אן ארמעע צו פאנגען מאָנטעווידעאָ. נור עס האָבען זיך באלד אָנגעפאנגען אזעלכע רייסע־רייען צווישען דיא פיהרער, אז ארטיגאס האָט זיך אין גאנצען צוריקגעצויגען אין 1814 און האָט איבערגעלאָזען דיא ארגענטינער אונטער דער קאָמאנדע פון

זייער געניטען גענעראַל אַלוועאַר איינצונעהמען מאָנטעווידעאָ, וואָס עס איז אויך געשעהען דעם זעלבען יאָהר.

דיא אינערליכע רייסערייען זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם, וואָס בוענאָס ערעס האָט געוואָלט בעהערשען אַלע אַנדערע פּראָווינצען, דאַרונטער אויך דיא באַנדאַ אָריענטאַלע. אַרטיגאַס איז געוואָרען דער וויכטיגסטער קעמפּפער געגען דיא צענטראַליסטען פון בוענאָס ערעס. דער ביטערער קאַמפּף צווישען דיא פעדעראַליסטען און צענטראַליסטען, וועלכער האָט געפיהרט צו אַ לאַנגען בירגער־קריעג אין אַרגענטינע, וויא מיר ווייסען עס פון דיא פריהערע קאַפּיטלעך, האָט זיך אויך צופלאַקערט אין אורוגוואַי. גענעראַל אַרטיגאַס האָט צוזאַמענגעקליבען זיינע גאַוטשאָס און איז געוואָרען דער דיקטאַטאָר ניט נור פון דער באַנדאַ אָריענטאַלע, זאָנדערן אויך פון אַ גרויסען טהייל פון דער אַרגענטינער מעסאָפּאָטאַמיע (אַזוי רופט מען דיא געגענד צווישען דיא טייכען אורוגוואַי און פּאַראַנאַ, ספּעציעל דיא פּראָווינצען ענטרע ריאָס און קאָריענטעס). ער איז געווען דער שטאַרקסטער און גרעסטער פון דיא "קאַודילאָס", וויא מען האָט גערופען דיא גובערנאַטאָרס פון דיא פּראָווינצען, וועלכע האָבען געוואָלט אָנהאַלטען זייער אָטאָנאָמיע און זיין גלייכע יחסנים מיט בוענאָס ערעס. ווען דיא פיהרער פון דער כונטאַ פון בוענאָס ערעס האָבען אַרויסגעשיקט אַן אַרמעע געגען איהם, האָט ער צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה גאַוטשאָס און האָט איהר צוריקגעשטויסען. דיא פעדעראַליסטען זיינען דורך דעם געוואָרען שטאַרקער און האָבען געצוואונגען דיא כונטאַ פון בוענאָס ערעס צוריקצוציהען איהרע סאָלדאַטען פון מאָנטעווידעאָ.

אָבער אין 1815, ווען גענעראַל אַרטיגאַס האָט געפיהרט דיא גרענדע אין אורוגוואַי און אויך אין ענטרע ריאָס, איז ער געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט בראַזיליען. ער איז נעמליך בעפאַלען דיא טעריטאָריע פון דיא "זיעבען מיסיאָנען", וועלכע דיא פּאָרטוגעזער האָבען מיט אַ יאָהר פערצעהן פריהער פערנומען, און דערפאַר האָט דער קעניג פון פּאָרטוגאַל געשיקט אַ שטאַרקע אַרמעע, וועלכע האָט ניט נור בעזיעגט דיא גאַוטשאָס וואָס אַרטיגאַס און אַנדערע קאַודילאָס האָבען צוזאַמענגעקליבען, זאָנדערן האָט אויך איינגענומען מאָנטעווידעאָ אין 1817. גאַנץ אורוגוואַי איז אַזוי אַריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא פּאָרטוגעזער. אַרטיגאַס און אַנדערע פיהרער פון דיא גאַוטשאָס, וועלכע האָבען געקעמפּפט עטליכע יאָהר געגען דיא פּאָרטוגעזער, האָבען געמוזט אַלץ ווייטער צוריקציהען זיך פון אורוגוואַי. אין 1821, נאָכדעם וויא אַרטיגאַס איז אַוועק מיט עטליכע פון זיינע טרייעסטע אַנהענגער נאָך פּאַראַגוואַי, וואו ער איז געשטאָרבען אין אַלטער פון 86 יאָהר, האָט אַ קאָנגרעס אין מאָנטעווידעאָ ערקלערט, אַז אורוגוואַי איז אַ טהייל פון בראַזיליען.

נור דיא הערשאַפט פון פּאָרטוגאַל האָט דאָרטען ניט לאַנג אָנגעהאַלטען.

צו דיזער צייט האָט זיך בראַזיליען אָבגעריסען פון פּאָרטוגאַל, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהן. דיא שפּאַנישע קרעאָלען האָבען נור געוואַרט אויף אַ גע־לעגענהייט אָנצופאַנגען אַן אויפשטאַנד געגען דיא פרעמדע הערשער. דיזע גע־לעגענהייט האָבען זיי געקראָגען אין 1825, ווען דיא אַרגענטינער רעגיערונג, וועלכע האָט געקוקט מיט אייפערזיכטיגע און פיינדליכע אויגען אויף דיא פּאָר־טוגעזער און בראַזיליאַנער אין אורוגוואַי און האָט געוואָלט בעהערשען דיא געגענ־דען ביי ביידע ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ, האָט אָפען ערקלערט, אַז אורוגוואַי גע־הערט צו איהר. דיזע ערקלערונג האָט געפיהרט צו אַ מלחמה צווישען אַרגענ־טינע און בראַזיליען, וועלכע האָט זיך געענדיגט (זעה דיא געשיכטע פון אַר־גענטינע) מיט דער גרינדונג פון אַן אונאַבהענגיגער רעפּובליק אין אורוגוואַי אין 1830.

גענעראַל ריווערא, איינער פון גענעראַל אַרטיגאַס'עס לייטענאַנטען, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט אין דעם קאַמפּף געגען דיא בראַזיליאַנער, איז געוואָרען דער ערשטער פּרעזידענט פון אורוגוואַי. זיינע געגנער האָבען איהם אָבער ניט געלאָזען רוהיג זיצען אויף'ן פּרעזידענטען־שטול. אין 1832 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בירגער־קריעג נאָך דעם אַרגענטינישען מוסטער. דיא געשיכטע פון דער קליינער רעפּובליק איז דאַן צוזאַמענגעפלאָכטען געוואָרען מיט דער געשיכטע פון איהר גרויסער שכנה, וועלכע האָט איהר געזוכט איינ־צושלינגען. ראָזאַס, דער בעריהמטער דיקטאַטאָר פון בוענאָס ערעס, האָט אויך געפיהרט דיא רעדעל אין אורוגוואַי דורך איהר צווייטען פּרעזידענט, גענעראַל אָריבע, וועלכער האָט סימפּאַטיזירט מיט דיא פעדעראַליסטען, וויל זיין געגנער גענעראַל ריווערא האָט זיך געשטיצט אויף דיא יוניטאַריסטען.

דאַן זיינען עס אויפגעקומען דיא זאָ־גענאַנטע "בלאַנקאָס" און "קאָלאָ־ראַדאָס" אין אורוגוואַי. דאָס זיינען נעמען פון פּאַרטייען, וועלכע זוכען צו פער־כאַפּען דאָרטען דיא רעגיערונג אין זייערע הענד. אין זייערע פּרינציפּען און פּראָגראַמען אונטערשיידען זיי זיך זעהר ווייניג. אָנפאַנגס האָבען דיא בלאַנ־קאָס געבילדעט דיא קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי און דיא קאָלאָראַדאָס — דיא ליבעראַלע פּאַרטיי; אָבער שפּעטער איז געוואָרען אַ צומישעניס אין זייערע פּראָגראַמען. דיא פיהרער האָבען צוליעב זייערע פּערזענליכע אַמביציעס ניט זעלטען געביטען זייערע פּאָליטישע פאַרבען. צו דער צייט, ווען ראָזאַס האָט געהערשט אין בוענאָס ערעס, האָבען דיא בלאַנקאָס געהערשט אין מאָנטעווידעאָ. ווען ראָזאַס האָט שליסליך געמוזט זיך אָבטראָגען נאָך אייראָפּאַ (זעה דיא גע־שיכטע פון אַרגענטינע), האָבען דיא קאָלאָראַדאָס פערכאַפּט דיא רעגיערונג פון אורוגוואַי אין זייערע הענד.

אין דעם קאַמפּף פון דיא קאָלאָראַדאָס געגען דיא בלאַנקאָס און געגען

דעם ארגענטינער טיראן ראָזאַס האָט אויך אַנטהייל גענומען דער וועלט־בעריהמטער גאַריבאַלדי. דער צוקינפטיגער בעפרייער פון איטאַליען איז געוואָרען אַ וויכטיגער פיהרער פון דיא קאָלאָראַדאָס אין 1835.

גענעראַל אָריבע, דער פיהרער פון דיא בלאַנקאָס, וועלכער האָט געוואָלט, אַז אורוגוואַי זאָל ווערען אַ פּראָווינץ פון דער ארגענטינער רעפּובליק, איז אין 1851 פעריאָגט געוואָרען, און גענעראַל וועגאַנסיאָ פלאָרעס, איינער פון דיא פעהיגסטע פיהרער פון דיא קאָלאָראַדאָס, איז געוואָרען דער דיקטאַטאָר.

דיא בלאַנקאָס האָבען אָבער קאָנספּירירט און געמאַכט אַ פּראָנונסיאַמענטאָ, וואָס עס האָט געפיהרט צו אַ נייען בירגער־קריעג. דאָ האָבען דיא בלאַנקאָס פערכאַפּט דיא רעגיערונג און דאָרט — דיא קאָלאָראַדאָס. אין 1868 איז גענעראַל פלאָרעס, וועלכער איז דאַן ווידער געווען דיקטאַטאָר, ערמאָרדעט געוואָרען אין מאָנטעווידעאָ, וואָס עס האָט געפיהרט צו בעזאָנדערס בלוטיגע שלאַכטען צווישעןביידע פּאַרטייען.

ערשט אין 1875, ווען גענעראַל לאַטאָרע, אַ פיהרער פון דיא קאָלאָראַדאָס, איז געוואָרען דיקטאַטאָר, האָט זיך דאָס לאַנד אָנגעפאַנגען אַביסעל צו בערוהיגען. ער האָט געזוכט איינצופיהרען עקאָנאָמיעס אין דער רעגיערונג און האָט ענערגיש אויסגעראָטעט דיא באַנדיטען און דיא מערדער, וועלכע האָבען זיך פערמעהרט אין דער צייט פון דעם כמעט אונאויפהערליכען בירגער־קריעג. מיט אַן אייזערנער האַנד האָט ער אויך אונטערדריקט דיא קאָנספּיראַציעס און אויפשטאַנדען פון דיא בלאַנקאָס, אָבער דאָס האָט איהם אַזוי דערעסען, אַז אין 1880 האָט ער רעזיגנירט און פערלאָזען דאָס לאַנד.

זייט דאַן האָבען זיך דאָרטען אומגעביטען אַ דוצענד פּרעזידענטען און דיקטאַטאָרס און עס זיינען פּאָרגעקומען נאָך מעהר אויפשטאַנדען, פּראָנונסיאַמענטאָס און רעוואָלוציאָנען. מען מעג זאָגען, אַז עס איז דאָרטען נאָך ניט פּאָריבער אַ יאָהר אָהן פּאָליטישע שטורמען. דער וויכטיגסטער פון דיא אורוגוואַיער פּרעזידענטען אין דיא לעצטע דרייסיג יאָהר איז געווען כואַן קועסטאַס. ער האָט פערנומען אַלס פּאָרזיצענדער פון סענאַט, לויט דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן, דעם פּלאַץ פון פּרעזידענט באָרדאַ, אַ קאָלאָראַדאָ, וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען אין 1897, ווען ער איז אַרויס פון דער קאַטהעדראַל קירכע אין מאָנטעווידעאָ נאָך אַ גאָטעסדיענסט. אָנפאַנגס האָט קועסטאַס, וועלכער האָט אויך געהערט צו דער קאָלאָראַדאָ פּאַרטיי, געזוכט צו קומען צו אַ פריעדליכען אויסגלייך מיט דיא בלאַנקאָס און האָט ערקלערט אַן אַלגעמיינע אַמניסטיע. ער האָט אויך רעפאָרמירט דיא וואַהל־סיסטעם, אום דיא מאַסען פון פּאָלק זאָלען קענען נעהמען מעהר אַנטהייל. ווען ער האָט געזעהען, אַז ניט נור דיא פיהרער פון דיא בלאַנקאָס, זאָנדערן אויך פון זיין פּאַרטיי טרעטען אַרויס געגען זיינע

רעפארמען און סטראשען מיט א רעוואלוציאן, האט ער דעם נעכסטען יאהר אויפגעלעזט דעם קאנגרעס און זיך ערקלערט פאר א דיקטאטאר. ער האט עס אבער געטהאן, אום איינצופיהרען מעהר ארדנונג אין לאנד און אויך צו רעאר־גאניזירען דיא פינאנצען, אז מען זאל קענען צאהלען דיא אויסלענדישע חובות.

אין 1899, ווען עס איז געקומען דער געזעצליכער טערמין פאר דיא וואהלען פון א נייעם פרעזידענט, האט ער ערקלערט, אז ער וועט אויפפאסען, דאס דיא וואהלען זאלען זיין פרייע, און אז ער וועט ניט שטערען דיא בלאנקאס. ער האט געהאלטען ווארט און איז דאך ערוועהלט געווארען, אבוואהל דיא בלאנקאס האבען געוואונען א סך נייע פלעצער אין קאנגרעס.

אונטער דער אדמיניסטראציאן פון פרעזידענט קועסטאס האט דיא קליינע רעפובליק געמאכט גרויסע פארטשריטע אין האנדעל. דיא בעפעלקערונג איז שנעל געוואקסען, בעזאנדערס דורך אייראפעאישע איינוואנדערונג. דיא פרוכט־בארע פעלדער און דער פיינער קלימאט (אויף דעם ערד־קוגעל געפינען זיך ווייניג געגענדען מיט אזא געזונדען קלימאט וויא אורוגוואי) האבען צוגעצויגען איינ־וואנדערער ניט נור פון אייראפא, מייסטענס פון איטאליען און שפאניען, זאנ־דערן אויך פון ארגענטינע און בראזיליען. טראץ דיא שטענדיגע אונרוהען און רעוואלוציאנען איז אורוגוואי דאך אלץ מעהר בעזעצט געווארען. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס אין דיזע רעוואלוציאנען האבען זיך דיא קאלאניסטען און אפילו דיא גאוטשאס ניט בעטהייליגט. דיא שטרייטען און שלאכטען צווישען דיא בלאנקאס און קאלאראדאס זיינען געפיהרט געווארען צווישען דיא קרעאלען, וועלכע האבען געזוכט צו פערכאפען דיא רעגיערונגס־פלעצער און האבען זיך איבערהויפט אבגעגעבען מיט פאליטיק.

אזוי איז עס אויך מעהר אדער ווייניגער געוועזן אין ארגענטינע און אין אנדערע שפאניש־שפרעכענדע רעפובליקען. זאנסט וואלטען זיי פשוט אונטער־געגאנגען און פערוויסטעט געווארען. ניט זעלטען זיינען דיא פראנונסיאמענטאס און זאגענאנטע רעוואלוציאנען געוועזן בלוטלאזע. ביסלעכווייז האבען זיך בע־רוהיגט אויך די קרעאלען וועלכע האבען ניט געקענט דולדען זייערע פאליטישע געגנער ביים רעגיערונגס־רודער און ניט געקענט און ניט געוואלט זיך פיהרען קאנ־סטיטוציאנעל. אפילו דיא בלאנקאס און קאלאראדאס געברויכען שוין אלץ מעהר אין זייערע שטרייטען דיא פעדערען אנשטאדט שווערדען. זייער פארטיי־קאמפף פיהרען זיי אלץ מעהר מיט שריפט און ווארט.

ווען קועסטאס האט געענדיגט זיין טערמין אין 1903 און סעניאר באזע באטל איז אויסגעוועהלט געווארען פאר פרעזידענט, האבען דיא בלאנקאס זיך ווידער גענומען צו געוועהר, און עס האט זיך אנגעפאנגען א נייער בירגער־קריעג; אבער דאס האט ניט לאנג געדויערט. ביי דיא נעכסטע וואהלען האט

זיך ווידער אָנגעפאַנגען אַ רעוואָלוציאָן, אָבער ווידער האָט זיא זיך שנעל געענדיגט. דיזע רעוואָלוציאָנען האָבען שוין גאַנץ ווייניג געשטערט דעם האַנדעל, וועלכער וואַקסט אַלץ שנעלער. מאָנטעווידעאָ איז געוואָרען אַ זעהר גרויסער האַנדעלס־צענטער און קאָנקורירט אַלץ מעהר מיט בוענאָס ערעס.

דיזע קליינע רעפּובליק, וועלכע איז געבליבען אונאַבהענגיג, ווייל איהרע צוויי שטאַרקע שכנות, בראַזיליען און אַרגענטינע, האָבען געשטערט איינע די אַנדערע איהר איינצושלינגען, האָט אַ זעהר גרויסע צוקונפט צוליעב איהר פּרוכטבאַרען באָדען און פּראַכטפאָלען קלימאַט.

# פאראגוואי

# Paraguay

## ערשטער קאַפּיטעל.

# דיא אינדיאַנער און דיא יעזואיטישע רעפּובליק

אונטער דעם נאָמען פּאַראַגוואַי זיינען אָנפאַנגס אַריינגערעכענט געוואָרען טהיילען פון בראַזיליען, אורוגוואַי און אַרגענטינע. היינט, נאָך דיא אָבמאַכען מיט בראַזיליען, אַרגענטינע און באָליוויאַ וועגען איהרע גרענעצען, ליעגט דיא טעריטאָריע פון דיזער רעפּובליק מעהרסטענטהיילס צווישען דיא טייכען פּאַראַנאַ און פּאַראַגוואַי. דאָס איז אן אינלענדישע רעפּובליק, אַזוי וויא באָליוויאַ, אָבער זיא האָט קיין מאָל גאָר ניט געהאַט אַ פּאָרט ביים ים. איהר וואַסער־וועג צום ים איז נור דורך דעם טייך פּאַראַנאַ, וואָס ענדיגט זיך דורך אַרגענטינישע טעריטאָריע אין לאַ פּלאַטאַ. זיא האָט אָבער היינט אַ פרייען האַנדעלס־וועג דורך דיזען גרויסען און ברייטען טייך, אין וועלכען עס קענען אַריינקומען ים־שיפען גאַנץ ווייט אַרויף צום נאָרד, לויט אָבמאַכען מיט אַרגענטינע און בראַזיליען, גאַראַנטירט פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אין נאָמען פון אַלע האַנדעלס־נאַציאָנען.

דיזע רעפּובליק אונטערשיידעט זיך פון אַלע אַנדערע אין זיד־אַמעריקאַ בעזאָנדערס דערמיט, וואָס כמעט איהר גאַנצע בעפעלקערונג בעשטעהט עד היום פון אינדיאַנער, וועלכע האַלטען אָן זייער שפּראַך און זייערע מנהגים אַזוי וויא פאַר דיא שפּאַנישע עראָבערונג. דיא אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן האָט נאָך גאַנץ וועניג אַריינגעדרונגען ביז יעצט אין דיזע פערוואָרפענע ווינקעלעך פון זיד־אַמעריקאַ. דיא אינדיאַנער, וועלכע געהערען צו דיא זעהר פריעדליכע שטאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען גואַראַני און וועלכע זיינען געוועזען פערשפּרייטעט אין איינינגע טהיילען פון בראַזיליען, פערשטעהען געוועהנליך גאָר ניט שפּאַניש. דיא שפּראַך פון דיא גואַראַנים ווערט אויך געברויכט אין פיעלע ערטער אַרום פּאַראַגוואַי.

דאָס איז בעזאָנדערס אויפפאַלענד, ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, אַז אַסונסיאָן, דיא הויפּט־שטאָדט פון דיזער רעפּובליק, איז געוועזען דיא ערשע שפּאַנישע קאָלאָניע אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען. אום ניט צו ווידערהאָלען זיך, וועלען מיר אָנווייזען דעם לעזער אויף דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דער גע־

שיכטע פון אַרגענטינע, וואו עס איז געשילדערט, וויא אַזוי דיא ענטדעקונג פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ מיט איהרע גרעסטע צופלוסען איז געמאַכט געוואָרען און וויא אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז אַסונסיאָן, וויט אַרויף ביי דיא ברעגען פון טייך פּאַראַגוואַי איז געגרינדעט געוואָרען פון שפּאַנישע אַוואַנטוריסטען אין 1536, לאַנג פריהער פאַר בוענאָס ערעס. דאָרטען, אין דער פרוכטבאַרער און פּראַכטפאָלער געגענד אַרום אַסונסיאָן און איבערהויפּט צווישען פּאַראַגוואַי און פּאַראַנאַ האָבען דיא אויסגעמאַטערטע שפּאַנישע וואַנדערער, דיא אונגעפעהר 600 לעבעדיגגעבליבענע מיטגליעדער פון מענדאָזאַ'ס גרויסע עקספּעדיציע נאָך אַרגענטינע, געפונען אַזעלכע אינדיאַנער, וועלכע האָבען זיך כמעט גאָר ניט געוועהרט געגען דיא ווייסע הערשער. דיא גואַראַנים זיינען וואַהרשיינליך געווען דיא פריעדליכסטע און געדולדיגסטע פון אַלע רויט־הויטיגע שטאַמען. זיי האָבען געבויט הייזער, בעאַרבייטעט פעלדער און געטהאָן אַלעס, וואָס דיא שפּאַניער האָבען זיי געהייסען. זיי זיינען געווען פונקט פערקעהרט, וויא דיא טשאַרואַס אין אורוגוואַי און אין אַרגענטינע, וואָס האָבען ניט אויפגעהערט צו קעמפּפען מיט אַ ווילדען מוטה געגען אַלע ווייסע, וויא דאָס איז איבערגעגעבען אין דער געשיכטע פון אורוגוואַי.

נור אַזוי וויא צווישען דיזע אַוואַנטוריסטען און קאָלאָניסטען האָבען זיך כמעט גאָר קיין ווייסע פרויען ניט געפונען, האָבען זיי זיך גענומען אינדיאַנער פרויען. דיא צאָהל פון קרעאָלען איז אַזוי פון אָנפאַנג אָן געווען אַ גאַנץ קליינע. דיא מעסטיזאָס אָבער האָבען זיך געהאַלטען פאַר יחסנים און זאָגאַר פאַר אמת'ע ווייסע. זיי האָבען שטאָלצירט מיט זייער אָבשטאַמונג פון דיא שפּאַנישע קאַוואַליערען און האָבען קאָמאַנדעוועט איבער דיא געדולדיגע אינדיאַנער. אַזוי וויא זעהר װעניג איינוואַנדערער פון אייראָפּאַ פלעגען אַהין קומען — אויך היינט עמיגרירט מען זעהר וועניג נאָך פּאַראַגוואַי — פליסט גאַנץ וועניג שפּאַנישע בלוט אין דיא אָדערען פון דיא פּאַראַגוואַיער. דיא שפּאַניער, קרעאָלען און מעסטיזאָס האָבען זיך אַלץ מעהר צוזאַמענגעמישט מיט דיא גואַראַנים און אויך גענומען געברויכען דיא שפּראַך פון דיזע אינדיאַנער.

אַסונסיאָן איז געוואָרען אַ צענטער פאַר שפּאַניער צו פערשפּרייטען זייער הערשאַפט איבער דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען. אַ יאָהר פערציג נאָך דער גרינדונג פון דיזער שטאָדט האָבען דיא שפּאַניער און קרעאָלען שוין געקענט גרינדען דיא קאָלאָניע סאַנטאַ פע ביי דיא אונטערשטע ברעגען פון פּאַראַנאַ און בוענאָס ערעס ביי דיא ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ (זעה דיא געשיכטע פון אַרגענטינע). אין דיזער צייט איז פּאַראַגוואַי אויך געוואָרען אַ צענטער פון יעזואיטען. דיא שטילע און געהאָרכזאַמע גואַראַנים האָבען זיך אויך געוואָלט שנעל בעקעהרען צום קריסטענטהום. דיא יעזואיטען זיינען אָנפאַנגס (דיזער בעריהמטער קאַטאָלישער אָרדען איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם שפּאַניער לאָיאָלאַ אין 1534

צו בעקעמפפען דיא לוטעראַנער און בכלל דיא פּראָטעסטאַנטען) געווען דורכ־געדרונגען מיט אַ פאַנאַטישען גלויבען און בעזעעלט מיט אַ הייסען בעגעהר צו בעקעהרען ווילדע פעלקער צום קריסטענטהום. אין פאַראַגוואַי האָבען זיי געפונען דעם בעסטען און זיכערסטען באָדען פאַר זייער מיסיאָנערסקע טהעטיגקייט. אין בראַזיליען, וואו זיי האָבען געגרינדעט זייערע מיסיאָנען אַזוי פריה וויא 1550, האָבען זיי געהאַט אויסצוהאַלטען דיא אַטאַקעס פון דיא פּאָרטוגעזער קאָלאָניסטען אין סאַאון פּאַולאָ, די "פּאַוליסטאַס" ווי מען רופט זיי אין קורצען, אָבער אין דיא געגענדען פון פאַראַגוואַי האָבען זיי ניט נור קיינע שטערונגען ניט געהאַט, זאָנדערן האָבען אויך געקענט איינפיהרען זאָגאַר זייערע אַ רעפּובליק.

דיא ביטערע פיינדשאַפט פון דיא פּאָרטוגעזער אין בראַזיליען צו דיא יעזואיטען האָט זיך אָנגעפאַנגען דורך דעם, וואָס דיא יעזואיטען האָבען געוואָלט זיך אָננעהמען פאַר דיא אינדיאַנער און ניט דערלאָזען זיי צו פערשקלאַווען; אָבער אויסגעלאָזען האָט עס זיך, אַז דיא יעזואיטישע מיסיאָנערען האָבען אַליין אומגעוואַנדעלט זייערע בעקעהרטע אינדיאַנער אין בלינדע שקלאַווען. אין 1586 האָבען זיי געגרינדעט אַ שולע אין אַסונסיאָן, פון וואַנען זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו וואַנדערען איבער'ן לאַנד, אום צו פערשפּרייטען קריסטענטהום צווישען דיא אינדיאַנער. זיי האָבען אויסגעלערנט דיא גואַראַני שפּראַך און האָבען געזוכט צו געווינען דיא אינדיאַנער ניט נור מיט זיסע רייד, זאָנדערן אויך מיט פּרעזענטען. זיי האָבען פון אָנפאַנג אָן געזוכט צו ווערען דיא איינציגע לעהרער און וועגפיהרער פון דיא געהאָרכזאַמע גואַראַני־שטאַמען, און דאָס איז זיי אַזוי געלונגען, אַז דיא אינדיאַנער האָבען זיך אַ ריהר ניט געטהאָן אָהן זייער ערלויבניס.

וואָס מעהר דיא יעזואיטען האָבען אַריינגענומען אין זייערע הענד דיא אינדיאַנער, וועלכע זיי האָבען געזוכט צו האַלטען אין דערפער אונטער זייער השגחה, אַלץ שטאַרקער איז אויך געוואַקסען דיא אונצופריעדענהייט פון דיא קרעאָלען און פון שפּאַנישע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען דורך דעם געשטערט געווען אין זייערע שטרעבונגען און פּלענער צו האַלטען דיא איינגעבאָרענע אין שקלאַווערייַ. וויא ווייט דיא קאָלאָניסטען האָבען עס נור געקענט, האָבען זיי דאַרום געיאָגט אַלץ ווייטער דיא יעזואיטישע מיסיאָנערען. נור צו דער צייט האָט זיך אויך פּאָרטוגאַל געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דיא שפּאַנישע קעניגע, וועלכע האָבען געשטיצט דעם גאַנצען יעזואיטישען אָרדען. אין 1608, ווען דיא פיהרער פון דיזען אָרדען האָבען פערקלאָגט פאַר דעם קעניג פיליפּ דעם דריטען דיא קאָלאָניסטען און אויך דיא בעאַמטע אין דיא געגענדען צווישען דיא טייכען פאַראַגוואַי און פאַראַנאַ, אַז מען שטערט זיי אין זייער מיסיאָנערסקער אַרבייט, האָט ער זיי געגעבען אַ ספּעציעלע ערלויבניס צו גרינדען דאָרטען מיסיאָנען. זיי זיינען דאַן פערקראָכען אין אַזעלכע ווילדערניסען און פערוואָר־

פענע ווינקעלעך, אז עס איז פּשוט אַ וואונדער, וויא אַזוי זיי האָבען אַהין געפונען אַ וועג. דער גרעסטער טהייל פון דיזע ערטער געהערט יעצט צו בראַזיליען, נור אין דיא 60 יאָהר (פון 1580 ביז 1640), וואָס דיא קרוין פון פּאָרטוגאַל איז איבערגעגאַנגען צו דיא שפּאַנישע קעניגע, האָט מען זיך וועניג געקימערט וועגען דיא גרענעצען פון פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס אין בראַזיליען און פון דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען. דיא יעזואיטען האָבען אַלץ ווייטער געגרינדעט מיסיאָנען און אַלץ מעהר אַריינגענומען אין זייערע הענד דיא אינדיאַנער. בעזאָנדערס האָבען זיי איינגעפיהרט זייער ממשלה אין דער געגענד, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען גואירא צוליעב דעם גרויסען וואַסער־פאַל מיט דיזען נאָמען אויף דעם טייך פּאַראַנאַ. דאָס איז אַ געגענד, צו וועלכער עס איז אויך היינט זעהר שווער צוצוקומען, בעזאָנדערס פון בראַזיליען. אַ טהייל פון דיזער פּערוואָרפענער געגענד האָט געקראָגען דעם נאָמען "זיעבען מיסיאָנען" און אַן אַנדערקען אָן דעם איז היינט דיא אַרגענטינישע טעריטאָריע, וואָס ווערט גערופען "מיסיאָנעס" און וואָס שניידט זיך אַריין וויא אַ פינגער צווישען בראַזיליען און פּאַראַגוואַי.

אָט אין דער געגענד פון גואירא האָבען דיא יעזואיטען גערעכענט, אַז זיי וועלען זיין געזיכערט געגען דיא אַטאַקעס פון דיא קאָלאָניסטען, ספּעציעל דיא פּאַוליסטאַס, און וועלען קענען איינפיהרען זייער אייגענע אָרדנונג. דיא יעזואיטישע מיסיאָנערען האָט עס גענומען אַרום פינף מאָנאַט צו דערגרייכען אַהין פון אַסונסיאָן. דאָך האָבען זיי דאָרטען אין אַ קורצער צייט, אונגעפעהר אין 10 יאָהר, צוזאַמענגעבראַכט אין זייערע מיסיאָנען, ריכטיגער גערעדט דערפער, אַרום פערציג טויזענד אינדיאַנער, וועלכע זיי האָבען בעהערשט און געטריעבען צו דער אַרבייט אויף דיא פעלדער. זיי האָבען געוואָלט גרינדען דאָרטען אַ טהעאָקראַטישען שטאַאַט און האָבען יעדענפאַלס איינגעפיהרט אַ מין קאָמוניזם, וועלכער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דיא אינדיאַנער האָבען געאַרבייט בשותפות און געקראָגען דיא לעבענסמיטעל פון קהל'שע מאַגאַזינען נאָך דיא פאָרשריפטען פון זייערע "געטליכע פאָטערס". דיזע אינדיאַנער האָבען זיך געלאָזט פיהרען פון דיא יעזואיטען וויא קינדער, מען מעג זאָגאַר זאָגען, וויא אַ סטאַדע שעפּסען. יעדער שריט זייערער איז געווען שטרענג רעגולירט פון זייערע יעזואיטישע וועגווייזער און אויפפּאַסער, וועלכע האָבען זיך אַריינגעמישט אפילו אין זייערע אינטימסטע פאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען. קיינער האָט ניט געטאָרט הייראַטהען אָהן דער גוטהייסונג פון דיא דאָזיגע "געטליכע פאָטערס".

אין פערלויף פון אַ יאָהר צוואַנציג האָבען דיא יעזואיטען אַריינגעצויגען אַלץ מעהר אינדיאַנער אין זייערע בעריהמטע מיסיאָנען, וועלכע זיי האָבען געגרינדעט אַלץ ווייטער צו מזרח און צו דרום פון גואירא. זיי האָבען אַזוי אַלץ ענגער געמאַכט דעם פּלאַץ אפילו פאַר דיא קרעאָלען אַרום אַסונסיאָן. נור אין

1629 האָבען זיך אָנגעפאַנגען דיא ביטערע אַטאַקעס פון דיא פּאָרטוגעזער, וועלכע זיינען ענדליך אויך אַהין צוגעקומען פון זייערע ערשטע קאָלאָניעס אין דער גרויסער און וויכטיגער פּראָווינץ סאַאָן פּאַולאָ. דיזע קאָלאָניסטען, דיא ענערגישע פּאַוליסטאַס, האָבען געהאַסט דיא יעזואיטען צוליעב עקאָנאָמישע און אויך פּאָליטישע מאָטיווען. ערשטענס האָבען זיי, וויא אויך דיא שפּאַנישע קאָלאָניסטען און קרעאָלען אין פּאַראַגוואַי און בכלל אין דיא געגענדען פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, געליטען דורך דעם, וואָס דיא יעזואיטען האָבען אַלץ צוזאַמענגעבראַכט דיא אינדיאַנער אין זייערע מיסיאָנען, וועלכע זיינען פּאַקטיש געווען שקלאַווען־קאָלאָניעס אום רייכער צו מאַכען דעם בעריהמטען אָרדען, און צווייטענס האָבען זיי, אַלס פּאָרטוגעזער, ניט געוואָלט לאָזען דיא שפּאַניער זיך ווייטער פערשפּרייטען דאָרטען. דיא יעזואיטען, וועלכע האָבען קאָמאַנדעוועט איבער דיא אינדיאַנער און פערנומען אַלץ גרעסערע געגענדען מיט זייערע מיסיאָנען אין דיא אינטערעסען פון זייער אָרדען, זיינען ניט דוקא אַלע געווען שפּאַניער. צווישען זיי האָבען זיך געפונען אויך פּאָרטוגעזער, האָלענדער, פראַנצויזען א. ז. וו. אָבער פאַר דיא פּאַוליסטאַס איז עס געגוג געווען, אַז דיזע מיסיאָנערען האָבען זיך געפונען אונטער דעם ספּעציעלען שוץ פון דיא שפּאַנישע קעניגע און אַז זיי פלעגען אַלץ קומען פון אַסונסיאָן און בכלל פון דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס אין דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען, אום זיי דערפאַר ביטער צו האַסען און צו פערפאָלגען.

דאַרום האָבען דיא פּאַוליסטאַס פּשוט צושטערט און פערברענט דיא יעזואיטישע מיסיאָנען, ווען נור זיי פלעגען אַהין צוקומען. ווען זיי פלעגען פערברענען דיא קירכען און דיא הייזער אין אַ מיסיאָן, פלעגען זיי מיטשלעפּען דיא אינדיאַנער אַלס שקלאַווען. אין אַ צייט פון דריי יאָהר האָבען דיא פּאַוליסטאַס חרוב געמאַכט אַלע מיסיאָנען אין גואַירא. דיא אינדיאַנער וואָס האָבען פּרובירט זיך וועהרען, זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען. דיא וואָס האָבען זיך ניט געקענט רעטען צוזאַמען מיט דיא יעזואיטען אויף שיפלעך, זיינען געוואָרען שקלאַווען פון דיא פּאָרטוגעזער קאָלאָניסטען. דיא גאַנצע גואַירא געגענד איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרען אַ טהייל פון בראַזיליען.

ווען דיא יעזואיטען האָבען זיך געווענדעט נאָך הילפע צום גובערנאַטאָר פון פּאַראַגוואַי אין אַסונסיאָן, האָט ער זיי ענטזאַגט. דיא שפּאַנישע קאָלאָניסטען האָבען אויך פיינט געהאַט דיא יעזואיטישע מיסיאָנערען און זיינען אין האַרצען געווען צופריעדען, וואָס דיא פּאַוליסטאַס מאַכען אַזאַ קורצען סוף פון דיזע מיסיאָנערען. ווען זיי וואָלטען געווען צאָהלרייכער אין פּאַראַגוואַי, וואָלטען זיי אַליין נאָכגעפאָלגט דעם גרויזאַמען ביישפּיעל פון דיא פּאַוליסטאַס. דער גובערנאַטאָר אין אַסונסיאָן האָט געהאַלטען מיט דיא וועלטליכע שפּאַניער און קרעאָלען דאָרטען. צו דער צייט זיינען דיא געגענדען ביי דיא טייכען פּאַראַגוואַי און פּאַראַנאַ געווען צוגערעכענט צום וויצע־קעניגטהום פון פּערו. דאָס איז געווען

אַזוי ווייט פון דעם צענטער פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין לימאַ, אַז דיזע געגענדען און איבערהויפּט אַלע קאָלאָניעס צו מזרח־זייט פון די אַנדעסען־בערג האָבען זיך געקענט ערלויבען אַ סך פריוהייטען און האַנדלען אפילו די־רעקט געגען די בעפעהלען פון דער מאַדרידער רעגיערונג.

נאָך דער צערשטערונג פון זייערע מיסיאָנען אין גואַירא האָבען די יע־זואיטען צוזאַמענגעקליבען אַזוי פיעל אינדיאַנער, וויא פיעל זיי האָבען נור גע־קענט, און האָבען זיך אַריבערגעפּעקעלט אין די זיד־אַסטליכע געגענדען, ספּע־ציעל אין דער טעריטאָריע צווישען די טייכען פּאַראַנאַ און אורוגוואַי, די שוין אויבען־דערמאָנטע טעריטאָריע פון "זיעבען מיסיאָנען". דאָרטען האָבען זיי קאָנצענטרירט זייערע קרעפטע. אום ניט צו זיין אַזוי הילפלאָז געגען די אַטאַקעס פון די פּאַוליסטאַס, וועלכע האָבען געסטראַשעט אַריינצורייסען זיך אויך אין פּאַראַגוואַי און די לאַ פּלאַטאַ געגענדען, וועלכע האָבען פון אָנפאַנג אָן געהערט צו שפּאַניען, האָבען די יעזואיטען בעוואָפענט זייערע אינדיאַנער און זיי אויסמושטירט נאָך דער אייראָפּעאישער קריעגס־קונסט. אונטער דער קאָמאַנדע פון די יעזואיטען זיינען די אינדיאַנער געוואָרען אויסגעצייכענטע סאָלדאַטען. די מיסיאָנען האָבען דאַרום געקענט אויסהאַלטען די אַטאַקעס פון די פּאָרטוגעזער, וויא אויך פון די שפּאַנישע קרעאָלען, און זיך פער־שפּרייטען און ענטוויקלען אַלץ מעהר.

דער מעכטיגער אָרדען פון די יעזואיטען האָט אויסגעפיהרט, אַז דער גו־בערנאַטאָר פון פּאַראַגוואַי, וועלכער האָט זיך ענטזאָגט צו בעשיצען די מיסיאָ־נען אין גואַירא געגען די פּאַוליסטאַס, זאָל אַרונטערגעזעצט ווערען פון קעניג. דיזער אָרדען האָט געהאַט זיינע פריינד און פערטרעטער אין אַלע קעניגליכע הויפען. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די רעגיערונגען אין אַלע קאַטוילישע לענדער. אָבער דער נייער גובערנאַטאָר האָט דאָך אונטער־שטיצט די קרעאָלען אין אַסונסיאָן געגען די יעזואיטען, וועלכע האָבען גע־וואָלט פּאָליטיש בעהערשען גאַנץ פּאַראַגוואַי. ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ בע־פעהל, אַז די מיסיאָנען דאָרטען זאָלען זיין אונטער דער פּאָליטישער אויפזיכט פון דער רעגיערונג, אָבער די יעזואיטען האָבען איהם ניט געפאָלגט און אויך אויסגעפיהרט דורך זייערע פערטרעטער אין קעניגליכען הויף פון מאַדריד, אַז דער גובערנאַטאָר זאָל צוריקרופען זיין בעפעהל.

טראָץ דעם ווידערשטאַנד פון די קרעאָלען, פון די לאָקאַלע בעאַמטע, פון די גובערנאַטאָרען און אויך פון אַנדערע גלחים, ספּעציעל פון די פראַנ־ציסקאַנער, וועלכע האָבען בעגלייטעט פראַנציסקאָ פּיזאַראָ און אַלע שפּאַנישע עראָבערער, זיינען געוועזען די ערשטע צו פערשפּרייטען קריסטענטהום צווישען אינ־דיאַנער און זיינען דאַרום געוועזען זעהר אייפערזיכטיג אויף די מערקווירדיג שנעלע און גרויסע ערפאָלגען פון זייערע נייע קאָנקורענטען — האָבען די יע־

זואיטען זיך אזוי איינגעווארצעלט און בעפעסטיגט, אז זיי זיינען פאקטיש געווען אונאבהענגיג אין זייער טעריטאריע. ווען זייער ביטערער געגנער, דער פראנ־ציסקאנער גלח קארדענאס, וועלכער איז געווארען ביסקופ פון פאראגוואי און וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די קרעאלען (ער איז אליין אויך געווען א קרעאל), האט זיי ארויסגעיאגט פון זייערע קירכען און שולען אין אסונסיאן און ארויסגעלאזען א בעפעהל, אז זיי זאלען פערלאזען פאראגוואי, האבען זיי אפעלירט צום וויצע־קעניג אין לימא, וועלכער איז געווען אויף זייער זייט און האבען אויך מיט זייערע אינדיאנער סאלדאטען פעריאגט די מחנה קרעאלען וואס דיזער ביסקופ האט ארויסגעשיקט אין 1649 צו אטאקירען זייערע מיסיאנען.

אין די נעכסטע הונדערט און צוואנציג יאהר זיינען די יעזואיטען געווען פאקטיש די אונבעשרענקטע הערשער איבער א צוויי הונדערט טויזענד אינ־דיאנער אין א גרויסער טעריטאריע. דאס איז געווען זייער מלוכה, וואס איז געווארען בעריהמט אונטער דעם נאמען "די יעזואיטישע רעפובליק אין פא־ראגוואי". ביז 1728 האט עס אפיציעל געהייסען, אז די יעזואיטישע מיסיא־נען געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דעם גובערנאטאר אין אסונסיאן, אבער פאקטיש זיינען זיי געווען רעגיערט פון דעם עלטסטען פון דעם ארדען. די קרעאלען פון פאראגוואי זיינען אלץ שוואכער און אויך פוילער געווארען אין דיזען לאנד, וואו מען דארף זעהר ווייניג ארבייטען צו ערנעהרען זיך; זיי האבען זיך אויך אלץ מעהר צומישט מיט די אינדיאנער, זא דאס די יעזואיטען הא־בען געקענט פערשפרייטען זייער ממשלה אלץ ווייטער און שטארקער.

אין 1728 איז די דאזיגע יעזואיטישע רעפובליק אפיציעל געווארען פער־בונדען מיט דער פערוואלטונג פון בוענאס ערעס. דאס איז געווען זעהר בעקוועם און ניצליך פאר די מיסיאנען. זייערע געשעפטליכע פערבינדונגען מיט דער אויסערער וועלט זיינען סיי וויא סיי געווען דורך די טייכען פאראנא און אור־רוגוואי ארונטער ביז די לא פלאטא פארטען, בעזאנדערס נאטירליך בוענאס ערעס. די קרעאלען אין בוענאס ערעס האבען געהאט אנדערע און וויכטיגערע עסקים, וויא צו פערנעהמען זיך מיט די יעזואיטען און נאכקוקען, וואס עס טהוט זיך אין די ווייטע מיסיאנען. די טעריטאריע פון דער יעזואיטישער רעפובליק האט זיך געפונען צו ווייט פון בוענאס ערעס און פון די אנדערע שטעדט אין די ארגענטינער פראווינצען. די גובערנאטארען פון בוענאס ערעס האבען דארום זיך גאר ניט געמישט אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די מיסיאנען, וואו די אינדיאנער פלעגען שקלאווען אין גאט'ס נאמען פאר די "הייליגע פאטערס", וועלכע האבען געלעבט בוכשטעבליך וויא טערקישע סולטאנען. יעדע מינוט פון דעם אינדיאנער'ס לעבען האט געהערט צו די יע־זואיטען. ער האט געמוזט אויפשטעהן, עסען, געהן צו דער ארבייט, שלאפען

אַ. ז. וו. אין בעשטימטע שטונדען לויט דיא פּאָרשריפטען פון זיינע "געטליכע לעהרער", וועלכע פלעגען צונעהמען אַלע פּראָדוקטען פון זיין אַרבייט און איהם נור געבען אַזוי פיעל, אַז ער זאָל קענען דערהאַלטען דיא נשמה אין גוף. דער זאָ־גענאַנטער קאָמוניזם פון דער יעזואיטישער רעפּובליק איז נור איינגעפיהרט געוואָרען צו שאַפען וואָס מעהר רייכטהום פאַר דיא גלחים און זייער אָרדען. דיא בעקעהרטע אינדיאַנער האָבען בלינד געפאָלגט און זיינען געוואָרען צוגעבונדען צו זייערע לעהרער, וועלכע האָבען זיי בעשיצט געגען דיא ווילדע שטאַמען און דיא קרעאָלען. זיי זיינען געוועזן צופריעדען, וואָס זיי זיינען שטענדיג געזיכערט געוועזן מיט שפּייז און וואָהנונג.

אָבער אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט איז געקומען אַ סוף צו דיעזער מערקווירדיגער רעפּובליק און בכלל צו דער גוואַלדיגער מאַכט פון דעם יעזואיטישען אָרדען אין דער וועלט. ביטערע צייטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען פאַר דיא מיטגליעדער פון דיזער מעכטיגער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין דער וועלט און וועט אויך קיין מאָל ניט האָבען. פון אַלע זייטען האָט מען זיי אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען און צו יאָגען. דיא ערשטע שטאַרקע אַטאַקעס אויף זיי האָבען זיך גראַדע אָנגעפאַנגען אין דיא לענדער, וואו זיי האָבען בעזאָנדערס געהערשט, אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל, און דיזע אַטאַקעס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען אין 1753 צוליעב דיא טעריטאָריע פון דער יעזואיטישער רעפּובליק, דיא זאָ־גענאַנטע "זיעבען מיסיאָנען". ווען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען אין 1750 בעשלאָסען אויסצוטוישען דיא "זיעבען מיסיאָנען" אויף דעם פּאָרט קאָלאָניאַ (זעה דיא געשיכטע פון אורוגוואַי), האָבען דיא יעזואיטען ניט נור פּראָטעסטירט געגען דעם, זאָנדערן האָבען אויך געהייסען דיא אינדיאַנער, וועלכע זיי האָבען אויסגעמושטירט פאַר סאָלדאַטען, צו וועהרען זיך מיט געוועהר אין דיא הענד געגען דיא אַרמעע, וואָס דיא פּאָרטוגעזער האָבען אַרויסגעשיקט פון בראַזיליען צו פערנעהמען דיא "זיעבען מיסיאָנען". דער בעריהמטער הויפּט־מיניסטער פון פּאָרטוגאַל, מאַרקיז פּאָמבאַל, וועלכער האָט געהאַסט זיינע לעהרער (ער איז געוועזן אַ שילער פון אַ יעזואיטישער שולע) און האָט אַלץ געזוכט צו ברעכען זייער געפעהרליכע מאַכט, האָט זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט, אום זיך אָבצורעכענען מיט זיי. צוערשט האָט ער געהייסען, אַז מען זאָל קאָנפיסקירען זייערע סחורות, און נאַכהער, ווען דער קעניג איז פערוואונדעט געוואָרען (אין דיזען אַטענטאַט זיינען דיא יעזואיטען פערמישט געוועזן), האָט ער אין 1759 אַרויסגעלאָזען דעם בעריהמטען בעפעהל, אַז מען זאָל אַרויסיאָגען אַלע יעזואיטען פון פּאָרטוגאַל און פון אַלע איהרע קאָלאָניעס.

דיזער בעפעהל איז שנעל און ענערגיש אויסגעפיהרט געוואָרען. פראַנקרייך האָט געפאָלגט דיזען ביישפּיעל אין 1764 און שפּאַניען אין 1767. דער בעפעהל

פון שפאנישען קעניג צו פעריאָגען די יעזואיטען פון אלע שפאנישע קאָלאָניעס איז געווען א טויטקלאפ פאר די יעזואיטישע רעפובליק אין פאראגוואי. די אינדיאנער, וועלכע זיינען געווען גוט בעוואפענט און דיסציפלינירט, וואָלטען געווים געקעמפפט מיט לייב און לעבען פאר זייערע לעהרער און "ברויטגעבער", אָבער די יעזואיטען האָבען מורא געהאט פאר די רעזולטאטען פון אזא אויפשטאנד פאר זייער אָרדען אין דער גאנצער וועלט. דער האס געגען זיי איז איבעראל געווען אזוי גרויס און ביטער, אז מען וואָלט זיך מיט זיי בלוטיג אָבגערעכענט פאר אן אויפשטאנד פון זייערע בלינדע אינסטרומענטען, די פערשקלאוטע און פערבלענדעטע אינדיאנער.

די יעזואיטען האָבען דארום אָבגעטראָטען זייערע פלעצער צו גלחים פון אנדערע אָרדענס און צו שפאנישע בעאמטע אויך אין די "זיעבען מיסיאָנען". די 250 טויזענד אינדיאנער, וואָס האָבען זיך דאן דאָרטען געפונען, זיינען אָבער ניט לאנג פערבליבען אין דיזער געגענד. זיי האָבען ניט געקענט פערטראָגען די אונטערדריקונגען און גרויזאַמקייטען פון די שפאנישע בעאמטע און זיינען זיך אין פערצווייפלונג צולאָפען אין די ארומיגע געגענדען.

## צווייטער קאפיטעל.

# דיא אויסערגעוועהנליכע דיקטאטורען

נאך דער צערשטערונג פון דער יעזואיטישער רעפובליק, וועלכע פערנעהמט א בעזונדערען פלאץ אין דער געשיכטע ניט נור פון זיד־אמעריקא, זאנדערן אויך פון דער גאנצער וועלט — אזא מין געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן האט געוויס אין ערגעץ ניט עקזיסטירט און ניט געקענט עקזיסטירען אויסערהאלב פאראגוואי מיט איהרע געהארכזאמע גואראני שטאמען — זיינען קיינע בעמערקענסווערטהע ענדערונגען ניט פארגעקומען אין דיזע פערוואָרפענע ערטער ביז עס האט זיך אנגעפאנגען דיא רעוואלוציאן געגען שפאניען. דיא קרעאלען פון אסונסיאן זיינען ניט געשטאנען פיעל העכער פאר דיא אינדיאנער און האבען ניט געקעמפפט געגען דיא שפאנישע הערשאפט. ווען דיא קליינע רעוואלוציאנערע ארמעע, וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארען אין 1810 פון בוענאס ערעס אונטער דער קאמאנדע פון מאנועל בעלגראנא צו פערנעהמען דיא פראווינצען ענטרע ריאס און קאריענטעס און אויך צו אטאקירען דעם גובערנאטאר פון פאראגוואי, איז צוגעקומען אין אנפאנג פון 1811 צו דער אומגעגענד פון אסונסיאן, זיינען מחנות פאראגוואיער ארויס צו פעריאגען דיא רעוואלוציאנערען. דאס איז זיי געלונגען. דיא פאראגוואיער האבען אין זייער אונוויסענהייט און אבגעזונדערטקייט פון דער אויסערער וועלט איבערהויפט געהאסט דיא ענערגישע קרעאלען און גאוטשאס פון ארגענטינע. דארום איז א פרייוויליגער פערבאנד פון פאראגוואי מיט בוענאס ערעס געוועזען פשוט אונמעגליך. מיט געוואלט אבער האבען דיא ארגענטינער דאן ניט געקענט איינגעהמען פאראגוואי, זא דאס דיזער פערווארפענער ווינקעל אין מיטען פון זיד־אמעריקא איז שליסליך געבליבען א בעזונדערע רעפובליק.

דיא עקספעדיציע פון דיא ארגענטינער רעוואלוציאנערען נאך פאראגוואי האט אבער דאך אויפגערודערט דיא שלעפעריגע קרעאלען פון אסונסיאן. דיא פרייהייטס־קעמפפער פון בוענאס ערעס, וועלכע דיא פאראגוואיער האבען געפאנגען נאך זייער זיעג איבער בעלגראנא׳ס קליינע ארמעע, האבען געווירקט אויף דיא מוחות פון דיא יונגע און אינטעליגענטערע קרעאלען פון אסונסיאן.

אונטער זייער איינפלוס האָט זיך אויך אין פאַראַגוואַי אָנגעפאַנגען אַ בעווע־גונג פאַר זעלבסט־פערוואַלטונג און זאָגאַר אונאַבהענגיגקייט. דיא פאַראַג־וואַיער קרעאָלען האָבען זיך דאַן אויך אַרומגעזעהן, אַז זיי קענען זיך בעגעהן אָהן דיא גובערנאַטאָרען און אַנדערע בעאַמטע, וועלכע דיא קעניגליכע רעגיע־רונג פון מאַדריד פלעגט זיי צושיקען דירעקט פון שפּאַניען. אַזוי וויא שפּאַניען איז דאַן געבליבען וויא אַ שיף אָהן אַ רודער צוליעב דעם, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט זיין ברודער יאָזעף פאַר דעם קעניג אין מאַדריד, איז עס אויך לייכט געווען אַרונטערצוזעצען דעם פאַראַגוואַיער גובערנאַטאָר און בילדען אַ פּראָווי־זאָרישע רעגיערונג אין אַסונסיאָן.

דיזע פּאָליטישע איבערקעהרעניס האָט דאָרטען פּאַסירט אין צוויי מאָנאַט אַרום נאָך דעם וויא בעלגראַנאָ מיט זיינע אַרגענטינער סאָלדאַטען זיינען גע־פאַנגען געוואָרען. אַ טראָפּען בלוט איז דערביי ניט פערגאָסען געוואָרען. דער גובערנאַטאָר האָט זיך צוריקגעצויגען אָהן שום ווידערשטאַנד, און דער הויפּט־פיהרער פון דער מיליץ, אַ געבאָרענער פאַראַגוואַיער מיט'ן נאָמען יעגראָס, איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער כונטאַ אָדער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג. אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז דער אמת'ער פיהרער פון דער נייער רעגיערונג איז דער סעקרעטער פון דער כונטאַ, דר. פראַנסיאַ, אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען אַלס געלעהרטער, פעהיגער און עהרליכער מאַן. אַלע האָבען געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר איהם, און דיא אינ־דיאַנער האָבען איהם געליעבט דערפאַר, וואָס ער האָט שטענדיג פערטהיידיגט זייערע אינטערעסען אין דיא געריכטען. ער האָט שנעל אַריינגענומען דיא גאַנצע מאַכט אין זיינע הענד און אין 1814 האָט ער אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל איהם אויסקלייבען פאַר פּרעזידענט אויף דריי יאָהר. ווען דיזער טערמין האָט זיך געענדיגט, האָט ער זיך ערקלערט פאַר דיקטאַטאָר אָהן שום טערמין.

דיזער מערקווירדיגסטער פון אַלע דיקטאַטאָרס אין אַלע שפּאַניש־שפּרע־כענדע רעפּובליקען, אַ זעלטענע פיגור אויך אין דער וועלט־געשיכטע, איז גע־בליבען דער אונבעשרענקטער הערשער פון פאַראַגוואַי ביז זיין טויט אין 1840, ווען ער איז אַלט געווען 83 יאָהר. עס איז שווער צו געפינען אין דער וועלט־געשיכטע נאָך אַזאַ פאַל, וויא איין מענש האָט אָהן שום בעשרענקונגען רע־גיערט איבער אַ פאָלק אַ פערטעל יאָהרהונדערט כסדר און איז געבליבען ניט נור געאַכטעט און געליעבט פון דיא מאַסען, זאָנדערן איינפאַך פערגעטערט פון זיי. אַזאַ פאַל איז טאַקע נור מעגליך געווען אין אַ לאַנד וויא פאַראַגוואַי, וואו דיא בעפעלקערונג איז אין פערלויף פון קנאַפּע 300 יאָהר אויסגעמושטירט גע־וואָרען בלינד צו פאָלגען דיא בעפעהלען פון דיא קרעאָלען און יעזואיטען. טהייל־ווייז האָט טאַקע דר. פראַנסיאַ, וועלכער האָט שטודירט אין אַ סעמינאַריע פון קאָרדאָוואַ אין אַרגענטינע און איז דאָרטען נאַכהער געווען אַ קורצע צייט פּראָ־

פעסאָר, נאָכגעפאָלגט דעם ביישפיעל פון דיא יעזואיטישע מיסיאָנערען. אזוי



דר. כאָזע ראָדריגעז גאספאר פראַנסיאַ

וויא צוויי־דריטעל פון דעם לאַנד האָט געהערט צו דער רעגיערונג, האָט ער

דארטען געלאזט דיא אינדיאנער ארבייטען אויף דיא פעלדער און פיטערען בהמות נאך דער זא־גענאנטער קאמוניסטישער סיסטעם פון דיא יעזואיטען אין דיא "זיעבען מיסיאנען".

אין דערזעלבער צייט אבער האט דר. פראנסיא ניט נור געהאסט דיא יע־זואיטען, זאנדערן אויך אלע גלחים און דיא גאנצע קריסטליכע רעליגיאן. מען רעכענט, אז ער האט געשטאמט פון פראנצויזען, נור דאס איז זיכער, אז ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דיא פרינציפען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן. זיין גאנצען לעבען האט ער ניט אויפגעהערט צו שטודירען, בעזאנדערס דיא ווערק פון דיא פראנצויזישע פילאזאפען און שריפטשטעלער, וויא מאנטעסקיו, וואלטער, רוסא, דידערא, קאנדארסע א. ז. וו. ער האט אב־געשאפט דיא אינקוויזיציאן, פערשלאסען דיא סעמינאריע פון דיא גלחים, פער־באטען צו צאהלען מעשר צו דיא גלחים און האט בכלל ערנידריגט און פער־פאלגט דיא גייסטליכע. ער איז געווען א פריידענקער.

זיין דיקטאטור האט ער אנגעהאלטען מיט דער הילפע פון דיא אינדיאנער, וועלכע ער האט געוואלט פיהרען אין זיינע דרכים. דיא קליינע צאהל קרעאלען און שפאניער, וועלכע זיינען נאטירליך געווען אונצופריעדען מיט זיין אונ־ענדליכער דיקטאטור, האט ער פערפאלגט ביטער און גרויזאם, טאקע וויא א בלוטיגער טיראן. אום צו האלטען מעהר און שטארקער אין צוים דיא גאנצע בעפעלקערונג, האט ער געזוכט אבצושניידען וואס מעהר דעם פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט. אויסלענדער האבען ניט געטארט אריינקומען אין פאראגוואי אהן א ספעציעלער ערלויבניס, און ווען ער פלעגט זיי אריינלאזען, פלעגט ער זיי שוין ניט וועלען ארויסלאזען. ניט ער האט געשיקט, ניט ער האט אויפ־גענומען געזאנדטע און קאנסולען. אויסלענדישע שיפען האבען ניט געטארט זיך בעווייזען אויף דעם פאראגוואי טייך. ער האט בעשטימט נור איין פארט ביי דיא ברעגען פון פאראנא פאר אויסלענדישע שיפען. דער גאנצער האנ־דעל מיט אויסלאנד איז געפיהרט געווארען דורך זיינע אגענטען. זיין צוועק איז דערביי אויך געווען צו ענטוויקלען דיא היימישע אינדוסטריען און צו בליי־בען וואס מעהר אונאבהענגיג עקאנאמיש פון זיינע מעכטיגע שכנות, בראזי־ליען און ארגענטינע.

אין זיין פריוואט לעבען האט ער זיך געפיהרט וויא א פילאזאף. זיינע בעסטע פריינד זיינען געווען זיינע ביכער. ער איז געבליבען אן אלטער בחור און האט קיינע קינדער ניט איבערגעלאזען. וואס עלטער ער איז געווארען, אלץ זאנדערבארער, גרויזאמער און טיראנישער איז ער געווארען. מען רעכענט, אז ער איז צולעצט איינפאך משוגע געווארען. ער האט יעדענפאלס געהאנדעלט, וויא איינער וואס ליידעט פון דער מאניא פון פערפאלגונג. אויס פורכט פאר ערמארדונג פלעגט ער אפט בייטען זיינע וואהנונגען. קיינער האט ניט גע־

וואוסט אין וועלכען צימער ער האָט זיך געלייגט שלאָפען. אין דיא מאָמענטען, ווען עס פלעגט אויף איהם אָנפאַלען אַ מרא שחורה, איז ער געווען שרעקליך בלוט־דורשטיג. ער פלעגט דאַן הייסען היגריכטען געפאַנגענע און פערדעכטיגטע גאָר אָהן שום דין ומשפט. דיא קרעאָלען, בעזאָנדערס דיא רייכערע, האָבען געציטערט צו בעגעגנען איהם. זיי זיינען געווען אין שטענדיגע לעבענסגעפאַהר. מען האָט געציטערט פאַר זיין שאָטען. אין דער צייט ווען ער איז געווען דיקטאַטאָר, האָט מען מורא געהאַט צו דערמאָנען זיין נאָמען און מען האָט איהם גערופען "על סופרעמאָ" (דער העכסטער), און נאָך זיין טויט האָט מען איהם גערופען "על דעפונטאָ" (דער פערשטאָרבענער). ווען ער איז געשטאָרבען, האָבען זיך אין דיא תפיסות געפונען איבער 700 קרעאָלען, וועלכע זיינען אויף זיין בעפעהל אַרעסטירט געוואָרען צוליעב פּאָליטישע אורזאַכען.

זאָ לאַנג דיעזער אויסעראָרדענטליכער מאַן האָט געלעבט, האָט גאָר ניט געקענט זיין דיא רעדע פון אַן אויפשטאַנד אין פּאַראַגוואַי. עקאָנאָמיש האָט דאָס לאַנד נאַטירליך געמאַכט פּאָרטשריטע אונטער זיין שטרענגער השגחה. וועהרענד אין אַרגענטינע, אורוגוואַי און אין אַלע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען זיינען דיא ערשטע עטליכע צעהנדליג יאָהר נאָך דער אָבשאַפונג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט פאָרגעקומען אויפשטאַנדען, פּראָנונסיאַמענטאָס און שלאַכטען, וויא מיר וויסען עס פון פריהערע קאַפּיטלעך, האָט אין פּאַראַגוואַי געהערשט פּאָלשטענדיגע פּאָליטישע רוהע אונטער ד"ר. פראַנסיאַ'ס 25־יעהריגע דיקטאַטור. דיא בעפעלקערונג האָט זיך זעהר שנעל פערמעהרט אין דיעזער פריעדליכער צייט.

ווען דר. פראַנסיאַ איז געשטאָרבען נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, האָט זיין סעקרעטער דאָס געוואָלט האַלטען אין סעקרעט און דערווייל פערכאַפּען דיא רעגיערונג אין זיינע הענד. ער האָט אַרויסגעלאָזען בעפעהלען אין דעם נאָמען פון דעם טויטען דיקטאַטאָר. נור דיא אָפיציערען האָבען זיך ענטזאַגט איהם צו פאָלגען, וויא נור מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער "על סופרעמאָ" איז געוואָרען "על דעפונטאָ". דער אָרימער סעקרעטער איז איינגעשפּאַרט געוואָרען אין אַ געפענגניס, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַנגען, אום אויסצומיידען אַן עפענטליכע היגריכטונג. אין פערלויף פון עטליכע מאָנאַטען האָט געהערשט אַנאַרכיע. דיא אָפיציערען האָבען זיך אַמוזירט מיט אַרויפזעצען און אַרונטערזעצען אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט דיא אַמביציע צו ווערען דיקטאַטאָרס.

ענדליך איז געבליבען, אַז מען זאָל צוזאַמענרופען אַ קאָנגרעס, וואָס זאָל אויסקלייבען אַ פּרעזידענט. דיא קרעאָלען האָבען נאַטירליך געפיהרט דיא רעדעל אויף דיזען קאָנגרעס. אום זיך צו פערהיטען אין דער צוקונפט געגען אַ דיקטאַטאָר, איז ביי זיי געבליבען אויסצוקלייבען צוויי רעגיערער אויף אַ קורצען טערמין מיט דעם טיטול קאָנסול. איינער פון דיזע קאָנסולען איז געווען

קארלאָס אַנטאָניאָ לאָפּעז, אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געפיהרט דעם לעבען פון אַ גאַוטשאָ אויף זיינע גיטער, אום אויסצומיידען דיא אויפמערקזאַמקייט פון דר. פראַנסיאַ. ער איז געוועזן דער פעהיגסטער און געבילדעטסטער פיהרער אין דעם קאָנגרעס און ער האָט שנעל פערכאַפּט דעם רעגיערונגס־רודער אין זיינע הענד. אין 1844 האָט ער דורכגעמאַכט דיא צערעמאָניע פון צוזאַמענ־רופען אַ קאָנגרעס, אום אויסצוקלייבען נייע קאָנסולען. אָבער ער האָט אויפ־געפּאַסט, אַז דיא מיטגליעדער זאָלען נור זיין אַזעלכע, וועלכע ער האָט געוואָלט האָבען, און אַז זיי זאָלען איהם ערוועהלען פאַר פּרעזידענט. דאָס האָבען זיי טאַקע געטהאָן און דערצו נאָך אויף אַ טערמין פון צעהן יאָהר, וואָס עס האָט פּאַקטיש געמיינט אַ דיקטאַטור אויף זיין גאַנצען לעבען, וויא עס האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזען. ער האָט געהערשט ביז זיין טויט אין 1862 אַזוי אונבעשרענקט וויא דר. פראַנסיאַ, נור ער איז ניט געוועזן אַזוי משוגע און טיראַניש.

פון איין זייט האָט ער געזוכט צו ענטוויקלען דיא היימישע אינדוסטריען און פון דער אַנדער זייט אויך עפענען דיא טהירען פאַר אויסלענדער. ער האָט ערלויבט אויסלענדישע שיפען צו שווימען איבער דעם פאַראַגוואַי טייך אַזוי וויית אַרויף צום נאָרד וויא אַסונסיאָן, וועלכע ער האָט געוואָלט מאַכען פאַר דעם איינציגען פּאָרט אין לאַנד. נור אין דיזער צייט איז ער געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דר. ראָזאַס, דעם דיקטאַטאָר פון אַרגענטינע, וועלכער האָט גע־האַט דיא אַמביציע צו בעהערשען אַלע לאַ פּלאַטאַ געגענדען (זעה דיא געשיכטע פון אַרגענטינע) און האָט פערבאָטען אַריינצולאָזען אין פּאַראַנאַ טייך אירגענד וועלכע שיפען אויסער אַרגענטינישע. אַזוי וויא פאַראַגוואַי האָט ניט קיין אַנדער וואַסער־וועג צום ים, ווי נור דורך דעם דאָזיגען טייך, האָט לאָפּעז ניט נור געשטיצט ראָזאַס'עס געגנער אין קאָריענטעס, ענטרע ריאָס און אורוגוואַי, זאָנ־דערן האָט אויך ערקלערט קריעג אין 1849 געגען בוענאָס ערעס. נור דיא פּאַ־ראַגוואַיער אַרמעע, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם דיקטאַטאָר'ס עלטעסטען זוהן פראַנציסקאָ, וועלכער איז דאַן אַלט גע־וועזן אַ יאָהר אַכצעהן, האָט ניט געהאַט צו פיהרען שלאַכטען, ווייל עס איז באַלד געקומען אַ סוף צו ראָזאַס'עס דיקטאַטור אין בוענאָס ערעס גופא. לויט אַן אָבמאַך צווישען אַרגענטינע און בראַזיליען איז פּאַראַנאַ געעפענט געוואָרען פאַר דיא שיפען פון אַלע נאַציאָנען. לאָפּעז אָבער האָט ניט געוואָלט לאָזען פרעמדע שיפען איבער דעם פאַראַגוואַי טייך ווייטער צום נאָרד וויא אַסונסיאָן. אַזוי וויא דער אויבערשטער טהייל פון דיזען טייך פליסט דורך בראַזיליאַנער לאַנד, האָט דיא רעגיערונג פון בראַזיליען אָנפאַנגס פּראָטעסטירט געגען דעם און נאָכ־הער געשיקט אַ פלאָטע צו צווינגען דעם דיקטאַטאָר נאָכצוגעבען.

דאָס האָט געטריבען דיזען דיקטאַטאָר און זיינע דריי זיהן, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר דיא הויפּט־קאָמאַנדירען פון זיינע אַרמעען און שיפען, צו

פערגרעסערען אַלץ מעהר און שנעלער זיין מיליטערישע מאַכט. זיין עלטערער זוהן פראַנציסקאָ, וועלכער האָט אַ יאָהר אנדערטהאַלבען אַרומגערייזט איבער אייראָפּאַ אַלס אַמבאַסאַדאָר פון פּאַראַגוואַי, האָט אָנגעפאַנגען צו טרוימען וועגען עראָבערונגען און וועגען גרינדען אַן אימפּעריע אין זיד־אַמעריקאַ. ער און זיינע ברידער און שוועסטער האָבען זיך געפיהרט אַזוי וויא פּרינצען און פּרינצעסינען. זיי האָבען געלעבט אין גרעסטען לוקסוס און האָבען זיך אַלע אויסגעצייכענט מיט אויסגעלאַסענהייט און גרויזאַמקייט.



פראַנציסקאָ לאָפּעץ

ווען זייער פאָטער איז געשטאָרבען אין 1862, האָט פראַנציסקאָ געצייגט אַ טעסטאַמענט, אין וועלכען ער איז ערקלערט געוואָרען פאַר דעם וויצע־פּרעזידענט. אַזוי וויא ער האָט געזוכט צו לעבען גוט מיט דיא אָפּיציערען און סאָלדאַטען, האָט ער אָהן שום שטערונגען פערכאַפּט דיא רעגיערונג אין זיינע הענד. נאַכהער האָט ער אויך דורכגעמאַכט דיא צערעמאָניע פון צוזאַמענרופען אַ קאָנגרעס אין אַסונסיאָן, אום אויסצוקלייבען אַ נייעם פּרעזידענט. דיזע צע־

רעמאניע האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס ער איז ערקלערט געווארען פרעזידענט אויף זיין גאנצען לעבען אזוי וויא דר. פראנסיא און זיין פאטער.

נור זיין דיקטאטור האט זיך געענדיגט מיט אזא שרעקליכער טראגעדיע, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון דער נייער צייט. וויעדער בלייבט צו זאגען, אז זא עטוואס האט נור געקענט פאסירען אין פאראגוואי, וואו דאס פאלק איז פון דור דורות צוגעוועהנט געווארען צו בלינדער געהארכזאמקייט. אהן דער יעזואיטישער רעפובליק וואלטען ניט מעגליך געווען אזעלכע אונערהערטע דיקטאטורען אפילו אין זיד־אמעריקא. זיין הערשאפט האט פראנציסקא לאפעץ אנגעפאנגען וויא אן אזיאטישער טיראן. ניט נור האט ער פעריאגט, איינגעשפארט און אויך הינגעריכטעט דיא ראטהגעבער פון זיין פאטער און פראמינענטע בירגער, זאנדערן אויך זיינע ברידער און אפילו שוועסטער. קיין מאל האט ער ניט געצייגט אירגענד וועלכען מיטלייד צו דיא ארימע אינדיאנער, וועלכע זיינען געקראכען אין פייער אויף זיין בעפעהל. זיין אמביציע צו ווערען א מין נאפאלעאן האט איהם ניט געלאזט רוהען. זיין גאנצע ענערגיע האט ער אנגעוועודעט צו פערגרעסערען און צו פערשטארקען זיין ארמעע, אום צו פערכאפען טעריטאריע אפילו ביי בראזיליען און ארגענטינע.

אין בוענאס ערעס און ריא דע דזשאנעירא האט מען זיך אויסגעלאכט פון זיינע פרעטענזיעס צו שפיעלען דיא ראלע פון א נאפאלעאן אין זיד־אמעריקא. מען האט אויף איהם געקוקט וויא אויף א משוגענעם נאר. צו יענער צייט האבען זיך אין גאנץ פאראגוואי געפונען ארום א מיליאן און א פערטעל נפשות. אהן פארטען, אהן אינדוסטריען, אהן אייגענע מיטעל צו שאפען געוועהר, וואס פאר א ווערדע האט אזא לאנד געקענט האבען געגען אזעלכע ריזיגע רעפובליקען וויא בראזיליען און ארגענטינע? אבער דיא ווירקליכקייט האט איבערטראפען אלע רעכנונגען און ערווארטונגען. קיינער האט זיך ניט פארגעשטעלט און גאר ניט געקענט פארשטעלען, וויא גרויס עס איז געווען דיא מאכט פון פראנציסקא לאפעץ דורך דעם, וואס דיא אינדיאנער האבען בלינד אויסגעפיהרט זיין מינדעסטען בעפעהל. ער האט אבער געוואוסט, אז ער קען צוזאמענטרייבען אן ארמעע, וועלכע זאל ענטהאלטען כמעט אלע זכרים און אפילו אויך פרויען. ער האט זיך דארום ניט געקימערט וועגען סאלדאטען, נור וועגען געוועהר, וועלכע עס איז איהם ניט לייכט געווען צו קריעגען אפילו פאר הויכע פרייזען, ווייל דיא וועגען צו זיין לאנד זיינען געווען און ווערען קאנטראלירט פון ארגענטינע און בראזיליען. ביסלעכווייז אבער און שטילערהייט האבען זיין פאטער און נאכהער ער צוזאמענגעקליבען ניט נור א סך ביקסען, זאנדערן אויך עטליכע הונדערט קאנאנען מיט אלע נויטיגע אמוניציאן. אין געוויסע סטראטעגישע פונקטען האבען זיי אויך געלאזט אויפבויען שטארקע פעסטונגען.

אויסער דעם האָט פראַנציסקאָ לאָפּעז זעהר פיעל גערעכענט דאַרויף, וואָס עס איז זעהר שווער צוצוקומען צו פּאַראַגוואַי דורך יבשה־וועגען און וואָס דיא גאַנ־צע בעפעלקערונג האָט געקענט אויסקומען אָהן שום האַנדעל און פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט. פון זיין הויפּט־שטאָדט איז איהם פיעל לייכטער געווען צו בעפאַלען דיא אַרומיגע וועניג־בעזעצטע פּראָווינצען פון בראַזיליען און אַר־גענטינע, וויא פאַר דיא אַרמעען פון דיזע רעפּובליקען אַריינצורייסען זיך אין פּאַראַגוואַי.

זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער ראָלע פון אַ נאַפּאָלעאָן איז געווען אין 1863, ווען ער האָט געוואָלט זיך אַריינמישען אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענ־הייטען פון אורוגוואַי און האָט פערלאַנגט, אַז בראַזיליען און אַרגענטינע זאָלען ניט האַנדלען דאָרטען איינגעהענטיג. אורוגוואַי האָט דאַן דורכגעמאַכט איינע פון איהרע צאָהלרייכע רעוואָלוציאָנען. דיא רעגיערונגען פון ארגענטינע און בראַזיליען האָבען געשטיצט דיא רעוואָלוציאָן פון גענעראַל פלאָרעס, דעם פיה־רער פון דיא קאָלאָראַדאָס (זעה דיא געשיכטע פון אורוגוואַי), און לאָפּעז האָט געלאָזט וויסען, אַז ער איז דערמיט ניט צופריעדען און אַז פּאַראַגוואַי האָט אויך עפּעס אַ דעה אין אַזעלכע זאַכען. זיינע פּרעטענזיעס האָבען אַרויסגערופען אַ געלעכטער אין דער וועלט; אָבער ער האָט באַלד צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה פון 64 טויזענד מאַן. אַזאַ גרויסע אַרמעע האָט דאַן קיין אַנדערע רעפּובליק אין זיד־אַמעריקאַ ניט געהאַט. אמת, זיא איז געווען בעוואָפּענט מיט אַלטע ביקסען און איז בעשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון אינפאַנטעריע, אָבער מען האָט פון דעסטוועגען אויך געמוזט אַרויסשטעלען געגען איהר גרויסע אַרמעען.

אין 1864, ווען בראַזיליען האָט געשיקט אַן אַרמעע צו העלפען גענעראַל פלאָרעס אין אורוגוואַי, האָט לאָפּעז געענטפערט דאַרויף דערמיט, וואָס ער האָט פערכאַפּט אַ בראַזיליאַנער שיף, וועלכע איז פאַרביי־געשוואומען אַסונסיאָן אויף איהר וועג איבער דעם פּאַראַגוואַי טייך נאָך דיא בראַזיליאַנער פּראָווינץ מאַטאָ גראָסאָ, און נאַכהער האָט ער זיך אַריינגעריסען מיט אַ טהייל פון זיין אַרמעע אין דיזער פּראָווינץ. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער מלחמה, וועלכע לאָפּעז האָט געפיהרט אין פערלויף פון 5 יאָהר ניט נור מיט בראַזיליען, זאָנדערן אויך מיט אַרגענטינע און אורוגוואַי. אַזוי וויא אין מאַטאָ גראָסאָ, וואו עס האָבען זיך געפונען זעהר וועניג בראַזיליאַנער סאָלדאַטען, האָט ער גע־האַט אַ לייכטען זיעג, האָט ער אויך געוואָלט זיך אַריינרייסען אין אורוגוואַי און אין ריאָ גראַנדע דאָ סול, וועלכע איז איינע פון דיא וויכטיגסטע בראַזיליאַ־נער פּראָווינצען, איידער דיא בראַזיליאַנער רעגיערונג וועט צייט האָבען צו שיקען אַהין פערשטערקונגען. אום אָבער צו דערגרייכען אַהין, האָט ער געהאַט צו מאַרשירען דורך דיא אַרגענטינער פּראָווינץ קאָריענטעס. ער האָט זיך דאַרום געווענדעט צו דער רעגיערונג אין בוענאָס ערעס נאָך ערלויבניס אַריבער־

צוקרייצען דיזע פראווינץ, אבער זיא האט עס ענטזאגט, און דאן האט ער איהר ערקלערט קריעג און האט אריינגעשיקט א מחנה פון 25 טויזענד מאן צו פער־כאפען קאריענטעס.

אזוי איז עס ארגענטינע אריינגעשלעפט געווארען אין דיזער מלחמה, וואס א ווילדער דיקטאטאר האט פערפיהרט צוליעב א משוגענע אמביציע און וואס האט אלע צדדים געקאסט שרעקליך טהייער. דיא האפנונגען פון דיזען דיקטא־טאר צו דערגרייכען ביז צו אורוגוואי און פון דארטען צום ים זיינען אבער צוקלאפט געווארען נאך דעם ערשטען צוזאמענשטויס מיט א בראזיליאנער פלא־טע אויף דעם טייך פאראנא אין 1865. ער איז דאן געבליבען אהן שיפען און האט זיך געמוזט פערלאזען נור אויף זיין ארמעע אין זיין קאמפף געגען דיא צוויי גרעסטע און שטארקסטע רעפובליקען פון זיד־אמעריקא מיט אמאל, צו וועלכע עס איז נאך צוגעשטאנען אורוגוואי אונטער דער דיקטאטור פון גע־נעראל פלארעס.

ערשט אין 1866 האבען דיא דריי פערבונדענע רעפובליקען געקענט צו־זאמענקלייבען אן ארמעע פון פערציג טויזענד מאן, אום צו אטאקירען דעם פא־ראגוואיער דיקטאטאר אויף זיין אייגענעם גרונד. אונטער דעם שוץ פון א גרויסער בראזיליאנער פלאטע מיט 125 קאנאנען האט דיזע ארמעע געקענט אריבערפאהרען דעם טייך פאראנא און פערנעהמען געוויסע סטראטעגישע פונק־טען אין פאראגוואי. לאפעז האט געשיקט א טהייל פון זיינע סאלדאטען אי־בערצוהאקען זיינע שונאים דעם וועג, אבער דאס איז איהם ניט געלונגען. ער האט געקראגען איין נידערלאגע נאך דער אנדערער. נאך יעדער שלאכט זיינען טויזענדע פון זיינע אינדיאנער סאלדאטען געבליבען ליעגען טויט, אבער ער האט זיך אלץ ניט אונטערגעגעבען און האט אלץ ווייטער געטריעבען דיא אונ־גליקליכע אין קריעג. דיא בראזיליאנער און ארגענטינער האבען אויך געהאט זעהר שווערע פערלוסטען. דיא שלאכטען זיינען געווען שרעקליך בלוטיגע, ווייל דיא אינדיאנער האבען געקעמפפט מיט א ווילדער פערצווייפלונג ביז דעם לעצטען אטהעם. אבער דיא פערבונדענע דריי רעפובליקען האבען געקענט קריעגען ניט נור גענוג געוועהר, זאנדערן אויך פערשטערקונגען, וועהרענד דיא קרעפטע פון דעם פאראגוואיער דיקטאטאר זיינען אלץ שנעלער אויסגעגאנגען נאך יעדען ווייטערען צוזאמענשטויס. ער האט געמוזט אלץ מעהר יאגען אין קריעג יונגע אינדיאנער, אפילו אינגלעך פון 14 און 12 יאהר. פרויען האבען געמוזט מיטהעלפען דורך שלעפען זאכען אנשטאט בהמות. ווען זיי פלעגען פאלען אויסגעמאטערטע און אויסגעהונגערטע, פלעגט מען זיי לאזען ליעגען ביז זיי פלעגען אויסגעהען. צו אלע צרות האט נאך דארטען אויסגעבראכען כאלערא, וועלכע האט אויך אנגעמאכט א חורבן אין דיא בראזיליאנער און אר־גענטינער ארמעען.

דיא שוואכע און קראנקע פלעגט דער אונמענשליכער דיקטאטאָר הייסען אויסשלאכטען, אום צו קענען שנעלער מארשירען. ווען ער פלעגט מוזען אָב־טרעטען פון אן אָרט נאָך א נידערלאגע, פלעגט ער הייסען פערברענען אין דער אומגעגענד אלע דערפער, אלע וואהנונגען און אויסשלאכטען אלע בהמות, וועלכע מען האָט ניט געקענט מיטנעהמען. ער האָט אזוי אליין מעהר חרוב געמאכט דיא בעסטע געגענדען פון פאראגוואי. וויא גרויס עס איז געוועזען דער פערלוסט פון פאראגוואי אין בעפעלקערונג צייגען פאָלגענדע ציפער: פון דעם מיליאָן מיט א פיערטעל נפשות פאר דיזען קריעג זיינען געבליבען בלויז 28,746 מענער, 106,254 פרויען און 86,079 קינדער. דאָס איז געוועזען פשוט א פערטיליגונג פון א פאָלק. עס גלויבט זיך ניט, אז איין מענש זאָל קענען אומברייננגען אין פערלויף פון פינף יאָהר א גאנצען מיליאָן אנדערע (ניט רעכענענדיג דיא אונ־געהייערע פערלוסטען פון דיא בראזיליאנער און ארגענטינער, פערלוסטען אין צעהנדליגע טויזענדע סאָלדאטען); אָבער דאָס זיינען אונבעשטרייטבארע פאקטען.

דיא קרעאָלען, וועלכע דער בלוטיגער טיראן האָט ניט געקענט אריינטרייבען אין זיינע מחנות, האָט ער געזוכט אויסצוראָטען מיט אלע מיטעל. ער האָט געהייסען ארעסטירען און פייניגען יעדען ווייסען. אפילו זיין מוטער האָט ער געהייסען פייניגען! זיינע ברידער און שוועסטער מיט זייערע מענער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אויף זיין בעפעהל. וואָס גרעסער עס זיינען געוועזען זיינע פערלוסטען אויף דיא שלאכטפעלדער, אלץ ווילדער און בלוטיגער איז ער גע־וואָרען.

ענדליך איז ער אין יאָהר 1870 אליין אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא בראזיליאנער, וועלכע האָבען זיך נאָך איהם נאָכגעיאָגט מאָנאטען לאנג אין דיא ווילדער און אויף בערג אין דיא ווילדעסטע ערטער פון פאראגוואי, וואו ער האָט נאָך אלץ געהאט ארום זיך עטליכע הונדערט אינדיאנער סאָלדא־טען. ער וואָלט וואהרשיינליך ניט טרוקען אָבגעשניטען פון דיא זיעגער, נור ער האָט זיי פערשפּאָרט צו משפּט'ן איהם, ווייל ער איז דערשאָסען געוואָרען פון אן איינפאכען סאָלדאט, ווען ער האָט פּרובירט זיך דורכרייסען און אנט־לויפען.

אָט אזוי האָט זיך געענדיגט דיא דריטע דיקטאטור אין דיזער אינדיאנער רעפובליק אין פערלויף פון דיא 60 יאָהר פון איהר אונאבהענגיגקייט. אָבער זייט 1870 האָט זיא גליקליכערווייזע וועניגער פאר דיא אנדערע לאטיינישע רעפובליקען געליטען פון דיקטאטאָרס און בירגער־קריעג. דיא ערשטע 6 יאָהר נאָך דעם טויט פון דעם טייוועלשען טיראן לאָפּעז האָט זיך פאראגוואי געפונען פאקטיש אונטער דעם פּראָטעקטאָראט פון בראזיליען, וועלכע האָט געהאלטען

איהרע סאָלדאַטען אין אַסונסיאָן און האָט זיך געקליבען איינצושליסען איהר אַלס פראָווינץ. נור אַרגענטינע האָט עס ניט דערלאָזען, אום בראַזיליען זאָל ניט ווערען צו שטאַרק. דאַרום איז פאַראַגוואַי געבליבען אַן אונאַבהענגיגע רעפובליק אַזוי וויא אורוגוואַי. דאָס לאַנד קומט ביסלעכווייז צו זיך און לעבט אויף. דיא גואַראַנים פערנעהמען זיך אַזוי וויא פריהער מיט אַקערבוי און פיה־פיטערונג און פערמעהרען זיך; אָבער דיא גאַנצע רעפובליק צעהלט אונ־געפעהר אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג, וועלכע זיא האָט געהאַט פאַר דער פערוויסטענדער מלחמה מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק.

# בראַזיליע
# Brazil

ערשטער קאפיטעל.

# דיא ענטדעקונג און דיא ערשטע פארטוגעזישע קאלאניעס

דעם 3טען מאי 1500 זיינען עטליכע שיפען צוגעקומען צו אונבעקאנטע ברעגען. דיא שיפען זיינען געווען פארטוגעזישע אונטער דער קאמאנדע פון פעדרא אלווארעץ קאבראל, און דיא ברעגען זיינען א טהייל פון בראזיליען. דאס האט פאסירט צופעליג. דיזע שיפען זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון ליסבאן מיט א וואכען זעקס פריהער נאך אינדיען אויף דעם וועג ארום אפריקא, אויף וועלכען וואסקא דא גאמא האט געררייזט מיט צוויי יאהר פריהער, אום צו פערנעהמען דארטען פארטען. נור דורך שטורמווינדען זיינען זיי אראב פון זייער וועג ביי דיא וועסטליכע ברעגען פון אפריקא און זיינען גאר פער־שלעפט געווארען צו דיא אסטליכע ברעגען פון זיד־אמעריקא. דיזער צופאל, וועלכער האט געפיהרט צו דער עטאבלירונג פון פארטוגעזישע קאלאניעס אין דער נייער וועלט און צו דער גרינדונג פון בראזיליען, צייגט, אז אמעריקא וואלט סיי וויא סיי ענטדעקט געווארען אין אכט יאהר ארום נאך קאלומבוס׳עס ערשטע רייזע.

עס איז דאן פשוט געקומען דיא צייט צו מאכען אלץ ווייטערע רייזען איבער׳ן ים און צו ענטדעקען נייע לענדער. דער מערקווירדיגער צופאל מיט קאבראל׳ס שיפען איז אייגענטליך געווען דער רעזולטאט פון א לאנגער רייהע פון רייזען פון פארטוגעזער איבער דעם אטלאנטישען אקעאן זייט דעם אנפאנג פון 15טען יאהרהונדערט. איין ערפאלגרייכע רייזע האט געפיהרט צו אן אנדערער. דיא פארטוגעזער זיינען געווען דיא פיאנערען אין דיזע געוואגטע ים־רייזען. זיי האבען אויך אויסגעבעסערט דיא אינסטרומענטען, אהן וועלכע עס וואלט גאר ניט מעגליך געווען צו מאכען אזעלכע ווייטע רייזען. נאך זיי האבען שוין געפאלגט דיא שפאניער, דיא ענגלענדער, דיא פראנצויזען און דיא האלענדער.

א בליק אויף א גלאבוס צייגט, אז דיא ברעגען פון דער אלטער וועלט זיינען אם נעהענטסטען צו דיא ברעגען פון דער נייער וועלט צווישען סענעגאל אין וועסט־אפריקא און בראזיליען אין זיד־אמעריקא. ווען דיזע ברעגען וואלטען

געווען בעפעלקערט מיט ציוויליזירטע פעלקער, וואלט דער ים צווישען זיי שוין לאנג אריבערגעקרייצט געווארען פון שיפען. דאס וואס עס האט פאסירט מיט פארטוגעזישע שיפען, וואלט אויך געקענט טרעפען מיט אנדערע שיפען אין דער צייט פון געוויסע שטורם־ווינטען. יעדענפאלס האט קאבראל, וועלכער האט געמיינט, אז ער האט ענטדעקט אן אינזעל, ערקלערט דיא אונבעקאנטע געגענד פאר א טהייל פון דער פארטוגעזישער מלוכה. ער האט דארטען פערבראכט צעהן טעג, אום אויסצוגעפינען ביי דיא ווילדע אינדיאנער, אויב זיי ווייסען וואו עס געפינט זיך גאלד און זילבער (דיא פארטוגעזער האבען צוערשט געפרעגט דיא אינדיאנער וועגען עדעלע מעטאלען אזוי וויא דיא שפאניער). נאכהער האט ער געשיקט איינע פון זיינע שיפען נאך ליסבאן צו ברענגען דיא פרעהליכע בשורה וועגען דיא נייע ענטדעקונג, און אליין איז ער אוועק נאך אינדיען לויט דיא אינסטרוקציאנען, וואס ער האט געקראגען פון וואסקא דא גאמא גופא פאר זיין אבריייזע פון דער פארטוגעזישער הויפט־שטאדט.

דער טאג פון קאבראל'ס לאנדונג ווערט געפייערט אין בראזיליען אלס א נאציאנאלער יום טוב. אבער דיא קאלאניזירונג דארטען האט זיך אנגעפאנגען א יאהר דרייסיג שפעטער. וויא נור עס איז אנגעקומען דיא נאכריכט וועגען דיזע ענטדעקונג, האט דיא פארטוגעזישע רעגיערונג גלייך ארויסגעשיקט דריי שיפען אונטער דער קאמאנדע פון דעם בעריהמטען פלארענטינער ים־פאהרער אמעריגא וועספוטשי, אום אויסצופארשען דיא נייע לענדער. בראזיליען איז אייגענטליך ענטדעקט געווארען פון שפאניער מיט א יאהר פריהער פאר קאבראל'ן. דאס איז געשעהן אין 1499, ווען ווינסענט פינזאן, קאלומבוס'עס אן אדיוטאנט, איז פארבייגעשוואומען דיא ברעגען פון זיד־אמעריקא ביז דער מינדונג פון דעם אמאזאן טייך. נאר אזוי וויא דיא שפאניער האבען דארטען קיין קאלאניע ניט געגרינדעט און מען האט אויך ניט געוואוסט גענוי דיא ערטער, וועלכע זיי האבען בעשריבען, האט דער קעניג פון פארטוגאל פערלאנגט דיזע ערטער אין נאמען פון קאבראל'ס ענטדעקונג, וועלכע איז יעדענפאלס פריהער פאר דיא שפאנישע בעקאנט געמאכט געווארען אין אייראפא.

אין פערלויף פון א האלב יאהר איז אמעריגא וועספוטשי פארבייגעשוואומען ארום 2000 מייל ביי די אטלאנטישע ברעגען פון זיד־אמעריקא אלץ וויטער צום זיד, ביז ער איז צוגעקומען צום טייך לא פלאטא. ער האט פערצייכענט און געגעבען נעמען דיא טייכען און האפענס, וואו ער האט זיך אבגעשטעלט, אום אויסצוגעפינען עפעס ביי דיא אינדיאנער וועגען גאלד און זילבער און אויך וועגען מלוכות. אייניגע פון דיזע נעמען זיינען פערבליבען ביז'ן היינטיגען טאג, דארונטער אויך דער נאמען פון דער בראזיליאנער הויפט־שטאדט. זיא ווערט גערופען ריא דע זשאנעריא, וויל גראדע דעם ערשטען יאנואר 1501 איז ער אריינגעקומען אין איהר פראכטפאלען האפען.

אָבער אַזוי וויא ער האָט נור געטראָפען ווילדע אינדיאַנער שטאַמען, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט. דיא איינציגע ווערטהפאָלע זאַך וואָס ער האָט דאָרטען געפונען, איז אַ רויטע פאַרב האָלץ, וואָס האָט געטראָגען אין מיטעלאַלטער דעם נאָמען בראַזיל־האָלץ און וואָס מען האָט דאַן אַלץ מעהר געפאָדערט צו פאַרבען שטאָפען. צוליעב דיזע האָלץ האָט עס דיא געגענד, וואו מען האָט אַזעלכע בוימער געפונען, געקראָגען דעם נאָמען בראַזיליען. דיא פּאָרטוגעזישע רעגירונג, וועלכע האָט דאַן אָנגעפאַנגען אַריינצוקריעגען דיא עדעלע מעטאַלען פון איהרע מינען אין אַפריקאַ און דורך דעם האַנדעל מיט אָסט־אינדיען, האָט זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען אַ לאַנד, וואָס איז בעזעצט בלויז פון ווילדע. זיא האָט אָנפאַנגס אַליין גאָר ניט געטהאָן צו גרינדען דאָרטען קאָלאָניעס, אָבער זיא האָט דאָך געשטערט אַנדערע זיך צו בעזעצען אין אירגענד וועלכען אָרט ביי דיא ברעגען.

דיא בעריכטען וועגען גאַנצע וועלדער מיט בראַזיל־בוימער האָבען אָבער גלייך צוגעצויגען קאַפּיטאַנען פון קליינע האַנדעלס־שיפען און אַוואַנטוריסטען צו פאָהרען אַהין האַקען דיזע טהייערע בוימער. דיא פּאָרטוגעזישע רעגירונג האָט ערקלערט אַז דער האַנדעל מיט דיזע האָלץ איז איהר מאָנאָפּאָל, אָבער דיא פּיראַטען און אַוואַנטוריסטען פון אַנדערע לענדער, בעזאָנדערס פון פראַנקרייך, האָבען ניט געקוקט דערויף און פלעגען מאַכען זעהר גוטע געשעפטען דערמיט. דיא פראַנצויזען האָבען אויך געזוכט צו עטאַבלירען זיך אין געוויסע האַפענס, וואו זיי פלעגען קומען אין געוויסע צייטען פון יאָהר האַקען דיא בראַזיל־בוימער און וואו זיי האָבען געזוכט צוצוציהען אויף זייער זייט דיא אינדיאַנער. דאָס האָט אונטערגעיאָגט דיא פּאָרטוגעזישע רעגירונג צו גרינדען קאָלאָניעס און צו בויען קליינע פעסטונגען אין געוויסע פּונקטען.

עס זיינען אַזוי אַוועק אַ יאָהר דרייסיג ביז פּאָרטוגעזער האָבען זיך טאַקע אַ נעהם געטהאָן צו עטאַבלירען קאָלאָניעס אין בראַזיליען. נאָך אַ לענגערע צייט האָט עס גענומען ביז מען האָט אויסגעפונען, אַז דאָס איז איינע פון דיא פרוכטבאַרסטע און רייכסטע לענדער אין דער וועלט. אַמעריגאָ וועספּוטשי האָט שוין איבערגעגעבען, אַז דיא געגענדען דאָרטען האָבען אויך אַ זעהר אַנגענעהמען קלימאַט טראָץ דעם וואָס זיי זיינען טראָפּישע. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אויב דער גן עדן געפינט זיך ערגעץ אויף דער ערד, איז עס גיכער ביי דיא ברעגען פון בראַזיליען, וויא אין אירגענד וועלכען אַנדערען אָרט. אָבער מען האָט דאַן געזוכט און הויך געשעצט נור אַזעלכע ערטער, וואָס האָבען גלייך געקענט צושטעלען גאָלד און זילבער, און אַזאַ אָרט איז בראַזיליען ניט געוועזן, אָבוואָהל זיא איז אויך זעהר רייך אין גאָלד, זילבער און דיאַמאַנטען. מען האָט אָבער ענטדעקט דאָרטען דיא עדעלע מעטאַלען אַ צייט נאָך דיא גרינדונגען פון דיא קאָלאָניעס, וועלכע זיינען טאַקע בעשטאַנען צוערשט פון אַקערבויער.

דער הויפּט־רייכטהום פון בראַזיליען איז בעשטאַנען און בעשטעהט אויך היינט אין איהרע וועלדער און בכלל אין פלאַנצען.

די ערשטע אייראָפּעער, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו בעזעצען זיך אין בראַזיליען, זיינען געווען דעזערטירען, אַנטלאָפענע פערברעכער און זוכער פון בראַזיל־בוימער. זיי האָבען זיך צומישט מיט די אינדיאַנער, איבער וועלכע זיי האָבען נאַטירליך קאָמאַנדעוועט. פּאָרטוגעזישע שיפען, וועלכע פלעגען פאָהרען נאָך אָסט־אינדיען, האָבען ניט איין מאָל זיך אָבגעשטעלט אין די פּראַכטפאָלע האַפענס פון בראַזיליען, און איינינע פון די מאַטראָסען האָבען זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו פערבלייבען דאָרטען און זוכען עלדאָ־ראַדאָס. וועגען דיזע דעזערטירען און אַוואַנטוריסטען ווערען דערצעהלט ראָ־מאַנטישע געשיכטען. אַ פּאָאָר פון זיי האָבען געוואַנדערט צוזאַמען מיט אינ־דיאַנער זעהר ווייט אין לאַנד מיט דער האָפנונג צו ענטדעקען גאָלד־מינען. איינער פון זיי מיט'ן נאָמען אַלעקאָ גאַרסיאַ, וועלכער האָט געלאַנדעט מיט נאָך דריי פּאָרטוגעזער אין 1526 אין אַ האַפען פון דעם יעצטיגען בראַזיליאַנער שטאַאַט סאַנטאַ קאַטאַרינאַ, האָט צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה אינדיאַנער, מיט וועלכע ער האָט מאַרשירט אַלץ ווייטער צו מערב ביז ער איז צוגעקומען צו די געגענדען, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די אינקאַס. צוריק איז ער אָבער ניט געקומען פון דאָרטען. עס איז יעדענ־פאַלס זיכער, אַז ווען די שפּאַניער האָבען דערגרייכט דורך לאַ פּלאַטאַ און פּאַראַנאַ ביז פּאַראַגוואַי אונטער דער קאָמאַנדע פון סעבאַסטיאַן קאַבאָט (זעה דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דער געשיכטע פון אַרגענטינע), האָבען שוין די אינדיאַנער דאָרטען געהערט פון ווייסע מענשען און פון פייערשיסענדע גע־וועהר. דאָס האָט נור געקענט פּאַסירען דורך זייער צוזאַמענטרעף מיט די אַוואַנטוריסטען, וועלכע זיינען פערקראָכען אַהין פון די בראַזיליאַנער האַפענס.

ווען די פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט דערהערט פון דער שפּאַנישער עקספּעדיציע אין לאַ פּלאַטאַ, האָט זיא בעשלאָסען ניט נור צו קאָלאָניזירען די שוין־ענטדעקטע געגענדען אין בראַזיליען, זאָנדערן אויך צו פערנעהמען געגענדען ווייטער צום זיד און צו גרינדען אַ קאָלאָניע ביי די ברעגען פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, אום דערמיט צו פערשטאַרקען איהרע פּרעטענזיעס דאָרטען אויף דעם גרונד פון דעם טאָרדעסילאַס אָבמאַך (זעה די געשיכטע פון אַרגענ־טינע). זיא האָט אָנגענומען דעם פּלאַן, וואָס איז שוין פריהער אויספּרובירט געוואָרען מיט ערפאָלג אויף די אינזלען מאַדעיראַ און אַזאָרעס, נעמליך צו שענקען גרויסע שטיקער לאַנד צו אַדעליגע מיט דער בעדינגונג, אַז זיי זאָלען דאָרטען עטאַבלירען קאָלאָניעס אויף זייער אייגענער רעכנונג. דאָס איז געווען אַ מין פעאָדאַלע סיסטעם.

די רעגיערונג האָט דערביי גאָר ניט ריזיקירט צו פערלירען. זיא האָט

זיך אויך ניט געמישט אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דיא קאָלאָניעס וואָס האָבען זיך געפונען אונטער דער אונבעגרענצטער מאכט פון זייערע אדע־ליגע אייגענטהימער, וועלכע האָבען געטראָגען דעם נאָמען גענעראַל־קאַפּיטאַנען. יעדערער פון זיי האָט געקראָגען אַ טראַקט לאַנד פופציג ליג (דאָס איז אַן אַלטע אויראָפּעאישע מאָס, אונגעפעהר 3 ענגלישע מייל לאַנג) ביי דיא ברעגען פון ים. וועגען דעם הינטערלאַנד האָט מען זיך גאָר ניט געקימערט. מען האָט אפילו ניט געוואוסט וויא ווייט דיא געגענדען ציהען זיך פון דיא אַטלאַנ־טישע ברעגען צו מערב. דאָס איז געווען נאָך פאַר דיא ענטדעקונג פון פּערו. עס איז אין יענע צייטען בכלל ניט געווען זעהר וויכטיג, וויא פיעל לאַנד איי־נער האָט פערצייכענט אויף'ן פּאַפּיער אין דער נייער וועלט. דאָס וויכטיגסטע איז געווען צו נעהמען פּאָסעסיע פון אַ געוויסער געגענד, וואָס עס האָט נאַטיר־ליך נור געקענט אויסגעפיהרט ווערען דורך דיא עטאַבלירונג פון קאָלאָניעס.

דער ערשטער פון אַזעלכע גענעראַל־קאַפּיטאַנען איז געווען אַ רייכער אַדעלמאַן און בעוואוסטער ים־פאָהרער, דאָן מאַרטים אַפאָנזאָ דע סוזאַ, וועלכער איז אָבגעפאָהרען אין 1531 מיט אַ 400 מאַן אויף 5 שיפען צו עטאַבלירען אַ קאָלאָניע אין אַ פּאַסענדען אָרט. ער האָט אויך געקראָגען אַ בעפעהל פון קעניג צו פעריאָגען דיא פראַנצויזען און אַלע פרעמדע, וועלכע ער וועט נור געפינען ביי דיא בראַזיליאַנער ברעגען. ווען ער איז צוגעקומען צו אַ האַפען ניט ווייט פון דער היינטיגער שטאָדט פערנאַמבוקאָ, האָט ער געפאַנגען דריי פראַנצויזישע שיפען, וועלכע זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט בראַזיל־האָלץ. צוויי פון זיינע שיפען האָט ער געשיקט אויסצופאָרשען דיא ברעגען צום נאָרד פון קאַפּ סענט ראָק (דאָס איז דער ווייטעסטער פונקט פון זיד־אַמעריקאַ אין מזרח־זייט), און אַליין איז ער אָבגעפאָהרען מיט דיא איבריגע שיפען אַרונטער צום זיד מיט דער אָבזיכט צו גרינדען אַ קאָלאָניע ערגעץ ביי דיא ברעגען פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ. נור ווען ער איז צוגעשוואומען אַזוי ווייט צום זיד וויא דיא היינטיגע בראַזיליאַנער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע דאָ סול און זיין גרעסטע שיף מיט דיא מייסטע פּראָוויזיאָן איז דאָרטען אונטערגעגאַנגען, האָט ער בעשלאָסען צו פערקירעווען צוריק צום נאָרד. לעבען אַן אינזעל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען סאַאון ווינסענט לכבוד אַ קאַטוילישען הייליגען, האָט ער זיך שליסליך אָבגעשטעלט. דאָרטען איז עס אין יאַנואַר 1532 געגרינדעט געוואָרען דיא ערשטע פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע אין בראַזיליען. דיזער אינזעל ליעגט ניט ווייט פון סאַנטאָס, דעם גרויסען קאַפע פּאָרט פון דעם שטאַאַט סאַאון פּאַולאָ, וואָס איז געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער הערשאַפט פון פּאָרטוגאַל איבער כמעט אַ העלפט פון זיד־אַמעריקאַ.

דער שנעלער ערפאָלג פון דיזער קאָלאָניע האָט אויפגעמונטערט אַנדערע אַדעליגע צו פאָלגען דעם ביישפּיעל פון דע סוזאַ. דיא רעגיערונג האָט דאַן

בעשלאָסען צו צוטהיילען דיא ברעגען פון בראַזיליען אין חלקים צו 50 ליג צווישען אַזעלכע אַדעליגע, וועלכע האָבען זיך פערפליכטעט צו קאָלאָניזירען זייער לאַנד אויף זייער אייגענער רעכנונג. אין 1534 איז אַזוי בראַזיליען צוטהיילט געוואָרען צווישען אַ דוצענד גענעראַל־קאַפּיטאַנען פון דיא ברעגען ביי דער מינדונג פון אַמאַזאָן טייך ביז צום אינזעל סאַנטאַ קאַטאַרינאַ, וואו דיא טאָרדעסילאַס ליניע האָט זיך געזאָלט ענדיגען נאָך דיא דאַמאָלסדיגע געאָגראַפישע קענטניסע. איינער פון דיזע גענעראַל־קאַפּיטאַנען איז געווען דע סוזאַ'ס אַ ברודער, וועלכער האָט אויסגעקליבען צוויי בעזונדערע ערטער, וואו ער האָט געגרינדעט צוויי קאָלאָניעס, איינע ניט ווייט פון סאַאון ווינסענט און דיא אַנדערע ניט ווייט פון פּערנאַמבוקאָ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1535 פון אַ גענעראַל־קאַפּיטאַן מיט'ן נאָמען פּערעירא דואַרטע קאָעלהאָ.

בלויז פיער פון דיא קאָלאָניעס, וועלכע דיא גענעראַל־קאַפּיטאַנען האָבען עטאַבלירט נאָך פיעל מאַטערניסען און אָפּפער, וויא אויך נאָך בלוטיגע צוזאַמענשטויסען מיט אינדיאַנער, ביי דיא ברעגען פון בראַזיליען, האָבען זיך גלייך פעסט איינגעוואָרצעלט און שנעל אַרויסגעלאָזען פון זיך אַ סך צווייגען. דאָס זיינען געווען סאַאון ווינסענט (היינט אַ קליינע שטאָדט פון דער גרויסער פּראָווינץ סאַאון פּאַולאָ), פּערנאַמבוקאָ, באַהיאַ און ריאָ דע זשאַנעיראָ. דיא פּאָרטוגעזישע בעזעצונגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו פערשפּרייטען וויא נור מען האָט אויסגעפונען, אַז בראַזיליען איז אויסגעצייכענט פאַר צוקער־פּלאַנטאַציעס. ספּעציעל זיינען געוואַקסען דיא קאָלאָניעס אין פּערנאַמבוקאָ דורך דיא קולטיווירונג פון דיא צוקער־רעהרען, וועלכע איניגע פּאָרטוגעזער האָבען אימפּאָרטירט אַהין פון מאַדעיראַ און קאַפּ ווערדע אינזלען (ליעגען לעבען וועסט אַפריקאַ) אין 1525. אין 16טען יאָהרהונדערט איז בראַזיליען געוואָרען דאָס צוקער־לאַנד פאַר אייראָפּאַ.

אָבער אין דיא ערטער אַרום פּערנאַמבוקאָ האָבען דיא פּאָרטוגעזער אויך געהאַט מעהר שטערונגען און שוויריגקייטען. דיא אינדיאַנער־שטאַמען זיינען דאָרטען געווען אַזוי קריעגעריש וויא ווילד. זיי האָבען מוטהיג געקעמפּפט פאַר זייער ווילדע פרייהייט. דערצו נאָך זיינען זיי אונטערגעהעצט געוואָרען פון פראַנצויזישע אַוואַנטוריסטען און הענדלער, וועלכע האָבען געוואָלט עטאַבלירען דאָרטען זייערע צוקער־פּלאַנטאַציעס. פּערנאַמבוקאָ איז געלעגען אויף דעם וועג פון דיא שיפען פון אַלע אייראָפּעאישע האַנדעלס־נאַציאָנען נאָך זיד־אַמעריקאַ. דער געוועהנליכער וועג פאַר דיא זעגעל־שיפען פון אייראָפּאַ נאָך זיד־אַמעריקאַ איז געווען צוערשט אַרונטער צום זיד ביז דיא אינזלען מאַדעיראַ, אַזאָרעס און קאַפּ ווערדע און פון דאָרטען איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן ביז צו דיא נעהענטסטע ברעגען פון בראַזיליען, נעמליך: פּערנאַמבוקאָ. פראַנצויזישע קאַפּיטאַנען, הענדלער און בכלל פּיראַטען האָבען געוואָלט צושטערען דיא

פארטוגעזישע בעזעצונגען דארטען מיט דער הילפע פון איינינע אינדיאנער־שטאמען, אבער שליסליך האבען זיי גאר ניט געוואונען דורך דעם, ווייל זיי זיינען ניט געשטיצט געוועז פון זייער רעגיערונג, ווערענד דיא פארטוגעזישע גענעראל־קאפיטאנען האבען ניט נור געהאט מעהר מיטעל און קרעפטע, זאנדערן זיינען אויך געשטיצט געוועז פון זייער קעניג.

דיא צוקער־פלאנטאציעס אין פערנאמבוקא און אין באהיא זיינען זעהר שנעל פערמעהרט געווארען, ווען מען האט אנגעפאנגען צו ברענגען שקלאווען פון אפריקא. דער פראכטפאלער פארט פון באהיא איז געווארען דער גרעסטער צענטער פאר דעם שקלאווען־האנדעל אין דער נייער וועלט. דאס איז געוועזען דער נעהענטסטער און זיכערסטער פארט פאר דיא שקלאווען־שיפען, וועלכע פלעגען ברענגען דיא אונגליקליכע נעגער פון סענעגאל, גווינעא און בכלל וועסט־אפריקא. פון דארטען פלעגט מען דיא שקלאווען פונאנדערשיקען אין אנדערע קאלאניעס.

דיא בראזיליאנער אינדיאנער האבען ניט געטויגט צו שווערע און בעזאנדערס צו שטענדיגע ארבייט אויף די פלאנטאציעס, אזוי וויא עס האבען ניט געטויגט דיא אינדיאנער פון דיא אנדערע טהיילען פון דער נייער וועלט, מיט אויסנאהמע נור פון דיא האלב־ציוויליזירטע שטאמען אין פערו און אין מעקסיקא. וויא פיעל אינדיאנער עס האבען זיך געפונען אין דיא געגענדען, וועלכע געהערען היינט צו דער בראזיליאנער רעפובליק, דאס קען מען ניט וויסען בעשטימט. מייסטענס האבען זיי זיך ארומגעשלעפט אין ערטער ניט ווייט פון דיא ברעגען פון ים. זיי האבען זיך אלע געפונען אויף א זעהר נידריגער קולטור־שטופע. איינינע פון דיזע שטאמען, וויא דיא באטאקודאס, האבען געהערט צו די ווילדעסטע מענשען אויף דער ערד. זיי שלעפען זיך נאך עד היום ארום מוטער־נאקעטע אין דיא סילוואסען (דיא וועלדער־געגענדען) פון אמאזאן אזוי וויא ווילדע חיות. מאנכע שטאמען זיינען געוועזען מענשען־פרעסענדע. אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון בראזיליען, וואס זיינען נאך ניט בעטראכטען געווארען פון ווייסע, געפינען זיך אויך היינט קאניבאלען.

דיא פארטגעשריטענסטע אינדיאנער אין בראזיליען זיינען געוועזען דיא אראוואקס, טופיס און גואראניס. זיי האבען שוין געלעבט אין ארומגעצאמטע פלעצער, וויא אויף דער בייליעגענדער צייכנונג, און האבען קולטיווירט פעלדער, געשפונען בוימוואל און געטראגען קליידער (ריכטיגער גערעדט, ניט ארומגעגאנגען מוטער־נאקעט וויא פיעלע אנדערע שטאמען). דיא זידליכע טהיילען פון בראזיליען, וויא אויך פאראגוואי, א טהייל פון אורוגוואי און א טהייל פון באליוויא זיינען געוועזען מייסטענס בעזעצט פון דיא טופי־גואראני שטאמען, וועלכע זיינען מייסטענס אויך געוועזען פריעדליכע. וויא פריעדליך און אונטערטעניג דיא גואראניס זיינען געוועזען, וועלען מיר שוין פון דער געשיכטע פון

פאראגוואי. דיא שפראך פון דיא גואראניס איז אנגענומען געווען אין דיא צענטראלע טהיילען פון זיד־אמעריקא און איז נאך היינט פערשפרייט אין פאראגוואי און אין געגענדען ארום.

נור צו דער ארבייט אויף פלאנטאציעס האבען דיא אקערבויער פון דיא טופי און גוארני שטאמען ניט געטויגט, אבוואהל זיי האבען אויסגעזעהן זעהר געזונד און קרעפטיג. דיא פארטוגעזער, דיא שפאניער און אנדערע אייראפעער האבען ניט געקענט פערשטעהן, ווארום אפילו דיא קרעפטיגסטע אינדיאנער פלעגען ניט אויסהאלטען אנשטרענגונגען ביי דער ארבייט וויא א געוועהנליכער אייראפעער. ווען דיא פארטוגעזער האבען גענומען טרייבען צו דער ארבייט און צו פערשקלאווען דיא אינדיאנער, אבוואהל נאך דיא געשריבענע געזעצע פון פארטוגאל איז עס פון אנפאנג אן פערבאטען געווארען, האבען אייניגע שטאמען זיך געוועהרט, אנדערע זיינען זיך צולאפען אין דיא וועלדער און דריטע האבען זיך אונטערגעגעבען און געגאנגען אזוי לאנג אין יאך, וויא לאנג זייערע כחות האבען עס אויסגעהאלטען.



א דארף פון טופי־אינדיאנער

דיא צאהל פון אינדיאנער איז יעדענפאלס אלץ קלענער געווארען אין דיא ערטער לעבען דיא ברעגען פון ים. דיא פארטוגעזער האבען דארום פון איין זייט געבראכט אלץ מעהר נעגער פון וועסט־אפריקא און פון דער אנדער זייט זיך געיאגט אלץ ווייטער און טיעפער אין דיא ווייטעסטע געגענדען פון זיד־אמעריקא נאך אינדיאנער, וועלכע זיינען פערקראכען אלץ ווייטער אין דיא וועלדער פון אמאזאן טהאל, וואו עס איז עד היום זיי שווער צו געפינען. נאך

דער פֿאָלקס־צעהלונג אין 1890 האָבען זיך אין גאַנץ בראַזיליען געפֿונען 1,295,796 אינדיאַנער, ניט רעכענענדיג אַזעלכע, וועלכע שלעפּען זיך אַרום אין די סילוואַסען מוטער־נאַקעטע און וועלכע מען האָט נאָך אַלץ קיין מעגליכקייט ניט צו צעהלען. היסטאָרישע פֿאָרשער נעהמען אָן, אַז צו דער צייט פֿון די ערשטע פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס האָבען זיך אין בראַזיליען ניט געפֿונען מעהר אינדיאַנער וויא היינט.

צווישען די פּאָרטוגעזער, נעגער און אינדיאַנער זיינען פֿאָרגעקומען די גאַנצע צייט בלוט־מישונגען. ביז די לעצטע פּאָאָר צעהנדליג יאָהר פֿון 19טען יאָהרהונדערט זיינען די איינוואַנדערער אין בראַזיליען געווען כמעט אויסשליסליך פּאָרטוגעזער. היינט וואַנדערען אַהין מייסטענס איטאַליענער און אויך אַ סך דייטשען, ספּעציעל אין די זידליכע פּראָווינצען, וואו די קלימאַטישע בעדינגונגען זיינען זעהר גינסטיג פֿאַר אַלע אייראָפּעער. די פּאָרטוגעזער, וויא די שפּאַניער און בכלל די לאַטייניש אָדער ראָמאַנישע פֿעלקער, האָבען קיין מאָל ניט געהאַט אַזאַ אַנטיפּאַטיע צו בלוט־מישונגען מיט נעגער און אינדיאַנער, בכלל מיט ניט־ווייסע מענשען, וויא די ענגלענדער און טהיילווייז אויך די דייטשען. אין בראַזיליען איז קיין מאָל ניט איינגעפֿיהרט געוואָרען אַזאַ אָבשיידונג פֿון שוואַרצע און ווייסע, אַזאַ "קאָלאָר לאַין (פֿאַרב־ליניע)", וויא אין יונייטעד סטייטס און איבערהויפּט אין ענגליש־שפּרעכענדע לענדער. די בעפֿעלקערונג פֿון בראַזיליען איז אַ בעזאָנדערס געמישטע. מען קען ניט זאָגען, אַז ווייסע, עכטע ווייסע, האַלטען זיך גאָר ניט פֿאַר יחסנים אויך דאָרטען. מעסטיזאָס רעכענען זיך איבערהויפּט אַריין צווישען ווייסע. אָבער אין פּאָליטישען לעבען און אפילו אין פֿאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען שפּיעלען די הויט־פֿאַרבען אַן אונבעדייטענדע ראָלע אין דער בראַזיליאַנער רעפּובליק.

די שוואַרצע און בכלל די פֿאַרביגע בילדען עד היום די מעהרהייט אין די נאָרדליכע שטאַאַטען פֿון בראַזיליען. וואָס נעהענטער צום אַמאַזאָן טייך, וואָס פֿאַלט אַריין אין אַטלאַנטישען אָקעאַן ניט ווייט פֿון עקוואַטאָר, אַלץ מעהר אינדיאַנער און נעגער און בכלל פֿאַרביגע געפֿינען זיך דאָרטען. וואָס ווייטער צום זיד פֿון עקוואַטאָר און נעהענטער צו די לאַ פּלאַטאַ געגענדען, אַלץ גרעסער ווערען די צאָהלען פֿון די ווייסע דורך איינוואַנדערונג פֿון אייראָפּאַ. אין דער אַלטער פּראָווינץ סאַאון פּאַולאָ, וואו דער ערשטער גענעראַל־קאַפּיטאַן דע סוזאַ האָט געגרינדעט די ערשטע גרויסע קאָלאָניע סאַאון ווינסענט, איז די צאָהל פֿון פּאָרטוגעזישע קאָלאָניסטען בעזאָנדערס שנעל געוואַקסען. דיזע ערטער זיינען געווען און בלייבען די בעסטע פֿאַר אייראָפּעער טראָץ דעם וואָס זיי ליעגען אין די טראָפּיקס. אויף די בערג, וועלכע הייבען זיך אָן דאָרטען נאָהענט ביי די ברעגען פֿון ים און ציהען זיך ווייט אין מערב ביז פּאַראַגוואַי, איז עס אפילו אין די זומער־מאָנאַטען ניט זעהר הייס. אַזאַ

ריעזיגע טעריטאָריע, וויא דיא בראַזיליאַנער רעפובליק פערנעהמט (זיא איז דאָך גרעסער אין שטח פאַר יונייטעד סטייטס אָהן אַלאַסקאַ), מוז האָבען פער־שיעדענע קלימאַטען, אָבוואָהל זיא ליעגט כמעט אין גאַנצען צווישען דיא טראָפּיקס. דער אונטערשיעד אין קלימאַט קומט פון דער הויכקייט פון דיא געגענדען. אויף העכערע פּלאַטאָס איז עס קאַלט אפילו אונטער דעם סאַמע עקוואַטאָר. אין דעם ריזיגען טהאָל פון אַמאַזאָן מיט זיינע הונדערטע צופלוסען קענען טאַקע ווייסע ניט עקזיסטירען. אין דעם שטאַאַט אַמאַזאָנאַס, וואָס פערנעהמט אונגעפעהר אַ פערטעל פון גאַנץ בראַזיליען, געפינען זיך היינט ארום אַ פערטעל מיליאָן נפשות (און דאָס כמעט אויסשליסליך אינדיאַנער), ווערענד למשל, אין דעם שטאַאַט סעאַראַ, וואָס ליעגט ניט וויטער צום זיד פון עקוואַ־טאָר לעבען שטאַאַט אַמאַזאָנאַס און וואָס פערנעהמט ארום 40 טויזענד סקווער מייל (דאָס איז אונגעפעהר 19 מאָל וועניגער פאַר אַמאַזאָנאַס), איז דיא בעפעלקערונג נאָהענט פון 900 טויזענד נור דעריבער, ווייל עס ציהען זיך דאָרטען צימליך הויכע בערג־געגענדען.

פון דיא פּלאַטאָס אָדער האָכלענדער פון סאַאון פּאַולאָ האָבען זיך דיא פּאָרטוגעזער אַליץ ווייטער געררוקט אין מיטען לאַנד און האָבען דערגרייכט ביז צו דיא אַנדעסען־בערג אין מערב־זייט אין זייערע עקספּעדיציעס צו פאַנגען אינדיאַנער־שקלאַווען. זיי האָבען אַזוי פערשפּרייט דיא הערשאַפט פון פּאָר־טוגאַל אַליץ ווייטער אין זיד־אַמעריקאַ. אויף זייערע האָכלענדער האָבען דיזע קאָלאָניסטען זיך געפיהרט אַזוי וויא זיי האָבען עס אַליין געוואָלט. זייער פער־קעהר מיט זייער מוטערלאַנד איז געוועזען אַ זעהר קליינער פון אָנפאַנג אָן. ביס־לעכווייז איז דאָרטען אויפגעקומען אַ גאַנץ אַנדער טיפּ פון אַ פּאָרטוגעזער וויא אין פּאָרטוגאַל גופא. זיי האָבען געקראָגען דעם נאָמען פּאַוליסטאָס און זיי האָבען געשפּיעלט און, מען מעג זאָגען, זיי שפּיעלען אויך היינט דיא גרעסטע ראָלע אין בראַזיליען.

אין אַלגעמיינען האָבען זיך דיא פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט אונטערשיידעט פון דיא שפּאַנישע דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען פון אָנפאַנג אָן אַגריקולטורעלע און קאָמערציעלע. אפילו דיא אַדעליגע שווערד־העלדען, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אין בראַזיליען אַלס בעגלייטער פון דיא גענעראַל־קאַפּיטאַנען, האָבען זיך אַ נעהם געטהאָן צו צוקער־פּלאַנטאַציעס און בכלל צום האַנדעל מיט דיא פּראָדוקטען פון דיא טראָפּישע געגענדען. דאָס האָט זיי פערשאַפט אין אַ קורצער צייט מעהר רייכטהום, וויא דיא גאָלד און זילבער מינען, וועלכע דיא שפּאַניער האָבען געפונען אין דער אינקאַ־אימפּעריע. דאָס האָט אויך געפיהרט צו אַ פערמעהרונג פון אמת'ע קאָלאָניסטען, פּשוט'ע אַקערבויער, וועלכע האָבען אַליץ מעהר אויסגעוואַנדערט פון פּאָרטוגאַל.

אין דערזעלבער צייט, ווען דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט געשיקט

קאלאניסטען, וויא אויך פרויען, מייסטענס יתומות, נאך בראזיליען, זיינען אנ־
געקומען יעזואיטען צו פערשפרייטען דיא קריסטליכע רעליגיאן צווישען דיא
איינגעבארענע. דער קעניג יאהאן דער דריטער האט זעהר שטארק געשטיצט
דעם יעזואיטישען ארדען, וועלכער האט דאן געהאט דיא בעסטע, דיא פעהיג־
סטע און אויך, מעג מען זאגען, דיא אפפער־וויליגסטע מיסיאנערען. אין 1549,
ווען דיא פארטוגעזישע רעגיערונג האט אויסגעפונען, אז דיא סיסטעם פון גע־
נעראל־קאפיטאנסטוועס טויג שוין ווייטער ניט, און האט געשיקט איינעם פון
דער גרויסער אדעליגער פאמיליע סוזא אלס גענעראל־גובערנאטאר מיט 6
שיפען, אויף וועלכע עס האבען זיך געפונען ארום א טויזענד פערזאנען, זיינען
אויך אנגעקומען עטליכע יעזואיטען אונטער דער קאמאנדע פון זייער עלטסטען
מיט'ן נאמען נאברעגא, וועלכער האט געגרינדעט דיא ערשטע מיסיאן אין ברא־
זיליען. שנעל האבען זיך אויך צושפרייט דיא יעזואיטישע מיסיאנערען איבער
דיא אינלענדישע געגענדען דארטען. זיי האבען געארבייט אונערמידליך צו
בעקעהרען דיא אינדיאנער צום קריסטענטהום און צו גרינדען ניט נור קירכען
און שולען אויך פאר דיא ווייסע קאלאניסטען און מעסטיזאס, זאנדערן צוזא־
מענצוקלייבען וואס מעהר אינדיאנער אקערבויער אין דיא דערפער, גענאנט
מיסיאנען, אונטער זייער השגחה.

דורך דעם זיינען דיא יעזואיטען אין א גאנץ קורצער צייט געקומען אין
קאנפליקט מיט דיא פארטוגעזישע קאלאניסטען, ספעציעל מיט דיא ענערגישע
פאוליסטאס, וועלכע האבען זיך געניטיגט אין אינדיאנער שקלאווען, וויא דאס
איז שוין געשילדערט אין דער בעשרייבונג פון דער בעריהמטער יעזואיטישער
רעפובליק אין פאראגוואי (זעה דיא געשיכטע פון דיזער רעפובליק) און וויא
דאס וועט אויך איבערגעגעבען ווערען אין א ווייטערען קאפיטעל.

## צווייטער קאַפּיטעל.

# דער קאַמפּף מיט פראַנצויזען און האָלענדער

אונגעפעהר הונדערט יאָהר, פון דער צווייטער העלפט פון 16טען ביז צו ענדע פון דער ערשטער העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט, האָבען דיא פּאָרטור געזער געהאַט צו פיהרען אין בראַזיליען אַ קאַמפּף ניט נור מיט אינדיאַנער, זאָנדערן אויך מיט פראַנצויזען און האָלענדער. מיר וויסען שוין פון פאָריגען קאַפּיטעל, אַז פראַנצויזישע שיפס־קאַפּיטאַנען און הענדלער האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַ האַנדעל מיט בראַזיל־האָלץ, וויא נור עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז מען קען דאָס לייכט בעקומען אין בראַזיליען. זיי איז אָבער אַלץ ניט געלונגען צו עטאַבלירען דאָרטען אַ פעסטע און שטענדיגע קאָלאָניע, ווייל זיי זיינען גאָר ניט געשטיצט געווען פון זייער רעגיערונג אָדער אפילו פון אַ גרויסער פראַנצויזישער האַנדעלס־קאָמפּאַניע.

נור אַרום דעם מיטען פון 16טען יאָהרהונדערט, ווען דער רעליגיעזער קאַמפּף צווישען דיא קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען, דיא בעריהמטע הוגענאָטען, אין פראַנקרייך איז אַלץ ביטערער און ווילדער געוואָרען, האָט אַדמיראַל קאָליני, איינער פון דיא גרעסטע פיהרער פון דיא הוגענאָטען, אָנגענומען דעם פּלאַן פון אַ פראַנצויזישען קאַפּיטאַן און אַוואַנטוריסט מיט'ן נאָמען ניקאָלאַס דע ווילגאַניאָן, וועלכער האָט אין זיינע רייזען אויך בעזוכט בראַזיליען, צו גרינדען אַ קאָלאָניע פון הוגענאָטען אין זיד־אַמעריקאַ. דיא פערפאָלגטע הוגענאָטען האָבען איבערהויפּט געזוכט אַ מקום מנוחה אין דער נייער וועלט, און זייער פיהרער, בעזאָנדערס אַדמיראַל קאָליני, האָבען געמאַכט עטליכע פּראָבעס צו גרינדען קאָלאָניעס פאַר זייערע גלויבענס־גענאָסען. נאָך דער שרעקליכער נאַכט פון הייליגען בארטהאָלאָמעוס (דעם 23טען אויגוסט 1572), ווען טויזענדע הוגענאָטען זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען פון קאַטאָליקען, צווישען דיזע אָפּפער פון רעליגיעזען פאַנאַטיזם אויך אַדמיראַל קאָליני, האָבען דיא לעבעדיגגעבליבענע געמוטעזי אויסוואַנדערען נאָך פערשיעדענע לענדער.

אין 1558 איז ווילגאַניאָן אַריינגעשוואומען אין דעם פּראַכטפאָלען פּאָרט פון ריאָ דע זשאַנעיראָ, וואו ער האָט בעשלאָסען צו לאַנדען דיא פּראָטעסטאַנ־

טישע קאָלאָניסטען, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט. אַזוי וויא ער אַליין איז ניט געווען אַ הוגענאָט און ער האָט אויך אָנגעפאַנגען צו פיהרען זיך טיראַניש, האָט עס אין אַ קורצער צייט געפיהרט דערצו, אַז אייניגע פון דיא קאָלאָניסטען האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך פראַנקרייך און אַז ער אַליין האָט זיך אויך געמוזט צוריקקעהרען. דיא פראַנצויזישע קאָלאָניע אין ריאָ דע זשאַנעיראָ איז אַזוי גלייך פון אָנפאַנג אָבגעשוואַכט געוואָרען. ווען קאַפּיטאַן ווילגאַניאָן וואָלט זיך בעסער פערטראָגען מיט דיא הוגענאָטען, קען זיין, אַז ריאָ דע זשאַנעיראָ וואָלט געוואָרען דער צענטער פון דיא פראַנצויזישע און אויך פון אַנדערע פערפאָלגטע פּראָטעסטאַנטען. ניט וועניגער פון צעהן טויזענד הוגענאָטען האָבען זיך שוין געקליבען אין וועג נאָך בראַזיליען צו בעזעצען זיך לעבען דיא ערשטע קאָלאָניע אין ריאָ דע זשאַנעיראָ איידער עס זיינען אָנגעקומען בעריכטען וועגען דיא טיראַנישע האַנדלונגען פון קאַפּיטאַן ווילגאַניאָן. זיי האָבען דאַן בעשלאָסען צו זוכען אַנדערע ערטער. ווען אַזוי פיעל הוגענאָטען וואָלטען זיך בעזעצט אין דער געגענד פון ריאָ דע זשאַנעיראָ, וואָלט שוין וואַהרשיינליך אַ גרויסער טהייל פון זיד־אַמעריקאַ געבליבען אין פראַנצויזישע הענד. דיא געשיכטע פון בראַזיליען וואָלט יעדענפאַלס אַנדערס געשריעבען געוואָרען וויא היינט.

דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט גלייך בעשלאָסען צו פעריאָגען דיא פראַנצויזען פון ריאָ דע זשאַנעיראָ. אַלס גובערנאַטאָר צו פערשטאַרקען דיא פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס און צו פיהרען אַ קאַמפּף מיט דיא פראַנצויזען איז געשיקט געוואָרען אַ הויכער אַדעלמאַן און פעהיגער קאָמאַנדיר מיט'ן נאָמען מעם דאַ סאַ. ווען ער איז אָנגעקומען מיט אַ שטאַרקער עקספּעדיציע, האָט ער באַלד אויסגעפונען, אַז דיא צאָהל פון פראַנצויזען איז געווען אַ גאַנץ קליינע, נור זיי זיינען זעהר שטאַרק געשטיצט געווען פון דיא אינדיאַנער. אין אַ בעריכט צום קעניגליכען הויף אין ליסבאָן האָט דיזער גובערנאַטאָר געשריעבען: „דיא פראַנצויזען בעהאַנדלען ניט דיא איינגעבאָרענע אַזוי ווי מיר טהוען עס. זיי זיינען זעהר ליבעראַל און פריינדליך צו דיא אינדיאַנער און האַנדלען גערעכט. זיי זיינען דאַרום בעליעבט פון דיא אינדיאַנער. אַזוי וויא דיא איינגעבאָרענע זיינען צאָהלרייך און זיינען אויסגעלערענט געוואָרען פון דיא פראַנצויזען צו געברויכען אייראָפּעאישע געוועהר, דאַרום קענען דיא פראַנצויזען ווערען זעהר שטאַרק און געפעהרליך פאַר אונז אין אַ קורצער צייט".

דיא פריינדשאַפט פון דיא אינדיאַנער האָט אָבער שליסליך אַזוי וועניג געהאָלפען דיא הייפעלעך פראַנצויזען געגען דיא פּאָרטוגעזער אין זיד־אַמעריקאַ, וויא געגען דיא ענגלענדער (אייגענטליך ניי־ענגלענדער) אין נאָרד־אַמעריקאַ. אָבער עס איז אַ מערקווירדיגער פאַקט, אַז דיא פראַנצויזען האָבען מעהר פון אַלע אַנדערע אייראָפּעער געקענט געווינען דעם צוטרויען און דיא פריינדשאַפט פון דיא אינדיאַנער. עס האָט גענומען אַ יאָהר צעהן ביז מעם דאַ סאַ האָט צור־

שטערט דיא פעסטונגען פון דיא פראַנצויזען און האָט עטאַבלירט אַ פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע אין ריאָ דע זשאַנעירא. אַזוי וויא דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט זיך גאָר ניט געקימערט וועגען אַ קאָלאָניע פון הוגענאָטען, האָבען דיא פּאָרטוגעזער זיך געקענט פערשפּרייטען אַלץ ווייטער אויך אין דיזען טהייל פון בראַזיליען. ריאָ דע זשאַנעירא איז שנעל געוואָרען דער וויכטיגסטער פּאָרט פון זידליכע בראַזיליען און נאַכהער דיא הויפּט־שטאָדט פון גאַנץ בראַזיליען.

אין 1583 האָבען דיא פּאָרטוגעזער ווידער געהאַט צו פיהרען אַ קאַמפּף מיט פראַנצויזען, וועלכע האָבען עטאַבלירט אַ האַנדעלס־פּונקט מיט אינדיאַנער אין דעם פּאָרט פּאַראַהיבאַ צום נאָרד פון פּערנאַמבוקאָ, וואו עס האָבען זיך שוין דאַן געפונען אַ 25 טויזענד איינוואָהנער אויף דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס פון דיא פּאָרטוגעזער. פּאַראַהיבאַ איז יעצט דיא הויפּט־שטאָדט פון אַ בראַזיליאַנער שטאַאט מיט דיזען נאָמען, וואו עס לעבען אַ האַלב מיליאָן נפשות, מייסטענס שוואַרצע. אין דיזען אָרט האָבען דיא פראַנצויזישע הענדלער אויך געוואונען אויף זייער זייט דיא אינדיאַנער, זאָ דאָס זיי האָבען געקענט זיך וועהרען אפילו געגען דעם בעריהמטען פּאָרטוגעזישען קאָמאַנדיר אַלבוקערק. נור דעם שווערסטען קאַמפּף מיט פראַנצויזישע קאָלאָניסטען האָבען דיא פּאָרטוגעזער געהאַט צו פיהרען אין דער געגענד פון יעצטיגען שטאַאט מאַראַנהאַאָ. אין 1612 האָט אַן אַדעליגער הוגענאָט מיט'ן נאָמען דאַניעל דע לאַ ריוואַרדיער געלאַנדעט מיט אַ גרויסער צאָהל קאָלאָניסטען און אַוואַנטוריסטען אויף דעם אינזעל מאַראַנהאַאָ, וואו זיי האָבען שנעל אויפגעבויט אַ פעסטונג. ווען דיא פּאָרטוגעזער אין פּערנאַמבוקאָ האָבען זיך דערוואוסט דערפון, האָבען זיי באַלד געשיקט אַ מחנה אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל אַלבוקערק צו פעריאָגען דיא פראַנצויזען. דאָס איז זיי געלונגען ערשט אין פיער יאָהר אַרום, ווען דיא פראַנצויזען, וועלכע האָבען שטאַרק געליטען פון דעם צו הייסען קלימאַט (מאַראַנהאַאָ ליעגט גאַנץ נאָהענט פון עקוואַטאָר) און וועלכע זיינען אָבגעשניטען געוואָרען דורך דיא פּאָרטוגעזישע קרעאָלען פון פערבינדונגען מיט זייערע אינדיאַנער פריינד, האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען מיט דער בעדינגונג, אַז מען זאָל זיי געבען דיא מעגליכקייט צו פאָהרען צוריק אַהיים, וואָס עס איז אויסגעפיהרט געוואָרען.

אַזוי איז פון אַלע אָנשטרענגונגען און פערזוכען פון דיא פראַנצויזען צו גרינדען קאָלאָניעס אין בראַזיליען גאָר נישט געוואָרען, און דיא פּאָרטוגעזער האָבען זיך צושפּרייט אַלץ ווייטער צום נאָרד פון פּערנאַמבוקאָ ביז צו דער מינדונג פון אַמאַזאָן טייך. נאָך זייער דורכפאַל אין מאַראַנהאַאָ האָבען דיא פראַנצויזען שוין מעהר ניט פּראָבירט צו שיקען עקספּעדיציעס נאָך דיא געגענדען פון זיד־אַמעריקאַ, וועלכע דיא פּאָרטוגעזער האָבען ערקלערט פאַר זייערע אויף דעם גרונד פון קאַבראַל'ס ענטדעקונג און פון דעם טאָרדעסילאַס אָבמאַך. דיא

פראנצויזישע רעגיערונג האט דאן איבריגענס געהאט גענוג שוועריגקייטען צו קאלאניזירען ריזיגע געגענדען אין נארד־אמעריקא, וועלכע זיא האט ערקלערט פאר איהרע אויף דעם גרונד פון זשאק קארטיע'ס ענטדעקונג (זעה דיא געשיכטע פון קענעדע).

נור נאך דיא פראנצויזען זיינען געקומען דיא האלענדער, וועלכע האבען זיך צו ענדע פון 16טען יאהרהונדערט א לאז געטהאן צו פערכאפען קאלאניעס און צו פאנגען שיפען ביי דיא שפאניער און פארטוגעזער. דער גרויסער ער־פאלג פון דער האלענדישער אסט־אינדישער קאמפאניע, וועלכע האט אין פער־לויף פון עטליכע יאהר פערכאפט דיא בעסטע טהיילען פון דיא פארטוגעזישע פאסעסיעס אין זיד־אסט פון אזיען, האט געטריבען צו דער גרינדונג פון אן עהנליכער קאמפאניע פאר דעם האנדעל מיט וועסט־אינדיען. דאס איז געווארען א ריזיגע און מעכטיגע קאמפאניע, וועלכע האט בעזעסען איבער 800 שיפען און וועלכע איז אין שטאנד געווען צו שיקען בלויז נאך בראזיליען איבער 70,000 סאלדאטען. זיא איז געווען אונטערשטיצט און בעשיצט פון דער האלענדישער רעגיערונג, אבער זיא איז שטענדיג געווען א פריוואט־קאמפאניע וואס אנבע־לאנגט האנדעל און פראפיטען.

אין 1624 האט זיא ארויסגעשיקט א גרויסע פלאטע מיט א סך סאלדאטען און געוועהר צו פערכאפען דעם זעהר גוטען און וויכטיגען פארט באהיא. דאס איז איהר לייכט געלונגען. צו דער צייט האט זיך ניט נור בראזיליען, זאנדערן אויך פארטוגאל געפונען אונטער דער הערשאפט פון שפאנישע קעניגע. אין 1581 איז פיליפ דער צווייטער, דער אונבעשרענקטער הערשער פון דער גרעס־טער אימפעריע, אין וועלכער דיא זון איז טאקע קיינמאל ניט אונטערגעגאנגען, וויא ער פלעגט זיך בעריהמען, אויך געווארען דער יורש פון דעם טהראן פון פארטוגאל, ווען דער פארטוגעזישער קעניג סעבאסטיאן איז געפאלען טויט אין א שלאכט מיט דיא מורען לעבען דיא מאראקאנער שטאדט אל־קאסר אל־קעביר. דיא פארטוגעזער האבען זיך אנפאנגס ניט געוועהרט געגען דיא נייע קעניגע, אבער זיי האבען אנגעהאלטען אלע זייערע נאציאנאלע איינריכטונגען. דאס איז ניט געווען א הערשאפט פון דעם שפאנישען פאלק איבער דעם פארטוגעזישען פאלק, נור א צוזאמענפאארונג פון צוויי מלוכות אונטער דיא זעלבע קעניגע. אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון פארטוגאל און פון איהרע קאלאניעס איז אייגענטליך גאר ניט געענדערט געווארען דורך דעם, וואס דער שפאנישער קעניג איז אויך גערעכענט געווען פאר דעם קעניג פון פארטוגאל, אבער אין דיא אויסווערטיגע אנגעלעגענהייטען האט דיזע דינאסטישע ענדערונג, אבוואהל זיא האט געדויערט ניט מעהר פון זעכציג יאהר, געהאט זעהר וויכטיגע רע־זולטאטען, ווייל דיא פראטעסטאנטישע לענדער, וועלכע האבען דאן געפיהרט

מלחמות מיט דיא קאַטאָלישע און ספּעציעל מיט שפּאַניען, האָבען אויך אַטאַ־קירט דיא פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס.

אין דיזע מלחמות, ספּעציעל אין דער צייט פון דעם דרייסיג־יעהריגען קריעג (פון 1618 ביז 1648), האָט זיך אַרויסגעוויזען דיא אינערליכע שוואַכ־קייט פון שפּאַניען. דיא ענגלענדער, האָלענדער און פראַנצויזען האָבען איהר דערלאַנגט קלעפּ פון אַלע זייטען. דיא האָלענדער האָבען בעזאָנדערס אָנגע־שטרענגט זייערע קרעפטע צו פערכאַפּען די בראַזיליאַנער געגענדען מיט די רייכע צוקער־פּלאַנטאַציעס. אַזוי וויא דער שפּאַנישער קעניג האָט דאַן געהאַט צו זאָרגען פאַר דיא בעשיצונג פון אַ סך וויכטיגערע פּאָסעסיעס זיינע, וויא בראַ־זיליען, האָבען דיא האָלענדער נור געהאַט צו קעמפּפען דאָרטען מיט דיא פּאָר־טוגעזישע קאָלאָניסטען און קרעאָלען. ווען דער גובערנאַטאָר פון באַהיאַ איז געפאַנגען געוואָרען פון דיא האָלענדער, זיינען זיך פיעלע פון דיא איינוואָהנער צולאָפען אין דיא בערג און וועלדער, וואו זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַ גערילאַ־קריעג (דאָס וואָרט "גערילאַ" איז אַ שפּאַנישעס, וואָס בעדייטעט "קליינער קריעג"). דיא האָלענדער האָבען זיך גלייך בעפעסטיגט אין באַהיאַ אַזוי, אַז זיא איז געוואָרען דיא שטאַרקסטע פעסטונג אין זיד־אַמעריקאַ.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין ליסבאָן און אין מאַדריד, אַז דיא האָ־לענדער האָבען פערכאַפּט דעם פּאָרט באַהיאַ האָט מען דאָרטען בעשלאָ־סען צוזאַמענצוקלייבען אַזאַ מיליטערישע מאַכט, אַז מען זאָל זיי קענען שנעל פעריאָגען פון אַלע פּונקטען אין בראַזיליען. פון פּאָרטוגאַל איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אַן עקספּעדיציע פון 52 שיפען מיט 12 טויזענד גוטגעניבטע סאָל־דאַטען, וועלכע מען האָט צוזאַמענגעשלעפּט פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. דיא האָלענדער האָבען טאַקע קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט וויא אונטערצוגעבען זיך, ווען דיזע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע עקספּעדיציע האָט זיך בעוויזען אין פּאָרט פון באַהיאַ אין 1625. נור דיא האָלענדער האָבען ניט אויפגעגעבען זייער קאַמפּף געגען שפּאַניען, וועלכע האָט דאַן בעהערשט גאַנץ צענטראַל (מעקסיקאָ אַריינגערעכענט) און זיד־אַמעריקאַ. ווען זיי האָבען געמוזט אָבטרעטען פון בראַזיליען און בכלל פון דיא שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס, האָבען זיי זיך אַ נעהם געטהאָן מיט מעהר ענערגיע צו אַטאַקירען שפּאַנישע שיפען און איבערהויפּט צו שטערען דעם האַנדעל און פערקעהר פון שפּאַניען מיט איהרע קאָלאָניעס. פּיראַטען, וועלכע האָבען דאַן אויך געקראָגען דיא נעמען בוקאַנירען און פיליבוסטער, האָבען זיך אַזוי פערמעהרט, אַז זיי זיינען געוואָרען אַ געפאַהר פאַר דעם וועלט־האַנדעל בכלל און אַז דיא לענדער, פון וואַנען זיי זיינען מייסטענס געקומען, האָבען געמוזט אָנפאַנגען זיי צו פערפאָלגען און צו פאַנגען. פאַר שפּאַניען זיינען דיזע מוטהיגע ים־רויבער געווען אַ שרעקליכע אָנשיקעניס. דיא ענגלישע, האָלענדישע און פראַנצויזישע פּיראַטען פלעגען

מאַנכעסמאָל שטיצען איינע דיא אַנדערע אין זייערע אַטאַקעס אויף שפּאַנישע שיפען און פּאָרטען, ווייל זיי האָבען אַלע גלייך געהאַסט דיא שפּאַנישע רע־גיערונג.

פּיעט העין, דער בעריהמטעסטער פון דיא האָלענדישע פּיראַטען אין 17טען יאָהרהונדערט, האָט אין 1627 זיך אַריינגעריסען אין באַהיאַ, ניט אַכטענדיג אויף דיא קאַנאָנען־שיסעריי פון דער פעסטונג ביים אַריינפאָהר אין האַפען, און האָט ניט נור געפאַנגען 26 פּאָרטוגעזישע האַנדעלס־שיפען, מייסטענס גע־לאָדען מיט צוקער, נור אויך געזונקען איינע פון די פּאָרטוגעזישע קריעגס־שיפען. דעם נעכסטען יאָהר האָט ער ערשטוינט דיא וועלט מיט אַזאַ גבורה, וויא צו פאַנגען אַ שפּאַנישע קריעגס־פלאָטע, וועלכע האָט געפיהרט זילבער פון מעקסי־קאָ פאַר דיא שפּאַנישע קרוין. זייט ים־רויבעריי עקזיסטירט אויף דער וועלט — און זיא איז אַזוי אַלט וויא דער האַנדעל אויף'ן ים — איז עס נאָך ניט געלונגען צו רויבען מיט אַמאָל אַזאַ רייכטהום, וויא דיזען פּיראַט.

אין 1630 האָט דיא האָלענדישע וועסט־אינדישע קאָמפּאַניע, וועלכע האָט געקענט צאָהלען זעהר הויכע דיווידענדען דורך פּיראַטעריי, טראָץ איהר דורכ־פאַל אין באַהיאַ, בעשלאָסען צו מאַכען אַ נייען פערזוך צו עטאַבלירען אַ קאָלאָ־ניע אין בראַזיליען. דיזעס מאָל האָט זיא געשיקט אַ פלאָטע פון 50 שיפען מיט 7000 מאַן אייננעהמען פּערנאַמבוקאָ, וואָס עס איז איהר געלונגען נאָך אַ שווערען קאַמפּף מיט דיא פּאָרטוגעזישע איינוואָהנער, וועלכע האָבען זיך צוריק־געצויגען אין דער אומגעגענד, וואו זיי האָבען זיך פערבונדען מיט דיא פריינד־ליכע אינדיאַנער און אויך מיט דיא שוואַרצע צו פיהרען אַ גערילאַ־קריעג אין דער ערוואַרטונג אויף פערשטערקונגען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. דיא האָ־לענדער האָבען פערקאָפט אין פּערנאַמבוקאָ צוקער און פערשיעדענע פּראָדוק־טען, וואָס זיינען ווערטה געוועזען ביז צעהן מיליאָן דאָלאַר.

אַ פּאָאָר יאָהר האָט זיך געצויגען דער קאַמפּף צווישען דיא גערילאַ־באַנדעס און דיא האָלענדער, וועלכע האָבען אַלץ געקראָגען פערשטערקונגען און האָבען זיך אויך געשטיצט אויף דיא אידען, ריכטיגער דיא מאַראַנאָס (אנוסים), וואָס האָבען געבילדעט אַ בעדייטענדען טהייל פון דער בעפעלקערונג אין פּערנאַמבו־קאָ און אין אייניגע אַנדערע פּאָרטען פון בראַזיליען. דיא מאַראַנאָס האָבען געפינען מעהר זיכערהייט געגען דיא אינקוויזיציע אין דיא קאָלאָניעס. דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט אַ געוויסע צייט געשיקט יעהרליך צוויי שיפען מיט פערברעכער און אידען צו בעזעצען דיא ניי־געגרינדעטע קאָלאָניעס אין בראַזיליען. אַ סך אידען האָבען זיך יעדענפאַלס בעטהייליגט אין דעם האַנדעל מיט צוקער, וואָס איז געוועזען דאַמאָלס דער וויכטיגסטער פּראָדוקט פון פּערנאַמ־בוקאָ און פון באַהיאַ. עס פערשטעהט זיך, אַז דיזע אידען האָבען סימפּאַטי־זירט מיט דיא פּראָטעסטאַנטען און ספּעציעל מיט דיא האָלענדער, וועלכע זיי־

נען דאַן געווען דיא איינציגע קריסטען צו פּראַקטיצירען טאָלעראַנץ צום אי־דישען גלויבען. דיא אידען און אפילו דיא מאַראַנאָס האָבען געפונען אַ מקום מנוחה אין האָלאַנד. זיי האָבען נאַטירליך נאָכגעפאָלגט דעם האָלענדישען פלאַג און אויך געשטיצט דיא האָלענדער אין אַלע זייערע קאָלאָניאַלע אונטערנעה־מונגען און מלחמות.

אין דיא גרויסע האָלענדישע האנדעלס־קאָמפּאַניעס, בעזאָנדערס אין דער וועסט־אינדישער, האָבען אַנטהייל גענומען אַ סך אידישע קויפּלייטע. דיא אידישע דירעקטאָרען אין אַמסטערדאַם און ראָטערדאַם האָבען נאַטירליך גע־האַט פערבינדונגען מיט דיא פּאָרטוגעזישע אידען און מאַראַנאָס אין בראַזי־ליען. וויא פיעל דיא אידען האָבען נור געקענט שטיצען מיט געלד און העלפען מיט ראַטה און טהאַט דיא האָלענדער געגען זייערע שפּאַנישע און פּאָרטוגע־זישע פערפאָלגער און איבערהויפּט געגען דיא קאַטאָליקען מיט דיא אינקווי־זיציאָנען, האָבען זיי עס געטהאָן. דערפאַר האָבען זיי אָבער טהייער בעצאָהלט, ווען דיא האָלענדער האָבען נאָך אַ קאַמפּף, וואָס האָט געדויערט אַ פערטעל יאָהרהונדערט, געמוזט פערלאָזען בראַזיליען.

אונטער דער פערוואַלטונג פון גראַף יאָהאַן מאָריץ פון נאַסאַו־זיעגען, ווע־מען דיא דירעקטאָרען פון דער וועסט־אינדישער קאָמפּאַניע האָבען אויסגעקליבען פאַר דעם גובערנאַטאָר, האָבען דיא האָלענדער אַלץ ווייטער פערשפּרייט זייער הערשאַפט אין דיא געגענדען צום נאָרד און צום זיד פון פערנאַמבוקאָ. דאָס איז געווען אַ זעלטענער מענש. ער האָט געשטאַמט פון דער קעניגליכער האָ־לענדישער פאַמיליע, נור ער האָט זיך געפיהרט וויא אַ דעמאָקראַט. ער איז געווען אַ פעהיגער קריעגס־פיהרער און אויך אַ געלעהרטער מאַן, אַ ליעבהאָבער פון קונסט און אַן אמת'ער פריי־גייסט. ער האָט קיין שום אונטערשיעד ניט געמאַכט צווישען איד און קריסט, צווישען פּראָטעסטאַנט און קאַטאָליק. דער־מיט האָט ער ניט נור צוגעצויגען אידען און פּראָטעסטאַנטען אין פערנאַמבוקאָ, זאָנדערן האָט אויך אין אַ קורצער צייט געוואונען אויף זיין זייט אַ טהייל פון דער קאַטאָלישער בעפעלקערונג. פיעלע פון דיא פּאָרטוגעזער, וועלכע זיינען זיך צולאָפען, ווען דיא האָלענדער האָבען איינגענומען פערנאַמבוקאָ און דיא אַנדערע פּאָרטען אין דיזען טהייל פון בראַזיליען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז זיי וועלען פערפאָלגט ווערען פון דיא פּראָטעסטאַנטען, וויא זיי אַליין האָבען פערפאָלגט דיא פּראָטעסטאַנטען, האָבען זיך צוריקגעקעהרט און זיך גענומען צו זייערע פריהערע בעשעפטיגונגען, ווען זיי האָבען דערהערט און דערזעהן, וויא דער מערקווירדיגער האָלענדישער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעצייגט אַזאַ רעליגיעזע טאָלעראַנץ, וועלכע איז טאַקע געווען אַן אויסנאַהמע אין דער קריסט־ליכער וועלט. וואָס אַנבעלאַנגט אידען איז דער איינציגער אָרט אין דער נייער וועלט, וואו זיי האָבען אָפען געקענט דיענען צו גאָט און אפילו בויען

א סינאגאגע אין דער ערשטער העלפט פון 17טען יאהרהונדערט, געווען אין פערנאמבוקא אונטער דער מערקווירדיג ליבעראלער פערוואלטונג פון גראף יאהאן מאריץ.

דיא וועסט־אינדישע קאמפאניע, וועלכע האט אין אויג געהאט צו ציהען וואס מעהר פראפיטען פון איהרע קאלאניאלע אונטערנעהמונגען, איז אבער גאר ניט צופריעדען געווען מיט דיזער פערוואלטונג, אבוואהל ער האט אלץ בעזיעגט דיא שפאניש־פארטוגעזישע פלאטען און ארמעען, וועלכע זיינען גע־שיקט געווארען צו פערטרייבען דיא האלענדער, און האט אלץ ווייטער פערנומען פארטען און געגענדען אין בראזיליען. מיט אויסנאהמע פון דער פעסטונג פון באהיא האבען דיא פארטוגעזער און שפאניער געמוזט אבטרעטען פון אלע פארטען צום נארד פון באהיא כמעט ביז דער מינדונג פון אמאזאן נאך דיא זיעגען פון דיא האלענדער אונטער דער קאמאנדע פון גראף יאהאן מאריץ, וועלכער האט געשטרעבט בעזאנדערס צו דער גרינדונג פון א האלענדישער אימפעריע אין בראזיליען.

עס קען זיין, אז דאס וואלט איהם געלונגען, ווען מען וואלט איהם געלאזען פיהרען וויא ער האט געוואלט. דיא דירעקטארען פון דער וועסט־אינדישער קאמ־פאניע האבען אבער פריהער פון אלץ פערלאנגט פראפיטען און זיי האבען פראטעסטירט, וואס ער האט געמאכט גרויסע אויסגאבען פאר דיא קאלאניע גופא. זיינע פאליטישע פלענער און אמביציעס האבען ניט געשטימט מיט דיא פינאנציעלע פלענער פון דיא דירעקטארען, וועלכע האבען איהם אנגעפאנגען צו פערדעכטיגען, דאס ער וויל אליין ווערען א הערשער אין בראזיליען. דיא קאלאניסטען און בכלל דיא פראטעסטאנטען, וועלכע זיינען אייגענטליך געווען אזוי אונטאלעראנט וויא דיא קאטאליקען, האבען איהם ערקלערט פאר אן אפיקורוס און האבען אלץ פראטעסטירט, וואס ער האט ערלויבט די קאטאליקען צו פיהרען אפילו זייערע רעליגיעזע פראצעסיאנען אין דיא גאסען פונקט וויא אונטער דער הערשאפט פון שפאניען אדער פארטוגאל. ער איז געווען צו ליבעראל אפילו פאר דיא ליבעראלסטע לאנדסלייט זיינע. דיא פארטוגעזער און בראזיליאנער, וועלכע ער האט געוואלט וואס מעהר צוציהען מיט זיינע ליבעראלע רעפארמען, דארונטער אויך דיא איינפיהרונג פון א פארלאמענט אין דער קאלאניע (דאס איז געווען דיא ערשטע פארלאמענטארישע אסיפה אין דער נייער וועלט), האבען איהם אזוי וועניג פערשטאנען, וויא דיא האלענדישע קאלאניסטען און הענדלער, וועלכע עס האט פערדראסען, ווארום זיי קריעגען ניט מעהר פריווילעגיעס.

אין פערלויף פון זיעבען יאָהר האָט גראף יאָהאן מאָריץ ענערגיש געקעמפפט געגען אַלע זיינע שונאים אין האָלאַנד און אין בראַזיליען, נור אין 1644, ווען ער האָט פערלאַנגט מיליטערישע פערשטערקונגען און די קאָמפּאַניע האָט זיך ענטזאַגט צו שיקען, האָט ער רעזיגנירט. דער גובערנאַטאָר, וואָס איז געשיקט געוואָרען אויף זיין פּלאַץ, האָט ניט בעזעסען זיינע מיליטערישע און אַדמיני־סטראַטיווע פעהיגקייטען, און די האָלענדישע פּאָססעסיעס זיינען דורך דעם באַלד שוואַכער געוואָרען.

דערצו נאָך איז אין פּאָרטוגאַל פאָרגעקומען אַזאַ איבערקעהרעניס, וועלכע האָט געמוזט זעהר פיעל ווירקען געגען די האָלענדישע קאָלאָניעס אין בראַ־זיליען. דאָס איז געווען די רעוואָלוציאָן אין 1640 געגען די אויבערהער־שאַפט פון די שפּאַנישע קעניגע. אויף דעם טהראָן פון פּאָרטוגאַל זיינען דאַן אַרויף די פּרינצען פון דער בראַגאַנזאַ פאַמיליע, וועלכע האָבען נאַטירליך גע־זוכט צו געווינען צוריק גאַנץ בראַזיליען. זאָ לאַנג בראַזיליען איז גערעכענט געווען פאַר אַ טהייל פון דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער אימפּעריע, האָט זי געליטען פון אַלע שפּאַנישע שונאים און האָט ניט געקענט קריעגען די נויטיגע מיליטערישע הילפע אפילו פון פּאָרטוגאַל. די שפּאַנישע רעגיערונג האָט זיך, וויא מיר ווייסען עס שוין, ניט געמישט אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון די בראַזיליאַנער קאָלאָניעס און האָט זעהר ווייניג זיך געקימערט וועגען זייער צוקונפט. אַזוי שנעל אָבער, וויא פּאָרטוגאַל איז געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, האָט זי גענומען זוכען מיטעל, וויא פּטור צו ווע־רען פון די האָלענדער אין די נאָרדליכע פּראָווינצען פון בראַזיליען. די פּאָרטוגעזישע קאָלאָניסטען האָבען דאַן אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָבען אָנ־געפאַנגען אַ ביטערען קאַמפּף געגען די האָלענדער. זיי האָבען זיך פערבונדען געגען זייער אַלגעמיינען אויסלענדישען שונא, און מען מעג זאָגען, אַז דאַן איז עס אויפגעקומען די בראַזיליאַנער נאַציאָן.

אונטער דער נאָמינעלער הערשאַפט פון די שפּאַנישע קעניגע האָבען די פּאָרטוגעזישע קאָלאָניסטען פון די זידליכע בראַזיליאַנער פּראָווינצען, ספּע־ציעל די פּאַוליסטאַס, אָנגעפאַנגען צו טראַכטען גאָר וועגען גרינדען אַן אונ־אַבהענגיגען שטאַאַט. זיי זיינען געוואַקסען אין צאָהל און אין רייכטהום. זיי האָבען ניט געליטען פון פרעמדע הערשער, וויא זייערע ברידער אין די נאָרד־ליכע פּראָווינצען, און זיי האָבען פערנומען אַלץ גרעסערע געגענדען אין מיטען פון זיד־אַמעריקאַ, ווען זיי פּלעגען זיך יאָגען נאָך אינדיאַנער שקלאַווען. דערביי האָבען זיי גאָר ניט געהאַט אין זינען די גרענעצען פון די שפּאַנישע קאָ־

לאָניעס. אַזוי וויא דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט אַריינגערעכענט בראַזיליען אין איהרע פּאָסעסיעס, האָט זיא זיך ניט געקימערט וועגען דעם, וואָס דיא פּאַוליסטאַס האָבען פערנומען ריזיגע טעריטאָריעס אַלץ ווייטער אין מערב ביז דיא אַנדעסען־בערג. דער רעזולטאַט דערפון איז אָבער, וואָס דיא טעריטאָריע פון דער בראַזיליאַנער רעפּובליק פערנעהמט כמעט אַ העלפט פון גאַנץ זיד־אַמעריקאַ און גרענעצט זיך מיט אַלע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען דאָרטען אויסער מיט טשילי.

אפילו ווען פּאָרטוגאַל האָט זיך שוין אָבגעריסען פון שפּאַניען, האָבען דיא פּאַוליסטאַס אויסגעקליבען איינעם פון זייערע פיהרער, אַ געוויסען אַמאַדאָר בוענאָ, פאַר אַ קעניג; אָבער ער האָט זיך ענטזאַגט פון דיזער עהרע און האָט זיך בעהאַלטען אין אַ קלויסטער. דאַן האָבען זיי בעשלאָסען צו בלייבען טריי צו דער בראַגאַנזאַ דינאַסטיע. דיא איינוואָהנער פון ריאָ דע זשאַנעיראָ און פון באַהיאַ האָבען געפאָלגט זייער ביישפּיעל, און דיא וויכטיגסטע טהיילען פון בראַזיליען זיינען אַזוי געבליבען פערבונדען מיט זייער מוטערלאַנד.

אונטער דער לייטונג פון אַ פּאָרטוגעזישען צוקער־פּלאַנטאַטאָר מיט'ן נאָמען וויעיראַ האָט אין 1645, עטליכע מאָנאַט נאָך דער אָברייזע פון גראַף יאָהאַן מאָריץ, אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד געגען דיא האָלענדער אין פּערנאַמבוקאָ. פּאָרטוגאַל איז דאַן געווען צו שוואַך צו פיהרען אַ קריעג מיט האָלאַנד, אָבער דער פּאָרטוגעזישער גובערנאַטאָר אין באַהיאַ האָט אין דער שטיל געשטיצט דיא רעבעלען אַזוי פיעל, וויא פיעל ער האָט נור געקענט. פון באַהיאַ האָבען דיא קעמפּפער געגען האָלאַנד געקראָגען געוועהר און אויך פערשטערקונגען. דער אויפשטאַנד האָט זיך שנעל צושפּרייט איבער אַלע געגענדען, וועלכע דיא האָלענדער האָבען געהאַט פערכאַפּט. דיא אינדיאַנער האָבען געהאָלפען דיא פּאָרטוגעזער אין דיזען קאַמפּף, וועלכער איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַלער און וועלכער האָט זיך געענדיגט נאָך פיעל שלאַכטען און שרעקליכע אויסשלאַכטונגען אין פערלויף פון צעהן יאָהר מיט אַ נידערלאַגע פאַר דיא האָלענדער. דיא וויכטיגסטע שלאַכט איז פּאָרגעקומען ביי דיא גואַראַראַפּעס בערג ניט ווייט פון פּערנאַמבוקאָ אין 1648, ווען דיא האָלענדער האָבען פערלאָרען ביי זייער אַטאַקע איבער טויזענד סאָלדאַטען און האָבען געמוזט אָבטרעטען.

דער סוף פון דער האָלענדישער הערשאַפט אין דיא נאָרדליכע פּראָווינצען פון בראַזיליען איז געקומען אין 1655, ווען דיא בראַזיליאַנער פּאַטריאָטען האָבען געשטורמט דיא לעצטע האָלענדישע פעסטונג אין פּערנאַמבוקאָ און געצוואונגען דעם האָלענדישען גענעראַל צו קאַפּיטולירען. דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אָהן דיא דירעקטע אַריינמישונג פון סאָלדאַטען פון פּאָרטוגאַל. דיא בראַזיליאַנער האָבען מיט זייערע אייגענע קרעפטע געוואונען צוריק אַלעס, וואָס

דיא האָלענדער האָבען פערכאַפּט, נעמליך 4 פּראָווינצען מיט אַ דוצענד שטעדט אין 14 בעפעסטיגטע פּלעצער. אָבער נור אין 1662 האָט האָלאַנד אָפּיציעל אַנערקענט דורך אַ טראַקטאַט מיט פּאָרטוגאַל, אַז גאַנץ בראַזיליען בלייבט אַ פּאָרטוגעזישע פּאָסעסיע.

איינער פון דיא רעזולטאַטען פון דיזער גרויסער ענדערונג אין בראַזיליען איז געווען, וואָס דיא אידען האָבען אויך געמוזט פערלאָזען פּערנאַמבוקאָ און אַנדערע בראַזיליאַנער שטעדט און פּראָווינצען נאָך דעם דורכפאַל פון דיא האָ־לענדער. דיא פּאָרטוגעזער האָבען געוואָלט זיך אָברעכענען מיט דיא אידען פאַר זייער פריינדשאַפט צו דיא האָלענדער. דער אַלטער רעליגיעזער האַס איז פער־שטאַרקט געוואָרען דורך פּאָליטישע שטרייטען. מען ווייס ניט און מען קען ניט וויסען, וויא פיעל אידען עס האָבען זיך אין מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט געפונען אין בראַזיליען אונטער דעם שוץ פון האָלאַנד, נור זייער צאָהל, ווען מען זאָל אויך צורעכענען דיא מאַראַנאָס, האָט געמוזט זיין אַ בעדייטענדע, ספּעציעל אין פּערנאַמבוקאָ, ווייל זיי האָבען געבילדעט עטליכע געמיינדען אין אַנדערע האָלענדישע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט, ווען זיי זיינען געצוואונ־גען געווען צו פערלאָזען בראַזיליען.

איינע פון אַזעלכע קאָלאָניעס איז געווען ניי־אַמסטערדאַם, וואָס האָט גע־קראָגען דעם נאָמען ניו יאָרק נאָכדעם ווי דיא ענגלענדער האָבען איהר פערכאַפּט, וויא מיר וויסען עס שוין פון דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס. איינינע מאַנאַטען נאָכדעם וויא דיא לעצטע האָלענדישע סאָלדאַטען האָבען קאַפּיטו־לירט אין פּערנאַמבוקאָ, זיינען אָנגעקומען אין פּאָרט פון ניו־אַמסטערדאַם עט־ליכע אידישע פאַמיליען פון בראַזיליען. דאָס זיינען געווען, וויא ווייט מען ווייס עס, דיא ערשטע אידען אין דיא טהיילען פון נאָרד־אַמעריקאַ, וועלכע גע־הערען יעצט צו יונייטעד סטייטס און קענעדע. ווען מען לעזט דיא געשיכטע פון אידען אין יונייטעד סטייטס, געפינט מען, אַז דיא ערשטע אידישע איינ־וואַנדערער זיינען געקומען ניט פון אייראָפּאַ, נור גראַדע פון בראַזיליען; אָבער ערשט ווען מען לעזט דיא געשיכטע פון בראַזיליען, זעהט מען דייטליך, וואָרום דאָס איז אַזוי געווען.

אַ טהייל פון דיא מאַראַנאָס זיינען אָבער פערבליבען אין בראַזיליען אונ־טער דער הערשאַפט פון פּאָרטוגאַל ביז דעם מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט, ווען זיי האָבען זיך אין גאַנצען צומישט מיט דיא קאַטאָליקען. אין בראַזיליען גופא האָט אייגענטליך קיין מאָל ניט עקזיסטירט דיא אינקוויזיציאָן, נור דיא גלחים פלעגען אָוועקשיקען זייערע אָפּפער צו דער אינקוויזיציאָן אין ליסבאָן, וואו מען פלעגט זיי פּייניגען און פערברענען. דיא מאַראַנאָס פלעגט מען נאָכ־

שפּיאָנירען אויף אין דיא בראַזיליאַנער שטעדט, בעזאָנדערס צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט פערשיקט אַ געוויסע צאָהל מאַראַנאָס פון פּאָרטוגעזישע שטעדט נאָך בראַזיליען. עס איז פעסטגע־שטעלט, אַז אין 1723 און אין 1739 זיינען אייניגע מאַראַנאָס פון ריאָ דע זשאַנעיראָ פערברענט געוואָרען אויף אוטאָ־דאַ־פעס אין ליסבאָן, וואוהין מען האָט זיי געבראַכט אויף דעם בעפעהל פון דער אינקוויזיציאָן.

יעדענפאַלס האָבען שוין דיא אידען מעהר קיין ראָלע ניט געשפּיעלט אין דער געשיכטע פון בראַזיליען נאָך דער פעריאָגונג פון דיא האָלענדער.

## דריטער קאַפּיטעל.

# די קאָלאָניעס אין 18טען יאָהרהונדערט

נאָך די אויבען־בעשריעבענע פּאַסירונגען, ווען די פּאָרטוגעזער, אייגענט־ליך קרעאָלען און מעסטיזאָס, זיינען געבליבען די בעלי־הבתים איבער די ריזיגע טראָפּישע געגענדען פון בראַזיליען, האָט זיך די בעפעלקערונג דאָרטען זעהר שנעל פערמעהרט. די פּאָרטוגעזישע רעגיערונג איז ניט געוועזען גענוג שטאַרק צו בעהערשען די קאָלאָניסטען און צו בעשרענקען זייער האַנדעל מיט דער אויסערער וועלט, ווי די שפּאַנישע רעגיערונג האָט עס געטהאָן אין איהרע פּאָסעסיעס. פון דער אַנדער זייט האָבען זיך די קאָלאָניסטען געפיהלט אונאַבהענגיג און פעהיג אַליין צו פערוואַלטען זייערע שטעדט נאָך זייערע זיעגען איבער די פראַנצויזען און האָלענדער. אין אַלע טהיילען פון בראַזיליען האָבען זיך די קאָלאָניעס ענטוויקעלט מערקווירדיג שנעל אַ דאַנק פון איין זייט דעם אויסוועָרטיגען פריעדען און פון דער אַנדער זייט דער פער־העלטניסמעסיגער פרייהייט פון האַנדעל און דער זעלבסטפערוואַלטונג פון די שטעדט. צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט האָבען זיך שוין געפונען אין די בראַזיליאַנער קאָלאָניעס און שטעדט אַרום דריי־פערטעל מיליאָן נפשות.

אין דיזער צייט האָבען זיך אויך פערשפּרייט די יעזואיטישע מיסיאָנען. די פּאַוליסטאַס האָבען אָבער אַלץ ווייטער געיאָגט די יעזואיטען אין מיטען לאַנד, צו די וועלדער אין דעם טהאָל פון אַמאַזאָן. די יעזואיטען זיינען אַזוי ביסלעכווייז צוגעקומען מיט זייערע מיסיאָנען, וועלכע זיינען געוועזען אינ־דיאַנער דערפער, ווי מיר ווייסען עס שוין פון פריהערע קאַפּיטלעך, ביז צו די שפּאַנישע מיסיאָנען און בעזעצונגען אין פּערו, באָליוויאַ און פּאַראַגוואַי. אין איינינגע געגענדען האָבען זיך די יעזואיטישע מיסיאָנען אַזוי פערמעהרט, אַז דאָס האָט געפיהרט אין יאָהר 1684 צו אַן אויפשטאַנד פון די קאָלאָניסטען אין מאַראַנהאַאָ און פּאַראַ. דער פיהרער פון דיזען אויפשטאַנד מיט'ן נאָמען מאַנאָעל בעקמאַן איז געפאַנגען און הינגעריכטעט געוואָרען, אָבער די פּאָר־טוגעזישע רעגיערונג האָט דאָך נאַכדעם אויפגעהערט צו שטיצען די יעזואי־טען אַזוי ווי אין אָנפאַנג.

איינע פון דיא נאָכוועהעניסען פון דער האָלענדישער הערשאַפט אין פערנאַמבוקאָ איז געווען אַ קאַמפף צווישען ווייסע און שוואַרצע. אַ געוויסע צאָהל נעגער זיינען זיך צולאָפען אין דיא וועלדער, וואו זיי האָבען אויפגעבויט דערפער און זיך בעפעסטיגט. אין דער צייט, ווען דיא פאָרטוגעזער און האָלענדער האָבען געקעמפפט וועגען אויבערהערשאַפט, איז דיא בעפעלקערונג שנעל געוואַקסען אין דיזע דערפער. פון אַלע זייטען זיינען אַהין געקומען צו לויפען שוואַרצע שקלאַווען, וועלכע האָבען געזוכט פרייהייט. אין זייערע דערפער האָבען זיי זיך געפיהרט וויא אין בעזונדערע רעפובליקען. זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען דיא רעגיערונג און דיא אויבערמאַכט פון דיא ווייסע. דיא עקספעדיציעס, וואָס דער גובערנאַטאָר פון פערנאַמבוקאָ האָט אַרויסגעשיקט צו צערשטערען דיזע דערפער און צו פאַנגען אָדער אויסשלאַכטען דיא אַנטלאָפענע שקלאַווען, האָבען ווייט ניט דערגרייכט זייער ציעל. דיזע זאָנדערבאַרע נעגערישע רעפובליקען האָבען עקזיסטירט אַ יאָהר פופציג ביז איינער פון דיא גרעסטע פיהרער פון דיא פאַוליסטאַס, דאָמינגאָס כאָרזשע, וועלכער האָט זיך אַלץ געיאָגט נאָך אינדיאַנער און האָט צושטערט פיעלע יעזואיטישע מיסיאָנען, איז צוגעקומען צו דיא וועלדער און בערג, וואו דיא שוואַרצע מיאַטעזשניקעס געגען דיא ווייסע הערשער האָבען זיך אויפגעהאַלטען. ער האָט זיי ענדליך אַרומגערינגעלט מיט זיינע באַנדעס און האָט זיי פשוט פערטיליגט. אין 1697 האָט ער צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה פון 7000 בראַזיליאַנער געגען אַ צעהנדליג טויזענד שוואַרצע, וועלכע האָבען זיך בעפעסטיגט אין אַן אָרט מיט'ן נאָמען פאַלמאַרעס. דאָס איז געווען דער לעצטער ווידערשטאַנד פון דיא שוואַרצע אין בראַזיליען געגען דיא ווייסע. זעהר וועניגע פון דיזע רעבעלען האָבען זיך געקענט רעטען דורך אַנטלויפען ווייטער אין דיא וועלדער. דיא ווייסע זיעגער האָבען געשאָכטען דיזע אונגליקליכע אָהן ערבאַרמען, אום אַרויפצוזאָגען מעהר שרעק אויף דיא שקלאַווען, וועלכע מען האָט אַלץ געבראַכט צו שלעפען פון דיא פאָרטוגעזישע פאָסעסיעס אין אַפריקאַ. מען דאַרף אָבער ניט שליסען דערפון, אַז דיא פאָרטוגעזער האָבען בעהאַנדעלט זייערע שקלאַווען אין בראַזיליען ערגער און גרויזאַמער, וויא דיא שפאַניער, פראַנצויזען און ענגלענדער אין זייערע קאָלאָניעס. דיא בעציהונגען פון דיא קרעאָלען און מעסטיזאָס אין בראַזיליען צו זייערע שקלאַווען זיינען גראַדע געווען ווייכערע און בעסערע וויא פון דיא ענגלענדער און אַמעריקאַנער צו זייערע שקלאַווען.

אין דערזעלבער צייט, ווען דיא פאַוליסטאַס האָבען אַלץ געזוכט צו פאַנגען אינדיאַנער שקלאַווען אין דיא פערוואָרפענסטע ערטער פון בראַזיליען, האָבען זיי אויך געזוכט עלדאָראַדאָס. דאָס איז זיי געלונגען אין לעצטען פערטעל פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דיא געגענדען, וועלכע בילדען היינט דעם גרויסען שטאַאט מינאַס זשעראַעס. דאָרטען איז טאַקע אין

1693 ענטדעקט געוואָרען אַן עלדאָראַדאָ. אין אייניגע ערטער האָט זיך גאָלד, מעג מען זאָגען, פּשוט געוואַלגערט. דיא טעריטאָריע פון מינאַס זשעראַעס איז איינע פון דיא רייכסטע, אויב ניט דיא רייכסטע אין מעטאַלען. אין דיא ערשטע 50 יאָהר נאָך דער ענטדעקונג פון דיזער עלדאָראַדאָ, האָט מען דאָרטען צוזאַמענגעקליבען זיעבען און אַ האַלב מיליאָן אונציעס גאָלד. מיט אייניגע יאָהרען שפּעטער זיינען אין דעם זעלבען שטאַאט ענטדעקט געוואָרען דיא בעריהמטע דיאַמאַנט־פעלדער לעבען אַן אָרט, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען דיאַמאַנטינאַ.

דיזע ענטדעקונגען, וויא אויך פון זילבער, קופּער און פיעלע אַנדערע מעטאַלען און פערשיעדענע עדעלשטיינער, האָבען נאַטירליך צוגצויגען גליק־זוכער און אוואַנטוריסטען פון פערשיעדענע ערטער, ספּעציעל פון פּאָרטוגאַל. מינאַס זשעראַעס, וועלכע איז ביז 1720 געוועזן אַ טהייל פון דער אַלטער פּראָווינץ סאַאון פּאַולאָ, איז דאַרום געוואָרען זעהר שנעל בעפעלקערט. היינט געפינען זיך אין דיזען שטאַאט ביז פיער מיליאָן נפשות, פיעל מעהר וויא אין אירגענד וועלכען אַנדערען שטאַאט פון דער בראַזיליאַנער רעפּובליק.

אַזוי וויא ריאָ דע זשאַנעיראָ איז געוועזן דער בעסטער פּאָרט פאַר דיא מינען־געגענדען, וועלכע זיינען אַלץ מעהר און ווייטער ענטדעקט געוואָרען אין דיא מיטעלסטע טעריטאָריעס פון בראַזיליען צום נאָרד פון סאַאון פּאַולאָ און מינאַס זשעראַעס (דאָס זיינען היינט דיא שטאַאטען גאָיאַז און מאַטאָ גראָסאָ), איז דיא בעפעלקערונג דאָרטען אַזוי שנעל געוואַקסען, וויא דער האַנדעל. דיא גאָלד־זוכער פלעגען פריהער לאַנדען אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, און דיא עדעלע מעטאַלען און שטיינער פלעגען אויך שליסליך געבראַכט ווערען אַהין, אום אוועקגעשיקט צו ווערען נאָך פּאָרטוגאַל.

אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט איז פּאָרטוגאַל אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דער מלחמה וועגען דיא שפּאַנישע ירושה, אַ מלחמה וועלכע איז ארויסגערופען געוואָרען פון דעם פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם פערצעהנטען און וועלכע האָט זיך געענדיגט אין 1713 זעהר אונגליקליך פאַר פראַנקרייך. מיט דיזער מלחמה האָבען זיך פראַנצויזישע אוואַנטוריסטען און פּיראַטען בענוצט צו בעפאַלען און צו בערויבען ריאָ דע זשאַנעיראָ. דאַן איז ים־רויבעריי געוועזן אַ טהייל פון קריעגס־פיהרונג. עס איז געוועזן ערלויבט צו בעוואָפּענען שיפען און זיי ארויסשיקען צו בערויבען דיא האַנדעלס־שיפען און אויך דיא פּאָרטען פון דעם שונא. דער שנעל־שטייגענדער רייכטהום פון ריאָ דע זשאַנעיראָ האָט בעזאָנדערס אויפגערייצט דיא האַבזוכט פון פראַנצויזישע קאָרסערען אָדער פּיראַטען. אונטער דער פיהרונג פון אַ קאַפּיטאַן מיט'ן נאָמען דיוקלערק זיינען אַ באַנדע פון אַ טויזענד פראַנצויזישע ים־סאָלדאַטען און פּיראַטען צוגעקומען אין 1710 מיט שיפען צום האַפען פון ריאָ דע זשאַנעיראָ. ווען דיזער קאַפּיטאַן האָט אויסגעפונען, אַז זיינע שיפען זיינען ניט גענוג שטאַרק אריינ־

צורייסען זיך דורך דעם שמאָלען אַריינפאָהר אין פאָרט, האָט ער געלאַנדעט מיט זיין באַנדע אַ מייל 40 פון דער שטאָדט און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אַהין דורך דיא וועלדער. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו ריאָ דע זשאַנעיראָ אָהן שום ווי־דערשטאַנד פון דיא איינוואָהנער אויף'ן וועג, האָבען זיי זיך אַ לאָז געטהאָן דורך דיא שמאָלע גאַסען צו פאַנגען דעם גובערנאַטאָר'ס פאַלאַץ און צו רויבען. דאָס איז זיי געלונגען, טראָץ דעם וואָס פון אַ באַרג האָט מען אויף זיי געשאָסען פון קאַנאָנען; אָבער אין דער צייט, ווען זיי האָבען פערנומען דעם גובערנאַ־טאָר'ס פאַלאַץ און האָבען געזוכט גאָלד און ווערטהפאָלע זאַכען אין דיא הייזער, האָבען זיך דיא איינוואָהנער צוזאַמענגעקליבען הינטער דער שטאָדט און זיינען בעפאַלען פלוצלונג דיא אַנגרייפער. דער סוף איז געווען אַ זעהר טרויעריגער פאַר דיזע פיראַטען. אפילו דיא פון זיי, וועלכע זיינען אַרומגערינגעלט גע־וואָרען אין פאַלאַץ און האָבען זיך אונטערגעגעבען נאָך דיא מיליטערישע דינים, זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען פון דיא פאָרטוגעזער מיט אַ ווילדער רציחה.

דיא איינוואָהנער פון ריאָ דע זשאַנעיראָ האָבען אָבער טהייער בעצאָהלט פאַר דיזע רציחה. דעם נעכסטען יאָהר איז אין דעם פראַנצויזישען פאָרט סענט מאַלאָ אָרגאַניזירט געוואָרען אַ גרויסע עקספעדיציע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם בעריהמטען אַדמיראַל דיוגעי־טרוען צו נעהמען ראַכע פון דיא פאָר־טוגעזער אין בראַזיליען. רייכע קויפלייטע האָבען געשטיצט פינאַנציעל דיזע עקספעדיציע אין דער ערוואַרטונג צו קריעגען כפל כפלים דורך פיראַטעריי. ווען דיזער פעהיגסטער אַדמיראַל פון פראַנקרייך אין זיין צייט, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אויך ביי אַטאַקעם אויף ענגלישע שיפען, איז צוגעקומען צום פאָרט פון ריאָ דע זשאַנעיראָ, האָט ער געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע 5000 געקליבענע סאָלדאַטען אויף 17 גרויסע און קליינע שיפען, וועלכע זיינען געווען בעוואַפענט מיט אַ סך קאַנאָנען. אָבוואָהל דיזע עקספעדיציע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין געהיים, דאָך האָבען דיא פאָרטוגעזער זיך דערוואוסט דערפון אין צייט און האָבען בעפעסטיגט דעם אַריינפאָהר אין פאָרט און פערשטאַרקט דעם גאַרניזאָן. דאָס האָט זיי אָבער ווייניג געהאָלפען. דיא פראַנצויזען האָבען זיך אַריינגעריסען אין פאָרט כמעט אָהן פערלוסטען. נאַכהער האָבען זיי אויסגע־שטעלט זייערע קאַנאָנען אין געוויסע סטראַטעגישע פונקטען און געשטורמט דיא שטאָדט. דער גובערנאַטאָר איז אַנטלאָפען אין שרעק און נאָך איהם דיא אַנדערע בעאַמטע און דיא אָנגעזעהענסטע בירגער. אַדמיראַל דיוגעי־טרוען איז אַזוי געוואָרען דער אויבערהאַר פון ריאָ דע זשאַנעיראָ, נור אַזוי וויא דער צוועק פון זיין עקספעדיציע איז געווען ראַכע און ספעציעל רויב, איז ער דאָרט ניט לאַנג פערבליבען. אויסער דעם וואָס דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען האָבען אייגענהענטיג גערויבט דאָרטען, איז דער גובערנאַטאָר געצוואונגען געווען צו בעצאָהלען אַ גרויסע קאָנטריבוציע מיט גאָלד און צוקער און אויסצוליפערען

אַלע לעבעדיג־געבליבענע געפאַנגענע פון דיוקלערק'ס באַנדע. מיט טריאומף און מיט אוצרות זיינען אַדמיראַל דיוגעי־טרועןס שיפען אַרויסגעפאָהרען פון ריאָ דע זשאַנעיראָ, אום צו אַטאַקירען און בערויבען אַנדערע בראַזיליאַנער פאָרטען, ספּעציעל באַהיאַ. נור אַזוי וויא אויף'ן וועג האָט ער אין דער צייט פון אַ שטורם פערלאָרען צוויי פון זיינע בעסטע שיפען, האָט ער בעשלאָסען צוריקצוקעהרען זיך נאָך סענט מאַלאָ. טראָץ דעם פערלוסט פון דיזע שיפען, אויף וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ בעדייטענדער טהייל פון דער קאָנטריבוציע, האָבען דאָך דיא קויפלייטע פון סענט מאַלאָ געקראָגען פון דיזער פּיראַטעריי אַ פּראָפיט פון 92 פּראָצענט אויף זייער קאַפּיטאַל.

דאָס איז שוין געווען דיא לעצטע אַטאַקע פון ים־רויבער און אַוואַנטוריסטען אויף דיא בראַזיליאַנער פאָרטען, וועלכע זיינען אַלץ גרעסער און רייכער געוואָרען דורך אַ פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג און אַ פערגרעסערונג פון פּראָדוקציאָן און האַנדעל. דיא פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס זיינען ניט נור שטאַרק געוואָרען צו בעשיצען זיך געגען אויסלענדישע אַטאַקעס, זאָנדערן זיינען אַליין אין שטאַנד געווען צו אַטאַקירען שפּאַנישע פּאָסעסיעס. דיא פּאַוליסטאַס האָבען זיך דערביי ווידער אויסגעצייכענט. זייערע באַנדעס זיינען דאָס אַלץ נעהענטער צוגעקומען צו פּאַראַגוואַי, אורוגוואַי און איבערהויפּט צו דיא לאַ פּלאַטאַ געגענדען, וועלכע האָבען געהערט צו שפּאַניען אויף דעם גרונד פון ענטדעקונג (זעה דעם אָנפאַנג פון דער געשיכטע פון אַרגענטינע) און פון דעם טאָרדעסילאַס אָבמאַך. נור דורך זייערע פערכאַפּונגען זיינען עס די טעריטאָריעס פון סאַנטאַ קאַטאַרינאַ און ריאָ גראַנדע דאָ סול געבליבען טהיילען פון בראַזיליען; זאָנסט וואָלטען דיזע פּראַכטפאָלע און רייכע געגענדען מיט אַ מעסיגוואַרימען קלימאַט געבליבען טהיילען פון אַרגענטינע און פּאַראַגוואַי און איבערהויפּט שפּאַניש־שפּרעכענדע.

אָבער וואָס מעהר גאָלד און דיאַמאַנטען מען האָט געפונען אין מינאַס זשעראַעס, אַלץ וועניגער איינוואָהנער זיינען פערבליבען אין סאַאון פּאַולאָ און אַלץ מעהר האָבען געליטען דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס און בכלל דיא אַקערבוי־קאָלאָניעס, ווייל פון אַלע זייטען און בעזאָנדערס פון סאַאון פּאַולאָ האָט מען זיך אַ לאָז געטהאָן זוכען גליק אין דער גרויסער עלדאָראַדאָ. דיא מינען־אינדוסטריע האָט מיט אַמאָל פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ, און דיא אַגריקולטור, וועלכע איז געווען דער פונדאַמענט פון דיא ערשטע בראַזיליאַנער קאָלאָניעס און איז בכלל דער פונדאַמענט פון בראַזיליען, איז דאַן אַזוי פערנאַכלעסיגט געוואָרען, אַז וועסט־אינדיען האָט פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ אויף דעם צוקער־מאַרקעט. אין 17טען יאָהרהונדערט פלעגט מען אין אייראָפּאַ בעקומען צוקער מייסטענס פון פּערנאַמבוקאָ און אַנדערע בראַזיליאַנער פּראָווינצען. אין

18טען יאָהרהונדערט, נאָך דיא ענטדעקונגען פון גאָלד און דיאַמאַנטען אין מינאַס זשעראַעס, גאָיאַז און מאַטאָ גראָסאָ, האָט מען אָנגעהויבען אַליין מעהר צו אימפּאָרטירען צוקער פון די וועסט־אינדישע אינזלען. אויך טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס און פיה־פיטערונג האָבען געליטען דורך דיא ווילדע יאָגענעס נאָך גאָלד און דיאַמאַנטען־מינען.

אין פּאָרטוגאַל האָט דער גאָלד־שטראָם פון דיא נייע־ענטדעקטע עלדאָראַ־דאָס אין בראַזיליען געפיהרט צו ווילדע ספּעקולאַציעס, גרויסע פערדאָרבענהייט און אויסצעהרענדען לוקסוס. דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט ערקלערט דיא דיאַמאַנטען־געגענדען פאַר איהר אייגענטהום און האָט געפאָדערט צוויי־פינפ־טעל פון דעם גאָלד, וואָס מען האָט דאָרט געפונען. זי האָט בכלל שטרענג אויפגע־פּאַסט, אַז דיא עדעלע מעטאַלען און שטיינער זאָלען אַריינקומען אין איהר קאַסע און יעדענפאַלס אין איהר הויפּט־שטאָדט. נור דיזע לייכט און שנעל־ערוואָרבענע רייכטהימער זיינען איהר געווען אַזוי וועניג מזל'דיג, וויא דיא גאָלד און זילבער פון פּערו און מעקסיקאָ דער שפּאַנישער רעגיערונג. וואָס מעהר גאָלד דער קעניג האָט אַריינגעקראָגען פון בראַזיליען און בכלל פון דיא קאָלאָניעס, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרען דיא אויסגאַבען און פערשווענדונגען, וואָס עס האָט געפיהרט צו אַלץ נייע שטייער און מאָנאָפּאָלען, פון וועלכע דיא מאַסען האָבען נאַטירליך אַלץ מעהר געליטען.

אין מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט, נאָך דעם טויט פון קעניג יאָהאַן דעם פינפטען, האָט זיך פּאָרטוגאַל געפונען אין אַ זעהר טרויעריגער לאַגע דורך דיא שלעכטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פיהרונגען פון דער רעגיערונג, טראָץ דיא אונגעהייערע איינקינפטע פון דיא קאָלאָניעס. צום גליק פון דער פּאָרטו־געזישער נאַציאָן, איז אָבער דאַן אַלס הויפּט־מיניסטער געוואָרען אַ מאַן, וואָס פערנעהמט אַ גרויסען פּלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע דורך זיין מוטהיגען קאַמפּף געגען דיא יעזואיטען און פאַר ליבעראַלע רעפאָרמען. דאָס איז דער בעריהמטער מאַרקיז דע פּאָמבאַל, גענאַנט דער גרויסער מאַרקיז, אַ פרייער דענקער און פעהיגער שטאַאטסמאַן. אין דיא 27 יאָהר, וואָס דער קעניג יאָזעף דער ערשטער איז געווען דער קרוין־טרעגער, איז אָבער דער אמת'ער רעגיערער געווען דיזער גרויסער און ענערגישער מאַן, וואָס ווערט גערעכענט פאַר איינעם פון דיא גרעסטע און וויכטיגסטע פערשפּרייטער פון דיא אידעען, וועלכע האָ־בען צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט טריאומפירט דורך דיא גרויסע פראַנצוי־זישע רעוואָלוציאָן. ער האָט דורכגעפיהרט אַ סך וויכטיגע רעפאָרמען אין פּאָר־טוגאַל גופא, אין בראַזיליען און אין דיא אַנדערע קאָלאָניעס. ער האָט רעאָרגאַ־ניזירט דיא פינאַנצען און געזוכט צו ענטוויקלען דיא אינדוסטריען און דעם

האַנדעל. אויך האָט ער געזוכט צו פערשפּרייטען מעהר בילדונג, וואָס עס האָט נאָך מעהר פערשאַרפט דעם קאַמפּף, דורך וועלכען ער האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט, נעמליך דעם קאַמפּף מיט דיא יעזואיטען, וועלכע זיינען געווען זעהר מעכטיג אין פּאָרטוגאַל און בעזאָנדערס אין בראַזיליען דורך זייערע בעריהמטע אינדיאַנער מיסיאָנען און וועלכע זיינען געווען דיא ביטערסטע געגנער פון זיינע רעפאָרמען און בכלל פון ליבעראַלע אידעען. ער האָט ניט נור מוטהיג און ענערגיש בעקעמפפט דיא יעזואיטען, זאָנדערן ער האָט זיי אויך אַרויסגע־יאָגט פון לאַנד און קאָנפיסצירט זייערע גיטער. דערמיט האָט ער געצייגט א וועג אַנדערע רעגיערונגען, וועלכע האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו אונטערדריקען דיזען געפעהרליכען אָרדען. מיר ווייסען שוין פון פריהערע קאַפּיטלעך (זעה דיא געשיכטע פון פּאַראַגוואַי), אַז דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט פעריאָגט דיא יעזואיטען אפילו פון זייערע בעריהמטע מיסיאָנען, וואו זיי האָבען קאָמאַנדע־ווערט איבער צעהנדליגע טויזענדע אינדיאַנער (דיא זאָ־גענאַנטע יעזואיטישע רעפּובליק).

מאַרקיז דע פּאָמבאַל האָט ניט נור בעפוילען אַרויסצויאָגען דיא יעזואיטען פון זייערע מיסיאָנען און אפילו שולען, זאָנדערן ער האָט אויך אָנגענומען מיטעל געגען דיא פערשקלאַוואונג פון אינדיאַנער. זיין אַטאַקע אויף דיא יעזואיטען אין בראַזיליען האָט זיך צוערשט אָנגעפאַנגען אין דיא פּראָווינצען מאַראַנהאַאָ און פּאַראַ, וואוהין זיי זיינען פעריאָגט געוואָרען פון זייערע אַלטע שונאים, דיא פּאַוליסטאַס, וויא מיר ווייסען עס שוין. נאַכהער האָט ער גענומען זיי יאָגען פון אַנדערע בראַזיליאַנער פּראָווינצען און אויך פון פּאָרטוגאַל. אין דיא זידליכע געגענדען פון בראַזיליען, ספּעציעל אין סאַאון פּאַולאָ, זיינען שוין דאַן געווען זעהר וועניג יעזואיטען. דיא פּאַוליסטאַס האָבען זיך אָבער בענוצט מיט פּאָמבאַל'ס בעפעהלען, אום צו צושטערען דיא יעזואיטישע מיסיאָנען אפילו אין דיא שפּאַנישע געגענדען, בעזאָנדערס אין אורוגוואַי.

אין 1777, ווען קעניג יאָזעף איז געשטאָרבען, איז באַלד געקומען א סוף צו דער רעגיערונג פון דיזען גרויסען שטאַאַטסמאַן. עס פערשטעהט זיך, אַז אַזא רעגיערער האָט געהאַט א סך ביטערע שונאים. אונטער דער לייטונג פון דיא יעזואיטען, וועלכע האָבען איהם געהאַסט וויא דעם טויט, האָבען זיך פער־אייניגט געגען איהם אַלע רעאַקציאָנערען. זיי האָבען נור געוואַרט אויף א געלעגענהייט צו ברעכען זיין מאַכט, און דיזע געלעגענהייט איז געקומען נאָך דעם טויט פון דעם קעניג, וועלכער האָט זיך געפונען פאַלשטענדיג אונטער זיין איינפלוס. דיא רעאַקציאָנערען האָבען שוין אָבער ניט געקענט אָבשאַפען דיא

רעפארמען, וועלכע ער האט איינגעפיהרט, און טרייבען צוריק צו דער אלטער ארדנונג. דאס איז דאך שוין געווען נאך דער ערקלערונג פון דער אונאבהענגיג־קייט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא און מיט א יאהר צוועלף פאר דער צערשטערונג פון דער באסטיליע. עס האבען זיך דאן גע־לאזט הערען אויך אין פארטוגאל די דונערען פאר דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן.

אונטער פאמבאל'ס רעגיערונג איז די בעפעלקערונג פון בראזיליען גע־שטיגען ביז צוויי מיליאן און אלע פראווינצען האבען אויפגעלעבט. ריא דע זשאנעירא האט געצעהלט 50 טויזענד און באהיא 40 טויזענד נפשות. אין דער פראווינץ מינאס זשעראעס האבען זיך געפונען ארום 500 טויזענד איינ־וואהנער, מייסטענס אין די ערטער, וואו מען האט געפונען גאלד און דיא־מאנטען. אאורא פרעטא, די הויפט־שטאדט פון דיזע אונגעהייער רייכע מי־נעראל־געגענדען, איז געווארען א צענטער ניט נור פון אינדוסטריע און האנדעל, זאנדערן אויך פון בילדונג און אויפקלערונג. די גרעסטע פאעטען און שריפט־שטעלער פון בראזיליען זיינען גראדע אויפגעקומען אין דיזען נייען צענטער. דארטען האבען זיך אויך בעוויזען די ערשטע פרייהייטס־קעמפפער, די ער־שטע און בעסטע שילער פון די פראנצויזישע פילאזאפען און פריידענקער. אין 1785 האבען איינינע יונגע בראזיליאנער, וועלכע האבען שטודירט אין אוניווערזיטעט פון קאימבראַ אין פארטוגאל און האבען דארטען געלעזען די ווערק פון וואלטער און פון אנדערע פראנצויזישע פריידענקער, געמאכט א פער־שווערונג אין אאורא פרעטא, אום איינצופיהרען א רעפובליק אין בראזיליען. זיי האבען געטרוימט נאכצופאלגען דעם ביישפיעל פון די אמעריקאנער קאָ־לאניסטען, און איינער פון זיי האט געשריבען צו טהאמאס דזשעפערסאן, וועל־כער איז דאן געווען דער געזאנדטער פון יונייטעד סטייטס אין פאריז, און ביי איהם געבעטען הילפע. דער גרויסער פערפאסער פון דער ערקלערונג פון אונ־אבהענגיגקייט האט זיי געענטפערט, אז זיי קענען נור ערווארטען הילפע פון פרעמדע, ווען זיי אליין וועלען אנפאנגען א רעוואלוציאן.

דיזע פערשווערונג איז אבער באלד ענטדעקט געווארען, און דער הויפט־פיהרער, אן אפיציער, וואס האט געטראגען די צונעמענעס טיראדענטעס (מיינט: צייהן־ציהער), איז געהאנגען געווארען און די אנדערע זיינען פער־שיקט געווארען נאך אפריקא.

דאס איז געווען דער איינציגער פערזוך אין בראזיליען צו ענדע פון 18טען יאהרהונדערט אבצושאפען די הערשאפט פון פארטוגאל. די קאלאניעס האבען גראדע געמאכט גרויסע עקאנאמישע פארטשריטע, אבער אין בילדונג זיינען זיי געווען זעהר הינטערשטעליג. א גאנץ קליינע צאהל האבען געקענט

לעזען און שרייבען. דיא בראַזיליאַנער האָבען פערקעהרט כמעט אויסשליסליך מיט זייער מוטערלאַנד. זיי זיינען דאַן געוועזן כמעט אָבגעשלאָסען פון דער זייטיגער וועלט, זאָ דאָס אפילו דער וועלט־איבערקעהרענדער שטורם פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָט זיי גאַנץ וועניג אָנגעריהרט ביז צו דער צייט פון דיא נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, וועלכע האָבען געמאַכט אַן איבער־קעהרענעס אין פּאָרטוגאַל גופא אַזוי וויא אין שפּאַניען. זיזע איבערקעהרענעס האָט געפיהרט צו דער עטאַבלירונג פון אַן אימפּעריע אין בראַזיליען, דיא איינ־ציגע אין דער נייער וועלט, וויא מיר וועלען עס זעהען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

## פיערטער קאַפּיטעל.

# דיא מאָנאַרכיע און דאָם פּעדראָ דער ערשטער

צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, ווען אַלע קעניגע פון אייראָפּאַ האָבען זיך פערבונדען צו דערשטיקען אין בלוט דיא פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, איז אויך יאָהאַן (פּאָרטוגעזיש אויסגעשפּראָכען: זשאָאַון), דער רעגענט פון פּאָרטוגאַל, צוגעטראָטען צו דיזען "הייליגען בונד". ער האָט זיך דערשראָקען פאַר דיא ליבעראַלע פּאַרטיי, וועלכע איז אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דיא רעוואָלוציאָנערע אידעען פון פראַנקרייך, און אין 1793 האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט דעם שפּאַנישען קעניג געגען דיא פראַנצויזישע רעפּובליק און אויך געשיקט 5000 סאָלדאַטען צו שטיצען דיא שפּאַנישע אַרמעע און קריעגס־שיפען צו העלפען דיא ענגלישע פלאָטע געגען פראַנקרייך אין מיטעללענדישען מעער.

אַזוי איז עס פּאָרטוגאַל אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַ מלחמה מיט פראַנקרייך, וועלכע האָט געפיהרט צו זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר דיא פּאָרטוגעזישע נאַציאָן און בעזאָנדערס פאַר דיא קעניגליכע פאַמיליע. עס האָט ניט פיעל געפעהלט, אַז פּאָרטוגאַל זאָל גאָר אויפהערען צו זיין אַן אונאַבהענגיגע מדינה. אין 1797 האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג, וועלכע האָט געשלאָסען פריעדען מיט דער פראַנצויזישער רעפּובליק און ערקלערט קריעג צו ענגלאַנד, אָבגעמאַכט אין געהיים מיט דעם פראַנצויזישען געזאַנדטען אין מאַדריד, אַז פּאָרטוגאַל זאָל צוטהיילט ווערען. דער רעגענט פון פּאָרטוגאַל האָט דאַן אַפּעלירט צו ענגלאַנד נאָך הילפע, און דיא ענגלישע רעגיערונג האָט איהם געשיקט אַן אַרמעע פון 6000 מאַן און אויך אַ געוויסע סומע געלד. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט זיך מיט איהם אָבגערעכענט אין 1801, ווען אַ פראַנצויזישע אַרמעע האָט זיך אַריינגעריסען אין פּאָרטוגאַל דורך שפּאַניען. דאָם יאָהאַן האָט געמוזט אונטערשרייבען נאַפּאָלעאָן'ס פּאָרדערונג צו פערשליסען אַלע פּאָרטוגעזישע פּאָרטען פאַר ענגלישע שיפען און דערצו נאָך זיך פערפּליכטען צו צאָהלען אַ קאָנטריבוציע פון 20 מיליאָן פראַנק.

דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט זיך דאַן געפונען צווישען צוויי פייערען: דיא ענגלישע פלאָטען און דיא פראַנצויזישע אַרמעען. דיא עקאָנאָמישע און

פּאָליטישע אינטערעסען פֿון פּאָרטוגאַל האָבען איהר געטריבען צו אַ פֿערבאַנד מיט ענגלאַנד; אָבער זיא האָט געציטערט פֿאַר נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמעען. אין 1806, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אַרויסגעלאָזען זיין בעריהמטען בעפֿעהל צו אַלע רעגיערונגען אין אייראָפּאַ, אַז זיי זאָלען ניט אַריינלאָזען אין זייערע פּאָרטען ענגלישע שיפֿען, און דיא פּאָרטוגעזישע רעגיערונג האָט זיך ענטזאַגט צו פֿאָלגען, האָט ער געשלאָסען אַ געהיימען אָבמאַך מיט שפּאַניען וועגען דיא צוטהיילונג פֿון פּאָרטוגאַל און האָט געשיקט אין 1807 אַן אַרמעע פֿון 30,000 פֿראַנצויזישע סאָלדאַטען מיט אַ טהייל פֿון דער שפּאַנישער אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פֿון גענעראַל זשונאָ צו פֿערנעהמען ליסבאָן. אָבער בשעת נאַפּאָלעאָן׳ס גענעראַל איז אַריין מיט זיין אַרמעע אין דער פּאָרטוגעזישער הויפּט־שטאָדט, האָבען זיך שוין דער רעגענט מיט דער משוגע׳נער קעניגין, מיט דער גאַנצער קעניגליכער פֿאַמיליע, מיט דעם קעניגליכען הויף, מיט דיא העכסטע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליעס, מיט דיא הויכע בעאַמטע, מיט גענעראַלען, אַדמיראַלען, אָפֿיציערען, צוזאַמען אַרום פֿופֿצעהן טויזענד פּערזאָן, וויא אויך מיט דיא גאָלד, זילבער, געצירונג און פֿערשיעדענע טהייערע זאַכען, וואָס מען האָט געקענט צוזאַמענשלעפּען אין איילענעס, געפֿונען אויף פּאָרטוגעזישע און ענגלישע שיפֿען, וועלכען האָבען פֿערלאָזען דעם פּאָרט, אום צו מאַכען אַ רייזע נאָך בראַזיליען.

דיזע אַנטלאָפֿענע רעגיערונג מיט דיא קרוין־טרעגער און מיט דער קרוין, וועלכע מען האָט נאַטירליך ניט פֿערפֿעהלט מיטצונעהמען, איז צוערשט אָנגעקומען אין באַהיאַ, וואו דיא בעפֿעלקערונג האָט אויפֿגענומען דעם רעגענט מיט גרויס שמחה. דיא איינוואָהנער האָבען גערעכענט, אַז ער וועט אויסקלייבען באַהיאַ פֿאַר זיין הויפּט־שטאָדט. זיי האָבען איהם זעהר פֿיעל געבעטען דאָס צו טהאָן, אָבער זיינע ראַטהגעבער האָבען בעשלאָסען אויסצופֿיהרען ביז׳ן סוף דעם פּלאַן פֿון דיזער אויסוואַנדערונג און מאַכען ריאָ דע זשאַנעיראָ פֿאַר דיא קעניגליכע הויפּט־שטאָדט. דיא איינוואָהנער פֿון ריאָ דע זשאַנעיראָ האָבען אויך אויפֿגענומען דיא קעניגליכע פֿאַמיליע מיט שמחה און האָבען זיך געריסען צו צייגען זייער טרייהייט צום רעגענט.

אַזוי איז געוועזן דער אָנפֿאַנג פֿון דער מאָנאַרכיע אין בראַזיליען. דער ערשטער און דער וויכטיגסטער אַקט פֿון דעם רעגענט איז געוועזן צו עפֿענען דיא בראַזיליאַנער פּאָרטען פֿאַר דעם האַנדעל מיט אַלע נאַציאָנען. דאָס האָט באַלד געפֿיהרט צו אַ גרויסער עקאָנאָמישער אויפֿלעבונג פֿון אַלע פּראָווינצען, וועלכע זיינען שוין דאַמאָלס געוועזן אַכצעהן אין צאָהל, כמעט אַזוי וויא היינט (דיא בראַזיליאַנער רעפּובליק בעשטעהט פֿון צוואַנציג סטייטס און פֿון דעם פֿעדעראַל דיסטריקט מיט דער הויפּט־שטאָדט ריאָ דע זשאַנעיראָ). דער רעגענט, וועלכער איז אָפֿיציעל געוואָרען קעניג אונטער דעם נאָמען יאָהאַן דער זעקסטער נאָך דעם טויט פֿון דער משוגע׳נער קעניגין מאַריאַ דיא ערשטע, האָט

אויך געלאָזט אויסלענדער, ספּעציעל ענגלענדער, צו עטאַבלירען פאַבריקען און עפענען געשעפטען אין לאַנד. ער האָט בכלל געהאַנדעלט אין ריאָ דע זשאַנעיראָ אַזוי וויא ער וואָלט זיך געפונען אין ליסבאָן.

דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך. אַזוי וויא פּאָרטוגאַל האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמאַנדע פון פראַנצויזען, איז דיא בראַזיליאַנער הויפּט־שטאָדט געוואָרען דער צענטער פון דער פּאָרטוגעזישער מלוכה. עס וואָלט דאָך געווען פּשוט אַ משוגעת ניט אַריינצולאָזען אויסלענדישע שיפען אין בראַזיליאַנער פּאָר־טען און אָנצוהאַלטען דאָרטען דיא אַלטע מאָנאָפּאָלען און איינפיהרונגען צו גונסטען פון פּאָרטוגעזישע פּאָרטען, וואו פרעמדע האָבען געהערשט.

בראַזיליען האָט שוין צו יענער צייט געהאַט איבערגעיאָגט פּאָרטוגאַל אויך אין בעפעלקערונג. ניט רעכענענדיג דיא ווילדע אינדיאַנער, האָבען זיך דאָרטען געפונען אַרום דריי מיליאָן נפשות, פון וועלכע אַ דריטעל זיינען געווען שוואַרצע שקלאַווען און אַ דריטעל בעפרייטע נעגער און מולאַטאָס. דיא צאָהל פון דיא ווייסע (מעסטיזאָס אַריינגערעכענט) אין אַלע פּראָווינצען איז געווען אַרום אַ האַלבען מיליאָן. אין פערלויף פון 19טען יאָהרהונדערט איז דיא פּראָ־פּאָרציע פון ווייסע געשטיגען ספּעציעל דורך איינוואַנדערונג פון אייראָפּאַ. דיזע איינוואַנדערונג האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם אַריבערקומען פון דער קע־ניגליכער פאַמיליע נאָך ריאָ דע זשאַנעיראָ.

דיא אייראָפּעאישע לענדער האָבען ניט פּרובירט אַריינצומישען זיך אין דער רעגיערונג פון בראַזיליען. זיי זיינען פערנומען געווען מיט זייערע אייגענע מלחמות. נאַפּאָלעאָן האָט זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם פּאָרטוגעזישען קעניג אין בראַזיליען. ער וואָלט ניט געקענט צוקומען אַהין, ווען ער וואָלט עס פּרובירט, ווייל דיא זיעגרייכע ענגלישע פלאָטע וואָלט איבערגעהאַקט דעם וועג זיינע שיפען. דיא בראַזיליאַנער האָבען זיך גאָר בענוצט מיט דער גע־לעגענהייט צו פערכאַפּען דיא פראַנצויזישע קאָלאָניע אין גוויאַנאַ. אַן עקספּע־דיציע, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון פּאַראַ אין 1808, האָט פערנומען קאַיען, דיא הויפּט־שטאָדט פון דער פראַנצויזישער גוויאַנאַ; אָבער נאָך דעם וויענער קאָנגרעס אין 1814 איז דיזע קאָלאָניע צוריקגעקעהרט געוואָרען צו פראַנקרייך.

דיא קעניגליכע רעגיערונג פון בראַזיליען האָט זיך אויך געוואָלט בענוצען מיט דיא רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען אויסגעבראָכען אין אַלע שפּאַנישע קאָ־לאָניעס אין 1810, וויא מיר ווייסען עס שוין פון פריהער, אום צו פערכאַפּען געגענדען אין אורוגוואַי און אַרגענטינע; אָבער דאָס האָט נור געפיהרט צו אומזיסטע בלוט־פערגיסונגען און אויסגאַבען. דיא אַרגענטינער צוזאַמען מיט אַ טהייל פון דיא אורוגוואַיער אונטער דער פיהרונג פון גענעראַל אַרטיגאַס (זעה דיא געשיכטע פון אורוגוואַי) האָבען שליסליך צושטערט דיא אַמביציעזע

פלענער פון דאָס יאָהאַן צו פערשפרייטען די טעריטאָריע פון בראַזיליען ביז די ברעגען פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ.

די אויסגאַבען פון דער קעניגליכער רעגיערונג זיינען אַלץ געוואַקסען אין בראַזיליען אַזוי שנעל וויא אין פאָרטוגאַל. די בראַזיליאַנער האָבען אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו פיהלען די לאַסט פון דער אויפהאַלטונג פון אַ קעניגליכער פאַמיליע מיט אַ קלאַס פון אַריסטאָקראַטען און מיט אַ מאַסע בעאַמטע. די שטייער זיינען שנעל געשטיגען, אָבער די קעניגליכע קאַסע איז דאָך געבליבען פוסט. דאָס האָט אַרויסגערופען אַלץ מעהר אונצופריעדענהייט און האָט פער־שטאַרקט די בעוועגונג פאַר אַן אונאַבהענגיגע רעפובליק. אין 1817 האָט אויסגעבראָכען אין פערנאַמבוקאָ אַן אויפשטאַנד געגען די קעניגליכע רעגיע־רונג, ווען דער גובערנאַטאָר האָט געוואָלט אַרעסטירען די פיהרער פון די מאַסאָנישע לאָזשען און בכלל די יעניגע, וועלכע מען האָט פערדעכטיגט אין אַ רעוואָלוציאָנערע פערשווערונג. די סאָלדאַטען, מייסטענס בראַזיליאַנער, וועלכע מען האָט געשיקט צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד, זיינען צוגעשטאַ־נען צו די רעבעלען. דער גובערנאַטאָר איז דאַן אַנטלאָפען, און די רעוואָ־לוציאָנערען האָבען אַרונטערגעריסען דעם פאָרטוגעזישען פלאַג, פּראָקלאַמירט אַ קאָנסטיטוציאָן און ערוועהלט אַ פראָוויזאָרישע רעגיערונג, וועלכע האָט אַרויס־געשיקט שלוחים אין די אַנדערע פּראָווינצען אָנצוקינדיגען וועגען די ער־פאָלגרייכע רעוואָלוציאָן און אויפצומונטערען דעם עולם צו אַ קאַמפף פאַר אַ רעפובליק.

נור דיזע רעוואָלוציאָן איז שנעל אונטערדריקט געוואָרען. פון איין זייט האָבען זיך די שקלאַווען־האַלטער, רייכע פּלאַנטאַטאָרס און קויפלייטע, דער־שראָקען פאַר די ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען זיך געשניטען אויף דעם וועג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן; פון דער אַנדער זייט האָט אַ קעניג־ליכע פלאָטע, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון באַהיאַ, בלאָקירט דעם פּאָרט פון פערנאַמבוקאָ. די רעוואָלוציאָנערען האָבען נאָך דערצו קיין צייט געהאַט צו בעקומען געווער, זאָ דאָס זיי האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען, ווען די שטאָדט איז אַרומגערינגעלט געוואָרען פון די באַטאַליאָנען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צום קעניג. די געפאַנגענע הויפט־פיהרער האָט מען הינגע־ריכטעט נאָך טויט־אורטהיילען פון אַ פעלד־געריכט, און אַ פּאָאַר הונדערט רע־פובליקאַנער זיינען אַוועקגעפיהרט געוואָרען אויף שיפען נאָך באַהיאַ, וואו זיי זיינען געבליבען אין געפאַנגענשאַפט ביז 1820, ווען עס זיינען פאָרגעקומען פּאָליטישע איבערקעהרענעסען צוערשט אין פּאָרטוגאַל און נאָכהער אין בראַ־זיליען.

די זריעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז איינגעפּלאַנצט געוואָרען אויף דעם פירענעאישען האַלב־אינזעל, איז אַלץ געוואַקסען ביז פער־

דינאַנד, דער בורבאָנישער קעניג פון שפּאַניען, איז געצוואונגען געווען צו אַנערקענען אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציאָן אין 1820. דאָס האָט ווידער אויפגעמונטערט די פּאָרטוגעזישע פרייהייטס־קעמפּפער צו אַן אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך אַנגעפאַנגען צוערשט אין דער שטאָדט פּאָרטאָ, דעם צענטער פון ליבעראַליזם אין פּאָרטוגאַל, און וועלכער האָט שנעל זיך פערשפּרייט אין ליסבאָן, וואו עס איז עטאַבלירט געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנערע כונטאַ, וועלכע האָט אַדאָפּטירט דיא שפּאַנישע קאָנסטיטוציאָן און צוזאַמענגערופען דיא קאָרטעסען (פּאַרלאַמענט).

ווען עס זיינען אָנגעקומען אין בראַזיליען נאַכריכטען וועגען דיזע איבערקעהרענעס אין פּאָרטוגאַל, איז דער עולם געשפּרונגען פון שמחה. פון אַלע זייטען האָט מען גענומען פאָרדערען אַ קאָנסטיטוציאָן. אין פּאַראַ, פּערנאַמבוקאָ און ריאָ גראַנדע דאָ סול האָבען דיא סאָלדאַטען געמאַכט יד אחת מיט'ן פּאָלק, דיא קעניגליכע גובערנאַטאָרען זיינען אַרונטערגעזעצט געוואָרען און דיא שפּאַנישע קאָנסטיטוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען אַזוי וויא אין פּאָרטוגאַל. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין באַהיאַ מיט אַ פּאָאָר מאָנאַט שפּעטער.

ווען דער קעניג האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז זיין טהראָן שאָקעלט זיך אויף אפילו אין זיין בראַזיליאַנער הויפּט־שטאָדט, האָט ער אָנגעקינדיגט דורך אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אַז ער וועט שיקען זיין עלטסטען זוהן דאָם פּעדראָ צו פערהאַנדלען מיט דיא קאָרטעסען און אַז ער וועט דערווייל אָננעהמען אייניגע פּונקטען פון דער קאָנסטיטוציאָן. נור דאָס פּאָלק איז דערמיט ניט געווען צופריעדען און האָט פערלאַנגט ניט אַנדערס, אַז דער קעניג זאָל גלייך צוזאָגען, דאָס ער וועט אַנערקענען דיא קאָנסטיטוציאָן, וויא דיא פּאָלקס־פערטרעטער אין דיא קאָרטעסען ווערלען איהר פערפאַסען און אָננעהמען. דעם 26טען פעברואַר 1821 האָבען זיך גרויסע מאַסען צוזאַמענגעקליבען אין דיא גאַסען פון ריאָ דע זשאַנעיראָ צו צווינגען דעם קעניג נאָכצוגעבען זייער פערלאַנג וועגען אַ קאָנסטיטוציאָן. ער האָט זיך בעהאַלטען אין איינעם פון זיינע פּאַלאַצען, ציטערענדיג צו פערלירען ניט נור זיין קרוין, זאָנדערן אויך זיין קאָפּ; נור זיין עלטסטער זוהן פּעדראָ, וועלכער האָט געהאַט מעהר שכל און מוטה פאַר איהם, האָט געשוואָרען אין נאָמען פון דער גאַנצער קעניגליכער פאַמיליע, אַז דיא ערוואַרטעטע ליבעראַלע קאָנסטיטוציאָן וועט אָנגענומען ווערען, און אַ מענגע האָט זיך דאַן אַ לאָז געטהאָן מיט פריידע־געשרייען צום קעניג'ס פּאַלאַץ אויסצודריקען איהם דאַנקבאַרקייט פון פּאָלק. מען האָט דעם קעניג אַרויסגעשלעפּט, אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעטע און אַרומגעשלעפּט אין טריאומף איבער דיא גאַסען. ער האָט אָבער געמיינט, אַז מען וויל איהם מאַכען מיט אַ קאָפּ קירצער, וויא דעם פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען, און איז פון שרעק געפאַלען פשוט אין אונמאַכט.

דער פּאַקטישער רעגיערער פון בראַזיליען איז דאַן געוואָרען דער קרוינ־פּרינץ דאָם פּעדראָ, וועלכער האָט אַליץ געזוכט צו צייגען, אַז ער איז אַ ליבעראַל.



דאָם פּעדראָ דער ערשטער

ער איז געוועזן שעהן, עלעגאַנט, מוטהיג, אַמביציעז, אָבער אויך געוויסענלאָז, דעמאַגאָגיש און אונוויסענד (ער האָט אפילו זיין מוטערשפּראַך ניט געקענט שריי־

בען גראַמאַטיקאַליש). מיט זיינע אויסערליכע מעלות האָט ער שנעל צוגעצויגען צו זיך אַלע קלאַסען פון פאָלק. ער האָט אינטריגירט געגען זיין פאָטער, וועמען ער האָט פיינט געהאַט. אום צו ווערען אויך אָפיציעל דער אויבערהאַר פון בראַזיליען, האָט ער צוגערעדט זיין פאָטער אַוועקצופאָהרען נאָך ליסבאָן און עפענען דאָרטען די קאָרטעסען אַלס קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרך. פאַר זיין אָברייזע האָט דאָם יאָהאַן געזאָגט צו זיין קרוינפּרינץ, וועמען ער האָט געלאָזען אַלס רעגענט פון בראַזיליען: "איך האָב מורא אַז בראַזיליען וועט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום אָבטהיילען פון פּאָרטוגאַל; אין אַזאַ פאַל זעץ אַרויף די קרוין אויף דיין קאָפּ, אַנשטאָט צו לאָזען איהר פאַר אַ פרעמדען".

דאָס האָט פּאַסירט פיעל שנעלער, ווי ער האָט גערעכענט. צווישען די דעפּוטאַטען פון פּאָרטוגאַל און פון בראַזיליען האָבען זיך גלייך אָנגעפאַנגען רייסעריען. ווען די בראַזיליאַנער דעפּוטאַטען זיינען אָנגעקומען אין ליסבאָן, האָבען זיי געפונען, אַז די קאָרטעסען זיינען ערעפענט געוואָרען און אַז די פּאָרטוגעזישע דעפּוטאַטען האָבען געהאַנדעלט עפּעס אַזוי וויא בראַזיליען וואָלט געווען אַ קליינע און שוואַכע קאָלאָניע. דאָס האָט זיי נאַטירליך שטאַרק פערדראָסען און דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער שפּאַלטונג, וועלכע האָט שנעל געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער בראַזיליאַנער אימפּעריע אונטער דאָם פּעדראָ. די פּאָרטוגעזישע מיטגליעדער פון די קאָרטעסען האָבען געקוקט פון אויבען אַראָב אויף די בראַזיליאַנער. זיי האָבען געהאַלטען, אַז זיי האָבען אַ רעכט צו בעשטימען, וויא אַזוי די קאָלאָניעס דאַרפען פערוואַלטעט ווערען. זיי זיינען בכלל געווען צענטראַליסטען.

אין דעצעמבער 1821, ווען מען האָט געקראָגען אין בראַזיליען נאַכריכטען וועגען אַזעלכע צענטראַליסטישע בעשטימונגען פון די קאָרטעסען אין ליסבאָן, וויא די אָבשאַפונג פון די פּראָווינציעלע כונטאַס און פון דעם אַפּעלאַציאָנסגעריכט אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, וויא דער בעפעהל, אַז דאָם פּעדראָ זאָל גלייך קומען נאָך פּאָרטוגאַל, האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם מיט פּראָטעסטען אין גאַנצען לאַנד. פון אַלע זייטען האָט מען אָנגעפאַנגען צו פאָרדערען אונאַבהענגיגקייט. דעפּוטאַציאָנען זיינען געשיקט געוואָרען צו דאָם פּעדראָ, אַז ער זאָל ניט פאָלגען די קאָרטעסען און זאָל בלייבען צוזאַמען מיט דעם בראַזיליאַנער פאָלק. די אַלטע פּראָווינץ סאַאון פּאַולאָ איז אַרויסגעטראָטען פאָרויס אין דיזער בעוועגונג פאַר אונאַבהענגיגקייט. אונטער דער לייטונג פון די צוויי ברידער אַנדראַדאַ איז דאָרטען געגרינדעט געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנערע כונטאַ מיט דעם צוועק אויפצומונטערען און צו שטיצען דאָם פּעדראָ אין אַן אָפענעם קאַמפּף געגען די קאָרטעסען און איבערהויפּט געגען פּאָרטוגאַל. איינער פון די אַנדראַדאַס, זשאָזע באָניפאַציאָ, אַ זעהר געבילדעטער און פעהיגער מאַן, האָט אַפּעלירט צום בראַזיליאַנער פאָלק אין אַ פייערדיגען אויפרוף געגען די

דיקטאַטאָרישע האַנדלונגען פון דיא פּאָרטוגעזישע דעפּוטאַטען, און דאָס האָט אונטערגעיאָגט דיא בראַזיליאַנער פּאַטריאָטען אין ריאָ דע זשאַנעיראָ און אין אַנדערע גרעסערע שטעדט צו קעמפּפען פאַר אונאַבהענגיגקייט.

ווען דאָם פּעדראָ האָט געזעהן, אַז ער קען זיך פערלאָזען אויף דער שטיצע פון בראַזיליאַנער פאָלק, האָט ער אין יאַנואַר 1822 עפענטליך ערקלערט, אַז ער וועט בלייבען אין בראַזיליען. אַ נייע רעגיערונג איז דאַן אויפגעקומען אין

זשאָזע באָניפאַציאָ דע אַנדראַדאַ

ריאָ דע זשאַנעירא, און זשאָזע באָניפאַציאָ דע אַנדראַדאַ איז געוואָרען דער הויפּט־מיניסטער. נור דיא פּאָרטוגעזישע גאַרניזאָנען אין אייניגע פּאָרטען, ספּעציעל אין באַהיאַ און אין פּערנאַמבוקאָ, האָבען זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען דיזע רעגיערונג, אָבער דיא איינוואָהנער האָבען געצוואונגען דיזע סאָלדאַטען זיך אונטערצוגעבען. דאָם פּעדראָ און זיינע ראַטהגעבער האָבען געוואַרט מיט דער אָפענער ערקלערונג פון אונאַבהענגיגקייט ביז דיא בראַזיליאַנער מיטגליע־דער פון דיא קאָרטעסען וועלען זיך צוריקציהען. מען האָט נאָך אַלץ געהאָפט

אויף אן אויסגלייך, טאָמער וועלען דיא פּאָרטוגעזישע דעפּוטאַטען קליגער ווערען און נאָכגעבען דיא פאָדערונגען פון דיא בראזיליאַנער וועגען זעלבסט-פערוואַל-טונג. אָבער אַזוי וויא פון ליסבאָן האָט מען ארויסגעשיקט סאָלדאַטען צו פערשטאַרקען דעם פּאָרטוגעזישען גארניזאָן אין באַהיאַ און קריעגס-שיפען נאָך ריאָ דע זשאַנעירא, אום צו ברענגען מיט געוואַלט דעם קרוינפּרינץ דאָם פּעדראָ, האָט ער אָנגענומען דעם טיטול "אייביגער פערטהיידיגער און בעשיצער פון פּאָרטוגאַל", וואָס עס האָט פאַקטיש געמיינט קעניג, און איז אוועק אין דער פּראָווינץ סאַאון פּאולאָ, אום צו זיין זיכער געגען דיא פּאָרטוגעזישע שיפען און צו אָרגאַניזירען דאָרטען אַן ארמעע. אין סאַאון פּאולאָ איז דעם 7טען סעפּטעמבער 1822 פאָרמעל ערקלערט געוואָרען דיא אונאַבהענגיגקייט פון בראַ-זיליען, און דעם נעכסטען מאָנאַט, ווען דאָם פּעדראָ איז צוריקגעקומען אין ריאָ דע זשאַנעירא, איז ער שוין פּראָקלאַמירט געוואָרען מיט גרויס ענטהוזיאַזם אַלס דער "קאָנסטיטוציאָנעלער קייזער פון בראַזיליען".

דיא נייע קייזערליכע רעגיערונג אונטער דער לייטונג פון אַנדראַדאַ האָט גלייך אָנגענומען ענערגישע מיטעל צו פעריאָגען דיא פּאָרטוגעזישע גארניזאָנען פון באַהיאַ, מאַראַנהאַאָ, פּאַראַ און מאָנטעווידעאָ (אורוגוואי), וואָס עס איז געלונגען אויסצופיהרען דעם נעכסטען יאָהר. אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם בעריהמטען ענגלישען אַדמיראַל לאָרד קאָטשרעין האָט אַ בראַזיליאַנער פלאָטע אַטאַקירט דיא פּאָרטוגעזישע קריעגס-שיפען און געהאָלפען דיא פּאַטריאָטישע בראַזיליאַנער ארמעע צו •צווינגען דעם לעצטען פּאָרטוגעזישען גארניזאָן אין באַהיאַ זיך אונטערצוגעבען. צו ענדע פון 1823 איז שוין קיין איינציגער פּאָר-טוגעזישער סאָלדאַט ניט פערבליבען אויף דעם באָדען פון בראַזיליען, וועלכע איז געוואָרען אַ בעזונדערע מלוכה.

אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ רעפּובליקאַנישע בעוועגונג. דאָם פּעדראָ האָט קיין מאָל ניט געמיינט צו זיין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרך. דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז פערפאַסט געוואָרען פון אַנדראַדאַ, איז געווען זעהר אַ ליבעראַלע, אָבער זיא איז געבליבען אַ פּאַפּיערענע. דאָם פּעדראָ האָט זיך געפיהרט וויא אַן אַבסאָלוטער קעניג און זיך געשטיצט מייסטענס אויף דער ארמעע. ער האָט פעריאָגט דיא אַנדראַדאָס און אַנדערע ליבעראַלען און האָט אויסגעקליבען מיניסטאָרען עפּעס אַזוי וויא עס וואָלט גאָר ניט עקזיס-טירט אַ קאָנסטיטוציאָן מיט אַ קאָנגרעס. פון אַ פעראַנטוואָרטליכען מיניסטע-ריום לויט דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן האָט ער גאָר ניט געוואָלט וויסען.

דאַרום האָט שוין אין יולי 1824 אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד אין פּער-נאַמבוקאָ, וואו דער גייסט פון דער רעוואָלוציאָן פון 1817 איז נאָך ניט אָב-געשטאָרבען. דיא רעוואָלוציאָנערען דאָרטען האָבען געוואָלט גרינדען אַ פּע-

דעראַטיווע רעפּובליק פון דיא עקוואַטאָריעלע פּראָווינצען אונטער דעם נאָמען "קאָנפעדעראַציאָן פון עקוואַטאָר". אַלס מוסטער האָבען זיי אויסגעקליבען דיא קאָנפעדעראַציאָן פון קאָלאָמביאַ, ווענעצועלאַ און עקוואַדאָר, וואָס דער ליבעראַטאָר באָליוואַר האָט געשאַפען (זעה דיא געשיכטע פון דיזע רעפּובליקען). דיזע רעוואָלוציאָן איז אָבער שנעל אונטערדריקט געוואָרען, און דאָם פּעדראָ האָט בעוויזען, אַז ער קען אויך זיין אַ גרויזאַמער טיראַן. זיין מאַכט איז נאָכדעם גרעסער געוואָרען. אין 1825 האָט ער אויך אויסגעפיהרט, אַז פּאָרטוגאַל זאָל אַנערקענען דיא אונאַבהענגיגקייט פון בראַזיליען. מען האָט דערביי דורכגעמאַכט אַזאַ צערעמאָניע: דאָם יאָהאַן, וועלכער האָט געקעניגט אין פּאָרטוגאַל, האָט זיך אויך ערקלערט פאַר דעם קייזער פון בראַזיליען, נור גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אָבגעזאָגט צו גונסטען פון זיין זוהן דאָם פּעדראָ, וועלכער איז שוין פאַקטיש געווען דער קייזער פון בראַזיליען.

נור אַזוי וויא דאָם פּעדראָ האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד צו דעקען דיא אַלטע חובות, וועלכע זיינען פערגרעסערט געוואָרען דורך דעם רעפּובליקאַנישען אויפשטאַנד אין פּערנאַמבוקאָ, און צו פיהרען דיא מלחמה מיט אַרגענטינע צוליעב אורוגוואַי, האָט ער אין 1826 צוזאַמענגערופען אַ קאָנגרעס. ער האָט געמיינט צו געווינען דערמיט צוריק זיין פּאָפּולאַריטעט, אָבער ווען דיא דעפּוטאַטען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען האָט זיך באַלד אַרויסגעצייגט, אַז זיי פיהלען זיך שטאַרקער פאַר דיא קייזערליכע רעגיערונג דורך דיא שטיצע פון פאָלק. זיי האָבען פערלאַנגט אַ פעראַנטוואָרטליכעס מיניסטעריום און האָבען עס אויך טהיילווייז אויסגעפיהרט. מען מעג זאָגען, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער אמת'ער פּאַרלאַמענט אין בראַזיליען. דאָם פּעדראָ האָט זיך געלאָזט בויגען אין דער האָפנונג, אַז דער קאָנגרעס וועט נאָכגעבען זיינע פאָדערונגען וועגען דיא פערגרעסערונג פון שטייער און וועגען בעוויליגען דיא סומען, אין וועלכע ער האָט זיך זעהר גענויטיגט, אָבער ווען ער האָט דערזעהן, אַז ער קען עס ניט אויספיהרען, האָט ער אין 1829 אויפגעלייזט דיזען קאָנגרעס. ער האָט גערעכענט, אַז אַ נייער קאָנגרעס וועט זיין מעהר געהאָרכזאַם; אָבער אויסגעלאָזען האָט עס זיך, אַז ניט נור האָט ער דערמיט אויפגערעגט געגען זיך אַלע קלאַסען, זאָנדערן אַז ער איז געצוואונגען געווען אין צוויי יאָהר אַרום צו רעזיגנירען צו גונסטען פון זיין פינף־יעהריגען זוהן, דעם קרוינפּרינץ פּעדראָ.

דיא ליבעראַלע אָדער קאָנסטיטוציאָנאַליסטישע פּאַרטיי אונטער דער לייטונג פון זעהר פעהיגע און ענערגישע פיהרער, וויא דער פּאַרלאַמענטאַריסט וואַסקאָנסעלאָס און דער פּובליציסט עוואַריסטאָ דע וועיגאַ, דער רעדאַקטאָר פון אַ מערקווירדיג איינפלוסרייכער צייטונג, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען. מיט אויסנאַהמע פון דיא געבאָרענע פּאָרטוגעזער, מייסטענס מיליטאַריסטען און בעאַמטע (דאָם פּעדראָ איז אַלץ געווען מעהר פּאָרטוגעזער וויא בראַזיליאַ־

נער און האָט פערטהיילט דיא מייסטע רעגיערונגס־פלעצער צווישען דיא פּאָר־טוגעזער, וואָס עס האָט נאַטירליך פערדראָסען דיא בראַזיליאַנער), זיינען דיא איינוואָהנער פון דיא מייסטע פּראָווינצען געווען געגען דיא קייזערליכע רע־גיערונג. אין אָנפאַנג פון 1831, ווען דאָם פעדראָ האָט געוואָלט צייגען, אַז ער איז גאָר אַן אַבזאָלוטער מאָנאַרך און האָט אויסגעקליבען מיניסטאָרען צווישען דיא רעאַקציאָנערען, האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד אין ריאָ דע זשאַנעי־ראָ. דיא רעוואָלוציאָן, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין פּאַריז אין יולי 1830 און וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף פון דער בורבאָנען־דינאַסטיע אין פראַנקרייך, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דיא בראַזיליאַנער אין זייער קאַמפף פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגיערונג. ווען דאָם פעדראָ האָט דערזעהן, אַז ער קען זיך ניט פערלאָזען אויף דיא סאָלדאַטען, האָט ער אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַ־ציאָן, אַז ער ענטזאַגט זיך פון דער קרוין צו גונסטען פון זיין זוהן. גלייך נאָכדעם איז ער אָבגעפאָהרען אויף אַן ענגלישע שיף נאָך אייראָפּאַ.

פינפטער קאַפּיטעל.

# דיא אימפּעריע אונטער דאָם פּעדראָ דעם צווייטען

אזוי האָט זיך געענדיגט דיא הערשאַפט פון דעם ערשטען בראַזיליאַנער קייזער. איינע פון דיא אורזאַכען, וועלכע האָבען איהם בעוואָגען צו רעזיגני־רען, איז געווען, וואָס ער האָט געוואָלט ווערען דער הערשער פון פּאָרטוגאַל, וואו ער האָט געלאָזען זיין אינגערען ברודער דאָם מיגעל אַלס רעגענט. דאָס איז איהם געלונגען אין 1834 נאָך אַ זעהר ביטערען קאַמפף צווישען דיא רעאַק־ציאָנערען, וועלכע האָבען געשטיצט דעם אַבסאָלוטיסט מיגעל, און דיא ליבע־ראַלען, וועלכע האָבען געשטיצט דאָם פּעדראָ'ס טאָכטער און מיגעל'ס כלה, דיא צוקינפטיגע קעניגין. אין פערגלייך מיט זיין ברודער מיגעל איז דאָם פּעדראָ געווען זאָגאַר אַ ראַדיקאַל. אָבער אין עטליכע מאָנאַט אַרום נאָך זיין זיעג, ווען ער איז געוואָרען דער רעגענט פון פּאָרטוגאַל אין נאָמען פון זיין 15־יעהריגע טאָכטער מאַריאַ דיא צווייטע, איז ער געשטאָרבען.

אין בראַזיליען איז אין דערזעלבער צייט דער קאַמפף געפיהרט געוואָרען צווישען דיא קאָנסערוואַטאָרען, וועלכע האָבען געוואָלט אָנהאַלטען דיא מאָ־נאַרכיע, און דיא ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען געוואָלט איינפיהרען אַ רעפּובליק. כמעט אין אַלע פּראָווינצען האָבען זיך אָנגעפאַנגען בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען דיא אָנהענגער פון דיזע פּאַרטייען גלייך נאָך דער אָברייזע פון פּעדראָ דעם ערשטען. דער גלח פעיזשאָ, איינער פון דיא אַלטע דעמאָקראַטישע פיה־רער און יוסטיץ־מיניסטער, און אַנדערע צוויי מיניסטאָרען, וועלכע זיינען גע־וואָרען רעגענטען, האָבען ניט געקענט בערוהיגען דאָס לאַנד. ציוויל־קריעג האָט אויסגעבראָכען אין פּערנאַמבוקאָ, פּאַראַ א. ז. וו. אין איינינע פּראָווינצען, בעזאָנדערס אין סעאַראַ און אין מינאַס זשעראַעס, האָבען זיך געפונען אַ סך אָנהענגער פון דאָם פּעדראָ, וועלכע האָבען געפאָדערט, אַז ער זאָל צוריק־קומען. ערשט נאָך זיין טויט אין 1834 האָבען זיי זיך בערוהיגט.

צו דיא שטרייטען צווישען דיא מאָנאַרכיסטען און רעפּובליקאַנער זיינען צוגעקומען דיא שטרייטען צווישען צענטראַליסטען און פעדעראַליסטען. יעדע בראַזיליאַנער פּראָווינץ האָט געקעמפפט פאַר איהר אָטאָנאָמיע אזוי וויא דיא

פּראָווינצען אין אַרגענטינע און אין אַנדערע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען. בראַזיליען איז נור געווען אַן אויסנאַהמע אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ ספּע־ציעל דערמיט, וואָס זיא איז גאָר געוואָרען אַ מאָנאַרכיע, אָבער איהרע פּראָווינצען האָבען געוואָלט האָבען אָטאָנאָמיע אַזוי וויא אונטער אַ רעפּובליק. אום אויס־צומיידען ווייטערע שפּאַלטונגען, אויפשטאַנדען און בלוט־פּערגיסונגען אין דיא פּראָווינצען, האָבען דיא פיהרער פון דיא פּאַרטייען געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס און בעשלאָסען ווייטער אָנצוהאַלטען דיא מאָנאַרכישע פאָרם פון דער רעגיערונג.

דאָם פּעדראָ דער צווייטער אין 1835

צוערשט האָט מען אויסגעקליבען פאַר אַ רעגענט דיא פּרינצעסין זשאַנואַריאַ, דיא עלטסטע טאָכטער פון דאָם פּעדראָ דעם ערשטען, וועלכע איז דאַן אַלט געווען אַכצעהן יאָהר; אָבער אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט מען אויסגעפונען, דאָס אַזוי וויא דיא אימפּעריע קען זיך געפינען אונטער דער הערשאַפט פון אַ מיידעל פון אַכצעהן יאָהר, וועט שוין גלייכער זיין אויסצוקלייבען פאַר אַ קייזער דעם קרוינפּרינץ, ווען ער איז אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר. דאָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך אַ בעשלוס פון קאָנגרעס אין 1840. דער 15־יעה־

ריגער קרוינפרינץ איז געוואָרען קייזער פון בראַזיליען אונטער דעם נאָמען דאָם פעדראָ דער צווייטער.

דיזער פעדראָ האָט זיך בעריהמט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט אַלס אַ ליבעראַלער און געלערענטער מאַן. אונטער זיין הערשאַפט, וועלכע האָט געדויערט אַ האַלבען יאָהרהונדערט, האָט בראַזיליען געמאַכט גרויסע פאָרטשריטע אין אַגריקולטור, אין האַנדעל, אין בעפעלקערונג און אויך אין בילדונג. טראָץ דיא פערשיעדענע אויפשטאַנדען אין דיא פראָווינצען און דיא מלחמות מיט אַרגענטינע, אורוגוואַי און פאַראַגוואַי, איז דיא בעפעלקערונג געשטיגען פון פינף מיליאָן אין 1840 ביז צעהן מיליאָן אין 1870. אין 1889, ווען דאָם פעדראָ דער צווייטער האָט אויך געמוזט פערלאָזען בראַזיליען און ווען דיא רעפובליק איז פראָקלאַמירט געוואָרען, איז שוין דיא בעפעלקערונג געשטיגען ביז פופצעהן מיליאָן.

דער אינגעלשער קייזער האָט גלייך אַרויסגעוויזען פעהיגקייטען צו רעגירען. ער איז גאָר ניט געווען געראָטען אין זיין פאָטער. ער איז געווען זעהר פלייסיג און פלעגט פשוט שלינגען ביכער. מען האָט איהם געגעבען אַ גוטע ערציהונג, וועלכע ער האָט אויסגעבעסערט דורך זיינע אייגענע שטודיען. ער האָט אָבער קיין געגענשטאַנד ניט געקענט גרינדליך. ער פלעגט פאָלגען אַלס שילער און פלעגט זיך אויך לאָזען פיהרען פון זיינע ראַטהגעבער און מיניסטאָרען, אָבער אַלץ ביז אַ געוויסען גרענעץ, זאָ דאָם ער איז אויך געבליבען זעלבסטשטענדיג. זיינע מאַניערען זיינען געווען דעמאָקראַטישע. ער האָט געזוכט צו געווינען פאָפולאַריטעט אַלס דענקענדער מאַן און קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרך. דאַרום האָט ער עס געקענט פערבלייבען אַ האַלבען יאָהרהונדערט אויף אַ טהראָן, וואָס האָט זיך שטענדיג געשאָקעלט. ער איז אויך געווען אַ טרייער מאַן צו זיין פרוי און אַ גוטער פאָטער. זיין צייט פלעגט ער אָבגעבען צו שטאַאטסאַנגעלעגענהייטען און צו זיינע ביכער. ער פלעגט אויסמיידען צערעמאָניעס און האָט זיך ווענינ געקימערט וועגען עטיקעטע. נור צייטענווייז, ווען ער האָט עס געוואָלט אָדער געפונען פאַר נויטיג, אום צו צייגען, אַז ער איז דאָך קייזער, האָט ער געקענט האַנדלען וויא אַ דיקטאַטאָר און אַ דעספאָט.

ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט אַנדערע לענדער און האָט אַרומגערייזט איבער אייראָפּאַ און יונייטעד סטייטס. דריי מאָל האָט ער בעזוכט אייראָפּעאישע לענדער. אין זיין צייט איז ער געווען איינער פון דיא בעקאַנטעסטע און פאָפולערסטע מענשען אין דער וועלט.

עס האָט גענומען אַ יאָהר אַכט ביז גאַנץ בראַזיליען האָט אַנערקענט דיא נייע קייזערליכע רעגירונג. דער שטענדיגער קאַמפף צווישען דיא ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע פאַרטייען האָט ניט איין מאָל געפיהרט צו אויפשטאַנדען און בלוט-פערגיסונגען אין דיא פראָווינצען. אין אייניגע פראָווינצען, ספעציעל

אין ריאָ גראַנדע דאָ סול, וועלכע גרענעצט זיך מיט אַרגענטינע און אורוגוואַי, האָט מען געקעמפפט געגען דיא מאָנארכיע און געוואָלט איינפיהרען זאָגאר אַ בעזונדערע רעפובליק. דיא סעפּאַראַטיסטישע בעוועגונג אין ריאָ גראַנדע דאָ סול איז אונטערדריקט געוואָרען אין 1845 פון מארשאל קאַקסיאַס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס קאָמאַנדיר און אויך אַלס שטאַאטסמאַן און וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם יונגען קייזער. אין אַנדערע פּראָווינצען, ספּעציעל אין מינאַס זשעראַעס, וועלכע איז די גאַנצע צייט געוועזן געניינט צו אַ מאָנאַרכיע, האָבען דיא ליבעראַלען געמאַכט אַן אויפשטאַנד, אום צו בעפרייען דעם קייזער פון דיא קאָנסערוואַטיווע מיניסטאָרען, וועלכע האָבען געוואָלט דורכפיהרען אַ צענטראַליסטישע קאָנסטיטוציאָן. ביסלעכווייז האָבען דיא פּראָווינצען געוואונען אַלץ מעהר אָטאָנאָמיע און עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ פעדעראַלע רעגיערונגס־סיסטעם אונטער אַ קייזערטהום.

דאָס פּעדראָ דער צווייטער אין 1889

דיא וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין דער צייט פון דאָם פּעדראָ דעם צווייטען'ס לאַנגע מלוכה זיינען: דיא מלחמה מיט אַרגענטינע אין 1852 ספּעציעל צוליעב דעם, וואָס איהר דיקטאַטאָר ראָזאַס האָט געוואָלט בעהערשען אויך אורוגוואַי און פערוועהרען בראַזיליאַנער שיפען צו שווימען איבער דיא טייכען פּאַראַנאַ, פּאַראַגוואַי און אורוגוואַי (זעה דיא געשיכטע פון אַרגענטינע); דיא לאַנגע און אויסצעהרענדע מלחמה מיט דעם ווילדען פּאַראַגוואַיער דיקטאַטאָר פראַנציסקאָ לאָפּעז (זעה דיא געשיכטע פון פּאַראַגוואַי), און דיא אָבשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַווערײַ.

דורך דיזע שקלאַווערײַ, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען אין בראַזיליען לענגער וויא אין אירגענד וועלכען אַנדערען לאַנד פון דער נייער וועלט, איז דאָם פּעדראָ'ס רעגיערונג געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט ענגלאַנד נאָך אין דיא פערציגער יאָהרען. אין 1845 האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט אָנגענומען דעם

זא־גענאנטען אבערדין אקט, וואס האט ערלויבט ענגלישע קריעגס־שיפען צו פאנגען שקלאווען־שיפען אפילו אין פרעמדע וואסערען. דערמיט האט ענגלאנד געציעלט ספעציעל געגען בראזיליען, וואס איז דאן געבליבען אייגענטליך דער איינציגער שקלאווען־מארקעט. ביסלעכווייז איז דיא בעוועגונג פאר דיא אבשאפונג פון שקלאווערײ געווארען אלץ שטארקער אין אלע בראזיליאנער פראווינצען. דיא ליבעראלען זיינען געווארען געשווארענע געגנער פון שקלאווערײ. מען האט געוואוסט, דאס פעדרא האט אויך געוואונשען, אז שקלאווערײ זאל אבגעשאפט ווערען, אבער ער האט זיך ניט געפיהלט גענוג מוטהיג און שטארק דאס אויסצופיהרען און האט אלץ געווארט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט.

קרוינפרינצעסין איזאבעלא, דאס פעדרא׳ס טאכטער.

אין 1848 האט מען נאך איםפארטירט ארום זעכציג טויזענד נעגער־שקלאווען אין בראזיליען. אבער דיא ענגלישע קריעגס־שיפען האבען געגנומען אויספיהרען אלץ מעהר דעם אבערדין אקט, און דיא בראזיליאנער זעלבסט האבען אנגעפאנגען אלץ מעהר פרייצולאזען זייערע שקלאווען, זא דאס זייער צאהל איז ארונטער פון 2,500,000 אין 1856 (דאס איז דאן געווען ארום 40 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג) ביז 1,584,000 אין 1873 (דאס איז גע־ ווען בלויז 16 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג).

צו דער צייט, ווען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא איז געפיהרט געווארען דער ריזיגער און שרעקליכער בירגער־קריעג, אום צו מאכען א סוף פון דער נעגער־שקלאווערײ, האט עס אויך ניט ווייט געהאלטען פון אן עהנליכען בירגער־קריעג אין בראזיליען. נור מיט דער הילפע פון קייזער האבען דיא ליבעראלען דורכגעפיהרט אין 1871, נאך א ביטערען קאמפף אין קאנגרעס, א קאמפראמיס־געזעץ, וואס וואלט אין פערלויף פון איין דור בעפרייט אלע פערשקלאווטע. עס איז דאן בעשטימט געווארען, אז אלע ניי־געבארענע קינדער פון שקלאווען זאלען ווערען פריי, ווען זיי וועלען ווערען 21 יאהר אלט, און אז אלע שקלאווען אויף דיא גיטער פון שטאאט און פון קייזער זאלען גלייך בעפרייט ווערען. דאן איז אויך געשאפען געווארען א פאנד אויסצוקויפען יעהר־

ליך אַ געוויסע צאָהל שקלאַווען ביי זייערע הערן. דיא בעפרייאונג פון דיא שקלאַווען איז צוגעגאַנגען זעהר שנעל דורך דעם געזעץ פון 1871. אין 1887 איז שוין דיא צאָהל פון שקלאַווען געווען אַרום דריי־פערטעל מיליאָן, אַ העלפט וויא אין 1873.

אָבער דיא ליבעראַלען האָבען ניט געוואָלט לאַנג וואַרטען און האָבען אַלץ העפטיגער און שטאַרקער פערלאַנגט, אַז מען זאָל מיט איין מאָל מאַכען אַ סוף פון דער שקלאַווערייַ, וואָס עס איז זיי געלונגען אויסצופיהרען אין 1888, ווען דאָם פעדראָ האָט אַרומגערייזט איבער אייראָפאַ צום דריטען מאָל און ווען זיין טאָכטער איזאַבעלאַ, דיא קרוינפרינצעסין, איז געווען דיא רעגענטין. דאָס האָט שרעקליך אויפגערעגט דיא מיטגליעדער פון דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי און איבערהויפט דיא שקלאַווען־האַלטער, ווייל מען האָט זיי קיין שום בעלוינונג ניט בעוויליגט פאַר זייערע שקלאַווען, זאָ דאָס זיי האָבען זיך ענטזאַגט צו שטי־צען דעם קייזער, ווען עס האָט דעם נעכסטען יאָהר אויסגעבראָכען דיא מיליטע־רישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיך באַלד געענדיגט מיט דער אָבשאַפונג פון דער אימפעריע און מיט דער עטאַבלירונג פון אַ רעפובליק.

## זעקסטער קאַפּיטעל.

# דיא רעפּובליק און דיא ערשטע פּרעזידענטען

צו ענדע פון 1888, ווען דאָם פּעדראָ האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אייראָפּאָ, איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט התלהבות. דאָס איז נור געווען אַן אויס־דרוק פון אַכטונג און ליעבע צו איהם אַליין, אָבער ניט צו זיין רעגיערונג. דיא רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי איז אַלץ געוואַקסען, און דיא טעג פון דער אימפּעריע זיינען שוין געווען געצעהלטע. עס קען זיין, אַז ווען ער אַליין וואָלט טאַקע דאַמאָלס רעגירט, וואָלט ער געענדיגט זיינע יאָהרען אַלס קייזער אין זיין הויפּט־שטאָדט (געשטאָרבען איז ער גראַדע אין פּאַריז אין 1891, ווען ער איז אַלט געווען 66 יאָהר); אָבער ער האָט געליטען פון אַ קראַנקהייט, וועלכע האָט אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען, און אויף'ן טהראָן איז פּאַקטיש געזעסען דיא קרוינפּרינצעסין איזאַבעלאַ, וועלכע איז גאָר ניט געווען פּאָפּולער. זיא האָט זיך געלאָזט אַלץ מעהר בעאיינפלוסען פון דיא גלחים, זאָ דאָס ניט נור אויסגעשפּראָכענע רעפּובליקאַנער, זאָנדערן אפילו מעסיגע ליבעראַלען האָ־בען בעשלאָסען, אַז זיא זאָל שוין ניט ווערען קייזערין.

דיא מאָנאַרכיע האָט זיך אייגענטליך געהאַלטען אַזוי לאַנג, ווייל דיא מאַ־סען פון פּאָלק האָבען זיך צוגעוואָהנט צו דיזער רעגיערונגס־פּאָרמע. זיא איז געדולדעט געווען פון איהרע נעגנער, ווייל פון איין זייט איז דאָם פּעדראָ געווען פּאָפּולער און פון דער אַנדער זייט איז דיא צאָהל אויסגעשפּראָכענע רעפּובלי־קאַנער געווען קליין אפילו אין דיא וויכטיגסטע שטעדט און פּאָרטען. אַן אמת־טרייע מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי, אַזאַ לאָיאַלע וויא אין דיא אייראָפּעאישע מאָ־נאַרכיעס, האָט אייגענטליך קיין מאָל ניט עקזיסטירט אין בראַזיליען.

דערמיט ערקלערט זיך, וואַרום דיא מיליטערישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין 1889 און האָט אין אַ פּאָאָר שטונדען אָב־געשאַפט דיא מאָנאַרכיע, האָט ניט אַרויסגערופען קאָנטר־רעוואָלוציאָנען אפילו אין דיא פּראָווינצען, וועלכע זיינען גאָר ניט געווען רעפּובליקאַניש. עס האָט נור געפּעהלט איין שטאַרקער רעפּובליקאַנישער שטויס דירעקט געגען טהראָן אין דער הויפּט־שטאָדט, אַז דיא גאַנצע אימפּעריאַליסטישע געביידע זאָל צופאַלען

ווערען. דיזער שטורם איז געקומען דורך א מיליטערישע פערשווערונג אונטער דער לייטונג פון צוויי ענערגישע און פעהיגע גענעראלען, בענזשאמין קאנסטאנט און דעאדארא דא פאנסעקא. דער ערשטער איז געווען א פראפעסאר אין דער מיליטערישער אקאדעמיע פון ריא דע זשאנעירא און האט געהאט אן אויסערארדענטליך גרויסען איינפלוס אויף זיינע שילער. ער איז געווען א פייערדיגער רעפובליקאנער און האט געפרעדיגט דיא פרינציפען פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן. דיא יונגע אפיציערען האבען איהם פשוט פערגעטערט. זיין רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע האט זעהר פיעל געווירקט אויף דיא געבילדעטע יוגענד בכלל און האט אלץ מעהר אונטערגעגראבען דעם פונדאמענט פון דער מאנארכיע. דיזער מערקווירדיגער מאן איז געווען, מעג מען זאגען, דער גייסטיגער פאטער פון דער בראזיליאנער רעפובליק. דער צווייטער גענעראל, דעאדארא דא פאנסעקא, האט געוואונען דעם צוטרויען פון דיא אפיצערען, ווייל ער האט געשטיצט זייערע פאדערונגען און איז דערפאר פערשיקט געווארען פון דער רעגיערונג אין א ווייטער פראווינץ.

גענעראל בענזשאמין קאנסטאנט

דעם 14טען נאוועמבער 1889, ווען מען האט זיך דערוואוסט, אז דיא רעגיערונג, וועלכע האט ענטדעקט דיא פערשווערונג פון דיא אפיציערען, וויל ארעסטירען דיא גענעראלען קאנסטאנט און פאנסעקא און אז זיא האט בעפוילען ארויסצושיקען פון דער הויפטשטאדט דיא בריגאדע, אויף וועלכע דיא פערשווערער האבען זיך בעזאנדערס געשטיצט, האבען דיא רעוואלוציאנערע פיהרער בעשלאסען ארויסצוטרעטען מיט אלע זייערע כחות צו פעריאגען דיא קייזערליכע רעגיערונג און צו פראקלאמירען א רעפובליק. גענעראל קאנסטאנט האט צוזאמענגעקליבען דיא באטאליאנען, וועלכע זיינען קאמאנדירט געווען פון זיינע טרייעסטע און בעסטע שילער, און האט זיי אויסגעשטעלט אויף דעם גרויסען פלאץ לעבען קריעגס-מיניסטעריום, און גענעראל דעאדארא דא פאנסעקא האט צוזאמענגעקליבען אנדערע באטאליאנען, וועלכע האבען געשטיצט דיא רעפובליקאנער, און האט געשיקט איינעם פון זיינע אדיוטאנטען צום פרעמיער אורא פרעטא מיט א פאדערונג, אז

די רעגיערונג זאל זיך גלייך אונטערגעבען. די מיניסטארען האבען געמיינט, אז דאס איז נור א קליינע פערשווערונג פון א טהייל פון דער ארמעע, און זיי האבען אויפגעפאדערט זייער הויפט־גענעראל פלאריאנא פעיקסאטא צו רופען אנדערע באטאליאנען און פעריאגען די מיאטעזשניקעס. אבער דיזער גענע־ראל, וועלכער איז שפעטער געווארען פרעזידענט פון דער רעפובליק, האט זיך ענטזאגט צו פאלגען, און די רעגיערונג האט דאן קיין אנדער ברירה ניט גע־האט וויא אבצוטרעטען דעם פלאץ צו די גענעראלען קאנסטאנט און פאנסעקא און צו אנדערע בעוואוסטע פיהרער פון דער רעפובליקאנישער פארטיי.

קיינער האט זיך ניט אנגענומען פאר די קייזערליכע רעגיערונג, און דיזע מיליטערישע רעוואלוציאן איז דורכגעפיהרט געווארען אפילו אהן א שאס פול־ווער. די איינוואהנער האבען גאר ניט געוואוסט פון דיזער רעוואלוציאן ביז די רעפובליקאנישע באטאליאנען האבען ארומגערינגעלט דעם קריעגס־מיניס־טעריום. ווען דאם פעדרא, וועלכער האט זיך בשעת מעשה געפונען אין א פלאץ אויף די בערג א מייל 25 פון ריא דע זשאנעירא, האט געקראגען דורך דעם טעלעגראף די נאכריכט וועגען דעם אויפשטאנד פון איינינע באטאליא־נען און איז געקומען אין איילענעס אין זיין הויפט־שטאדט, האט ער שוין גע־פונען, אז זיא ליעגט אין די הענד פון א נייער רעגיערונג, וועלכע איז בעשטא־נען פון די הויפט־פיהרער פון דער רעוואלוציאן. זיי האבען גלייך ארויסגע־לאזען א פראקלאמאציאן צום פאלק, אז די אימפעריע איז אבגעשאפט געווארען און אז עס איז געגרינדעט געווארען א רעפובליק אונטער דעם נאמען די פער־אייניגטע שטאאטען פון בראזיליען. אין דערזעלבער פראקלאמאציאן האבען זיי פערשפראכען צו רופען א קאנגרעס, אום אנצונעהמען א דעמאקראטישע קאנ־סטיטוציאן און אויסצוקלייבען א פרעזידענט.

דאם פעדרא, וועלכער האט זיך אין גאנצען פערלארען נאך אזא אונערווארטעטע איבערקעהרענעס, איז ארומגערינגעלט געווארען צוזאמען מיט דער קרוינ־פרינצעסין איזאבעלא און מיט דער גאנצער קייזערליכער פאמיליע אין זיין פא־לאץ און איז געצוואונגען געווארען אבצופאהר׳ען דעם נעכסטען טאג אויף א קריעגס־שיף נאך ליסבאן.

אזוי האט זיך געענדיגט די הערשאפט פון דעם צווייטען דאם פעדרא און אזוי איז געפאלען די אימפעריע, וועלכע האט אויסגעהאלטען פערשיעדענע שטורמען אין פערלויף פון 67 יאהר. דאס איז געווען די ערשטע, די איינצי־גע און אויך די לעצטע אימפעריע פון אויראפעער אין דער נייער וועלט.

די נייע רעפובליקאנישע רעגיערונג איז אבער פאקטיש געווען א מילי־טערישע דיקטאטור. גענעראל דעאדארא דא פאנסעקא איז ערקלערט געווארען פאר דעם פרעזידענט און גענעראל פלאריאנא פעיקסאטא פאר דעם וויצע־פרע־זידענט. אין פערלויף פון פערצעהן מאנאט האבען זיי פעסט געהאלטען דעם

רעגיערונגס־רודער אין זייערע שטאַרקע מיליטערישע הענד. דיא פריהערע פראָ־ווינצען זיינען אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אָטאָנאָמע עסטאַדאָס (שטאַאטען) נאָך דעם מוסטער פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקאַ. אַ קאָנסטיטוציאָן איז אויך פערפאַסט געוואָרען נאָך דעם זעלבען מוסטער. דיא קירכע איז אָבגעטהיילט געוואָרען פון שטאַאט, וואָס עס איז געווען אַ זעהר ראַדיקאַלע רעפאָרמע אין אַזאַ קאַטוילישער מדינה וויא בראַזיליען, און אויך ציוויל־הייראַטהען זיינען אַנערקענט געוואָרען.

דיא קאָנסטיטוציאָן, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען זעהר זאָרגפעלטיג פון דיא בעסטע יוריסטען און שטאַאטס־מענער אין לאַנד, איז אין אָנפאַנג פון 1891 פאָרגעלייגט געוואָרען פאַר אַ קאָנגרעס, אין וועלכען עס זיינען געווען פער־טרעטער פון אַלע עסטאַדאָס. דיזע קאָנסטיטוציאָן איז דאַן אָנגענומען געוואָ־רען און בלייבט אין קראַפט ביז היינט צו טאָג. זיא אונטערשיידעט זיך פון דער קאָנסטיטוציאָן פון יונייטעד סטייטס אין איינינע פונקטען, פון וועלכע דיא וויכטיגסטע זיינען, אַז דיא ציוויל און קרימינאַל געזעצע ווערען דאָרט דורכגעפיהרט אין קאָנגרעס פאַר׳ן גאַנצען לאַנד. דיא בראַזיליאַנער עסטאַדאָס האָבען דערפאַר אין איינינע זאַכען גרעסערע רעכטע פאַר דיא אַמעריקאַנער סטייטס, ספּעציעל דאָס רעכט אַרויפצולעגען עקספּאָרט־אָבצאָהלונגען אויף פער־שיעדענע פּראָדוקטען. דער פּרעזידענט ווערט אויסגעקליבען אויף פיער יאָהר, אָבער ער קען ניט ערוועהלט ווערען נאָך אַמאָל גלייך וויא עס ענדיגט זיך זיין ערשטער טערמין (דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרען כדי אַ פּרעזידענט זאָל ניט קענען ווערען אַ דיקטאַטאָר).

דיא גענעראַלען פאָנסעקאַ און פּעיקסאָטאָ זיינען ערוועהלט געוואָרען פון דיזען ערשטען רעפּובליקאַנישען קאָנגרעס פאַר פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט ביז דעם 15טען נאָוועמבער 1894 (דער 15טער נאָוועמבער ווערט געפייערט אַלס דער טאָג פון דער עטאַבלירונג פון דער רעפּובליק). נור באַלד נאָכדעם האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייסערייען צווישען דיא רעפּובליקאַנישע פיהרער. דער פּרע־זידענט איז ניט נור בעשולדיגט געוואָרען אין דיקטאַטאָרישע האַנדלונגען, זאָנ־דערן אויך אין דעם, וואָס ער האָט געגעבען דיא בעסטע שטעלען און פעטסטע קאָנצעסיעס צו זיינע פּערזענליכע פריינד און אַגענטען. אָבוואָהל אַלע טהיילען פון לאַנד האָבען זעהר פיעל געוואונען אויך עקאָנאָמיש דורך דיא אָבשאַפונג פון דער אימפּעריע און אָבוואָהל דער האַנדעל וויא אויך דיא אויראָפּעאישע איינוואַנדערונג, ספּעציעל פון איטאַליען, זיינען זעהר שנעל געשטיעגען, פון דעסטוועגען איז דיא אונצופריעדענהייט מיט דער נייער רעגיערונג אַלץ טיעפער און שאַרפער געוואָרען. דיא אַריסטאָקראַטישע גוטס־בעזיצער, דיא רייכע פּלאַנ־טאַטאָרס, דיא מיטגליעדער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, אַלע דיא יע־ניגע וואָס האָבען געבענקט נאָך דער קייזערליכער רעגיערונג און וואָס

זיינען געבליבען אַהן דיא ערוואַרטעטע פעטע ביסענס, דיא פינאַנסיסטען און ספעקולאַנטען וואָס האָבען ניט געקראָגען קאָנצעסיעס, וויא אויך סתם אוואַנ־טוריסטען און סעפאַראַטיסטען, האָבען אַרויסגערופען מהומות און אויפשטאַנ־דען אין דיא פראָווינצען געגען דיא גובערנאַטאָרען, וועלכע האָבען געשטיצט דעם פרעזידענט.

אין דער פראָווינץ ריאָ גראַנדע דאָ סול האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1891 אַ בעזאָנדערס שטאַרקע און געפעהרליכע רעבעליאָן אונטער דער פיהרונג פון אַ זעהר ענערגישען און פעהיגען גאַוטשאָ מיט׳ן נאָמען גומערסינדאָ סאַראַיוואַ. ווען פרעזידענט פאָנסעקאַ האָט אויסגעפונען, אַז ער קען זיך ניט שטיצען אויף דער מאַיאָריטעט אין זיין קאָנגרעס אין זיין קאַמפף געגען דיא רעבעלען אין דיא פראָווינצען, האָט ער איהם אויפגעלייזט און זיך ערקלערט פאַר אַ דיקטאַטאָר. אָבער אַזוי וויא דיזער אַקט האָט אויך אַרויסגערופען אונצופריעדענהייט אין דער אַרמעע, וואָס אויף איהר אונטערשטיצונג האָט ער גערעכענט, האָט ער גאָר רעזיגנירט.

דער וויצע־פרעזידענט פלאָריאַנאָ פעיקסאָטאָ, וועלכער איז דאַן געוואָרען פרעזידענט לויט דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן, האָט אָבער פאָרט־געזעצט דיא פאָליטיק פון גענעראַל פאָנסעקאַ. ער האָט אונטערשטיצט דיא ראַדיקאַלע רעפובליקאַנער, וואָס עס האָט אַלץ מעהר אויפגערעגט דיא קאָנסער־וואַטיווע און אויך דיא מעסיגע ליבעראַלע פאַרטייען. דיא רעבעליאָן אין ריאָ גראַנדע דאָ סול איז דאַרום אויפגעלעבט געוואָרען. ווען פרעזידענט פעיקסאָטאָ האָט געמוזט אַרויסשיקען דעם גרעסטען טהייל פון דער פעדעראַלער אַרמעע צו אונטערדריקען דיזע רעבעליאָן, האָבען זיך זיינע געגנער בענוצט דערמיט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד אין ריאָ דע זשאַנעירא. דער אָנפיהרער פון דיזען אויפ־שטאַנד איז געווען אַדמיראַל מעלאָ, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף דיא פלאָ־טען־אָפיציערען און האָט בלאָקירט דעם פאָרט. דיא פלאָטען־אָפיציערען האָבען געהערט צו דיא העכסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען אין בראַזיליען און זיי האָבען שטענדיג געקוקט מיט פעראַכטונג אויף דער אַרמעע, וועלכע איז רעקרו־טירט געוואָרען פון דיא "ניעדריגע" קלאַסען. אַזוי וויא גענעראַל פעיקסאָטאָ האָט געשטאַמט פון "פראָסטען" פאָלק און האָט נאָך דערצו קוים געקענט לעזען, האָבען דיא פלאָטען־אָפיציערען איהם בעזאָנדערס פיינט געהאַט און האָבען אונ־טערשטיצט דיא פאָרדערונג פון אַדמיראַל מעלאָ, אַז ער זאָל אויך רעזיגנירען וויא גענעראַל פאָנסעקאַ. ער האָט זיך אָבער ענטשיעדען ענטזאַגט און האָט ער־קלערט, אַז ער וועט שוין ענדיגען דעם קאָנסטיטוציאָנעלען טערמין, וואָס זיינע געגנער זאָלען ניט טהאָן.

אין סעפטעמבער 1893 האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ריאָ דע זשאַנעיראָ אַ קאַמפף צווישען דיא פלאָטע אונטער דער קאָמאַנדע פון אַדמיראַל מעלאָ און דיא

ארמעע אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל פעיקסאטא. ווען דיזער אדמיראל האט געסטראשעט צו באמבארדירען דיא שטאדט, אויב פרעזידענט פעיקסאטא וועט ניט רעזיגנירען, האבען זיך דיא אויסלענדישע געזאנדטע אריינגעמישט דאס ניט צו דערלאזען. זיי איז געלונגען צו רעטען דיזע פראכטפאלע שטאדט פון צושטערונג דורך א קאמפראמיס, אז דער פרעזידענט זאל מעהר ניט אויס־שטעלען ארטילעריע אין דער שטאדט גופא און אז דער אדמיראל זאל נור ציע־לען אין דיא פעסטונגען ארום פארט. אזוי וויא דיא מאנשאפט אויף דיא שיפען האט ניט געקענט קריגען גענוג פראוויאנט, איז אדמיראל מעלא געצוואונגען געווען ארויסצורייסען זיך פון פארט. ער איז דאן אוועק צום זיד, וואו ער האט גערעכענט אויף דער שטיצע פון דיא מאנארכיסטען און גרויסע פלאנטאטארס. ער האט פערנומען דעם פארט דעסטערא אין דעם שטאאט סאנטא קאטהארינא און האט דארטען עטאבלירט זיין הויפט־קווארטיר און א פראוויזארישע רעגיע־רונג.

שליסליך האט געזיעגט דיא פעדעראלע רעגיערונג, ווען פרעזידענט פעיק־סאטא האט געקראגען צו קויפען שיפען אין אייראפא און אין יונייטעד סטייטס. דיזע רעבעליאן האט זיך געצויגען א האלב יאהר. ווען אדמיראל מעלא האט גע־זעהן, אז ער קען זיך מעהר ניט האלטען אפילו אויף'ן ים, האט ער זיך א לאז געטהאן מיט זיין עסקאדרע נאך בוענאס ערעס, וואו ער האט זיך אונטערגע־געבען צו דיא ארגענטינער בעאמטע. דיא ארגענטינער רעגיערונג האט גלייך אבגעשיקט דיזע שיפען צו דער בראזיליאנער רעגיערונג, און דיזע גרויסע רעבע־ליאן, וועלכע איז ביסלעכווייז געווארען אלץ מעהר מאנארכיסטיש, איז נאכדעם פארטגעזעצט געווארען ביז דעם מיטען פון 1895 בלויז אין דער פראווינץ ריא גראנדע דא סול.

אום צו צייגען, אז ער האט ניט געקעמפפט פאר זיינע פערזענליכע אמבי־ציעס און אינטערעסען, נור פאר דעם וואהל און בעסטען פון דער רעפובליק, פאר א קאנסטיטוציאנעלע רעגיערונג, האט גענעראל פעיקסאטא זיך ענטזאגט ארויסצושטעלען זיין קאנדידאטור, ווען דער געזעצליכער טערמין האט זיך גע־ענדיגט, און האט מיטגעווירקט, אז דר. פרודענטע מאראעס, איינער פון דיא פע־היגסטע און בעסטע רעפובליקאנער פיהרער, זאל ערוועהלט ווערען אלס פרע־זידענט. דערמיט האט ער בעפעסטיגט דיא רעפובליק. בראזיליען האט אזוי פון אנפאנג אן אויסגעמידען דעם טרויעריגען שיקזאל פון אלע אנדערע לאטיי־נישע רעפובליקען מיט זייערע רעוואלוציאנען, קאנטער־רעוואלוציאנען, פראנונ־סיאמענטאס און דיקטאטורען. מען קען ניט זאגען, אז נאך דעם דורכפאל פון דער פלאטען־רעבעליאן אונטער דער פיהרונג פון אדמיראל מעלא זיינען שוין גאר קיינע אנדערע רעבעליאנען און אויפשטאנדען ניט פארגעקומען אין פער־שיעדענע בראזיליאנער פראווינצען און אויך אין ריא דע זשאנעירא, אבער אלע

פרעזידענטען זיינען קאָנסטיטוציאָנעל ערוועהלט געוואָרען און האָבען אויך קאָנ־סטיטוציאָנעל געענדיגט זייערע טערמינען. וואָס ווייטער געהט עס צו, נאטיר־ליך, אַלץ רוהיגער און רעגעלמעסיגער, און דיזע ריזיגע און וואונדערבאר־רייכע רעפּובליק ענטוויקעלט זיך און וואקסט אַלץ בעסער און שנעלער.

איינע פון דיא ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבען פון פרעזידענט מאָראַעס איז געווען צו געווינען אויך דיא קאָנסערוואטיווע פיהרער און אריסטאָקראַטישע גוטס־בעזיצער אויף דער זייט פון דער רעפּובליק. ער האָט דארום געזוכט צו פערטהיילען רעגיערונגס־פּלעצער אַזוי אונפּארטייאיש, וויא דאָס האָט זיך גע־לאָזען אונטער דיא אומשטענדען, און אויך וואָס ווענינער צו מישען זיך אין דיא אַלגעמיינע וואהלען און אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון דיא שטאַאטען. דאָס איז אָבער געווען אַ זעהר שווערע אויפגאַבע. דיא פּארטיי־שטרייטען זיינען געווען צו שאַרפע און ביטערע, און אייניגע שטאַאטען האָבען זיך אַלץ ניט געקענט בערוהיגען. דיא פינאַנציעלע שוויריגקייטען האָבען אויך געשטערט אויף יעדען שריט. דיא ראַדיקאַלען זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דער מעסיגער פּאָליטיק פון דעם פרעזידענט און האָבען געפּלאַנעוועט אַן אויפ־שטאַנד.

דערצו נאָך האָט פרעזידענט מאָראַעס געמוזט שיקען אַ סך סאָלדאטען און מאַכען גרויסע אויסגאַבען צו אונטערדריקען אַ פאַנאַטישע סעקטע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען ״קאָנסעלהעיראַ״. דיזע סעקטע איז ענטשטאַנען דורך אַן אויסערגעוועהנליכען צופאַל. אַ יונגער מאַן פון פערנאַמבוקאָ מיט׳ן נאָמען אַנטאָניאָ מאַציעל, וועלכער האָט שפּעטער געקראָגען דיא צונעמענעס קאָנסעלהעיראַ, האָט חתונה געהאַט געגען דעם ווילען פון זיין מוטער. אום פּטור צו ווערען פון דער שנור, וועלכע זיא האָט שרעקליך געהאַסט, איז דיא שוויגער געפאַלען אויף דעם פּלאַן צו בעשולדיגען איהר, אַז זיא האָט אַ ליעבהאָבער, און זיך אַליין צו פערשטעלען פאַר דעם ליעבהאָבער. זיא האָט אויפגערייצט דיא אייפערזוכט פון איהר זוהן מיט אַן אויסגעטראַכטער מעשה, אַז זיין ווייבעל טרעפט זיך צוזאַמען מיט אַ ליעבהאָבער אין אַ געוויסען אָרט, וועלכען זיא האָט ענטדעקט דורך אַ צופאַל. נאַכהער האָט זיא אויסגעטראַכט אַ מעשה צו קענען אַוועקשיקען דיא שנור אין דעם דאָזיגען אָרט, און אין דעם אָבענד ווען דיא שנור איז אַהין אַוועק, האָט זיא זיך איבערגעטהאָן אין מענערשע קליידער. זיא איז אָנגעקומען אין דעם בעשטימטען אָרט גלייכצייטיג מיט איהר זוהן, וועלכער האָט אין ווילדער אייפערזוכט גענומען שיסען פון זיין רעוואָלווער און האָט גע־טויטעט זיין פרוי צוזאַמען מיט איהר ״ליעבהאָבער״. מען האָט איהם אַרעס־טירט און גע׳משפט, אָבער מען האָט איהם פריינעלאָזען, ווען מען האָט אויסגע־פונען דיא איינצעלהייטען פון דיזער טראַגישער געשיכטע, וועלכע צייגט וויא דיא ווירקליכקייט איבערטרעפט אַמאָל דיא פאַנטאַזיע פון אַ ראָמאַנען־שרייבער.

זיין געוויסען האָט איהם אָבער אזוי געפּלאָגט, אז ער האָט בעשלאָסען אויסצוקויפען זיין זינד דורך מיסיאָנערסקע טהעטיגקייט צווישען דיא ווילדע אינדיאַנער־שטאַמען מיט'ן נאָמען זשאַגונסאַ אין דיא וועלדער פון אמאזאָנען־טהאָל. אין א קורצער צייט איז ער געוואָרען דער אָנפיהרער פון דיזע אינדיאַנער. אין אַן אָרט מיט'ן נאָמען קאַנודאָס האָט קאָנסעלהעיראָ עטאַבלירט זיין "הויפּט־שטאָדט". ווען דער גובערנאַטאָר פון באַהיאַ האָט איהם געהייסען אוועקגעהן פון דיזען אָרט, ווייל עס זיינען אָנגעקומען קלאַגען פון קאָלאָניסטען געגען דיזע אינדיאַנער, האָט ער זיך ענטזאָגט צו פאָלגען. דאַן האָט דער גובערנאַטאָר געשיקט זשאַנדאַרמען איהם צו פעריאַגען, אָבער זיי האָבען געטראָפען אַזאַ ווידערשטאַנד פון דיא אינדיאַנער, אַז זיי האָבען זיך קוים אָבגעטראָגען מיט גאַנצע ביינער. דאָס האָט שוין געצוואונגען דיא רעגיערונג צו שיקען סאָלדאַטען מיט ארטילעריע געגען דיזע ווילדע און פאַנאַטישע סעקטאַנטען. ווען דיא ערשטע באַטאַליאָנען, צוזאַמען אָנדערטהאַלב טויזענד מאַן, זיינען בעזיעגט און פעריאָגט געוואָרען פון דיא אינדיאַנער, האָט דיא רעגיערונג געשיקט אַן ארמעע פון 5000 מאַן, און ווען דיזע אַרמעע האָט אויך ניט געקענט בייקומען דיא סעקטאַנטען, איז דער קריעגס־מיניסטער אַליין אַוועק אַהין מיט אַן ארמעע פון 13000 מאַן אין סעפּטעמבער 1897. ערשט דאַן איז עס געלונגען צו בעלאַגערן און צו פאַנגען קאָנסעלהעיראָ'ס הויפּט־שטאָדט קאַנודאָס נאָכדעם וויא ער איז געטויטעט געוואָרען אין דער אַטאַקע.

וויא אונבעדייטענד דיזער אויפשטאַנד איז ניט געווען פון א פּאָליטישען שטאַנדפּונקט, איז ער אָבער פון א פינאַנציעלען שטאַנדפּונקט געווען זעהר וויכטיג, ווייל דיא קאָסטען פון דיזע עקספּעדיציעס נאָך דיא ווילדע און פערוואָרפענע ערטער, וואו דיא סעקטאַנטען האָבען זיך אויפגעהאַלטען, זיינען געווען זעהר גרויסע. דיא רעגיערונגס־קאַסע איז נאָך יעדער עקספּעדיציע אַליין לעדיגער געוואָרען, און פּרעזידענט מאָראַעס האָט ניט געקענט אויספיהרען זיינע פערשפּרעכונגען וועגען עקאָנאָמיעס. באַלד נאָך דער אונטערדריקונג פון קאָנסעלהעיראָ'ס אויפשטאַנד איז געמאַכט געוואָרען אין ריאָ דע זשאַנעיראָ אַן אַטענטאַט אויף דעם פּרעזידענט'ס לעבען. אין דער צייט, ווען דער פּרעזידענט צוזאַמען מיט דעם קריעגס־מיניסטער און גענעראַלען האָבען צוגעקוקט, וויא סאָלדאַטען לאַנדען, האָט א סאָלדאַט אויסגעשאָסען, ציעלענדיג אין דעם פּרעזידענט, אָבער טרעפענדיג אין דעם קריעגס־מיניסטער, וועלכער איז געפאַלען טויט אויף'ן אָרט. אזוי וויא דיא אונטערזוכונג האָט בעוויזען, אַז אין דיזען אַטענטאַט זיינען פערמישט געווען פּראָמינענטע פּאָליטיקער, האָט דיא רעגיערונג ערקלערט בעלאַגערונגס־צושטאַנד. אָבער דיזער אַטענטאַט האָט ניט געפיהרט צו אונרוהען אין דיא שטאַאטען, און פּרעזידענט מאָראַעס האָט אָהן

וייטערע שטערונגען געזעצליך געענדיגט זיין טערמין דעם 15טען נאָוועמבער 1898.

זיין פּלאַץ איז פערנומען געוואָרען פון דר. קאַמפּאָס סאַלעס, וועמען ער האָט געשטיצט און וועלכער האָט באַלד בעוויזען, אַז ער פערדיענט דעם הויכען אַמט. דיזער פּרעזידענט, וועלכער האָט זיך פריהער אויסגעצייכענט אַלס גובערנאַטאָר פון סאַאון פּאולאָ, האָט דורכגעפיהרט וויכטיגע פינאַנציעלע רעפאָרמען, האָט פערקלענערט דיא אויסגאַבען און פערגרעסערט דיא איינגאַהמען. נור זיין וויכטיגסטע אויפטהואונג איז געווען, וואָס ער האָט געענדיגט פריעדליך און פיין וויכטיגע גרענעץ־שטרייטען ניט נור מיט דיא אַרומיגע רעפּובליקען, זאָנדערן אויך מיט דיא אייראָפּעאישע שכנים. בראַזיליען גרענעצט זיך מיט אַלע לענדער אין זיד־אַמעריקאַ, אויסער מיט טשילי, און אַזוי וויא איהרע גרענעצען זיינען ניט געוועזען גענוי בעשטימט, זיינען פאָרגעקומען שטרייטען און סכסוכים, וועלכע האָבען זיך געצויגען יאָהרען און יאָהרען. דער לאַנגער סכסוך מיט פראַנקרייך וועגען דיא גרענעצען פון איהר קאָלאָניע אין גוויאַנאַ איז אין 1899 איבערגעגעבען געוואָרען צו דער ענטשיידונג פון דעם פּרעזידענט פון דער שווייצאַרישער רעפּובליק (דיא ענטשיידונג איז געווען צו גונסטען פון בראַזיליען אין 1900). דער סכסוך מיט ענגלאַנד וועגען דיא גרענעצען פון איהר קאָלאָניע אין גוויאַנאַ איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער ענטשיידונג פון דעם איטאַליענישען קעניג אין 1901. דיזער סכסוך איז געווען אַ זעהר פערפּלאָנטערטער, און דער איטאַליענישער קעניג האָט שליסליך ענטשיעדען אין 1904 מייסטענס צו גונסטען פון ענגלאַנד.



פּרעזידענט קאַמפּאָס סאַלעס

אין 1899 איז פּרעזידענט קאַמפּאָס סאַלעס געקומען צו אַ פערשטענדיגונג מיט אַרגענטינע, וואָס דורך דעם איז אויסגעמידען געוואָרען אַ מלחמה צווישען אַרגענטינע און טשילי, צוליעב זייערע גרענעץ־שטרייטען (זעה דיא געשיכטען פון דיזע ביידע רעפּובליקען). דער אַרגענטינישער פּרעזידענט ראָקאַ האָט יענעם יאָהר אָפיציעל בעזוכט ריאָ דע זשאַנעיראָ. דאָס איז געווען דער ערשטער וויזיט פון אַ פּרעזידענט פון אַן אַמעריקאַנישער רעפּובליק אין אַן אַנדער לאַנד. דער

נעכסטען יאָהר האָט פרעזידענט קאַמפּאָס סאַלעס בעזוכט בוענאָס ערעס, וואו ער איז פריינדליך און הערליך אויפגענומען געוואָרען. דאָס האָט געפיהרט צו ווייטערע פריינדליכע פערבינדונגען צווישען דיא דריי גרעסטע, שטאַרקסטע און פאָרטגעשריטענסטע רעפּובליקען פון זיד־אַמעריקאַ: בראַזיליען, אַרגענטינע און טשילי, דיא זאָ־גענאַנטע ”A B C“

דיא פערהאַנדלונגען וועגען זייערע גרענעצען זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרען אונטער דיא אַדמיניסטראַציאָנען פון דיא נעכסטע פרעזידענטען. דיזע סכסוכים זיינען געשליכטעט געוואָרען מייסטענס דורך שיעדס־געריכטען, זאָ דאָס עס וועט שוין מעהר ניט קומען צו ערנסטע שטרייטען צווישען דיזע רעפּובליקען וועגען זייערע טעריטאָריעס. דאָס מיינט, אַז זיי וועלען קענען לעבען פריעדליך און שנעל פּראָגרעסירען אין דער צוקונפט אויף אַלע וועגען.

# וועסט=אינדיעז ארער אנטילעז

# West Indies or Antilles

# האיטי, סאן דאמינגא, קובא

Haiti, San Domingo, Cuba

# דיא רעפּובליקען אין וועסט-אינדיען

## דיא אַנטילען

דיא אינזלען, וואָס ליעגען אין דעם גרויסען בוזים פון אטלאַנטישען אָקעאַן אין צענטראַל-אמעריקאַ, האָבען געקראָגען פון קאָלומבוס'ען דעם נאָמען וועסט-אינדיען, ווייל ער האָט געמיינט, אַז זיי געפינען זיך ניט וויים פון דיא ברעגען פון אינדיען. מען האָט זיי אויך אָנגעפאַנגען צו רופען אַנטילען, ווייל מען האָט געמיינט, אַז זיי געהערען צו דעם פאַבעלהאַפטען לאַנד אַנטילאַ (דער אורשפּרונג פון דער לעגענדע מכח אַן אינזעל אויף דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, וואָס מען האָט גערופען אַנטילאַ און אויך "אינזעל פון זיעבען שטעדט", איז זעהר אַ דונקעלער; מען רעכענט, אַז אַן אַלטע לעגענדע האָט מען צוזאַמענגע-פלאָכטען מיט איינעם פון דיא אַזאָר אינזלען).

צוזאַמען פערנעהמען דיזע אינזלען אַ שטח פון 100,000 סקוועיר מייל. זיי ציהען זיך וויא אַ לענגליכער בויגען פון דעם האַלב-אינזעל יוקאַטאַן (צענ-טראַל-אַמעריקאַ) אין נאָרד-וועסט ביז ווענעצועלאַ (זיד-אַמעריקאַ) אין זיד-אָסט (זעה דיא לאַנדקאַרטע אויף זייטע 221 אין דער געשיכטע פון מעקסיקאָ). דער ים צום נאָרד פון דיא וועסט-אינדישע אינזלען ווערט גערופען: מעקסיקאַ-נער גאָלף, דער ים צום זיד פון דיזע אינזלען ווערט גערופען: קאַריבעאישער ים (נאָך דעם נאָמען פון דיא אינדיאַנער-שטאַמען, דיא קאַריבען, וועלכע זיינען כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען).

דיזער אַרכיפּעלאַג ווערט צוטהיילט אין דיא גרעסערע אַנטילען, וועלכע בעשטעהען פון דיא פיער גרויסע אינזלען קובאַ, האַיטי, דזשאַמעיקאַ און פּאָר-טאָריקאָ, און אין דיא קלענערע אַנטילען, וועלכע בעשטעהען פון אַ סך קליינע אינזלען. דיא באַהאַמאַ אינזלען, וועלכע ציהען זיך ניט וויים פון דיא מזרח'דיגע ברעגען פון פלאָרידאַ אַרונטער כמעט ביז דיא נאָרדליכע ברעגען פון האַיטי, ווערען גערעכענט פאַר אַ בעזונדערען טהייל פון דיזען אַרכיפּעלאַג.

זייער בעפעלקערונג, וועלכע מען גערעכענט ווערען אַרום 8—9 מיליאָן

נפשות, בעשטעהט מייסטענס פון נעגער און מולאַטען, קינדער פון דיא געוועזענע שקלאַווען. אָבוואָהל דיא אינזלען האָבען געהערט און געהערען היינט אויך צו פערשיעדענע נאַציאָנען, דאָך אונטערשיידען זיך זייערע איינוואָהנער גאַנץ וועניג ניט נור פיזיש, ווייל זיי געהערען מייסטענס צו דער שוואַרצער ראַסע און ווייל דיא קלימאַטישע בעדינגונגען זיינען דיא זעלבע, זאָנדערן אויך גייסטיג, ווייל זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען עהנליכע. זייערע שפּראַכען זיינען מייסטענס דיא שפּאַנישע, נאָכהער דיא ענגלישע און פראַנצויזישע.

בלויז אויף צוויי פון דיזע אינזלען זיינען עטאַבלירט געוואָרען רעפּובליקען, נעמליך: אויף האיטי און קובא. דיזע צוויי אינזלען זיינען אָבער איבער פיער מאָל גרעסער פאַר אַלע איבריגע אַנטיל־אינזלען צוזאַמען, וועלכע פערבלייבען קאָלאָניעס פון פאָלגענדע לענדער: ענגלאַנד (זיא האָט אויך דאָ דעם גרעסטען חלק: דיא באַהאַמאַ אינזלען, דזשאַמעיקאַ, טרינידאַד, דאָמיניקאַ און פיעלע קלענערע), יונייטעד סטייטס (פּאָרטאָ ריקאָ, וואָס פערנעהמט 3,606 סקווער מייל מיט אַ בעפעלקערונג פון 1,118,012 נאָך דער פאָלקסצעהלונג אין 1910), פראַנקרייך (גאַדעלופּ, מאַרטיניק און אַ פּאָאַר קלענערע), האָלאַנד (קוראַסאַאָ און עטליכע אַנדערע ניט ווייט פון דיא ברעגען פון ווענעצועלאַ), דענעמאַרק (סענט טהאָמאַס, סענט קרוא און סענט דזשאָהן לעבען פּאָרטאָ ריקאָ).

אויף דעם גרונד פון קאָלומבוס'עס ענטדעקונג האָט שפּאַניען ערקלערט, אַז גאַנץ וועסט־אינדיען געהערט צו איהר. זיא האָט אויך געזוכט צו עטאַבלירען דאָרטען וואָס מעהר און וואָס שנעלער איהרע קאָלאָניעס. אָבער דיא ענגלענדער, פראַנצויזען און האָלענדער, וועלכע האָבען זיך אויך אַ לאָז געטהאָן נאָך דער נייער וועלט, האָבען ניט געלאָזען דיא שפּאַניער צו רוה. וואָס מעהר עס איז בעקאַנט געוואָרען, וויא גרויס עס זיינען דיא נאַטירליכע רייכטהימער פון דיא אַנטילען, אַלץ מעהר לוסט האָבען אַוואַנטוריסטען און פּיראַטען פון אַלע לענדער געקראָגען צו זוכען דאָרטען גליק און צו פערכאַפּען דיא בעסטע ערטער. אין 16טען און ספּעציעל אין 17טען יאָהרהונדערט האָבען זיך דיזע פּיראַטען, וועלכע האָבען דאַן געקראָגען דיא נעמען בוקאַנירען און פיליבוסטער, בעזאָנדערס פערמעהרט אין וועסט־אינדיען, וואו עס איז זיי לייכטער געווען זיך צו בעהאַלטען און אויפצוהאַלטען אויף דיא פערשיעדענע אינזלען. ערשט אַרום דעם אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט, נאָכדעם וויא שפּאַניען האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון איהרע פּרעטענזיעס אויף אַלע וועסט־אינדישע אינזלען, האָבען אויך דיא רעגיערונגען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָלאַנד זיך אַ נעהם געטהאָן ענערגיש צו פאַנגען דיא שיפען פון דיא בוקאַנירען און צו בעשיצען דיא קאָלאָניסטען און דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס.

דיא ענגלישע קאָלאָניסטען האָבען ניט געזוכט גאָלד, וויא דיא שפּאַנישע, נור האָבען אָנגעפאַנגען צו קולטיווירען טאַבאַק, בוימוואָל, אינדיגאָ און נאָכהער צוקער, וואָס איז געוואָרען און בלייבט אויך היינט דער וויכטיגסטער פּראָדוקט פון וועסט־אינדיען. אין 1625 איז געגרינדעט געוואָרען אַ פראַנצויזישע וועסט־אינדישע קאָמפּאַניע, וועלכע האָט עטאַבלירט אַ קאָלאָניע אויף דעם אינזעל סענט קריסטאָפער, פון וואַנען דיא שפּאַניער האָבען זיי פעריאָגט אין פינף יאָהר אַרום. דיא פראַנצויזען האָבען זיך אָבער באַלד צוריקגעקעהרט און האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו עטאַבלירען קאָלאָניעס אויף אַנדערע אַנטיל־אינזלען.

אַרום דעם מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט האָט מען אָנגעפאַנגען צו קול־טיווירען אַליץ מעהר דיא צוקער־רעהרען, פאַר וועלכע דער באָדען און קלימאַט פון וועסט־אינדיען זיינען צוגעמאָסטען. דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס האָבען צו־געשטעלט פיעל מעהר רייכטהום ווי דיא גאָלד און זילבער־מינען, נאָך וועלכע דיא שפּאַניער האָבען זיך געיאָגט. זיי האָבען אַליץ מעהר צוגעצויגען קאָלאָניסטען און קאָמערסאַנטען, וועלכע האָבען אין אַ קורצער צייט אָנגעזאַמעלט גרויסע פערמעגענס. אָבער וואָס מעהר צוקער־פּלאַנטאַציעס עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען, אַליץ מעהר שקלאַווען האָט מען געבראַכט פון וועסט־אַפריקאַ. דיא פּאָרטוגעזער זיינען געוועזען דיא ערשטע צו אימפּאָרטירען נעגער אַלס שקלאַ־ווען, און דיא ענגלענדער, האָלענדער און פראַנצויזען האָבען באַלד נאָכגע־פאָלגט, זאָ דאָס דיזער שרעקליכער האַנדעל איז אַליץ גרעסער געוואָרען.

אין 1655 האָבען דיא ענגלענדער געמאַכט אַ פערזוך צו פערנעהמען דעם אינזעל האַיטי, נור דאָס איז זיי ניט געלונגען. דאַן האָבען זיי זיך אַ לאָז גע־טהאָן נאָך דזשאַמעיקאַ, וואו זיי האָבען געלאַנדעט און זיך עטאַבלירט. דיזער פּראַכטפאָלער אינזעל, דער גרעסטער נאָך קובאַ און האַיטי (פערנעהמט 4207 סקווער מייל און צעהלט אַרום 830 טויזענד נפשות), איז זייט דאַן פערבליבען אין ענגלישע הענד.

אין דער צווייטער העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט האָבען דיא רעגיע־רונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אָבגעמאַכט צו פערטהיילען צווישען זיך געוויסע וועסט־אינדישע אינזלען, אָבער אַזוי וויא מלחמות זיינען דאַמאָלס זעהר אָפט געפיהרט געוואָרען אין אייראָפּאַ, איז דיא חלוקה געבליבען אַ פּאַ־פּירענע, און דיא אינזלען זיינען אויך אָפט איבערגעגאַנגען פון איין האַנד אין אַן אַנדערע. מיר וועלען זיך אָבער ניט אָבשטעלען דאָ אויף דיא געשיכטען פון דיא אינזלען, וועלכע זיינען געבליבען קאָלאָניעס עד היום, און וועלען וואַר־פען אַ בליק אויף דיא געשיכטען פון דיא דריי היינטיגע וועסט־אינדישע רע־פּובליקען: האַיטי, סאַן דאָמינגאָ און קובאַ.

# דיא רעפּובליק האיטי

דיא עלטעסטע און מערקווירדיגסטע פון דיזע רעפּובליקען איז האיטי, וועלכע פערנעהמט ארום א דריטעל פון דעם אינזעל מיט דעם זעלבען נאָמען. זיא אונטערשיידעט זיך פון אַלע אַנדערע אין דער נייער וועלט ספּעציעל דערמיט, וואָס זיא איז אַן אויסשליסליך נעגרישע. מען האָט דאָרטען דיא ווייסע און מען קוקט קרום אפילו אויף מולאַטען. דיא עכטע שוואַרצע, טאָקע אַזוי וויא אין אַפריקאַ, בילדען 90 פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג. דיא איבריגע 10 פּראָצענט בעשטעהען פון מולאַטען, וועלכע פערשווינדען אַלץ מעהר, ווייל זיי צומישען זיך מיט דיא עכטע שוואַרצע. נאָך אין אַ פּאָאַר דורות אַרום וועט דיזע רעפּובליק זיין בעפעלקערט נור פון "ריינע" שוואַרצע, עכטע נעגער, ניט רעכענענדיג דיא עטליכע ווייסע אויסלענדער, וועלכע געפינען זיך דאָרטען צוליעב קאָמערציעלע און דיפּלאָמאַטישע אורזאַכען.

און זיי פערמעהרען זיך שנעל, דיזע שטאָלצע נעגער, דיא קינדער פון געוועזענע שקלאַווען, אין דיזען ווינקעל פון דער ערד, וואו ווייסע קענען אַ קאָפּ ניט אויפהייבען, אָבוואָהל אין קיין אַנדערער פון דיא רעפּובליקען פון צענטראַל און זיד־אַמעריקאַ זיינען ניט פאָרגעקומען אַזוי פיעל רעוואָלוציאָנען און בלוט־פערגיסונגען. דיזע שוואַרצע רעפּובליק געפינט זיך, מעג מען זאָגען, אין אַ צושטאַנד פון שטענדיגער רעוואָלוציאָן. בלויז אַ פּאָאַר פון איהרע צאָהלרייכע דיקטאַטאָרס, פון וועלכע איינינע האָבען זיך אויף טיטולירט אימפּעראַטאָר און קעניג, האָבען געענדיגט מיט אַ נאַטירליכען טויט אין זייער היים. דיא מייסטע זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, געפאַלען אין שלאַכטען אָדער געשטאָרבען אין אויסלאַנד, ווען עס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפען מיט גאַנצע ביינער.

דיא בעפעלקערונג פון דער רעפּובליק האיטי איז דריי מאָל אַזוי גרויס, וויא דיא בעפעלקערונג פון איהר נעכסטער שכנה, דיא רעפּובליק סאַן דאָמינגאָ, וועלכע פערנעהמט כמעט צוויי דריטעל פון דעם זעלבען אינזעל האיטי. איהר בעפעלקערונג איז באַלד אַזוי גרויס וויא דיא בעפעלקערונג פון קובאַ, וועלכע איז כמעט פיער און אַ האַלב מאָל גרעסער פאַר איהר אין שטח. דיא פאַרשטעהער פון דער שוואַרצער ראַסע נעהמען דאָס אַן פאַר דעם בעסטען בעוויז, אַז אונטער זייער אייגענער רעגירונג פערמעהרען זיך דיא נעגער זעהר שנעל און האָבען פאַר זיך אַ גלענצענדע צוקונפט.

דיזע רעפּובליק צייכענט זיך אויך אויס דערמיט, וואָס איהר אָפיציעלע שפּראַך איז דיא פראַנצויזישע. זיא איז דיא איינציגע פראַנצויזיש־שפּרעכענדע רעפּובליק אין דער נייער וועלט. דאָס איז געקומען דורך דעם, וואָס דיזער טהייל פון'ם אינזעל, אויף וועלכען קאָלומבוס האָט געגרינדעט דיא ערשטע שפּאַ־

נישע קאָלאָניע נאָכדעם וויא ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען עספּאַניאָלאַ (בע־דייטעט: קליינע שפּאַניען), איז צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט איבערגע־געבען געוואָרען צו פראַנקרייך נאָך דעם טראַקטאַט פון ריסוויק, מיט וועלכען עס האָט זיך געענדיגט אין 1697 דיא מלחמה פון פראַנקרייך געגען אַן אַליאַנץ פון דער דייטשער אימפּעריע, ענגלאַנד, שפּאַניען און האָלאַנד.

דיא פראַנצויזישע הערשאַפט האָט דאָרטען אָנגעהאַלטען ארום הונדערט יאָהר, ביז דיא נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. דיא ערשטע פראַנצויזען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין דעם מזרח׳דיגען טהייל פון עספּאַניאָלאַ, זיינען געווען פּיראַ־טען און שמוגלער. אין 1630, ווען דיא שפּאַניער האָבען פעריאָגט אַ באַנדע פראַנצויזען און ענגלענדער פון זייער שמוגעל־נעסט אויף דעם וועסט־אינדי־שען אינזעל סענט קיטס, האָט זיא זיך אַריבערגעצויגען אויף דעם אינזעל טאָר־טוגאַ לעבען דיא נאָרדליכע ברעגען פון דעם אָסטליכען טהייל פון עספּאַניאָלאַ. דער דאָזיגער אינזעל איז געוואָרען דער נעסט פון דיא פּיראַטען, וועלכע זיינען עס בעריהמט געוואָרען אונטער דעם נאָמען בוקאַנירען. דיזער נאָמען שטאַמט פון אַן אינדיאַנער וואָרט צו בעצייכענען אַן אָרט, וואו מען רויכערט פלייש. אַזוי האָט מען אין 16טען יאָהרהונדערט אָנגעפאַנגען צו רופען דיא אַוואַנטור־ריסטען, וועלכע פלעגען פיהרען אַ גֶעיעג אויף דיא ווילדע אָקסען אום צו בע־קומען און פערקויפען דיא פעל. זיי זיינען שפּעטער מייסטענס געוואָרען פּי־ראַטען, קאָרסערען און פיליבוסטער.

דיא פראַנצויזישע בוקאַנירען פון טאָרטוגאַ, וועלכע זיינען אַלץ צאָהל־רייכער געוואָרען, האָבען זיך אַריבערגעכאַפּט אויף דיא ברעגען פון האיטי, וואו זיי האָבען זיך עטאַבלירט אין איינִיגע פּונקטען, גאָר ניט קימערנדיג זיך וועגען דיא שפּאַנישע גובערנאַטאָרען אין עספּאַניאָלאַ.

דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט זיך בענוצט מיט דיזע בעזעצונגען, אום צו פערלאַנגען דעם אָסטליכען טהייל פון עספּאַניאָלאַ, וואו עס זיינען אויך געקומען איינִיגע פראַנצויזישע קאָלאָניסטען, און דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט עס געמוזט נאָכגעבען, ווען עס איז געשלאָסען געוואָרען דער פריעדענס־אָבמאַך אין דער האָלענדישער שטעדטעל ריסוויק. דיא פראַנצויזען האָבען דאַן אַ נאָמען געגעבען דיזע נייע קאָלאָניע זייערע סען דאָמיניק (שפּאַניש: סאַנטאָ דאָמינגאָ). אין אַ קורצער צייט האָט דיזע קאָלאָניע אָנגעפאַנגען צו בליהען, ספּעציעל דורך דיא פערמעהרונג פון צוקער־פּלאַנטאַציעס און דיא אימפּאָרטאַ־ציאָן פון אַ סך שוואַרצע שקלאַווען.

דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אויפגערודערט אַלע פעלקער, האָט גלייך אויפגעמונטערט אויך דיא שקלאַווען אין סען דאָמיניק צו פערלאַנגען ניט נור פרייהייט, זאָנדערן גלייכע רעכטע מיט זייערע ווייסע הערען. צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט איז דיא בעפעלקערונג פון סען

דאָמיניק בעשטאַנען פון אַ קליינער צאָהל פראַנצויזען (מייסטענס קרעאָלען), וועלכע זיינען געווען דיא לאַנד־בעזיצער און שקלאַווען־בעזיצער, פון אַ גרויסער צאָהל נעגער־שקלאַווען און פון אַ געוויסער צאָהל מולאַטען, וועלכע זיינען שוין מייסטענס געווען פריי. דיזע מולאַטען האָבען אָנגעפאַנגען צו פערלאַנגען אַלע בירגערליכע רעכטע, וויא נור מען האָט געקראָגען נאַכריכטען וועגען דיא צור־שטערונג פון דער באַסטיליע (דעם 14טען יולי 1789). זייער פערלאַנג איז ערפילט געוואָרען פון דעם נאַציאָנאַלען קאָנוועגט (אַזוי האָט מען דאַן גערופען דעם פראַנצויזישען פאַרלאַמענט) אין פאַריז אין 1791.

דיא ווייסע האָבען אָבער אויפגעהויבען פייערדיגע פּראָטעסטען און האָבען געשיקט אַ פּעטיציע צו דער רעגיערונג געגען דיא גלייכבערעכטיגונג פון דיא מולאַטען. ווען דיא רעגיערונג האָט נאָכגעגעבען דעם פערלאַנג פון דיא פּלאַנ־טאַטאָרס, האָט באַלד אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון דיא מולאַטען און אויך פון דיא נעגער, וועלכע האָבען גענומען פאָדערען דיא אָבשאַפונג פון שקלאַ־ווערײַ. דיזער אויפשטאַנד האָט געפיהרט צו שוידערליכע רציחות און אויס־שלאַכטונגען פון ביידע זייטען. דיא אויפגערייצטע שקלאַווען האָבען גענומען ווילדע ראַכע פון זייערע הערען, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט באַנדעס צו פער־טיליגען דיא רעבעלירענדע שקלאַווען.

דיא קאָמיסאַרען, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פון פאַריז צו אונטערזוכען דיא לאַגע אין דיזער קאָלאָניע, מיט דער פּאָלמאַכט צו האַנדלען נאָך זייער פערשטאַנד, האָבען אין 1793 פּראָקלאַמירט אין נאָמען פון קאָנוועגט דיא אָבשאַפונג פון דער שקלאַווערײַ, אָבער דאָס האָט שוין ניט אָבגעשטעלט דעם שרעקליכען ראַסען־קריעג. דיא געוועזענע שקלאַווען האָבען אָנגעפאַנגען צו קעמפּפען ניט נור פאַר גלייכע רעכטע מיט דיא ווייסע, זאָנדערן פאַר זעלבסט־פערוואַלטונג און זאָגאַר פאַר אַ זעלבסטשטענדיגע רעפּובליק.

אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ נעגער מיט דעם עכט פראַנצויזישען נאָמען טוסען לואוועטיור (**Toussaint l'Ouverture**), וועלכער האָט אַרויסגעצייגט געניאַלע מיליטערישע פעהיגקייטען און האָט דערפאַר געקראָגען דיא צונעמענעס "דער שוואַרצער נאַפּאָלעאָן", האָבען דיא שוואַרצע ניט נור בעזיעגט דיא פראַנ־צויזען, זאָנדערן אויך פערטריעבען אין 1798 דיא ענגלישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען אַרויסצוררייסען דיזע רייכע קאָלאָניע פון פראַנצויזישע הענד.

אין 1795 האָט פראַנקרייך בעקומען דעם גאַנצען אינזעל האַיטי לויט אַן אָבמאַך מיט שפּאַניען, אָבער מיט אַכט יאָהר שפּעטער זיינען דיא פראַנ־צויזען געצוואונגען געווען צו געזעגענען זיך אפילו מיט זייער אַלטען טהייל און איבערצולאָזען דיא שוואַרצע צו זייער אייגענעם שיקזאַל.

דאָס האָט פּאַסירט נאָך אַ לאַנגען און פערצווייפעלטען קאַמפּף פון דיא

געוועזענע שקלאַווען מיט אַ פראַנצויזישער אַרמעע פון 25,000 מאַן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט ארויסגעשיקט אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין שוואָגער גענעראַל לעקלער. אין 1801, ווען טוסען לואווערטיור איז פאַקטיש געוואָרען דער דיק־טאַטאָר פון האיטי, האָט ער פּערעפּענטליכט אַ מין קאָנסטיטוציאָן, לויט וועל־כער ער האָט געזאָלט ווערען דער לעבענסלענגליכער גובערנאַטאָר מיט דער צו־שטימונג פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג. נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז דאַן גע־ווען דער ערשטער קאָנסול פון פראַנקרייך און האָט זיך געקליבען צו פּראָקלאַ־מירען זיך פאַר אַ קייזער, האָט ניט נור זיך ענטזאָגט צו אַנערקענען אַזאַ קאָנ־סטיטוציאָן, זאָנדערן האָט בעשלאָסען צו פעריאָגען דעם שוואַרצען נאַפּאָלעאָן און זאָגאַר איינצופיהרען צוריק שקלאַווערײ.

דיא שוואַרצע האָבען אָבער אַזוי העלדיש געקעמפּפט פאַר זייער פרייהייט, אַז גענעראַל לעקלער האָט געפונען פאַר נויטיג פאָרצושלאָגען געוויסע פריע־דענס־בעדינגונגען. דער שוואַרצער נאַפּאָלעאָן האָט געקראָגען דיא בעסטע פער־זיכערונגען און פערשפּרעכונגען אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג, אויב ער וועט נור אוועקלעגען דיא וואַפען. אָבער אַזוי שנעל וויא ער האָט עס געטהאָן, האָט דער פראַנצויזישער קאָמאַנדיר געבראָכען זיינע שבועות און האָט איהם אוועקגעשיקט אַלס אַ געפאַנגענעם נאָך פראַנקרייך, וואו ער איז גע־שטאָרבען אין אַ פעסטונג אין 1803.

דיזער פעררעטה האָט אָבער נאָך מעהר אויפגעהעצט דיא שוואַרצע צום קאַמפּף. אונטער דער קאָמאַנדע פון אַן אַנדער זעהר פעהיגען גענעראַל זייערען מיט'ן נאָמען זשאַן זשאַק דעסאַלין האָבען זיי געברענט און געבראָטען דיא ווייסע מיט אמת ווילדער רציחה. דיא פערבליבענע פראַנצויזישע סאָלדאַטען זיינען געווען צו שוואַך בייצוקומען דיא שוואַרצע מחנות, און נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט גענוג פערדרעהעניסען און מלחמות אין דער אַלטער וועלט, וואו דער קאַמפּף מיט אַלע מלוכות און ספּעציעל מיט ענגלאַנד איז אַלץ גרעסער און שווערער געוואָרען. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט דער פראַנצויזישער קאָמאַנדיר אין האיטי ניט געקענט רעכענען אויף פערשטערקונגען פון פראַנק־רייך, און אַזוי וויא אַן ענגלישע פלאָטע האָט דאָרט זיך בעוויזען צו ענדע פון 1803, האָט ער בעשלאָסען צוריקצוקעהרען מיט זיין גאַנצער אַרמעע אַהיים.

דיא געוועזענע שקלאַווען האָבען אויף דיזער וויזע געוואונען זייער אונ־אָבהענגיגקייט צוזאַמען מיט זייער פרייהייט. אַזוי שנעל וויא דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען האָבען פערלאָזען דעם אינזעל, האָבען דיא שוואַרצע ערקלערט דאָר־טען אַן אונאַבהענגיגע רעפּובליק אונטער דעם אורשפּרונגליכען אינדיאַנער נאָמען האיטי (בעדייטעט: געבירגיג לאַנד). גענעראַל דעסאַלין איז געוואָרען איהר ערשטער דיקטאַטאָר. זיין הערשאַפט האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אַן אויס־שלאַכטונג פון דיא ווייסע, וועלכע זיינען נאָך פערבליבען. באַלד נאָכדעם

האָט ער זיך פּראָקלאַמירט אַלס קייזער און האָט זיך זאָגאַר געקרוינט מיט גרויסע צערעמאָניעס.

אָבער זיין גדולה האָט ניט לאַנג געדויערט. אין 1806 איז ער ערמאָרדעט געוואָרען פאַר זיין ווילדע און גרויליכע טיראַניי. נאָך זיין טויט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּף צווישען דיא גענעראַלען, בעזאָנדערס צווישען איינעם מיט'ן נאָמען הענרי קריסטאָף, וועלכער האָט זיך עטאַבלירט אין דעם נאָרד־ליכען טהייל פון דער רעפּובליק, און איינעם מיט'ן נאָמען אַלעקסאַנדר פּעטיאָן, וועלכער האָט זיך עטאַבלירט אין דעם זידליכען טהייל.

דיא שפּאַניער האָבען זיך דערוויילע בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואָס דיא פראַנצויזען האָבען פערלאָזען דעם אינזעל, און האָבען צוריק פערנומען זייער פריהערען טהייל, וועלכען זיי האָבען דאַן גענומען רופען סאַן דאָמינגאָ.

גענעראַל קריסטאָף האָט זיך ערקלערט פאַר אַ קעניג אונטער דעם נאָמען הענרי דער ערשטער, אָבער ער איז שנעל אַרונטערגעזעצט געוואָרען פאַר זיינע ווילדע רציחות און האָט געענדיגט זיין לעבען דורך זעלבסטמאָרד. זיין הויפּט־געגנער, גענעראַל פּעטיאָן, האָט זיך לענגער געהאַלטען אין זיין טהייל פון האַיטי. אין 1818 איז דאָרט אויפגעקומען אַ דיקטאַטאָר אין דער פּערזאָן פון אַ גענעראַל מיט'ן נאָמען זשאַן פּיער בואיע, וועלכע האָט בעוויזען דעם קונץ צו האַלטען דעם רעגיערונגס־רודער אין זיינע הענד כמעט אַ גאַנצען פיערטעל יאָהרהונדערט.

אין 1821, ווען אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס האָבען שליסליך געוואונען זייער אונאַבהענגיגקייט, ווי מיר ווייסען עס פון פריהערע קאַפּיטלעך, האָט מען אין סאַן דאָמינגאָ, דעם שפּאַנישען טהייל פון דעם אינזעל האַיטי, אויך פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק. נור גענעראַל בואיע האָט זיך גלייך בענוצט דערמיט, אום צו בעפעלען סאַן דאָמינגאָ און צו ווערען דיקטאַטאָר איבער דעם גאַנצען אינזעל. דאָס איז איהם געלונגען. ער איז געבליבען דער הערשער איבער דעם שפּאַניש־שפּרעכענדען און פראַנצויזיש־שפּרעכענדען טהיילען פון דעם אינזעל ביז 1843, אָבוואָהל זיי האָבען גאָר ניט געקענט שטימען צווישען זיך. דיזער פערבאַנד איז געוועזען אַ קינסטליכער, אַ מיליטערישער אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ שטאַר־קען דיקטאַטאָר. אָבער באַלד נאָך דער רעוואָלוציאָן אין 1843, וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף אויך פון דיזער אונגעוועהנליך לאַנגער דיקטאַטור, האָט זיך סאַן דאָמינגאָ אָבגעריסען און ווידער ערקלערט איהר אונאַבהענגיגקייט.

זייט דאַן האָבען זיך דיזע צוויי טהיילען פון דיזען אינזעל שוין מעהר ניט פערבונדען. האַיטי און סאַן דאָמינגאָ בלייבען בעזונדערע רעפּובליקען, און זייערע בעפעלקערונגען זיינען ווייט ניט פריינדליך, אָבוואָהל זיי פיהרען צווישען זיך ניט קיין מלחמות.

נאָך דער פעריאָגונג פון דעם דיקטאַטאָר בואיע האָט זיך געצויגען אַ

קאמפף צווישען פערשיעדענע גענעראַלען ביז 1849, ווען איינער פון זיי מיט'ן נאָמען פאָסטען סולוק האָט זיך ערקלערט פאַר אַ קייזער. ער האָט אויסגע־האַלטען אַלע אַטאַקעס פון זיינע געגנער און האָט אונטערדריקט אַלע אויפ־שטאַנדען געגען זיין דיקטאַטור אין פערלויף פון 9 יאָהר.

ערשט אין 1858 איז עס געלונגען צו פעריאָגען אויך דיזען קייזער. דיא רעפּובליק איז וויעדער עטאַבלירט געוואָרען, און אַ מולאַט מיט'ן נאָמען פאַבר זשעפאַר איז געוואָרען פּרעזידענט. נור ער איז אויך, וויא געוועהנליך, געוואָ־רען דיקטאַטאָר. זיין דיקטאַטור האָט אָנגעהאַלטען ביז 1867, ווען ער איז געצוואונגען געוואָרען זיך אָבצוטראָגען נאָך דזשאַמעיקאַ. גענעראַל סילוועס־טער סאַלנאַוו, וועלכער האָט פערכאַפּט זשעפאַר'ס פּלאַץ, איז דערשאָסען גע־וואָרען אין צוויי יאָהר אַרום.

פון דיא נעכסטע פּרעזידענטען האָט בלויז איינער מיט'ן נאָמען סאַלאָמאָן געקענט אָנהאַלטען זיין דיקטאַטור אַ יאָהר צעהן. ווען ער איז פעריאָגט גע־וואָרען אין 1888, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכער בירגער־קריעג צווישען דיא אַנהענגער פון דיא גענעראַלען לעזשיטים און היפּאָליט. דער לעצטער האָט געזיעגט און איז געבליבען דיקטאַטאָר ביז זיין נאַטירליכען טויט אין 1896, וואָס עס מעג גערעכענט ווערען פאַר אַ גרויסע אויסנאַהמע אין דיזער נעגער־רעפּובליק. קיינער פון דיא וויטערע פּרעזידענטען האָט ניט געענדיגט זיין געזעצליכען טערמין. דיא זאָ־גענאַנטע רעוואָלוציאָנען הערען דאָרטען ניט אויף. איין גענעראַל פעריאָגט דעם אַנדערען, און עס איז נאָך גאַנץ וויט אפילו פון אַזאַ רוהע, וויא עס הערשט אין דיא אונרוהיגסטע פון דיא שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען.

אין 1910 איז דער אַלטער גרענעץ־שטרייט צווישען דיא רעפּובליקען האיטי און סאַן דאָמינגאָ איבערגעגעבען געוואָרען צום אינטערנאַציאָנאַלען טרי־בונאַל אין האאַג. דעם נעכסטען יאָהר, ווען האיטי האָט זיך ענטזאָגט צו בע־צאָהלען דיא חובות, וועלכע דיא רעגיערונגען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטש־לאַנד, איטאַליען און אויך פון יונייטעד סטייטס האָבען פערלאַנגט, האָבען זיך דאָרטען אָנגעפאַנגען גרויסע אונרוהען. דיא גרויסמעכטע האָבען דאַן געשיקט קריעגשיפען צו בעשיצען זייערע בירגער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין לע־בענסגעפאַהר (דער פראַנצויזישער קאָנסול איז טאַקע פערוואונדעט געוואָרען). גענעראַל סימאָן, וועלכער איז געוואָרען פּרעזידענט אין 1908, איז אַרונטער־געזעצט געוואָרען פון גענעראַל פירמען, וועלכער האָט פערכאַפּט דיא הויפּט־שטאָדט פּאָרט־אָ־פּרענס. אָבער דיזער גענעראַל איז באַלד פעריאָגט געוואָרען פון גענעראַל לעקאָנט, וועלכער איז אַנערקענט געוואָרען פון דער רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס און וועלכער איז פערבליבען דיקטאַטאָר אונגעפעהר אַ יאָהר ביז ער איז אומגעקומען מיט אַ 300 דיענער און וועכטער אין זיין פּאַלאַץ.

וואָס איז פערברענט געוואָרען דורך אַן עקספּלאָזיאָן אין אַ פּולווער־מאַגאַזין דערבײַ. מען ווייס ניט בעשטימט, וויא אַזוי דיזע עקספּלאָזיאָן האָט פּאַסירט, דורך אַ צופאַל אָדער דורך אַ פערשווערונג.

נאָך דיזער שרעקליכער פּאַסירונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּף פאַר דיא דיקטאַטור צווישען עטליכע גענעראַלען מיט אַמאָל, אַ קאַמפּף וואָס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט אין גאַנצען צו דער צייט, ווען דיזע ציילען ווערען גע־שריעבען (אין 1913).

פון דעסטוועגען געהט עס צום בעסערען אויך אין דיזער אמת שוואַרצער רעפּובליק. דיא פינאַנצען געפינען זיך אונטער דער אויפפאַסונג פון אַן אַמע־ריקאַנער לויט אַן אָבמאַך מיט דער רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס. מען האָט דאָרטען אָנגענומען אַ געזעץ וועגען געצוואונגענע בילדונג אין פאָלקס־שולען, און דיזער געזעץ ווערט אַלץ בעסער און שטרענגער דורכגעפיהרט. מען האָט אויך אויסגעבויט אַן אייזענבאַהן־ליניע און אָרגאַניזירט שיף־ליניעס פאַר דעם פערקעהר צווישען דיא וויכטיגסטע פּאָרטען. דיא רייכע נעגער שיקען זייערע קינדער שטודירען אין פראַנקרייך. דיא אָרימע אָבער, בעזאָנדערס דיא וואָס לעבען אין דיא דערפער און וועלדער, געפינען זיך נאָך אַלץ אויף אַזאַ ניעדריגער שטופע, וויא מיט הונדערט יאָהר צוריק. מאַנכע זיינען נאָך מעהר פערווילדעט געוואָרען זייט זייער אונאַבהענגיגקייט. דיא אָפיציעלע רעליגיאָן איז דיא קאַטאָלישע, אָבער דער אַפריקאַנער פעטישיזם, דער גראָבער געצענ־דיענסט וואָס טראָגט דעם נאָמען "וואודו", בלייבט נאָך פעסט איינגעוואָרצעלט.

---

# דיא רעפּובליק סאַן דאָמינגאָ

צו דעם אויבענגעזאָגטען וועגען דעם טהייל פון דעם אינזעל האַיטי, וואָס טראָגט דעם נאָמען סאַן דאָמינגאָ, האָבען מיר דאָ ניט פיעל צוצוזעצען. מיר וויסען שוין, אַז דיא ערשטע קאָלאָניע, וואָס קאָלומבוס האָט געגרינדעט, איז געווען אויף דיזען אינזעל. דיא הויפּטשטאָדט פון דיזער רעפּובליק מיט דעם זעלבען נאָמען איז דיא עלטעסטע קאָלאָניאַלע שטאָדט אין דער נייער וועלט. זיא איז געגרינדעט געוואָרען אין 1496 און בלייבט היינט דער בעסטער מוס־טער פון דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער אַרכיטעקטור אין 16טען יאָהרהונדערט. אין דעם קאַטהעדראַל דאָרטען, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען אין 1512, האָט זיך געפונען קאָלומבוס'עס קבר פון 1542 ביז דיא פראַנצויזישע עראָבע־רונג אין 1795, ווען מען האָט איהם אַריבערגעפיהרט נאָך דעם קאַטהעדראַל אין האַוואַנאַ, פון וואַנען מען האָט איהם צוריקגעבראַכט אין 1898 (נאָך דער

בעפרייאונג פון קובא) אין זיין ערשטען רוהע־אָרט, אין דעם קאטהעדראַל פון סעווילאַ, שפּאַניען. איינע פון דיא קוריאָזיטעטען אין דיזער ערשטער שפּאַ־נישער קאָלאָניע, איז דיא קאַמער אין דער פעסטונג, וואו קאָלומבוס און זיין ברודער זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון באָבאַדילאַ, וועלכער האָט זיי נאַכהער אַוועקגעשיקט נאָך שפּאַניען געשמידט אין קייטען.

דיא מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג בעשטעהט פון מולאַטען פון שפּאַ־נישען אורשפּרונג. עס געפינען זיך אויך אַ סך פול־בלוטיגע נעגער און אַ געוויסע צאָהל קרעאָלען. טראָץ דעם וואָס דיא ווייסע זיינען אַ גאַנץ קליינע מינאָריטעט, האָבען זיי פון דעסטוועגען דעם גרעסטען איינפלוס. דערמיט אונטערשיידעט זיך בעזאָנדערס דיזע רעפּובליק פון איהר שכנה האַיטי, וואו ווייסע האָבען גאָר קיין דעה ניט. דיא לאַנדשפּראַך איז געבליבען דיא שפּאַנישע, נור אין דיא פּאָרטען ווערט אויך געשפּראָכען פראַנצויזיש און ענגליש.

נאָך איהר אָבטהיילונג פון האַיטי אין 1843, ווען דיא לאַנגע דיקטאַטור פון גענעראַל בואיע איז געקומען צו אַן ענדע, וויא מיר ווייסען עס פון דער געשיכטע פון האַיטי, האָט דיא רעפּובליק סאַן דאָמינגאָ געהאַט פערהעלטניס־מעסיג ווייניג איבערקעהרעניסען און דיקטאַטאָרס. דער מערקווירדיגסטער פון זיי איז געווען בואַנעווענטורא באַעץ, וועלכער האָט רעגיערט כמעט אָהן אויפ־הער ביז 1861. אין דיזען יאָהר האָט זיין שטאַרקסטער געגנער, גענעראַל פּעדראָ סאַנטאַנאַ, פערכאַפּט דיא רעגיערונג און האָט מיט דער צושטימונג פון זיין פּאַרטיי גאָר ערקלערט, אַז סאַן דאָמינגאָ געהט איבער צוריק צו שפּאַ־ניען. אָבער דיא שפּאַנישע הערשאַפט האָט דיזעס מאָל געדויערט ניט מעהר פון אַ יאָהר פיער. נאָך אַ רעוואָלוציאָן אין 1864 אונטער דער פיהרונג פון אַ גענעראַל מיט'ן נאָמען קאַבראַל האָבען דיא שפּאַניער זיך ווידער געזעגענט מיט עספּאַניאָלאַ, דיזעס מאָל שוין זיכער אויף שטענדיג.

באַעץ איז דאַן ווידער אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דעם פּרעזידענט, אָבער אין אַ יאָהר אַרום איז ער אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון קאַבראַל'ן, וועל־כער האָט אין 1868 געמוזט צוריק אָבטרעטען דעם פּלאַץ צו באַעץ'ן. ביז 1873 איז באַעץ געבליעבען דיקטאַטאָר, און אין דיזער צייט איז עס געקומען צו פערהאַנדלונגען מיט דער וואַשינגטאָנער רעגיערונג וועגען דעם, אַז סאַן דאָמינגאָ זאָל ווערען אַ טהייל פון יונייטעד סטייטס. גענעראַל גראַנט, וועלכער איז דאַן געווען פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס, האָט געשיקט אַ ספּעציעלען פּערטרעטער נאָך סאַן דאָמינגאָ און אין 1869 איז געשלאָסען געוואָרען אַן אָבמאַך, נאָך וועלכען דיזע קליינע רעפּובליק האָט געזאָלט אַריינטרעטען אין דער גרויסער נאָרד־אַמעריקאַנער רעפּובליק. נאָר דיזער אָבמאַך, וועלכער איז ראַטיפיצירט געוואָרען פון דעם סענאַט פון סאַן דאָמינגאָ, איז פּערוואָרפען געוואָרען פון יונייטעד סטייטס סענאַט. אין 1871 האָט פּרעזידענט גראַנט

געשיקט דריי קאמיסארען צו געבען אן אויספיהרליכען בעריכט איבער דער לאגע אין סאן דאמינגא. זייער בעריכט איז געווען צו גונסטען פון אנעקטירען דיזע רעפובליק, אבער דערפון האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען.

אונטער דער פרעזידענטשאפט פון גענעראל גאנזאלץ, וועלכער האט פערנומען דעם ארט פון דעם אלטען דיקטאטאר באעץ, האט געהערשט רוהע און ארדנונג אין סאן דאמינגא. אבער ווען זיין גזעצליכער טערמין האט זיך געענדיגט (דער פרעזידענט פון סאן דאמינגא ווערט אויסגעקליבען אויף 6 יאהר), האבען זיך אנגעפאנגען שטרייטען און אונרוהען, וועלכע האבען זיך געענדיגט אין 1882 מיט דער אויסוואהל פון א זעהר פעהיגען נעגער מיט'ן פראנצויזישען נאמען הויריא פאר פרעזידענט. דיזער נעגער איז געבליבען דיקטאטאר אין פערלויף פון 17 יאהר און האט זעהר פיעל אויפגעטהאן פאר די עקאנאמישע ענטוויקלונג פון לאנד.

אין 1899 איז ער אבער ערמארדעט געווארען, און זייט דאן קען זיך קיינער ניט האלטען דארטען לאנג אלס פרעזידענט. ביז דעם אנפאנג פון 1913 האבען זיך אין סאן דאמינגא געביטען ניט ווייניגער פון זיעבען פרעזידענטען. איינער פון זיי, ראמאן קאסערעס, וועלכער איז אויסגעוועהלט געווארען אין 1908, איז ערמארדעט געווארען אין 1911. אין סעפטעמבער 1912 האט די וואשינגטאנער רעגיערונג געמוזט זיך אריינמישען, ווען עס האט דארטען אויסגעבראכען א רעוואלוציאן געגען דעם רעגעלמעסיג ערוועהלטען פרעזידענט עלאדיא וויקטאריא, און בעשיצען די קאסטאם האוז (צאלאמט, טאמאזשנע) לויט דעם אבמאך פון 1907, נאך וועלכען יונייטעד סטייטס האט א רעכט צו קאנטראלירען די אבצאהלונגען אויף אימפארטירטע ארטיקלען און איז פעראנטווארטליך פאר די רעגעלמעסיגע צאהלונג פון אלע אויסלענדישע חובות פון סאן דאמינגא.

אונטער דער פינאנציעלער פערוואלטונג פון אן אמעריקאנער בירגער און אונטער דער פאקטישער אויפזיכט פון דער וואשינגטאנער רעגיערונג וועט סאן דאמינגא, האפט מען, מאכען גרויסע פארטשריטע. דער האנדעלס-פערקעהר שטייגט דארט, די איינקינפטע וואקסען און די חובות ווערען שנעל אויסגעצאהלט.

---

# די קובאנער רעפובליק

צו ענדע פון 19טען יאהרהונדערט האט שפאניען אויף פערלארען איהרע לעצטע צוויי קאלאניעס אין דער נייער וועלט: קובא און פארטא ריקא. מיר ווייסען שוין פון דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס, וויא דאס איז געשעהען.

דיזע קאָלאָניעס האָבען אָנגעפאַנגען צו קעמפפען פאַר זייער אָטאָנאָמיע און אונאַבהענגיגקייט גלייכצייטיג מיט דיא אַנדערע, אָבער זיי זיינען געווען צו שוואַך דאָס צו געווינען אָהן פרעמדע הילפע.

אונטער דער לאַנגער שפאַנישער הערשאַפט האָט קובאַ בעזאָנדערס פיעל געליטען. דיזער פראַכטפאָלער און העכסט פרוכטבאַרער אינזעל, וואָס ווערט מיט רעכט גערופען "פערל פון דיא אַנטילען", האָט צוגעצויגען אַוואַנטוריסטען און אויך פלאַנטאַטאָרס אַ קורצע צייט נאָך קאָלומבוס'עס ענטדעקונג. פון דאָרטען זיינען עס אַרויס דיא עקספעדיציעס נאָך יוקאַטאַן, מעקסיקאָ (אונטער הערנאַנדאָ קאָרטעז) און נאָך פלאָרידאַ. אין 1523 האָט מען אָנגעפאַנגען צו אימפאָרטירען שוואַרצע שקלאַווען, וועלכע האָבען פערנומען דיא פלעצער פון דיא אינדיאַנער אין דיא מינען און אויף דיא פלאַנטאַציעס. דיא אינדיאַנער זיינען אויסגעשטאָרבען מיט אַזאַ שוידערליכער שנעלקייט אין קובאַ, וויא אין האַיטי, ווען דיא שפאַניער האָבען זיי געטריבען אין דיא מינען. דיא בעריהמטע קופער־מינען פון קאָברע האָט מען אָנגעפאַנגען צו עקספלואַטירען אין 1524.

אין 1544 האָט מען אויף דעם בעפעהל פון דער מאַדרידער רעגיערונג עמאַנסיפירט אין קובאַ אַלע אינדיאַנער, וועלכע זיינען געבליבען לעבען. אין האַיטי אָבער איז שוין צו דער צייט ניט געבליבען וועמען צו בעפרייען פון דיא איינגעבאָרענע (מען רעכענט, אַז צו דער צייט פון קאָלומבוס'עס ערשטע רייזע האָבען זיך אין האַיטי געפונען אַרום צוויי מיליאָן אינדיאַנער; וויא פיעל עס האָבען זיך דאַן געפונען אין קובאַ, ווייס מען גאָר ניט).

אין 16טען און 17טען יאָהרהונדערט האָבען דיא פאָרטען און פלאַנטאַציעס אין קובאַ צוגעצויגען פראַנצויזישע, ענגלישע און האָלענדישע בוקאַנירען. אין 1555 איז האַוואַנאַ בעפאַלען און בערויבט געוואָרען פון אַ באַנדע פראַנצויזישע בוקאַנירען. אַרום דעם מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען ענגלאַנד האָט אַרויסגעריסען דעם אינזעל דזשאַמעיקאַ פון שפאַנישע הענד, האָבען אַ דרייסיג טויזענד שפאַניער אריבערגעצויגען פון דאָרטען נאָך קובאַ, ספעציעל נאָך האַוואַנאַ, וואָס איז טאַקע געוואָרען דער "שליסעל פון וועסט־אינדיען", וויא דער שפאַנישער קעניג האָט דיזען פאָרט געגעבען דעם טיטול.

אין 1762 איז עס ענדליך דיא ענגלענדער געלונגען צו פערנעהמען האַוואַנאַ נאָך אַ לאַנגען און ביטערען ווידערשטאַנד פון דיא שפאַניער אין דער פעסטונג ביי דעם אַריינפאָהר אין דיזען בעריהמטען פאָרט. אָבער דעם נעכסטען יאָהר, נאָך דעם סוף פון דעם זיעבען־יעהריגען קריעג אין אייראָפאַ, האָט ענגלאַנד צוריקגעקעהרט האַוואַנאַ צו שפאַניען פאַר דעם האַלבאינזעל פלאָרידאַ. דיא קורצע הערשאַפט פון ענגלאַנד האָט אָבער געהאַט אַ זעהר וויכטיגע און דויערענדע בעדייטונג פאַר קובאַ דערמיט, וואָס דער האַוואַנער פאָרט איז געעפענט

געוואָרען פאַר דעם וועלט־האַנדעל. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט נאָכדעם אַליין געמוזט בעוויליגען געוויסע האַנדעלס־פּריווילעגיען און אָבשוואַכען אין האַוואַנאַ דיא אַלטע מאָנאָפּאָלען, וואָס עס האָט געפיהרט צו אַ פערמעהרונג פון פּלאַנטאַציעס (בעזאָנדערס פון צוקער) און פון שקלאַווען.

צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, ווען פראַנקרייך האָט צוגענומען ביי שפּאַניען אויך סאַן דאָמינגאָ, האָבען הונדערטע שפּאַנישע פאַמיליעס עמיג־רירט פון דאָרטען נאָך קובאַ. נאַכהער, ווען אין האַיטי האָט זיך אָנגעפאַנגען דער שרעקליך בלוטיגער קאַמפּף פון דיא שווארצע געגען דיא ווייסע, האָבען אויך אַ סך פראַנצויזישע פאַמיליעס אריבערגעצויגען זיך נאָך קובאַ, וועלכע האָט דערפון זעהר פיעל פּראָפיטירט.

דיא בעסטע צייט וואָס קובאַ האָט געהאַט אונטער דער שפּאַנישער הער־שאַפט איז געווען צו ענדע פון 18טען און אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערטע, ווען שפּאַניען איז געווען אָבגעשניטען פון איהרע קאָלאָניעס דורך דיא מלחמות, וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ־לוציאָן. דיא גענעראַל־גובערנאַטאָרען זיינען דאַן גראַדע געווען ליבעראַלע און גוטע פערוואַלטער, ספּעציעל גענעראַל לאַס קאַזאַס און מאַרקיז סאָמע־רולאָס. קובאַ איז פאַקטיש געווען אונאַבהענגיג אין דער צייט פון דיא נאַפּאָ־לעאָנישע מלחמות, וועלכע האָבען זיך אָבגערופען מיט רעוואָלוציאָנען אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס, וויא מיר וויסען עס פון פריהעריגע קאַפּיטלעך. דער האַנדעלס־פערקעהר מיט אַנדערע לענדער איז אַלץ פרייער און גרעסער געוואָרען, דיא טאַבאַק־מאָנאָפּאָליע איז אָבגעשאַפט געוואָרען, און אַ גרויסע זעלבסט־פער־וואַלטונג איז איינגעפיהרט געוואָרען אונטער דער שפּאַנישער קאָנסטיטוציע פון 1812.

נור אַרום 1825 האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג געגעבען צו פיעל מאַכט דיא גענעראַל־גובערנאַטאָרען, און דיא לאַגע אויף דעם אינזעל איז דורך דעם אַלץ ערגער געוואָרען. דיא אורזאַכע פון דיזער ענדערונג איז געווען, וואָס דיא סעפּאַראַטיסטישע בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, וואָס קאָנספּיראַציעס זיינען אַלץ עפטער געמאַכט געוואָרען און וואָס מעקסיקאָ און אויך קאָלאָמביאַ האָבען געפּלאַנעוועט צו פערכאַפּען דעם אינזעל. דיא גענעראַל־גובערנאַטאָרען זיינען פאַקטיש געוואָרען דיקטאַטאָרען, אום צו קענען בעסער בעשיצען דעם אינזעל אויך געגען אויסלענדישע שונאים.

דיא טיראַנישע האַנדלונגען פון דיזע דיקטאַטאָרישע גובערנאַטאָרען האָבען אַלץ מעהר אויפגערעגט דיא איינוואָהנער. דיא אונצופריעדענהייט איז גע־וואַקסען מיט יעדען יאָהר. אין 1844 האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט'ן אירלענדישען נאָמען אָ'דאָנעל, וועלכער האָט בכלל געהאַנדעלט טיראַניש

און גרויזאם, אומגעבראכט א סך שווארצע, וועלכע מען האט פערדעכטיגט אין א פערשווערונג געגען דיא ווייסע. צו דיזער צייט האט דיא שפאנישע רעגיערונג געהאט אלץ מעהר אויפצופאסען אויך אויף פערשווערונגען פון ענגלענדער און אמעריקאנער. דיא ענגלישע רעגיערונג האט פערלאנגט דיא שטרענגע דורכפיהרונג פון דעם טראקטאט פון 1820, נאך וועלכען דיא שקלאווערייא אין קובא איז ערקלערט געווארען אונגעזעצליך. ארום דעם מיטען פון 19טען יאהרהונדערט, ווען דער קאמפף פאר דיא אבשאפונג פון דער שקלאווערייא איז געווארען אלץ שארפער און ביטערער אין יונייטעד סטייטס, האט זיך אנגעפאנגען אין דיא שקלאווערייא־שטאאטען א בעוועגונג צו פערנעהמען קובא. דער פלאן פון דיא אמעריקאנער שקלאווען־האלטער איז געווען צו פערכאפען אלע לענדער און אינזלען ארום דעם גאלף אוו מעקסיקא, אום דורך דעם צו פערשטארקען זייער מאכט געגען דיא נארדליכע אנטי־שקלאווערייא שטאאטען.

דיא פרעזידענטען פיערס און בוקענען (פון 1853 ביז 1861) האבען זעהר שטארק געוואלט אנעקטירען קובא. דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האט דאן פארגעשלאגען אבצוקויפען דעם אינזעל פאר א געוויסע סומע און האט אויך געגעבען שארפע אנצוהערענים, אז אויב שפאניען וועט ניט נאכגעבען מיט גוטען, וועט מען נעהמען מיט געוואלט. צו דיזען צוועק זיינען ארויסגעשיקט געווארען עקספעדיציעס מיט אוואנטוריסטען פון ניו־ארליענס און פון אנדערע אמעריקאנער פארטען. דיזע פיליבוסטער־עקספעדיציעס זיינען אבער אלע דורכגעפאלען. א בעזאנדערס טראגישען סוף האט געהאט דיא עקספעדיציע אונטער קאפיטאן קריטענדען אין 1851. צוזאמען מיט אנדערע 50 אמעריקאנער אוואנטוריסטען איז ער אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא שפאניער, וועלכע האבען זיי אלעמען דערשאסען לויט דעם מיליטערישען געזעץ. דיא קובאנער פארטייא, וועלכע איז געווען צו גונסטען פון דער אויבערהערשאפט פון יונייטעד סטייטס און אויף וועלכע דיא אמעריקאנער שקלאווען־האלטער און אוואנטוריסטען האבען גערעכענט, בשעת זיי האבען ארויסגעשיקט דיא פיליבוסטער־עקספעדיציעס, איז געווען צו שוואך.

נור אין דער צייט פון דעם בירגער־קריעג אין יונייטעד סטייטס האט מען נאטירליך אין גאנצען פערגעסען אן קובא און בכלל אן פלענער צו אנעקטירען פרעמדע לענדער אפילו מיט דער צושטימונג פון זייערע איינוואהנער. און יאהרעלאנג נאך דיזען בירגער־קריעג האבען דיא אמעריקאנער אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט קובא. ערשט ווען דיא אויפשטאנדען דארטען זיינען געווארען אלץ גרעסער און שרעקליכער צו ענדע פון לעצטען יאהרהונדערט און האבען אויך אלץ מעהר געשטערט דעם אמעריקאנער האנדעל אין וועסט־אינדיען, האט ווידער אויפגעלעבט א קובאנער פראגע אין יונייטעד סטייטס.

די רעוואלוציאנערע קובאנער בעוועגונג איז אלץ שטארקער געווארען אין די

לעצטע דריי צעהנדליג יאָהר פון 19טען יאָהרהונדערט. צו די אָפענע סעפּאַ־ראַטיסטען, צו דיא קעמפּפער פאַר אונאַבהענגיגקייט, צו דיא רעוואָלוציאָנערען, זיינען צוגעשטאַנען דיא רעפאָרמערס און זאָגאַר מיטגליעדער פון דיא מעסיגע ליבעראַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבען געהאָפט, אַז אויף דיזען וועג וועט עס זיי געלינגען לייכטער און שנעלער צו צווינגען דיא שפּאַנישע רעגיערונג נאָכצוגע־בען דיא אַלטע פאָדערונגען וועגען אַן ערלייכטערונג פון דער שטייערלאַסט און וועגען אַטאָנאָמיע. אין דעם קאַמפּף פון דיא קובאַנער געגען דיא שפּאַניער האָט דאַן אויך דיא שקלאַווערײ־פראַגע געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע. דיא ווייסע האָבען געזוכט אַריינצוציהען אין זייערע שטרייטען דיא שוואַרצע, וועלכע האָ־בען דאַן געבילדעט אַרום אַ העלפט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. אָבוואָהל דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט פערשפּראָכען אין 1820 אָבצושאַפען דיא נעגער־שקלאַווערײ אין קובאַ, האָט זיא עס אָבער אויסגעפיהרט ערשט אין 1880.

א געוויסע צייט האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג געזוכט צו פערגרעסערען דיא שוואַרצע בעפעלקערונג אויף דעם אינזעל, אום דערמיט אָבצושוואַכען דיא קרעאָלען. דאָס איז געוועזען אַ פּאָליטיק, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען "אַפריקאַניזירונג". דיא שקלאַווען זיינען געהעצט געוואָרען געגען זייערע הערען, און דאָס האָט געפיהרט צו שווידערליכע רציחות אין דער צייט פון דעם גרעסטען און שרעקליכסטען אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך געצויגען פון 1868 ביז 1878 און וואָס ווערט דאַרום גערופען "דער צעהן־יעהריגער". דיא בעפרייטע שקלאַווען, מייסטענס מולאַטען, האָבען געוועהנליך געהאָלפען דיא רעוואָלוציאָנערען, ווייל זיי האָבען געהאָפט ניט נור צו מאַכען אַ סוף פון דער גאַנצער שקלאַווערײ דורך אַ זיעג איבער דיא שפּאַניער, זאָנדערן אויך צו געווינען פּאָלשטענדיגע פּאָליטישע גלייכהייט. דיא קובאַנער קרעאָלען, וועלכע האָבען געקעמפּפט געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפט, זיינען געוועזען צוטהיילט אין צוויי הויפּט־פּאַרטייען וועגען דיא שקלאַווערײ: איינע וואָס האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אַלע שקלאַווען גלייך פריילאָזען אָהן שום בעלוינונג צו זייערע הערען, און דיא אַנדערע, וועלכע האָט געשטיצט דעם פאָרשלאַג פון דיא מע־סיגע ליבעראַלען, אַז מען זאָל דיא דאָזיגע בעפרייאונג דורכפיהרען שטופענווייז און בעלוינען דיא פּלאַנטאַטאָרס.

דער 10־יעהריגער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען צו ענדע פון 1868 אונטער דער פיהרונג פון אַ רייכען פּלאַנטאַטאָר מיט'ן נאָמען סעספּעדעס, ווען דיא האָפנונגען אויף וויכטיגע פּאָליטישע רעפאָרמען זיינען ניט ערפילט גע־וואָרען. אין דעם זעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציאָן אין שפּאַניען גופא. דיא קעניגין איזאַבעלאַ דיא צווייטע איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען, און דיא רעגיערונג איז אַריינגעפאַלען אין דיא הענד פון מאַרשאַל סעראַנאָ ביז דיא קאָרטעסען האָבען געהאַט צו בעשטימען, ווער עס זאָל פערנעהמען דעם וואַקאַנ־

טען טראָן. דיא קובאנער רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען פערלאָרען דיא האָפּנונג צו קריעגען ווען עס איז אָטאָנאָמיע פון אירגענד וועלכער שפּאַנישער רעגיערונג, האָבען זיך געוואָלט בענוצען מיט דיא אינערליכע אונרוהען אין שפּאַניען, אום אָנצופאַנגען אַ אַלגעמיינען קאַמפּף פאַר אונאַבהענגיגקייט.

דיא קובאַנער זיינען אָבער געווען צו שוואַך אָראָבצושליידערען פון זיך דעם שפּאַנישען יאָך מיט אייגענע קרעפטע. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט געשיקט גענוג סאָלדאַטען צו אונטערדריקען יעדען אויפשטאַנד, אָבער דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען געפיהרט אַ גערילאַ־קריעג אין דיא וועלדער און בערג, וועלכע זיינען וויא געשאַפען אין קובאַ אַזוי וויא אין האיטי און דזשאַמעיקאַ פאַר אַזאַ מין קריעגספיהרונג. פוןביידע זייטען זיינען בעגאַנגען געוואָרען שוידערליכע רציחות. דיא שפּאַניער האָבען געהאַלטען אין זייערע הענד דיא שטעדט, און דיא רעבעלען האָבען געברענט דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס און געשאָכטען זייערע געגנער, וואו נור זיי האָבען עס געקענט בעוויי זען.

ווען ביידע זייטען זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרען דורך דיזען לאַנגען אויפשטאַנד, איז עס געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס אין 1878. דיא רעוואָלוציאָנערען האָבען אוועקגעלייגט דיא געוועהר, ווען דיא מאַדרידער רעגיערונג האָט פערשפּראָכען אַלגעמיינע אַמניסטיע, קאָלאָניאַלע אָטאָנאָמיע און דיא גענצליכע אָבשאַפונג פון שקלאַווערייט.

אָבער פון איין זייט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען דיא פּאַרטיי, וועלכע האָט בכלל ניט געוואָלט דולדען דיא אויבערהערשאַפט פון שפּאַניען און האָט געשטרעבט צו פּאָלשטענדיגע אונאַבהענגיגקייט אָדער וועניגסטענס צו אָטאָנאָמיע אונטער דעם פלאַג פון יונייטעד סטייטס, און פון דער אַנדער זייט האָבען דיא גענעראַל־גובערנאַטאָרען אַלץ געהאַנדעלט טיראַניש און האָבען ניט אויסגעפיהרט וויא געהעריג דיא פערשפּרעכונגען וועגען רעפאָרמען. ערשט אין 1886 איז ניט געבליבען קיין איינציגער שקלאַוו אין קובאַ, און פולע גלייכבערעכטיגונג האָבען דיא שוואַרצע געקראָגען ערשט אין 1893. וואָס אַנבעלאַנגט צו דיא פּאָליטישע רעפאָרמען, האָט מען פּראָקלאַמירט אין קובאַ דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז איינגעפיהרט געוואָרען אין שפּאַניען אין 1876; אָבער זיא האָט ניט בעפרידיגט און ניט געקענט בעפרידיגען דיא ראַדיקאַלען און אפילו דיא ליבעראַלען אין קובאַ.

דיא פיהרער פון דעם 10־יעהריגען אויפשטאַנד, בעזאָנדערס דיא גענעראַלען מאַקסימאָ גאָמעז, כאָזע מאַרטי, קאָליקסטאָ גאַרסיאַ, אַנטאָניאָ מאַסעאָ, האָבען דאַרום גענומען מאַכען פּאָרבערייטונגען צו אַ נייעם אויפשטאַנד. דערביי האָבען זיי שוין גערעכענט בעזאָנדערס פיעל אויף דער הילפע פון אַמעריקאַנער, וועלכע האָבען אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו סימפּאַטיזירען מיט דיא קעמפּפער געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפט דאָרטען. דיזער נייער אויפשטאַנד,

דער לעצטער געגען שפאניען אין קובא, האט אויסגעבראכען אין אנפאנג פון 1895, ווען דיא קאנסערוואטיווע מאיאריטעט פון דיא קארטעסען אין מאדריד האט פערוואָרפען א פארשלאג וועגען קובאנער אטאנאמיע. דער גענעראל־גובערנאטאר קאלעכא האט דאן ניט נור אבגעשאפט אלע קאנסטיטוציאנעלע גאראנטיעס אויף דעם אינזעל, זאנדערן האט אויך געגומען איינפיהרען דיא בארבארישע סיסטעם פון צוזאמענקלייבען אין לאגערען דיא טהיילען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע האבען קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאנד. דער צוועק פון דיזער סיסטעם, וועלכע האט געטראגען דעם נאמען "רעקאנסענטראסיאן", איז געווען אבצושוואכען דיא רעבעלען און זיי צו פעריאגען אלץ ווייטער אין דיא ווילדע געבירגיגע געגענדען.

דורך דעם האט אבער דיא גאנצע בעפעלקערונג שטארק געליטען. דיא רעקאנסענטראדאס, ד. ה. דיא יעניגע וואס זיינען צוזאמענגעטריבען געווארען פון דיא שפאנישע סאלדאטען אין אזעלכע לאגערען, האבען פשוט געליטען הונגער. אין יונייטעד סטייטס האט מען ניט נור גענומען זאמלען שפייז און קליידער פאר דיזע אונגליקליכע אפפער, זאנדערן אויך צו פארדערען אלץ מעהר דיא בעפרייאונג פון קובאנער פאלק.

צו ענדע פון 1897 האט סאגאסטא, דער ליבעראלער שפאנישער פרעמיער, אנגעקינדיגט, אז קובא וועט קריעגען אטאנאמיע. דיא מאדרידער רעגיערונג האט זיך ענדליך ארומגעזעהן, אז אויב זיא וועט ניט בעפרידיגען דיא פאליטישע פארדערונגען פון דיא קובאנער, וועט זיא זיך מוזען געזעגענען מיט איהרע לעצטע קאלאניעס אין דער נייער וועלט. עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. דיא פיהרער פון דעם אויפשטאנד האבען שוין ניט געוואלט וויסען פון קיינע אטאנאמיעס אונטער דעם שפאנישען פלאג. זיי האבען געקעמפפט פאר אונאבהענגיגקייט, פאר אן אייגענע רעפובליק. זיי האבען זיך געפיהלט שטארק מיט דער סימפאטיע פון דעם גאנצען אמעריקאנער פאלק, וואס האט אונטערגעיאגט דיא וואשינגטאנער רעגיערונג אונטער דער פרעזידענטשאפט פון וויליאם מעק קינלי ארייגצומישען זיך מיליטעריש און צו מאכען א סוף פון דער שפאנישער הערשאפט.

פון דעסטוועגען וואלט עס נאך געקומען צו א נייעם קאמפראמיס צווישען דיא קובאנער און שפאניער און אפשר וואלט קובא אלץ פערבליבען א שפאנישע קאלאניע, ווען עס וואלט גראדע ניט פאסירט אזא אויסערארדענטליכער אונגליקס־פאל, וויא דיא אויפרייסונג פון דער אמעריקאנער שלאכט־שיף "מעין" אין דעם האפען פון האוואנא דעם 15טען פעברואר 1898. ווער עס האט אויפגעריסען דיזע שיף, וועט שוין אפנים בלייבען אן אייביגע געהיימניס, נור דער רעזולטאט דערפון איז יעדענפאלס געווען א זעהר טרויעריגער פאר שפאניען. פון דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס וויסען מיר דאך, אז אונגעפעהר א

מאָנאַט נאָך דיזער שווידערליכער עקספּלאָזיאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען דיא שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה, וועלכע האָט זיך געענדיגט ניט נור מיט דער בעפרייאונג פון קובאַ, זאָנדערן אויך דערמיט, וואָס שפּאַניען האָט פערלאָרען אפילו פּאָרטאָ ריקאָ און דיא פּיליפּינען אינזלען.

מיר ווילען זיך דאָ ניט פערנעהמען מיט אַ שילדערונג פון דיזער מלחמה, וועלכע האָט אַזוי בולט אַרויסגעוויזען דיא שוואַכקייט פון שפּאַניען און דיא מאַכט פון יונייטעד סטייטס. שפּאַניען האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, וויא אָנצונעהמען אַלע אַמעריקאַנער בעדינגונגען, און דעם 1טען יאַנואַר 1899 האָט איהר פלאַג אויפגעהערט צו פלאַטערען אויף אירגענד וועלכען פּונקט פון דער נייער וועלט, וועלכע זיא האָט בעהערשט אין 16טען יאָהרהונדערט.

דיא קובאַנער האָבען אָבער געהאַט צו וואַרטען קנאַפּע דריי יאָהר אויף דער אונאַבהענגיגקייט, פאַר וועלכע זיי האָבען אַזוי לאַנג געקעמפּפט און אַזוי פיעל בלוט פערגאָסען. וויא גרויס עס איז געוועזען דער פערלוסט אין מענשענלעבענס דורך דעם אויפשטאַנד צייגען פאָלגענדע ציפער: לויט דער פאָלקסצעהלונג אין 1887 איז דיא קובאַנער בעפעלקערונג געוועזען 1,631,687; לויט דער פאָלקס־צעהלונג אין 1899 איז זיא געוועזען 1,572,792. ניט רעכענענדיג דעם נאַטירליכען צוואוואוקס איז דאָס געוועזען אַן אַבסאָלוטע פערקלענערונג פון 3.6 פּראָצענט אין פערלויף פון 12 יאָהר. אַזאַ פערקלענערונג האָט נור געקענט זיין דער רעזולטאַט פון שרעקליכע בלוט־פערגיסונגען אין פערלויף פון דיא דריי יאָהר, וואָס דיזער לעצטער אויפשטאַנד האָט זיך געצויגען. וויא שנעל דיא בעפעלקערונג וואַקסט דאָרטען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, צייגט דיא פאָלקס־צעהלונג אין 1907. זיא איז געשטיגען ביז 2,048,980 (דאָס איז געוועזען אַ פערמעהרונג פון 30 פּראָצענט אין פערלויף פון אַכט יאָהר).

ביז דעם 20טען מאַי 1902 האָט זיך קובאַ געפונען אונטער דער מיליטערישער פערוואַלטונג פון אַמעריקאַנער. דאָס איז נויטיג געוועזען צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען, אויסווערטיגע און אינערליכע. אין דיזער צייט איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ קאָנסטיטוציאָן, וועלכע פערבלייבט אין קראַפט עד היום און וועלכע וועט קיין מאָל ניט קענען געענדערט ווערען אין וויכטיגע פּונקטען אָהן דער צושטימונג פון יונייטעד סטייטס. אין איהרע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען איז דיא קובאַנער רעפּובליק אַ זעלבסטשטענדיגע; אָבער אין איהרע אויסערליכע אַנגעלעגענהייטען איז זיא אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון יונייטעד סטייטס לויט דעם זאָ־גענאַנטען "פּלאַטט אַמענדמענט" (נאָך דעם נאָמען פון דעם יונייטעד סטייטס סענאַטאָר, וועלכער האָט איהם פערפאַסט און פאָרגעשלאָגען). אויף דעם גרונד פון דיזען אַמענדמענט, וואָס איז אַריינגעשריבען געוואָרען אין דער קובאַנער קאָנסטיטוציאָן, קען יונייטעד סטייטס אויך פערנעהמען מיליטעריש דעם אינזעל אונטער געוויסע אומשטענדען.

דער ערשטער קובאַנער קאָנגרעס איז ערעפענט געוואָרען דעם 5טען מאַי 1902, און דער ערשטער פּרעזידענט איז געווען טאָמאַס עסטראַדאַ פּאַלמאַ, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1908 אין אַלטער פון 73 יאָהר. אָבער צוזאַמען מיט דער אונאַבהענגיגקייט האָט זיך אויך אין דיזער יונגער רעפּובליק אָנגעפאַנגען אַזאַ ביטערער פּאַרטיי־קאַמפּף, וויא אין אַלע אַנדערע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען, ווען זיי האָבען ערוואָרבען אונאַבהענגיגקייט נאָך זייערע רעוואָלוציאָנען אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט. צו דיא שטענדיגע און געוועהנליכע שטרייטען צווישען דיא ליבעראַלע, קאָנסערוואַטיווע און קלערי־קאַלע פּאַרטייען, זיינען אין קובאַ צוגעקומען שטרייטען צווישען דיא געבאָרענע ווייסע קובאַנער און דיא שפּאַניער, וועלכע זיינען פערבליבען אויף זייערע גיטער און ביי זייערע פריהערע בעשעפטיגונגען, וויא אויך צווישען דיא אַנהענגער פון אַן אונאַבהענגיגער רעפּובליק און דיא אַנהענגער פון אַ פעראייניגונג מיט יונייטעד סטייטס (דיא זאָ־גענאַנטע אַמעריקאַנער פּאַרטיי) און צווישען דיא ווייסע און שוואַרצע.



פּרעזידענט טאָמאַס עסטראַדאַ פּאַלמאַ

בעזאָנדערס געפעהרליך איז געוואָרען און בלייבט אויך היינט דער ראַסען־קאַמפּף. דיא שוואַרצע הערען ניט אויף צו בעקלאָגען זיך, דאָס מען בעהאַנדעלט זיי וויא שטיף־קינדער, טראָץ דעם וואָס זיי האָבען פערגאָסען זייער בלוט גלייך מיט דיא ווייסע און נאָך מעהר אין אַלע אויפשטאַנדען געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפט. זיי צייגען אָן, אַז מען גיט זיי ניט רעגיערונגס־שטעלען אין פּראָפּאָרציע צו זייער צאָהל. דיא ווייסע לייקענען עס און זאָגען, אַז זיי קריעגען ניט מעהר וויא עס קומט זיי אַלס דיא מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג. דיא נעגער צוזאַמען מיט דיא מולאַטען בילדען אייגענטליך יעצט ניט מעהר וויא אַ דריטעל פון קובאַנער פאָלק. אפילו אין דעם אָסטליכען טהייל פון קובאַ, אין דער פּראָווינץ אָריענטע, וואו זיי זיינען בעזאָנדערס צאָהלרייך און אויך בעזאָנדערס מוטהיג און זעלבסטשטענדיג אונטער דעם איינפלוס פון זייע־

רע נאָהענטע שכנים, דיא שטאָלצע נעגער פון דער רעפּובליק האַיטי, זיינען דיא

פּרעזידענט כאָזע מיגעל גאָמעץ

שוואַרצע אין דער מינאָריטעט. נאָך דיא לעצטע סטאַטיסטישע רעכנונגען ביל־

דען דיא ווייסע אַרום 70 פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג אין קובא (דארונטער 60 פּראָצענט קרעאָלען און 10 פּראָצענט אויסלענדיש־געבאָרענע). עס איז דאַרום גאַנץ נאַטירליך, אַז דיא ווייסע זיינען דיא הערשער פון אינזעל; אָבער דיא שוואַרצע האָבען דאָך פולע פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג ניט נור אויף'ן פּאַפּיער, זאָנדערן אויך אין דער פּראַקטיקע.

אַזא "קאָלאָר לאַין (פאַרב־ליניע)" וויא אין יונייטעד סטייטס און בכלל אין דיא ענגליש־שפּרעכענדע לענדער צווישען ווייסע און פאַרביגע, האָט קיין מאָל ניט עקזיסטירט און עקזיסטירט אויך היינט ניט אין קובא. מיר ווייסען שוין פון פריהערע קאַפּיטלעך, אַז אין דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס און איבערהויפּט אין דיא קאָלאָניעס פון דיא ראָמאַנישע אָדער לאַטיינישע פעלקער זיינען שטענדיג אָנגעגאַנגען בלוט־מישונגען צווישען דיא פערשיעדענע ראַסען און אַז דיא פּאָליטישע און אויך געזעלשאַפטליכע גרענעצען צווישען ווייסע און שוואַרצע זיינען שנעל אָבגעמעקט געוואָרען נאָך דער אָבשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַווערייַ. אין קובא זיינען דיא פאַרב־ליניעס נאָך שוואַכער געווען, וויא אין אַלע אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס, ווייל דאָרטען האָבען זיך שטענדיג געפונען זעהר פיעל ווייסע מענער אָהן פאַמיליעס (אויך היינט איז דיא פּראָפּאָרציע פון מענער צו פרויען דאָרטען וויא 21 צו 19).

אָבער דיא שוואַרצע זיינען פון דעסטוועגען אַלץ ניט צופריעדען מיט זייער פּאָליטישער לאַגע אין קובא און צייגען אויך אַרויס דיזע אונצופריעדענהייט פון צייט צו צייט אין רעבעליאָנען און אין אונטערצינדונגען פון דיא צוקער־פּלאַנטאַציעס, וועלכע געהערען נאַטירליך כמעט אויסשליסליך צו דיא ווייסע (אַן אויפשטאַנד פון נעגער אין דער פּראָווינץ אָריענטע האָט אויך אויסגעבראָכען אין 1912).

נור צו דער צייט פון דיא וואַהלען פון אַ פּרעזידענט אויף דעם פּלאַץ פון דעם אַלטען פּאַלמאַ איז דער קאַמפּף צווישען דיא פערשיעדענע פּאַרטייען געוואָרען אַזוי ביטער און געפעהרליך, אַז דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האָט זיך געמוזט אַריינמישען אויף דעם גרונד פון דעם "פּלאַטט אַמענדמענט". דיא ליבעראַלען האָבען בעשולדיגט דיא קאָנסערוואַטאָרס, וועלכע האָבען געפיהרט דיא גרענדע אונטער פּאַלמאַ'ס פּרעזידענטשאַפט, אין שווינדעל ביי דיא פּאָרבערייטונגען צו דיא פּרעזידענט־וואַהלען אין 1906, און וויא עס איז דער שטייגער אין לאַטיינישע רעפּובליקען אונטער אַזעלכע אומשטענדען, האָבען זיי אין יולי 1906 אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט, אין וועלכען זיי האָבען גערופען דאָס פאָלק צו אַ רעוואָלוציאָן.

דיזער צורוף האָט באַלד געפונען אַן אָבקלאַנג אויף דעם גאַנצען אינזעל.

פרעזידענט מאַריא מענאָקאַל

ניט אַכטענדיג אויף דיא וואַרנונגען פון דער וואַשינגטאָנער רעגיערונג, האָט

זיך טאקע אָנגעפאנגען אן אויפשטאנד פון די ליבעראלען און ראדיקאלען. די קובאנער רעגיערונג האָט אפעלירט נאָך הילפע צו יונייטעד סטייטס, און פּרעזידענט רוזוועלט האָט געשיקט צוויי שלוחים (איינער פון זיי איז געווען דער קריעגס־מיניסטער וויליאם טאפט, וועלכער איז געוואָרען פּרעזידענט אין 1909) צו בעטראכטען נעהענטער די לאגע אין דער ניי־געבאָרענער רעפּובליק און צו האנדלען אלס פּריעדענס־פערמיטלער.

ווען אלע פערזוכען צו מאכען א פשרה צווישען די שטרייטענדע פּאר־טייען זיינען דורכגעפאלען, האָט זיך טאקע יונייטעד סטייטס מיליטעריש אריינ־געמישט, אום ניט צו דערלאָזען צו שלאכטען און צו האלטען אָרדנונג אויף'ן אינזעל. ענדע סעפּטעמבער 1906 האָט פּרעזידענט פּאלמא רעזיגנירט, און דער קאָנגרעס אין האוואנא איז געשלאָסען געוואָרען אָהן די אויסוואהל פון א נייעם פּרעזידענט. דעם זעלבען טאָג האָט זיך אָנגעפאנגען א פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אונטער דער אויפזיכט פון אן אמעריקאנער מיליטערישען גובערנאטאָר מיט דער הילפע פון אן אמעריקאנער ארמעע. פאָרמעל האָט עס געהייסען, אז קובא בלייבט א רעפּובליק אונטער איהר אייגענעם פלאג מיט איהר אייגענער קאָנסטי־טוציאָן, וועלכע דער אמעריקאנער גובערנאטאָר האָט געזוכט אָבצוהיטען, אָבער פאקטיש איז דאָס געווען א פרעמדע הערשאפט.

ערשט אין אָנפאנג פון 1909, ווען גענעראל כאָזע מיגעל גאָמעז, דער פיהרער פון איין טהייל פון דער ליבעראלער פּארטיי (די מיגעליסטאס) איז געוואָרען פּרעזידענט און אלפרעדאָ זאיאס, דער פיהרער פון אן אנדער טהייל פון דער ליבעראלער פּארטיי (די זאיאסיסטאס), איז געוואָרען וויצע־פּרעזידענט, האָט די אמעריקאנער פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אויפגעהערט. די רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האָט ווידער געהאלטען איהר צוזאָג זיך צוריקצוציהען פון קובא, וויא נור אָרדנונג וועט דאָרטען עטאבלירט ווערען. דערמיט האָט די גרויסע און מעכטיגע נאָרד־אמעריקאנישע רעפּובליק געצייגט פאר די גאנצע וועלט, אז זיא וויל טאקע ניט בעהערשען פרעמדע נאציאָנען און אויך ניט סתם כאפּען פרעמדע לענדער.

קובא בלייבט היינט אזוי זעלבסטשטענדיג אלס א בעזונדערע רעפּובליק, וויא בשעת זיא איז געשאפען געוואָרען א דאנק דער הילפע פון יונייטעד סטייטס. דער ליבעראלער פּרעזידענט גאָמעז האָט וויא עס איז געענדיגט זיין געזעצליכען טערמין אָהן א רעוואָלוציאָן, ווייל די קובאנער האָבען בכלל שטארק מורא פאר א נייער מיליטערישער אריינמישונג פון יונייטעד סטייטס, וועלכע איז אונ־פערמיידליך אין אזא פאל לויט דעם "פּלאטט אמענדמענט". אָבער דער דריי־

טער פרעזידענט, סעניאָר מאַריאָ מענאָקאַל, וועלכער איז געזעצליך ערוועהלט געוואָרען אין 1913, איז שוין אַ פיהרער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. ער איז אַן אינזשינער וואָס האָט שטודירט אין אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען און ער האָט געפונען חן אין דיא אויגען פון אַמעריקאַנער פאָלק און פון דער וואַשינגטאָנער רעגיערונג אונטער דער ליטונג פון דעם דעמאָקראַטישען פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן און פון זיין סעקרעטערי אָוו סטייט (מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען), דעם בעריהמטען דעמאָקראַטישען פיהרער וויליאַם ברייען.

# אלגעמיינער אינדעקס

---

צוזאמענגעשטעלט פון ז. שערעשעווסקי, סעקרעטער פון עדיוקיישאנעל קאמיטע פון ארב. רינג, לויט די אנווייזונגען פון פערפאסער.

---


**א**

אאורא פרעטא (שטאדט) 605
אבאליציאניסטישע פארטיי 63, 70, 90
אבאסקאל (גענעראל), 361, 408
אבלינגאדא (פרעזידענט) 513
אבענאקים, 149
אבערדין אקט 622
אגאווע 11
אדאמס דזשאהן (פרעזידענט) 52
אדאמס, סעמיועל 36
אווילא, פעדרא אריאס (גובערנאטאר) 304, 319, 325
אוועלאנעדא ניקאלאס (פרעזידענט) 522
אטאקאמא (פראווינץ) 376, 393, 429
אטאהואלפא (אינקא) 334, 340, 429
אטלאנטישער אקעאן 53
אטראטא (טייך) 319
איונטאמיענטאס 247, 255
איאווא (סטייט) 36, 54
איידעהא (סטייט) 47, 66
אייזלאנד (אינזעל) 13
אלאניעטא (גענעראל) 390
אלאסקא 11, 66, 190
אלבוקערק (פארטוגעזישער קאמאנדיר) 588
אלבערטא (פראווינץ) 187
אלגאנקינער, 113, 126
אלווארדא, פעדרא, 222, 237, 431
אלוועאר (גענעראל) 513, 543
אלטגעלד (גאווערנאר) 104-ב
אלכסנדר מוקדון 6
אלמאגרא, דיעגא 326, 341, 400, 432
אלעאוטען 11
אלענדע 258
אלפאקאס 395
אל־קאסר אל־קעביר (שטאדט) 589
אלקאהואס 200, 211
אלעקסאנדער דער זעקסטער (פאפסט) 105
אלעקסאנדער, וויליאם 131
אמאזאן (טייך) 347, 433, 576
אמאזאנאס (שטאאט) 584
אמאר (וויצע קעניג) 452
אמארו טופאק 357, 388
אמניסטיע 180, 422
אמענדעמענטס (צו דער יונייטעד סטייטס קאנסטיטוציאן) 48, 104-ט
אמעריגא וועספוטשי 21, 575
„אמעריקא פאר קאלומבוס" 9
אמעריקאנער אוואנטוריסטען 312
אמעריקאנער פראוויזארישע רעגירונג 660
אמעריקען פעדערייש‍אן אוו לייבאר 104-א
אנאהואק 199
אנאפאלים 36
אנדעס־בערג 358, 430
אנדראדא, זשאזע באניפאציא **614**
אנטאפאגאסטא, (פארט) 393
אנטיאקוויא (פראווינץ) 450
אנטילען 17, 637
אנטי־פעדעראליסטען 49, 52
אנטיקאסטי (אינזעל) 112
„אנטלאפענע רעגירונג" 608
אסונסיאן (שטאדט) 491, **551**
אסיניבאין (טייך) 186
אפאדאקא (וויצע־קעניג) 262
אפאלאטשיאן בערג 30, 125
„אפאסטעל פון די אינדיאנער" 252
אפריקאניזירונג 652
אצטעקען 8, 199, 202 **(זעה מעקסיקא)**
אקאדיע 122, 153, 190
אראגוא (שטאדט) 473
אראוואקס 581
אראוקאניער 399, 535
ארבאלעדא 458
„ארבייטער צייטונג" (אידישע) 104-ד
ארגאל, (קאפיטאן) 123, 131
ארגענטינע 328, 333, 401
ארגענטינער מעסאפאטאמיע 543
ארטהור (פרעזידענט) 82
ארטיגאס, כאזע (גענעראל) 510, 514, 609
ארטילערישער דועל 295
אריזאנא (סטייט) 47
אריסטא 273
אריקא (פארט) 379, 394

ארנאלד (גענעראל) **167**
ארעלאנא 348, 432
ארעקוויפא 346
ארקאנזאס 143

## אַ

אגוסטין דער ערשטער 265
א׳דאנאהו, כואן 263
א׳דאנעל (גענעראל־גובערנאטאר) 650
א׳היגינס, בערנארדינא (גענעראל) 408
אהייא (שטאאט און טייך) 7, 145, 153
אטאווא (שטאדט) 189
אכעדא, אלאנסא (ים־פאהרער) 315, 325, 463
אליד, קריסטאבאל 241
אנאנדאגא (פארט) 126, 136
אנטאריא (לעיק) 127, 143, 165, 190 ; (פראווינץ) 170
אנעידא (אינדיאנער שטאם) 136
אפאן (טייך) 446
אפפער קענעדע (פראווינץ אנטאריא) **174**
אראזקא (גענעראל) 294
אראנזש (בורען ריעפובליק) 499
ארטעגא (גענעראל) 280
אריבע (גענעראל) 515, 544
ארינאקא (טייך) 20, 463
אריענטע (פראווינץ) 656
ארעגאן (שטאאט) 54
„ארעגאן טעריטאריי“ 54, **65**

## או

אוידיענציא 248, 351
אויטא־דא־פעס 254, 597
אונגאווא (טעריטאריע) 190
אוניווערזיטעט פון קאימברא 605
אויפשטאנדען: 68, 252
(פון נעגערשקלאווען), 89 (אין קובא) 252
(פון אינדיאנער) 272 (אין טעקסאס) 415
(פון אראוקאניער), 595 (געגען האלענדער אין פערנאמבוקא), 610, (אין פערנאמבוקא), 617 (אין ריא דע זשאנעירא)
אורבינא (גענעראל) 438
אורוגוואי 489, 535
אוריבורו, כאזע (פרעזידענט) 528
אורקוויזא (גענעראל) 515, 518

## אי

איגלעזיאס (גענעראל) 380
אידישע קאלאניעס אין ארגענטינע 530
אידען 25, 104־ד, 104־ו, 252, 591
איזאבעלא (קעניגין) 623 (קרוינפרינצעסין) 652
איטאטא (שיף) 420
איטוזאינגא (שלאכט ביי) 513
איטורבידע, אגוסטין (דיקטאטאר און קייזער) 261, 305
איטוריגאראי (שפאנישער וויצע־קעניג) 257
„איי בי סי“ (ארגענטינע, בראזיליען, טשילי) 104־ח
איכטלילכאטשיטל, פערנאנדא דע אלווא 210
אילדעפאנסא (אפמאך פון) 540
אילינאי (שטאאט) 30, 165, 144
איל־ראיאל (אינזעל) 150
אימפיטשמענט 78
אימפעריאליזמוס 94
אימפעריאליסטען 266
אינדיאנאפאליס (שטאדט) **87**
אינדיאנער 6, 196
אינדיאנער זומער 115
אינדיען 5
אינדעפענדענס האלל 40
אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציאן 104
אינטערנאציאנאלער טריבונאל אין האאג 484
„אינסוירדזשענטס“ 100
אינקאם־טעקס 78, 104־ט
אינקאס 330
אינקא אימפעריע 489
אינקוויזיציאן 246, 252, 259, 262, 359, 597
איסטמוס (דאריען און סאן בלאז) 314
איקוויק (פארט) 420
איראלא, דאמינגאס 491
איראקוואיס (אינדיאנער שטאמען) 115, 126, 136, 153, 164
אירי־קאנאל 63

## ב

באבאדילא (גובערנאטאר) **647**
באבטיסטען 27
באגאטא (שטאדט) 359, 435, 445
באהיא (פארט) 580, 590
באהאמא אינזלען 320, 637
באוועס (גענעראל) 472
באטאקודאס (אינדיאנער שטאם) 581
באטוש (שלאכט ביי) 189
באטל, כאזע (פרעזידענט) **546**
באיאקא (שלאכט ביי) 455, 475
באלטא (גענעראל) 374
באלבאא, וואסקא נוניעץ 97, 315, 325, 445
באלטימאר (לארד) 27, 134
באליוואר, סימאן (ליבעראטאר) 362, 436, 453, 470, 616
באליוויא (רעפובליק) 328, 348
באליוויאן (גענעראל) 391
באלמאסעדא (פרעזידענט) 417

באלקארסע (גענעראל) 389
באנאפארטע, זשאזעף (קעניג) 257
באנדא אריענטאלע (פראווינץ) 536
באנילא (גענעראל) 313
באסטאן 34, (מעסעקר) 36, (טי פארטי) 37, 133, 165
באסקען 404
באעץ, בוענאווענטורא 647
באפלא (שטאדט) 63
בארא, פראנציסקא דע לא (פרעזידענט) 294
באראן דע הירש 530
בארדא (פרעזידענט) 545
בארטהאלאמעע נאכט (אויסשלאכטונג פון הוגע־נאטען) 119, 586
באריאס, זשעראַרדא (גענעראל) 307
באריאס, רופינא (גענעראל) 307
בארינג בראטהערס (באנקירען) 527
בארצעלאנא (פארט) 473
בואיע, זשאן פיער (גענעראל) 644, 647
בודדהיסטישע טעמפלען 9
בוטה, ווילקעס 75
בולנעס, מאנועל (פרעזידענט) 411, 413
בונקער הילל (שלאכט ביי) 39
בוסטאמענטע (גענעראל) 64, 271
בוענאס ערעס 358, 389, 407, 491
בוקאנירען (ים רויבער) 466, 590, 638, 649
בוקענען (פרעזידענט) 651
בורבאנען 359, 405
בורגאין (גענעראל) 167
ביא־ביא (טייך) 403
בילינגהוירסט (פרעזידענט) 383
„ביליגע געלד“ 86
בלאנקא, גוצמאן (דיקטאטאר) 480
„בלאנקאס“ (פארטיי) 544
בלאנקעט (גענעראל) 297
„בלוטענדע קענזעס“ 69
בעהרינג וואסער וועג 7, 11
בעטיקען (אינדיאנער שטאם) 134
בעל־איל (וואסער וועג) 112
בעלגראנא, מאנועל (גענעראל) 389, 503, 542, 560
בעליזע (ענגלישע קאלאניע) 303
בענאווידעס (קאלאנעל) 383
בענאלקאזאר, סאבאסטיאן 431, 447
בעקמאן, מאנאעל 598
בערגער, וויקטאר (ערשטער סאציאליסטישער קאנגרעסמאן) 104־ד
בערמודא (אינזעל) 178
בערמודעז (פרעזידענט) 381
בערמעכא (טייך) 490
בראגאנזא דינאסטיע 594
בראון, דזשאהן 70
בראון, וויליאם (אדמיראל) 512
בראון, טהאמאס סטאראו 177
בראזיל האלץ 577
בראזיליאנער אימפעריע 613
בראזיליען 575
ברוס, דזשאהן 188
בריטיש נארטה־אמעריקא אקט (1867) 182
בריטיש האנדוראס 303, 308
בריטיש קאלומביא 66, 182, 190
בריעז, וויליאם דזשענינגס 85, 102
ברינטאן, דאניעל 203
ברעטאן 109


## ג


גארדעלופ (אינזעל) 638
גאוטשאס 465, 492
גאטשופינאס 247, 259
גאיאז (שטאאט) 600
גאלאפאגאס אינזלען 441
גאלד (אין קאליפארניא) 80, 413
„גאלד באגס“ 86
„גאלד דעמאקראטען“ 87
„גאלד סטענדערד“ 85, 423
גאמארא (גענעראל) 369, 391
גאמעז, כואן מיגועל (גענעראל) 660
גאמעז, כואן 484
גאמעז מאקסימא (גענעראל) 653
גאמעז, עסטעוואן 109
גאמפערס, סעמיועל 104־א
גאנזאלא 347
גאנזאלעז (גענעראל) 288
גאנזאלעז (פרעזידענט) 648
גאספי (שיף) 36
גאספע (פעלז) 112
גאסקא, פעדרא 352
גאראי, כואן 492
גאריבאלדי (גענעראל) 285, 545
גארסיא, אלעקא 578
גארסיא, קאליקסטא (גענעראל) 653
גארפיעלד, דזשעימס א. (פרעזידענט) 82
גאררי (פארט) 188
גהענט (שטאדט) 55, 173
גואם (אינזעל) 93
גואירא (געגענד) 554
גואמאנגא (שטאדט) 349
גואנא און ניטראטען מינען 372
גואראנים 551, (שפראך) 553, 581
גואראפעס (בערג) 595
גוואטעמאלא 304
גוואטעמאזין (לעצטער מעקסיקאנער קעניג) 238

גוואיאקוויל (האפען) 430
גוויאנא (קאלאניעס) 609, 632
גוזמאן, נוניא 248
גוטיערעז 458
גויאר, מאריע 130
גויפוזקאא קאמפאניע 466
גיטא 82
גיידזש (גענעראל) 37
גילבערט, האמפרי 120
געטיסבורגער שלאכט 74
„געטליכע פאטע־רס" 554
געוועס (מארקיז) 252
געריל־אס 474
געריסאן, וויליאם ללאיד 68
גערערא 261, 271
גראנאדא (שטאדט) 309
גראנט, יוליסעס (פרעזידענט) 80, 647
גריטא דע דאלארעס 259
גריכאלווא, כואן 221
גרינבעק פארטי 86
גרענלאנד 6, 12
גרענעץ־שטרייטען 528, 632

ד

דאגילאר, כעראם 226
דאגלאס (פארט) 187
דאזא (גענעראל) 393
דאלארעס (שטעדטיל) 258
דאמיניאן אוו קענעדע 179
דאמינינקאנער 254
דאם פעדרא דער צווייטער (קייזער) 512, 620
ד'אנעי 132
דאקאטא (סטייט) 54
דארא (אידישע קאלאניע) 531
דארטשעסטער (לארד) 170
דאריען (איסטמוס) 315, 445
„דאריען פלאן" 321
דארעגא, מאנועל 512
דורהעם (לארד) 175, 179
דזשאהנסאן (פרעזידענט) 76
דזשאמאיקא (אינזעל) 453, 637
דזשארדזש דער דריטער (קעניג) 34, 164
דזשארדזשיא (סטייט) 78
דזשואיש קאלאניזיישאן אסאסיאיישאן 530
דזשיימסטאון (קאלאניע) 25, 123
דזשעימס דער ערשטער (קעניג) 131
דזשעימס דער צווייטער (קעניג) 148
דזשעפערסאן, טהאמאס (פרעזידענט) 41, 52, 605
דזשעקסאן (גענעראל און פרעזידענט) 56
דיאמאנטינא 600
דיאז, בערנאל 228
דיאז פארפירא (פרעזידענט) 264, 281, 286
דיאז, פעליקס (גענעראל) 294
דיואי (אדמיראל) 92
דיומאן 189
דיוגעי־טרוען (אדמיראל) 691
דיוקלערק (קאפיטאן) 600
דיטראיט (שטאדט) 164
דייוויס, דזשעפערסאן (פרעזידענט) 71
דעבס, יודזשין 101, 104
דע לא ראק (מארקיז) 119
דע־מאן 122
דעמאקראטישע פארטיי 50, 52, 69
דענעמארק 638
דע־סאטא 146
דעסאלין (גענעראל) 643
דע־סוזא (גענעראל) 579
דעסטערא (פארט) 629
דעקלאראציאן פון מענשען רעכטע 257
דעקלעריישאן אוו אינדעפענדענס 41, 257
דערקווי, סאנטיאגא (פרזידענט) 519
דראגאן 204
„דריטע" פארטייען 102
„דריי גאראנטיעס" 262
דרייסיג יעהריגער קריעג 290
דרייצעהנטער אמענדעמענט 76

ה

האאיטי 449, 637, 640
האביטאן 163
האדסאן (קאפיטאן) 22, (טייך) 130, (בעי) 185
האוואאי (אינזלען) 96
האוואנא (פארט) 91
האוז־אוו־רעפרעזענטייטיווס 47
האום־רול 422
האוסטאן, סעמועל (גענעראל) 64
האליפאקס (האפען) 154
האלענדישע אסט און וועסט אינדישע קאמ־פאניע 589, 591
האמילטאן, אלעקסאנדער 49
האנדעלס־אפמאך פון 1832 (צווישען יונייטעד סטייטס און רוסלאנד) 104־ה
האשעלאגא 113
הואסקאר (אינקא) 334, 335, 340
הוגענאטען 122, 586
הוטשינטאן, אנא 27
הויטפארב־פראגע 305
הויצילאפאטשטלי (מעקסיקאנער קריעגס־גאט) 211
הווירא (פרעזידענט) 648
הוי־שען (בודהיסטישער מיסיאנער) 10

הומבאלט, אלעקסאנדער פאן **216**, **267**
הונדערט יעהריגער יובילעאום **529**
הוערטא (גענעראל) 104־ז, 295
הוראן (לעיק) 142
הידאלגא (גלח) 258
„הייליגען בונד" 607
„הימלישער שלאנג" 204
היפאליט (גענעראל) 645
העיז, רוטהערפארד (פרעזידענט) **81**
העימארקעט 104־ב
הענקאק, דזשאהן 38, 39, 40
הענרי דזשארדזש 104־ב
הענרי דער זיבעטער 108
הענריך דער פיערטער (קעניג) 119, **140**
הערצאן (גענעראל) 457
הערעדיא 450
העררינסאן, וויליאם און בענדזשאמין (פרע־
זידענטען) 83

## וו

וואבאן (אינזשינער) 150
וואודו (געצענדיענסט) **646**
וואלדיוויא 348, 400
וואלפאראיזא (פארט) 399, 425, **507**
וואלווערדע (גלח) 339
וואלף, דזשעימס (גענעראל) 159
וואנדערבילט, קארנעליוס 310
וואנדעי 140
וואסקאנסעלאס 616
וואסקא דא גאמא (ים פאהרער) **575**
וואקער'ס עקספעדיציע 310
וואקא, קאבעזא 492
וואערלא (גענעראל) 384
„ווארקינג מען'ס אדוואקייט" (ערשטער אר־
בייטער ארגאן אין אמעריקא) 103
וואשינגטאן, דזשארדזש (פרעזידענט) 33, 37,
153
וואשינגטאן (שטאאט) 54
וויגס (פארטיי) 50
ווהילראיט, וויליאם (אינזשענער) **413**
וויאמינג (שטאאט) 47
ווינלאנד־לעגענדע 15
ווילגאניאן, ניקאלאס 586
ווילהעלם פון אראנזש **148**
וויליאמס, עזעקיעל 103
וויליאמס, ראדזשער 27
ווילסאן הענרי (אמבאסאדאר) **297**
ווילסאן, וואודראו (פרעזידענט) **101**, **104־ז**,
104־ח, 298
ווילקאבאמבא 357
וויניפעג (שטאדט) 186
וויסקאנסין (שטאאט) **143**
וויעירא (פלאנטאטאר) **595**
וויענער קאנגרעס 609
וויקוניא, קלאודיא 419
וויקטאר הוגא 285
וויקטאריא, עלאדיא (פרזידענט) **648**
וויקסבורגער שלאכט 74
ווירדזשיניא 24, 140
וועיגא, עווארסיטא 616
וועילער (גענעראל גובערנאטאר) **89**
וועלא, בלאסקא גוניעז, 350
וועלא, בלאסקא גוניעז, 350
וועלאסקא (גענעראל) 391
וועלאסקא, דאן לואי 250
וועלאסקעז (גובערנאטאר) **222**
וועלאסקעז, דיעגא 224
וועלאסקעז, דע לעאן 236
וועלט אויסשטעלונגען **54** (אין סענט לואיס)
84 (אין שיקאגא), 99 (אין סאן פראנ־
ציסקא)
וועגעגאס (וויצע קעניג) 259
ווענעצועלא 20, 290, 362, 453
וועסט אינדיען 637
וועסט ווירדזשיניא 70
ווערא צאנא (ים פאהרער) 109
ווערא קרוץ (פארט) 65, 104־ז, **227**
ווערמאנט (שטאדט) 183
ווערענדרי 185

## ז

זאגע פון עריק דעם רויטען **13**
זאהארא 333
זאיאס, אלפערא 660
זאמבאס (קינדער פון אינדיאנער און נעגער)
247
זאפאטעקען (אינדיאנר שטאם אין מעקסיקא)
204
זולאאגא (גענעראל) 278
„זונען קינדער" 327
זועץ־קאנאל 97
„זידליכע יענקים" 424
זילבער דעמאקראטען **87**
זיעבעניעהריגע מלחמה **153**
זיעבען מיסיאנען 539, **554**
זיקאלע, זשאן 143
זעלאיא, כאזע סאנטאס (גענעראל) **312**
שאגונסא (אינדיאנער שטאם אין בראזיליען)
631
זשאליעט (פראנצויזישער רייזענדער) 143
זשאנואריא (בראזיליאנער פרינצעסין) 619
זשונא (גענעראל) 608

זשיראן 354
זשעפאר, פאבר (פרעזידענט) 645
זשעקער (באנקיר) 281

## ט

טאבאסקא (טייך און שטאאט אין מעקסיקא) 222
טאבאק און קארטאפעל (ספעציעלע אמעריקא־נער פלאנצען) 25
טאלאן (גובערנאטאר) 142
טאלאן (מעקסיקאנער שטאדט) 202
טאלטעקען (אינדיאנער שטאם אין מעקסיקא) 201
„טאלל־פראגע" 104־ח
טאלעדא, פראנציסקא 356
טא־מינג (כינעזישער קייזער) 11
טאפט, וויליאם (פרעזידענט) 96, 99, 100, 104־ו, 104־ח, 291, 660
טאקאי 401
טאקנא (פראווינץ) 376, 394
טאראנטא (שטאדט) 177
טאראפאקא (פראווינץ) 376, 420
טארדעסילאס אבמאך 487, 537, 578
טארטוגא (אינזעל) 641
טארים 41, 169
טאריפען 82, (מעקינלי טאריף ביל) 83, (ווילסאן טאריף ביל) 84, (דינגלי טאריף ביל) 96, 99, (דעמאקראטישע רעוויזיאן) 104־ט
טאשע (ארכיביסקופ) 188
טהאל פון מיסיסיפי 153
טהעאקראטישע מלוכות 331
„טויערן פון די ראקי־מאונטינס" 54
טומבעץ (פארט) 327, 333, 336
טוסען לואוורטיור („דער שווארצער נאפאלעאן") 642
טופי־גואראני שטאמען 581
טוקומאן (פראווינץ אין ארגענטינע) 389, 497, 504
טיטיקאקא (אזערע אין פערו) 328, 330, 331
טילדען, סעמיועל 81
טיערא פירמא (פראווינץ) 321
טיערא דעל פועגא (פייערלאנד אינזעל) 405, 494
טיראדענטעס (בראזיליאנער רעוואלוציאנער) 605
טלאבקאלא (אינדיאנער רעפובליק אין מעקסיקא) 228
טלאקאפאן (אינדיאנער מלוכה אין מעקסיקא) 212
טעאקאלי (מעקסיקאנער טעמפלען) 213
טעראדא, לערדא (פרעזידענט) 286
טעכקוקא (אינדיאנער מלוכה אין מעקסיקא) 199
„טעמפעל פון קרייץ" 207
טענאטשטיטלאן (אלטע מעקסיקאנער הויפּט־שטאדט) 199
„טעניור אוו אפיס אקט" 78
טעקסעס (שטאאט) 47, 79
טעקסעסער רעפובליק 64
טראנס־אנדעס־אייזענבאהן 425
טראנסוואאל (בורען רעפובליק) 499
„טראסטס" 84
טראסי (מארקיז) 138
טראקטאט פון אוטרעכט 135, 149, 496; פון אנקאן 380; פון ברעדא 133; פון עי־לא־שאפעל 152; פון פאריז 162; פון קארדאווא 263; פון ריסוויק 641; פון 1783 — 170; פון 1820 — 651.
טרויעריגע נאכט 237
טרוכילא (גענעראל) 458
טרייד יוניאנס 103
טרינידאר (אינזעל) 638
טרעפאנעקען (אינדיאנער שטאמען אין מעק־סיקא) 212
טשאלגאיש, לעאן 95
טשאלולא (אלטע מעקסיקאנער שטאדט) 202, 232
טשאנקא־שטאמען (אין פערו) 333
טשאפולטעפעק (מעקסיקאנער פאלאץ) 283
טשאפין, יודזשין 101
טשאקאבוקא (שלאכט ביי) 363, 390, 436, 506
טשארואס (אינדיאנער שטאם) 489, 535, 552
טשאכילאס (שלאכט ביי) 379, 394
טשארלז דער ערשטער (קעניג) 133
טשארלז דער צווייטער (קעניג) 133, 185
טשארלסטאן 71
טשארקאס (שטאדט) 387, 503
טשוקוויסאקא (שטאדט) 390
טשוקטשים (א יעגער־שטאם אין סיביר) 11
טשיבטשאס (אינדיאנער שטאמען) 445
טשיהואהוא (מעקסיקאנער שטאאט) 260
טשיטשעניצא (אלטע אינדיאנער שטאדט) 206
טשילאע (אינזעל) 402
טשילי (רעפובליק) 8, 328, 333
טשיליאנער ספיאלטער 380
טשילפאנצינגא (שטאדט) 261
טשישימעגען (אינדיאנער שטאמען אין מעק־סיקא) 201, 211

## י

יאהאן דער דריטער (קעניג) 585
יאהאן דער פינפטער (קעניג) 603

יאהאן דער זעקסטער (קעניג) 608
יאהאן מאריץ, גראף פון נאסאו־זיעגען 597
יאזעף דער ערשטער (קעניג) 603
יאפאן 5, 440
יאקים (אינדיאנער שטאם אין מעקסיקא) 293
יארקטאן 40, 43
יובילעאומס 80, 84
יוטאה (שטאאט) 47
יונגיאן (כינעזישער קייזער) 10
יוניאניסטען 73
יוניאן אקט פון 1840, 178
יוניאן סיוויקא 526
יוניטאריסטען 511
יונייטעד עמפאיר לאיאליסטס 169
יופאנקווי טופאק (אינקא) 400
יוקאטאן (האלב אינזעל) 9, 205, 220, 637
יוקאן (טעריטאריע) 190
יעגראס 561
„יעווריעיסקי וואפראס" 104־ו
יעזואיטען 130, 140, 359, 405, 457, 538, 585
יעזואיטישע מיסיאנען 598
יעזואיטישע רעפובליק אין פאראגוואי 557
ים פון פינסטערנים 5
יק"א 530

## כ

כאאוכא (טהאל) 343
כאלאטל (אצטעקישער קעניג) 211
כארדאו, לאפעז 522
כארזשע, דאמינגאס 599
כוארעז, בעניטא (פרעזידענט) 275
כואריסטען 278, 284
כימענעז 260
כינא 5

## ל

לאבאר (גובערנאטאר) 147
לאבראדאר 6, 108
לא גואירא 467
לאדינא 305
לאוואלע (גענעראל) 513
לא ווערענדרי 185
לאוטארא (אינדיאנער פיהרער) 402
לאוער קענעדע (קוויבעק) 174
לא טארע (גענעראל) 476, 545
לאטור 131
לאטיינישע אמעריקא 193
לאיאלא (גרינדער פון יעזואיטען ארדען) 246, 552
לאיאליסטישע וואלונטירען 178
לאיאליסטען 170
לאמאס 395
לאמאר (גענעראל) 368
לאנדאו (שטאדט) 36
לאנדאו, מאיר 104־ד
לאנקאמילא (שלאכט ביי) 413
לא פאלעט, ראבערט 100
לאסאל, ראבערט 30, 143
לא סערנא (גענעראל) 364, (שטאדט) 401
לאספיעדראס (שלאכט ביי) 542
לאס קאזאס (גלח), גענאנט „אפאסטעל פון די אינדיאנער" 252, 350
לאס קאזאס (קובאנער גענעראל גובערנאטאר) 650
לא פאז (שטאדט) 389, (גענעראל) 514
לא פאלא (קאלאמביאנער העלדין) 454
לאפלאטא 525, 576
לאפעז, כאזע (גענעראל) 457
לאפעז, קארלאס און פראנציסקא (דיקטאטארס אין פאראגוואי) 521, 565, 621
לאפאיעט, מארקיז 42
לארא (גענעראל) 368
לאראשעל (שטאדט) 122
לאריער, סער ווילפריד 190
לא שין 117, 144
לואיבורג (פעסטונג) 150, 155, 158, 159
לואי דער פיערצענטער (קעניג) 133, 138, 600
לואיזענע טעריטאריע 52, 54
לוטער (גלח) 151
לוסיענוויל (אידישע קאלאניע) 531
לוק, הערנאדא (גלח) 326
לי (גענעראל) 73
ליאנאס (סטעפעס) 464
„ליבערייטאר" (ערשטע אבאליציאניסטישע צייטונג) 68
ליברא דע טאסאס 356
ליגיא (פרעזידענט) 383
לייבאר דעי 104־א
לייבאר רעפארם פארטי 87
לימא (שטאדט) 343
לינארעס, כאזע 392
לינג, לואי 104־ב
ליניע, זשאק (גענעראל) 500
לינקאלן, אייבערהעם (פרעזידענט) 70, 82, 91
ליסבאן (שטאדט) 590, 597
לעאן (קאמאנדיר) 466
לעווים (גענעראל) 161
לעזשיטים (גענעראל) 645
לעספעס, פערדינאנד 97
לעקאנט (גענעראל) 645
לעקלער (גענעראל) 643
לעקסינגטאן (שלאכט ביי) 38, 39

## מ


מאַאיזוויל (אידישע קאָלאָניע) **531**
מאַביל (שטאָדט) 311
מאַגדאַלענאַ (טייך) 445
מאַגעלאַן (ים־פאָהרער) 6, 401, 488
מאַדעירא (טייך) 394, 580
מאַדערא, פראַנציסקאָ (פרעזידענט) **292**
מאַדעריסטען 297
מאַדריד (שטאָדט) 590
מאַולע (טייך) 400
מאַונדס 7
מאַונט ווערנאָן 52
מאַוריציא (אידישע קאָלאָניע) **531**
מאַטאָ גראָסאָ (פּראָווינץ) 568, 600
מאַיאַ־שטאַמען 10, 204, 303
מאַיפּאָ (טייך) 363
מאַכטלאַ (אַן אינדיאַנער קעניג) **212**
מאַלאַיער ראַסע 92
מאַלדאַנאַדאָ (פּאָרט) 538
מאַנאַגואַ (געניראַל) 479
מאַנאַרכיע אין בראַזילען 608
מאַנאַרכיסטען 616
מאַנט (קאַפּיטאַן) 419
מאַנטאַניאַס 433
מאַנטגאָמערי (גענעראַל) 166
מאַנטעזומאַ (אַצטעקען קעניג) 8, 222, 233
מאַנט, מאַנועל 411
מאַנטעווידעאָ (פּאָרט) 500, 535, 538
מאַנטעווערדע (גענעראַל) 469
מאַנטעסקיע 165
מאַנטע קאַזעראָס (שלאַכט ביי) 516
מאַנטריאַל (שטאָדט) 114
מאַניטאָבאַ (פּראָווינץ) 186, 188
מאַנילאַ (פּאָרט) 92
מאַנקאַלם, מאַרקיז 155, 161
מאַנקאָ קאַפּאַק און מאַמאָ עלאָ (ערשטער אינקאַ־
פּאַאַר) 321, 342
מאַנראָו, דזשיימס (פּרעזידענט) 58
„מאַנראָו דאָקטרין" 62, 94, 104־ז 284, 482
מאַססאַטשוזעטס 14, 151
מאַסעאָ, אַנטאָניאָ (גענעראַל) 653
מאַסקווערא (גענעראַל) 457
מאַציעל, אַנטאָניאָ 630
מאַקליען־כוּאַרעץ טראַקטאַט 279
מאַקסימיליאַן (קייזער) 264, 280
מאַק דוגאַל, (גובערנאַטאָר) 188
מאַקינאַק 142, 164, 173
מאַק־קענזי (טייך און טעריטאָריע) 186, 190
מאָראַזאַן, פראַנציסקאָ (גענעראַל) 306
מאַראַנאָס (אַנוסים) 591, 596
מאַראַנהאַאָ (שטאַאַט) 588
מאַראַלעס (גענעראַל) 393
מאַכאָעס, פּרודע.. (פּרעזידענט) **629**
מאַראַקאַאיבאָ (גאָלף) 463
מאַרגאַן (קאַפּיטאַן) 466
מאַרמי, כאָזע (גענעראַל) 653
מאַרטיניק (אינזעל) 638
מאַריאַ די ערשטע (קעניגין) 608
מאַרטירער פון טאַקובאַיאַ 278
מאַריטים פּראָווינסעס 171
מאַרילאָ (מאַרשאַל) 454, 473
מאַרינאַ (קאָרטעץ'עס אַצטעקישע פרוי) 235
מאַריניאַ (רעוואָלוציאָנערער קעמפּפער) 471
מאַרעלאָס (רעוואָלוציאָנערער גלח) 260
מאַרענאַ (דיקטאַטאָר) 439, 458
מאַרענאָ, מאַריאַנאָ (אַרגענטינער רעוואָלוציאָ־
נער) 503
מאַרקעט (מיסיאָנער) 143
מיגעל, דאָם 618
מידלטאַן (גענעראַל) 189
מיזורי (שטאַאַט) 30, 54, 61
מיזורי קאָמפּראָמיס 61, 69
מיטלאַ (שטאָדט) 204
מיטרע, באַרטאָלאָמע (פּרעזידענט) **519**
מיליטערישע רעוואָלוציאָן (אין בראַזיליען)
624
מילער־וואַלדזועע (דייטשער פּראָפעסאָר) 21
מינאַס זשעראַעס (שטאַאַט) 599
מיניוט־מען 38
מינעסאָטאַ (שטאַאַט) 54
מיסיאָנעס (פּראָווינץ) 498
מיסיסיפּי (טייך) 25, 55, 78, 125, 142
מיקעלאַן (אינזעל) 162
מיראַמאַן (גענעראַל) 278
מיראַנדאַ, פראַנציסקאָ (ווענעצועלער רעוואָלו־
ציאָנער) 468
מישיגען (לייק און שטאַאַט) 142, 143, 173
מלחמות: צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך
129, 148, צווישען יונייטעד סטייטס און
מעקסיקאָ 65, 273; צווישען אַרגענטינע
און בראַזילען 544; וועגען די שפּאַנישע
ירושה 600; מיט שפּאַניען (אין 1865)
414; מיט אַרגענטינע (אין 1852) 621
מעדיסאָן, דזשיימס (פּרעזידענט) 55
מעטיסען אָדער מעסטיזאָס (קינדער פון ווייסע
און אינדיאַנער) 137, 186, 196, 247,
357, 395
מעין (שלאַכט שיף) 91, 654
מעכיאַ (גענעראַל) 272
מעלאָ (קאַפּיטאַן) 449
מעלגאַרעכאָ (גענעראַל) 392

מעם דא סא (פּאָרטוגעזישער קאָמאַנדיר) 587
מענאַקאַל, מאַריאַ (פּרעזידענט) 661
מענדאָזאַ, אַנטאָניאָ 249, 354
מענדאָזאַ (וויצע קעניג) 402
מענדאָזאַ (קאָלאָניע) 401, 511
מענדאָזאַ, פּעדראָ 490
מענדאָזאַ, גאַרסיאַ 493
מענדעץ (פּרעזידענט) 371
מענהעטען (אינזעל) 47
מעקקינלי וויליאַם (פּרעזידענט) 86, 89, 654
מעקסיקאָ 8, 62, 199
מעקסיקאַן גאָלף 17, 142
מעקסיקאַנער בילדער־שריפטען 202
מעקסיקאַנער מאַנוסקריפּטען 210
מעק־קעני, וויליאַם לייאָן 175, 180
מערילענד 27, 134

## נ

נאַבאַאָ, דיעגאָ (פּרעזידענט) 438
נאָברעגאַ (יעזואיט) 585
נאַהואַ שטאַמען 199
נאַוועַ סקאָשיאַ (פּראָווינץ) 122, 131, 154, 169
„נאַטשעַ טריסטעַ“ 238
נאַמברע דע דיאָס 315, 494
נאַנסען, דר. (רייזענדער) 14
נאַפּאַ (טייך) 434
נאַפּאָלעאָן (דער ערשטער) 50, 53, 608; (דער דריטער) 279
נאַפּאָלעאָנישע מלחמות 257, 452, 606
נאַציאָנאַלע אַטאָנאָמיע 106
נאַציאָנאַליסטישער קאַמפּף 174
נאָרד אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן 256
נאָרד־וועסט טעריטאָריע 43
נאָרטה־וועסט קאָמפּאַני 186
נאַרינאָ (דיקטאַטאָר) 453
נאָרמאַנדיע (פּראָווינץ) 109
נאַרסיס לעווען (אידישע קאָלאָניע) 531
נוניעץ ראַפאַעל (פּרעזידענט) 458
ניאַגאַראַ וואַסערפאַל 164, 183
ניו־אָרלעאַנס (שטאָדט) 30, 53, 125, 150, 162
ניו־בראַנסוויק (פּראָווינץ) 170, 174
ניו־יאָרק 22, 36, 148
ניו־מעקסיקאָ (שטאַאַט) 65
ניו־פאַונדלענד (אינזעל) 120, 153
ניופּאָרט (שטאָדט) 28
ניטראַט־קריעג 378
נייטס און לייבאָר 104, 104־א
ניי־אַמסטערדאַם 22, 596
ניי־גראַנאַדאַ 359, 435, 448
ניי־נידערלאַנד 22
ניי־פראַנקרייך 121
ניי־קאַסטיליען 348
ניקאָלע, זשאַן 142
ניקאַראַגואַ (קאַנאַל) 98, 310, (רעפּובליק) 328
נעבע, אָסקאַר 104־ב
נעבראַסקאַ (שטאַאַט) 85
נעגערשקלאַפערײַ 56, 183
נעגערשע רעפּובליקען 599
נעוואַדאַ (שטאַאַט) 46
נעזאַהואַלפּילי (מעקסיקאַנער קעניג) 211, 233
נעלסאָן, דר. 177

## ס

סאַאָוועדראַ הערנאַנדאַריאַס (גובערנאַטאָר) 497, 536
סאַאָן פּאַאָלאָ (פּראָווינץ) 537, 579
סאַבל (זאַמד) אײַלענד 119
סאַגאַסטאַ (שפּאַנישער פּרעמיער) 654
סאַגענעי (געגענד) 113
סאַוטה־קאַראָליינאַ (שטאַאַט) 70
סאַטאָ (שפּאַנישער רייזענדער) 146, 338
סאַירי טופּאַק (אינקאַ) 355
סאָלאַבריעטאַ, פּאָליקאַרפּאַ — זעה „לאַ פּאַלאַ“
סאַלאַוועררי (גענעראַל) 369
סאַליס, כואַן דיאַז דע (ים־פאָהרער) 487, 535
סאַלנאַווו, סילוועסטער (גענעראַל) 645
סאַלעס קאַמפּאָס (פּרעזידענט) 632
סאַמאַאַ אינזלען 96
סאַמאַנאָ (גענעראַל) 454
סאַמטער (פאָרט) 71
סאַמערולאָס (מאַרקיז) 650
סאַן אַנטאָניאָ (אידישע קאָלאָניע) 531
סאַנאַראַ (שטאַאַט) 290
סאַן דאָמינגאָ (רעפּובליק) 647
סאַן זשואַן (באַרג) 93
סאַנטאַ אַנאַ, אַנטאָניאָ לאָפּעץ (דיקטאַטאָר) 266
סאַנטאַ איזאַבעל (אידישע קאָלאָניע) 531
סאַנטאַ מאַרטאַ (פּאָרט) 446
סאַנטאַ מאַריאַ, דאָמינגאָ (פּרעזידענט) 416
סאַנטאַנאַ, פּעדראָ (גענעראַל) 647
סאַנטאַנדער (וויצע פּרעזידענט) 456
סאַנטאַ פע (שטאָדט) 489, 511
סאַנטאַ קאַטערינאַ (פּאָרט) 492, 578
סאַנטאָס (פּאָרט) 579
סאַנטאָ, קרוץ (גענעראַל) 368, 391
סאַנטיאַגאָ דע טשילי (שטאָדט) 363
סאַנטיאַגאָ דעל עסטעוואָ (שטאָדט) 493
סאַן כואַן (פּראָווינץ) 511
סאַן לואי פּאָטאָזי (שטאָדט) 283
סאַן לואיז (פּראָווינץ) 511
סאַן מאַרטין (גענעראַל) 362, 408, 436, 477

סאן עספיריטו (קאלאניע) 489
סאן סראנציסקא (שטאדט) **53**
סאן ראמאן (גענעראל) 373
סאסקאטשעוואן (פראווינץ) 187
סאציאליסטישע פארטיי 101, 103, 104־א
סאריאנא (יעזואיטישע מיסיאן) 536
סארמיענטא (פרעזידענט) 521
סאשיאליסט לייבאר פארטי 104־ד
סוארד (מיניסטער) 66
**סוארעץ, כאזע פינא (וויצע פרעזידענט) 295**
**סולוק פאסטען (דיקטאטאר) 645**
סוקרע (גענעראל) 365
סטיווענס, יוראיע 104
סטעמפ־אקט 34
סיביר 7
סילוואסען 433, 581
סיוויל סערווים רעפארם 83
„סינגל־טעקס“ 104־ב
סיסטעם פון פערטרעטערשאפט אין קאנגרעס 48
סיסנעראס, באלטהאזאר (שפאנישער וויצע־קעניג) 503
„סיענטיפיקאס“ (א מעקסיקאנער פארטיי) 291
סיערא נעוואדא דע מרידא (בערג) 463
„סיקסטין טו וואן“ 85
סעארא (שטאאט) 584
סימאן (גענעראל) 645
סעדזשוויק (מאיאר) 133
סעווילא (שטאדט) 503
סעלמאן, מיגועל כוארעץ (פרעזידענט) 526
סעלקירק, לארד 187
סענאט (פון יונייטעד סטייטס) 46, 104־ט
סענט דזשאהן (פארט) 135, (אינזעל) 638
סענט טהאמאס (אינזעל) 638
סענט־לארענס (טייך) 25, 30, 112, (נאלף) 159
סענט לואי (שטאדט) 54
סענט מאלא (פארט) 109
סענט קרוא (אינזעל) 638
סענט קיטס (אינזעל) 641
סענעגאל (וועסט אפריקא) 575
סען פיער (אינזעל) 162
סעספעדעס (קובאנער רעוואלוציאנער) 652
סעפאראטיסטישע בעוועגונג 650
סערווערא (שפאנישער אדמיראל) 93
„ספאיל סיסטעם“ 83
סקאט (גענעראל) 65
סקאנדינאוויען 6
סקענעקטעדי (שטאדט) 148

## ע

עדיקט פון נאנט 140
עטשעניק (גענעראל) 372
עי־לא־שאפעל (שטאדט) **152**
עלדאראדא 600
עלדזשין (לארד) 180
עליא (גובערנאטאר) 541
עליזאבעטע (ענגלישע קעניגין) 24
על פאסא (שטאדט) 291
עלעקטאראל וואוט 101, 102
ענגלישע פארלאמענטארישע סיסטעם 179
ענגלישער פארלאמענטארישע סיסטעם 179
ענגעלס, געארג 104־ב
ענטרע ריאס (פראווינץ) 504, 510
ענסיזא 315
ענציקלאפעדיסטען (פראנצויזישע) 256
ענקאמיענדאס 241, 350, 497
עסטראדא (גענעראל) 312
עסטרעמאדורא (שפאנישע פראווינץ) 325
עסמעראלדא (קרייצער) 441
עספאניאלא 641
עסקאבעדא (גענעראל) 288
עסקימאסען 11
עקוואדאר (רעפובליק) 328, 333
עראזוריץ, פעדעריקא (פרעזידענט) 414, 423
עריק דער רויטער 13, 14
„ערלייזערס“ 202
ערשטע אידישע קאלאניע (אין יונייטעד סטייטס) 28
ערשטער פאן־אמעריקאנישער קאנגרעס 290
ערשטע פארלאמענטארישע אסיפה אין דער נייער וועלט 593
ערשטער קובאנער קאנגרעס 656

## פ

פאגראמען (אין 1881) 104־ה
פאדילא (שטאדט) 266
פאוליסטאס 553, 584, 594, 599
פאטאגאניע 423, 523, 535
פאטאזי זילבער מינען 387
פאטערסאן, וויליאם 320
פאלא, מארקא (ווענעציאנער רייזענדער) 5
פאלאס (פארט) 249
פאלאסיאס (גענעראל) 482
פאלמא, טאמאס עסטראדא (פרעזידענט) 656
פאלענקע 12, 206
פאלק (פרעזידענט) 66
פאמבאל (מארקיז) 558, 603
פאמפאסען (סטעפעס) 492
פאן־אמעריקאנער אויסשטעלונג אין באפאלא 95
פאן־אמעריקאנער בונד 104־ח
פאנאמא (שטאדט) 303, 325, 349; (אייזענבאהן) 457; (סקאנדאל) 97; (קאנאל) 97, 104־ח; (רעפובליק) 445

פאנגראווע (קויפמאן) 120
פאנטיאק'ס מלחמה 164
פאסטא (פראווינץ) 455
פאסיפיק אייזענבאהן 80
„פאספארטען־פראגע" 104־ה, 104־ו
פאעץ, כאזע 474, 477
פאפינא, לואי 175, 180
פארא (פרעזידענט) 458
פאראגוואי (רעפובליק) 331, 358
פאראהיבא (פארט) 588
פאראנא (טייך) 489
פארדא, דאן מאנועל (פרעזידענט) 374
פארטא ריקא (אינזעל) 93, 637
פארטאלעס 411
„פארטעניאס" 518, 522, 524
פאריאס (פרעזידענט) 271
פארסאנס, אלבערט 104־ב
פארעדאס (גענעראל) 272
פאר־ראיאל (פארט) 123
„פועבלא" 7
פוערטא קאבעלא (פארט) 468
פוריטאנער 25, 129
פיזארא (פראנציסקא) 8, 317, 325, 344, 445; (גאנזאלא) 350, 433; (הערנאנדא) 348
פיטט (לארד טשעטהעם) 155
פיטסבורג (שטאדט) 153
פיטשינטשא (וואולקאן) 436, 456
פילקאמאיא (טייך) 491
פינזאן, ווינסענט (קאלומבוס'עס אדיוטאנט) 576
פינטא, אניבאל (פרעזידענט) 414
פיעט, העין (פיראט) 591
פיעראלא (דיקטאטאר) 379, 382
פיערס (פרעזידענט) 310, 651
„פיפל'ס פארטי" 85, 87, 100
פלאזא, לעאנידאס (פרעזידענט) 441
„פלאטט אמענדמענט" 655
„פלאן פון איגואלא" 262
פלוראליטי סיסטעם 101, 102
פלימוטה 25
פלעזאנס (פארט) 134
פעאנען (קנעכט) 245, 348
פעדראזא (גענעראל) 271
פעזעט (פרעזידענט) 373
פעטיאן, אלעקסאנדר (גענעראל) 644
פעין־אלדרידזש טאריף־ביל 96
פעיקסאטא, פלאריאנא (גענעראל) 626
פעליגריני, קארלאס (פרעזידענט) 527
פען, וויליאם 28
פענזועלא (גענעראל), 362
פעניא, סאנעין (פרעזידענט) 528
פענסילווייניא (שטאאט) 28, 153
פעפערל (גענעראל) 151
פערו 8, 62, 330
פערל אינזלען 318
„פערל פון די אנטילען" 649
פערנאמבוקא (שטאדט) 579, 592
פערסיען 6
פערעץ (פרעזידענט) 416
פערעץ, כאזע (פרעזידענט) 414
פעררי (קאפיטאן) 56
פראבישער, מארטין 120
פראגרעסיוו פארטיי 100
פראווידענס (שטאדט) 27
„פראווינציאלען" 524
פראטעסטאנטען 592
פראטעקציאן 59, 82
פראטעקטאראט (פון יונייטעד סטייטס) 655
פראנוסיאמענטאס 266, 369
פרינס עדווארד איילענד 190
פריעטא (גענעראל) 411
„פרענטש שאר" (אויף אינזעל ניופאונדלענד) 135

**פ**

פאלקאן (גענעראל) 480
„פאלקסצייטונג" (דייטשע) 104־ד
פאלקס צעהלונגען 48, 102
פאנסעקא, דעאדארא (פרעזידענט) 625, 628
פארט רוזש (רויטער פארט) 187
פוזאנג־בוימער 12
פילאדעלפיא (שטאדט) 80
פיליבוסטער (ים רויבער) 468, 590, 638, 651
פיליפ דער צווייטער (קעניג) 356, 589
פיליפינען (אינזלען) 93, 655
פינאנציעלע פאניקעס 80, 85
פילדען, סאמיועל 104־ב
פיפס (סער וויליאם) 149
„פינף־נאציאנען" (אינדיאנער שטאמען) 127
פירמען (גענעראל) 645
פישער, אדאלף 104־ב
פלאג (פון די קאנפעדעראטען) 73, („סטארס ענד סטרייפס") 75
פלאטען־רעבעליאן 629
פלארידא (האלב אינזעל) 17, 61, 637
פלארעס, אנטאניא (פרעזידענט) 440
פלארעס, ווענאנסיא (גענעראל) 545, 560
פלארעס, כואן כאזע (דיקטאטאר) 438
פעדאראלע סיסטעם 348
פעדעראליסטען 49, 265, 453, 618
פעדערמאן (גענעראל) 449
פעיזשא (גלח און מיניסטער) 618
„פעלד פון אבראהאם" 160

„פעמילי קאָמפּעקט“ 175
פעניער (אירלענדישע רעוואָלוציאָנערען) 183
פעראייניגטע פּראָווינצען פון לאַפּלאַטאַ 508
פעראייניגטע שטאַטען פון קאָלאָמביאַ, 367, 456
פערדינאַנד דער זיעבעטער (קעניג) 257, 261, 408, 468
פראַנטענאַק (גראַף) 142, 155
פראַנסואַ דער ערשטער (קעניג) 109
פראַנסיאַ, ד״ר. כאָזע ראָדריגעץ גאַספּאַר (דיקטאַטאָר) 561
פראַנצויזיש־אינדיאַנער אויפשטאַנד 164
פראַנצויזיש־אינדיאַנער מלחמה 30
פראַנצויזישע וועסט אינדישע קאָמפּאַניע 639
פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן (גרויסע) 256, 452, 603, 641
פראַנצויזיש־שפּרעכענדע רעפּובליק 640
פראַנציסקאַנער 254, 359
פראַנקלין, בענדזשאַמין 42
„פרידמען“ 77
„פריי־טרייד“ 59
„פריי־סילווער אישו“ 85
פריעדענס־אָפּמאַכען (אין גהענט) 56; (אין קווילין) 403; (אין אוטרעכט) 538
פריעדריך דער גרויסער פון פרייסען 154
פרעיזער „סיימאָן 186
פרעירע (גענעראַל) 370, 410

צ

צווייטע מלחמה פאַר אונאַבהענגיגקייט 55
„צוקערלעקאַך מלחמה“ 269
צוקער פּלאַנטאַציעס 581, 639
צושטערונג פון לואיבורג 159
צעבאַלאָס, דאָן פּעדראָ (וויצע קעניג) 497, 540
צעהן יעהריגער אויפשטאַנד 652
צענטראַליסטען 265, 453, 618
צערנאַ (גענעראַל) 307

ק

קאַאַליציאָנס מיניסטעריום 417
קאַבאָט, דזשאָהן 19, 21, 108
קאַבאָט, סעבאַסטיאָן, 108, 488, 578
קאַבאָט סטרעיטס 116
קאַבול (שטאָדט) 10, 11
קאַבילדאָס (שטאָדט־פערוואַלטונגען) 405, 452
קאַבראַל, פּעדראָ אַלוואַרעץ (ים־פאָהרער) 487, 575
קאַבראַל (גענעראַל) 647
קאַברע (קופּער מינען) 649
קאַברעראַ (גענעראַל) 308
קאַדיקס קאָמפּאַניע 358, 466, 494
„קאָודילאָס“ 510, 543
קאָוקאַ (טייך) 449
קאָזומעל (אינזעל) 226
קאַטשרעין (אַדמיראַל) 363, **615**
קאַיען (שטאָדט) 609
קאַכאַמאַרקאַ (שטאָדט) 336, 338
קאָלאָאַ (פּאָרט) 364
קאָלאַבאַזאַ (שטאָדט) 472
קאָלאָמביאַ (רעפּובליק) 333, 478
קאַלאַן (שטאָדט) 314
קאַלאַניאַ (פּאָרט) 496, 537
קאָלאָניאַל אַדוואָקייט (צייטונג) 175
קאָלאָראַדאָ (שטאַאַט) 47
„קאָלאָראַדאָס“ (פּאַרטיי) 544, 568
קאָלאָר לאַין (פּאַרב ליניע) 78, 583, 658
קאָלבער (מיניסטער) 139
קאָלדעראָן, גאַרסיאַ (גענעראַל) 379
קאָלומבוס 5, 15
קאָלומבוס׳עס קבר 646
קאָלומביאַ (טייך) 54
קאָלדאָס (רעוואָלוציאָנער־מאַרטירער) 454
קאַליפאָרניאַ (שטאַאַט) 65, 251
קאָלענדער שטיין (מעקסיקאַנער) 216
קאָלעכאַ (גענעראַל גובערנאַטאָר) 654
קאָמאָניאַ (פּרעזידענט) 440
קאָמאָנפאָרט (פּרעזידענט) 277
קאָמוניסטישע פערואַנער סיסטעם 400
קאַמטשאַטקאַ (סיבירישער האַלב אינזעל) 11
קאָמפּעראַ, נאַרציסאָ (דיקטאַטאָר) 393
„קאָמפּאַניע פון הונדערט מיטגליעדער“ 128
„קאָמפּראָמייז פון 1850“ 69
„קאַנאַל־זאָון“ 99
קאָנגרעסיסטען 420
קאָנגרעס פון טוקומאַן 508
קאָנווענציאָן 45
קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס 37, 49
קאָנטעראַק (גענעראַל) 365
קאָנטראַבאַנדע האַנדעל 34, 538
קאָניעטע, מאַרקיז 354
קאָנסטאַנט, בענזשאַמען (גענעראַל) 625
קאָנסטיטוציאָן פון יונייטעד סטייטס 49
„קאָנסטיטוציאָנעלער קייזער פון בראַזיליען“ 615
„קאָנסעלהעיראָ“ 630
קאָנסעפּסיאָן (שטאָדט) 401, 413
קאָנסעקאַ (גענעראַל) 374
קאָנעקטיקוט (שטאַאַט) 148
„קאָנפעדערייטעד סטייטס אָוו אַמעריקאַ“ 71
קאָנפעדעראַטען 73, 183
„קאָנפעדעראַציאָן פון עקוואַטאָר“ 616
קאָנקאָרד (שטאָדט) 38
קאָנקוויסטאַדאָרעס (עראָבערער) 195, 325, 431

קאסטא ריקא (רעפובליק) 98, 303
קאסטילא, ראמאן (גענעראל) 369, 391
קאסטרא, וואקא (גובערנאטאר) 348
קאסטרא, טשיפריאנא (דיקטאטאר) 483
קאסערעס (גענעראל) 379
קאסערעס, ראמאן (פרעזידענט) 648
קאפאן (צענטראל אמעריקא) 206
קאפ ווערדע (אינזלען) 580
קאפ סענט ראק 579
קאפאק הואינא (אינאק קעניג) 333, 429
קאפי אפא זילבער־מינען 413
קאעלהא, פערערא דוארטע (קאפיטאן) 580
קאפשטאדט 499
קאקאמאצין (מעקסיקאנער קעניג) 233
קאקסיאס (מארשאל) 621
קארא (פארט) 464
קאראבאבא (שלאכט ביי) 476
קאראל ראמאן (וויצע פרעזידענט) 291
קאראנזא (רעוואלוציאנערער פיהרער) 298
קאראס (אינדיאנער שטאם) 429
קאראקאס (שטאדט) 463
קארבאכאל (קאנקוויסטאדאר) 351
קארדאבא (שטאדט) 493
„קארדאבא ליגע" 524
קארדאווא, גאסאלווא (גענעראל) 223, 325, 392
קארדאווא, פראנציסקא הערנאנדעץ 220
קארדערא, לואי (פרעזידענט) 440
קארדענאס (גלח) 557
קארטאגענא (פארט) 450, 470
קארטיע, זשאק (ענטדעקער פון קענעדע) 22, 108, 589
קארטעז, הערנאדא 8, 201, 223, 304, 325, 327
קארטערעאל, גאספאר (קאפיטאן) 108
קאריבען (אינדיאנער שטאמען) 449, 637
קאריבעאישער ים 445
קאריענטעס (פראווינץ) 510, 569
קארל דער פינפטער (קעניג) 109, 246, 357, 489
קארלטאן, גאי (קענעדער גובערנאטאר) 166, 170
קארנוואליס (גענעראל) 40
קארערא ראפאעל (גענעראל) 306, 408
קארפוס קריסטי (שטאדט) 491
„קארפעט בעגגערס" 79
קואאוטלא (שטאדט) 260
קובא 449, 637, 651
קוויבעק (שטאדט) 25, 113, 159
קוויבעק אקט 165
קוויבעקער קאנפערענץ 182
קוויזקוויז (אינדיאנער גענעראל) 335, 342
קוויטא (שטאדט) 194, 333, 343
קוויטשוא שפראך 399

קווייקערס 27
קווינטאנא מאנועל (פרעזידענט) 529
קוויפוס 333
קוויריגוא (חורבות אין צענטראל אמעריקא) 206
קוועזאדא, כימענעץ (קאנקוויסטאדאר) 446
קוועסטאס, כואן (פרעזידענט) 545
קוועצאלקאאטל (מעקסיקאנער זונען־גאט) 202
קווערעטארא (שטאדט) 285
קויא (פראווינץ) 362, 511
קוזקא (שטאדט) 328, 331, 338
קוקוטא (שטאדט) 455
קוראסאא (אינזעל) 470, 484, 638
קיוואטין (טעריטאריע) 190
„קיד הויפענס" 7
קירכען פארטיי 416
„קינדער פון קוועצאלקאאטל" 227
„קינדער פון דער זון" 331
קירק (אדמיראל) 129
קלאנדייקס 66
קלארא (אידישע קאלאניע) 531
קליוולענד, גראווער (פרעזידענט) 83, 482
„קליינע ווענעציע" 463
קעיפ ברעטאן 151, 158
קעיפ הארן 399, 494
קענזעס (שטאאט) 69
קענעדיאן פאסיפיק רעילראוד 189
קענעדער רעבעלען 178
קראמוועל, אליווער 133
קריזיסען (פון 1893) 84 ; (פון 1873) 86
קריטענדען (קאפיטאן) 651
קרייץ פון פאלענקע 9, 208
קריסטאף, הענרי (גענעראל) 644
קרעאלען 247, 348
קריסמאס לי (אוואנטוריסט) 313
קרעספא (גענעראל) 482

## ר

ראבערוואל (וויצע קעניג) 117
ראדזשער, וויליאם 27
ראוואיאק 119
ראזאס, כואן (דיקטאטאר) 408, 514, 544, 565, 621
ראזאריא (שטאדט) 518
ראזילי, איסאק (גובערנאטאר) 132
ראלעי, סער וואלטער 24, 120
ראמאניא, (פרעזידענט) 382
ראסען־קאמפף 656
ראפן (דענישער פראפעסאר) 13
„ראף ריידערס" 95
ראקא (גענעראל) 523, 528, 632

ראַקאַפוענטע (פּרעזידענט) 438
ראַקאַ, ראַמאָן (פּרעזידענט) 438
„ראַקי מאָונטינס" 53
רהאָד־איילאַנד (שטאַאַט) 27, 47
רוזש (פּאָרט) 187
רוזוועלט, טהעאָדאָר (פּרעזידענט) 85, 95, 100, 322
רויט הויטיגע ראַסע 6, 196
רויטהויטיגע רעפּובליקאַנער 230
רוסלאַנד 66, 104־ה
רופּערט'ס לאַנד 185
ריאַבאַמבאַ (שטאָדט) 431
ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ (טייך) 487, 535
ריאָגראַנדע דעל נאָרטע (טייך) 260
ריאָ דע זשאַנעריאָ (שטאָדט) 576
ריאָ גראַנדע דאָ סול (פּראָווינץ) 513, 539, 579, 628
ריוואַדאַוויאַ (פּרעזידענט) 511, 513
ריוואַרדיער, דאַניעל דע לאַ (הוגענאָטישער פיהרער) 588
ריווערא (גענעראַל) 544
ריוועראַל (אָפיציער) 297
ריטשמאָנד (שטאָדט) 74
ריעל'ס רעבעליאָן 186, 188
רישעליע (קאַרדינאַל) 128
רעד ריווער 187
רעיעס בערנאַרדינאַ (גענעראַל) 292
רעיעס בערנאַרדינאַ (גענעראַל) 292
רעיעס, ראַפאַעל (פּרעזידענט) 460
„רעליגיעזע פרייהייט" 26, 122
רעסיפּראָסיטי טריטי 182
רעפּאַרטימיענטאָ סיסטעם 224, 245, 326, 350, 404, 497
רעפערענדום וואָוט 49
רעקאַלעקטס (קאַטאָלישער אָרדען) 147
„רעקאָנסטראַקשאָן" 76, 79
„רעקאָנסענטראַסיאָן" 654

## ש

שאָוטען (האָלענדישער קאַפּיטאַן) 494
שאַמפּלעין (לעיק) 136, 167
שאַמפּלעין, סעמועל (פראַנצויזישער רייזענ־דער) 25, 121
שאַרלאָטע (פּרינצעסין) 284
שוואַב, מיכעל 104־ב
„שוואַרצע קאָפּאָטעס" 137
שוואַרצע רעפּובליק 640
שוואַרצער נאַפּאָלעאָן 642
שיעדס־געריכט אין קאַרטאַגנאַ, קאָסטאַ ריקאַ 291
שיקאַגאָ אַנאַרכיסטען 104־א, 104־ב
שיקאַגאָ „פּאַרטאַזש" 144
שלאַכטען: ביי אַטומבאַ 240, ביי איאַקוטשאַ 366, ביי באָטוש 189, ביי באָיאַקאַ 436, ביי בונקערהיל 39, ביי יאָרקטאָון 40, ביי לעק־סינגטאָן 38, ביי לירקאַי 411, ביי קאַנ־קאָן 420, ביי קאַראַבאָבאָ 456
„שלאַנגען פרוי" 218
„שליסעל פון וועסט אינדיען" 649
שלעי (אַדמיראַל) 93
שעפּטער (גענעראַל) 93
שערמאַן (גענעראַל) 74
שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה 92, 655
שפּיעז, אָגוסט
שפּראַכען־קאַמפּף 105
שקלאַווען האַנדעל 479, 581